STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11037

SHTROM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטראם

כוידעש העפטן

1

באַר אונטער פעלדן הער איך
רינט און ריזלט פריש א שטראָם.
א. שווארצמאן.

פעברואַר 1922 מאָסקווע.

הילע—מאַרק שאַגאַל

אויסגאַבע פֿאַרלאַג „שטראָם“.

16-טע דרוקעריי, מאָסקווע.

ד. האפשטיין.

שטאַם.

אין הויכן דער שטאם זיך פארצווייגט,
וואס ווארצלט זיך טיף אין די מיסטן
פון אומגערנס טויזנטער שטייגט
מיין קלארער אומיסטן!...

ווער שטויבט מיך מיט אפשאף אין וואונק?
ווער ארעמט מיך שטענדיק אינאיינעם?
ווער ווארפט מיך אריבער דעם שלונג
פון הונדערטער אפענע „ניינען"?

נאר הארץ מיינס האלט נאך די לויב
אין שעלטנדע הימנען פון שטרייטן,
און הארץ מיינס זויגט נאך פון טרויב,
וואס נערט און שטארקט אף צייטן.

די ליד פון מיין גלייכגילט.

קאָנטראַוון, געשעפט

איינעם איז גענוג דער איצט,
גוט און וואויל איז אים!
און איך וואס זאל טאן,
אז פאר מיינע בליקן
שטענדיג שפייען
פאספארבע פראגן-בליצן
וואו?
וואוהין?

. . . .

. . . .

איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פון שווינדלען
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואסערן פרעמדע,
און אייגנס זאל מיך נאר רייצן.

. . . .

. . . .

נו, געווען איז אמאל אין מיין לאנד
אין גרינעם,
אין טאליגן ווינקל,
אין גאליל—
נו, געווען איז א אידישע מאמע,
און די מאמע געהאט האט א קינד,
און פון קינד
איז געווארן א מאן מיט שאפענע גלויביגע אויגן

איז ווער עס אייסעק?

. . . .

. . . .

איז ביז וואנען
קעגן הימלעשן חלל
אף קלויסטערשע שפיצן
וועלן גאלדענע פאסן זיך קרייצן?

. . . .

ביז וואַנען
וועלן בליקן באַטריבטע
מיר פינקלען
אויף יעדן מיין מידן
מיין בלוטיגן טראַם ?

און האָט דאָרט
אַ צווייטער
אַ טונקעלער
געקלונגען
אין בלינדן
אין ניכטערן בוזעם
מיט דרייסיג זילבערנע שטיק...
. . . .
נו זייט זשע פאַרשאַלטן,
איר אַלע וואָס דרינגען !
פאַרטרייבט
און פאַרוואַגלט זיך
איינער דעם אַנדערן,
איר אַלע, וואָס שעפּטשע
פון אייביגע
שוועבלענע האַגלען.
פון אייביגן וואַנדערן !
. . . .
. . . .
לערנט זיך
הויבן די קעפּ!
זעט :
פון שטויבן
אויף וועלטישע מאַרקן
וועבט זיך
אַ באַרג.

אין צאָפן-לאַנד ברייטן
אין הויפּטשטאָט.
(האָט יאָרן געציטערט
מיט דערנער געצאַמט זיך
פון אַ אידישן קרעמל)
אין מאָסקווע,
ביים גלויביגן קרעמל
דער לייבישער ביוסט
מאַרקס!

הערט !
פון ברוסט,
וואס פארהילט איז מיט אלטער פאכדאנקעס,
פון אידישע צ׳טעריקע קלאפנדיקע ציין
רייסט זיך א קאל א געווייסער —
דאס רעדט
איבער ברייטער רוסישער ערד
לייב בראנשטיין...

. . . .

. . . .

מיין גלייכגילט מיין גרויסער !
ער גילט דא פאר איך ניט
פאר קיינעם !
קיינער דא ווייסט ניט
פון מיין האס מיין הייסן,
פון מיין ליבע מיין ריינער !
איין רוף האב איך שטענדיג געפאלגט
און שטום אים געטראגן
טויזנטער טעג ;
איבער גראוון קאפ
פון מיין פאלק
זיין
א יונגע ליכטיגע שיין !

. . . .

די גראווע קאפ
פון מיין פאלק !
ווי אלע קעפ א קאפ,
אין אלע פאראן דארט אינזעקטן

. . . .

. . . .

. . . .

מיין גלייכגילט מיין גרויסער
ער גילט דא פאר איך ניט פאר קיינעם,
קיינער ווייסט ניט
פון מיין האס מיין הייסן
פון מיין ליבע מיין ריינער !

. . . .

און וואו ?
און ווער
איז דאס פאלק ?

. . . .

די קרעמער?
און מיט וואס זיי האנדלען?
אלץ איינס!
א רוק אין זייער מאטנס מאפן
(ניט ווייטער!)
מיט שמאטעס, צי מיט געוואנטן,

. . . .

אָ, די ערנסטע
קרעמער,

. . . .

וואס האבן אמאל
דער וועלט געשענקט
הענריך היינע!

. . . .

ניין!
אט אזוי גייט עס—
פאנאטיקער
פאראקשנטע פעדאנטן—
עלטער ווידעס
פון אלבערט איינשטיין!

. . . .

ד'ארט ווייטער
דארט טיפער
פון פינסטערע מיסטן פון כיירעם
בליהט אויף אף צייטן
אין ווייסע און ליכטיקע קליידער,
געשטרייפט מיט ראָזן,
דער שלייפער פון גלאזן קלארע
ברוך שפינאזע!

. . . .

. . . .

. . . .

איר זיכערע אומעס
פון הערשער און הענקער,
עס איז מיר שוין נימער
געדיינקען,
ווי איר היט
מיינע ווייטע פארלוירענע טרייס
אף אייערע שטולע געצירטע בייס-ארילעגען,
אין שטעט פון טויטע,
אין טויטע שטעט!

. . . .

פּליטים

געשענדעטע
מיט ציטעריקע לייבער
מיט קינדער מיט ווייבער
רייסן די לעצטע גרעניצן,
די לעצטע קייטן,

. . . .

מיט אלטע בענקענדע אָרעמס
האב איך זיך פארקליבן
צו אלע אייערע שפּאַלטן
און שטויבנווייז גראב איך אייך קווארים...
איינאיינעם מיט שארפע הארציקע בליקן
פון לעוו שעסטאוו
גרייט זיך אייך אלע
צו בלענד און כאלעף,
צום ליכטיקן
טאף!

ד, ה א פ ש ט י י ן.

ביינוש שטיימאן. *)

דאס רויטע קינד.

דראמע אין 3 אקטן פון ציקל „גאולה“

פערזאנען:

דאס רויטע קינד.
דער נאוויו
זיין יונג.
די „בני הנביאים“
1-טער גרייז
2-טער גרייז
3-טער גרייז
בעשטערטע מוטערס
אלטע, יונגע, פרויען און קינדער
מיידלאך- שטראלן
די מאלקע
דער עלצטער איבער דעם מויער
דער הויפטמאן
זיין יונג
דער צוימער
בעלס פריסטער
די וואך, האריך, דינער, דינסטן און שקלאפינס.

קומט פאר ערגעץ אין א מיזראך לאנד. צייט די ביבלישע טעפע.

ערשטער אקט.

דער מידבער- א זאמדיק, שטייניגער איין-טאל. נאר ווייט ווייט ווייסט זיך די שטאט, אף רעכטס געהעגטער צום פארערגרונד א בארג, אפן בארג א צווייגן-געצעלט, דעם נאווים יונג שטייט אפן ברעג בארג, הערט זיך איין אויפמערקזאם און אנגעשטרייגגט. פון דער לינקער זייט, פון דער ווייט פון שטאט דערטראגט זיך א ראש און געטומל.

דער יונג —

(רופט) מיין האר!

דעם נאווים שטים —

(פון צווייגנדיגט) וואס איז דיר, מיין קינד?

דער יונג —

מיין האר, שוין הער איך אונטן א געטומל, גלייך א מענגע מענטשן האלטן באטראטן די וויסטע.

---

*) געדרוקט פון א קסאוויאד, וואס איז פארבליבן נאך זיין טויט.

דעם גאַוויס שטים —

ס׳דאַכט זיך דיר, מיין קינד, ס׳דאַכט זיך דיר, יונג ביסטו און עס ציט דיך צו מענטשן... גיי צו זיי, גיי...

דער יונג —

(מיט טרערן אין שטים) פאַר וואָס זאָל מיין האַר מיינען אַזוי, פאַר וואָס זאָל מיין האַר ריידן אַזוי, מיך ציט ניט צו די מענטשן, ניין, טרייב ניט דיין קנעכט, כ׳וועל ניט גיין, מיט דיר וועל איך פאַרבלייבן, מיט דיר! (דער גאַווי ענטפערט ניט, א לאַנגער שטיל־שווייגן, דער געהויש און געטומל וואַקסן.)

דער יונג —

ווידער געטומל, און נאָך גרעסער, (ער הערט זיך איין) שטימען הער איך, קוילעס! זיי ווערן העכער, קומען נעענטער און נעענטער. וואָס קאָן דאָס זיין? (ער מידט זיך דערזעהן וואָס, נאָר דער ווינט, וואָס האָט זיך צע־שפּילט, דרייט זיילן זאַמד און שטויב און פאַרשיט אים די אויגן.) נאָר־בישט זעט זיך ניט—אַזאַ ווינט! אַזאַ שטויב! (דער ווינט שטילט זיך איין.)

דער יונג —

אַ! איך זעה! אַ וואָלקן־שטויב, אַ שוואַרצן פלעק! (ער הערט זיך איין) זיין נאָמען הער איך רופן! „גאַווי” הער איך שרייען! (קוקט זיך איין) אַ מיינגע מענשן! זיי קומען נעענטער! זיי ציִלן אַהער! (שרייט) מיין האַר! מיין האַר! דאָס פאָלק געהט אַהער! די גאַנצע שטאָט געהט צו דיר! (קוקט זיך איין) אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. זיי שטרעקן די הענט און רופן און שרייען.

דאָס פאָלק —

(וואָס קומט נאָר נאָענט) גאַווי, וואו ביסטו?! באַוויז זיך! באַוויז זיך.

דער יונג —

(שרייט) מיין האַר!...

דער גאַווי —

(גייט אַרוים פון זיין צווייגן־צעלט, גייט צו צום ברעג פון באַרג און קוקט אַראָפּ אונטן.)

דאָס פאָלק —

(וואָס קומט האַרט לעבן באַרג. דערזעט אים און ברילט) אַההההאַאַ! (די מוטערס נעמען זייערע קליינע קינדער אויף די הענט, הויבן זיי אויף אין דער הויך און ווייזנדיק אויפן גאַווי רופן זיי) אָט איז ער, אונזער גאַווי! אָט איז ער אונזער האַר! אָט איז ער!

דער גאַווי —

(מיט אַ שריט פאָראויס, ווענדט זיך צו זיי און זאָגט) נאָך וואָס זייט איר געקומען אַהער?! גאָטס וואָרט האָט איר צו געשפּעט געמאַכט, איר האָט געלאַכט: ווער איז ער, דער גאָט, אין וועמעס נאָמען רעדסטו, ווער איז

דער גאַט, פאַר וועמען מיר דאַרפן מוירע האָבן, אונזערע בילדער און עבן־בילדער זיינען בײַ אונז, מיר טוען דינען צו זיי און זיי העלפן אונז. אַף זיין נאַווי האָט איר „מישוגע'' געזאָגט, אייערע פרויען האָבן אַף אים מיט די פינגער געטייטן, אייערע קינדער מיט שטיינער געוואָרפן... טאָ נאָך וואָס זייט איר געקומען אהער?!

ד אָ ס פ אָ ל ק —

(פאַלט אַף די קני, פּליסטערט פאַרשולדיקט און מיט געבעט) אַז ס'איז נאָכט געווען... אַז ס'איז שוואַרץ געווען... אַז מיר זיינען בלינד געווען... און זי האָט אָנגערעדט...

(אַז דער נאַווי פאַרנעמט ניט זייער געוויין, נעמען זיי רייסן אַף זיך זייער לייב, הוילן און קלאָגן).

ד אָ ס פ אָ ל ק —

קאָעס ניט! צאָרן ניט! דערבאַרים זיך! ניט שטראָף! הער אונז אוים! הער אונז אוים! הער אונז אוים!

1־טער ג ר י י ז —

(מיט פאַראויס און רעדט) מיר האָבן דיך פאַרטריבן איז אונז נאָך ערגער געוואָרן, נאָך שווערער דער יאָך אַף אונזערע שולטערן. האָבן דאָן די יונגערע פון אונז פאַרטראַכט זי צו טויטן, זי האָט בעפאָר דערוואוסט און נאָך בייז אַף היינטיקן טאָג היינגען זייערע קעפּ אַף די שפּיזן פון טורעם... (ער פאַרהילט זיין געזיכט אין זיין מאַנטל).

2־טער ג ר י י ז —

און דאַן האָט זי זיך דערשראָקן, אַז זי קען אַמאָל שטאַרבן, און מיר קענען פריי ווערן, און פאַרוואַלט האָט זי האָבן אַ קינד, א יורעיש, וועלכער זאָל נאָך איר די רוט האַלטן, און גענומען האָט זי זיך אָפּגעבן די שענסטע באָכרים פון שטאָט, און מעזאַנע זיין מיט די געוויקסיקסטע פון לאַנד. און אַז איר בראַכט איז אַלץ פאַרמאַכט געבליבן, האָט זי געלאָזט רופן צו זיך אירע ראַפּהאַרן און אייצעגעבער, און זיי האָבן איר געהייסן גיין צום ציגנבאָק, צו „מילך'' זייער גאָט, זיך צו באַהעפטן מיט אים, אַז פון אים שוואַנגער צו ווערן. און די אַלע טעג פון איר שוואַנגערשאַפט האָבן זיי איר געהייסן באָדן זיך אין קינדיש בלוט. און איין מאָל באַנאַכט האָבן זיך אירע קריגסלייט אין אונזערע צעלטן אריינגעריסן, פון די מוטערס בריסט די אויפעלעך אוועקגעריסן און געשאָכטן זיי. און אַזוי איין מאָל, און צוויי מאָל און... (ער לאָזט אַראָפּ זיין געזיכט אַף זיין ברוסט און בלייבט שטיל).

1־טע געשטערטע מוטער —

(זינגענדיק) מיין מיידעלע, מיין טייערע.

2טע געשטערטע מוטער —

(קלאָגנדיק) מיין אינגעלע, מיין קינדעלע.

3־טע געשטערטע מוטער —

(שרייענדיק) מיין אויפעלע! וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין אויפעלע!

8-טע מוטער —

(הוילנדיק) מיין אויפעלע! גיט מיר אפ מיין אויפעלע, גיט מיר אפ (פלוצלונג צעשרייען זיי זיך) אאא!

3-טער גרייז —

אט זעסטו זיי, די ליידנדע מוטערס, זיי זיינען מעשוגע געוואָרן, זיי האבן דעם זיניק פארלאָרן, ווי פארוואונדעטע לעווינס דרייען זיי זיך אום און הוילען, און קלאָגן.

1-טער גרייז —

(הויבט זיין פּאָנים אויף) און אצינד שוואַנגערט זי, און דארף געבאָרן, און אירע האָרן האָבן אונז אזוי געזאָגט: די מאַלקע האָט אף איר ארויפגעלייגט א יאָך, ס'קינד, וואָס געבאָרן וועט—ט'אים נאָך מערן, זי האָט איר מיט שטריק געצוימען, ס'קינד וועט איר שמייסן מיט אייזערנע ריטער. האָבן מיר זיך צום היכל געווענדעט, צו אים די אויגן געריכטעט (ער פארגלאָצט די אויגן צום הימל).

דאָס פּאָלק —

צו גאָט גערופן! צו דיין גאָט געשריען!

1-טער גרייז —

זיינען מיר אָבער אָן ענטפער געבליבן, אָן הילף געבליבן!

דאָס פּאָלק —

(שטרעקט צום נאָווי די הענט, שרייט מיט טאַכנונים און געבעט) העלף אונז! העלף אונז! (פאלן מיט די פּעניםער צו דער ערד, שטרעקן זיך אוים און בלייבן ליגן אָן באוועגונג, א לאַנגער שטיל שווייגן).

דער נאָווי —

(וואָס איז בעפאָר שטריינג און האַרט געווען, ווערט אומרואיק, נעמט זיך צו עפּעס צוהערן, זיין פּאָנים נעמט ליכטיק ווערן, שיינען, ער ווענדט זיך צום פּאָלק און רופט).

דער נאָווי —

שטייט אויף פון דער ערד! טרייסלט אָפ דעם שטויב, רעדן פון דער ערד—דיישאַיי וועט זיך א שטויב ארויסציקן, און דאָס, וואָס זי וועט געבאָרן וועט ערלייזן די ערד.

(ס'פאָלק, וואָס ליגט אף דער ערד, נעמט זיך באַוועגן, מיט שטראַלנדיקע אומגלויביקע בליקן נעמען זיי ארויפקוקן צום נאָווי, מורמלען שטיל).

איינער פון פאלק

(שטיל) דאָס רעט ער וועגן אונז.

א צווייטער —יע, יע.

א דריטער — דאָך רעדט ער וועגן איר.

א פערטער — שטיל, שטיל.

א פ י נ פ ט ע ר — דאָס רעט ער וועגן אים.

א ז ע ק ס ט ע ר — שאאא... שאַאאא....

ד ע ר נ אָ ו י —

רען א קליין קינד וועט אונז געבאָרן ווערן, א זון וועט אונז געגעבן ווערן, אױרוהען וועט אַף אים גאָטס גייסט, דער גייסט פון כאָכמע און פאַר־שטאַנד, פון גוואורע און פון ראָט, פון וואר און גאָטס־פאָרכטיקייט, און מיט רעכט וועט ער מיישפעטן די אָרעמע או די עלענדע — מיט גערעכטיקייט. ער וועט שלאָגן די ערד מיט די רייד פון זיין מויל און מיט דעם אָטעם פון די ליפּצן זיינע וועט ער טויטן דעם זינדער!

ד אָ ס פ אָ ל ק —

(הויבט זיך אויף) א טרייסט וואָרט! א יעיעוע! א נעכאָמע!

(דער נאָווי טוט עטלעכע שריט, זיין אויבערמאַנטל פאַלט אַראָפּ אַף דער ערד, זיין יונג בויגט זיך איין נאָך אים און בלייבט ליגן, קוישנדיק עם לאַנגזאַם און דער נאָווי נידערט אַראָפּ פון באַרג, ס'פאָלק מאַכט פאַר אים א וועג און פאַלט אַף דער ערד רייענווייס, ווי ער קומט נאָר צו זיי. אזוי ליגן זיי און מיט די פּעניםער געווענדעט צו מיזראָך, קוקן זיי נאָך, ווי דער נאָווי לאָזט זיך אַראָפּ אין שטאָט, וואָס ווייסט זיך ווייט ווייט אין דעם שטיין־זאַמדיקן יאַם.)

פאַרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

צווייטער אקט.

(„בעלס" טעמפּל. אין מיזראָך זייט שטייען צוויי זיילן, איינער פון גאָלד דער צווייטער פון גרינעם גלאָז פון מיצראַאים. די צווי לע-כער-פענסטער זיינען פאַרהאַנגען מיט פּורפּיר„געוועבן, און דאָס ליכט דרינגט אריין דורך די קיילעכדיגע לעכלאך, וואָס גלאַנצן זיך אַף די ווענט איבער דער טיר און איבער די פענסטער און דורכן אריינגאַנג צווישן די זיילן. לעבן „בעלס" געשטאַלט שטייען די פּריסטער און די מאַלקע. פון יענער זייט אריינגאַנג זעט זיך די וואך.)

ב ר י ס ט ע ר —

באַ דיין געמאַלין זיינען מיר געווען, באַ דער געטין „עשתרות" זיינען מיר געווען, און געאָפּפערט צו איר, און געבעטן באַ איר, זי זאָל אין קאַם ניט זיין, זי זאָל זיך מיסקאַנע ניט זיין אין אונזער האַרין, וואָס דו האָסט זי באַגעדיקט. וואָס דו האָסט זי באַגליקט, און באַווייליקט מיט איר איר בעט־געלעגער צו טיילן, איר פון דיין זאָמען צו פאַרטיילן.

און געטרייסט האָבן מיר זי, און געזאָגט צו איר, אז דיינע פאַרלאַנ־גען זיינען נאָך גרויס, דיינע נעכט נאָך פיל, אז אין מאָס און אין צאָל נאָך דיין זאָמען. און באַווייליגט האָט זי, און באַשטאַנען האָט זי, דעם קינד ניט צו שאָטן, דער געווינערן צו העלפן אין איר ערשטן געווינען. אצינד קומען מיר צו דיר! אצינד בעטן מיר באַ דיר. באַ דיר „מלך־בעל"!

1טער פריסטער —

פון דיין קראַפט גיב צום קינד.

אַלע פריסטער —

פון דיין קראַפט.

1טער פריסטער —

פון דיין גוואורע און שיינקייט.

אַלע —

פון דיין גוואורע און שיינקייט.

1טער פריסטער —

ווי דו ביסט העל אין כוידעש ניסן,

אַלע —

אַזוי העל זאָל זיין דאָס קינד.

פריסטער —

ווי דו ביסט מילד אין כוידעש איר,

אַלע —

אַזוי מילד זאָל זיין דאָס קינד.

פריסטער —

ווי דו ביסט גרויס אין כוידעש סיון—

אַלע —

אַזוי גרויס זאָל זיין דאָס קינד.

פריסטער —

ווי דו ביסט שרעקלעך אין כוידעש טאַמוז —

אַלע —

אַזוי שרעקלעך זאָל זיין דאָס קינד.

פריסטער —

ווי אַ לייב פאַרצוקט זיין רויבונג,—

אַלע —

אַזוי טרעטן זאָל ער זיין פיינט.

פריסטער —

ווי אַ פייער פאַרברענט די זאַנגען—

אַלע —

אַזוי ברענען זאָל ער זיין פיינט.

אַלע —

און אייביק זאָל זיין זיין הויז און אייביק זאָל זיין זיין נאָמען, אייביק! אייביק! אייביק!

(אין ווערטער נעמען זיי זיך באַוועגן הער און הין רעכטס און לינקס, באַ־דירנדיק מיט די שטערנס דעם דיל. אין אַריינגאַנג באַווייזט זיך אַ דינסט, שטיל שלייכט זי זיך צו דער מאַלקע, לייגט זיך באַ אירע פיס און וואַרט זי זאָל זיך אַף איר אומקוקן).

די מאלקע —

(באמערקט זי) וואס טוסטו דא?

דינסט —

מיין הארין, מיין הערשערין, דער עלצטער איבער דיין הויז האט געשיקט דיין שקלאפין זאגן דיר...

די מאלקע —

אוי, ריידט, רעדט!

דינסט —

אז דער וועכטער אפן טורעם האט באמערקט, אז צו דער שטאט גענענט... גענענט...

די מאלקע —

א סוינע?

דינסט —

ניין... ניין... וואס פאלק.

די מאלקע —

וואס פאלק?!

דינסט —

יע, מיין הארין, און פאראויס גייט דער נאווי...

מאלקע —

(איבערדייסנדיק) דער משוגע! טא איז וואס איז?

דינסט —

ציטערן זיי דיינע הארן, אנגסטן זיי זיך. ווייסן ניט וואס צו טאן.

מאלקע —

ס'איז גארנישט מיט גארנישט, זאלן זיי נאר אריינגיין אין שטאט, איך וועל זיך שוין מיט זיי אפרעכענען. גיי! כ'וועל זיי שוין באווייזן, ווי לויפן צו דעם משוגע. (די דינסט פארנייגט זיך און גייט אפ) און אים... דאס מאל וועט ער שוין ניט אנטלויפן, ניין! (פלוצלונג נעמט זי קלאטשן מיט די הענט).

איינער פון ליבוואך —

(רופט צו די דינסט) צוריק! צוריק! (דינסט קומט צוריק).

מאלקע —

ניין! מע זאל זיי ניט אריינלאזן. כ'באפעל פארקלאפן יעדן אריינגאנג, פארליינן טיר און טויער... פארדאפלען די וואך, וואס בא דעם טויער, גיי! (דינסט גייט אפ. צו די פריסטער) ריכט אייער דינסט, (אז זיי קוקן איר אן)ס'איז גארנישט, אייער דינסט.

(די פריסטער נעמען זיך ווידער באוועגן אבער ראשער און האסטיקער. פון ציט צו ציט רייסן זיך ארויס בא זיי ווילדע געשרייען: אאא! אאא! עס לויפט אריין דער עלצטער איבערן טויער. פאלט צו דער מאלכעס פיס).

עלצטער איבערן מויער —

מאלקע... הערשערין...

מאלקע —

דו קומסט פון מויער?

עלצטער —

יאָ, יאָ, מיין מאלקע.

מאלקע —

נו?

עלצטער —

זיי... זיי ווינען... זיי...

מאלקע —

וואָס איז מיט דיר, דייר!

עלצטער —

קעניגין, איך בין ניט שולדיק, ניין... זיי ווינען אין שטאָט אריין...

מאלקע —

וואָס? דו האָסט מיין באפעל ניט דערפילט? דו האָסט געוואגט ווי־דערשפעניקן קעגן מיר?!

עלצטער —

ניין, ניין, דיין קנעכט האָט געטאָן לויט דיין באפעל, לויט דיין געבאָט, און אז זיי ווינען צום מויער געקומען, האָבן זיי אַלע טויערן פאַרהאַקט געפונען, זיי האָבן עס מיט די הוילע הענט געוואָלט דורכברעכן... זיי וואָלטן עס קיינמאָל ניט דורכגעבראָכן... איז דער נאָווי צו... זיין האנט ארויפגעלייגט, און דער טויער האָט זיך געעפנט...

מאלקע —

ס'אליגן! ס'קאָן ניט זיין! דו ליגסט!

עלצטער —

ווי מיין זעלע לעבט! ווי דיין געליבטע זעלע לעבט!

מאלקע —

סא ליגן! (זי רופט) מיין וואַך! (ס'קומען עטליכע פון וואַך) נעמט אים דעם פאררעטער (צום עלצטן פון וואַך) זיין קאָפּ!

עלצטער —

מיין מאלקע, מיין... כ'בין ניט שולדיק! (די קריגסלייט נעמען אים) דער־באַרים זיך... ראַכמים! ראַכמים! (די וואַך פירט אים אָפּ.)

מאלקע —

(קלאַטשט מיט די הענט) דעם הויפטמאַן! מיין הויפטמאַן רופט אהער! (עמיין פון וואַך לויפט, אין אַ ווײַלע אַרום קומט אריין דער הויפטמאַן).

דער הויפטמאַן —

(פארנייגט זיך) וואָס באַגערט מיין מאלקע און מיין געטין?

מאלקע —

דו הויפטמאן, דו עלצטער איבער מיין כאייל, דו ווייסט נאך גארניט, די ביסט נאך אזוי רואיק, נאך וועגן דעם שפעטער. גיי לאז בלאזן אין שוי־פער, הייס רופן א רוף, מיין גאנצן כאייל זאמל אויף, אלע מיינע שארן, גיי ארויס קעגן די מיינגע, קעגן די רויבער־מאכנע און דערשטיק זיי, און פארשנייד זיי, און ראבמאנעס זאלסטו זיין, ווי טייכן זאלן זיך גיסן זייער בלוט, קיין איינער זאל פון זיי ניט בלייבן, גיי!

(ער גייט אפ, זי קלאטשט, ער קומט צוריק) די שלאנג זאלסטו מיר טויטן, דעם גיפטיקן עקדיש, אף דיין שפיז זאלסטו מיר זיין קאפ ברייגגען, גיי!

(ער גייט ארויס, ס'הערט זיך א טרומייטן־שאל, א געדויש און א געטומל).

1־טער פריסטער —

ס'בלאזט דער שויפער, ס'שאלט טרומייט,

שטייט גאנצ כאייל אויף און גייט,

דערשטיקן דעם שווארצן האמוין!

אלע —

דערשטיקן דעם שווארצן האמוין!

פריסטער —

ס'בלאנקט דער פאנצער, ס'קלינגט דער שווערד, פייל פון בויגן פליט דער פערד. און טרעט, צוטרעט דעם פיינט, ס'שניידט דער מעסער קאפ נאך קאפ, ס'טויטן פיילן לייב נאך לייב. שטיקט! טרעט! שניידט און טויט!

אלע —

שטיקט! טרעט! שניידט און טויט!

מאלקע —

אזוי! אזוי! רעכט אף זיי; איר וועט מוידער זיין, איר וועט אויפשטיין! נאך? א? איצטער אים! אים! די גיפטיקע שלאנג, דעם גרינעם עקדעש. זיין צונג שנייד אים ארויס, זיין צונג! (עס דערהערט זיך א טומל).

1 טער פריסטער —

זיי גייען שוין צוריק די קריגער, זיי גייען שוין צוריק די קריגער, זייערע שפיזן זיינען פייכט פון סוינעס בלוט!

אלע —

פון סוינעס בלוט!

פריסטער —

זייערע קליידער זיינען רויט פון סוינעס בלוט!

אלע —

פון סוינעס בלוט!

פריסטער —

איבער זייערע פעניטער רינט דעם סוינעס בלוט!

אלע —

דעם סוינעס בלוט!

(עס דערהערן זיך טריט).

פריסטער —

און פאַראויס גייט ער, דער עלצטער, און פאַראויס גייט ער, דער הויפּט־מאַן, זיין שפּיז איז אין זיין האַנט, און די קאָפּ פון דעם באַטריגער, און די קאָפּ פון דעם אומבאַרישעמטן, די שלאַנגענקאָפּ פון דעם מעשומע איז אַף זיין שפּיז. (עס לויפט אריין דעם הויפּטמאַנס יונג).

דער יונג —

מאַלקע, העלישערין, (ער פאַלט צו אירע פיס).

מאַלקע —

א שליאַך? פון שלאַכטפעלד? דערצייל.

יונג —

מיין האַר איז געטויט. דער הויפטמאַן איז געטויט...

מאַלקע —

איך האָב דאָך ניט באַפעלן אים צו טויטן?

יונג —

ניי, זיי האָבן אים דערהאַרגעט, דיינע קרינסליים.

מאַלקע —

די קרינסליים? אָ! ער האָט זיי אוואדע אַנגערעדט קעגן מיר, ער האָט עפּעס בוייגעד זיין געוואַלט...

יונג —

אָ, ניין... זיי, זיי, אז זיי האָבן אים דערזען, אים דערהערט, האָבן זיי זייערע בויגנס אין צווייטן זייט פאַרקערט און אים דערהאַרגעט...

מאַלקע —

א פאַרראַט! פאַרראַט! (עס לויפן אריין עטלעכע דינער און דינסטן).

דינער און דינסטן —

זיי גייען אהער! זיי גייען אהער!

1־טער פריסטער —

טויזנטער קראַנקהייטן שיק אַף זיי אָן, טויזנטער מאַכלעס שיק אַף זיי אָן, זיי זאָלן זיך ניט קאָנען א ריר טאָן פון אָרט.

אלע —

זיי זאָלן זיך ניט קאָנען א ריר טאָן פון אָרט.

אָ מילך־בעל! אָ מילך־בעל! (זיי שטרעקן די הענט און בעטן).

אלע —

א שוואַך זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע קעפּ, נאָמטאַרן זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע לייבער, דער בייזער אַלטוקו זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע האַלדזער. דער בייזער אַלו זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע בריסטן, דער בייזער אַקימו זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע בייכער, דער בייזער אַלו זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע הענט, דער בייזער גאָט זאָל זיך דערנעענטערן צו זייערע פיס, זיבן האָבן זיי געכאַפּט, זייערע לייבער פאַרברענט, ווי דורך פייער!...

(א אַנלויף פון דערשראָקענע דינער און דינסטן).

ייגער און דינסטן —

אהער! שווערדן טראָגן זיי! פייקן האָבן זיי! — אַקעראַייזנס! גראָב־אייזנס!

מ א ל ק ע —

(קלאַטשט) צוימער! דעם צוימער ברייגנט אריין, מיין צוימער!

(עס קומט אריין דער צוימער, א הויכער נעגער).

הער דו! גיי און עפן די שטיינן! וואָס קוקסטו אַזוי אָף מיר מיט דיינע ווייסלעך? מ׳וועט דיר הייסן די אויגן ארויסשטעכן, גיי און עפן די שטיינן, צעברעך די גראַטן און לאָז ארויס אָף זיי די באַיעס!

א ל ע —

אָאָאָ!

מ א ל ק ע —

זאָלן זיי דעם האַמון מיט די ציינער, מיט די ציינער צערייסן, זאָלן זיי די פּאַרליעמענט מיט די לאַפּעס צעטרעטן, קיין איבערבלייב ניט לאָזן!

(דער צוימער גייט אָפּ).

פ ר י ס ט ע ר —

מענטש באַטריגער איז, און פאַליש, מענטש באַטריגער איז און פאַליש, מענטש איז א פאַררעטער!

א ל ע —

מענטש איז א פאַררעטער!

פ ר י ס ט ע ר —

באַיע, טיר איז אייביק טריי, באַיע, טיר איז אייביק טריי, באַיע איז דער רעטער

א ל ע —

באַיע איז דער רעטער!

פ ר י ס ט ע ר —

ברום א לייב, וואַרף א שרעק, טיגער, לעמפּערט, רייסט, פאַרציקט, קיין איינער זאָל ניט בלייבן!

א ל ע —

קיין איינער זאָל ניט בלייבן!

מ א ל ק ע —

(פאַ דעם פענסטערלאָך) רייסט, צוקט, פרעסט זייער לייב! זויפט זייער בלוט! (עס לויפט אריין דער גאַנצער הויף, זייערע פּעניטער זייגען מיט־שוועדווילד פאַר אימע, זוכן זיך וואו צו באַהאַלטן).

ד י א ג נ ע ל א פ ע נ ע —

אאאַ! ער האָט א ברום געטאָן, ט׳אַ ציטער געטאָן די ערד! מען האָט געמיינט א סאָף!... האָט ער אים דערזועען... דעם נאַווי דערזועען... און געוואָרן ווי א לאַם! ווי א שעפּעלע! אאאַ! דער לעמפּערט האָט זיך געלייגט פאַ זיינע פיס! דער טיגער האָט געלעקט זיינע טריט! אאאַ!

מ א ל ק ע —

וואָס רעדט איר? (זיי ענטפערן ניט) וואָס איז מיט זיי? וואָס רייזן זיי? זיי זיינען מישוגע געוואָרן. פאַר שרעק זיינען זיי מישוגע געוואָרן!

ד י א נ ג ע ל אָ פ ע נ ע —

זיי גייען אַהער! זיי גייען אַהער! פאַר אים גייט דער לייב! פון זיין רעכטער זייט — דער לעמפּערט! דער טיגער בא זיין לינקער! אַאַאַ! (זיי פאַררוקן זיך אין די ווינקלאַך, אַפן שוועל באַוויזט זיך אַ שוואַרצער הונט, ער שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אום).

א ל ע —

(פון די ווינקלאַך) אַאַאַ! אַ הונט! אַ שוואַרצער הונט! אַ שוואַרצער הונט אין טעמפּל! טויט און אומקומען! אַאַאַ! (די פּריסטער צעלויפן זיך. די מאַלקע בלייבט שטיין אַליין שטאָלץ און רואיק).

פ ו ן ד י ו ו י נ ק ל א ך —

בעל האָט זיך אָנידערגעקניט! מלך האָט זיך אָנידערגעקניט! אַאַאַ! (ס'קומט אָן אַ שטורעם־ווינט, רייסט אַראָפּ די טעפּיכער און געוועבן פון די פענסטער־לעכער. אין איינעם פון זיי זעט זיך דער נאַווי, ער שטייט אַף אַ באַרג, פאַראויס דער לייב, דער טיגער און לעמפּערט בא זייגע ביידע זייטן, אונטער אים דאָס גאַנצע פאָלק).

ד ע ר נ אָ ו ו י —

(זיין קאָל איז ווי אַ דונער) ברענגט אַהער די אישע, ברענגט אַהער די זונע מיט די גאָלדענע אויגן און באַגאָלדעטע וויען, ברענגט אַהער די, וואָס האָט צעשפּרייט אירע קני צו איטלעכן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, וואָס האָט מעזאַנע געווען אַף אַלע שיידוועגן, אַף יעדן היגל און אונטער יעדן גרינעם בוים. ברענגט איר אַהער, אום זי זאָל קאָנען דערהערן די רייד פון דעם האַר גאָט: דיר איז ווייניק געווען דיין זנוס און בלוט צע מישונג מיט די מענטשן, האָסטו זיך נאָך אָפּגעגעבן צו די באיעס, צו דעם ציגנבאָק, האָסט געוואָלט פון אים אַ קינד געבאָרן, אַ אומגעהויער, דו האָסט פול געמאַכט די ערד מיט בלוט, דיין קינד האָסטו געוואָלט זאָל אונז אין בלוט דערטרינקען. ניין, אָבער זאָגט דער האַר גאָט, דאָס וועט ניט צושטאַנד קומען; דאָס וועט ניט מעקוייעם ווערן, ווייל דאָס קינד, וואָס דו געטראָגסט, האָב איך צו זיך גענומען, נאָך אין זיין מוטער־לייב האָב איך אים געזאָלבט צו זיך. און ער קומט אָנשטאָט דיר און רעגירט, און זיין טאָן איז וואָר און רעכטפאַרטיגקייט, און אַלע דיינע הויכע ערטער צעפירט ער, און אַלע דיינע גרינע בוימער פאַרשנייט ער, און אַלע דיינע אָפּגעטער צעשטויסט ער, און דו ווערסט צעפרעסן פון קינע, מיט דיינע אייגענע הינט רייסטו זיך דיינע בריסטן אויס!

(די מאַלקע, וואָס איז די גאַנצע צייט פון זיין רייזן מיט פאַרביסענע ליפּן געשטאַנען און געשטאַרקט זיך צו איינצושטיין, פאַלט אַף דער ערד. פון איר ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ ווילדער טרירישער אַאַאַ!

פאָרהאַנג פאַלט ראַש.

דריטער אַקט.

דער פּלאַץ פאר מאַלקעס פּאַלאַץ. די הויכע טרעפּ און דעם גרונד פלאַץ איז פאַרפילט מיט פאָלק, וועלכער זיצט, שטייט און באַוועגט זיך בײַ דעם ליכט פון שטולקאַצן און שייטער הויפנס. דער רויטער ליכט מאַכט נאָך טריבער זייערע מאַטע פּנימער, ס'פילט זיך א אָנגעשטרענגקייט און א ערוואַרטונג.

א פרוי —

(אויף דעם לעצטן טרעפּ) און פּאַלאַץ בין איך געווען, און איך שלאָף־צימער בין איך געווען.

די אַרומיקע —

נו, נו?

א פרוי —

איז מיך א אימה באַפאַלן, אנגעטן האָבן מיך באַשלאָגן...

וואָס איז, וואָס איז?

א פרוי —

קראַמפן האָבן זי באַפאַלן, ווייען האָבן איר אַרומגעכאַפּט, ווי א שלאַנג האָט זי זיך אומגעוואָרפן, ווי א שלאַנג, און פּלוצלונג איז זי שטיל גע־בליבן, און באַוועגונג ליגן געבליבן.

די אַרומיקע —

אַאַאַ!

א פרוי —

ווי א טויטע איז זי געלעגן, כ'האָב געמיינט אַז זי איז טויט, נאָר אַז כ'האָב זיך אָנגעבויגן צו איר, האָב איך דערהערט ווי זי האָט אַרויסגערעדט פון צווישן די ציין...

די אַרומיקע —

וואָס? וואָס?

א פרוי —

ניין!

די אַרומיקע —

(זאָגן איבער) ניין, ניין.

פרוי —

זי וויל ניט אָפּגעבן דאָס קינד.

אַרומיקע —

(זאָגן איבער) זי וויל ניט אָפּגעבן דאָס קינד.

א צווייטע פרוי —

און וואו זיינען די באָבעס?

ארומיקע —

און וואס טוען די באבעס?

1־טע פרוי —

זיי האבן אלץ געפרואווט, אלץ געטאן.

2־טע פרוי —

קריטעכצער האבן זיי איר געגעבן צו טרינקען.

3־טע פרוי —

מיט שפרוכן האבן זיי איר באשווארן...

ארומיקע —

נו, נו?

1־טע פרוי —

העלפט עס ניט.

ארומיקע —

(זאגן נאך) העלפט עס ניט.

אינגער —

וואס ווארט מען, וואס שווייגט מען, וואס שווייגט מען?

ארומיקע —

וואס קאנען מיר טאן?

אינגער —

זאל מען איר ארויסשלעפן אהער, ס'בויך אויפשניידן און דאס קינד ארויסנעמען!

אלטע —

יא, יא, ער האט רעכט! ער האט רעכט! ס'בויך אויפשניידן און דאס קינד באפרייען. (זיי לאזן זיך צום פאלאץ).

1־טער גרייז —

שטייט, וואו ניט איר! (אז זיי שטעלן זיך אפ) באדיינקט זיך, אדער איר האט שוין דעם נאווים ווערטער פארגעסן, אז איר הערט זיך צו צו די ווערטער פון דעם גערינגסטן צווישן אייך. דער נאווי, דער נאווי...

דאס פאלק —

אז ער איז ניטא, אז ער איז אוועק.

2־טער גרייז —

ער איז אין דער וויסטע אוועק, צום בארג אוועק, גאטס ווארט פארנעמען.

דאס פאלק —

שוין זיבן טעג, אז ער איז אוועק, זיבן טעג און זיבן נעכט, אז ווער ווייס, ווען ער וועט קומען, עפשער האט אים גאט צוגענומען, עפשער איז ער, ווי אליהו הנביא, אין הימל אויפגעשטיגן, אז עפשער וועט ער שוין ניט קומען...

3־טער גרייז —

ער וועט קומען, ער מוז קומען, יעדע רגע קאן ער קומען. (פון דערווייטן דערהערט זיך א קול).

דאָס פֿאָלק —

עמיין רופֿט! עמיין גייט! דאָס איז ער, דאָס איז ער, דער נאָווי! גיט אַהער א שטולקאַ! א שטולקאַ גיט אַהער! (מע נעמט שטולקאַצן און מע פֿאַלייגט די ווייט. ס׳דערזעט זיך א מענטש).

דאָס פֿאָלק —

ניין ס׳איז ניט ער, עפּעס א יונג, ס׳מוז זיין זיין יונג, ניין ס׳איז ניט זיין יונג, זיין יונג איז אין שטאָט. זעט! זעט! ער איז ניט אַליין. נאָך איב קומען נאָך צוויי אַנגעקליידעטע אין שעפֿסן וואָל, מיט גורטן אף די לענדן, ווער זיינען זיי?

1־טער באָבער —

(זינגט) ס׳גייט א שטים אין ווידטעניש, ס׳קלינגט א קאָל. גלייכט זיך אויכעט היגל, טאָלן, באַרג און טאָל.

2־טער באָבער —

(זינגט) לייגט זיך וועגן, שפּרייט זיך שטעגן, פֿאַר דערוויילטן קינד אנטקעגן, דעם וואָס קומט.

1־טער באָבער —

וועמען גאָט אַליין באַשטראָלט האָט, וועמען גאָט אַליין געוואָלט האָט, וועמען גאָט אַליין באַשטימט.

דאָס פֿאָלק —

דאָס זיינען דאָך די „בני הנביאים״! דאָס זיינען דאָך די „בני הנביאים״! ייעלבע זי האָט געוואָלט טייטן. פֿאַר איר גרימצאָרן זיינען זיי אַנטלאָפֿן, אין דער ווידטעניש זיינען זיי אַנטלאָפֿן, מאַ פֿון וואַנען האָבן זיי איצינד דערוואוסט אַז זיי קאָנען ווידער קומען? אַז זי האָלט באַם שטאַרבן שוין?

די „בני הנביאים —

פֿון איב! פֿון איב! פֿון דעם, וואָס גייט נאָך אונז!

דאָס פֿאָלק —

דאָס רייזן זיי וועגן אים. דאָס מיינען זיי אים, דעם נאָווי. (שרייען) דער נאָווי קערט זיך אום! דער נאָווי קערט זיך אום, דער נאָווי! (נאָך די „בני הנביאים״ קומט דער נאָווי, דאָס פֿאָלק באַגעגנט אים מיט פֿרייד און געשאַל, ער הייבט זיין רעכטע האַנט אויף, דאָס פֿאָלק ווערט אַנטשטילט).

דער נאָווי —

אין דער ווידטעניש בין איך געגאַנגען, צום באַרג בין איך געגאַנגען, נאָך זיין וואָרט, און ס׳איז געווען, אַז איך בין געקומען, האָט ער זיך צו מיר ניט באַוויזן, זיין וואָרט פֿון מיר פֿאַרהוילן, בין איך געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, געוויינט און געקלאָגט און אַזוי געזאָגט: זי איז ביז צו דעם בראָךשטול געקומען, און געווינען וויל זי ניט, און געבעטן און געבעטן נאָכצע זעקס נעכט און אַכן זיבעטן האָט א גרויסער שטאַרקער ווינט צעריסן די בערג און צעבראָכן די פֿעלזן פֿאַרן האַר, אָבער ניט אין דעם ווינט איז געווען דער האַר, און נאָכן ווינט איז געקומען א שטורעם,

נאָר ניט אין שטורעם איז געווען דער האר, און נאָכן שטורעם איז געקומען א פייער, נאָר ניט אין פייער איז געווען דער האר. און נאָכן פייער איז געקומען א שטילע זאַנפטע שטימע, און ער האָט גערעדט צו מיר און געזאָגט: גיי צוריק אין שטאָט צו איר און זאָג צו איר: מיטן נאָמען פון גאָט וואָס האָט דיינע פאַלשע נוויאים געטויט, דיינע בעלים צעשמעטערט און דיר צושאַנד געמאַכט, באַשווער איך דיר, גיב אָפּ דאָס קינד, און זי וועט זיך דערמיטיקן, און זי וועט אָפּגעבן, און אַלס א צייכן זע, אַט קומען פאַר דיר מיינע יונגען, וועלכע זי האָט געוואָלט טויטן, פון זייערע הייליקן קריכן זיי ארויס, זיין אַנקומען זאָגן זיי אָן אין קינדיקן זיין קיניגרייך. (דאָס פאָלק איז פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט. דער נאָווי לאָזט זיך צום פּאַלאַץ, זיי טרעטן אים אָפּ דעם וועג).

ד אָ ס פ אָ ל ק —

באַשווערן איך גייט ער. באַפרייען אים גייט ער. באַפרייען. (עס נעמט זיך ברעכן אָף טאָג. דער מאָרגנדווינטל לעשט אוים אַלע שטולקאַצן. עס דערברענען די שייטערהויפנס, ס'ווערט ליכטיק. דער נאָווי גייט אריין אין פּאַלאַץ, נאָך אים גאַנווענען זיך אריין עטלעכע פון פאָלק).

ד אָ ס פ אָ ל ק —

גייט ניט. גייט ניט. שטילער, שאַאַא.

(א לאַנגער שווייגן, פון פּאַלאַץ לויפט ארויס א פרוי).

ד י פ ר ו י —

ער איז צו צו איר, איז זי פון בעט אויפגעשפרונגען.

א צ ו ו י י ט ע —

ארויס, האָט זי זיך צעשריען.

א ד ר י ט ע —

(אָנקומענדיק) מיטן נאָמען פון גאָט באַשווער איך דיך, גיב אָפּ דאָס קינד.

א פ ע ר ט ע —

איך פאָלג ניט דיין געבאָט.

א פ י נ פ ט ע —

איך שפּיי אָף דיר, האָט זי געזאָגט.

א ז ע ק ס ט ע —

אָף דיר און אָף דיין גאָט.

ד אָ ס פ אָ ל ק —

אָאָאָ!

ז י ב ע ט ע —

זי איז דאָך געפאַלן.

אַ כ ט ע —

מיט בלוט איז זי באַלאָפן.

נ י י נ ט ע —

ווי נאָר זי האָט דאָס קינד אָפּגעגעבן, איז זי פאַרברענט געוואָרן.

צ ע נ ט ע —
צו איש געוואָרן.
ע ל פ ט ע —
ער גייט מיטן קינד אפֿן האַנט !
(דער הימל נעמט ווערן רויט, און בײַ מיזרעך־זײַט באַווײַזט זיך דער פֿײַער־פֿור הויטער פּאַכער. פֿון אַלע זײַטן פֿליען צאַרטע דורכזיכטיקע מיידלאַך־שטראַלן. דער אוילאָם קוקט אויף זיי פֿאַרגאַפֿט, טרעט זיי אָפּ דעם וועג. ריטמיש און שטיל זינגענדיק מיט זייערע קליידער, נעמען זיי זיך רוקן און קניען, שטיל און אין ווערטער ליגן זיי זיך אויס אויף דער ערד און אַזוי ציִענדיק זיך און אַזוי שווימענדיק קומען זיי צו די הויכע טרעפּ, דאָרטן ליגן זיי זיך אויס. אין דער זעלבער רעגע באַווײַזט זיך דער נאַווי. אויף זײַנע הענט האַלט ער דאָס קינד.
ד אָ ס פ אָ ל ק —
אַאַאַ !
נ אָ ו י —
אָט איז דאָס קינד. (הייבט אים אויף אין דער הויך). אָט איז נאָמס אויפֿ־דערוועקער !
א י י נ ע ר פ ו ן פ אָ ל ק —
מיט די הענטלעך מאַכט ער.
א צ ו ו י י ט ע ר —
מיט די פֿיסלעך באַוועגט ער.
א ד ר י ט ע ר —
קוים וואָס באַוועגט.
פ ע ר ט ע ר —
ער איז אײַנגעריבט אין בלוט.
פ י נ פ ט ע ר —
ער איז אײַנגעריבט אין בלוט.
ז ע ק ס ט ע ר —
דאָס איז פֿון שווערן האָבן.
ז י ב ע ט ע ר —
מיט בלוט האָט זי אים פֿאַרגאָסן.
א כ ט ע ר —
ער איז אַ רויטינקער.
נ י י נ ט ע ר —
אין גאַנצן רויט:
צ ע נ ט ע ר —
פֿון די וונדער־פּלאַמען, פֿון דעם מאַרגנרויט, לעבן זאָל דאָס קינד!
ד אָ ס פ אָ ל ק —
(וואַרפֿט אויף דער ערד זײַנע קליידער און געוועטער, יובלט און שאַלט)
לעבן זאָל דאָס קינד, לעבן זאָל דאָס רויטע קינד, לעבן זאָל !...

די מיידלאַרשטראַלן (רינגלען אַרום דאָס קינד, זינגען.)

זומלען זינגט, וואָרים גאָט האָט דאָס געטאָן,
שאַלט איר ערדן, יובלט בערגער,
אַלע שטערנס, אַלע ליכטער,
גאָט האָט אויסגעלייזט זיין פאָלק,
זיך פאַרהייליגט אין זיין שטאַם.

נאָווי —

הויבט עס אין דער הויך, ווייזט דעם פאָלק.

דאָס פאָלק —

(קלאַטשט מיט די הענט, טרומייטן שאַלן, פויקן קלאַפּן, די מיידלאַר־שטראַלן זינגען און טאַנצן).

דאָס פאָלק —

(יובלט) לעבן זאָל דאָס קינד, לעבן זאָל דאָס רויטע קינד!...

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

בײַנוש שטײמאַן

א. קושניראוו.

צוקער.

א מאטאָנע האָפּשטיינע.

ג.

שטארב, שטארב מיין געשריי, וועסט בעמיילע
אין הימלען נישט ווערן דערהערט...
נאכט האט פארמאסטן דעם מיילעד,
ווי א מעסער איבער האלז פון דער ערד.

באלד וועט שטילקייט זיך אנהויבן ווארגן
מיט היינטישן צערייצטן ביל..
אבער נאכט וועט נישט אויפהערן הארגענען,
אבער קיינער וועט נישט קומען צו הילף.

איז פאר וועמען, פאר וועמען איצט פאלט מען
בעטן ראכמים פאר זיך און פאר אייך,
ווען דערשראקענע שטערן באהאלטן זיך
אין די שטאלענע קנייטשן פון טייך.

.2

ווינטן-ראַצכים, ראַנגלט זיך, ראַנגלט
מיט געטרייען ריגל אַף טויער.
און איך וועל אַף שבירל פון קלאַנגען
אויפהייגען איצטער מיין אויער.

איך ווייס, קיין וואָרט און קיין נאָמען
וועל איך מער שוין ניט הערן אַציגדער...
אַ קאָל נאָר הערט זיך אין ראַמאַ
ראַכל וויינט אַף אירע קינדער..

אַ וויפל אַפגאַנגען מידע
זיינען פון ווייטאַג צעגליט
אַף וועגן, וואָס פּאַקן שוין ווידער
מיט שפּורן פון אייערע טריט.

.3

כ'וועל נישט אויפהייגען מיין האַרפע אויף בוימער—
פאַר אַלע ווינטן איר שפּיל...
אין פאַרמאַג שוין אַפילע אין פרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך.

אין נשאָמע אַ מייזעלע שקראַבעט—
צי פאַטנס, צי זיידנס אַ ניגן,
נאָר די טיר פון מיין אייגענעם שאַבעס
האָט וואָך מיט אַ שטערן פאַרריגלט.

צעמאַלט מיך, צעמאַלט ווי אַ קערענדל,
מילשטיינער פון אַלע צייטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן, ווי אַן עפּל צייטיג.

.4

נאר איך וועמענס טונקעלע פענסטער
וועט באגינען אנצינדן פייער,
ווען נאכט וועט ביז פלויטן ביז לעצטע
באגלייטן מיין שווערע לוויע.

העלער מארגן, מארגן צעוויקלטער,
וואס פון קאלטער ווייט דארט פינקלט.
דיין באפייכטער און צארטער בליק
איז מיר קארג, איז מיר קארג אין מיין ווינקען.

איך וויל נישט ווי בייביקער וואלקן
אף שפיז פון לעוואנעס הערנער
פאר אויפשיין פון דיינע גאלדן,
פאר זילבער פון טויען-טרערן.

.5

איז באלאגערט, באלאגערט מיך נאכט.
פון פארנט, פון זייט און פון באקן,
און ווינטן פון לינקס און אף רעכטס,
ווי דעם אומרו באם זייגער מיך וואקלט.

איך ווייס, אז מיין לעצטער געשריי,
וואס רייסט זיך צו פינסטערע הימלען,
ווי אין וואסער א פארווארפענער שטיין
וועט אין כיישעך מיט קאפ זיך פארבלינען.

. . . .

. . . .

נאר איך וועל נישט פארלעשן מיין ליכט,
מיין טויער פאר אייך נישט צעפראלן...

א. קושניראוו.

דבורה קליאַצקין.

דער וועג.

(פראַגמענטן).

זיי זיינען געגאַנגען.

ס׳האט זיך געטראָגן א איבערגעפלאַכטענער מוס-טראַט קעפ פון אויבן האבן אויסגעזעען, ווי באַסע דעכער. פלייצעס צוגערוקט-געגאָסענער אייזן. הענט האבן געקנאַטן די ווייט, און ערד האט גערודערט אזוי, ווי א גאַנצער וואלד וואלט אף איר געפאַלן אונטער זעג און העק.

— קום גיין.

— קוק גלייך דעם וועג אין אויג אריין...

— און וואו וועלן מיר רוען?

— וואו קינדער שפּילן...

און זיי זיינען געגאַנגען.

ס,האבן זיך שוין געהערט קלויסטער-קלאַנגען. פאַרנאַכטיקע לופט האט געטראָגן די ווייסע טענער, ווי אף פליגל. זיי צעשישן זיך די טענער, יאָגן אן איינער דעם צווייטן גאר נאָענט. איין קלאַנג קריכט ארויף אף א שטיק לופט. ווי אף א באַרג און הערט זיך צו דאַרטן צו די איבעריקע טענער.

די טענער ציען זיך צו זיי:

— איילט, איילט.. גיכער...

בלינדע איילן און שאַפן דעם וועג.

— קום פאַרביי.

ס׳איז ווינטיק קאַלט געוואָרן . אלץ האט ארומגענומען א גרויקייט. ס׳האט געהערשט יענע בייזע שטילקייט, ווען מענטש און כאַיע ווילן ניט ריידן. און אין שטילקייט האט זיך דערהערט א פאַראומערטער יאָמערדיקער מורמל-געזאַנג.

— איז דען ערגעץ וואו נאָענט א שול?

— ניין.

אבער אויער האט געהערט דעם טיף הארציקן געמיש פון קלאַנגען פון אלטיונגן קאָל..

אזוי זיינען זיי געגאַנגען די גאַנצע נאַכט.

דער הימל האט אנגעהויבן אראפצוקוקן אף דער ארומיקער ערד, א נאס־קייט איז געלעגן אף אלץ און זיי זיינען פייכט געווען.

אן איז א הייזל, דארט לעבט א קרעטשמער. טומעלדיק איז דארט און שטויביק. יעדערער איז פארנומען מיט זיך. דארטן וועלן מיר רוען. קיינער וועט ניט שטערן.

בזויי קינדער האט דער קרעטשמער. די קינדער זיינען זוניק־שווארץ און בארוועס. מיר וועלן זיי ברויט געבן און צוקער. דעם ברויט וועלן זיי באהאלטן און דעם צוקער בייסן.

אזוי זיינען זיי צום טיר צוגעגאנגען.

די שויעל... די שוועל איז געווען פארבלוטיקט...

א גרויסער טיש איז געשטאנען, א האלבער איז ער געשטאנען אין איין צימער און די אנדערע העלפט איז געשטאנען אין א צווייטן צימער. איבער א שוועל געשטאנען.

פלעקן בלוט ווי האגל זיינען געלעגן אף די ווענט. און פארטריקנטער בלוטיקער פאס האט זיך געצויגן צום בעט צו אין וואנט אריין און דארטן פאר־לוירן זיך.

דאס בלוט איז געווען פארטריקנט נאר פון אויבן.

א פוס האט א טראט געטאן; און דאס בלוט א קוועטש געגעבן, איז ארויס א רויט פערעלע...

א רויט פערעלע ווי א שווארצאפל פון א קינדער־אויג און האט גע־פרעגט:

— וואס דארפסט איר דא?..

וואו זיינען די קינדער, איך וויל זיי זען, דאס מיידעלע מיטן גע־קרייזעלטן קעפעלע און דעם הארטן איינגעלע מיט די הענט אין די קעשענעס. ער האט אין די קעשענעס עפל באהאלטן. זיי זיינען גריין געווען. זיין מאמע האט ניט געהייסן זיי עסן. ער האט די הענט אין די קעשענעס געהאלטן און די עפל געגלעט.

איך בין א רויטער טראפן פון זיין הענטן אויג...

— וואס דארפסט איר?

איך וויל זען דאס מיידעלע, וואס האט געהאט א שווארץ פינטעלע באם אויג און צוויי גריבעלעך אף די בעקלעך ווען זי האט געלאכט, דאס פינטעלע האט געוואונקען צו די גריבעלעך...

איך וויל זען דאס יונגעלע, וואס האט געהאט געדריכטע האר ניט גוט געשוירענע און לאנגע ארבל אף זיין מאנטעלע.

איך בין א רויטער טראפן פון זיין רעכטן אויג.

איך ווייס גארנישט ניט...

עפעטער איז דאס געווען אין גארטן, ווען איך בין נאך אין אויג געווען און דאס אויג מיט נאך אן אויג איז אין קאפ געווען, האבן מיר געזען, ווי מען האט טאטע, מאמע און שוועסטער מיט איין האק געהאקט.

האלץ האקט מען אזוי.

איך האָב דאָס אַמאָל געזעען. דעם קאָפּ געקייקלט און געלאַכט.
און שוועסטערס קאָפּ האָט מען מיט די פיס געקייקלט צו מיינע פיס
און נאַס איז געוואָרן אונטער מיינע פיס.

מיינע שיכעלעך זיינען קלעפּיק געוואָרן. דערנאָך האָב איך געזעען הענט
אַ סך, צעלייגטע אין דער לייבנ.

און זיי זיינען רויטע געווען, ניט ווי פריער.
בײַ מיין מאַמען זיינען ווייסע הענט געווען.
מיין מאַמע איז געווען אַ שיינע און אַ גוטע...

און פיס אויך אַ סך, צעלייגטע אין אַ ראָד. אַ קאָפּ דערנאָך אַ פיס,
אַ האַנט... אַ רויטע ראָד. אין אָט אַזאַ גרויסע ראָד פלעג איך מיט מיין שוועס-
טער טאַנצן און שפּרינגען אויף איין פיסל.

כ'האָב גוט געקאָנט שפּרינגען אויף איין פיסל...

און נאַס איז געוואָרן דער ברוק... נאַס... נאַס... גערונען... גערונען אין
אַלע זייטן...

מיר, ביידע אויגן, האָבן ניט געקאָנט קוקן. און געלאָזן זיך לויפן. מיר
זיינען געלאָפן ביז אַ הויכן בוים. און גיך, גיך געקלעטערט ביז גאָר הויך.

ער — אַ גרויסער, ווי אַ באַרג, אַ שטאַרקער, ווי אַ שטוב איז געלאָפן
נאָך אונז. זיינע אויגן — אַ געלער פייער. בײַ אַזאַ פייער האָט די מאַמע ווינ-
טער ברויט געבאַקט.

ער האָט געטרייסלט דעם שטאַרקן בוים. מיר זיינען נאָך העכער גע-
קראָכן. ביזן שפּיץ.

האָט ער געוואָרפן מיט אַ שאַרפן מעסער אין אונז...

דערנאָך זיינען מיר איבער ערד געלאָפן און ער האָט אונז נאָכגעיאָגט,
בײַ דער הים האָט ער אונז אָנגעיאָגט. אַ האַק געטון · · : איך בין
בלינד...

איך בין געוואָרן אַ רויטער טראָפּן פון רעכטן אויג...

— קום גיין...

דער בלוט טראָפּן האָט באַקומען דעם קינדס אויג געשטאַלט.
ניט נעפּינטלט.

פאַרנאַכטיקע זון האָט זיך צו וואַסער צופּאָגעצויגן. פליגל און אַ
פויגל האָבן זיך געקלאַפּט ווי אַ צאָן אין אַ צאָן... נישט מיט שטיב האָבן
זיי זייער וועג געבעפּלט: מיט פרישן פעלד זיינען זיי געגאַנגען און אזוי האָבן
זיי זייער וועג-שטאָט דערזען.

אַ שומער-הייך האָט געוואָרימט זייער שטאָט.

— דאָ איז אונזער הויז, טאַטע מאַמע...

ס'איז שטעט בייטאָג און די לאָדן האָלט דער אייזן.

— וואָס איז אזוינס געשען. קום זען.

אַ קאַלטע פינסטערניש האָט זיך אין שטוב געדרייט. זיי באַגעגנט, אין
ווינקלען צעלאָפן זיך.

— הער אַ: דאָ, קומט צו מיר, איילט...

— איך בין דא. און פּירפּיסיק האָט זיך איינער גערוקט.

— מיין ברודער! דו אַליין, האָט איינער דערקענט.

א זוניקער פּאַס דורך דער טיר האָט זיין גליק געברייטערט און די אויגן לאַכענדיק געמאַכט. ער האָט זיי דערזען, דערקענט. און יונג געלאַכט, געלאַכט.

— דו ביסט דאָ? איך האָב פּיל צייכענס. קום שפּילן, אָט דאָ.

ער האָט פון די קעשענעס געצויגן צאָן נאָך א צאָן. קליינע, גרייסע, ווייסע, ער האָט זיי אויף די קני געשאָטן און געזאָגט:

— הויב אָן.

אויפן ברוק צוזעצט זיך און אין צייכנס געשפּילט. גאָר ווי אַמאָל.

מיט אַמאָל האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרימט און ער האָט אָנגעהויבן קינדיש וויינען . . .

דאָס זיינען מיינע צייכענס: מיין טאַטענס און מאַמעס ציין.

מיינע צייכנס

ער האָט געוויינט און דערציילט:

— מ'האָט די ציין געשריט. דער זייגער רינט אָפּ מיט בלוט.

א בלאַסער אָטעם שוועבט.

וועט ער קלינגען?

טויטער הייד?

און פּלוצלינג!

גלייך א קלאַנג:

איינס!

אַלע הארוגים שטייען אויף.

זיי קוקן קאַלט אַרום.

אַלע וואַנדערן ...

איינער זאָגט:

— מיט הענט און פיס!

צווייטער זאָגט:

— א פּאַנים! —

ווי אַמאָל...

און ווייזט ווייטער...

— צווי אויגן אין קאָפּ...

— די האָר אויפן קאָפּ לאַנג און שוואַרץ.

און ער פרעגט:

דיין בלוט איז אין דיר?...

הארוגים, הארוגים, איר זייט הארוגים!

קרעפּטיק זינגען זיי געשטאַנען, בלאַס ווי שניי אין שאָטן.

... אַקאָל האָט זייער וועג געשטערט.

און ווידער א טיר פון שטוב.

אַראָפּ טרעפּ האָט מען זיי אַנטקעגן צוויי קליינע קינדער אויף איין בעטל געטראָגן.

— ווי אלט איז דאס קינד?
— זעקס.
א פרוי!?...
דער קינדער בייכל בא די פיסלאך איז זייער הויך געווען, ווי א פויקעסל.
ווייס איז קינדערש לייב געווען.
גרויסע בלאע אויגן, ווי אן אפגעשטעלטער זייגער.
פרעגענדע זייגען זיי געווען, די לאנגע ברעמען ווי א קרוין ארום...
עפעס פארשטיין געוואלט. ניט געקאנט.
קינדערשער סייכל איז דאך קליין...
בא דעם קינד אף דער רעכטער פלייצע איז געלעגן א שווארץ קעפל מיט געדיכטע גרייזלען. האריס פארוויקלטע, ווי בא א יונג שעפעלע...
אכט יאר אלט.
ער איז געווען דער יונגעלע צעפוידן. פון די פארמאכטע אויגן האט פרייד געשפראצט, א גאנצער קוואל. פארן טויט איז ניט געשפילט. געוואונען. אלץ געוואונען.
— אום צי גראד?
געוואונען!
דעם גאנצען פייסאך אזוי. א באדג מיט ניס.
וואו באהאלט מען זיי, זארגט דאס קינד.
לאכט, לאכט און שטארבט...
פול טיפע סאבל-שניטן ביז צום ביין...
און דאס קליינע האריץ ווי א ניסל אף צווייען צעקלאפט.

ביידע קינדער ווי צוויי שוועמעלעך צענויפגעוואקסן.

און העכער אף טרעפ געגאנגען.
דערקענט:
— שוועסטער!
אין א ווינקל איז זי געלעגן, צום וואנט. אף ליבקן זייט. די קאפ אף האנט אנגעשפארט. גאר נאענט געקוקט.
די ליפן בעווישט.
— שוועסטער.
האסטיק האט זי איר קאפ צום טיר אויסגעדרייט — און צוריק באהאלטן.
— איך האב געאיילט צו דיר.
זי האט איר קאפ נאך טיפער אין קישן געלייגט.
איך האב נאר וואס אונזער ברודער געזעהן.
אין צייכנס האבן מיר געשפילט.
— ער האט דיר דערציילט? דו ווייסט שוין אלץ? א קאלטער שווייס האט איר שטערן בעדעקט.
— ביין... ביין...

— רייד שטיל... איך בין גלייך צו דיר...

איך דערצייל דיר אלץ. באלד. קיינער דארף דאס ניט וויסן...

אפן בעט א שטיקל פרייען ארט געמאכט.

— אזוי...

— אלצאיינס. הייב דו אן.

א אויער האט זיך צו שוועסטערס קאפ אף קישן געבויגט.

— דערצייל.

— אונזער טאטע האט זיי דערזעהן. אין פרישן גראז אין הויף די הענט געווישט. און גלייך ווידער געזאגט... ווארט בא ווארט... קלאר ווי ער פלעגט ענט-פערן יעדן קינד... מיר און דיר... רוהיק — ווי ער האט ברויט געטיילט, ווען מיר פלעגן הונגעריקע זיך אומקערן פון שפיל...

ווארט בא ווארט...

מיר האט מען צעפ צעפלאכטן. נאסע ציגעלע האבן ברוסט געלעקט, ווערים האבן הענט און קני געטאפט. א קוילן-קנויל איז מיין לייב געווארן. דער לעצטער פון די סאך איז ארויס. צוריק אריין און שווער איין אף מיר אין בעט געווארפן...

געלעכערט דא מיין קאפ...

א הייסער שפרונג האט מיך אין פאר הייז געבראכט.

דעם טאטענס קאפ דערקענט...

די אויגן אף הערצלאך געהאנגען, איך האב זיי ביידע גענומען אט מיט דער האנט.

דו זעסט?

און גלייך אין מויל ווי צוויי מאלינעס דערשלונגען...

זיי זיינען גאנץ.

וואו האב איך געקאנט זיי באהאלטן?...

קעפ האבן זיך צו פיס געבויגן. די הענט די ערד געטאפט.

זיי זיינען ווייטער געגאנגען.

— קום...

— קוק גלייך דעם וועג אין אויג אריין...

דבורה קליאצקי

שמואל ראסין.

„סלעפ".

*

מיט ברעם פארשנייטן,
מיט כשוועגדיגן בליק,
מיט קאפ, מיט גריין
וועל איך
אף אופגעגרינטע בייטן
זיך ניט ווייזן,
אף אופגעזונטע גאסן
ניט אראפ
ביז ס׳וועט פון ס׳ניי
ניט אופבליען מיין קאפ,
ביז ס׳וועט אין פרייד
ניט אויפקומען מיין הארץ,
ביז ס׳וועט צוריק
ניט פרילינגן מיין בליק..

*

כ׳וועל מיין טראט
מיט בליק היינט ניט באשרייבקען,
כ׳וועל מיט צוגעמאכטע אויגן
שפאנען, שפאנען
עפשער וועלן מיינע פיס
אליין מיך ברייגגען
אין א לאנד אזא
וואס זאל מיין נעכטן מיר
מיט גארנישט ניט דערמאנען.
עפשער איז אין ערגעץ וואו
א לאנד אזא פאראנען...

עפּשער איז פאַראַן
אין װעגן־פּלאָנטער
אַזעלכע שטעג
פאַרלעגענע,
װאו ס׳װעט
אף גאַסן מיך
קיין זיין באַקאַנטער
ניט באַגעגענען..

*

אין פרעמדער שטאָט
שוין װייס איך אַלע װעגן
ס׳ליגט צעקניפּלט שוין פאַר מיר
דער קנויל פון גאַסן פּלאָנטער.
אַלע, אַלע װעגן
האָב מיין טראָט שוין דורכגעשניטן.
כ׳האָב שוין נאָענטע באַקאַנטע.
כ׳האָב אַ שטוב צום שלאָפן
און אין בלויען לאַזוריל
פון פאַרנאַכטן
גלעט מיר מיינע האָר אַ האַנט שוין אַ געניטע...
װאָס קאָן איך נאָך דאָ האָפן?
װאָס נאָך קאָן איך דאָ װאַרטן?...

*

נעמען, מענשן, פּענימער,
אָרט און צייט
פאַרטוישט שוין און פאַרפּלאָנטערט.
כ׳האָב דעם אָנהויב פון מיין װעג
שוין לאַנג פאַרגעסן.
ס׳װייס זיין אָנהייב ניט
און װייס ניט װאו ז׳זיין מיטן —
ס׳טרעטן מיינע פיס אַליין און טרעטן
און ס׳ציען מיינע הענט
אַליין זיך אין דער װייט...
און נעמען פרעמדע,
אומבאַקאַנטע האָר
פון צונג פון מיינעם
שיסן זיך און שיסן.
בלינדערהייט מיט זיי

די וועגן איך פארדיי
און לאז זיי אויפן ווינט...
— איין גאמען בלויז
וואס איך אליין נאר ווייס
איין זילב אזא
וועל איך אף לעצט פארהיטן

*

דוד האפשטיינען,

אויסגעצויגן האט זיך מיר צונויפגענס היינט א טאג,
א וואכעדיקער טאג, אזא ווי אלע.
נאר איך בין עפעס היינט
איינגאנצן גאר אנאנדערער
בין איך צו אים, צום טאג מיט אויער צוגעפאלן...

איך בין פון אים געווארן, געוואוירע
אז איך בין לאנג שוין, לאנג געבוירן
אז איך בין אלט שוין אכט און צוואנציק יאר
און עפשער מער, און מער, און מער...
אז איך האב אלע מיינע טעג
אומזיסט פארשווענדעט
ווי געכטן, אייערנעכטן, היינט...
אז אומגעגאנגען בין מיט בארפיסער נעשאמע
אף נאדלענדיקע שפיצן
פון גינענדיקן זיין.
און עפעס נאך, און עפעס נאך.
איך טאג מיר היינט מגאלע
פון הינטער אלע מיינע גרויע קעפ...
— ביין צו פוסנדיקן טאג
היינט דורשטיק צוגעפאלן
און עמער צאאר
פון הינטער טעג געשעפט...

שמואל ראסין.

ד. רעזניק

*

ווען צווייען וועלן שטיין
און ביידע בלינדע,
וואו גאַסן שאַרפֿן אײַנגעשפּאַרטן ראַג,
און שלייפֿן אויס אַ טומלדיקן אָרט
פֿאַר בלינדע זינגער.
ווען צווייען וועלן שטיין.

נאַכט,
אַ שיקערע פֿון בלויען ווײַן,
שטייט אָנגעלעהנט
אַף ווייסער אויסווייניגסטער וואַנט,
און וואַרט.
און גאַסן,
אויסגעניכטערטע פֿון דולן אומגײַן
קומען אָפּרוען אַ רעגעלע
אַף שטילן ראַג.
און בלייבן דאָרט
מיט ביידע בלינדע זינגער.

איז וועמען שיקן,
און ווער וועט גיין
אין פֿרעמדן לאַנד.
ווער וועט אָנשעפּן און ברענגען
גאָלדענע בעקנס שטילע שײַן,
און שפּריצן
— איינס —
און
— איינס און צוויי —
אַף ווייסער אויסווייניגסטער וואַנט,
און אויסלייזן די נאַכט
פֿון איר בלויער שאַנד?

ווער וועט דער געשיקטער זיין?

ווען ביידע בלינדע זינגער זינגען
און גאַסן ליגן ליידיגע פֿון דולן אומגיין.

*

ולא נתנה עוף השמים לנוח עליהם יומם
ואת חית השדה לילה . . .

(שמואל ב,כ״א)

ווער איך גיין אף די געהילצן,
און וועל ברייגגען נייע ברעטער
אף די טויערן באשלאגן
מיט מיינע ווייסע פרישע ברעטער.

ע׳, צעלויפט זיך אין די גאסן!
שטעלט זיך רעדלאך,
שטעלט זיך רעדלאך
בא די טויערן די ווייסע,
שטייט און שושקעט זיך פון שפעטער
און פון נייסן!

טאג און נאכט און דריי מעסלעסן
שטייט א מאמע בא די גופים,
וועט א מאמע שוין פארהיטן,
זאלן כאיעס זיי ניט עסן,
און ניט וויקן זאלן גצען
אלע זיבן אף די שטריק,
זאלן פויגלען זיי ניט פיקן.

שטייט א מאמע — הייבט צו שפעטער,
אדער גאר א מאל א מייסע
פון די ספארים?

זאלן רעדלאך זיך באהאלטן
פון די נייסן,
ביז אריבער וועט דער צארן.

נאכדעם וועלן מאמעס רופן,
און געפונען זיבן גופים,
אין באהיטן,

וועל איך בא די מאמעס פרעגן,
ווען זיינט איר ארויס אף וועגן,
ווען געשעהן זיינען די נייסן,
און ווער האט אייך מיט דריי מעטלעסן
דא באווארנט?
וועלן מאמעס מיר ניט זאגן.

וועל איך טויערן באשאלגן
מיט מיינע ברעטער מיט די ווייסע,
און וועל כאוערן די מייסע
פון די ספאריבּ.

*

און שלאנג האט איינגעשלונגען אלע שליינג,
און געשעהן איז דער נעס
אינם פעטן לאנד.
נאר א קינד האט געוויינט, נאר א קינד האט געוויינט,
און געווען איז ווי היינט,
ווען שלאנג האט דערשלונגען די שליינג.

און בעקעלאך צוויי,
איינער צו גאט, און איינער פאר אונזערע זינד,
און אלמעכטיג איז גאט
אינם געבענשטן לאנד.
נאר געוויינט האט א קינד, נאר געוויינט האט א קינד,
און געווען איז ווי היינט,
ווען פארשיקט האט מין בעקל מיט אונזערע זינד.

קומט ווארפן די קינדער פון בערג,
און פארלענדן די טרייסט.
קומט רופן די קינדערשע מאמעס,
באפוילן ניט עסן קיין קינדערשן פלייש,
קומט דערציילן און זאגן אין שטיינערנע מערק:
אזוי וועט זיין שטענדיק, אזוי וועט זיין שטענדיק!
איינער צו גאט
און איינער פאר אונזערע זינד צום פארלענדן.

און זיין וועט זיך טועפן מיט ערד און מיט זון
אין לעצט פון די טעג,
אין לאנד פון פארלאשענע זונען,
וועט באווייבן א קינד, וועט באווייזען א קינד
דעם קורבן פון ערד און דעם קורבן פון זון,
און אזוי וועט זיין שטענדיק:
איינער צו גאט,
און איינער פאר אונזערע זינד צום פארלענדן.

ל. רעזניק.

ע. פינבערג.

I

ס'האבן שוין שטראָמען אין לויף צו אָקעאַנס פאַרטריקנט,
ס'האבן פאַרמאַכט זיך שוין באַגנדע אויגן
צו בלוטן פון שקיעס
געוועגדיקע —

איך גיי נאָך אַרום אָף פאַרכאַלעשטע ליקן,
די אָקסל געהויבן,
מיט פלאַטער אין קניעס,
איך בין נאָך געפּענטעט...

ס'האט שוין מיין לויטער-פאַרכאַלעמטן ברודער
אָף סטעפּן געכאַפּט און געטויט דער גערודער
מיט אָסן פאַרכאַוועס,
פאַרשאָטן מיט פינסטערניש גראָזער
מיין לויטער פאַרכאַלעמטן ברודער...

ס'איז שוין מיין ליכטיקע שוועסטער
מיט סאַמעט פון ווייגס
מיט גנעדיגער צניעס
געפאַלן אין מידבאַר געלעכטערט
געפאַלן פון מידבאַר געשטערנט
מיין ליכטיקע שוועסטער...
איך ווייס ניט וואָס איז און ווי איז —
איך בין נאָך געפּענטעט...

איך גיי נאָך אַרום אָף פאַרראָסטעטע ציגל,
מיך הוידעט נאָך נעפּל אין שטיינערנעם ריגל
צווישן פאַרקריפּלטע ווענט דאָ,
איך גיי נאָך אַרום צווישן בלינדע און היגע —
איך בין נאָך געפּענטעט...

II

אױף װערימדיקן קױט, אױף קרענץ פֿון שטײן
מײַן ײִדנס מיטװאָך דױערט נאָך און דױערט . . .
טראָגט מיך אַרום און פּרעסט מיך צו בילמעבדיגע מױערס
און קערט זיך אום און לאַכט און לאַכט, אַז אַלע װעלן סלוגעװיק דערגײן,
אױף אַלע צילט אַ עקדיש־נאַכט מיט איבערבעטן אוראַלט־געריט.

הױך איבער ײִדנס מיטװאָך פֿירט דער מילך־װעג צו מײַן מירמל־הײם.
הױך איבער ײִדנס מיטװאָך זײַנען גינגאָלד־בױמער זיך צעװאַקסן אונגעהײַער —
מײַן ײִדנס מיטװאָך קלינגט נאָך אױף קרענץ פֿון שטײן,
מײַן ײִדנס מיטװאָך דױערט נאָך און דױערט.

III

אָ װיפֿל ליבן װערן נאָך פֿאַרשװעכט!
איך, בלײַך פּױקגעבלאָזנעמער, איך הער ניט אױף צו דינען
דער גאָלדענער אױסגעשטערנטקײט פֿון הױכע נעכט.
דער פֿינקלדיקער טרײסט אין שלעפֿעריקער מדינה.

א, װיפֿל אױגן װערן נאָך פֿאַרשטױבט!
איך אײַנגעשטױנענער אין הײליקײט פֿון זילבערדיקן טאָגן,
איך שמײכל צו צו זיך דורך קילער שױב,
איך הער װי בלעטער־שאָרך דעם שװינדל פֿון די ראָגן,

א, װיפֿל קינדער בלוטן נאָך גאָר פֿריִער!
איך שטילער נאַכקוקער נאָך רױך פֿון װײַטן בעפֿלדיגן פֿאַקל,
ס'איז נאָך מײַן פֿוס צו טראַטואַרן צוגעלײגט —
איך הער שױן נורעס־קלאַנג אין שיקערליכן װאַקל.

ע. פֿײַנבערג.

מארק שאגאל.

בלעטלעך.

— א פאר ווערטער, כאוויירים, אף דער טעמע, אף וועלכער איך האט מיר פארגעלייגט שרייבן באמיכעס —

מיין מיינונג וועגן דער אידישער קונסט.

ווי לאנג ערשט האט זיך אין אידישע קינסטלערישע קרייזן געפירט א שטרייט פאר דער, אזוי גערופענער, אידישער קונסט?

אין טומל און ברען איז ארויסגערוקט געווארן א גרופע פון אידישע קינסט־לער און בעטויכאס אויך מארק שאגאל.

זייענדיק נאך אין וויטעבסק, ווען דער מוזיקער אומגליק האט געטראפן — נאר וואס אומגעקערט זיך פון פאריז, האב איך אין הארצן געשמייכלט.

פארנומען בין איך דענסטמאל געווען מיט עפעס אנדערש.

פון איין זייט — „די נייע וועלט" אידן — אט א יענע וועלט, וועלכע ס'פארהאסט אזוי פיסוואקאוו — מיינע שטעטלשע געסלאך, הויקערדיקע הער־רינגדיקע טוישווים, גרינע אידן, בעטערס, מומעס מיט זייערע שיילעס:

— גאט צו דאנקען, ביזט שוין אויסגעוואקסן, געווארן א גרויסער!

און איך האב זיי געהאלטן אין איין מאלן...

פון דער צווייטער זייט — בין איך דענסטמאל אינגער געווען אף הונ־דערט יאר און איך האב זיי ליב געהאט, פאשעט ליב געהאט...

איז אט אין דעם בין איך געווען מער פארטאן, דאס האט מיך מער פאר־נאפט איידער דער געדאנק, אז מען האט מיך געזאלבט פאר א אידישן קינסט־לער.

אמאל נאך אין פאריז אין מיין „לא רוש"־צימער, וואו כ'האב געארבעט, האב איך דורכן שפאנישן ווענטל געהערט, ווי ס'אמפערן זיך אידישע עמיגראנ־טישע שטימען:

— איז וואס זשע מיינסטו, סאך קאל סאף, אנטאקאלסקי איז ניט קיין אידישער קינסטלער, אויך ניט איזראעלס, ניט ליבערמאן!

דער לאמפ האט געברענט אזוי טונקל און באלויכטן מיין בילד, וואס איז געשטאנען מיטן קאפ אראפ (אט אזוי ארבעט איך — פרייט אייך!) און לעסאף, ווען צו טאג צו האט דער פאריזער הימל גענומען העלן, האב איך ברייהאך אויס־

געלאכט די לײדיגײ־ערישע געדאנקען פון מײנע שכנים װעגן דעם גורל פון דער אידישער קונסט:

— מײלע, רעדט אײך — און איך װעל ארבעטן.

באַרישטײער פון אלע לענדער און פעלקער! — צו אײך — מײן װענדונג. (איך קאָן ניט כ'האָב זיך דערמאַנט אָן שפּענגלערן) זײט זיך מודע: איצט, װען לענין זיצט אין קרעמל, קײן שפּענדל האָלן ניט, עס רויבערט, דאָס װײב איז ברוגז — פאַרמאָגט איר איצט „נאַציאָנאַלע קונסט״?

די קלוגער ײַנשישער װאַלדען און איר פאַרשײדענע אַגרעדע, װאָס פריער דיקט די אינטערנאַציאָנאַלע קונסט, פײנסטע פראַנצויזן מעטעגעדישע און גלײז, (אויב זײ לעבן נאָך) איר װעט מיר ענטפערן:

— שאַגאַל, ביזט געדעכט!

אידן, אויב ס'איז זײ צום האַרצן (מיר גראָד יאָ) קאָנען װײנען, װאָס די באַמאָלעדס פון די שטעטלשע הילצערנע שולן (פאַר װאָס בין איך מיט אײך ניט אין אײן קיװער) און די שניצערס פון די הילצערנע „שול־קלאַפּערס״— „שאַ!״ (געװעהצן אין אַנטיקים זאַמלונג, דערשראָקן זיך) זײנען אונטערגעגאַנגען.

נאָר װאָס פאַר א נאַפּקע מינע איז אײגנטלעך פאַראַן צװישן מין פאַר־קריפּלטן מאַהלעװער עלטער־זײדן מעגאַלן, װאָס האָט באַמאָלט די מאַהלעװער שול און צװישן מיר, װאָס האָט געמאָלט דעם אידישן טעאַטר (א גוטער טעאַטר) אין מאָסקװע?

גלויבט מיר, בא אונז בײדן זײנען איבערגעװען ניט װעניקער ליז, בעשאַס מיר האָבן געװאַלגערט זיך אַפּן בריק און װערקשטאַטן, אין שולן און אין טעאַטר.

דערצו בין איך זיכער, אז װען איך װער אױם ניליאַך, װאָלט איר רעד־יען זײן פּינקטליכן פּאָרטרעט...

אגעוו, מײן פאָטער.

גלויבט מיר, ניט װיניק טירבע האָב איך אװעקגעלײגט, ניט װיניציקער ליבע (און נאָך װאָסערע!) האָבן מיר בײדע אויסגעבראַכט. דער מילעק איז נאָר אין דעם, װאָס ער האָט אָנגענומען באַשטעלונגען אויך אַף שילדן און איך האָב זיך געלערנט אין פּאַריז, פון װעלכן ער האָט אויך געהאַט א ידיע.

און דאָך. אי איך, אי ער, אי אַנדערע (פאַראַנען אַזױנע) זײנען נאָך ניט די אידישע קונסט אין גאַנצן געװען.

און פאַרװאָס מאַקע ניט זאָגן דעם עמעס. פון װאַנען זאָל זיך עס נעמען? כאָלילע װעכאַס, װען עס זאָל באַדאַרפט קומען פון א װעלכן ס'איז באָפעל! פון דעם, װאָס עפראָס װעט אָנשרײבן אַן אַרטיקל, אָדער װײל לעװיטאַן װעט מיר געבן אַן „אַקאַדעמישן פּאַיאָק״!...

עס איז געװען יאַפּאַנישע קונסט, עגיפּטישע, פּערסישע, גריכישע. נאָר פון דעם „רענעסאַנס״ אָן האָבן די נאַציאָנאַלע קונסטן אָנגעהויבן אונטערגײן. די אַרומשטריכן װערן פאַרשװאָנדן. עס קומען קינסטלער—אינדיװידואומען, אונ־טערטאַנער פון דער אָדער יענער מעדינע, דאָ אָדער דאָרט געבאָרן (געבענטשט ביזט מײן װיטעבסק) און מען דאַרף האָבן א גוטע רעגיסטראַציע אָדער אַפילע

א פּאַספּאָרטיסט (פֿון אַ יידישן מיין) אַז מען זאָל צולע קינסטלער גענר ,,דורכ־נאַציאָנאַליזירן".

און דאַך דאַכט זיך מיר:

וואָלט איך קיין איד ניט געווען (מיט דעם אינהאַלט, וואָס איך לייג אַריין אין דעם וואָרט) וואָלט איך גאָר קיין קינסטלער ניט געווען, אָדער ב'וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערער.

אויך מיר א נייס!

איך פאַר זיך ווייס גאַנץ גוט, וואָס אַט דאָס פאַלקעלע קאָן אויפטאָן.

צום אומגליק בין איך באַשיידן און קאָן ניט אַרויסרעדן, וואָס עס קאָן אויפטאָן.

א ווערטל צו זאָגן, וואָס אַט דאָס פאַלקעלע האָט אָפּגעטאָן!

האָט זיך אים פאַרגלוסט — האָט ער באַוויזן קריסטוסן און קריסטענטום.

האָט זיך אים פאַרוואָלט — האָט ער געגעבן מאַרקסן און דעם סאָציאַליזם.

קאָן דען זיין, ער זאָל דער וועלט ניט ווייזן, אַזעלכע עפּעס אין קונסט?

ער וועט ווייזן!

האַרגעט מיך, אויב ניין.

מאַרק שאַגאַל

י. דאָבּרושין

אונזער ליטעראַטור.

> די ליטעראַטור, וואָס איז געווען ביז איצטער אַ נאַ־
> ציאָנאַלע דאַרף ווערן אַ אינטערנאַציאָנאַלע.
> (געטע, ערקמאַנס שריבּן).
>
> נאָר אונטער פּעלץ הער איך ווינט און היילט פּריש
> אַ שטראָם.
> (א. שוואַרצמאַן).

די אידישע ליטעראַטור איז ניט קיין פּראָבּלעמען־ליטעראַטור. געדעדט האָבּן שוין וועגן דעם נאָנטע און ווייטע, פּריינט און בּייזע פּריינט.

די אידישע ליטעראַטור איז ניט קיין פּראָבּלעמען־ליטעראַטור.

אַ ליטעראַטור פון אַן אונטערגעדריקט פאָלק, פון אַ פאָלק בּיטראַט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַקטיווע פּאָליטישע ווירקונג אַפילע אויף דעם מאָזל פון דער אייגענער געשיכטע, אַזאַ ליטעראַטור האָט ניט געקאָנט פאַרמאָגן קיין שעפערישע געזעלשאַפטלעכע לופט און מעמיילע ניט געקאָנט שטעלן קיין פאַרבּרייטערטע אָבּיעקטיווע וועלט־פראַגן, בּאַהאַנדלען די אַזוי גערופענע מענשן און וועלט־פּראָבּלעמען.

דער בּאַטלאַנישער אָנרופן זיך אויף דער דרייפוסמייסע און קאַסרילאָווקע בּאַ שאָלעם־אליכעם — ס'איז דער כאַראַקטעריסטישער קרומער שפּיגל פון אונזער שטעטלשער „וועלטלעכקייט", ס'איז דער אידישער פּאָליטישער דריי מיטן גראָבּן פינגער, דער קאָמישער וועלט־מאַסשטאַבּ פון אַ אומע, וואָס האָט אין אַ מעשעך פון אַ דורעדיקן פּאָליטישן גאָלעס ניט פאַרווירקלעכט זעלבּסטשטענדיק אירע געזעלשאַפטלעכע ווערטן.

אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען די לירישע עלעמענטן אַן ערעך שטאַרקער פון די דראַמאַטישע. ס'איז טאַקע דערפאַר, ווייל די דראַמאַטישע האַנדלונג, די אָבּיעקטיווע בּאַגעגעניש פון סוטעדיגע קייכעס איז מעגלאָך נאָר דאָרט וואו די לעבּנס־סוויווע פאַרמאָגט איר אינעווענייגסטע און אייגענע פרייהייט. דער דראַמאַטישער שטאָף ווערט געבּאָרן דאָרטן, וואו קאָנפליקטן און שטרייטן ווערן אויסגעלעבּט בּיזן סאָף און ווערן ניט פאַרטויבּט אין פּראָצעס פון אונטערטעניגסטן צופּאַסן זיך.

די אידישע ליטעראטור איז אבער ביז איר לעצטן פעריאד א געטרייע נאכגעגאנגען טראט נאך דער ארומגעצאמטער אנמעכטיקער געזעלשאפטלעכקייט. איז זי געווארן א ליטעראטור א עמפיריש-לירישע, אן ברייטנדער פאנטאסטיק, אן פארברייטערטער וועלט-האנדלונג, אן אבסטראקט אויסגעשטעלטע אידעאלאגישע פראגן.

האבן מיר א היבשער פלייצע א וואונדערבארע טויזנט יאריקע געשיכטע און האבן פון אונזער ליטעראטור ניט באקומען קיין איין געשיכטלעכן קונסטווערק. מיר האבן פארענדיגט א פאנטאסטישן מיטלאלטער און האבן נאך ניט אנטפלעקט דארט אונזער האפמאן-מייסע און זעגנענדיג זיך אזוי וועהטאגדיג מיט אן אוראלטער עמונע, ניט איבערגעדיכטעט די רעליגיעזע קאנוואולסיע אפן דאסטאיעווסקי שטייגער.

אונזער ליטעראַרישער „האב און גוטס" געהערט דעם אומבאהעלפענעם נאנטן ארום. פון דער אידישער אנמעכטיגער געזעלשאפטלעכקייט שפאמט מענדעלעס „בניאמין השלישי" מיט זיין דאן-קיכאטישן „וועלט-קוק" פונם סייפער „צל עולם", וואס איז דער טייטש — „דער שאטן פון דער וועלט"...

דער זעלביקער אנמאכט האט זיך דערנאכדעם קינסטלעריש אפגעשפיגלט אף מענאכעם-מענדלס ווירטשאפטלעכע האמצאעס בא שאלעם-אליכעמען. און אפילע דער שפעטערדיקער וואווע בורגעס, דער אויפגעקומענער אידישער גוויר, האט געטראגן אף זיך די בערגעלטאנישע מארע שכוירע, דעם אומעט פון ז קאפיטאל, זיין מאיעסטעט, דער אידישער קאפיטאל, וואס האט אפן געביט פון אידיש-געזעלשאפטלעכן שאפן בלויז אזוי „שעפעריש" באוויזן צו פארוועלטלעכן, „דערהויבן" ביז צו א פאליטישן שווינדל די אלט-אידישלעכע דאן-קיכאטישע שטאדלאנעס.

און ווען פערעץ, דער דיכטער פונם אויפגעוואכטן אידישן-באוואוסטזיין, האט געוואלט אריינשפריצן אין דער ליטעראטור מוטיג-העלדיש בלוט, האט ער קינסטלעריש אויפגעלעבט דעם אימפעט פון חסידישן קאסמאס. פערעצעס זוכעדישער גייסט האט זיך געווארפן צו אווארדיגע פראבלעמען-שענקייטן, ווייל דער אידישער הוווע, דער ארומיקער געגנווארט איז נאך געווען ארומגערינגלט מיט די כווישעכדיקע ווענט פון דער געטא-געזעלשאפטלעכקייט. דער שיין פון די ערשטע פייער-בליצן פון דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג האט אדראבע בעאייס מייסע נאך בוילעטער אנטפלעקט דעם ארומיקן פינסטערן לעבן, און צוזאמען מיט דעם נעשאמע-יעסורעדיקן פערעץ-עקסטאז איז דאן געקומען די רייזיניש-קלאגעדיקע ליד — א גאנצע ריי דאלעס-דיכטער, וואס האבן זיך גראד דעמאלט א שאט געטאן פון ליטעראַרישן ארבל.

איז זי געוואקסן, די ליטעראטור, — ביז ניט לאנג, לעצאל האפאכעס — אין די איינגע ראמען פון א איינגן אויסקומעניש, איינע אליין, און א געהעריקער פילאזאפישער, געשיכטלעכער אדער סאציאלער וויסנשאפט, איינע אליין אויסגעטראגן דעם קאמף מיטן אלטן און פארעלטערטן, איינע אליין באפרוכטפערט די בייטן פון דעם נייעם מאטן-באוואוסטזיין.

אידישע ליטעראטור — ס'איז די איינאונאיינציקע אידיש-וועלטלעכע קולטור-אנטפלעקונג. און דערום פארמאגט די אידישע ליטעראטור א מין אינעווייניגסטן, א מאראלישן, אזוי צו זאגן, אכראיעסדיקן ערנסט.

די מאראלישע אויפפאסונג פארטונקלט שטארק דעם ריין-קינסטלערישן באַדייט פונם שעפערישן ווארט און פארשטארקט די סענטימענטאלע ווירקונגס-קראפט פונם בוך אויפן לעזער. אין דער מעסירע פון דער אידישער ליטעראטור האבן זיך פארפאַצט דערביי אין די אלע קלענערע שרייבער, וואס האבן בעשייטאם געהאט א עטישע השפעה, די אלע שרייבער, וואס האבן בלויז אפּגעשפּיגלט די שטייגערדיגע יערידעס און אלעס פון דעם אויפגעוואכטן מאסן-גייסט.

אידישע שרייבער האבן פארמאגט אין סאמעק אן אייגן און אייגנארטיג לערעכדיגן וואג-געוויכט, וואס באצייכנט אפט פאר דער אינטעליגענטער קולטור געשיכטע דער קינסטלערישן קיעם פון גאר מיטלמעסיגן ווערק, אויף ווערק וואס וואלטן גאר קיין ווערט ניט געהאט אין אנדערע ליטעראטורן באם שיין פון דער אבסאלוטער עסטעטישער אפשאצונג.

אבער די מאראל־האט שוין דער אלטער פרומער פאסקאל געוואוסט-איז בלויז אן ארטיקע דערשיינונג. און די אידישע ליטעראטור איז אף אזא אויפן געווארן בלויז א נאציאנאלע ליטעראטור, ניט נאר טעמאטיש נאר אויך לויט איר קולטור-באדייטונג. גייענדיק הארט באם גאנגלשאפטלער-באגרעניצטן מאסן וועג איז דער אידישער ליטעראטור אין אלגעמיין שווער געווען ארויסרייסן זיך פון די ווארינ-ליבליכע אבער דריקנדיקע ארעמס פון איר מאראליש-געשטימטן עלעמענטארן מאסן-לעזער. און מחמעס דעם קומט איר אן נאך אַד האיאם אזוי שווער אריין אין דער גרויסער מישפּאכע פון אייראפעאישע וועלטיש עסטעטישע ליטעראטורן.

סאף קאל סאף איז די אידישע ליטעראטור ביז איר לעצטן פעריאד געווען אין א באוואוסטן פראט א באלאגערטע ליטעראטור, א ליטעראטור פון בלאקירטע קאן מען זאגן פאלקס-מאסן מיט א בלאקירטער פאלקס-שפראך. דא איגם אידישן אפגעשפּאנענעם „אינעווייניג״ האט די אידישע ליטעראטור באדארפט אויסטראגן אף אירע קינסטלערישע פלייצעס דעם קאמף פארן וואקסנדיקן וועלטלעכן באַוואוסטזיין פון די מאסן.

און ניט אומויסט איז די אידישע ליטעראטור אזוי נאענט און טייער געווען דעם באוואוסטזיניקן ארבעטער-לעזער, דעם וואס האט איגם קאמף פארן ארגאניש-שעפערישן ארבעטער-צוקונפט געשעפט באגייסטערונג פונם אידישן קונסט-ווארט, דעם וואס האט די אידישע ליטעראטור די קאנסערוואטיווע, ווי די פארשריטלעכע, אויפגענומען איינגאנצן אזט ווי זי שטייט און גייט, ליב באַקומען אירע ארגאנישע דורכפאלן, ווי אירע מייסטערהאפטע דערגרייכונגען ג מאכט א „כיורף״ פון גרויסע און קליינע שרייבער פון אלטע און יונגע געהאלטן גלייך פון יונגע ראָזנפעלדן און דאויד בערגעלסאָנען. ניט אפגעלאָזט אף איין רעגע דעם זיידן מענדעלען און געשלונגען די אומגעריכטע שורעס פון דער נייסטער דיכטונג.

ווערים אן מיט פון דער אָרומיגער אומפרוכטבארער געזעלשאפטלעכקייט איז די אידישע ליטעראטור מיט אלע אירע כעסרוינעס און מוילעס דאָך בעשטאנען א וועלטס-ווירדיגע, א אומאפהענגיקע, א פארטאָגענע און אייגענע

שאַפונגס-פּראָצעסן, און דערמיט גופא געוועקט די שאַפונגס-קרעפטן פון דער אָפּגעשטאַנענער אידישער מאַסן-סבֿיבֿה.

דעם אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַלן פּעריאָד" פון וואָרט-שאַפונג מעג די אידישע ליטעראַטור נעמען דערינען אויף איר געוויסן. זי מעג אַפילו שטאָלצירן מיט יענעם קונסט וואָרט, וואָס האָט אַ אומבאַהאָלפענעם לעבנס אינהאַלט פאַרוואַנדלט אין שפּילעוודיקע פאָרמען. וואָרים גראָד די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור — ס'איז די געשיכטע פון פאָרם מער איידער די געשיכטע פון אינהאַלט. און אדרבא דעם מאַנגל גופא פון אידעאישן אינהאַלט, דעם איבערנערמאָגנס פון אַפּלעמען-מאַנגל, האָט די אידישע ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרם-דערגרייכונג. אי שאָלעם-אליכעם, אי פּערעץ אַפילו, אי דער ניסטער האָבן פון זיך אליין דורך דער פאָרם באַשאַפן דעם אינהאַלט און דיכטעריש געוויזן אויף אַזאַ אופן דעם באַגרעניצטן אינוועניק.

אָבער —

צוזאַמען מיט דער פאַרשוואונדענער אָפּהענגיקייט פונם אידישן אַרבעטס-פאָלק צוזאַמען מיטן פאַרגאַנגענעם געטאָ-אָנמאַכט האָט זיך אויך פאַרענדיקט דער באַלאַגערונגס-צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט זיך אויך אינגאַנצן און מיט אַלעמען פאַרענדיקט דער נאַציאָנאַלער און אינוועניקסטער פּעריאָד פונם אידישן קונסט-וואָרט.

דער פולשטענדיקער פּאָליטישער פולמאַכט פון די אידישע אַרבעטס-קרייזן אין רוסלאַנד, דער פאַרענדערטער לעבנס-אינהאַלט מוז אויך פאַרענדערן דעם טייכן פון דער אידישער קולטור, מוז אויך פאַרענדערן דעם טאָן פונם אידישן שענעם וואָרט. פאַר דער אידישער ליטעראַטור שטייען איצט אַנדערע אויפגאַבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן לעגאַמיע פאַראַנדערשטן לעבן.

דער אַרבעטער-געדאַנק, וואָס ליגט פון איצטערטאָן אין יעסאָד פון יעדער שאַפונגס-טאַט, הייבט אָן פאַרווירקלעכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן וועלט-באַוואוסטזיין און דערמיט גופא באַשטעטיקט ער דעם אַבסאָלוטן ווערט פון יעדער נאַציאָנאַלער קולטור.

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט וואונדערלעך צעשמעטערט די קייטן פון דער דורותדיקער אידישער בלאָקירטער אויסקומעניש. דער אידישער „גאָלעס-צושטאַנד" האָט זיך איצט אָקאָרשט אויף אונזערע אויגן אינגאַנצן און מיט אַלעמען פאַרענדיקט. און ווי אַמאָל, בעת'ס געטאָ האָט, אַרומקוקנדיק זיך אין פאַרשוואונדענעם מיטלאַלטער, פאַרשטאַנען אַז די אייראָפּעאישע ליטעראַטור מוז און וועט אָנהייבן פאַרווירקלעכן איר אינטערנאַציאָנאַלן מעהוס — דאַרף און מוז די אידישע ליטעראַטור אויך אַרויס איצט פון איר אָרגאַנישן ביז אַהער „אינעווייניג" און אַריבערטראָגן איר קינסטלערישן באַוואוסטזיין אויף יענעם צענטראַלן פּינטל, וואו ס'ציִען זיך צונויף די לעבנס-שטראַלן פונם אינטערנאַציאָנאַלן אויסקומעניש, ווייל פון אָט דעם צענטראַלן פּינטל וועט פון איצטערטאָן שוין שעפּן זיין יעניקע דער באַפרייטער וועלט-באַוואוסטזיין פון דעם אידישן בייגייסט.

פאַר דער אידישער ליטעראַטור דאַרף „דאָס נאַציאָנאַלע" ווערן אויס סוביעקט ס'דאַרף ווערן אַ אָביעקט. די פּראָבלעם, די אָביעקטיווע וועלט-פּראָבלעם,

וועט מעמילע ווערן דעמאָלט דער טאָך און דער טייכן פון דער אידישער ליטעראַטור, ווייל מעמילע וועט די אידישע ליטעראַטור אַריינגיין אין גרויסן קרייז פון וועלט אינטערעסן און מיט די שוין אָנגעוואַקסענע אויסדריק־מיטלען פון נייעם אידישן וואָרט־מאַטעריאַל באַשאַפן דעם קינסטלערישן בנין פון דער כקיפע.

און נאָך.

דער שעפערישער מענטשן־גאַנג גייט אויפן וועג פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז וויסנשאַפט, ס׳איז די באַוואוסטזיניקע אָרגאַניזירונג פון די נאַטור קרעפטן, דער מאַטעריאַליזירן, אַזוי צו זאָגן, פון דער לעבנס־ענערגיע. און די קינסטלערישע ליטעראַטור פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־אויפבויאונג דאַרף ווי די סקולפּטור האַקן אירע וואָרט־ווערטן פון פאַרטיגע, דורכן געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין אָרגאַניזירטע לעבנס־פּלאַסטן. דער שרייבער דאַרף אויפהערן באַשרייבן. ער דאַרף אָנהייבן בויען און ווי יעדער בויער מוז ער געניט באַקאַנט זיין מיטן דורכאויס מאַטעריאַליזירטן לעבן, מיטן אַרויסברעכן אויפן אויבן־אויף וועלט־שטאָף, וועלכן ער, דער מייסטער, מוז קענען קינסטלעריש באַהערשן.

דאָס קאָנסטרוקטיווע, דאָס בויערישע — ס׳איז דער סטיל און כאַראַקטער פון דער צייט. ס׳איז דער קינסטלערישער נוס, דער כידעש פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס הייבט זיך אָן שאַפן אויף אונזערע אויגן.

און אַנשטאָט דער אינטים־מיסטישער בעדיגער טעגלעכקייט פון דעם ביזאַנטיגן בירגערלעכן שטייגער מיטן שטיל־לעבן פון דער שטימונגס־דיכטונג, אַנשטאָט דעם פאַרכאַלעמטן סטיליזירטן איינדרוק מוז קומען די אויפגעבראַכטע עקספּרעסיווע שורע, מוז קומען די פולע און בינטע אויסדריקלעכקייט פון איינפאַכן שלאָג־וואָרט, וואָס דאַרף מער זיין אַן אַלטע רויע געבויטן און טראָגן אין זיך דעם בויערישן קוואַל פון דער אַרבעטס געזעלשאַפטלעכקייט.

אַנשטאָט דער שרייבערישער פאַרזעלבסטלעכקייט, וואָס וויקלט פונאַנדער אינטראָספּעקטיוו דעם קנויל פון בלויזע נעשאָמעדיקע „וואָס געהערט־וואָס געזען“ איבערלעבונגען, דאַרף קומען דער שרייבער, וואָס אַרבעט איבער אָביעקטיוו געגנשטאַנדן. דער שרייבער, וואָס באַהערשט די אויסגעצייכנטע וועלט־דערפאַרונג מיט דיכטערישע דערהויבונגען סינטעטירנדיק אויף אַזאַ אופן דעם סימבאָל מיטן געמיל אָדער אַנדערש געזאָגט: די ניכטערע עקספּרעסיע מיט דער טעמפּעראַמענטישער אינטואיציע איז אַט. דער אידישער שרייבער דאַרף אויך פון איצטערט אָן זיין ניט גאָר קיין שעפער נאָר אויך אַ בויער.

דעם קאָנסטרוקטיוון וועג האָט ביי אונז אין דער ליטעראַטור שוין אָנגעפאַנגען בערגעלסאָן. איינע פון די הויפּט מיילעס פון זיין „נאָך אַלעמען“ איז די אַרכיטעקטאָנישע גאַנצקייט, די פּלאַסטישע „צונויפגעשטעלטקייט“ פון דעם דאָזיקן ראָמאַן, וואו דער אימפּרעסיוו־אויפגעפאַסטער לעבנס־שטייגער האָט אַ דאַנק דער קאָנסטרוקטיווער פאָרם באַקומען אַ אָביעקטיוון אינהאַלט. אין „נאָך אַלעמען“ זיינען לירישע צושטאַנדן קאָנסטרוקטיוו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשעענישן. שפּעטער האָט דער מייסטער אין אַ ריי ווערק, אין דער מאַיסע „אין מידבר“, דער איקער, באַוויזן די קראַפט פון אָביעקטיווער ווירקלעכער קאָנסטרוקציע און דאַוויד האָפשטיין האָט אין זיין טעכניש־שטאַרקן „אָקטיאַבער“ שוין אָנגעצייכנט דעם

נייעם וועג פון דער „דורכגעארבעטער“ בעמיִיעש בויערישער ליד.

יא. דורך דער פארנעמער בויערישער פארם ווערט אונזער דיכטונג קומען צו דעם אידישן און אלגעמיינעם קולטור-מאטעריאל, וואס דער טיפער נעכטן און דער רייכער היינט האבן אנגעזאמלט.

דער איפגעריסענער „אינעווייניג“ איז קלאל מער ניט מעסוגל פארציען מיט זיין ליבליכער ארגאנישקייט די קליינע ווערק, וואס מערן זיך ביי אונז און וואס „פארלוירן“ בלויז א קליינעם ווינקל פון דעם אויפגעדעקטן ריזיגן לע-בענס-אינהאלט.

די רעוואלוציאנערע צייט האט באשאפן דעם רוים פארן ווארט-מאנומענט.

די אידישע ליטעראטור מוז צוזאמען מיטן אויפגעשטייטלטן אידישן געדאנק ארויס אפן וועלט-פלאץ.

און די קולטור-לאנד איז פאר איר א ברייטע און א רייכע.

י. דאברושין.

ש. גאָרדאָן

וואָרט און לעבנסשטיינער.

I

פונם היסטאָריש־פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט איז קונסט בעעצעם דואַליסטיש געשטימט. דורך די פאַרשיידנאַרטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען דרינגען טאָמיד אַדורך צוויי הויפּט־שטראָמען: פון מער אָדער ווייניק וויטזיכטיקע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַרגעפילן און פונם באַשטענדיקן שטרעבן צום ווירקזאַמען „וואָרט פון אַלע ווערטער" — צום לאָגאָס. ביידע שטראָמען קאָנען באַטראַכט ווערן ווי צוויי באַשטימטע אידייען, וואָס קומען אין אַ באַרירונג איינע מיט דער צווייטער.

אין דער ערשטער אידייע דריקט זיך עפּשער אויס אַפן שטריינגסטן אויפן דער היסטאָרישער באַרוף פונם קינסטלערישן שאַפן, אין דער צווייטער — די פונאייביקאָניקע נעטיע צום קיינמאָל ניט פאַרקערפּערטן און דאָך (ווי ס'דאַכט זיך אויס דעם קינסטלער) פאַרלאָרענעם שירעש פונם וואָרט, וואָס וויל אומ־מיטלבאַר מאַשפּיע זיין אַפן לעבן, איבעראַנדערשן דאָס לעבן דורך אַ גייסט־היסגאַלעם.

די אידייע פון די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַרגעפילן איז שטרייננ געשיכטלאַך, ווייל זי באַזירט זיך אַף פאַרוויקלטע געשעענישן פונם פּעריאָדישן לעבנס־שטייגער און איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אים. דער קינסטלער זעט פאַראויס דורך זיינע פאַרגעפילן אומגעהייערע סטיכישע געשעענישן, אומגעהייערע מאָימים, וואָס שטייען אַריבער דעם סאַמע שטאַרקסטן „קויאַך האַדיבור"... ער זעט פאַראויס אומערוואַרטעטע דערשיינונגען, וואָס פאַרשפּאָרן ווערטער און „ריידן" מיט אויסערגעוויינלאַכע פאַקטן; דערשיינונגען, וואָס אַנטוויקלען זיך אַף אַזוי פיל האַסטיק, אַז ווילנדיק ניט ווילנדיק גייען זיי אַרויס פון די ברעגעס פון דער געשיכטע און באַקומען אין אונזער סוביעקטיווער פאַרשטעלונג אַן איבערגעשיכטלעכן כאַראַקטער.

די דאָזיקע דערשיינונגען געפינען זיך ניט אין רשום פונם קינסטלערישן וואָרט, ווייל זיי זיינען צופיל איבערגעשיכטלעך אין דער פּאַטענץ, ווייל דער קינסטלער אַליין האָט זיי נאָכגעשפּירט אין זיינע כאַאָטישע זעאונגען אַפן וואָר.

אין זיינע פארפלאָנטערטע כאַלוימעס און האָט זיי סאָף קאָל סאָף אריינגערעדט פון הײַז...

די נעפּלהאַפטע פּאַרגעפילן פאַרווירקלעכן זיך גאָר מיט אַ באַזונדערן אומ־פּאַראייסגעיעגעט איכפּעט, מיט אַ באַזונדערן שפּאַן.

דער איבערפלוס פון דערשיינונגען, וואָס בילדעט אין אונזערע איבערלע־בונג די איבערגעשיכטלעכקייט פון דער נייער עפּאָכע הויבט אָן שפּירן אַ באַ־דערפעניש צו פאַרקערפּערן זיך אין אַ נייעם גאַרבאַרייטערטן און באַרטיפסטן וואָרט הויבט אָן זוכן נייע ברעגן. די נייע עפּאָכע האָט אין איר שטייגן אָנגעהויבן פאַנאַנדערטראָגן איבער דער וועלט אומגעהערטע, אָפּטמאָל ניט גלידאָרטיקע קלאַנגען, וואָס גיסן זיך גינויף אין נייע אַקאָרדן; אַז די נייע אַקאָרדן פילן אָן דעם אַלטן אויסגעלײַדיקטן דורכשניטלעך־מעסיקן לעבנסשטייגערדיקן וואָרט. דאָס נייע פאַרברייטערטע וואָרט באַהעפט זיך אומפאַרמײַדלעך מיט די געיאָר־שנטע דערגרייכונגען פונעם אוראַלטן שעפערישן וואָרט, מיט זיינע אייביקע ווערטן און עפנט פּערספּעקטיוון פאַר נייע אַנטפּלעקונגען.

אַף אַזאַ אופן קומט די אידייע פון פאַרגעפילן אין אַ באַרירונג מיט דער אידייע פונעם לאַנגאָס: הורך איבערגעשיכטלעכקייט באַגעגענען זיי זיך.

די אידייע פונעם לאַנגאָס באַווײַזט זיך אָבער אַף גאָר אַן אַנדער פּסיכישער דערפאַרונג, אין אירע טיפסטע פאַרהוילענע קאַוואַנעס איז זי טאָמיד איבערגע־שיכטלעך, נאָר די ראַזיקע איבערגעשיכטלעכקייט (אין סוביעקטיוון זין) מוז דאָך אויך אַריין אין דער געשיכטע, פונקט ווי דער סאַמע אינטואיטיווסטער געדאַנק מוז דאָך סאָף קאָל סאָף באַקומען אַ לאָגיש־אויסגעהאַלטענעם אויסדרוק. די דאָזיקע אידייע היפערט אין אירע פאַרבאָרגענע פּראָצעסן גאַנצע יאָרהונדערטן, גאַנצע עפּאָכן און האַלט אין איין זוכן דעם אייביק פאַרלאָרענעם גאָן־אײדן, דעם פאַרלאָרענעם גאָדים פון אַריאַדנאַ, ציט זיך דורך צעשאָטענע דורעס צו איר אייביק פאַרהוילענעם יסאָב, און געפינט אים ניט מיט אירע אייגענע קויכעס.

דער לאַנגאָס האָט זיך שוין לאַנג מעיאַעש געווען אין דער געשיכטע, ער האָט זיך איבערזעטיקט מיט געשיכטלעכע דערפאַרונגען, פלייסט זיך באַפרייען פון זיי, איבערהיפּערן זיי און איז אָבער טאָמיד ניט ווילנדיק אָפּהענגיק פון דער געשיכטע. ער בלייבט טראַגיש־אַנטעכטיק, ביז וואַנעט ער קומט ניט אין באַרי־רונג מיטן נייעם וואָרט פונעם שוין־פאַרווירקלעכטן פאַרגעפילטן פאַקט. אומווילנ־דיק נעמט ער אָן אַ געשיכטלעכן כאַראַקטער. נאָר אין דער געשיכטע גופע בלאָזט ער טאָמיד אַריין זיין אַקשאַנעסדיקע איבערגעשיכטלעכע נעשאָמע, גיט שטענ־דיק אַנצוהערעניש אַף היסטאָרישלאָזע אייביקייט. אַן און פיר זיך בלייבט ער אָבער אַן אייביקע אוטאָפּיע, וואָס באַווײַזט זיך אָפּן אומפאַרגעגלעכן קאָנקרעטן מיפּ, אָפּן איבערגעשיכטלעכן רעאַליזם פונעם איינמאָל דערשינענעם וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך אַ ווילן צו גייסט־היסגאַלעס און פאַרמאָגט אַן אימפּולס צום איבערגעשיכטלעכן שאַפן...

און אַז דער לאַנגאָס איז ניט בעקוואַך איבעראַנדערשן דאָס לעבן, קומען

אין גרויזאַמע געשעענישן, קומט אָן אין דער געשיכטע אַן איבערגעשיכטלעכע עפּאָכע, וואָס דערנענטערט דאָס וואָרט צום אַנטבלויזטן פאַקט און פאַרקערט. זיי זוכן איינער אינם צווייטן דעם איינהייטלעכן שוירעש.

די דאָזיקע אידייען, פירן צווישן זיך אַן אומאויפהערלעכן שטרייט, נאָר לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז זיי זײַנען צוויי נעשאָמעס אין איין קינסטלערישן גייסט, אַז זיי לעבן באַם גענויאַלן קינסטלער אין די טיפענישן פון זײַן שאַפן; ביידע אידייען קרייצן זיך איבער אין זײַן קוואַד־האַדימיען, ביידע ריידן זיי פון היץ, מישן זיך אויס אין זײַנע אומקלאָרע, פיבערהאַפטע כאַלוימעס און פאַרגייען אין די טיפסטע טיפן פון זײַנע זעאונגען. זיי קרייצן זיך איבער ניט נאָר אין דער נעשאָמע פונם קינסטלער, נאָר אויך אין דער געשיכטע. אַדאַנק דעם אַלעם באַקומט סיי די קונסט, סיי די גאַנצע קולטור אַ טיף דראַמאַטישן כאַראַקטער.

און באַם שיין פון דער נייער עפּאָכע, ווען דער איבערפלוס פון פאַקטן טראָגט אין זיך אַ קערנדל פון אַ נייעם וואָרט — קאָן דען וואָס ס'איז זאָגן פון זיך אַליין, ענטפערן אויף אַלע טאַינעס פונם קינסטלער אָט דער אומפאַרקערפּערטער, פאַרשטומטער אוראַלטער לאָנאָס מיט זײַנע אייביקע קאַוואָנעס צו באַהעפטן דעם „מאור הקטן“ מיטן „מאור הגדול“?

בלויז שטומערהייט קאָן ער אַרײַן אין דער געשיכטע, קדיי ווידער קומען אין באַריִרונגען מיט נייע קינסטלערישע צוקונפט־פאַרגעפילן.

און ווי ווײַט די דאָזיקע אידייען זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערגיין „סוב ספּעציע־עטערני“, — נעענטערן זיי זיך אָבער פונם געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט און גייען זיך צונויף אינם אַקשאָנעסדיקן אָפּלייקענען דעם אַלטן, אויסגעוועבטן, צעפוילטן לעבנסשטייגער. אָט די אידייען־היסקאַרוועס לאָזט זיך שוין שפּירן אינם נייעם קינסטלערישן שאַפן. — דער גרויסער רוסישער קינסטלער אַנדריי בעליי, וואָס שילדערט אונזער עפּאָכע אין איר פולן פאַרנעם, ברענגט אונז די שאַרפסטע פּאַראָדיע אויף דער אַלטער קולטור, אַנטפּלעקט אין נייע פאָרמען אירע „טויטע נעפאַשעס“ און שאַפט אין זײַן „עפּאָפּעע“ אַ מיטאָלאָגיע פונם געשיכטלעכן לעבנסשטייגער.

II

די טיפסטע באַוועגונג פונם קינסטלערישן שאַפן ברענגען אונז צו דער פראַגע וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן וואָרט און לעבנסשטייגער.

די קונסט האָט טאָמיד געצויגן איר יעניקע פונם געגנוואַרטיקן אָדער פונם וויט־געשיכטלעכן לעבנסשטייגער. קיין איין קינסטלערישע ריכטונג האָט זיי ניט געקאָנט אויסמיידן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פאַרשיידנאַרטיקע „רעקאַדענטישע“ אָדער סימוואָליסטישע ריכטונגען, וואָס פלעגן זיך אָפּגעבן בלויז מיט „אייביקע פּראָבלעמען“ האָבן זיך ניט נאָר ניט דערווייטערט פון לעבנסשטייגער, נאָר פאַרקערט — פאַרברייטערט זײַן פאַרנעם, געבראַכט אים אין פאַרבינדונגען מיט די סאַמע ראַפינירטסטע איבערלעבונגען. זייער אויפמערקזאַמקייט פלעגן באַזונ־

דערם צוציִען די פאַרבאַרגענע מחיצעס צווישן די לעבנסשטייגערדיקע פּעריאָדן אין מאָמענטן, די פּסיכאָלאָגיע פון זייער פאַרגענגלעכקייט.

די קינסטלער פון אָט די ריכטונגען, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן געווען אין דער „אייביקייט”, האָבן סאָף קאָל סאָף אַנטדעקט נייע אָביעקטן אינם לעבנסשטייגער, און דערהויבן אים ביז צו דער מאַדריגע פון אַ פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגישער קאַטעגאָריע.

די סימוואָליסטישע ריכטונג, וואָס פלעגט אויסערלעך אויסמיידן דעם „געוויינלעכן” לעבנסשטייגער האָט אָבער אינערלעך געלייטערט די טיפסטע לעבנסשטייגערדיקע איינדרוקן, האָט פאַרמאָגט גרויסע לעבנסשטייגערדיקע דערפאַרונגען, און וואָס ווייטער, אַלץ אָפטער באַגעגענען מיר אין דער סימוואָליסטישער דיכטונג עסטעטיזירטע בילדער פונם לעבנסשטייגער, ווי פאַרבאַדייטונגען פאַר פאַרשיידענע אידייען. און די סימוואָליסטישע דיכטונג האָט דאָך צוגעגרייט אַ באָדן פאַר די שפּעטערדיקע דיכטערישע ריכטונגען, אין וועלכע דער לעבנסשטייגער שפּילט שוין אַ דאָמינירנדיקע ראָל; אָט די שפּעטערדיקע ריכטונגען האָבן אַריינגעבראַכט דעם לעבנסשטייגער אין זיין גאַנצער „געאָגראַפישער” לענג און ברייט מיט אַלע זיינע מינדסטע באַוועגונגען און ניואַנסן, מיט זיין גאַנצער עקספּרעסיע...

אַזוי אַרום איז אַפילע די קונסט, וואָס איז אויסערלעך אָפּגעזונדערט פונם לעבנסשטייגער, אין מאָך אַריין,—איבערפולט, אָנגעדראָלן מיט סאָציאַלע שפּירונגען.

III

די פאַרווירקלעכקייט פונם קינסטלערישן שאַפן לאָזט זיך באַזונדערס שפּירן אין די זעאונגען און כאַלוימעס פונם קינסטלער.

ס'איז מערקווירדיק, אַז מיטן וואוקס פון די סטירעס פונם לעבנסשטייגער קומען צו אַלץ מער און מער זעאונגען אין דער קונסט. די טיפסטע סאָציאַלע און אינדיווידועלע סטירעס פונם לעבנסשטייגער, וואָס ווערן ניט פאַרענטפערט דורכן קינסטלער, געפינען פאַר זיך אַן „ערד־מיקלט” אין זיינע קינסטלערישע זעאונגען. אָט די זעאונגען זיינען איינגענעמלעך סימוואָלן פון ניט פאַרענטפערטע סטירעס, פון סאָציאַלע און אינדיווידועלע פּראָטעסטן, וואָס באַגנוגן זיך ניט מיטן וואָרט, וואָס ווילן איבערשטייגן דאָס וואָרט, נאָר זיי זיינען באַגרענעצט מיטן וואָרט. די שאַרפסטע סאָציאַלע און אינדיווידועלע סטירעס מישן זיך אויס אין די זעאונגען, אַזוי, אַז דאָס קינסטלערישע וואָרט אַנטפּלעקט זיך אין אַ פיבערהאַפטן צושטאַנד און הייבט אָן ריידן פון היץ...

דער לעבנסשטייגער ברעכט זיך איבער אין אָט דעם פיבערהאַפטן קינסטלערישן וואָרט און די קינסטלערישע זעאונגען הויבן אָן אָפּשפּיגלען אָפטמאָל ווי אין אַ קרומען שפּיגל דעם איבערפלוס פון די אויפגעוויערטע סאָציאַלע און אינדיווידועלע פּאָטענצן, וואָס זיינען טיף באַהאַלטן אינם לעבנסשטייגער. דאָס פיבערהאַפטע קינסטלערישע וואָרט שפּיגלט אָפּ די גאַנצע פאַרווירקלעכקייט פונם

סאָציאַלן וועזן, דעם גאַנצן פּלאַנטער פונם אינדיווידועלן מהוס און דעם קינסט־לערס פאַרגעפילן. און דאָס אַנגעשטרענגטע ווירקזאַמע וואָרט, וואָס וויל מאַשפּיע זיין אָפן לעבן, איבעראַנדערשן דאָס לעבן און זיך אַליין גיוועער זיין — לאָזט זיך אוים מיט אַ פּלאַפּלען פון היץ. אָף אַזאַ אויפן דריקן זיך אוים אין די קינסטלערישע זעאונגען — דער ייעש פון אָט דעם ווירקזאַמען וואָרט, זיין אָנ־מעכטיקייט, דער פאַרביטערטער געראַנגל פונם וואָרט מיט די נאַטורגעזעצן, דער געראַנגל צווישן קונסט און לעבן אין דער קונסט גופע.

דאָס וואָרט אָבער, ווי אַנגעשטרענקט עס זאָל ניט זיין — קאָן זיך קיינ־מאָל ניט בייקומען: ער האָט זיין געשיכטע —זיין פאַרגאַנגענהייט, געגנוואָרט און צוקונפט. און באַם געניאַלן קינסטלער דריקט אוים דאָס וואָרט אָפן ביי־לעטסטן אויפן זיינע קינסטלערישע צוקונפט־פאַרגעפילן.

אָט דאָס זיינען — אין אַלגעמיין גענומען — די הויפּט־מאָמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם לעבנשטייגער אין די קינסטלערישע זעאונגען, זיין ריידן פון היץ.

IV

אונזער ליטעראַטור האָט עפּשער פריער ווי אַנדערע אַנגעהויבן ריידן פון היץ. אין דער צייט, ווען באַ אַנדערע פעלקער האָט די ליטעראַטור טכילאַס דורכ־געמאַכט מער אָדער ווייניקער געלאַסענע עטאַפּן, איז אונזער ליטעראַטור האָס־מיק אַרויסגעפאָרן אָף דער „קליאַטשע". שוין דער ערשטער אַרויספאָר אירער אין דער וועלט אַריין באַצייכנט זיך מיט אַ קרענקלעכער זעאונג מיט אַ פיבער־האַפטן וואָרט.

אונזער ליטעראַטור איז רייך מיט זעאונגען, נאָר אַלע זיינען זיי געוווענדעט צום אָוואַר; אַפילע די צוקונפט־פאַרגעפילן, וואָס זי פאַרמאָגט — זיינען אויך באַלויכטן מיטן אָוואַר־שיין. דעם אידעאַל פונם „גאַנצן מענטש און גאַנצן אידן" האָט זי געשאַפן יאָכן צעלעם פון אָוואַר, נאָכן ביבל־שטייגער.

אַנזערע קינסטלער האָבן נענוג ברייט געשילדערט דעם לעבנשטייגער, נאָר קיינמאָל איז ער ניט פאַרגעשטאַנען, ווי אַן אָביעקט פאַר אַ גרויסן דראַמאַטישן שאַפן. צו קליין איז געוועזן דער פאַרנעם פון די סאָציאַלע געשעענישן אינם אידישן לעבנשטייגער, דערביבער זיינען די דראַמאַטישע מאָטיוון אין אונזער לי־טעראַטור מערסטנטייל אויך באַהעפט מיטן ווייטן אָוואַר. אונזער ווייטער אָוואַר אינם געשטאַלט פונם ביבל־וואָרט איז געוועזן דער וועג־ווייזער אין אונזער קינסטלערישן שאַפן.

דאָס ביבל־וואָרט איז דער פאַטום פון דער אידישער ליטעראַטור. טראָט באַ טראָט איז ער נאָכגעגאַנגען דעם קינסטלער, באַגלייט יעדע באַוועגונג זיינע.

דאָס ביבל־וואָרט האָט געשפּילט אַן אייגנאַרטיקע ראָל אין דער אידישער ליטעראַטור: ער האָט געמעסיקט דעם אומזין פון אונזער הינקעדיקן לעבנשטיי־גער, וואָס האָט אָפן זואָר עפּשער נאָך מער גפלוידערט פון היץ, ווי אין דער לי־

טעראַטור. וואָס איז יען מענדעלעס פּאַראַדיזישן די נאַטור, אויב ניט אַ בוימאייל אף פאַרגרעבטע גלידער? דאָס פּאַראַדיזישן די נאַטור איז בײַ אים ניט קיין קינסטלערישע דערגרייכונג, נאָר עפּעס אַ צוטרעטלעך־פאַרשטענדלעכער מאָשל, אַ באַלערנדיקער קעגנזאַץ צום לעבנשטייגער, אַן אָנזאָג, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ „וועלט מיט וועלטעלעך", און פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אַ קאָפּירונג פון אַוואַרבילדער, אַן אָפּקלאַנג פון שול־מינהאָגים.

מענדעלע האָט געיאָלבעט מיטן ביבל־וואָרט. עס איז בײַ אים יאָנטעוודיק געשטימט, אַנטפּלעקט זיך אין אַ קויהען־גאָדלשן געשטאַלט און שמעקט מיט בסאָמים. אָט דער רייאַך־ניכויאַך פונם ביבל־וואָרט איז געווען פאַר מענדעלען אַ שטיץ־פונקט און „פאַר לײַטן" אַ יאָנטעוודיקע טרייסט.

בײַ שאָלעם־אַליײכעמען איז דאָס ביבל־וואָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכעדיקער לעבנשטייגערדיקער דערשיינונג, אין אַן איינהאָרע־אָפּשפּרעכעניש. דער לעבנשטייגער האָט בײַ אים עפּשער מער, ווי בײַ אַלע אונזערע קינסטלער, געפּלאַפּלט פון היץ, און דאָס ביבל־וואָרט פלעגט ניט נאָר אָפּשפּרעכן איינהאָרעס, נאָר אויך איינצווינגען דעם היציקן טומל פון לעבנשטייגער; אָפטמאָל, פלעגט עס אַפילו דינען פאַר אַ „היץ־העמער", וואָס מען וואַרפט אַרויף אַף אַ מיטורעף, אָדער ווי אַ קאַלטער קאָמפּרעס צו אַ הייסן שטערן. וואָס זײַנען דען מנאַכעם־מענדל און טעוויע דער מילכיקער אויב ניט אַ הוילער לעבנשטייגער אין היץ־צושטאַנד. דער אונטערשייד צווישן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס בעשאַס דאָס ביבל־וואָרט איז פאַר מנאַכעם־מענדלען אַ גלייכווערטל, וואָס באַרואיקט די צעטראָגענע נעשאָמע, איז עס פאַר טעוויען אַגלייכוואָרט, אַ פרומע גלייכוואָרט, צו וועלכן ער האָט עפּשער מער דערעך־ערעץ, ווי גלויבן. טעוויע דעם מילכיקערס טראַגישקייט דריקט זיך אויס אין זײַן אינעווייניקסטער וואַקלעניש צווישן גלויבן און דערעך־ערעץ צום ביבל־וואָרט; און סאָף קאָל סאָף האָט דאָס ביבל־וואָרט איינגעשטילט זײַנע פּראָטעסטן און ווייטאָגן; עס האָט מער, ווי בײַ אַנדערע פון אונזערע קינסטלער געמעסיקט דעם אומזין פון לעבנשטייגער. אָט דאָס האַרמאָנישע מעסיקן דעם לעבנשטייגערדיקן אומזין בילדעט און כאַראַקטעריזירט שאָלעם־אַליײכעמס איינגנאַרטיקן סטיל.

סאַי מענדעלע, סאַי שאָלעם־אַליײכעם האָבן זיך באַנוצט מיט ביבל־וואָרט, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך און אָפּגעשפּיגלט די פּערספּעקטיוון פון זייער שאַפן. זיי האָבן אים ניט איבערגעשטיגן: קיין צוקונפט־פאַרגעפילן האָבן זיי ניט געהאַט און עפּשער ניט געקאָנט האָבן.

שאָלעם אַש האָט זיך ניט איינגעהאַלטן אין „קוילער־געסל", עס איז געבליבן בײַ אים אַ הינטער געסל, ס'איז ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון אַ קראַפטפולן סאָציאַלן קאַמף.

אַש איז געבליבן טרײַ זײַן מוזע פון לעבנשטייגערדיקע זעאונגען. ער איז אײַנגאַנצן באַגײַסטערט פון ביבל־וואָרט, וואָס אַנטפּלעקט זיך בײַ אים אין ליריש־עסטעטישע פאָרמען. ער פאַראַוועט דעם לעבנשטייגער אַפילו אין זײַנע צוקונפט־זעאונגען. איז דען „שלוימע נאָגיד" ניט געשאַפן געוואָרן נאָכן צעלעם

פון אונזערע „אבותיאבותינו״. קיין אנדערע פארגעפילן האט ער דערוויל נים פארקערפערט.

נאך מענדעלען און שאלעם־אליינעמען האט אש געמאכט שוין א שריט פאראויס: ער האט האלב אוניווערסאליזירט, האלב אינדיווידואליזירט דאס ביבל וואָרט. אט די האלבקייט לאזט זיך שפירן אין זיין צוקונפט־אידעאל פונם „גאנצן מענטשן און גאנצן אידן״.

גאנץ אנדערש האט זיך אפגעשפיגלט דאס ביבל וואָרט בא פערעצן. אין זיינע קינסטלערישע אוואר־זעאונגען האט עס דערגרייכט ביז צו א מאדריינע פון אן אוניווערסאל־פילאזאפישער קאטעגאריע.

פערעץ האט געהאט פאר זיך א גרויסע אויפגאבע — שאפן אן אויסגלייך צווישן די ווערטן פון אונזער אלטער קולטור מיט די ווערטן פון דער מאדערנער אייראפעאישער קולטור אין דער הינזיכט פון קאמפליצירטן געדאנק און פסיכאלאגישער פארוויקלטקייט; דעריבער זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פאר פערעצן זיינע פסיכאלאגישע קעגנזעצלעכקייטן, זיין טיפער כוש צו שטילע, שטומע נשאמעס און צו שטורם־גייסטער, צו דעם אלעם, וואס באשטימט דעם פסיכאלאגישן דואליזם פון די אייראפעאישע קולטור־ווערטן. דורכן ביבלוואָרט האט פערעץ דערהויבן דעם אייגנארטיקן אידעאלאגישן אינהאלט פון אונזער אוואר ביז צו די אידעאלאגישע דערגרייכונגען פון דער אייראפעאישער קולטור, האט געשאפן אן אויסגלייך צווישן אידישן קולטור־אוניווערסאליזם מיטן אוניווערסאליזם פון דער וועלט־קולטור; דערין איז עפשער באשטאנען זיין היסטארישער בארוף. און אדאנק דעם, וואס דאס ביבל־וואָרט איז געווען פאר אים א מיטל, נים קיין ציל, האט זיין אינטואיטיווער שאפן געטראגן א שארף ראציאנאליסטישן אפדרוק, געהאט א ראציאנאליסטישן ווידער־טאם.

פערעץ האט דערהויבן דאס ביבל־וואָרט ביז צו דער העכסטער אינטעלעקטועלער מאדריינע, נאר אלס וויטזיכטיקער קינסטלער האט ער זיך נים באגנוגנט מיט אים.

אין אונזער ליטעראטור האט פערעץ דער ערשטער דערשפירט די נויטיקייט אין א נייעם זיסנאלוס־וואָרט. ער האט געטרוימט פון א נייער „אידישער וועלט־אנשוינונג״, נאר זיינע פארגעפילן האט ער נים באוויזן צו פארקערפערן. אף אזא אויפן זיינען די ערשטע צוקונפט־פארגעפילן אין דער אידישער ליטעראטור פארבליבן א רעטעניש.

אנהייבנדיק מיט מענדעלען און ענדיקנדיק מיט פערעצן האט דאס ביבלוואָרט דורכגעמאכט אין דער אידישער ליטעראטור פאלגנדיקע פאזיסן: בא מענדעלען די יאנטעוודיקייט פון ביבל־וואָרט, בא שאלעם־אליינעמען—די וואָכעדיקייט, בא אשן — די ליריש־עסטעטישקייט, בא פערעצן די פילאזאפישקייט.

און ס׳איז קיין וואונדער נים: אונזער לעבנשטייגער איז דאך געווען פארבונדן מיט די ביבל־טראדיציעס, באהויכט מיטן „רויאך ניכויאך״ פון ביבלוואָרט.

די עוואָלוציע פונם ביבל־וואָרט איז דערגאַנגען ביז בערגעלסאָנען און בײַ אים האָט זי זיך איבערגעבראָכן.

V

בײַ בערגעלסאָנען האָט אונזער אַלטער לעבנסשטײַגער אײַנגעריסן מיטן ביבל־וואָרט: ער האָט זיך „אויסגעוועבט”; דאָס ביבל־וואָרט האָט אַף אים זײַן האַשפּאָע פאַרלאָרן; דער לעבנשטײַגער איז געבליבן אָן אַ וואָרט. און „נאָך אַלעמען” האָט זיך דער „אָפּגאַנג” אָנגעהויבן...

אין בערגעלסאָנס קינסטלערישן שאַפן האָט זיך די שטומקײַט פאַנאַנדערגערעדט. ס'זײַנען אַנטשטומט געוואָרן אי די „טויבע” אי די געהאָרכזאַמע. וואָס איז אַ לעבנשטײַגער אָן אַ וואָרט? ס'איז טוהו־וואָוואָהו, ס'איז הע־וועלהאַוואָלים. די העלדן פון בערגעלסאָנס ראָמאַנען בענקען נאָך אַ נײַעם פרישן וואָרט און געפינען אים נישט. אומבאַהאָלפענע פלאָנטערן זיי זיך אין „נודזשעדיקן” וואָרטלאָזן לעבנשטײַגער און מאָנען עפּעס מיט היציקע בליקן.

„גענודיעט” און „געזאָגט” אָט די צוויי ווערטער כאַזערן זיך איבער בײַ אים נאָכאַנאַנד. דער לעבנשטײַגער איז פאַרטויבט געוואָרן. עמעס, דער קרעפּמיקער „טויבער” איד כראָגט אין זיך אַ סאָציאַל־עטישן פּראָטעסט; „ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אַ נויטיק, זייער אַ נויטיק וואָרט” און נישט געקאָנט, קיין לאָשן נישט געהאַט, און זײַן פּראָטעסט לאָזט זיך אויס מיט אַן אומזיניקן פאַרברעך. אין אָט דער הינזיכט איז דער קרעפּמיקער „טויבער” איד אַ שריט פאָראויס נאָך „באָנציע שווײַג”, האָגאָם זייערע בײדנס פאַרלאַנגען זײַנען זייער ענלעך. דער „טויבער” איז שוין אָבער קרעפּמיקער פון „באָנציע שווײַג” אין זײַן איבערלעבן רעאַגירן אַף דער אָרעמקײַט; נאָר ער רעאַגירט אין כאָלעם, נישט אין דערווירקלעכקײַט: „דעם טויבן כאָלעמט זיך זײַן עסטער... נאָר אין דער ווירקלעכקײַט טראַכט ער, אַז ער האָט ליב וואָרימקײַט, אַ קאָפּ פון אַ פיש און פרישע כאַלע”. אָט אַזוי שילדערט אונז בערגעלסאָן דעם קרעפּמיקן „טויבן אידן”, וואָס „טראָגט אַף זיך די יעסורים און די מאָרע שכוירע פון די שלאָפעדיקע”.

און וואָס איז אַזוינס דער שלאָפלאָזער „נאַכט־איד” מיט זײַנע אויגן, „וואָס מאָנען עפּיס שטום, נאָר נאָגנדיק אָן אויפהער? פּונקט ווי דער „טויבער” סימוואָליזירט ער די יערידע פון לעבנשטײַגער, נאָר בעשאַס דער טויבער סימוואָליזירט די „באַטאָגיקע” נעשאָמע פון געגנוואַרטיקן לעבנשטײַגער סימוואָליזירט שוין דער „נאַכט־איד” די „נאַכט־נעשאָמע” פון אונזער געשיכטלעכן לעבנשטײַגער, פון אונזער פאַרשטומטן נאַציאָנאַלן וועזן אין פאַרלויף פון דוירעס. דער „נאַכט־איד” איז מעסוגל בלויז מעכאַניש־אַקשאָנעסדיק איבערכאַזערן דאָס ביבל־וואָרט; ער הייסט דעם באָכער דעם יונגן קעגנאַיבערדיקן אידן נאָכזאָגן וואָרט בײַ וואָרט: „פון אָנפאַנג איז די ערד געווען לער און וויסט... און דער יונגער איד, וואָס קאָן שוין נישט אַרײַנקוקן אי אַ סידער זאָגט נאָך וואָרט בײַ וואָרט פון „בערײשים” ביז... „נויאַכן”, און בײדע גלײַווערן זיי אין דער נאַכט. דער „נאַכט־איד” איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ

נאַכט־געשפּענסטער, וואָס „נודיעט" אין אַ פּאַריזשער נאַכט־סוויווע, וואו ס'הערט זיך נאָר אַ היציקער פּיפּס אין כראָפּלען פון שלאָף. „געווען איז אַ פּייף אַ גענעצטער, אַ ליטווישער, וואָס איז נאָט די נעשאָמע שולדיק און האָט בעדייט צו זאָגן: נו, יאָ, איך שלאָף, אַוודאי שלאָף איך; געווען איז אַ פּייף אַ יעשודיקער: איך שלאָף, וואָרום ס'איז אַ טויאָר־וואָוויאָר־וועלט, און אַ פּייף אַ שטאַרקערער, וואָס וויל פון גאָרניט וויסן און וואַרנט: „וועקט ניט ס'וועט ניט העלפן". דער „נאַכט־איד" איז שוין אַ היי־זעאונג. ער וואַקסט אויס אין אַ וועלט־פּראָבלעם, וואָס בערגעלסאָן האָט בוילעטער פאַרמולירט אין „אָפּגאַנג": „חיים־משה האָט זיך פאַרטראַכט: דעם אידנס גרינגלעך נאַסע שטייענדלעך, די אויגן דאָס אין די אייביקייט, וואָס זעט גלייכגילטיק צו ווי יונגע ווערן אַלט און בלייבן בײַ ניט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס דער איד? אַ פּיין פון אָפּגעלעבטע דורות, אַן אַלטער גלייכגילטיקער וועזן, וואָס אַנערקענט דיך ניט... דאַרפסט פאַרגעסן אין זיינע צונויפגעצויגענע אויגן, אין זיינע ניט דערזאָגטע שאלות".

דער „נאַכט־איד" האָט זיך אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין דער פולער טיף און ברייט פון אַ וועלט־פּראָבלעם, ער איז נאָר פאַרמולירט געוואָרן אַלס אַזעלכע, ווייל אַ וועלט־פּראָבלעם קאָן זיך אָרגאַניש אַנטוויקלען אינם קינסטלערישן שאַפן בײַ געוויסע צוקונפט־פאָרגעפילן און בערגעלסאָן האָט זיי דערווייל נאָך ניט אַנטפּלעקט אין „אָפּגאַנג"; דעריבער דאָמינירט בײַ אים דער „נאַכט־איד" אַלס אַ טיף פּסיכאָלאָגישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, וואָס באַקומט בײַם קינסטלער בלויז אַן אוניווערסאַלע באַאַרבונג. דער שווער פּונקט פון אָפּגאַנג איז דאָך אין דער פראַגע: „ווי אַזוי מאַכט מען זעענדיק דעם 90 יאָריקן בלינדן בעטלער"?

בערגעלסאָן—דער דורכדרינגלעך טיפער קינסטלער, וואָס האָט אַנטפּלעקט די טראַגישע שטומקייט פון אונזער אָפּגייענדיקן לעבנשטייגער, באַווייזן זיין איינגריים מיטן אורעלטן היסגאַלעס וואָרט, האָט אָבער אַליין אַלס קינסטלער ניט איבערגעשטיגן די אייביקייט „פון געשטאָרבענעם מלך",—פונם ביבל־וואָרט. ער זעט ניט קיין אויסוועג פון אָוואַר, פון דער טויטער אייביקייט; דער אָוואַר האַלט זיך אים ווי אַ פאַרגעשיכטלעכע עפּאָכע, וואָס איז ווי דער „נאַכט־איד" „אַלט, אַלט, עלטער פון צייט". ווי חיים משה, וואָס קאָן ניט גוווער זיין אין זיך מלכן זיין דיבוק, אַזוי קאָן אויך ניט בערגלסאָן גוווער זיין די קרענקלעכע אָוואַר־זעאונג. זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע באַנעמט די גאַנצע אָרעמקייט ווי אַ שטויב, הינטער וועלכן עס ציט זיך און ס'לויכט דורך אַ „חלום פון בומנש־יאָרן". אָט דער חלום האָט זיך פאַראייביקט אין „געשטאָרבענעם מלך". בערגעלסאָן שפּירט צו פיל די אייביקייט פונם „געשטאָרבענעם מלך" און די אייביקייט פון העוועל־האַוואָלים, קעדיי פאַרשטעלן זיך דורך קינסטלערישע פאָרגעפילן דעם „נייעם גאַנג". ער בענקט טראַגיש נאָך אַ נייעם הויט־שאַלומדוואָרט, נאָר ער זעט גאָרניט פאַראויס. די איינציקע קימאַט רעליגיעזן פילבאַרע באַנקע, וואָס דער „אָפּגאַנג" האָט פאַר דער צוקונפט איבערגעלאָזן איז דאָך אויך אַ שטומער וועזן...

אויב בערגעלסאָן באַצייט זיך איראָניש צו מלכן, איז דאָך זיין מיף טראַ־
גישע אירעניע אין טאָך אריין אַ מיטפילנדיקע: „אייביק איז דער געשטאָר־
בענער מלך. און וואָס איז אַזוינס מלך, אויב ניט די לעצטע עמאַנאַציע פון
„גלות־השכינה", אַ גילגול פון אַ ניגון, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז הוי פון
„יענער וועלט", אַן אייביק וואַרטלאָזער זיין און ניט זיין—אינאיינעם—אונזער
צעשוואומענער פאַסיוו שווייגנדיקער, אַנטעבטיקער נאַציאָנאַלער געוויסן, וואָס
אַנטפּלעקט זיך לעצטנס אין אַ ריין קריסטלעכער פאָרם פון „Блаженны ни-
щие духом" און „Непротивление злу".

אויב מלך איז אַף יענער זייט פון צופרידנהייט און אומצופרידנהייט איז
חיים משה אינגאַנצן אַן אומצופרידענער מלך, וואָס בענקט נאָך אַ נייעם
היסגאַלוס־וואָרט—ער האָט אַלץ געיאַרשנט פון מלכן, נאָר ער קאָן אים ניט
בייקומען אין זיך. ער רופט אים צו דין וועכעשבן, נאָר ער קאָן אים ניט מיש־
פּעטן—פאַרמאָגט ניט קיין פראָטעסט־וואָרט. חיים משה איז נאָר בעקויאַך
צו טאַינען: „אַך אַט דער, אָט דער מלך". ביידע לאָזן זיי איבער אַן גאָפשיין
אַף אַלעמען, אַ וואו נאָר זיי ווייזן זיך. די געווייסנהאַפטע שטייפע שטומקייט
האָט פאַרכאַפּט אַפילע די פאָלקס־מענטשן, ווי זייגוול פאַטשטער, ווי יצחאָק
בערן. דער לעצטער האָט נאָך אַפילע אַ פראָטעסט־וואָרט, נאָר אַ פלאַטאָנישן.
מיטן ביבל־וואָרט האָט ער נאָך יונגערהייט איינגעריסן. און די בראַווע וואָוילע
פאָלקס־יונגען, ווי שאַאולקע שניידער טוליען זיך צו פראַגערן, וואָס בימוואָ־
ליזירט ניט דעם שעפערישן. נאָר ניהיליסטיש־צעלאַכעסדיקן האָפנונגלאָזן פראָ־
טעסט. אַלע העלדן פון „אָפּגאַנג" בילדן אַ זעלטענע מיסטישע פאַנטאָמימע.
אַ מיסטעריע פונם צעפאַלענעם לעבנשטייגער...

און וואָס פאַר אַ שייכעס האָט דער „אָפּגאַנג" צו דער וועלט? ער איז
אַ „רעמעז אַף אַ שטומען פראָטעסט" קעגן דער אייביקייט גופע.

פונם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דער „אָפּגאַנג" אַן אייגנאַרטיקע
דערשיינונג—דער סאַמע „אינזיכדיקסטער" ראָמאַן אין אונזער ליטעראַטור.
ער איז קימאַט אַ ספּירימישע קרענקלעכע זעאונג. מלך דערשיינט ווי אַן אַרוים־
געריפּענער גייסט באַ אַן אָקולטיסטישן סעאַנס: „עס גליטשט זיך אריין אַ
לאַנגער שעמעוודיקער שאָטן, מלכס שאָטן... נאָר פּלוצים, ווי אומגעריכט לאָזט
ער ארויס אַ מעשונעדיקן קלאַנג, גלייך ס'הויבט אָן צו ריידן ניט קיין מענטש,
נאָר אַ טיש, אָדער אַ בענקל". און אינגאַנצן גענומען איז אָט די היזיזעאונג
פון „אָפּגאַנג"—דאָס שוואַנגען ליד פון אונזער צעפאַלענעם לעבנשטייגער.

VI

אויב דאָס ריידן פון היינט אין דער קונסט איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען
אַן אַף יענער־זייטיקע אַבסטראַקטע דערשיינונג איז עס נאָך דער רעוואָלוציע
געוואָרן אַן אימאַנענטע, קאָנקרעטע דערשיינונג. אין דער פאַר רעוואָלוציאָנע־
רער ליטעראַטור פלעגן די זעאונגען פאַרשטעלן מיט זיך אויסערגעוויינלעכע
קעגנזעצלעכקייטן בענויגייע צום לעבנשטייגער. איגם שאַפן פון דער נייער עפּאָכע

זיינען זיי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוווינהייט, אַפֿילע אין אַ טראַדיציע: דער צעבראָכענער לעבנשטייגער רעדט דאָך אַליין פֿון היץ מיט פֿיבערהאַפֿטע געשעענישן און פֿאַקטן. פֿאַר דער רעוואָלוציע זיינען די קינסטלערישע זעאונגען געווען פֿאַרכאַלעמט, איצטער זיינען זיי פֿאַרוואָרט.

אונזער נייע עפּאָכע האָט אומגעהויער פֿאַרברייטערט דאָס קינסטלערישע וואָרט. עס האָט אָנגעהויבן ריידן אַפֿן קאָל, שרייען און רעווען. און ס'איז נאָטירלעך: דורך די געבראָכן פֿון לעבנשטייגער האָבן אַרויסגעשפּרודלט נייע פֿרישע אומפּעטפּולע קויכעס.

דאָס נייע פֿאַרברייטערטע וואָרט איז געגליכן צו אַ כוואַליע, וואָס פּלאַפּלט, כורמלט פֿון היץ, זינקט אין זיינע היץ־זעאונגען אין מעשונעדיקע טהאָמען, באָדט זיך אין מעשונעדיקער טראַפּישער ליכטיקייט; ערשט נאָכן געזונט ווערן דערשפּירט ער די וועלט ווי צום ערשטן מאָל. דערזעט זיך אין אַ נייעם געשטאַלט, אומבאַנעמט די צרומיקייט, דעם מענטשן, די כאַיע און זיך אין דערמיט אָף אַן אומערוואָרטעט נייעם אויפֿן... דאָס פֿאַרברייטערטע וואָרט האָט טבילאָס דערשפּירט די וואונדערלעכקייט פֿון פּאַשעטן מהוס. עס איז ווי אַ קינד וואָס האַלט אין וואַקסן—עס ביוט זיך בײַ אים די שטים, דעריבער איז זיין ריידן פֿול מיט מעשונעדיקע, אָפּטמאָל קווימשעדיקע קלאַנגען.

דאָס פֿאַרברייטערטע וואָרט פֿאַרנעמט זיך נאָך מיט גימנאַסטיק, מיט פֿיזישע איבונגען, קרעפֿטיקט זיינע מוסקולן און אָפּטמאָל פֿאַרשפּילט עס זיך אין לעבערלעכע שפּילן. נאָר וואָס ווייטער, אַלץ געלאַסן וויטזיכטיקער ווערט דאָס נייע וואָרט; די פֿאַרברייטערונג פֿונם וואָרט שפּאַנט פֿאָראויס און דערגרייכט שוין אַפֿילע די אָביעקטן מיט וועלכע עס אָפּערירט די וויסנשאַפֿט.

דאָס נייע וואָרט איז נאָך אָבער מער פֿאַרברייטערט ווי פֿאַרטיפֿט. עס האָט אויסצושטיין גרויסע ניסיונעס פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקע סטיליזירונגען וואָס בלענדן אונזערע דיכטער, שטערן זיי באַנעמען די פֿולע דראַמאַטישקייט פֿון דער נייער עפּאָכע. פּערעץ מאַרקיש סטיליזירט די טויאָר־וואָוויאַדיקייט פֿון צעפֿאַלענעם לעבנשטייגער. דאָוויד האָפֿשטיין האָט געשאַפֿן אַן עפּישן גלייכגעוויכט פֿון אָפּטימיסטיש־פּעסימיסטישע איבערלעבונגען. קוויטקאָ טראָגט עפּשער אין זיך אַ דראַמאַטישקייט, נאָר ער האָט זי דערווייַלע ניט אַנטפּלעקט. קולבאַק לימערט די לעבנדורשטיקייט פֿון אָוואַר, זיינע געזונדסטע טראַדיציעס און טראָגט אַריבער דעם גוואַרשיין אין דער נייער זיך וואַקלענדיקערווירקלעכקייט.

די נייע עפּאָכע האָט שוין אַ געשיכטע, אַ פֿאַרגאַנגענהייט, צו וועלכער אונזערע דיכטער באַציִען זיך נאָך ווי צו אַ נאָענטער געגנוואַרט; זיי פֿעלט נאָך דער מיף געשיכטלעכער כוש צו די געשעענישן, דעריבער זיינען זיי אַזוי ווייניק דראַמאַטיש. עמעס פֿאַר דער לעצטער צייט באַווייזן זיך אין אונזער דיכטונג סימאָנים פֿון פֿאַרטיפֿסטע איבערלעבונגען. ביסלעכווייז ווערן איינגעשטילט די העפֿקער־מאַטיוון און ס'טרעט אַרויס אַ מער ערנסטערע באַציאונג צום וואָרט. דער געלויף פֿון שטימונגען, די שטימונגס־האַסטיקייט ווערט איינגעהאַלטענער

אין אונזער דיכטונג. אירע פערספעקטיוון זיינען גאָר מאַרנעפּלט און ס'איז נאָך שווער צו וויסן אַ וואו וועט זיך אָפּזעצן דער בלומען־שטויב, וואָס דאָס „פוסט און פּאַסעווען" מיט זיין גאַנצער „העפקער־פריייד" און „העפקער־טרויער" האָט מיטגעטראָגן. אונזער נייע פאַרבּרייטערטע וואָרט טראָגט אין זיך אַ קערנדל פון אַ טיף־דראַמאַטישן אינהאַלט, האָט צוגעגרייט אַ באָדן פאַר אַ גרויסן דראַמאַטישן שאַפן,—פאַר אויפברענגען און פאַרקערפּערן די דראַמאַטישע ווערטן פון דער נייער עפּאָכע.

בלויז אינם פאָרטיפטן דראַמאַטישן שאַפן וועלן זיך קאָנען אויסבילדן די נייע פאָרמען פון באַנעמען די געשיכטלעכע אומפאַרמיידלעכקייט,—די נייע פאָרמען פון דער צייט־אינטואיציע: די צייט־דערפאַרונג—אָט דער שווערעש פון דער נייער קולטור.

שלום גאָרדאָן.

נ. אויסלענדער.

דער ניסטער

(שטריכן).

I.

ביי דער גאר׳ער אפגעזונדערטקייט פון ניסטערס בילדער-וועלט, וועלכע ווערט אויפגעבויט מייסטענס גאר וויזיאנעריש, גאר אין דער ארט פון זעהונגען — ביי דער אלעמען איז שטענדיק געווען איבעראשנדיק ניסטערס אריכעסדיקייט זיין גענויאיקייט אין לאנדשאפט, די געגנשטענדליכקייט פון זיין שילדערן, די קערפערליכקייט פון זיין צייכענען...

פונקט, ווי ביי די קלאסיקער פון נאטוראליזם, א באלזאק, א פלאבער, וואס איבעראשן מיט דער געוואלטיקער באהאווטקייט, מיט דער גרויסער קינסטלערישער ערודיציע זייערע, אזוי טרעפט עס, מייסטענס, אויך ביי ניסטערן, און טרעטנדיק, אין פלוג, „העכער פון דער ערד", שעפט ער אויס ביז דער קלענסטער דעטאל דעם גאנצן פארנעם פון געשילדערטן בילד ביז ווייט-ווייט אין דער פערספעקטיוו אריין...

און בלייבן פארבלייב דערביי ניסטער א זינגעוודיקער גייסט. אייבער פון די, פאר וועלכע דאס „געזאנג און געבעט" איז א מוז, פאר וועלכע דאס זינגעוודיקע ווארט איז באגלייטער, די פאעמע-פארם — ווי איינגעבוירן, אין דער ריטם — דער שטארקסטער און געטרייסטער וועג-פירער.

דאכט זיך צופעמאל, אז גראד אין דעם בוך „געזאנג און געבעט" טריאומפירט ניסטערס טעווע. ווייל פריי פון „ליטעראטור" ווערט דא געזונגען, פריי פון אלע קינסטלערישע איינצוימונגען און איינראמונגען אנטפלעקט זיך דארט ניסטערס זינגעוודיקער גייסט. איז אבער די אנגעזעטיגטקייט פון ניסטערס שילדערן אויך אין דעם דאזיקן בוך צו באמערקן, די זינגעוודיקע טענע גייט באנאנד מיט דעם קאנצענטרירטן, פארבנשווערן ווארט, און שטענדיק באמיט זיך ניסטער צו זיין גענוי און פינקטליך, שטענדיק פארבלייבט ביי אים די טענדענץ מיט עפעס אן איינגעבוירענער ערודיציע אויסצושעפן יעדער דעטאל, יעדער בילד. שרעקט זיך ניסטער אויך דא ניט פאר אריכעסדיגקייט און עס וואכט אויף אין אונז די זעלבע פראגע:

וואס באגייסטערט דעם מאיסטע-זאגער ניסטערן צו אזא געגנשטענדליכקייט? וואס טרייבט דעם וויזיאנער-ניסטערן צו אזא פינקטליכער גענויאיקייט?

מען זאָל עס אָנרופֿן „ערודיציע“ איז עס, נאַטירלעך, אַ קינסטלערישע ערודיציע, די ווייסט נאָר די לאָגיק פֿון בילד, וי האָט ניט קיין אַנדער באָדן אויסער קונסט, אָבער עס איז דער באָדן פֿון אַ גרויסן קינסטלערישן וויסן, וואָס אונטערדריקט אין דעם קינסטלער אַלעס רעגעדיקע און מאָמענטאַלעס, דער ציטעריקער רעגע-בליק און רעגע-געפֿיל, וואָס בליצן אויף, ווי אַ מאַגני-ליכט, געפֿינען זיך דאָ אונטער דער מעמשאָלע פֿון עפּעס אַ שטאַרקערן קינסטלערישן קויאַך וואָס שטרעבט צום שטענדיקן ביגן, באַהעפֿטן, איינגעבונדן דעם ערשטן רעגע-געפֿיל...

באַגייסטערט די אַנטוויקלונג פֿון אַ געוויסן קינסטלערישן געגנשטאַנד דעם קינסטלער, דעם ערודיט, ניט וויניקער אין אַמאָל נאָך מער איידער די קינסטלערישע אַנטדעקונג פֿון דעם דאָזיקן געגנשטאַנד. האָט אַזאַ קינסטלער אַ שטענדיקע נעטיע צו אַריכעסדיקע שילדערונגען און אָנהויבן הויבטער אָן שטענדיק פֿון דעם עלעמענטאַרן, וואָס ליגט אין יעדער דערשיינונג, אַנטוויקלט ער דעם דאָזיקן עלעמענטאַרן קערן פֿון דער דערשיינונג און ברענגט אויף אַזאַ אופֿן זיין קונסט צו דער העכסטער מאַדרייגע.

ניסטער איז אַזאַ קינסטלער-ערודיט. ביי זיין גרויסער פֿעיִקייט צו דיכטערישע אַנטדעקונג איז ער דאָך אומעטום געוואָרפֿן יענעם קויאַך פֿון זיין קינסטלערישער נאַטור, וועלכער שטרעבט אַלעס צו אַנטוויקלען, פֿאַרטיפֿן פֿאַרקאָמפּליצירן.

און ער אַנטוויקלט אין דער עמעסן מער, איידער ער אַנטדעקט.

אַנטוויקלט ניסטער יעדעס בילד ביז צו דעם גרעסטן מאַסשטאַב, ביז צו דער גרעסטער מאָס, און דאָס בילד וואַקסט דערביי ניט זעלטן אַריבער די ראַם זיינע, די קינסטלערישע ערודיציע וואַקסט שיר-שיר אַריבער די קינסטלערישע שליימעס... וואָס איז אַזוינס דער „קדמון“ פֿון בוך „העכער פֿון דער ערד“, אויב ניט די אַנטוויקלונג פֿון איין וויזיאָנערישער רעגע ניסטערס, די זעהונג פֿון איין איינציקער מינוט, ווען דער „קדמון“ האָט דערפֿילט דעם מוט און דעם ווילן צ באַשאַפֿן די וועלט?.. אָבער וויפֿל איז אין דעם ווערק ערודיציע אַריינגעבראַכט וויפֿל קויאַך צו אַנטוויקלען אַ קינסטלערישן מאָטיוו!..

און וואָס איז אַזוינס די פּאָעמע „זיבן גוטמאַכער“ אויב ניט אַ מער קינסטלערישע אַנטוויקלונג פֿון איין מיקראָסקאָפּיש-קנאַפּן מאָטיוו: וואָס עס טראַכט אַ קוואַל?..

ענלעך איז אַנטשטאַנען אויך „געוואַנד“, די גרויסע פּאָעמע פֿון בוך „געאַנג און געבעט“. און אַזוי אַנטשטייען פֿאַר אונדזערע אויגן אויך די גייסטע ווערק ניסטערס.

און כאַראַקטעריסטיש איז דערביי אָט-וואָס. די פֿאַנטאַסטישסטע, וויזיאָנערישע בילדער ניסטערס טראָגן דערביי זייער זעלטן דעם שטעמפּל פֿון עקזאָטיק ד. ה. פֿון אַ געזוכטער פֿרעמדאַרטיגקייט, פֿון אַ בעקיוונדיקער אויסטערלישקייט. אַזוי דער שטערן-בער, וואָס היט אָפּ די הימל-רו, ווי די מידבער-ליידיקייט, וואָס רופֿט זיך „פֿאַרגעסן-לאַנד“, אַזוי דער שיידים-פּאַלאַץ, ווי דער קוואַל-אונטערגרונט — אַלעס איז אַרויסגעבראַכט פֿון עפּעס אַן עלעמענטאַרישקייט אַרויס, אַלעס ווערט שטופּנווייז אַנטוויקלט, הויפֿנווייז אָנגעזאַמלט און עס

אַקומע דיטייל ניט נאָר וואָרהאַפטיגקייט, נאָר אויך באַשײַמפּערליכקייט און מאַמאָשעס...

און מאַן טוט דאָס ניסטער אויף אַנ׳אייגנאַרטיקן אופן.

די קינסטלערישע ערודיציע באַשטימט יעדע רעגע-געפיל אונדזער-בליק מיט אַזאַ לאַנגאָנגיקייט, אַזוי פיל קינסטלערישע וויסן רינגלט אַרום יעדער רעגע-דערשיינונג, אַז אַפילו דאָס איראָניזאַנלע, וואָס שוועבט שטענדיק צווישן ניסטערס שורעס, איז באַהאַלטן אין עפּעס אַ נאַטירליכער און וואָר-האַפטיקער עלעמענטאַרישקייט. דאַכט זיך, אַז דאָס איראָניזאַנלע ווערט ביי ניסטערן געבוירן צוזאַמען מיט דער בילדערישער מאַרקערפּערונג, אַט פונקט, ווי דער „קדמון" אַז אַנטשטאַנען פון טויזנט-וואַרוויגער צוזאַמען מיט דעם אור-גרונט-שטיין...

איז קיין בירעש ניט. וואָס בילד צו בילד איז דאָ אַזוי שטאַרק באַהאַפט אַז יעדער דעטאַל איז ווי די באַשערטסטע, די אומפאַרמיידליכסטע. זי איז ניט „אַנטרעקט", זי איז פון דעם טיפסטן וועזן פון דער דערשיינונג קינסטלעריש אַרויסגעדרונגען, קינסטלעריש אַנטוויקלט.

און עקזאָטיק קאָן דאָ נאַטירליך, קיין פלאַץ פאַר זיך ניט געפינען.

די גרעסטע קונסט באַווייזט ניסטער אין אַט דעם פּראָצעס פון לעשן די עקזאָטישע אויסערליכקייט, ניט ענדערנדיק זיין איגנאַלס, די גרעסטע קינסט-לערישע אַקשאַנעס ווענדעט ער אָן דערביי. טרעפן מיר אין אַ קליינער סקיצע „געהעניק" אונטער באַשפּילן רעדפּין. עס קומט אין דער דאָזיקער סקיצע צו דער שילדערונג פון אַ ווינטער

—„האָב איך זיך אין שנייען צוגעזען,—דערציילט ניסטער,—און די ווייסקייט אין אויג אַריינגענומען, האָב איך זיך צו קלאָרקייט געוואוינט און קעלט און זויבערקייט געוואָרנט"...

עס ווערט שוין קלאָר, מיט וועלכן טאָן ניסטער וועט באַלד נעמען דער-ציילן וועגן דער וואונדערליכער שפּיל פון ווייסקייט. קעלט און זויבערקייט קיין וואונדער וועלן עס אָבער פאַר ניסטערן ניט זיין. ער איז צו זיי „געוואוינט" געוואָרן. אָבער פונקט אַזוי טרעפט אין דער זעלבער סקיצע אויך מיט דעם יאַם.

—און טעג האָבן געטראָגט מיר און נעכט מיר געגעבט און יאַם האָט געשפּילט מיר און וואַסער געבראַוועט, און יאַם האָט געוואוינט מיך צו זיך און פאַרוויגט טיף"..

די געוואוינטקייט צום יאַם נעמט דיקטירן אויך דאָ די אומפאַרמיידליכסטע דעטאַלן און קיין עקזאָטיק וועט אויך דאָ ניט זיין. און אַזוי איז עס ביי ניסטערן אומעטום. יאַם און ווינטער זיינען ביי אים ניט קיין ליבלינג-טעמעס, צו וועלכע ער איז „געוואוינט" מער איידער צו אַנדערע. און ווען ער קומט צו אַ מידבער-שילדערונג, טרעפן מיר זיך מיט אַזאַ קאָנצענטרירטער געניאַליקייט, אַז פונקט ווידער הייליגער און דער לייב, וואָס „זיינען, ווי דער מידבער, געטריי געוועזן און דעם טאָג עלנטקייט איבערגעגעבן, פונקט אַזוי דאַכט זיך איז אויך ניסטער דעם מידבער-טאָג איבערגעגעבן און צו מידבער געוואוינט.

און דאָס אַרלער-לאַנד און די שיידים-וועלט אין דער קוואַל-אונטערגרונט?..

היימיש, „געוואוינט" איז ניסטער אויך דאָ. עקוואַטיש איז אויך דאָ זיין בילד נישט. נאָר פון ערגיץ אַנ׳עלעמענטאַרער נאַטורטיף גענומען און ביז צום גרויסן אַנטוויקלט, עפּעס אַ שטאַרקע קראַפט הערשט דערביי איבער ניסטערס זינגענדיקן גייסט, טרייבט אים צו געגנשטענדלעכקייט, גענויאיקייט און קאָמפּליצירטקייט.

און עס ווערט שוין קלאָר, אַז מער איידער קינסטלערישע באַהאַוונטקייט רעדט פון די דאָזיקע שילדערונגען ניסטערס. ערגיץ טיף אין ניסטערן שלאָגט דער קוואַל פון זיין קינסטלערישער ערודיציע, וועלכע אונטערדריקט און באַרייכערט גלייכצייטיק ניסטערס קונסט, און, מאַשמאָעס, צו דעם קוואַל מוז מען זיך קידעם קאַל ווענדן.

.II

ס׳איז פון ווייט אַ מענטש,
אָן אַ נאָמען גאָר,
און אַ שווייגער אויך,
ווי די פעלד אַליין...
...און אַ רוהיקער,
וואָס געוואוינט מיט צייט...

(זיבן פּאַסטוכער).

אַך נאָר באַם אָנהייב פון זיין שאַפונג האָט ניסטער סקיצעדיק באַאַרבעט עטלעכע „היסטאָרישע" סיזשעטן און באַ דער געלעגנהייט געלאָזט צו דערזען אייניקע ווינציקע שטריכן פון זיין קינסטלערישן וועזן.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען שוין דער צוגאַנג גופא צו די דאָזיקע סיזשעטן. סיי אין „קלעאָפּאַטראַ", סיי אין „מרים" און אַזוי אויך אין די איבעריקע „היסטאָרישע" סקיצעס איז קיין געשיכטלעכע קונסט אין אייגענטלעכן זינען ניסטאָ.

ניסטער „היסטאָריזירט" זייער ווינציק די דערשיינונגען. ער איז „געוואוינט מיט צייט", שעפּט ער פון איר אימפּולסן, אָבער אויספירן פירט ער זיי אויס אַזוי, אַז דער היסטאָרישער קאָלאָריט פון יעדער עפּאָכע באַזונדער איז נאָר אַ מיטל, און ניט קיין ציל פאַר זיך.

איז צו באַמערקן שוין פון די ערשטע שורות, אַז די איבערלעבונג, וועלכע ווערט אין דער סקיצע געשילדערט, רייסט זיך צו אַן איבערמענטשלעכער אַקטיווקייט און שטאַרקייט. זוכט ניסטער פאַר קלעאָפּאַטרען עפּעס אַן אַנדערע, ניט בלויז „היסטאָרישע" באַלויכטונג. ווערט דער מעכטיקער אינדיווידואַליזם אירער אינטערפּרעטירט אויף אַ נייעם, אויף אַ קאָסמישן שטייגער.

און דאָסזעלבע איז צו זען אויך אין דער סקיצע „מרים". ווידער איז אין דער דערשיינונג פון דער „גאָטעסמוטער" גענומען ניט אַזוי די וואָג פון „היסטאָרישקייט" וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דעם געשיכטלעכן מאָמענט, ווי דער וועלט-עכאָ, וואָס האָט אויפגעשאַלט אין קאָסמישן לעבן, אין דער נאַטור צוזאַמען מיט „מרים"ס מוטער-וועזן, דער סוזשעט איז אויך דאָסמאָל קימאַט פאַרגעגנוואַרטיקט,

און דאָס היסטאָרישע געשעעניש איז געשילדערט ניט אויפן היסטאָרישן שטייגער: אַקטיוו און אויפגערעגט.

אין דער סקיצע „אליהו הנביא אין מדבר" איז ניסטער נאָך מער פּאָרטיקל און דערנענטערט צום גאַנג פון געשעענישן. עס שוועבט ווידער איבער די פּאָעמע פּערב, די סוביעקטיווע באַציאונג צום סיושעם וואַקסט פון שורה צו שורה און די דערציילונג איז קיינמאָל אַרויסגענומען פון היסטאָרישן פאַן בולטער, דער קאָבמישער שילדערונג פון געשעענישן.

ווערט קלאָר פון די „היסטאָרישע" סקיצעס ניסטערס, אַז אַ געפאַנגענער בײַ דער האַסט פון וויסן, פאַרצייטיקן געשען, קאָן ניסטער אויפפאַסן דאָס „היסטאָרישע" נאָר ווי אַ קאָסמישע באַוועגונג, נאָר ווי אַ קאָסמישע דערשיינונג.

איז קיין צופאַל ניט, וואָס דער כוח צו קאָסמישע באַוועגונגען אין דער „צייט" ברענגט אים צו דעם מאָטיוו פון „מעשה-בראשית" און ניסטער שרייבט אַן דאָס בוך „העכער פון דער ערד". דאָס מאָל ציט שוין צו ניסטערס פאַנטאַזיע דער אַנהויב פון אַלע קאָסמישע באַוועגונגען, דאָס וועלט-באַשאַפן. ווערט בײַ ניסטערן דאָס דאָזיקע בוך איבערפול מיט מאָטיוון פון קאָסמאָגאָניע, אַגאַם זיינע קינסטלערישע מיטלען געוויגן נאָך ניט פאַר אַזאַ טעמע. אָבער ניסטערס קינסטלערישע אַקשאַנעס שפּייזט איבער אַלע טהאָמען פון ריטאָריק, איבער אַלע דורכפאַלן פון זיין יונגער, נאָך אומבאַהאָלפענער קונסט און ער זאָגט זיך דאָך ניט אָפּ פון דער קאָסמישער טעמע. באַמיט זיך ניסטער צו שילדערן, ווי „עס האָט זיך געבעטן בײַ דעם קדמון דער הייליקער פּלאַנעטער פון יעצירע-שטאָף", שטרעבט אַן ניסטער דעם גאַנצן קויאָך פון אויסדריקלעקייט, קעדיי איבערצוגעבן דעם ווילן צום געשען, וואָס אַנטשטייט פון כאַאָס. און ווי ריזיקאַליש דאָס דאָזיקע ווערק זאָל ניט זיין, געלינגט אים דאָך עטוואָס: אָנכאַפּן דעם ריטם פון וועלט-געשען אין זיין ערשטער רעגע, אין זיין ערשטן צאַפּל.

אָבער דער דאָזיקער מאָטיוו פאַרלאָזט אים אויך שפּעטער ניט. באַקומען מיר די פּאָעמע „נע-ונד", וואו עס איז פאַרקערפּערט דער מאָטיוו פון אַ בוירע אַ וועלט-באַשעפער, וואָס שטייט

אַליין אויף דער ערד.

נאָך אויף שוועל פון יעצירע

(נע-ונד)

באַקומען מיר בײַ ניסטערן די מאָסע „שדים", וואָס האָט צו טאָן ווידער מיט אַ מאָטיוו, וואָס איז גענומען פון קאָסמאָגאָניע אַרויס.

און, ענדלעך, באַקומען מיר דעם אויפשטאַנד פון מידבאַר (אין צווייטן באַנד „אייגנס"), וואָס קלינגט פאַר אונדז ווידער ווי אַ מאָטיוו פון „מעשה-בראשית". ווען דער מידבער וויל און קאָן, אַפּגעים, וועלן אויס מידבער צו ווערן...

גייט עס אַזוי פון ווערק צו ווערק בײַ ניסטערן.

דער מאָטיוו פון גרויסע קאָסמישע באַוועגונגען פאַרלאָזט אים קיינמאָל ניט און עס איז געוויס די וויכטיגסטע אויפגאַבע באַגבושפּירן, צו וועלכע אידעאָלאָגישע ברענגען די קאָסמישע טעמע האָט ביז אַהער ניסטערן געבראַכט. אונדז אינטערעסירט אָבער היינטיקס מאָל בלויז אַ טייל פון דער דאָזיקער פראַגע, נעמליך: ווי האָט די קאָסמישע טעמע ניסטערס געווירקט אויף זיין קינסטלערישן מעטאָד?

לאזט זיך איינצייזען, אז די דאזיקע ווירקונג האט ביז א געוויסער צייט געוואקלט בא ניסטערן.

אין דעם ערשטן בוך זיינעם „געדאנקען און מאטיוון“ איז דאס קאסמישע צו דערקענען נאר אין דעם מאסשטאב פון דער קינסלערישער באהויפטונג, אין דער ריכטונג, אין וועלכער עס ווערט באארבעט דער קינסלערישער שטאף. אזוי איז עס אויך אין די מייסטע „היסטארישע“ סקיצעס בא ניסטערן; אבער שוין אין דער סקיצע „דער ערשטער שני“, וואס איז געדרוקט אין די „ליטעראַרישע מאַנאַט שריפטן“, הויבט ניסטער אן צוצוגיין צו א נייעם קינסטלערישן שטאף. לייענען מיר, ווי „די ערד האט ייעשדיק מיט דער האנט א מאך געטון, האט זיך אריבער, ערדיש פארטראכט און איז איינגעשלאפן, ווי נעכטן, און ווי אייערנעכטן אמיצנדיק, און ארימקייט. און עס ליגט דאס ארימע וועלט—געזינדל אפן הוילן הוילן דרויסן-נאס, קאלט און פינסטער“... לייענען מיר דאס און מיר באמערקן אז אין דער דאזיקער סקיצע איז בעצעמעס קיין אנדער קינסטלערישער אביעקט ניט געגומען, אויסער דער ערד און די ערדישקייט. באמערקן מיר אויך, ווי ניסטער גייט אנטשלאסן אוועק פון זיינע פריערדיקע העלדן, ווי קלעאפאטרע, מרים׳ צו אנדערע: צו דער ערד, צום מידבער, צום קוואל, צו יאם, צו בושעלך, פוקסן און שיידים. ניט שוין ניסטערן ניט אזוי די אדער יענע מענטשליכע פיגור, ווי עס ניט אים דער „יעצירע-שטאף“, צו וועלכן ער האט געפרואווט זיך דערנעענטערן אין „העכער פון דער ערד“, דער שטאף פון דער וועלט, איר אייביקע שטיפע און לעבנספולע מאטעריע. און ווי די ליד פון דעם דאזיקן וועלט-שטאף קלינגט אין דער סקיצע „דער ערשטער טאג און נאכט, נאך מעשה-בראשית“:

—און אז די זון איז אונטערן הימל געקומען, אז אלעס האט זיך אין ליכט געפונען און געליכטן—אט אין דער רעגע האט די נאטור און אלעס, אז ס׳געהער צו איר, דערפילט, האט זי צאפל געטאן און אויסגעשריען:—איך! ...

און תוך כדי דבור, אין דער אייגענער רעגע, ווען איר ווארט האט זיך נאך אין דער לופטן געפונען, האבן אלע ברואים זייערע הערצער און אלעס וואס ס׳געהער צו זיי, דערפילט און פון אלע וועלטן-הערצער האט זיך א ווידער-קאל ארויסגעריסן, איר געענטפערט:—איך! ...

פאר ניסטערן איז דער דאזיקער מאמענט פול מיט באדייטונג. אין דעם מאמענט האט דער גרויסער וועלט-שטאף זיין שפראך באקומען, די שפראך פון זיכערער און שטארקער קערפערליכקייט... און ניסטערס קינסטלערישער מעטאד נעמט ציען די יעניקע פון אט דעם דאזיקן מאמענט.

שוין אין די ערשטע ווערק נאך „העכער פון דער ערד“ באמיט זיך ניסטער צוצופאסן די שפראך פון זיין קונסט צו דער שפראך פון דעם וועלט-שטאף, וואס נעמט געפאנגען זיין פאנטאזיע. שוין דאמאלט נעמט ער זוכן יענע בילדערישקייט וואס דארף איבערגעבן די שטאפליכקייט פון קאסמישן לעבן. און דאס שטייגט ביי אים פון ווערק צו ווערק

איז ניסטער פארגלויבט געווארן אין דער קערפערליכקייט פון אלע וועזנס, וואס פילן אן די וועלט, האט ער גענומען זיי צו שילדערן פון אינווייניק, ניט ווי א אויסער-זייטיקער, נאר ווי דער, וואס איז „געוואוינט“ מיט נאטור-קראפט און נאטור-לעבן, האט ניסטערס נאנטקייט צום שטאף פון

זיין שילדערונג געקומען צו וואקסן פון ווערק צו ווערק און די קאסמישע באוועגונגען, צו וועלכע עס האט שטענדיק געצויגן ניסטערן, האבן געקומען באלייבן זיך, פארקערפערן זיך אין די „איך"ן פון אלע ברואים, וואס האבן זייער שפראך אין דער וועלט.

נאטירלעך, האט דאס געמוזט פאדערן קארבאנעס בא ניסטערן, די סוביעקטיווע, לירישע באארבעטונג פון סיזשעטן האט געמוזט זיך צופאסן צום נייעם קינסטלערישן שטאף. און ווען דער ערשטער שוואונג פון ניסטערס פריער ווערק האט אים שוין מער ניט געקענט צופרידנשטעלן האט ער קימאט ווי באוואוסטזיניק פארמולירט פאר זיך דעם אנזאג אף זיין איבערגאנג צו דער איציקער קינסטלערישער מאניר זיינער.

—ער האט גרינגלעך פארשטאנען, דערציילט ניסטער וועגן „קדמון"—אז ער איז קארג פאר זיך, אז ער אליין גייט זיך איבער, אז ער אליין קאן זיין אייגענע מאס ניט זיין"...

גרינגלעך פארשטאנען,—האט עס א פנים, אויך ניסטער צו דער צייט; ווען ער איז צוגעטראטן צו דער פאעמע „זיבן פאסטוכער" און צו אנדערע ווערק זיינע.

III

די ניט לאנג ערשינענע „בבא-מעשה" האט פארנומען אן אייגנארטיק ארט צווישן ניסטערס קינסטלערישע ווערק. מיט אמאל האבן מיר באקומען בא ניסטערן אן ערציילעריש ווערק, וואס האט פאר זיך קיין ווייט פארבאהאלטענעם „בארג" ניט. עס פילט זיך אין גאנג פון דערציילן נאר די געשיכטע פון א פאסירונג און פון פאסירונגען און „ווער עס וויל די מאיסע ניט געדענקן—אזוי לאוט אויס ניסטער דאסמאל,—דער קאן זי פארגעסן"... פאר דעם גייערישן וועג פון ניסטערס שאפונג, וואס האט קיין איינציקע קינסטלערישע מנוע ניט געשטעלט אויסער דער קאנטראל פון זיין שטייגן וועלט-באנעמען, קומט עס אויס ווי אומגערווארטעט און ווי עפעס אן איבעררייס.

אבער אזוי זעהט דאס אויס נאר אויסערלעך. עס איז גענוג צו דערמאנען זיך אין דער מאיסע „שדים" וואס ווערט דערציילט פון אלטן שעד אליין, ווי עפעס אזויגס, וואס האט מיט אים פאסירט. עס איז נויטיק איינצוזען, ווי עס איז אויפגעבויט די פאעמע „זיבן פאסטוכער" ווי יעדע ליד פון יעדן פאסטוך איז עפעס, וואס האט מיט אים פאסירט עס איז נויטיק צו געדיינקען, אז אין „בענד" איז די בעסטע שטעל די „ליד צום מזל" אריינגעפלאכטן, ווי א וואונדערליכע פאסירונג, וואס באלעבט דעם אלגעמיינעם לירישן פאן,—עס איז גענוג דאס אלעס צו דערמאנען זיך, כדי „בבא מעשה" זאל ווערן פארשטענדלעך. און ווירקלעך: איז דען ניט די מאיסע „צום בארג" געבויט בלויז אף פאסירונגען? האט דען ניט ניסטער שטענדיק ארויסגעוויזן זיך צוגעבונדן צו דער פאסירונג וואס שאפט די איינציקע האנדלונג אין זיינע ווערק? פונקט אזוי די אומגעהויערע פאסירונג פונם מידבר-אויסשטאנד, ווי די מינדע פאסירונג פון דעם פליגן-קעניג אין דער סקיצע „פליגן"- ביידע גלייך האבן זיי צוגעצויגן ניסטערס זינגעוודיגן

גייסט, וואס האט אין דער פאסירונג שטענדיק געמוזט דעם אויסגאנג-פונקט פון זיין „געזאנג און געבעט".

אבער זעלטן-ווען האט ניסטער געקאנט דערלויבן, אז „ווער עס וויל די מאיסע נאר געדענקען, קאן זי פארגעסן". ווארום די פאסירונג איז שטענדיק אויסגעוואקסן ביז צו דעם גרויסן קאסמישן געשעען. אט האט דאס מאסטוכל, וואס זיצט ביים קוואל, דערזען די זעהונג פון א „קאפ אפן יאם", וואס איז, ווי די אייביגקייט שטום און פארבארגן; אט האט דער זאלמער שער איבערגעלעבט א פאסירונג מיט א מעגשן, וואס איז אין שיידים-הענט אריינגעפאלן, און די דאזיקע פאסירונג צעוואקסט זיך ביז אן'אומגעהייערן מורבעם.

און אזוי איז עס בא ניסטערן שטענדיק געווען:

געשטרעבט האט דער זינגעוודיקער גייסט ניסטערס צו געבן דאס געשעענמעסיקע, דאס פאסירונגס-ארטיקע און יעדעס מאל, ווען ער איז צו דעם פאסירונג-טיודשע צוגעטראטן, האט זיך עס ביז א קאסמישן פארנעם אויסגעבריט און צוזאמען מיט דעם קאסמישן מאשטאב האט דער טיודשע אויך קאסמישן שטאף באקומען. האט ניסטערס שילדערונג פון דעם געשעען גענומען ב׳ רן אריבעסדיק צעליב דער קאסמישער שטאפליכקייט. דאס ווידאגרישע בילד האט בענומען ווערן גענוי צעליב דער געגענשטענדליכקייט, וואס לעבט פאר ניסטערס אויג אין יעדער אקט פון געשעען.

און ניסטערס קינסטלערישע ערודיציע האט אזוי ארום פארגומען אן׳ארט אין זיין זינגעוודיקן גייסט. אין דעם דיכטער פון דער גרויסער מאסירינג.

און עס האט זיך געשאפן בא ניסטערן א מאניר, וואס לאזט זיך זייער גוט איינצוזען אין איינער א שטעלע אין „מידבער".

עס ווערט דא דערציילט, ווי דער הייליקער שעפט וואסער פון מידבער-קוואל. און ערשט צום סאף, ווען די קריג איז שוין פול, דערציילט ניסטער.

„פלעג ער זיך אזוי א ווילע נאך פארן קוואל פארזאמען, מיט דער אנגעפילטער, און זאמענדיק זיך און פארן קוואל, וואס ער קוקט נאך, פלעגט ער אזוי און מיט איר שטייענדיק אפן קוועלנדיקן קוואל קוקן און שטיל און אזוי קיקנדיק קוואל אף ווייטער קוועלן בענטשן ...

אין אלע שילדערונגן ניסטערס, וואס זייען שטענדיק אזוי נאענט צום שטאף פון דער געשילדערטער זאך, לאזט זיך יעדעס מאל צו באמערקן אט דאס „פארזאמען זיך אף א ווילע" ביי יעדער געגנשטאנד, די ווילע פון „בענטשן" דעם דאזיקן געגנשטאנד. אוןווירקליך: קוים צוגערירט זיך צו וועלכער עס איז זאך הויבט ניסטער אן פון דעם „איך" פון דער זאך, פון איר וועזנטליכן און עלעמענטארן, און ער אנטוויקעלט עס ביז א קולטיווירונג. ליגט אין דער שילדערונג פון יעדער זאך ביי ניסטערן א קולטיווירונגס-טענדענץ, א לייטערונגס-נעטיע. און דערפאר איז אזוי שטארק ניסטערס כיישעק צו „אנטוויקלען" יעדער געגנשטאנד, ווייל דאס אנטוויקלען איז אין דערזעלבער צייט דאס קולטיווירן פון דעם געשילדערטן געגנשטאנד.

פון וואנען שטאמט אט די קולטיווירונגס-טענדענץ ביי ניסטערן? עס איז נישט שווער איינצוזען, אז אין איר אנטפלעקט זיך דער קאסמישער אימפולס, וואס לעבט אין יעדער ווערק ניסטערס. עס לאזט דער דאזיקער אימפולס ניסטערן

ניט צו פארשליסן זיך אין א ריין-נאטוראליסטישער שילדערונג פון אפגעזונדערטע, איינצעלנע ערשיינונגען. שאפט דער קאסמישער אימפולס די ריכטונג פאר דער קינסטלערישער ערודיציע: צום איינהייטלעכן, צום גאנצן. שטרעבט ניסטער אויסצושעפן ביז דער קלענסטער דעטאל יעדער בילד, אבער דאס האט ניט צו טאן מיט קינסטלערישן אנאליז, וואס צעגלידערט יעדער ערשיינונג, וואס מער דעטאלן, וואס מער שטריכן און בייפארבן אלץ רייכער דער טאן פון גאנצן, אלץ שטייפער און מאטעטישער דער איינהייטלעכער באנעם פון גאנצן. דער קאסמישער אימפולס טרייבט צו דעטאליזירטער געגנשטענדלעכקייט, אבער ער באפליגלט אין דער זעלבער צייט די דעטאלירטקייט און פאראייניקט זי מיט א שטענדיקער קלאמיווירונגס־טענדענץ. דערפאר באמערקן מיר אויך, ווי ניסטערס אריכעסדיקייט און גענוזמאקייט — קלאל ניט קיין פאעטישע מאנירן — בינדן זיך דאך צו זיין זינגעוודיקן גייסט, וואס איז באגייסטערט פון קאסמישן שטאף.

און דערפאר ווערט אויך קלאר, פאר וואס ניסטער פאלט אזוי זעלטן אריין אין עקזאטיק און בעקיוונדיקער איבערלישקייט. די קינסטלערישע ערודיציע ניסטערס בלייבט שטענדיק ביי איר רעכט: זי פירט שטענדיק פון דעם עלעמענטארן קערן, וואס ליגט אין יעדער דערשיינונג. פארטרויט ניסטער זיך אינגאנצן זיין קינסטלערישער ערודיציע ווי זי זאל ניט אונטערדריקן דעם רעגע-בליק און רעגע-געפיל, ווערט זי דאך באפליגלט דורך דעם קאסמישן אימפולס צו פארקערפערן דאס גאנצע, דאס איינהייטלעכע, דאס גרויסע — און פון דעם אימפולס איז ניסטער קיינמאל ניט פריי.

און מערקווירדיק איז צו זען, ווי די זעלבע קינסטלערישע ערודיציע האט זיך אריינגעשליכן אויך אין ניסטערס סטיל און איז צו זיך צוגעפאסט.

האבן מיר געהאט בא ניסטערן אין אנהויב פון זיין שאפן א סטיל, וואס האט געטראגן אין זיך א גרויסע מאס פון מוזיקאלישקייט, וועלכע איז דאך פון קינסטלערס האט ניט באהערשט געווארן, א היפשע קראפט פון געדאנקלעכער אויסדריקלעכקייט, וואס איז דאך ניסטערן ניט אונטערגעווארפן געווען, און סיי די זיגזאגן פון א געדאנקען-בליק, סיי דער באפליגלטער מוזיקאלישער זאץ ניסטערס האבן אין זיינע ערשטע ווערק דאך זייער ווייניק געדינט דעם געגעבענעם ווערק.

די נייסטע ווערק ניסטערס באווייזן ווי אכנוגעדיק ניסטערס סטיל האט זיך אונטערגעגעבן דעם שטארקן קריאך פון זיין באטור — דער קינסטלערישער ערודיציע. האט די מוזיקאלישקייט פון ניסטערס ווארט זיך אונטערגעווארפן דעם בילדערישן אינהאלט פון זעלבן ווארט. די זיגזאגן פון א פאראדאקסאלן ריס פון א בליק-געדאנק האבן זיך איינגעוועבט אין דעם בילדערישן זאץ. קאן מען זען אפט מאל, אז דער דאזיקער בליק-געדאנק פארוואנדלט ניסטערס עפיטעט אין אן עפיגראמע, ניסטערס בילד אין א אפאריזם, אבער די סטיכיע פון בילדערישקייט בלייבט הערשן איבער ניסטערס סטיל.

אבער צופאסן האט זיך געמוזט ניסטערס זאץ אויך צו דער נעטיע פון קינסטלערישן אנטוויקלען, צום ביסלעכווייזן אנזאמלען צום אנהויבן פון שטריכן און דעטאלן. האבן מיר באקומען דעם כאראקטעריסטישן זאץ ניסטערס. ער איז

לאנג, אפטמאל צו לאנג, אבער ציען ציט ער זיך ווי א ספיראל, וואס נעמט ארום, וואס פרעסט ציגויף דעם געשילדערטן געגנשטאנד צו איין גאנצן, איינהייטליכן בילד. דאס ראזו שילדערונגן ניסטערס אין די גייסטע ווערק זיינען אויסגעדריקט דורך אזא ספיראל-זאץ, וועלכער זאמלט אויף אלע דעטאלן, אלע שטריכן. אזוי, אז עס צעפאלט זיך ניט דאס בילד אף קלייניגקייטן, נאר עס מאכט דורך דעם ספיראלן-וועג צו עפעס א העכערן פונקט, וואוהין עס פירט די קולטיווירונג-טענדענץ ניסטערס.

וועלכן ארט פארנעמט אין דעם דאזיקן זאץ די מוזיקאלישקייט? ניסטער זאגט זיך אף קיין ווילע פון איר ניט אפ.

די וואלקלאנגן אין ניסטערס ווערטער-שפיל, די מוזיקאלישקייט זיינע פירט, ווי דער אריארבישער פאדעם דורך דער אויפעסדיקער שילדערונג און ווי קערפערליך די שילדערונג זאל ניט זיין, ווי פלאסטיש-האַרב און פארבע-שווער דער זאץ זאל ניט מאַרקירן, באפליגעלט אים שטענדיק די פארבאהאלטענע מוזיקאלישקייט, דער פארבארגענער וואלקלאנג. און שטענדיק לאזט זיך אין דעם זאץ דערקאנען דער זינגעוודיקער גייסט ניסטערס, וואס ווערט ניט מיד צו שטעלן דענקמעלער פון גרויסן קאסמישן געשעען אין דער געשטאלט פון גע-גענשטענדליכע בילדער און פלאסטישע שילדערונגען.

נ. אויסלענדער.

א. וועוויאָרקע.

אַן פיער פון ערד

נאָטיצן־פראַגמענטן.

1

אין די גרויסע ברויז־מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווען ליניען, פאָר־מען און סטרוקטורן ברעכן און שאַפן זיך מיט אויגנבליקלעכער שנעלקייט, ווען לייזונגען שפּרינגען־אויף, וויקלען זיך פאַנאַנדער און אַנטפּלעקן פלוצלינגדיקע אומדערוואַרטעטע פאַרבן און געשטאַלטן, ווען איבער אַלטע צעהויקערטע מאַרקן און גאַסן קנוילן זיך נייע ריטמען, באַוועגונגען און גיגאַנטישער אימפּעט פון כאַאָטיש־סטיליזירטע מאַסן־סצענעס — אין אַזעלכע מאָמענטן שטעלט זיך אָפּ אַ ווייל אַף דער אייביקער וועטלויף צווישן קונסט און לעבן. די קונסט מאַכט אַ „סטאָפּ“, אָפּכאַפּן דעם אָטעם און דערזעט זיך אין אַן אומבאַהאָלפענער טראַגישער פּאָזע.

וואָרום, אונזער עקסטעטישער שאַפונגס־דראַנג, וואָס מאַכט געבוירן די קונסט באַוועגט זיך ניט אין רוים נאָר אין צייט, און אין די מאָמענטן איז צייט רייסנדיק ווי מאַבל־וואַסער. און אַפן אָפּגעלאָפענעם וועג זיינען די בריקן פאַרבראָכן. אין פאָראויס זיינען קיין שליאַכן נאָך ניט אָנגעמערקט. רעכטס און לינקס, צענטר און פליגל־וועג — איין מטושטעשער האָריזאָנט, איין שרעקנדיקע אומבאַשטימטקייט. און דער רוקן איז שטייף ווי דער רוקן פון אַ דערפרוירענעם פויגל — אומדרייען דעם קאָפּ איז אוממעגלעך.

שטייט זי די קונסט מיט שטאַרקע בליקן געווענדעט אין פאָראויס צו די פאַרנעפּלטע פאַרהאַנגען, וואָס פאַרשטעלן פאַר איר אויג דאָס, וואָס וועט געבוירן ווערן אין נעקסטן מאָמענט —

איר ענערגיע־מעגלעכקייט איז פאַראַליזירט. ניטאָ קיין ראַכוועס פאַר עקספּאַנסיע. די צוקונפט איז פאַרבאַהאַלטן, די פאַרגאַנגענהייט — פאַרשלונגען. בלייבט נאָר די ענגשאַפט פון געגנוואַרט, אָבער געגנוואַרט איז נאָר אַ פיקציע. געגנוואַרט איז פליסנדיקע אָטעמען פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. געגנוואַרט איז אַ דינאַמיק פון אַ רגע וואָס איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן געבוירן ווערן און פון אַ רגע וואָס איז נאָך ניט געקומען. און דער כאַלעל צווישן זיי איז ענג אָן אַ מעגלעכקייט צו אָטעמען. —

II

„איך געדענק גארניט„ —
(נחמן בראַצלאַווערס בלינדער בעטלער).

די ענערגיע פון מענשלעכן גייסט האָט איר אומרואיקייט געלענקט אין צוויי ריכטונג־ליניען: וויסנשאַפט און קונסט.

לויפן זיי זיך באַזונדער, יעדע איר אייגענעם וועג. קלומערשט פרעמד און ווייט, טיילמאָל פיינטליך אפילע, איינע דער צווייטער. ביידע אָבער, האָבן זיי איין קוואַל, איין מאָוואַנע און איין ציל: די גרויסע באַפרייאונג פון מענטש.

פאַרוואַנדלען דעם מענטש פון אַ קנעכט אין אַ האַר איבער דער נאַטור, פון אַ סקלאַוו אין אַ ווילן. — דאָס איז די אויבערקאָוואַנע סאַי פון דער וויסנשאַפט סאַי פון דער קונסט.

צו דערגרייכן דעם צוועק גייט־אָן די וויסנשאַפט מיט איר לאַנגזאַמע מילבנאַרטיקע אַרבעט. זי שפּיאָנירט די נאַטור, דערגייט אירע סודעס, דערוואוסט זיך אירע באַהאַלטענע קוואַלן און באַשאַפט איינענע. באַשאַפט, אָבער שאַפט ניט; זי קאָמבינירט נאָר עלעמענטן און קוואַלן וואָס זיינען אין דער נאַטור שוין פאַרהאַנען. זי געפינט זיי אויס; אַף שאַפן אייגענע פרעטענדירט זי לעבאַטבילע ניט. זי איז בצוואוסטזיניק דערויף, אַז איר אַרבעט איז נאָר אַ קאָמבינירנדיקע. זי קאָמבינירט קוואַלן ניט לעהאַכעס די נאַטור־געזעצן נאָר אין העסקעם מיט זיי, אין העסקעם מיט זייערע באַפעלן.

די קונסט, אָבער, האָט לעבאַטבילע, געוואָלט פירן צו דער גרויסער באַפרייאונג דורך איר אייגענער אַבסאָלוטע פרייהייט. זי האָט געוואָלט קאָנקורירן מיט דער נאַטור. אַליין שאַפן. שאַפן אייגענעם אינהאַלט און אייגענעם פאָרם. אייגענע געשטאַלטן, ליניען, פאַרבן און קלאַנגען.

אָט דער מאָמענט שטעלט מיט זיך פאָר דעם טראַגישסטן אינט־וועזן פון דער קונסט. פון ערשטן טאָג אָן שטרעבט זי צו פירן אַ זעלבסטשטענדיקע, אומאָפהענגיקע עקזיסטענץ און איז דאָך אַ קנעכט פון אויסערלעכע געזעצן, וואָס דיקטירן אירע באַוועגונגען און ווענדונגען. ווי די פיס פון מענטש, וואָס האָגאָם זיי באַוועגן זיך פריי אַף דער איבערפלאַך פון דער ערד, זיינען זיי דאָך אירע קנעכט און קענען נאָר מאַכן די שפּרונגען, וואָס דיקטירן אירע געזעצן, אפילע דעמאָלט ווען ס'הויבט זיך אַף, דער מענש, אין יעדן קער אירן פון די אַלע צאַפּענע און באַהאַלטענע געזעצן פון לעבן, וואָס ציען זייער כיונע סאַפּקאָלסאַף פון דער אייגענער ערד טאַקע. איר האָט ניט געלונגען צו שאַפן קיין אייגענעם אינהאַלט, קיין אייגענע געשטאַלט, קיין אייגענע פאָרם. קיין איינציקע ליניע אפילע, וואָס זאָל ניט זיין אין דער נאַטור.

ד גרעסטע זעלבסטשטענדיקע שאַפונג ביזן היינטיקן טאָג האָט די קונסט דערגרייכט (דאָס וואָרט „קונסט“ דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן אין ברייטסטן זין) דעמאָלט, ווען זי האָט געגעבן גאָט. די גאָט־געשטאַלט, וואָס דער פרימיטיווער קונסט־קויאַך פון דער מענשהייט האָט געשאַפן איז זיכער געווען די העכסטע און אָריגינעל־פרייעסטע דערגרייכונג. אָריגינעל און זעלבסטשטענדיק דערפאַר, וואָס דער ערשטער באַשעפער פון דער גאָט־געשטאַלט האָט פאַר זיך קיין פראָ־

מאָטיוו, קיין מוסטער ניט געהאַט. אָבער דאָ טאַקע, בײַ איר גרעסטער שלימות האָט די קונסט דערזען איר אומבאַהאָלפנקייט. איר ניט־אָריגינעלקייט. דערזען זיך ניט ווי אַ ווילן נאָר ווי אַ סיבה.

ווי אַזוי האָט זי באַשאַפֿן איר אויסגעטרוימטן גאָט?

אַלע קוואַליטעטן וואָס זיצן אין מענטש, בעקויעך אָדער בעפּועל, בײַ אַ יאָכיד אָדער בײַ אַ קיבוץ, אַלע עמאַציאָנעלע מעגלעכקייטן וואָס דער מענטש באַזיצט. צוגעצויגן קוואַליטעטן פֿון דער אַרומיקער נאַטור; קראַפֿט פֿון כאַיעס, פֿון נאַטור־עלעמענטן — פֿון דעם האָט זי אויסגעקאָמבינירט די געטלעכע פּערזענלעכקייט. יעדער אַטאָם פֿון באַשאַפֿענעם גאָט, יעדע טייל, יעדעס גליד האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ מוסטער. אַפֿילע די מענטשלעכע שוואַכקייטן און לײַדנשאַפֿטן, זײַנען דעם געשאַפֿענעם גאָט צוגעגעבן געוואָרן — סעקסועלע מאָטיוועס, עסן און שטערבלעכקייט. אַזוי איז עס געווען אינהאַלטלעך.

און די פֿאָרם —

די סעמיטן זײַנען געווען די אָריגינעלסטע. די אַסיריער, באַבילאָנער און עגיפּטער האָבן קאָמבינירט לײַבנקעפּ מיט אָדלער־פֿליגל און פֿרויען־קערפּערס. פֿיגורן־פֿאָרמען, וואָס האָבן קיין מוסטער אין נאַטור ניט געהאַט. דאָך אָבער ניט מער ווי קאָמבינירט. פֿאָרמען און ליניען וואָס אין טיילן זײַנען זיי אין נאַטור יאָ געווען.

די גריכישע געטער־פֿיגורן זײַנען אײַנפֿאַך קנעכטיש־נאַטוראַליסטישע קאָפּיעס פֿון מענטשלעכער קראַפֿט, פֿון מענטשלעכן מוסקול־קויעך. מענטשלעכע שיינקייט און מענטשלעכע פֿרייד. דאָ האָט דער ניי־קאָמבינירטער אינהאַלט ניט געקענט קאָמבינירן אַפֿילע נײַע פֿאָרמען.

דער דראַנג פֿון דער קונסט צו זעלבסטשטענדיקייט, צו דערגרייכן די שלימות פֿון אָריגינאַל, האָט זי דאָ אַ שטוים געטאָן אין אַ נײַער ריכטונג: צו דער נעגאַציע פֿון פֿאָרם. די איינציקע מעגלעכקייט צו מאַכן די געשאַפֿענע גאָט־געשטאַלט פֿרײַ איז געבליבן אַוועקנעמען פֿון איר יעדע געשטאַלט, יעדע פֿאָרם.

באַפֿרײַען זיך פֿון דער נאַטור, פֿון דער מאַטעריעלער וועלט, וועלכע האָט צוגעגרייט יעדע מעגלעכע ליניע, יעדע מעגלעכע קערפּערלעכקייט. דערגרייכן דעם נאָך ניט־פֿאַרהאַנענעם פּראָטאָטיפּ — „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף״. די גאָט־געשטאַלט האָט באַקומען די פֿאָרם פֿון נ י ט. אין דער נאַטור איז אַזאַ פֿאָרם ניט פֿאַרהאַנען. די מאַטעריעלע ליניע איז באַגרעניצט. די עקזיסטירנדיקע פֿאָרם האָט אַן אָנהייב און אַ סאָף. —

די אידישע גאָט־געשטאַלט איז דער ערשטער, און שטאַרקסטער פּרואוו פֿון דער קונסט צו דערגרייכן די באַפֿרײַאונג, די אומאָפּהענגיקייט פֿון דער נאַטור, פֿון דער מאַטעריעלער וועלט.

די אַלט־אידישע קונסט האָט געמאַכט דעם ערשטן באַוואוסטזיניקן שפּרונג אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן. באַלעבן דעם גרויסן גאָרניט, וואו די נאַטור מיט אירע געזעצן האָט קיין שליטה ניט. ווי דער בלינדער בעטלער אין נהמן בראַצלאַווערס מעשה, וועלכער ווייס מער פֿון אַלע, ווײַל ער ווייס גאָרניט. דער גאָרניט האָט ניט קיין פֿאַרענדיקטע, ניט קיין געבראָכענע ליניען. די מאַטער־

יעלע ענערגיע גרייכט נאָר ביז די גרענעצן פֿון גאָרניט. דאָרט ענדיקט זי זיך. דאָרט האָט געוואָלט אָנהויבן איר מעמשאָלע די קונסט.—

דער פֿאָרמלאָזער גאָט איז אָבער פֿון אַ געשאַפֿענער געשטאַלט צעשניטן געוואָרן אין אַ גרענעצלאָזער, אומאָרגאַניזירטער אידעע, וועלכע האָט געקענט שפּייזן סכאָלאַסטישע מוחות, אָבער ניט מער דעם קינסטלער. די נעגאַציע פֿון פֿאָרם האָט געמוזט ברענגען צו דער נעגאַציע פֿון קונסט בכלל.

דאָס קריסטנטום מיט זײַן קריסטוס און מאַריע־לעגענדע איז געווען דער גאַנג צוריק, וואָס די קונסט האָט געמאַכט צו דער נאַטור. דעם פֿאָרמלאָזן גאָט געגעבן געשטאַלט. בלוט אַרײַנגעלאָזט אין זײַנע אָדערן, מענטשלעך בלוט. ערדישע לײַדנשאַפֿטן אים אָנגעקליידעט. מענטשלעכע ליבשאַפֿט און ראַכמאָנעס. די קונסט איז געקומען צום באַוואוסטזײַן, אַז אַ ן גאָרניט איז מער ווי גאָרניט ניט פֿאַרהאַנען. זי איז אַרויס פֿון די אומענדלעכע ריימען פֿון בלויער פּוסטקייט און זיך גענומען ציען נענטער צו דער ערד און צו דעם פֿײַער וואָס די ערד האַלט אין אירע טיפֿקייטן.

דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען די קונסט האָט זיך אונטערגעגעבן דער נאַטור און איר מעמשאָלע, ווען זי האָט שאָלעם געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז זי איז ניט מער, און ניט ווייניקער ווי אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון קויכעס, וואָס ליגן אײַנגעגאַנגען אין איר.

די האַכנאָע, וואָס די קונסט האָט אַף זיך גענומען, האָט פֿונדעסטוועגן ניט געשטערט איר פֿון צײַט צו צײַט מאַכן אַ נײַע אָנשטרענגונג זיך צו באַפֿרײַען; אַן אָנשטרענגונג אַוועקצוגיין פֿון מוסטער, דערגרייכן דעם אייגענעם אָריגינאַל, באַפֿרײַען זיך פֿון דער אינעווייניקסטער געבונדנקייט, פֿאַרלירן די געוויכט, וואָס דריקט זי אַראָפּ צו דער ערד. די פֿאַרשיידענע זיג־זאַג שפּרונגען, וואָס די קונסט מאַכט פֿון צײַט צו צײַט, איז אַט דער פּרואוו אירער אַרויסצושפּרינגען פֿון איר ערדישער אַטמאָספֿער, אַרײַן אין וועלטאַל, באַשאַפֿן זיך אַן אייגענעם אָרביט און זיך דרייען אַרום זיך אַליין ווי די זון, ניט באַמערקנדיק דערבײַ, אַז אַט דער שפּרונג אירער גופֿא איז ניט קיין פֿרײַער, נאָר אַ רעזולטאַט פֿון געזעצן, וואָס ווירקן אויסער איר.

III

דאָס באַוואוסטזײַן צו וועלכער די קונסט איז געקומען, אַז זי איז אין איר טאָך אַ טייל פֿון דער וועלטלעכער מאַטעריעלער ענערגיע און אַז איר מע־הוס איז ניט מעטאַפֿיזיש, האָט זי מיט אַן אינערלעכער לאָגיק געטריבן אַלץ נידריקער צו דער ערד, אַלץ נענטער צום מענטש.

דער באַוואוסטזײַן, אַז אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון פֿאָרם זײַנען סײַ ווי צוגעגרייט אין דער נאַטור, האָט זי אַ שטויס געטאָן צו דעם שטיק לעבן, וואו פֿאָרמען ליגן ניט צוגעגרייטע אין אַ סטאַטיסטישן צושטאַנד, נאָר האַלטן אין אייביקן וועקסל, אין אייביקן שאַפֿן־קאָמבינירן:

צום לעבן פֿונם מענטשן, צום געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

דאָס איז די געשיכטע פון דער גאַנצער מאָדערנער קונסט, בפֿרט פון דער ליטעראַטור.

דאָ שפּיגלט זיך אויסער אויף דער אינטעלעקטועלער קאַמף, אָבער אין די פּרוּוון, וואָס די קונסט מאַכט אין גרויסע מאָמענטן פֿאַר איר זעלבסט־שטענדיקייט, פֿאַר איר באַפֿרייאונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין די פֿאַר־שיידענע אַנטי־רעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור.

אָבער אויך דאָ געפֿינען מיר דאָס זעלבע, וואָס איז געשען אין די ערשטע פֿאַר־ריאָדן פון אירע אַנטי־נאַטוראַליסטישע אָנשטרענגונגען —

די סינע פון ניינצענטן יאָרהונדערט צום רעאַליזם איז דער כּעס פון קאַליבאַן, וואָס זעט ניט זיין שפּיגל זיין געשטאַלט.

די סינע פון ניינצענטן יאָרהונדערט צום ראָמאַנטיזם איז דער כּעס פון קאַליבאַן, וואָס זעט ניט אין שפּיגל זיין געשטאַלט.

(אָסקאַר ווײַלד).

אָבער קאַליבאַנס געשטאַלט איז אַ הויפּט־עלעמענט, אַ געזעענער אָדער אַן אומגעזעענער.

ווי לאַנג די קונסט האָט געקענט האָבן אַף מעטאַפֿיזיקייט האָט זי גע־קענט וואָס העכער אָנשלאָגן אין דער פֿוסטקייט; אייגנטלעך איבערצייגט זיך, אָבער, אַז אירע וואָרצלען זיצן טיף אין דרערד כּדי צו דער אינסטינקט פון שלייטעס־זוכעניש, שלאָגן די וואָרצלען אַלץ טיפֿער און זיכערער. אַלץ נידרי־קער צו דער ערד, אַלץ נעענטער צום מענטש.

די קונסט איז אין דעם פּראָצעס געווען אין דער בגינע פון אַרעפּלאַן, וועלכער הייבט זיך אַף צו די שטערן, אָבער נאָר מיט דער הילף פון נאַפֿט אַרויסגע־גראָבן פון דער ערדס טיפֿעניש.

מער ווי אין יעדן מאָמענט דערזעט עס די קונסט אין עפּאָכן פון גרויסע בּרוּיז־מאָמענטן פון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, ווען ליניען, פֿאַרמען און סטרוק־טורן ברעכן און שאַפֿן זיך מיט אַוואַנגאַרדיסטישער שנעלקייט, ווען דער ווער־לויף צווישן קונסט און לעבן שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווייל, און די קונסט בלייבט שטיין מיט אַ קורצן אָטעם און מאַכטלאָזע הענט פֿאַר די גרויסע אומדערוואַר־טעטע־פֿאַנאַנדער־געוויקלטע גיגאַנטישע ליוונגען וואָס צעפּלאַטערן זיך איבער צעהויקערטע מאַרקן און גאַסן.

דעמאָלט ווערט איר קלאָר, אַז העכער פון די דעכער איז די בלויע פּוסט־קייט, און אַז איר אָרט איז וואָס נעענטער צו דער ערד און צום פֿייער פון דער ערד.

ז. וועוויאָרקע.

אין העפט:

ד. האָפשטיין — שטאָם / ביינוש שטיי-
מאַן — דאָס רויטע קינד / א. קושניראָוו —
אָק[illegible]ע / דבורה קליאַצקין — דער וועג /
שמואל ראָסין — אַלעף / ל. רעזניק —
לידער / ע. פינינבערג — לידער / מאַרק
שאַגאַל — בלעטלאַך / י. דאָברושין — אונטער
ליטעראַטור / ש. גאָרדאָן — וואָרט און לעבנס-
שטייגער / נ. אויסלענדער — דער נישטער /
א. וועוויאָרקע — אין מיטן פון ערד.

ביבליאָגראַפיע און קונסט-כראָניק האָבן נישט געקאָנט אַריין אין דעם
העפט איבער מאַנגל אין אָרט.

16 тип. Москва. Р. В. Ц. № 144. 3000 экз.

שטראָם

כוירעש

העפטן

2

נאָר אונטער פעלון הער איך
רינט און ריזלט פריש א שטראָם.

א. שוואַרצמאַן.

מאָסקווע — 1922.

הילע — מארק שאגאל

אויסגאבע פארלאג „שטראם“

אידישע פאליגראפישע שול-דרוקעריי, מאסקווע.

פערעץ מארקיש

הונגער

1

ניט קיין מאַלאַך מיט קריגל פון טרייסט־לאַנד,
ווי נ׳מידבער אַף דאָרשט פון ישמאָעלן;
אַ ביל פון פאַרנאַכטיקן קלויסטער,
אַ פור מיט אַ פייגער פון טולע...

ניט קיין קוואַל פון וואַסער וואַרט דיך
מיט בראָכע פאַר בלאָנדזשלינג מידן;
און געוויינט האָט ווי האָגער די שוואַרצע
— אַ מאַמע עלנד אין מידבער...

אָ, ניט־אַנטוויינטע וויי־לאַנד!
ווער וועט כאָווען אַ יאָסעם?
— אַף סלופעס הייננט אַ געוויילע
— דיין טאַטע יעשו בען יויסעף!...

2

אַזוי איז געגאַנגען אַ וואָגן מיט מיסט צו די שקרופעלנע פעלדער
און ס׳האָט אַף די וועגן דאָס מיסט מיט אַ קינד זיך געשאָטן
און מ׳האָט עס צעטראָטן...

אַזוי איז געלעגן אין היץ אַ פאַרוועלקטע
דאָס וויי־לאַנד פון טאָלן
פאַרכאַלעשט נאָך מיסט און נאָך אַפּוואַרפּעכץ בלאָטיקט
און טאָג האָט די פעלדער אַף זוניקע געבלאָזן
געברענט און געבראָטן...

און ערד האָט די ציינער פון קוימענס געשטשירעט
צום שעפּסענעם הימל
און הינטיש געריטשעט:

ווי איז מיין לייב,
און ווי איז מיין ערווע,
און וואו זשע זאָל איך מיט דער בושע זיך קערוועןְ?

אָ, ווײ־קראַנקע קרוינשטאָט!
און וואו איז דאָס קינד פונס מיסטיקן וואָגן?
אף פאַקנדן הימל אַ מאַלצײַט אַ גרויסער
דער שייטער פון מוילעד רייסט זיך ווי אַ מאַקע
מ׳וועט באַלד דאָרט פרעגלען, מ׳וועט באַלד דאָרט באַקן,
היי מענטשיכעס דולע פון מערק
און יאַרידן
און ווער האָט פון וועגן דאָס מיסט־קינד פאַרטראַגן?
ווער האָט עס געקויפט און ווער האָט עס געקוילעט
אהער קומט, אהער קומט,
איך וועל אייך אין האַלב נאַכט ניט מאַנען קיין כיילעק!

אזוי איז געגאַנגען אַ וואָגן מיט מיסט צו די שקרופעלגע פעלדער
און ס׳האָט אף די וועגן דאָס מיסט מיט אַ קינד זיך געשאָטן
און מ׳האָט עס צעטראָטן...

3

אזוי זאָלסטו דיין גרויסן טאָגעס אָפקומען
מיט קליינע דיינע בעטלערלעך אף בערגלעך זוניקע פון קלויסטערס;
— אַ ברעקל ברויטעלע! אַ שטאָרינקע! אַ קאָפּקעלע!
פאַר די ניט אויסגעציילטע מיילן פעלד — אַ גרויל לאַנד גרויסע, ווי איז דיר!

אָ, קליינע בעטלערלעך מיט הימלען טאַטעשע ביז גאָר די אַקסעלעך.
פון נאַכבלעגער אין פעלד מיט פערד אין זומער־נעכט אין הייסע
אַ העמד פון טאַרבעלע! פאַר פאַסטעלעס — דער קויט צו פוס פאַרוואַקסענער
און ציץ, און גאָלד־געוועב פון פעלדער־העפּקער,—ווי איז דיר גרויל־לאַנד גרויסע!

דיין בויך איז איינגעפאַלן־דאַר, ווי דאַך פון שינדלען נאָך אַ פלאַקער
און פון פאַרוועלקטע גראָזן שלאָפט אף דיר אַ געלער הונגעריקער זשאַווער
די כמאַרעס היינגען איבער דיר, ווי שטיקער יאַדישליווע פליאַקעס
און אף דיין מאַזל בילט אַ הונט, ווי אַ משוגענער פאַריאָגטער נאָווי...

אין בודקעס לײדיקע פון דיינע וויסטע מערק פאָרן זיך הינט געשוואָלענע
און קאָגען פון באַהעפטונג היגטישער זיך ניט צעקלאַמערן;
די הימלען פרידן זיך אף רויטע שטריק ווי העמדער וואַלגע
מ׳ווי מיטע זשאַבעס צוגעבונדענע באַמקען ברוסטן זיך בא טראַגנדיקע מאַמעס...

די בריקן ציען זיך צום פעלד פון טפילעס־פאַסטגדיקע פלעצער
און ברעכן אויס ווי אַ געקעכץ די לעצטע סקריפּנדיקע רערער
אף דעכער קרעציק־אָפּגעקראַכנע מיאַוקען קעץ פאַרקרעציקטע
און ס׳מאַנצן אין דער לופטן שטיקלעך בלוט ווי האַרבסטיקע, ווי רויטע בלעטער.

אַ, ערגיץ וויינט ביים סימאַפאָר אַ מייסים־צוג מיט ביל מיט נאַכטישן
און שטיינער זויגן נעץ בײַ פערד געפאַלענע, ווי אונטער איבערקערטע שוואַרצע
כופּעס
מ'טיילט זיך שוין: דיר אַ פּאָר פּיס און דיר די פעל, און דו—פּרשפּעטיקט
און איך וועל וואַרטן שוין.
אין אַ געשווילעכץ ליגט די שטאָט אַרויסגעבראָכענע מיט קישקעס הילצערנע
פון סלופּעס.

4

אַ טויב־שטומע אַסיפע — שטייען אויסגעשטעלט ווי נעזהערנער די מויערן
און יעדער טראָגט אויף אַקסל זיבן דאַרע קי, ווי זיבן מייסים—שטיקער גאָרן...
די פענסטער לעבעדיקע, די טירן הייגנען נאָך ווי אָפּגעביסענע האַלבע אויערן
און ווערגן זיך אין היץ מיט ווײַ־געשוואָלענע פינגערים.

אָט ווילן זיי די גאָרגס אין די קעפּ זיך וואַרפן אייגנס דעם אַנדערן
אָט ווילן זיי אין דערהויך זיך אויפהויבן די הימל־הויט צעגריזשן
היי, שפּיי מיר, הימל, אָן אין הונגער־אויסגעשטרעקטער האַנט אַריין
די בלינדע בעטלערלעך פון דלאָני אָנטרינקען און זיי די מיילעכלעך פאַרשליסן.

רונדוקעס ליידיקע מיט אויסגעגאַרגלטע צו וואָגנס ציגנער אַשענע,
וואָס לעקט איר דאָס פאַרפוילטע האָלץ? וואָס סמאָרעט איר די שקרופּעלירנע
וויטן?
אויף ביים־אוילעם טיילט מען איצט, ס'איז דאָרט אַ גרויסע באַסענע,
קומט זיך אָן אָרט פאַרכאַפּן דאָרט באַצייטנס.

כ'האָט קיינער אויסגעהוסט אַ בערגל ערד. דער כאָסן ליגט נאָך פריש אין אים.
היי, ווערים! פאַר זיין געשוואָלן לייב מיט אייך זיך האַרגענען מיר קומען!
— קאַפּראַנים! גראָבט אַרויס אַדאָם־האַרישונען!
בײַ די פאַרפוילטע ביינער זיינע בענטשן מיר מעזומען.

5

טראַמוואַיען ליידיקע מיט בעהיימעש רעזון זיך באַגעגענען,
זיי פירן אונטער שטאָט אַרויס, ווי מיסט, די קינדערישע געוויינען;
שטעלט אָפּ! אַ הונט אויף רעלסן האָט דעם האַלדז אוועקגעלייגט,
ער האָט זיין הונטעכע שוין אויפגעפרעסן מיט די הונטעלאַך די קליינע

פון גאַס אויף גאַס פאַרבלאָנדזשעטע ווערבליודן קומען, גייען אָן,
און שלעפּן אום אַ טויטן טאָג אויף שוואַרצע דעמערדיקע הויקערס
ניט לויפט זיי, מאַמעס, נאָך, מיט קינדער טויטע אין די שאַלן
אַהער! די זעק די אָפּענע פון מיילער זיינען ווייגנדיק...

מיר וועלן היינט אפן בוים־אוילעם אלע נעכטיקן
מע שלעפט א לעבעדיקן מעס אף מאטשקע הילצערנער פון דול־הייב
ס'איז בא אים דינע קני, און הויל די פיס, ווי בא דעם זון פונם אלמעכטיקן
און ס'שלעפט זיך אים א אומעט נאך פון שטילע שאף און הוילע בוימער

דאס איז א אייגן קינד. און וועמעס אייסעק איז ?
ס'וועט זיין אף אינדערפרי, און אף דערנאכט, און נאך אף מארגן—פרעסט!
א טרונעלע, א קליינס. אן אויסגעפארבסט גלייך ווי אן איי א פייסעכדיקס
ס'איז היינט א פייסאך־טאג. ! Христос Воскресе

6

היי, פרויען פון טיפוס געפלעקטע און געפינטלטע,
מיט גראבליעס פון פינגער אף הארבסטיקע וויי־קעפ,
געמערט זיך ? געפרוכפערט ? צו וויפל מאל יעדערע ?

אין שאנד־הויז ? אף פילן ? אין שטאלן ?
אין ריוו אונטער פלויטן, ווי הונטעכעס ?
צו וויפל מאל יעדערע ?

היי זויגערינס אלטע פון אונטערגעווארפענע קינדער,
— באזונדער !

אריינגעלייגט די אייטערס אין אייגענע מיילער
און מעלקט זיי און ווארגט זיך
און גריזעט זיי אפ פון די הילצערנע לייב־וועגט !

מאמזערים געשוואלענע
דריי עשאלאנען
מע ווייסט ניט פון וואנען
פארבלאטיקט
פארנעגלט, —

היי, זויגערינס אלטע, איר זאלט זיי ניט בראטן
איר זאלט זיי ניט פרעגלען !...

7

אויסגעשטרעקט דיין האנט איז דיין שווארצערדישע און וועלט אריין
אף בעטלערן,
ס'זאל עמיצער אין איר פאר בראכע דיינער ברעקלעכן
און קאפיקן....

נאָר טומפּע שווערד פון גרעניצן
דיין אויסגעשטרעקטע האַנט וועט אָפּהאַקן,
ווי באַ אַ פערד־גאַנעוו...

אָ, בעטלערן!
פאַר וואונדן דיינע רויטע,
אָפענע.
— שוין שלאָגט ערגיץ אַ קוואַל אַ לויטערער?
— שוין גראָבט עמיץ אַ קרעניצע?

און פאַר דיין ליב געפּאַסעוועטס — אַ העמד פון שאָפן־וואָל —
אָ, שטריקט שוין, שטריקט שוין עמיצער?..

8

אָרעמער זונטאָג — אַ הויקער,
מיט טאָרבע צום קלויסטער דאָס פאָלק גייט;
— אַ, אויסטרערן מאַריאַן די אויגן —
אַ טרונק דער פאַרטרוקנטער וואָלגאַ...

אויף פענסטער בליקן זיך גליטשן,
ווי טראָפּן פון האַרבסטיקן רעגן;
אַ טעפּל מיט שקיע פאַרזידט שוין
ס'זאָל קלעקן פאַר אַלעמענס וועגן

אויף גרינער שיטערער קאַנווע
אויסגענייט שטרויאיק דאָס דאָרף איז;
צום קרייץ באַנאַכט זיך פאַרגאַנווענען —
דעם מיידעלשן אָפּגריזן באָרפוס...

וואָס אַרט דעם פאַרנאַכטיקן הימל
דעם קרעמלס געבעט מאַרסעליעזע...
— די הונגער־געקלאַנגען פון אים היינט
און מאָרגן דאָס לייב פון יעזוס..

9

פון זאַק־קלייד צעריבענעם ברוסטן פאַרברודיקטע בילמען,
ווי רויע קאַרטאָפּלים מיט אָדערן בלויע געוואָרצלט געריטלט;
— אויף וואָס וועט מען בייטן? אויף זאַלץ? וויפיל וויל מען?
ס'איז דאָ פון געשטאָרבענעם קינד נאָך אַ היטל!..

אַן ערד־מעסער דרימלט אין מאַרק ווי אַ שאַרבן אַ וויסטער,
ס'באַשמעקט אים אַ היימלאָזער הונט, ווי אַן אַלטע פּגירע;
— אַף וואָס וועט מען בייטן? אַף ברויט? וויפיל גיסטו?
אין גאַס שלעפּן הינט דאָ־ט אין פינפטן אַ קופּע פאַרזשאַווערטע געהירן!...

און ס'פלאַטערן פויגלען אין לופטן, ווי שוואַרצע צעוואָרפענע היטלען
דער ווינט מעסט זיי אָן אַלע מאָל אַף זיין ווילדער צעשויבערטער קודליע;
אַ בייט מאַכט מען? ווינט! אַף אַ ווינטמיל—וואָס גיט מען?
אַף בערגלעך דאָרט אַמפערן סטאַם אין דער וועלט זיך מיט פליגל פון אָדלערס?
אַ בייט מאַכט מען? ווינט? וואָס גיט מען?

פּ ע ר ע ץ מ אַ ר ק י ש.

אין ווייַן־קעלער.

און אַז דער טרעגער, וואָס אונזער ערד און וועלט אַף זיינע אַקסל טראָגט ווערט אַמאָל מיד זי צו טראָגן, גיט ער זי אַ צווייטן זיינעם אַ פריינט, אַ לעדיקגייער איבער און אַליין לאָזט ער זיך אין שענק אַוועק....

אַ אויפדערנאַכט אַמאָל, ס'איז פינסטער און אומהיימלעך, קומט ער אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס צו גאָט און צו מענשן אָן. דאָרטן איז נעבן אַ גאַס אַ רווישיקער, אַ אונטער גאַס און פון מענשן אָפּגעטון פאַרהאַנען. ליגט דאָרט אין אַ מויער איינעם אַ סקלאַד־קעלער צופיסנס, פירן אין קעלער אַריין עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּ. טרעפט מען זיך דאָרט אין אַ שטוב אַ נידעריקער, אין איין אַלטער און מיט צימערן איינציקע. און די ווענט אין די צימערן זיינען מיט עפּעס אַ שוואַרצן לאַק באַשמירט, און אַף די ווענט די שוואַרצע, אַלטע טישן נאָך פון אַמאָל פאַרבליבענע, פראָסטע הילצערנע און נאָר ווייס גערייניקט, און באַ די טישן בענק אַלטע, אויבעט פראָסטע און לאַנגע, און ווערליק איינציקע מענשן זאָלן זיך אַף זיי זעצן. און די צימערלעך זיינען נידעריק און פון די ווענט קוקן אַף זיי די אַלטע בילדער מיט אַמאָליקע שיכורים, גרויסע לייט און היגע באַזוכער אַראָפּ.

קומט אַהין דער וועלט־טרעגער צוגיין אין אָוונט, און די צימערלעך זיינען שוין פאַרנומען, און באַ יעדן טיש פאָרן מאַנסבילן מיט פרויען זיצן, און אין איינעם אַ צימער נאָר מאַנסבילן געפינען זיך, געפינט ער זיך דאָרטן אָן אָרט באַ אַ טיש, זעצט זיך אַוועק און הייסט דעם דינער זיינעם אַ ווייַן זיך דערלאַנגען. דערלאַנגט ער אים, און אַנטקעגן דער אוילאָם איז שוין אַ באַטרונקענער, און די פּענימער זיינען זיי שוין פון ווייַן און פון טרינקען רויט, און זייערע אויגן שוין ניט גלייך קוקן, נאָר צושוואומענע און צעמישטע זיינען. און אַמאָל איינער און אַמאָל אַן אַנדערער כאַפּט זיך פון זיין אָרט שוין אויף, אום צו דעם, וואָס אים אַנטקעגן זיצט, מיט זיין גלאָז זיך גלעזלען, אָדער אַזוי זיך גלאַט פון שיקרעס אַ אויסגעשריי צו אויסשרייען.

מאַכט זיך דאָרט אַ יונגער אוילאָם אַמאָל באַם טיש, יונגע געלערנטע, וואָס זיינען נאָך פון טאַלמידים־בענקל ניט אַראָפּ, און צווישן זיי רייך־קינדער, און אַזוינע, וואָס רייבן זיך און האַלטן זיך נעבן רייכע, ביליקע טרוימער און האַלוועלע שענק־גייסטער, וואָס מיינען די וועלט פאַרריכטן און איר ביזאַדעריקן געשטעלטן שטייגער מיט ווערטער צושטערן,—צושרייען און צוהיצן. זיי זיך אין מיטן טרינקען, צו גוואַלדעווען און צו טומלען זיך, איינס דאָס אַנדערע ניט הערנדיק, און איינער אַ מער היציקער, שטעלט זיך אַרויס און טומלט זיך מער פון אַלע, שרייט אויס און קאַאַסט זיך אַף דער וועלט:—

— זי האָט זיך פאַרשולדיקט, אַז די האָר זײנען ניט אירע.

— אין טפיסע זי, די אַנזעצערין! — שרײען אַנדערע, און מיט די פויסטן אין טיש קלאַפּן.

— באַם באַלעבאָס פון „סגי־נהור" (אַזוי הײסט דער שענק) זי פאַרזעצן! — פאַלט אײן דאָן אײנעם.

— אין איר מיט אַ לאָך מאַכן, פּולווער, און זי אויפרײסן! — שרײט אַ צװײטער.

— פּעטער! — קערעוועט זיך דאַן אַ שיקערער צום װעלט־טרעגער, וואָס אָפּגעזונדערט באַ זײן טיש זיך זיצט. — ווער זײט איר און וואָס טוט איר דאָ?

— דער װעלט־טרעגער בין איך! — באַקומט ער אַ ענטפער.

— ווער?! — הערט יענער ניט אײן און גלויבט ניט דעם געהערטן.

— דער װעלט־טרעגער! —

— כאַ, כאַ, כאַ! צולאַכט זיך יענער און אויף אַ קויל צו זײן כעוורע קערעוועט זיך: —

— כעוורע הערט נאָר, ווער עס זיצט דאָ מיט אונז!: דער װעלט־טרעגער, איז ער.

— און די כעוורע לויפט זיך צום טרעגער דאַן אָן, און מיט שפּאָט און שיקרעם רינגלען אים באַ זײן טיש אַרום, האַלטן אים פאַר משוגע און די װעלט פאַמעליך צוטראָגן. אײצעגען, און זעען זי ניט אַראָפּװאַרפן אום כאַלילע זי ניט צעברעכן — װאָרענען...

— גוט — איז דער טרעגער מאַסקים.

— אָן אַװײרע נאָר זײן מיה, קײנער וועט דאָך אים פאַר דער טירכע ניט באַצאָלן. זאָגט דאַן אײנער.

— אַוואַדאי גיבן בעסערע פאַרנאָסעס — זאָגט דאַן אַ צװײטער.

— און די כעוורע איז זיך לעסאָף מיאעש פון אים און לאָזט אים אויף זײן אָרט באַ זײן זיצן און זײן משוגאַאַס איבער, קערט זיך צו איר אָרט און איר טרונקען אום, אַזוי אויף לאַנג ביז שפּעט אין אָװנט ארײן, און ביז אַלע ווערן דאָרט אויף זײערע ערטער אײנגעשלאָפן, װער דעם קאָפּ און די הענט אויף דעם טיש אָנגעשפּאַרט, ווער אַפּן אַקסל באַ זײן כאַווער, און ווער אַזוי, אויף זײן אָרט און גלײך זיצנדיק; ווערן זײ אַזוי אײנגעשלאָפן און קײנער וועקט זײ ניט, ווײל פון „סגי־נהור" טרײבט מען ניט קײן מענשן, און „סגי־נהור" איז אי באַטאָג, אי באַנאַכט אָפן, און מענשן קענען וויפיל זײ ווילן זיך פאַרברענגען; און אַרום האַלבע נאַכט ווערן די צימערלעך טאַקע אָפּגעלײדיקט, אָבער ווער ס'בלײבט נאָך, בלײבט, ווער סע טרינקט, טרינקט, און ווער ניט — קאָן אַזוי זיצן.. זיצט זיך אַזוי ווידער דער טרעגער, און אין זײן צימערל איז שוין קײנער ניטאָ, אויסער יענע נאָר, וואָס שלאָפן, און אויך די אַנדערע צימערלעך זײנען שוין לײדיק, און די נאַכט־דינער באַ די עקן טישן און אָן אַרבעט דרעמלען, און אין שטאָט דער רויש האָט זיך שוין אײנגעשטילט, און אין גאַס, וואו „סגי־נהור" געפינט זיך, גײט שוין ניט קײנער, נאָר ווען ניט ווען אַ פּאָר פּיס פון אַ פאַר־

שפּעטיקטן אַ היימגייער פאַרביי די נידעריקע פענסטערלעך, וואָס צום דרויסן קוקן, פאַרבייגייען דערהערן זיך....

— שטעלט זיך דאָן אין צימערל פון גייסט דער נאַכט־שלעפער אַריין, ניט באַמערקט פון קיינעם און פאַרביי די דרעמלענדיקע דינער דורכגעגאַנגען. און אָט איז ער אַף דער שוועל שטיין געבליבן. און אָנגעטאָן איז ער אין אַ טיגער פעל אַזוינער, ווי אין אַ רעקל, און דער עק פון טיגער שלעפּט זיך אים אַ טויטער און באַמבלענדיקער נאָך. און אַליין זעט ווי גערדראָלן און רויט־פאַרבלאָזן אויס, פון באַשטענדיקן טרינקען און וואָס אויך איצט איז אונטער דער קויסע, וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש אָן שוין ניט איינע דאָרט אַריינגעכאַפּט; שטייט ער און האַלט זיך אַף דער שוועל דאָרט שוואַכלעך, אָבער נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען, ווייסט ער נאָך, און אַז עמיצער דאָ אינטערעסירט אים, זעט מען אַף אים; דערזעט ער דעם וועלט־טרעגער דאָן באַ זיין טישל זיצן, גייט ער צו אים צו, ווי צו זיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן, קומט אים צום טיש אונטער און פאַרנעמט אַן אָרט אַנטקעגן, דערלאַנגט אים אַ האַנט צום גריסן און לאָזט זיך אַף אַ בענקל אַראָפּ.

— ווי גייט עס? — פרעגט ער באַם וועלט־טרעגער, זיך אַראָפּזעצנדיק.

— גוט, און בארג אַרויף.

— און וואָס איז די גערולע דיינע, דאָס, וואָס דו טראָגסט אָט די שיקורים אָן געלט? —

— און דער שלעפער ווייזט דאָ דעם טרעגער אַף די אַנטקעגן שלאָפנדיקע נאַכט פאַרשווינען אָן.

— גיין, ענטפערט אים דער גייסט, — און ווי באַ דיר?

— שלים!

— וואָס אַזוינס?

— די פרומע זיינען אויסגעשטאָרבן און ניטאָ, און די, וואָס זיינען פאַרבליבן, איז כאַפּט זיי, ווי זאָגסט דו, דער טייוול.

— איז באַ וועמען ביזטו געבליבן?

— באַ איינעם אַ שטיקל פריינד נאָר.

— און ווער איז ער?

— ער איז קליין און נישטיק, דאַר און שוין הויט און ביין, און זיין פּאַבים איז אים גאָל געקניינשט, און ערד איז אים אין די קנייטשן; די אויגן האָבן זיך אים צומישט, זיינע ווייסלעכער האָבן די שוואַרצלעכער פאַרגאָסן, אַ גראָה וואַסערל איז אים שוין אין די אויגן, און ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל מיט זיי, זעט ער שוין, ווי ניט אַף דעם אוילעם אויס: דאָ האָט שוין ניט וואָס צו טאָן, וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אויסגעבראַכט, ווייַן און ווייבער האָט ער זיינע קליינע קויכעס אָפּגעגעבן, און איצט איז ער אַזוי פאַרבליבן, און אַלע/אָוונט נאָר האַלוצינאַציעס באַפּוילן אים....

— ווי ער קומט נאָר אין זיין באַכערישער היים אין אָוונט, ער פאַרמאַכט נאָר די טיר נאָך זיך, דרייט דאָס ליכט אַרויס און בלייבט אַליין אין צימער,

אזוי רירט זיך אים באלד א וואנט אויף אנטקעגן, א לייכטער שאטן טוט זיך אים א וויז דארטן, און פריער שוואכלעך און ניט אנגעזעען, אבער באלד וואקסט א פארשוין פאר אים אויס: — א הויכער און א ציכטיקער, מיט גלאטע האר פארקעמט און מיט א שרינט אזוינעם, מיט לעצטע מאניערן און אין אויג א מאנאקל. באווייזט ער זיך מיין פריינד, נעמט זיך א פלאץ באם טיש אים אנטקעגן, א פוס אף א פוס פארלייגט, האלט זיך פריי און ניט געצוואונגען, און מיין פריינט איז שוין צו אים צוגעוואוינט ער שרעקט זיך ניט פאר אים און אף זיין אומגעבעטן קומען האט שוין מיט דער האנט א מאך געטאן....

— און די לעצטע צייט האט ער מיין פריינד מיט אזא באזוך באפוילט: ער האט זיך אוועקגעזעצט, עפעס געשוויגן א צייט, און מיין פריינד האט אין דער האנט בא אים עפעס א מעשונע סייפערל באמערקט: שווארצע טאוועלעך און שווארצע בלעטעלעך און אויך עפעס א פארמאט א אומגעווייכלעכער.

— וואס איז דאס? — האט ער בא אים א פרעג געטאן.

— טאקע פאר דיינעטוועגן געבראכט, דיר דאס וויזן געוואלט?

— וואס אזוינס?

— וואס מע שרייבט פון אונז.

— ווער פון וועמען?

— אין אייניקע יאר טויזנט ארום פון אונזערע טויזנטער.

און דא האט אים דער פארשוין דאס סייפערל דערלאנגט, און מיין פריינד האט עס גענומען און אין דרין אריינגעקוקט. און ניט ווי אונזערע איז יענער סייפער געדרוקט געווען, ניט שווארץ אף ווייס פאפיר, נאר פארקערט—מיט ווייס אף שווארץ. און מיין פריינד האט דאס קסאוו יעניץ לייענען ניט געקאנט און אין סייפער גארנישט ניט פארשטאנען. האט ער עס צוריק דעם פארשוין אפגעגעבן, זאל ער דארט לייענען. און יענער לייענט; ס'איז אים אלץ איינס — קסאוו פון צוריק מיט טויזנטער, און קסאוו, וואס שפעטער מיט טויזנטער, און זאגן זאגט ער, אז דאס בוך קער צו א מענשהייט שוין א שווארצער, וואס האט די איצטיקע וועלט פארנומען, און פון די ווייסע איז שוין קיין זייכער ניט געבליבן, און נאר די געשיכטע זייערע בלאנקעט נאך ווי ניט ווי אין די גערעכענישן ארום, און ווען ניט ווען דערמאנט מען זיי.

— און אזוי שרייבט זיך דארט אין בוך: — נאך גרויסע געשלעגן און מילכאמעס צווישן די ווייסע, אז א גרויסער ייאוש איז זיי באפאלן, ווייל אז צו זייער געטרוימטן שאלעם, האבן זיי געזעען, וועלן זיי שוין ניט קומען, און אז בעסער ווי זיי זיינען, וועלן זיי ניט ווערן, און וואס זיי האבן גוטס געהאט האבן זיי שוין אפגעגעבן, און זייער צייט שוין צו עלטער בויגט זיך, און זייער בלוט און בארוף ענדיקט זיך, און אנדערע און געזונטערע דארפן זיי יארשענען קומען, און אויך די אנדערע וועלן מיסטאמע ניט בעסער זיין, — האבן זיך זייערע קלוגסטע און אויסדערוויילטסטע אף באראט צונויפגענומען, און פאר די איבערגעבליבענע, פאר די פעלקער און פאר די פעלקערלעך זייערע, א באשלוס אנגענומען: ענד! און זאל עס גיין, ווי ס'גייט, בעסער מאכן איז אוממעגלעך, און זארגן איז שוין ניטא פאר וועמען, און זאל זיך יעדערער, ווי ער פארשטייט, זיין לעבן פארענדיקן און פאר פרעמדן קלאל און פרעמדן פראט זיך קימערן איז א נארישקייט....

און דער געשיכטע־שרייבער גיט דאָ צו און שרייבט ווייטער:

— „און אַ געוויינלעכע דערשיינונג און אַ טאָגטעגלעכע איז עס דאַן געוואָרן, און אין די טאָגשריפטן איז דאָס פֿאַרצייכנט, און אַלע טאָג האָט מען דאַן לייענען געקאָנט, אַז אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן, האָט מען יענע כאַכאָמים, וואָס האָבן דעם באַשלוס אָנגענומען, איינציגווייז בײַ זיך אין די היימען, אין די פֿריי־מאָרגנס אין די וואָגנס און אין די באָד־צימערן געטראָפֿן —, אויסגעטאָנענע און אין די וואַסערן זיצנדיקע, אויסגעגאַנגענע, און די וואַסער איז פֿול בלוט געווען: זיי האָבן זיך די אָדערן געעפֿנט, און אַזויערנאָך זייערע כעשבוינעס מיט דער וועלט פֿאַרענדיקט...

און דער פֿאַרשוין, מײַן פֿריינדס, האָט דאָס לייענען פֿאַרענדיקט, דאָס סייפֿערל פֿאַרמאַכט און מיט מײַן פֿרײַנד זיך איבערגעקוקט.

— איז וואָס? — האָט אים מײַן פֿרײַנד געפֿרעגט — זאָלן מיר זיך אויך אין יענע כאַכאָמים פֿאַרשרייבן?

— המ... האָט דער פֿאַרשוין געשטאַמלט — כ'מיין ס'איז צייט... ווייל פֿון אונזער וועלט איז ניט צו האָפֿן...

און דער נאַכט־שלעפֿער גיט דאָ צו: און מײַן פֿרײַנד מיט זײַן פֿאַרשוין זיינען ש ו י ן פֿאַרשריבענע, און אויך איך בין צו זיי צוגעשטאַנען.

— איז וואָס וואָלסטו געוואָלט? — פֿרעגט דאַן דער וועלט־טרעגער באַם נאַכט־שלעפֿער.

— האַלטן מיר דיך ניט פֿאַר נאַרישער פֿון אונז, און איך בין געקומען אויך ד י ר דאָס פֿאָרשלאָגן.

— אין „צער בעלי־חיים" אַריין?

— רוף עם ווי דו ווילסט, און זאָל עס הייסן, ווי סע וויל זיך.

— ניין! — ענטפֿערט דער וועלט־טרעגער.

— און דיין גדולה און דיין באַרג אַרויף?

שווייגט דאַרויף דער טרעגער. האַלט נאָר זיין קוים אין די הענט אַרומגענומען, און זיין פּנים איז פֿאַרטראַכט צו די הענט געווענט און אין „סגי־נהור" שוין גרויסע נאַכט־שטילקייט הערשט דאַן, און די יונגע לייט, וואָס אין טרעגערס צימער באַם טיש שלאָפֿן, שלאָפֿן שוין איצט אַף אַ גרויסן עמעס, און אויך די דינער, די אַף־נאַכט־פֿאַרבליבענע, עפּעס פֿאַרזונקען און פֿאַרדרעמלט זיינען, און בײַ די עקן טישן, ווי אַף אַ ווײַלע נאָר זיך צוגעזעצט, זיינען אַזוי זיצנדיק פֿאַרבליבן, און דער נאַכט־שלעפֿער זיצט אַנטקעגן טרעגער, זיצט און וואַרט אַף אים....

— הא! ... — וועקט זיך דער טרעגער דאַן פֿון שטיל — פֿאַרטראַכט זיין אויף, און מער, ווי צו זיין אַנטקעגן־זיצענדיקן, צו זיך אַליין טוט אַ זאָג:

— מײַן גדולה? יאָ... כ'האָב געהערט ניט לאַנג, ווי אין די ווייטסטע וועלט־דוימען האָט באַנאַכט אַמאָל עפּעס אַ לייכטער שאָס געטאָן. צי אַ וועלט איז דאָרט אונטערגעגאַנגען צי צ וועלט מיט אַ וועלט האָבן זיך אָנגעשלאָגן און באַגעגנט, האָב איך ניט געזעען; נאָר געזעען האָב איך, ווי אַף דער ערד און אין אַ שטיבעלע איינעם דאָט אַ פֿענסטער אַף יענעם שאָס מיט אַ לייכטן ציטער זיך

אַפּגערופן... און אַ מענטש האָט זיך דאָרט אויפגעוועקט און איז פון זיין געלעגער אַראָפּ, און די הענט האָט ער געוואַשן און אַף גאַטס דרויסן אַרויסגעקוקט, און געזאָגט האָט ער: עפּעס איז איצט געשעען אַף דער וועלט, מדאַרף דאַרויף בעטן, און מ׳דאַרף זיך באַדענקען... און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט: —

— וואָס ס׳איז פאָרגעקומען פון אויבן, איז מיר ניט קלאָר צי אַ הימל־קערפּער האָט געפּלאַצט, צי אַ נייע וועלט־געראָד איז געבוירן, ווייס איך ניט; אָבער וואָס ס׳זאָל דאָרט ניט זיין — איז דאָך דאָס געשעען, און מיט אייביקן לעבן און מיט געטלעכן טויט איז דאָך דאָס פאַרבונדן, און עפּשער האָט דאָס נ אָ ך אָדער ש ו י ן קיין מויל ניט, דאַרף דאָך דאָס עמיצער פאַרן מויל ברייינגען, און איך בין דאָך דער זויכע און איך האָב דאָס פון שלאָף דערהערט, און איך שטיי שוין פאַר גאָט, פאַר זיין דרויסן אין פענסטער, און דער וואַכעדיקער וועלט־טרעגער איז איצט פאַרנומען, מיט זיין מאַסע און זיין מיה צו טראָגן, און ווער זאָל פאַרן געשעענעם דאָס וואָרט זאָגן?“

— און געווען בין איך דאָ, אַף דער וועלטס וועג דעם אויסגעטריטענעם, און ווייטע געזאַנגען פון זעלטענע הימל־גערעדער האָב איך געהערט, און געגאַנגען דאָ בין מיט מיין מאַסע אָנגעלאָדן, מיט דער הייליקער און שווערער. האָב איך די רייד פון יענעם מענטשן דערהערט, האָב איך דאָ מיינע אַקסל איינגעבויגן און טיפער אַף זיך דעם יאָך גענומען, מיין יאָך און מיין מי, מיין ליבע און מיין גדולע...

— ענליכעס אַף דעם האָבן מיר שוין געהערט פון דיר. — האָקט דער נאַכט־שלעפּער דעם טרעגער אינמיטן איבער. — עפּעס נייעס, וועלט־טרעגער, האָסטו?

— און דאָס אַלטע איז דיר ווייניק? — פרעגט דער טרעגער ברוגזו

— ניין, דערעסן... און דיין מענטש איז אַ נאַר און זיין מויל מאָלט נאַרישקייטן.

— און וואָס וואָלסטו געזאָגט?

— אויסגעשפּיגן און געגאַנגען שלאָפן...

און איינשווייגן אַף אַ ווײַלע ווערן דאָ ביידע. דער גייסט לאָזט ווידער זיינע אויגן צו זיין קויס אַראָפּ, און דער נאַכט־שלעפּער קוקט אַף אים און ווי זיין נאַרישן אומשולד באַדויערט; שטעלט זיך דאָ אַף דער שוועל דער נאַכט־וועכטער אַריין, און אויך ער ניט באַמערקט פון קיינעם, פון דער שטילער גאַס אין „סגי־נהור“ קומט צוגיין, אַ אָנגעפּעלצטער, און קיילעכיק מיט בגאָדים אָנגעפּאַקטער, און אַף זיין ברוסט אַ היטער פייפעלע הייענגט אים, אַף טאָמער עפּעס מאַכט זיך, און טאָמער עפּעס אומרואיקעס אין גאַס געשעט,—צו פייפן, און די אָרומיקע היטער צו מודיע זיין. קומט ער אַריין און אַ שווייגער איז ער, און מיט טרעגער און שלעפּער איז שוין לאַנג באַקאַנט. זעצט ער זיך צו זייער טיש צו און פאַרנעמט אַן אָרט דאָרט מיט זיין אָנגעפּעלצטקייט — און טרעגער מיט שלעפּער זיינען צופרידן מיט זיין קומען, און ביידע אַף אים זייערע בליקן און זייער אויפמערקזאַמקייט ווענדן.

— און וואָס זאָגסטו ד ו, היטער? — ווענדעט זיך צו אים מיט שפּאַס דער שלעפּער.

— זאָג, זאָג, ענטפערט דער היטער. — זאָג, וואָס דו ווילסט. מ'הערט דיך אַ היפּש ביסל, מ'שלאָפט בעמיילע.

און דער היטער ווערט אַנטשוויגן, און ער איז ערנסט היטעריש אין זיין שווייגן, און דער שלעפער ווענדעט זיך דאַן אָפּ פון אים, און צום טרעגער דאַן קערעוועט זיך: —

— דערציייל עפּעס, טרעגער, אַ היים איז נאָך פרי צו גיין, די נאַכט איז נאָך גרויס, און־דו האָסט דאָך באַגעגענישן.

און דער גייסט פאַרטראַכט זיך אַ ווייַלע, דערמאָנט זיך אָן עפּעס און טוט אַ זאָג:

— הער זשע, שלעפער, און פאַרשטיי.

און דער טרעגער דערציילט: —

— דאָ ניט לאַנג, זאָגט ער, האָט ער דעם מאַזל־עמער באַגעגנט. מיט זיין שטאַנג און מיט זיינע עמער אַף די אַקסל, און די שטאַנג איז אים אַף דער ברייט פון דער פּלייצע געלעגן, און די עמער האָבן זיך אים געבאָמבלט, און ליידיק וואַסער־פירעריש איז ער אים אַנטקעגן געקומען. האָב איך אים אַריינגעקוקט אין די עמער און זיי טרוקן און צעלעכצט געזעען — האָב איך זיך צו אים געווענדעט און באַ אים „וואָס איז די מאַיסע”? — אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס די עמער טרוקן און ווי לאַנג שוין דעם ברונען ניט געזעען — זעען אויס? — האָט ער מיר געענטפערט: מאַזל־יונג־פרוי* האָט כאַסענע און איך וויל איר מיט ליידיקן איבערגיין... אַדאַנק מיר איז זי אין הימל אַרויפגענומען, אַדאַנק מיר האָט זי אַן אָרט צווישן די מאַזאָלעס באַקומען, און איצט גייט זי צו אַ פעמדן זיין.

— וואָס הייסט?

— איר טאַטע איז פון די געפאַלענע מאַלאָכים געווען, ער האָט מיט אַ ערד־פרוי געלעבט, ער האָט מיט איר אַ קינד געהאַט, און געגלוסט און זיך געזעטיקט, און געמיינט, אַז הימל און ערד זיינען זיינע. איז דאָך אָבער דערנאָכדעם אַף אַזוינע מאַלאָכים די שטראָף אויסגעפאַלן, און דער הימל האָט זיך פאַר זיי פאַרשליסן באַדאַרפט, און אַף צוריק אַרויפצוקומען איז זיי שוין ניט באַשערט געווען, — האָט מען זיי נאָר אַ קליינע רעגע צייט געגעבן, און ווער ס'האָט געוואָלט האָט זי אויסנוצן געקאָנט. זיינען אָבער פון די מאַלאָכים פיל אין זייער ערדישקייט און מיט זייערע ווייבער פאַרנומען געווען, האָבן זיי פאַרזאַמט די רעגע, זיינען זיי אַף קלאָג און אַף מענטשן־צוגלייך אונטן געבליבן, און נאָר אייניקע פון זיי האָבן זיך געכאַפּט און באַדענקט אין דער צייט, און אין יענער רעגע האָבן זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט. צווישן יענע אייניציקע איז אויך דער מאַזל־יונגפרויס פאָטער געווען. האָט ער אָבער ניט נאָר זיך אַ ל י י ן, נאָר אויך זיין ווייב און איר פרוכט פון איר לייב אַרויפנעמען געוואָלט, האָט ער אַף גיך צום ערשטן דאָס קינד אַרויפדערלאַנגט, און איך בין גראַדע באַם הימל און באַם אַרויפדערלאַנגען געשטאַנען, און איך האָב עס פון זיינע הענט אַ כאַפּ געטאָן, האָב איך דאָס איבערגענומען, און יענער האָט דאָס ווייב געוואָלט אַרויפגעבן, און דערנאָך אויך אַליין אַרויף, האָט זיך שוין אָבער אין דער רגע דער הימל צוגעשלאָסן, און דער מאַלאָך איז מיטן ווייב, אין די הענט אין דער לופטן אַזוי שוין פאַר אַ פאַרשלאָסענעם און פאַר אַ צוגעמאַכטן הימל שטיין געבליבן.

---

* מאַזל־עמער און מאַזל־יונגפרוי — צוויי מאַזאָלעס פון די צוועלף.

און דאָס קינד האָט זיך אין מײַנע הענט געטראָפֿן, און די ערשטע צײַט האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט, אָבער דערנאָך האָט זיך עס צו מיר צוגעווײנט, און איך האָב דעם אַ טאַטן און אַ מאַמען פֿאַרביטן.

און איך האָב דאָס דערצויגן, און דאָס קינד איז מיר ליב געוואָרן, און באַשטענדיק איז דאָס מיט מיר בײַ מײַן אַרבעט געווען, ווען איך האָב פֿון מאַזל־ברונען געשעפּט און דער וועלט אַראָפּ רעגן און שעפֿע געגעבן, און געהאַלטן האָב דאָס בײַ דער זײַט באַשטענדיק, און קײנמאָל דאָס אַלײן און אַף העפקער ניט אָפּגעלאָזט.

אַז ס'איז אונטערגעוואַקסן, און אַז די אַנדערע מאַזאָלעס האָבן דאָס דערזען בײַ מיר, האָבן זײ דאָס באַטראַכט און געליבט אַלע, און אײניקע פֿון זײ האָבן זיך אַפֿילע דערין מעקאַנע געווען, און דאַן אויך אין מיר, וואָס האָב עס אַזוי גאָענט בײַ זיך טאָמיד.

און אַזוי ווי אין יענע צײַטן זײַנען נאָך די הימל־גערעהער און מאַזאָלעס ניט פֿעסט געווען און פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג זיך נאָך אַמאָל אַ שטערן אויסגליטשן, פֿאַלן און פֿון דער ראָד פֿעלן, האָט זיך טאַקע אַמאָל געמאַכט, און אײנער אַ שטערן־מאַזל איז גײענדיק פֿון וועג אַראָפּ און ערגעץ וואו פֿאַרבלאָנדזשעט, צי אין אַ טהוים אַראָפּ; האָט אונז אין ראָד דאַן אַ באַזעצער געפֿעלט, און אײנס אַן אָרט איז דאָרט לײדיק געשטאַנען, האָבן זיך מאַזאָלעס צונויפֿגענומען און באַשלאָסן: דאָס אָרט דעם קינד, און פֿון מיר דערצויגנס אָפּגעגעבן, און — נישקאָשע: שעמען זיך דערמיט איז זיך ניט געווען, און געשײַנט האָט דאָס ניט ווײניקער פֿון אַנדערע, און ליב געווען איז דאָס מער פֿון אַנדערע, און דאָס קינד האָט דאָס אָרט פֿאַרנומען, און אַ גלײַכע צווישן גלײַכע געוואָרן...

און דאָס קינד איז מיר טײַער געוואָרן, און דאָס קינד איז דאָך צו מיר נעענטער, ווי צו אַלעמען געווען, און געטאָן האָט דאָס אָן מיר גאָרנישט, און נאָך יעדער מינדסטער זאַך פֿלעגט עס זיך צו מיר ווענדן, ווײַל, ווי געזאָגט, טאַטע־מאַמע האָט דאָס נאָך שוואַך געקאָנט, און איך האָב דעם פֿאַרביטן טאַטע־מאַמע.

און איך פֿלעג דאָס אַראָפּקוקן לערנען, ווי אַזוי ס'זאָל זיך פֿאַר דער מאַזל־ראָד האַלטן און דאָס קעפּל זאָל זיך דעם ניט פֿאַרדרײען, און אַמאָל פֿלעגט דאָס בײַ מיר דעם עמער בעטן, איך זאָל דעם אָנווײַזן וואו און וואָס צו באַגיסן, און איך האָב דעם ניט אָפּגעזאָגט און דעם געגעבן, און דאָס קינד האָט שוין די ערד געקאָנט, און זומער און ווינטער, און אָפֿט ווען זי האָט אַזוי דעם עמער געהאַלטן, פֿלעגט זי זיך פֿאַרטראַכטן, און אַמאָל ניט דערגיסן און אַמאָל איבערגיסן, ווי אַ קינד, און איך האָב געשמײכלט און איך האָב איר מוחל געווען אַף דעם, וואָס זי האָט מיר דאָרט „אָפּגעטאָן".

און דאָס קינד איז געוואַקסן און איך האָב דאָס ליב געקריגן, און פֿאַרמען זײַנען בײַ דעם געוואָרן, ווי בײַ דעם געווײסן מין פֿון יענע קינדער, און רײצן האָט דאָס מיר גענומען, און אָפֿט און פֿאַרבאָרגן פֿלעג דעם שוין נאָכקוקן פֿון אַ זײַט, און דאָס קינד האָט ניט געוואוסט, און דאָס אונטערגעוואַקסענע האָט זיך ניט געהיט פֿון מיר, אָבער איך פֿאַר אַנדערע האָב זיך שוין יאָ געהיט, און אַנדערע־

רע צו א י ר שוין אין געהיטקייט געהאלטן: — ווי האלט מען זיך צו איר, ווי קיקט מען אף איר, ווער האט אף איר אן אויג געוואָרפן און ווער פון אלעמען ווערט מער געאכט פון איר....

און איך האָב גאָרנישט ניט באמערקט, אויסער איר געטריישאפט און איר בערגעבענקייט צו מיר, און איך בין צופרידן געווען און אויפגעלעגט זייער, און אין הארצן האָב שוין אף דער צייט ארויסגעקוקט, ווען זי וועט נאָך מער אונ־טערוואקסן און איך וועל צו איר נאָענט צוקומען, און דאָס, וואָס איצטער איז נאָך אומפגעלעך, וועל איך שפעטער אויפקלערן, און דערווייל האָב זי געהיט קיין פרעמד אויג אף איר רוען ניט געלאָזט. און אזוי איז א צייט אוועקגעגאנגען, און איך׳האָב איר אין איין נאָכקוקן געהאלטן, און זי פלעגט אף דער ערד אראָפ־קוקן, און די ערד איז איר עפעס ניט געפעלן, און אָפט פלעגט זי מיך צורופן, און אף אונטן און אף אראָפ מיר אָנווייזן: —

— פעטער, מאזל־עמער, וואָס וואקסט בא דיר ניט?

— וואָס ניט?

דאָס, וואָס דו באַגיסט און האלטסט אין איין באגיסן: די גראָזן און די בוימער דיינע.

— די בוימער זיינען דאָך הויך.

— דאָס איז הויך בא דיר? און פאַרוואָס דערלאנגען זיי דעם הימל ניט?

— מער איז זיי ניט באשערט און ניט געגעבן.

און זי פלעגט זיך פון דער ערד אָפקערעווען, און פון מיר, ווי א באליי־דיקטע און אנטוישטע אוועקגיין, און אוועקגיין פלעג דאָן צו אנדערע מאזאָלעס, און בא אנדערע און שוין ניט בא מיר א אנדער אינטערעס צו זוכן... און יענע פלעגן איר דערציילן און מיט איר פיל צייט פארברייגגען, און יעדער האָט איר וואָס ער האָט געוואוסט, דערציילט, און אלע פלעגן פאַר איר, דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאט, ארויסברייגגען, און דערציילן פלעגן איר פון געוועזענעם, און אויך ניט געוועזענעם פלעגן פאַר איר אויסטראכטן, און זי האָט געהערט און אלעמען אין מויל געקוקט, און א שטארק־גלויביקע איז זי געווען, און אין אונ־גלויבליכעם האָט נאָך מער געגלויבט, און יענע האָבן פאַר איר א ז ע ל כ ע ם אויסגעקלערט, וואָס אף דער ערד האָט זי פון דעם קיין שפור ניט געזען, און אויך צווישן די מאזאָלעס קיין סימען פון דעם ניט געפונען; האָט זי זיך אין מאיסעס פון העכער־מאזאָלעס פארליבט, און מאזאָלעס האָבן איר צוגעשטעלט אזויגע, און מאזאָלעס האָבן ניט געקארגט פאַר איר קיין אויסגעטראכטס.

פלעג זי איצט א פארפרעמדטע זיין און צו מיר שוין זעלטן קומען, און אין מיין ערד־אַרבעט קיין אנטייל ניט גענומען, און אין אָפגעזונדערטקייט פלעגט שוין זיצן, און שווער איז זי שוין ארויסבאקומען געווען פון איר אָפגע־זונדערטקייט, און אין די אוונטן, נאָך זון־זעצן, פלעגט זיך אף איר מאזל־בעטל ארויפזעצן און לאנגע שאָען פאַר איר אנשלאָפן ווערן, פלעגט אף הויכע הימלען און אף די ווייטע שטערן קוקן....

און אָט יענע צייט האָב שוין פאַר רעכטפאַרטיק געפונען, און אין יענער צייט האָב איר שוין מיין ווילן געוואָלט אויפדעקן ,וואָרום געזען האָב איך, אז ניט אומזיסט זיינען מאזאָלעס פארנומען מיט איר, און ניט אומזיסט געבן איר

מאַזאָלעס אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט אָפּ, ווייל פיל פריִיד האָט זי פאַר אַלע־מען געשאַפן, און גליקליך פילט זיך יעדער אין איר נאָענטקייט צו זיין;

האָב איך איר איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען אַלע זיינען שלאָפן אַוועק־געגאַנגען, אין אויער איינגערוימט — אַז אַלע וועלן איינשלאָפן ווערן, און אַז אַלץ אין ראָד באַ אונז וועט שטיל ווערן, זאָל זי צו מיר אַרויסגיין, איך וואַרט אַף איר, און איך דאַרף זי באַם ברונעם האָבן....

האָט זי ניט פאַרשטאַנען און מיך אָנגעקוקט, און זיך פאַרוואונדערט און מיך באַטראַכט, ווי ניט געוויינליך, און דאָך, און ניט כוישעד זייענדיק גאָרניט, האָט מיר צוגעזאָגט און געהאַלטן איר צוזאָג... און איך האָב זי געוואַרט ביים ברונעם, און אַ לעוואָנע איז דאָן אויפגעגאַנגען, און אַף דער ערד איז דאָן אַ זומער נאַכט געווען, און פון דאָרטן האָט זיך פיל גוטס און ערדשאַפט געטראָגן, און פאַרבאָרגענע רייכעס פון וועלדער און מייכער פאַרבאָרגענע; איז זי צו מיר אָנגעקומען און באַ מיר אַ פרעג געטאָן.

— וואָס איז פעטער? וואָס, האָסט מיך באַדאַרפט עפּעס פאַרבאָרגן?

— גאָרנישט. — האָב איך איר פאַרפרעמדטע פראַגע דערפילט, איר געענטפערט און זי פאַר לעוואָנע באַטראַכט. — זעיִ זיך.

און זי האָט זיך נעבען מיר אָפן ראַנד פון ברונעם אַוועקגעזעצט און איך האָב צו איר אַ האַנט אויסגעשטרעקט און זי אַרומנעמען געוואָלט.

— ביזט נאַס און שמעקסט מיט וואַסער, פעטער.

און זי האָט מיר די האַנט אָפּגעווענט און זי מיר צוריק דערלאַנגט, און איך האָב איר שוין גאָרנישט זאָגן געקאָנט, און געזאָגט האָב איך, אַז עפּעס קאָן ניט איינשלאָפן ווערן די לעצטע צייט, און אַז זי איז מיר זייער ליב, און זאָל זי מיט מיר אַ שטיקל אָוונט פאַרברייִנגען... און זי האָט פאַרבראַכט, ווי פאַר־בראַכט, און געזעסן מיט מיר ביז זי איז שלעפעריג געוואָרן, און איך האָב זי זיך ליגן אָפּגעשיקט, און לאַנג איר דאָן נאָכגעקוקט נאָך איר אַוועקגיין, און אַזוי און מיט גאָר ניט בלייבנדיק האָב איך לאַנג דאָן נאָכגעדענקט יענעם אָוונט.

און מאַזאָלעס האָבן איר ווייטער דערציילט, און מאַזאָלעס האָבן אונ־טענאַרומער געקוקט אַף איר, און זי האָט ניט באַמערקט, און איבערגליקלעך אין איר אומוויסן פון זיך געווען, און געווען איז זי דאָן גליקליך און די שענהייט האָט זיך געפרייט אין איר, און די שענקייט איז מאַר אַנדערע אָנגעגרייט געווען, און ניט פאַר מיר און פאַר מאַזאָלעס קיינעם: איר באַשערטער איז ה ע כ ע ר מאַזאָלעס געווען.

אַמאָל האָב איך אין הימל קוקנדיק, אַ אָוונט איינעם, ווען איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן, נעבן אַ שטערן איינעם אַ פאַרשלייערטע פרוי דערזעען. מיט אַ דין געוועב איבערן פּאָנים אַראָפּגעלאָזט, און אינגאַנצן איינגעהילט און אינגאַנצן איינגעוויקלט, איז געשטאַנען און צו אונזערע מאַזאָלעס געקוקט. גע־זעען האָב איך, אַז איר קוק דער פאַרשטעלטער איז צו מאַזל־יונג־פרוי גע־ווענדעט, איר שלאָף באַוואַכט, אַף איר בעטל קוקט, און קומט איר יעצט צו כאַלעם... האָב איך ניט פאַרשטאַנען גאָרניט, ווייל דאָס זייאונג איז אומגעוואוינ־לעך געווען, און אויך אין הימל מאַכט זיך עס זעלטן, האָב איך געקוקט דערויף

און דאָס פֿון אויג ניט אַראָפּגעלאָזט, ביז ס'איז פֿאַרגאַנגען און פֿון יענעם אָרט ניט געבליבן. אַף מאָרגן איז זי, די געגאַרטע מיינע, צו מיר צום ברונען אונ־טערגעקומען, און אַזוי ווי איך בין פֿאַרטראַכט און פֿאַרנומען געווען בשעת איך אַנקומען, האָט זי מיך אָנגערופֿן און מיך „פּעטער" אַ רוף געטאָן:

— פּעטער, האַ, פּעטער!

וואָס איז? — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן און זי דערזעען.

— אַ כאַלעם האָט זיך מיר באַוויזן.

— וואָס אַזוינס?

— ס'איז צו מיר מיין מאַמע געקומען, אַ אָנגעטאָנענע אין אַ פּאָר־שלייערטע און איר פּאָנים האָב איך ניט געזעען, נאָר זי איז איבער מיין בעטל געשטאַנען און זי האָט זיך אָנגערופֿן און מיר אַזוי געזאָגט: —

— טאָכטער, דיין טאַטע האָט מיך אין הימל געוואָלט דערהייבן און א י ב ע ר מ י ר איז אויך אַליין אַף דער ערד פֿאַרבליבן, און דו האָסט די זכיע געהאַט און דו ביזט צווישן די מאַזאָלעם איינגעזעצט געוואָרן, זע, מו פֿאַר אונז און דערהויב אונז.

— און וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע? — האָב איך געפֿרעגט.

— ליב דאָס דערהויבענע. — האָט זי מיר געענטפֿערט. — וואָס האָט זי געמיינט, פּעטער?

— כ'ווייס ניט.—האָב איך געענטפֿערט, און איך בין ערנסט געוואָרן.

— און זי האָט מיך פֿאַרלאָזט און צו אַנדערע מאַזאָלעם זיך אָנפֿרעגן געגאַנגען, און יענע האָבן איר אויפֿגעקלערט, און ווי יעדער פֿון זיי האָט פֿאַר־שטאַנען איר אויפֿצוקלערן, און אַלע פֿון זיי האָבן זי אַפֿן געדאַנק אַרויפֿגע־פֿירט, אַז איר צייט דערנעענטערט זיך, און אַז איר ליבע־צייט קומט אָן שוין, און אַלע אויגן פֿרייען זיך מיט איר, און אַלעמען איז איר קערפּער ליב, און אַז איר מוטער איז איר צעווייסן געבן געקומען אַף דער צייט, און אַז געזאָגט האָט זי, אַז איר ליבע זאָל זי צווישן הויכן זוכן.

און זי האָט זיך פֿאַרקלערט, און זי האָט אַרויף קוקן גענומען, און זי האָט צווישן די שטערן געזוכט, אַ באַשיידעניש אַף איר יונגטפֿראַגע צו געפֿונען...

און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָב נעבן יענעם שטערן ווידער אין אַ באַ־נאַכט אַמאָל איר פֿאָטער שטיין דערזעען. אַ מענש, ווי אַלע מענשן, אָבער מיט אַ פּאָנים פֿון אַ אַמאָליקן מאַלאַך פֿאַרבליבן, און קיין פֿליגל האָט ער ניט געהאַט, ווי מאַלאָכים, נאָר אַפֿן אָרט פֿון פֿליגל איז בא אים אַ טאָרבע געהאַנ־גען, ער האָט, ווי אַ ערדישער באַל־טשוווע אויסגעזעען. און ער איז געשטאַנען, און אויך אַף זיין טאָכטער געקוקט, און אַף מאָרגן איז זי ווידער אַמאָל צו מיר, און שוין מיט אַ נייעם כאַלעם געקומען.

— פּעטער, מיין טאַטע האָט זיך מיר באַוויזן.

— און וואָס געזאָגט?

— „ליבע איז אין דער הויך, ווי ליבע אין דער נידער; אַף גרויסער ליבע איז מען ניט מעכויעוו צו פֿאַלן"—איך פֿאַרשטיי ניט, פּעטער.

— איך אויך ניט.

און זי איז ווייטער צו אַנדערע אַוועקגעגאַנגען, און זיי האָבן איר וויי־
מער געזאָגט, וואָס געזאָגט. און זי איז שוין דאָן צום סייכל געקומען, און צום גע־
וויסן אַנהויב פון יענעם באַוואוסטזיין. און גרומקוקן ארום זיך האָט זי גע־
נומען, און אין יענער צייט און אין אַ גרויסער יוגנט זיך דערזעען, און הערן פון
אַזוינע זאַכן האָט זי שוין געהערט, און מאָרשמאַנען האָט זי שוין מער, ווי
געהערט, און איך האָב יענע צייט שוין פאַר די לעצטע געפונען, און אַז אויב ניט
איצט, איז פאַרפאַלן: און אין ערשטן מאָל, וואָס וועט זיך איר מאַכן, וועט מיך
פאַרלאָזן, און אפן ערשטן רוף פון אַ פרעמדן עמיצן, וועט געוויס זיך אָפרופן...
און מאַזאָלעס האָב איך געזעען, אַז מיין מיין פאַרשטייען, און אַז אונטן ארום
שפּעטן פון מיר, און פון זייער אייגן־איר־ליבע־צו־דערגרייכן, האָבן זיך מיאעש
געווען און דערפאַר זיינען זיך אין מיר מיסקאַנע, און ווילן אויך מיר די זאַך צו־
שטערן... האָב איך אַצייט דאָן געפונען, און איינמאָל, ווען איך האָב זי, גייענ־
דיק מיט פולע עמער דערזעען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט מיט די עמער, בין איר
אַנטקעגן געבליבן, און אַזוי בלייבנדיק, מיין גאַנץ האַרץ איר גענומען אויפדעקן:
און אַזוי, און אַזוי, און פון זינט זי אין הימל געקומען, איז צו איר מיין אויג
געווענדט, און פון זינט זי האָט אונטערוואַקסן גענומען, האָט זיך מיין האַש־
גאָכע פון איר ניט אָפּגעטאָן, און פון אַלעמענס אויגן האָב זי געהיט, און די צייט
דערלעבט, די אַזוי געוואַרטע פון לאַנג, און מיין ברונען איז פאַר איר און די גאַנ־
צע וועלט־שעפע פון איר וואַרט העגגט אָפּ: און ווערט זי זיינע, אַזוי וועט ער
אָפּ דער ערד זיין גאַנץ גוטס אָפּגעבן און פון דער וועלט צוריק אַ גאַן־איידן
מאַכן, און זי איז די וועלט זיינע און זי איז אים ליבער, פון דער וועלט...

האָט זי מיך אויסגעהערט און שטייען געבליבן, געשטאַנען און ווי פאַר־
טראַכט געווען, און דאָן, און אַז איך האָב איר פאַרטראַכטקייט פאַר איר צו־
שטימען אָנגענומען, פאַר איר גענויגטקייט־צו־מיר, און מיר מיין טאָן פאַר
איר און זאָרגן געדענקענדיק, האָב איך אָפּ גיך די עמער אַראָפּלאָזן געוואָלט,
זיי אַוועקשטעלן און צו איר זיך דערנענטערן, האָב איך זיך צוגעאײַלט, האָב איך
די עמער אַ קער געטאָן און זיי אויסגעגאָסן, און זי האָט זיך צולאַכט און מיך פון
מיין איילעניש ניכטער געמאַכט:—

— כאַ, כאַ, פעטער, איר האָט דאָך די עמער אויסגעגאָסן...
— כאַ, כאַ, פעטער, וואָס האָט איר געזאָגט?

און איך בין שוין ניט געגעענדיק און ניט צוגייענדיק פאַרשעמט גע־
בליבן, און זי איז אַוועק און מיר פון די אויגן פאַרשוואונדן, און פון דעמאָלט
אָן האָבן מיר זיך ניט באַגעגנט און איינס דאָס אַנדערע אויסגעמיטן, און פון
דעמאָלט אָן זיך ניט געטראָפן און מער דאָס פאַרן מויל ניט געבראַכט...

און מאַזאָלעס זיינען געוואָרע געוואָרן דערפון, און מאַזאָלעס האָבן זיך
אָנגעשמייכלט, און זי האָט זיי ניט געזאָגט גאָרנישט, אָבער דערציילן זיי דאַרף
מען ניט, און טאָמיד און ווען איך בין פאַרביי זיי דורכגעגאַנגען, האָבן זיי אָפּ
מיר מיט די פינגער געטייטלט, געשמייכלט און איינס דאָס אַנדערע אָפּ מיר מיט
די אויגן אָנגעוויזן.

און זי איז נאָך אַ צייט פריי געווען און ניט געקערט צו קיינעם, ביז זי
האָט איינמאָל אים דערזעען — און אים ליב געקריגן, דערזעען — און מיט

ליב און מיט לעבן, און ווי א ז א יונגט, און ווי א ז ו י נ ע קאָנען ליב קריגן...

און געווען איז דאָס דער שטערן, נעבן וועלכן איר פֿאָטער און איר מוטער האָבן זיך איר באַוויזן, און געווען איז דאָס ווידער אַ אויפֿדערנאַכט אַמאָל, און איך האָב זיך דערמאָנט, נאָך דער טאָג־אַרבעט אַרום אונזער מאַזאָלעס־גאָרטן אַרומגעדרייט, אַרום פֿאַרקאָן, און אַלע ווײַלע אין אינעווייניק אַרײַנגעקוקט, און אינעווייניק בין איך ניט אַרײַן, ווײַל אינעווייניק איז דאָן זי געווען, און פֿאַרבראַכט האָט זי עפּעס אַליין דאָרט, און עפּעס שלאָפֿן ניט געגאַנגען, ווי אַלע מאָל. און אין גאָרטן איז דאָן אַ זעלטן אָוונט־בוימער שטילקייט געווען, און נאָך מער, ווי אין די בוימער, האָט דאָס שטילקייט אַף די ווייטע זאַמד־סטעזשקעס געדוט און דער גאָרטן האָט מיט הימל־מאַזלדיקס געשמעקט, און אויך מיט ערד־גוטס, וואָס די ערד האָט דאָן פֿון איר טיף אַרויפֿדערלאַנגט, האָב איך דערזעען, ווי נעבן יענעם שטערן האָט זיך אַ קינד באַוויזן, אַ קליינס און אַ שעליאַבל און דאָס קינד האָט אין דער האַנט אַ לאַמטערנדל געטראָגן, און דאָס לאַמטערנדל האָט געברענט, און דאָס קינד האָט דאָס אין דער האַנט ווי אין אַ וועג ערגיץ אַנגעגרייט, געהאַלטן. און דערמאָלט, און דער שטערן איז גרעסער געוואָרן פֿון אַ שטערן, און געוואַקסן און אויסגעוואַקסן איז ער מיט זיין קיילעכיגקייט, און פֿאַרטונקלט און פֿאַרדעקט איז ער אָבער געווען, נאָר באַ אַ זייט זיינער איינער און סאַמע באַ זיין ראַנד האָט זיך אַ דינע און קיילעכיקע ליכט־שאַרף אויסגעשאַרפֿט און ווי דאָס קיילעכיקייט פֿון מוויע־מעסער באַ אַ לעוואָנע אין די ערשטע טעג פֿון איר געבוירן האָט אויסגעזען; — האָט דאָס ליכטיקייט דאָן דעם שטערן באַלויכטן און אין שטערן האָט זיך אַ פּאָנים באַוויזן, און אין דער רעגע האָב איך פֿון ד ע ר זייט גאָרטן, און זי פֿון י ע נ ע ר זייט, דאָס פּאָנים יענין באַמערקט, און זי האָט אירע הענט אַף ניך צו איר קאָפּ אַ הויב געטאָן, און מיט זיי ווי די האָר פֿון הינטן פֿאַרריכט, און זי האָט זיך עפּעס פֿאַרשעמט, און זי האָט די אויגן פֿון אהין צוקוקן אַראָפּגעלאָזט. און דער שטערן האָט אַף איר יאָ געקוקט, און אויך מיר האָט ער געזעען, און פֿאַר מיר האָט ער זיך ווי געשעמט אַביסל, און דאָס קינד מיטן לאַמטערנדל האָט זיך דאַמאָלט פֿון זיין אָרט אָפּגעטיילט, און אַראָפּ און צו אונז, גלייך צום גאָרטן־צו און צו איר אין פֿאַרשעמטקייט — שטייען זיך אַראָפּגעלאָזט. און דאָס קינד איז אַזוי געגאַנגען און דעם וועג באַלויכטן, און זי האָט אונטן אַרום אַלע ווײַלע מיט אַ אויג אַרויף אַ קוק געכאַפּט, און דאָס קינד און זיין אָנקומען באַמערקט, און זי איז ווי אומרואיק געווען און איינגעשטאַנען שלעכט, און ביז דאָס קינד איז פֿון דער לופֿט אַראָפּ, און גלייך צו איר און אין גאָרטן זיך צוגעשטעלט. און דאָס קינד האָט זי אין אַ זייט דאָן אָפּגערופֿן, צווישן בוימער און פֿאַרשטעלט ערגיץ, און זי האָט זיך ווי געקווייקלט און אין אָנהויב ניט זיכער געגאַנגען, און דאָך האָט מען געזעען, ווי זי האָט זיך דעם קינד נאָכגעצויגן, און ניט אַזוי דעם קינד, ווי דעם אויבנשטייענדיקן און אַף איר קוקנדיקן שטערן פֿאָלגנדיק. און זי איז צווישן בוימער געקומען, און וואָס זי האָט דאָרט געטאָן מיטן קינד, ווייס איך ניט, און עפּעס האָט עס איר געזאָגט, און עפּעס האָט עס איר איבערגעגעבן, וואָס ו ו אָ ס, האָב איך ניט באַמערקן געקאָנט, און דערנאָך, און אַז דאָס קינד האָט זיך צוריק אין לופֿט אויפֿגעהויבן, און צוריק מיטן לאַמטערנדל אַף צוריק וועגס זיך געלאָזט, האָב איך געזעען, ווי זי איז פֿון אונטן

די בוימער אַרום, גיך אין איילעניש פֿון גאָרטן זיך אַרויסגעלאָזט, דורך דער פֿורטקע דורכגעשליכט און זי פֿאַרמאַכט נאָך זיך, און שטיל און בעאייסן פֿאַרמאַכן די פֿורטקע, האָט צום לעצן־מאָל דעם קאָפּ אַרויף אַ הויב געטאָן און מיט אויגן אַהין אַ קוק געגעבן, אַ קוק און באַלד אַוועק, און אַהיים און צו איר געלעגער אַפּגעלאָפֿן....

און זי איז אַן אַנדערע געוואָרן און איך האָב וואָס ס'איז געשען, געוואוסט. און אַנדערע מאָזאָלעס, וואָס האָבן ניט געוואוסט, האָבן דאָס אויך אַף איר באַמערקט, און באַשטענדיק האָט זי זיך אין איין די האָר־פֿאַרריכטן געהאַלטן, און עפּעס פֿלוצום פֿלעגט זי זיך פֿאַררויטלען און ווי פֿאַר זיך אַליין זיך פֿאַרשעמען, און פֿון דעמאָלט אָן און אָפּט פֿלעג באַמערקן, ווי זי פֿלעג צום ברונען, ווען איך בין ניט געווען, קומען, פֿלעג זיך איבער אים איבערבויגן און שטל און איילנדיק אין אים און אין זיין טיפֿקייט זיך שפּיגלען... און אויך אין גאָרטן איז זי אַ אָפֿטער גאַסט געוואָרן, און אַף יענעם אָרט צווישן די בוימער פֿלעג, ווי עפּעס דאָרט פֿאַרגעסנדיק, אַהין זוכן קומען: דאָס האָט זי זיך דאָרטן מיט דעם בילד פֿון שטערן באַהאַלטן מיט דעם, וואָס דאָס קינד האָט איר געבראַכט, און וואָס זי האָט עס פֿון אַלעמען באַהאַלטן געהאַט, און נאָר איך איינער האָב געוואוסט דערפֿון, ווייל איך האָב איר נאָכגעקוקט און זי באַמערקט עס צו האָבן....

און איך בין טרויעריג געוואָרן, און איך האָב מיין אַרבעט־פֿאַרלאָזט, און מיינע עמער פֿלעגן וואַרטן אַף מיר, און איך פֿלעג זיי אַ צייט ניט געדענקען. און אַף דער ערד זיינען גרויסע היצן געוואָרן, און גראָזן און בוימער האָבן זיך אַ טרונק געבעטן, און פֿעלדער האָבן געטרוקנט און וועלדער האָבן זיך גערויבערט, און טייבער זיינען איינגעגאַנגען, און פֿון קליינע טייכלעך זיינען די בעטן ליידיק געשטאַנען, און איך האָב עס ניט באַמערקט, און מאָזאָלעס פֿלעגן מיר דערמאָנען דערפֿון, און אויך דעמאָלט פֿלעג איך פֿויל אַרבעטן, און אויך דעמאָלט פֿלעג אָן כיישעק טאָן.

און זי איז אויפֿגעלעבט געווען, און אַ סימכע האָט איר פֿון די אויגן אַרויסגעקוקט, און מאָזאָלעס פֿלעגן זיך אין איר שפּיגלען, און מיט איר אויפֿגעלייגטקייט אויך אַליין אויפֿגעלייגט זיין, און געוואוסט האָבן זיי ניט וואָס, נאָר דאָך געוואוסט, אַז איר צייט דערנענטערט זיך שוין זיכער...

און אין אַ שטיקל צייט אַרום, אין אַ צווייטן אָוונט, האָט איר דעם שטערנס שעליאַכל מאַטאָנעס געבראַכט: האַלז־בענדער און פּערל־צירונגען, אויערינגלעך און רינגעלעך־מאַטאָנעס.... און זי האָט זיי שוין ניט אויסבאַהאַלטן געקאָנט, און דערזעען האָבן די מאַטאָנעס בא איר אַלע, און אַלע האָבן זי אַרומגערינגלט און זיי געהאַלטן און געשאַצט אין טייערקייט, און זי האָט וואָס צו טאָן ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן און וואָס צו ענטפֿערן, און אַלע האָבן זי אויספֿרעגן גענומען, און אַלע האָבן זי מיט פֿראַגעס אַרומגערינגלט, און זי איז פֿון ברונען צום גאָרטן געלאָפֿן, און פֿון גאָרטן צום ברונען, און הין און צוריק, און יונגע פֿיס האָבן זי געטראָגן...

און איך האָב דעם קאָפּ פֿאַרלוירן, און איך האָב זיך אין שטערן מיסקאַנע געווען, און איך האָב מיט איר גאָרניט גערעדט, און זי האָט מיך אויסגעמיטן, און איר פֿרייד פֿאַר מיר ווייזן האָט זי ניט געוואָלט, און איך אַף איר פֿרייד קוקן

האָב ניט געקאָנט, האָב איך זיך אָפּגעזונג׳ערט, און זי און אויך די מאַזאַלעס אויסגעמיטן. און אַמאָל, אין אָוונט איינעם איז דער הימל־בעטלער געקומען און אַלע מאַזאַלעס צונויפגערופן און זיי אַזוי געזאָגט:

— זייט גרייט, מאַזאַלעס, מאַזל־יונגפרוי ווערט באַ אייך צוגענומען!

— וואָס איז?

— זי ווערט אויפגעבראַכט און פאַר אַ גרויסן שמערן אָפּגעגעבן. גרייט זיך, איר ווערט אַלע צו דער כאַסענע געבעטן.

און די מאַזאַלעס האָבן זיך גרייטן גענומען, און זיי גרייטן זיך שוין פון אַ צייט, און די קאַלע האָבן זיי מיט ליבע אַרומגערינגלט, און זי ווערט פון אַלעמען מיט אַלעס ליבסטן באַזאָרגט, און זי איז שטיל און האָט זיך זייער געטריישאַפט איבערגעגעבן, און זיי לערנען זי, און זיי אייצענען זי, ווי זי זאָל זיך פירן און ווי זיך האַלטן באַדאַרף; און אַלעמענס הענט זיינען איצט מיט אַרבעט פאַרנומען, פאַר זיך און פאַר דער קאַלע צוצוגרייטן, און זיי בייַנקען שוין און קאָנען זיך ניט שיידן, און דערווייל גיבן איר דאָס בעסטע אָפּ, פון אַלעס גוטן און וואָס ס׳פאַרמאָגן נאָר מאַזאַלעס... איינער נאָר איך קאָן אָף דער כאַסענע ניט זיין, איינער נאָר איך קאָן זיך פון דער קינע ניט באַפרייען, און (דאָס זאָג נאָר דיר) אין דער שטיל האָב באַשלאָסן מיט ליידיקע עמער איר איבער־צוגיין...

און דאָס, וואָס דו זעסט אָף דיין ערד אַצינד, דאָס איז אַדאַנק מיין אָפּ־געלאַזנקייט געוואָרן; מיין שעפע האָב פאַרשלאָסן, און אָף דיין וועלט איז וואָס ס׳איז געוואָרן, געוואָרן און די ערד דאַרף טרינקען—טרינקט זי בלוט פאַר וואַ־סער, און מענטשן דאַרפן עסן, עסן זיי מענטשן פאַר ברויט, און גייסט גייט אין די הייזער און שפּייזט זיך פון אָפּפאַל און שטיקלעך דאַרע, און מענטשלעכע זעהערס זיינען מיט אויגן קראַנקהייט געשלאָגן, און געוויסע וועלט פאַרזאָרגערס אין די שענקען שיקערן, און פּאָעטן—שפּעטן, און געוויסע דיכטער, אַז זיי הערן מאַזאַלעס די געז שנייצן, נעמען עס פאַר דונערן, און פאַר גרויסע געשעענישן אָן,—טפוי! — און דער איקער, דער נאַכט שלעפער, זאָגט מען, שלעפּט זיך, שוין אין די שענקען אַרום, און צווישן אַזוינע, און צווישן אויוועראַ־באָטעלע און קראַנקלינגן, מיטגלידער פאַר זיינער אַ כעוורע, פאַר „צער־בעלי־חיים“ ווערבעוועט....

— און אָט האָסטו דיר די מאַיסע, שלעפער, און דאָס האָט מיר דער מאַזל־עמער דערציילט.

נישקאַשע פון אַ שטיין אין מיין גאָרטן! — זאָגט דער נאַכט־שלעפער.

— יאָ, נישקאַשע, שמייכלט דער גייסט.

— נו, און וואו ביזט דו מיט דער כאַסענע?

— איך בין אויך פאַרבעטן און גיי.

— און פאַר די ליידיקע עמער?

— כ׳האָב קיין מוירע גיט.

— וואָס איז?

—דער הימל־בעטלער האָט אונז אַ וועג אָנגעוויזן. און ס'איז אַזוי געווען:—

ווען איך בין אין דער לעצטער צייט איינמאָל מיט דער וועלט־מאַסע אויפֿן אַקסל געגאַנגען פֿאַרטראַכט געווען און פֿאַרקלערט און פֿאַר מיינע זאַכן טאַכלייסים פֿאַרזאָרגט. און שווער און ביטער איז מיר אויפֿן האַרצן געווען פֿון דער צייט קלערנדיק, און ווייטט איז מיר געווען און אַ באַרג מיט פֿראַגעס האָט אויף מיר געהויערט; און געדענקט האָב איך וואָס מע פֿרעגט מיך אויף באַשטענדיק, און אַלע שפּעטערס און אָפּלאַכערס האָבן זיך מיר פֿאַר די אויגן פֿאָרגעשטעלט, און פֿון איינער אַ פֿראַגע האָב איך זיך ניט באַפֿרייען געקאָנט: „ס'איז דאָך אין די הענט באַ דיר... איין שלעכטן ה א ל ט, און די מאַסע דיר פֿון די אַקסל פֿאַלט, און — פֿאַטער, און דאָס געוועזענע איז אויס, און דאָס קומענדיקע וועט ניט קומען, און נאָך וואָס האַלטן זיך מיט דעם, און צו וואָס וועסטו דאָס ברענגען, אַז דער וועג איז אָנגעצייכנט און דער גאַנג איז אויסגעשטעלט, און ארויסגיין פֿון אים איז אוממעגלעך?....

— „מעגלעך!“ — האָט מיר עפּעס פּלוצים אין די אויערן דאַן אַ זאָג געטאָן. און אַז איך האָב זיך אויסגעדרייט און פֿון וועמען דאָס פּלוצימדיקע קאָל קומט, זעען געוואָלט, האָב דעם הימל־בעטלער מיט אַ פֿריילעך געמיט און מיט אַ אויפֿגעלעגט פּנים דערזעען און ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן אויף דער גיך: —

— וועלט־טרעגער, ביסט אין הימל איינגעלאַדן, באַ דער כאַסענע פֿון שטערן מיט מאַזל־יונג־פֿרוי בייצווזיין, און לאָז זיך ניט בעטן.

האָב איך געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך גיין און ווי אַזוי קאָן איך כאַסענעס אין זינען האָבן אַז מאַזל־עמער האָט פֿון אונז די שעפּע אָפּגעטאָן, און מאַזל־עמער האָט זיין ברונען געמאַכט אויסטריקענען, און זיין אַרבעט האָט פֿאַרלאָזט און זיינע עמער זיינען צולעכצט, און מיר האָבן באַלד ניט מיט וו אָ ס צו קומען.

האָט מיר דער בעטלער געענטפֿערט: — האָב קיין מוירע ניט, באַ דער כופּע וועט עפּעס געשעען... באַ דער כופּע וועלן די זיבן גיי־שטערן און די זיבן בעטלערס זיין... און זיין וועט דאַמאָלס אַ אייט ראַצוין, און אַלע, וואָס נויטיקן זיך, ווערן אַהין צו יענער שאַ איינגעלאַדן און וואָס געהערט ד י ר און דיין מ אַ ס ע, וועט איר מער פֿון דיין מאַזל ניט אָפּהענגיק זיין. וועסט ד אָ ס, וואָס האָסט אַלע יאָרן געגאַרט, פּועלן, וועסטו דערהויבן ווערן און ה ע כ ע ר פֿון מאַזאַלעס שטיין...

— וואָס הייסט?

— ס'איז מעגלעך און זיי נאָר דערביי... און אָט האָסטו דיר אַ וועג, און אָט גייט ער באַרג אַרויף, און גייסטו מיט אים, וועסטו דעם מאַזל מיט זיינע עמער אויסמיידן.. און איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט דעם וועג און באַלד אַרויף זיך גענומען, און באַלד האָב איך ווינטן פֿון הימל־גערעדער דרייען זיך דערהערט, ווייטע און פֿרעמדע, און וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אַזוינע, און געזאַנגען פֿון פֿרעמד־זונגען האָב פֿאַרנומען, וואָס זייער פֿייער־רעדער האָבן מיר פֿאַר די אויגן געשווינדלט, און אויך איך האָב זיך צווינגען און אויפֿן וועג מיט נ אָ ך אַ ז וי נ ע, ו ו י אַ י ך זיך באַגעגנט, און אַלע זיינען איינגעלאַדענע, און אַלע אַהין און אין דערהויבנקייט גיין, און פֿ אַ ר אַלעמען דער הימל־העלפֿאַנד גייט און מיטן שווערן קאָפּ זיינעם שאָקלט, און מיט בערג און מיט נוטס, און מיט כאַסן־קאַלע־מאַטאַנעס, כאַסן־קאַלע צו דערפֿרייען...

— און דאָס איז דיר מיין גדולע און מיין בארג אַרויף, שלעפּער, און איצט גיי איך...

און דער וועלט־טרעגער הויבט זיך דאַן פון באָם טיש־זיצן אויף, פון זיצן און פון דערציילן לאַנגן, און אויך דער נאַכט־היטער מיט זיין געפעלצקייט שטייט אויף, און אַף זיין פּנים איז גאָרניט צו דערקענען, אַזוי געקומען, אַזוי פּאָר דער מאַיסע, אַזוי אויך איצט און נאָכן דערציילן, זעט אויס, און ער פאַרריכט דעם פּעלץ זיך היטעריש, און דאָס היטער־פייפעלע אַף זיין ברוסט־ברעטל געפינט און ער קערעוועט זיך צום פענסטערל פון צימער אויס, און זעט, אַז יאָ, אַז אין דרויסן טאַקע טאָגט שוין באַלד, גיט ער דאַן אַף שלעפּער עפּעס אַ קוק אַ בייזן, און שלעפּער, ווי אין דער ערד פאַרשווינדט, און וועלט־טרעגער לאָזט זיך פון צימער אַרויסגיין, און פאַרן אוועקגיין, גיט נאָך אַף די שיקורים, אַף די באָם טיש שלאָפנדיקע, אַ קוק, און פאַרלאָזט זיי שטיל, און אַזוי נאָך אים דער היטער; און אין דרויסן דער טאָג שוין פאַרנעמט זיך, און איינציקווייז פון די הויפן, מיט די בעזימער אין די הענט די הויף־היטער אַף צו פאַרקערן און די גאַסן רייניקן זיך באַווייזן, און דער וועלט־טרעגער זאָגט אַ גוטן טאָג דעם היטער און גייט פון אים אָפּ, און דער היטער גייט צו זיך אַוועק, צו זיין היים און צו זיין שטוב, אום פאַר דער נאַכט דעם טאָג צו רוען...

און אינדערפרי, אַז גרויסער טאָג איז שוין אין שטאָט, אַז הויכע זון איז שוין אין הימל, גרויסער רעש אַף די גאַסן, און די גאַסן שוין אָפּגערייניקט, אום ווידער פון טאָג און טומל פאַרשמוצט צו ווערן; — און טרעגער מיט־וועלט איז שוין ווייט, מיט זיין מאַסע און מיט זיין שווערער־באַרג אַרויף צו טראָגן, און מיט איר זיך צו מיען, — דערוועקט זיך ערשט דאַן דער אוילאָם, דער אַף דערנאַכט פאַרבלבענער, פון שענק פון „זגי־מהור“, דערוועקט זיך און ווישט זיך די אויגן אויס, און נאַכטיש בלאַס זיינען זיי און בלאַסע שמייכלען אַף זייערע ליפּן, פאַרלאָזן זיי דאַן דאָס צימערל אין „סגי־מהור“ און אַף דער גאַס אַרויסקומען, קומען אַרויס און צום ערשטן צו אַ אומריין אָרט ווענדן זיך, גייען אַהין אַריין און מיט די פּנים צו די ווענט שטעלן זיך, שטעלן זיך אַוועק און געבן דאָס נאַכט־געטראַנק דאָרט אָפּ...

דער נסתר.

ז. האפשטיין

אוקראינע.

Якову Савченко.

אין קראנקן מויאך,
ווי הייסער פעך
זיך שיטן נעמען
פון שטעט פארשווענדעטע,
בלוטיק נאָענטע
און בלוטיק פרעמדע....
פאסטאָוו!
וואסילקאָוו!
און נאָך
און נאָך...

כ'האָב אָנגעטאָן
צוויי קעגנאיבערדיקע פענסטער
פון וואגאָן
אוף מיינע דאָרשטיקע
שוין פיבערדיקע בליקן...
אָן מי
אָן רו
אָן שאבעס און אָן זונטאָג
גייט די וואָך....

איך וואנדער ווידער
איבער אייער הויל
צעוויקלטע צעלאָזטע פעלדער
פון אוקראינע,
איך שרייב מיט רויך
פון שוין צעשרויפטן
לאָקאָמאָטיוו
א איילקע א ציטעריקע בריוו
דער העלער הימלדיקער הויך,
מיט הייסן גלייכגילט,
קוקט זי צו,
ווי עס שווינדלען
אָאזיסן פון מיינע כורוועם

אףברייטן פלאך פון פעלדער,
שטיל פאַרגאַסענע
מיט בענקשאַפט,
רייך באַפּיינטע
מיט מיין בלוט...

די אַפּגעריסענע
צעדאַרטע ווענט
פון גרויען אומרייניקעם וואַגאָן
זיי ציטערן
אינאיינעם מיט די זייטלאַך
פון מיין אויפגעוואַכטן האַרץ,
און אונטער וואַקלענדיקע פּלייצעס
שטייט יונג־געבויגן,
מיט וואָרימקייט אין קינדעריש־ריינע אויגן,
די אַלטע, אַלטע טיינע:

„וואָס וואויגט אַריבער
אַ טראָפּן בלוט
פון קינדערשן אומשולדיק־שיינעם וועזן?"...

אַ טאָג, אַ טאָג אַ גאַנצן וואַרטן
אַף דריי פאַרשעמטע קלינג!...

איך קאָן זי שוין פון לאַנג
די אומעטיקע ליידיקגייערשאַפט
פון דיינע ווייסטיקע וואָקזאַלן,
טריט באַנדיטישע
און לידער שיקערע
אַף דיינע ווימלענדיקע מאַרקן...

איך קאָן זי שוין פון לאַנג
די ברוסט
פון דיינע מענטשן
וואָס אונטער סוויטע רויטלעכער
(ווי אַלט פאַרזשאַווערט אייזן)
איז שטענדיק גרייט
זיך שטאָפּן מיט פאַרדרוס,
איז שטענדיק גרייט
די ווילדע הענט צעהוידען,
זיי וואַרפן אַף אַ קאָפּ:
„שלאָג!
קלאַפּ"!....

איך פיל מיט ליבע נאָך:
עס האָט קיין שויב דאָ ניט געפּלאַצט
אין בערג־טורעמס אין דיינע,
וואָס קוקן,
לויטער נאָך,
אַף די געוויסערן פון דניעפּר....

אַף סטעפּעס דיינע
מיט טויזנט מאַצן הייסע טאַנצט די זון
און בלענדט
און הויבט באַ פּיסגייער די פּיס
און וואַרפט באַ וואַנדערער די הענט

איך ווייס דאָס אויך:
ביסט דוירעס לאַנג
געווען אַ מיקלעט־פּלאַץ
פאַר אויסוואורפן
פון גרויסן גרויען לאַנד...
אַף אַלע־אַלע שטרעקעס זיינע
שאַטנס זיך דיין שאַנד,
אוקראַינע!

*

ד. בערגעלסאָנען.

אין לאַנד — אַן דאַך אַף האַלב —
מיין האַרץ — אַ צאַרטע שוואַלב.
אין שאַרפן שנאָבל — ליים
און בליק אַ פראַגע — היים?

פון פריינדינס דאָרט אַ שניר,
פון פריינדינס דאָרט אַ רינג
אין יאַם אין בלויען זינקט
און ווינקט און ווינקט צו מיר...

און דאָרט באַם אַלטן שטיין,
באַוואַשן מיט געוויין —
דער וועכטער אַף דער וואַך
באַ וואַנט, וואָס אָן אַ דאַך...

אין לאַנד — אָן דאַך אַף האַלב
מיין האַרץ — אַ צאַרטע שוואַלב,
אין פרייד אַף וועה געזאַלבט.

*

ח. נ. ביאליקן.

קיין דאַך, קיין ווענט, און שוועלן אומעטום,
און פּיס פאַרהאַלטן זיך, שוין גרייטע צום אַריינגאַנג
און טירן ציהען מיך און פירן מיך אַרום,
טירן האַרבסטיקע מיט לויטערקייט פאַרהאַנגען...

ס'האָט ליבע צאַרט געהוידעט דאָ איר וויג,
היימען הונדערטער דאָ האָבן שטיל געוויכערט...
צי האָט פון דאַנען נאָך געדעטעט זיך אַ בליק,
צי שפּילן ערגעץ־וואו פונדאַנענדיקע קויכעם?...

וואָס טויג זי מיר די לויטערקייט די קלאָרע,
וואָס אויך אין שפּאַלטן כורוועשע פאַררינט,
און וואָס צעטראָגן וועט פון ביטערע אַזקאָרעס
מיין זייער (דערווייל דער איינציקער) — דער ווינט...

זשיטאמיר — ראדאמיסל.

*

Сергею Есенину'

אַמאָל, אַמאָל אין שטילע טאָלן שעפּסן כ'האָב געפּאַשעט,
אַף די גרינע הויכן דאָרט געבלאָנדזשעט האָבן אינדן
אַרום, אַרום דער מידבער האָט געשפּרייט די העלע אַשן
פאַר ברענענדיקע ווירבלענדיקע ווינטן...

נאָר שעפּסן שטילע מיט געפּאָלג פון זיסן פייפל,
נאָר אינדן צאַרטע, וואָס דעם ציטער דאָ פאַרהיטן,
נאָר העלע אַשן, וואָס דעם וויסטן גלאַנץ דאָ שלייפן
פאַר ווינטישער אָנגרעניצדיקער שליטע.

איצט האָב איך זיי — אַף סטעפּעס דיינע דאָרפישע טאַבונען,
ווידער שטייגן יונגע מאַכנעס, שטאָלצע הונגען,
מיט קאָפּ שוין קלאָפּן זיך אין טויערן פון נייע רוימען —
און ווידער, ווידער רופט מען מיך מיט לייב־ציטער זיי צוימען...

ד. האָפשטיין.

א. קושניראוו.

ראָסייאָ

ד. בערגעלסאנען.

1

אָ בלויע, אויפגעפלאַמטע געגנט.
מיט שאַרף פון טרוים אַף וועלט פאַרשטרעקט,
אַף גרויען קנויל פון דיינע וועגן
האָב איך געוויקלט מיינע טעג.

און ווער וועט יענעם ווי צעווייען,
און וואָס קאָן שטילן מיין געפיל
פאַר ווילדן זאָד פון דיינע שנייען,
וואָס האָט מיין מיזראַך־בלוט געקילט.

אַף העלן רוף פון דיינע פאָנען
האָב איך מיט לייב און האַרץ געוואַגט,
נאָר האָסט געציילעמט מיין אַקשאָנעס
מיט צאַרטע פינגער פון אַ האַק....

און ניט, אַז אויפגאַנג זאָל באַקרוינען
דיין הימל־זוים, האָב איך געלעכצט,
ווען ס'האָט מיין ניט באַשיצטע וואוינונג
געפלעקט מיט סרייפעס דיינע נעכט

נאָר האַרץ איז וואַך צו ברויז פון הימנען
נאָר יעדער וואָרט מיט לויב צעבליט
פאַר מילדן קלאַנג פון דיינע הימלען
וואָס טריפט אין שטרייגקייט פון מיין ליד.

2

פון ווייסן אויפגאַנג־לאַנד ביז גרינע מיירעוו־געגנטן,
וואו ס'גליווערט נאָך דיין רוף אין רוימען ניט דערוועקטע,
אָ, וויפיל, וויפיל גאָטספאַרכטיקע וועגן
ציילעמען די ברייט פון דיינע שטרעקעס.

אַלע, אַלע וועגן ציִען זיך אַזעלכע לאַנגע
און אַ בײנקשאַפֿט שטײט ניט אָפּ פֿון זײ קײן טראָט ניט,
גרױע בײנקנדיקע קינדער דײנע זײַנען דאָרט געגאַנגען
און זײ האָבן זײער מידן קלאַנג צעשאָטן...

ניט דערוואָרט און ניט דערהערט פֿון דײנע שטורעם־פֿערד דאָס טאָפּן,
ניט דערפֿילט אין פֿרײד, אַז מער שױן גאָר ניט ווילט זיך ניט...
דו האָסט אין פֿעלד זײ אַלע אױסגעלײגט אַף אָפּרו
און זײ געשטעלט צוקאָפּן צײלעמס הילצערנע.

גאַנאַווים־ווינטן גישטערן איבער פֿעלדער
אין שטילער טיף פֿון קאָרנס און פֿון װײצן...
נאָר גרױע ווינטמיל וואַכט באַוואַכט זײ פֿונם בערגל,
ווי אַ סאָלדאַט מיט ביקס אַף פּלײצע.

*

פ י י ג ע ן,

גרױער האַרבסט בײזערט זיך און רעגנט,
קנעט די שטױבן אַף שטאָטישן שטײן...
נעם מיך ערד אַף די הענט פֿון וועגן
און טראָג מיך אָפּ אַהײם.

כ׳האָב פֿאַרשעפּט הײנט פֿון ווינטישע הױפֿנס
אַ ווײטן און העלן גערוס.
און איך בײנק, און איך בײנק ווי אַן אױפֿעלע
נאָך אַ צאַרטער און וואַרימער ברוסט.

דאָרט, וואו טרעפּל פֿון הילצערנעם גאַניק
האָט שױן לאַנג ניט באַזונגען מײַן טראָט,
וועט באַגעגענען מיך מײַן מאַמע
מיט אַ שטילן און בליענדן וואָרט.

כ׳וועל מײַן מאַמען איר פֿרײד ניט פֿאַרשטערן,
ניט פֿאַרטונקלען דאָס גליק, דאָס געגאַרטס, —
זיך ניט קלאָגן — פֿאַרשווײגן, ווי שווער איז
אַף לידער צעבײטן דאָס האַרץ.

וועט זי גײן אַף גאַסן און מאַרקן
און דערצײלן פֿאַר שכנים און פֿרײַנט,
אַז איר צאַרטן, אײן בײנקנדן אַרקע
האָט גאָט באַהעלט מיט זײַן שײַן.

*

נישט וועלן, נישט וועלן און מוזן
אַף בילד און אַף ליד זיך צעמעסטן...
מיין צאַרטע, מיין טייערע מוזע,
נאָר דו ביזט מיין ליכט און מיין פעסטונג.

איך בענטש דעם אָוונט דעם בלויען,
ווען דו ביזט געוועזן דער גאַסט,
וואָס האָט מיך מיט ליכטיקע טנאָאים
אַף ליבע און ליידן פאַרקנאַסט.

נאָר ליידן זיך לאָזן נישט ציילן,
ווי שטערן אַף הימלישן בלוי...
כ'וועל קיינמאָל מיין ליבע נישט טיילן
צווישן דיר און צווישן אַ פרוי.

איך ווייס נישט, מיט וועלכע שלעסער
פאַרשליסט מען אַ האַרץ פון פיין,
נאָר עפּשער, נאָר עפּשער איז בעסער,
וואָס אומעט איז היינט מיין פריינט.

אָ, פריידן פון דאָרניקן לאָרבער,
אַ, גיפטיקער, שיקערער קאָס,
גוט, וואָס מיין קינד איז געשטאָרבן
און וואָס מיין ווייב האָט מיך פאַרלאָזט.

גוט, ווען מיט קוויטן פון אומזין
באַשפּינט זיך דער מויאַכשער האַפט...
מיין צאַרטע, מיין טייערע מוזע,
נאָר דו ביזט מיין ליכט און מיין קראַפט.

א. קושניראָוו.

ווינטן

1.

זומער־פּאַרעם.

ציט זיך דער זומער־פּאַדים פון אַ הימל־ווינקל אַרויס, פון דאָרטן, וואו זיין אָנהויב איז אַף צאַפּן־פלעקעלע אָנגעדרייט און מיט צאַפּנדל אין שיין־ווינקל פאַרשטעקט.

ער ציט זיך, דער פאָדעם פון שימער און שיין־קוואַל, פון איין טאָג צום צווייטן אַזוי לאַנג, לאַנג ביז אַלע זומער־טעג סילען זיך אים אויס. — און אָט זעט זיך שוין צווייטער עק־פאָדעם אָנעט.

און צו זומער קומט אַ סאָף.

אַליין דער זומער־פאָדעם איז שוין ווי אַ געוועבסעלע דין און דורכאויס מיט בלאָווע קניפּן אויסגעקניפּט.

נאָך אַטאָג, נאָך אַ לאָגל בלאָ־געטראַנק, און דאָס לעצטע זומער־קניפּל וואָס אין אויסגעדינטן געוועבסעלע זיך אויסגעווילט און צעפּלאָכטן.

און צו זומער קומט אַ סאָף.

אַף צווייטער זייט געגנט, אין דער טיף פון סאָסנע־וועלדער, דאָרט האָט אַ גאַנצן זומער אַ זון אַף נאַכט־פּאַשע זיך געפּאַשעט.

אַלע קאַיאַר איז זון אָן אָנגעפּאַשעטע און שווערע פון געדיכטן וואַלד געקראָכן, העכער די רויטע סאָסנע־קוטשמעס זיך אויפגעהאַנגען, און פון דער הויך דעם פאַרער און נייער אַ ליכטיקן ווענ־שניט צו מאָרגנדיקער וועלט אָנגעוויזן.

אויך דאָ איז אַ סאָף צו זומער געקומען.

ניטאָ שוין מער קיין פיטער־פּאַשע פאַר זון אין דער טיף פון סאָסנע־וועלדער. אַ לאַנגע נאָגנדיקע נאַכט בלאָנדזשעט זון אין פאַרצויגענע וואַלד־טיפן און זוכט אַ גרעזעלע.

נאָר גרויסער וואַלד איז אויסגעפּאַשעט און ליידיק. — ביז שפּעטן פאַר־טאָג נישטערט דאָרט הונגעריקע זון צווישן צווייגן. און קוים וואָס זי קומט איצט אַף וועלט, און קוים וואָס זי קריכט אַף הימל אַרויף.

נייער האַר גייט אַף וואַלדישער געגנט.

אַ ריזיקע געשטאַלט מיט טונקעלע פלאַקסן אַף די לענדן, מיט ווינטן, וואָס זיינען אַריינגעפלאָכטן אין זיינע צעפּלאָסענע פּאָלעס, גייט ער פון ווייט און נעכטיקט די נעכט ביים אײנציקן ציגײנערישן ביידל, וואָס אין עק אָפּגעשניטענעם פעלד.

און זומערדיקע טעג דערפילן ניט און ניט געוויינלעכס.

מיט ציטערדיקע כוש־פליוועס אין די נאָזלעכער פאַרנעמען זיי די פּריע זוינען, וואָס זייען זיך דין פון קוים־וועלקענדיקער הויך.

גרוי, וואָס לעגט זיך אַף טייכן און פאַרגרייט זיי די טיפֿן פאַרנעמען טעג און איילן זיך צו — זיי גייען פון קאַנט און נעגנט אַרויס.

זיי גייען. זיי לויפֿן און טוען אויס פון זיך אין וועג קלייד נאָך קלייד. און וואַרפֿן עס דאָרט, וואו האָבן דאָס אויסגעטאָן.

אַף אַלע גיי־שליאַכן און טייך־סטעזשקעס וואַרפֿן זיי עס, דאָס שלעפּ־קלייד און באַציר־פּוצונג פון זומער.

און אויך אין דער טיף פון סאָסנע־וועלדער, וואו לעצטע וואַרעמע טעג ציען דורך, בלייבט ליגן אַ בערגעלע זומער־גומס אַף רייב און העפּקער.

אין שפּעטן הארבסט וועט אַן איינציקע בהיימע אַהער פון נאָענטן דאָרף פאַרבלאָנדזשן. זי וועט דאָס בערגעלע פּראַכט מיט נאַסע נאָזלעכער באַשמעקן. נאָר באַלד דעם בהיימישן פּאָנים אָפּקערעווען און מיט טראָט פון בלאָטיקער ראָטיצע דאָס גאָלד־בערגעלע צעטרעטן.

און מער קיינער.

אַמאָל פאַרגייט פון וועג אַ פאַרשפּעטיקטער זומער־טאָג. איז ער באַריסן און אָפּגעהוילט. און נאָר איינציקע פליס־פעדערלעך אַף זיין אויסגעשיינטן לייב.

מאַלקע־זומער בלאָזט פון ווייט אין איר גאָלדן האָרנדל.

זי זיצט, און אַ וועג־געצעלט פון בלעטער און לופט־שפּאַלטן און גאָלדך האָרנדל הענגט אַף דינסטן שנירל־שיין פון איר מאַלקע־קלייד.

זי קלייבט זיך אַף איר יאָר־טרויער. זי גייט אַראָפּגידערן אַף די דעק־טיפֿן פון אַלטע טייכן און פאַרזונקענע יאַמען, וואָס שליסן זיך אויף און וואַרטן אַף איר מיט אויפגעריגלטע טויערן ביז אין די שפּעטע צאָנק־אָונטן.

אַלץ איז שוין דאָרט פאַר זומער צוגעקליבן און פאַרגרייט.

די וואַסער־טיפֿן ווייך געבעט מיט גרינען בון שימל און טייך־סאַמעט.

די טרעפּ צום פּאַלעץ אויסגעהאַקט פון שמיקער לויטערן גליווער און איבערגעדעקט מיט קאָבריצן אַראָפּ ביז דורכזיכטיקן גרונט.

און איבער אַלץ אַ פּאַלעץ אַ וואַוינונג מיט ווענט און מיט גאָרנס, וואָס זיינען געטעסעט פון געשליפענעם בורשטין און אַרום באַהאַנגען מיט ווייַנשטאָק פון שוימען און שלאַנג־גראָזן.

און פאַרוואָרצלט איז דער פּאַלעץ אין זומפּיקן האַרץ פון מיט יאַם, וואָס האָט דעם פּאַלעץ געבאָוועט — יאָרן און הונדערטער געבאָוועט — מיט גוואַרע פון נעכט און מיט פרייד פון צעבויטעמער טיף.

איצט איז שוין יאַם געשטילט. — און פּאַלעץ וויגט זיך דאָרט אַף שווערע וויגן פון רו און וואַרט פון די טיפֿן אַפּן קומען פון זומער און יאָר־גאַסט.

נאָר מאַלכע־זומער איז נאָך ווייט.

מיט געבראָכענעם שטאָלץ פירט זי דאָרט אום איר געלעכערטן בלעטער־געצעלט פון אויסוועג אַף וועגן, וואָס ווערן אַלץ שווערער און פאַרלירן די קאָליע אין צעווייאונג פון שטויבן.

און לעצטע טעג געדענקען די הערשערן אין בענקען נאָך איר.

זיי זוכן אין דער ווייט אירע פאַרטראָטענע טריט.

און ציען אפן רוף פון גאָלדן האָרנדל, וואָס הייגנט אף דעם דינסטן שנירל־שיין פון מאָלקע־קלייד.

זיי איילן און לאָזן דאָס לעצטע בלעטעלע זשאַוועד פון לייב זיך אַפּרייסן און אונטער אנטלויפנדיקער ראָד און וואָגן זיך פארקייקלען.

זיי הערן דאָס גאָלדענע האָרנדל און איילן.

2.

אָנהויב ווינטן.

מיט אן אויסגעקרישעט פלעמעלע צאַנקט סאָף־זומער אף העכסטן בארג פון ארומיקער געגנט.

ווייניק איז דאָרט אין אָנגעבויגענעם קריגעלע אייל און כיעס געבליבן.— און סאָף־זומער נערט זיך קוים, קוים און צאַנקט מיט אויסגעקרישעט פלעמעלע אף שפּיץ פון הויכן בארג.

נאָר אָט קומט א טאָג — און דער טאָג איז שוין דער לעצטער.

א פויגל אין פעלד געדיינקט, אז צו זון־זעצן איז נאָך ווייט. ער לאָזט זיך פארשפעטיקן און פארגייט מיט קליינער גרויס אף טונקל פון אָוונטיקן פעלד.

נאָר ווי איז צו פויגל, וואָס לאָזט זיך פארפירן אף טונקל פון אָוונט.

אף שפּיץ פון הויכן בארג ווערט שוין נאכט. אן אויסגעלערטס ליגט דאָרט זומער־קריגעלע.— און לעצטער טאָג בוקט זיך מיט אויסגעקרישעטן פלעמעלע פאר נאָך טרערעלע אייל.

ער צעשפּרייט געלע פליגל פאר א וועלט אין פארנאכט וואָס דעקט זיך איין מיט טיכער פון שקיע און בוקט זיך און פאלט אף קני און פּאָנים. און איז גרייט זיך אויסלעשן.

נאָר פויגל, וואָס שפעטיקט אין פעלד, איילט שוין צו קערן און קומט אָן פון דערווייטנס.

ער פארלירט אף צוריק דעם וועג צו אייגענעם נעסט, און שטופּט זיך צו פרעמדע. און שרייט צו די צווייגן מיט פארלאָרנקייט און פויגלשן טאָעס.

און דעמאָלט רייסן אוים די ווינטן.

ס'איז שוין שפּעט, ווען די ווינטן רייסן אוים. שטאָק־אָוונט אף דער וועלט איז דעמאָלט. און פון שקיע־געוועבן איז שוין געבליבן ניט מער, ווי שוואַר־אָפּגע־זעצטער רויך אף דעם רויטלעך־אומרואיקן האָריזאָנט.

דער פויגל, וואָס האָט פארשפּעטיקט, כאַפּט זיך אויף פון פויגל־שלאָף אין אָנהויב שטורם.

ער זיצט איינער אונטער פרעמדן נעסט אָנגעבלאָזן און מיט אריינגע־צויגענעם האלז. און ווינטן ארום אים דרייען.

מיט בוימער צעגריוועטע דרייען זיי און מיט שטויבן דרייענדיקע אף שליאכן און אף זאמד־בערגלעך, וואָס אונטער טויבן וואלד פארן זומער אָנ־געווייעט.

אַ דאָרף, וואָס שרייט אין דער נאַכט און קאָן זיין געשריי ניט אויסשרייען, הערט זיך אין צעוויגטן שטורעם. און עפּעס נאָר איין מענטש אַליין שרייט דאָרט אין דאָרף.

און באַ אַלע ווינטן זייגען די מיילער אָפּן און די העלזער מיט שיקורעס און הוליען אַנגעטרונקען און פאַרשיקערט.

און פויגל ווערט וואַך. ער זעצט זיך איין מיט פויגל־עלנט אין קליינער גרוים אויף צווייגעלע, וואָס אונטער פרעמדן נעסט, און שלעפערט זיין שלאָף אונטער דאַך פון נאַכט און שטורמווינט.

ער הערט, ווי אַף וואַלד אַרויף פּאַטשן פליגל.

ניט קיין פויגל־פליגל, וואָס זייגען קורץ און ברעכן זיך אין שטורעם. נאָר מעכטיקע ווינטן־פליגל צעוואָרפענע אַף שטעכן און וואָס אַליין די ווינטן־מאַכט האָט זיי אין אַ שטורעם־נאַכט פּאַטשן געלערנט.

נאָר וואַלד אין ווינט־נאַכט איז געפּרוווט און שטאַרקט זיך אַנטקעגן.

וואַלד רעוועט פון אַלע בוימער־ברוסטן אַרויס. פון די טיפן, פאַרשטעקטע מיט שטורעם. און פון פינסטערער מיט רעווען וואַלד און גייט בעריעט מיט אַלע צווייגן אַנטקעגן די ווינטן.

און ווינטן טרעטן אָפּ און באַפאַלן די נאַכט פון אַ צווייטער זייט.

אַף אַ באַרג, וואָס איז ליימיק און אויסגעקרומט און שטייט אין דער נאַכט, ווי אַן אַלטער קעמל אין שלאָף אונטער זיין בערגיקער מאַסע, קלעטערט אַרויף אַ ווינט.

אַ ווינט — אַ ווינטיכע פון די נאָענטע בערג. זי האָט ערגעץ דאָ אין ליימיקער גרוב אירע בלינדע זויג־ווינטעלעך איבער־געלאָזן און אַליין אַרויסגע־גאַנגען אָפּן ווינט־געיעג, וואָס אין אַנהויב האַרבסט.

אַרויפגעקלעטערט, ווענדט זיך ווינטיכע צו די פאַרמישטע שוועבנדיקע טיפן און — קאָפּ צווישן קני אַריינגערוקט — וואַרפט זי זיך אַראָפּ פון דער פינסטערער הויך און פּאַטשט אַוועק איבער די גלייכן פון נאַכט און שניט־פעלדער.

און ווי זי לויפט, וואַכן אויף אונטער אירע טריט און פליגל באַרוער־דיקע יאָג־ווינטן און פאָך־ווינטעלעך.

אַלע זיי זייגען דאָ אין אויסגעקאָמשעטער ברייט פון שניט־פעלדער — היימישע, געבאָרענע. זיי האָבן אין אָט די פעלדישע ברייטן זיך אויסגעבאָוועט און דעם ווינטישן בריין דאָ קרעפטיק געמאַכט.

איצט רייסן זיי זיך אָפּ פון דער היילער ערד, וואו זיי האָבן אונטער נאַכט און ווינטישן שלאָף געגליווערט.

קריכן אַרויס פון צעגראָבענע גראָבנס און פון פאַרלאָרענע נאַכט־טאָלן קריכן זיי. און לאָזן זיך לויפן. און אַלע נאָך דעם ערשטן און פאָדערשטן.

לויפנדיק, שטריקן אויס די ווינטן־נעצן — ווינטישע נעצן, וואָס זיי שלעפן נאָך זיך אין דעם לויף און פאַרוואַרפן זיי דאָרט אַף מיילן און שטרעקעס.

צעברומט זיך די פעלדישע געגנט מיט ווינטן, וואָס האָבן זי געפאַנגען, אין ווינטישע נעצן זי געפאַנגען, און פאַרטוליעט איר די שיינען און איר פאַר־פאַכעט די ווייטן.

זי ברומט און זייט אויס אינם ברומען פון גרעניי און ברעגעס.

און זינטן ווערן געקרעפטיקט.

זיי צעהוידן און צעווינגן די פעלדישע ברייטן און טיפן ביז די הימלען צעווינגן און צעפאטלען די וואלקנס. און אלן איינאיינעם פארדרייט און פארקנאטן — לאזן זיך וואגלען איבער. וועלט אף טעג און אף העפקער.

3.

שליאכן.

צווי שליאכן, צווי אלטע, זיך שלענגלדיקע מאטע־שליאכן, וואו פערדישע יארן זיינען צעטראטן מיט טעמפיקער טלא און מיט מי פון איביק פארנדיקע רעדער, ווייל זיך הינטער רויט־צעשפעטע טויערן פון אנהויב פריכארגן.

זיי לויפן, זייט בא זייט לויפן צווי צעפאלאבעטע שליאכן.

לויפנדיק ווארפן זיי ארויס פון קאלי די איינציקע דארפישע פור, וואס זי האבן געפירט מיטן טאגלעך צו ערגעין א ייעשוו — א פריען טארק מיט צע־פתרעטע׳שלאפנדיקע פלעצער.

ארויס פון קאלי, נעמט קאיאריקע פור פאמעלעך פארקערעווען און פרוואווט צוריק מיט רעדער און דישעל אין קאלי זיך שטעלן.

איינע אליין פארטאג אין פעלד, וואס איז נאך טונקל און קלערט ערשט שארעיען, פארעט זיך שטילע פור, ביז זי שטעלט זיך אין דער קאלי איין.

זי שטעלט זיך איין — און לאזט זיך ווייטער. פארט הינטן נאך די שליאכן, וואס לויפן פאר פריר און פארטאגן אין ווייטן, אין ווייטן, וואס ברעכן די הימלען און פארנעמען זיך טאגן.

לאנג טאגן ווייטן, מיט הימלען איינגעבראכענע, וואס ביים האריזאנט, טאגן זיי.

און מיט צעשפנטע שארידמויערן, וואס שטייען אין פלאכען, דארט אף א בארג ביים ארייננפאר פון וועלטן.

און נאך לענגער לויפן שליאכן.

שאצן און מיילען לויפן זיי אפ אנטקעגן נייעם טאג און זיין אויפגיין אף בארג — צעפאלאבעטע, די צוימען אראפגעריסן און זיך אויסגעשפאנט פון שלעפ־שפאן און געבארענעם וועגיאך.

נאר עק־וועלט איז נאך ווייט.

האלבער טאג אף טונקעלער מיט פון ווינטישע שטרעקעס שיפט זיך פון ווייט און קומט זיי אנטקעגן.

נאר שליאכן, וואס לויפן, רייבן דורך דעם גרעניי און פאדעם פון האלב־טאג.

א ריס — און אריבער. און לויפן שוין ווייטער, ביז זיי קומען צו טאלן — און פאלן אראפ אין זייערע טיפן.

אין דער טיף פון טאלן קריכן שליאכן אף די בייגער — איינציקע צייט אף די בייגער — און פלעכטן זיך דארט איבער און ווערן שוין איינס.

— נאר באלד ווידער זיך צעצווייט און זייט בא זייט ווי פון לאנג שוין — קריכן שליאכן ארויס צוריק אין פעלד אף די גלייכן. און לויפן מיט גלייכן.

האַלבער טאָג אַף זיין זילבערנער שיף מיט צעפּאַכעטע ליכטיקע זעגעלן האָט שוין לאַנג זיך פאַרשיפט און אַנטרונען אין גרוי־ווינט.

שוין באַטאָגיקע שאָען טרעטן אָנעט אַף פעלד. זייער טראָט איז אַ שווע־רער און אָנגעשוכט אין מעש.

זיי גייען און טרעטן אין די מעשענע שיך — טרעטן אַף פלעק צו פעלד־זון, וואָס האַרבסטיקע ווינטן האָבן דאָ היינט אין די בריטן פאַרצוקט און זי צעריסן אַף שטיקער.

טרעטן זיך מעשענע שיך איבער גרויען פון פעלדער, טרעטן און שווינדלען — און טאָג און פעלד האַלט שוין ווייט.

ער באַגעגנט אין וועג די צעפּלאָכעטע שליאַכן.

זיי לויפן אין צווייען זייט בא זייט פון דער נאַכט נאָך און איילן זיך צו אָוונט פאַרלאָזן די פעלד־היים און אַרויס פון די ווינטן.

נאָר יאָג־ווינט און פאָך־ווינט, וואָס היטן די פעלדער, פּאַטשן נאָך און דעריאָגן די שליאַכן.

מיט צעוויקלטע ביימשן יאָגן ווינטן, ביז זיי דעריאָגן, און זעצן זיך רייטן אַף רוקן פון קאָלי און אַף גריוועס פון שליאַכן.

טאָג גייט שוין אַרויס פון די מיטלטע בריטן — און אָוונט באַווייזט זיך אַף די ראַנדן פון הימל. און ס'ווערט טונקל אין פעלד.

נאָר שליאַכן אין אָוונט זיינען שוין ווייט פון פעלדישער געגנט.

זיי דערלויפן דאָס לעצטע אין דער שפּעט, וואָס פאַלט צו פאַרנאַכט הינטער דערפער, און קומען באַלד אַרויס צום טראַקט און פאַלן אַרויף אַף זיין ברייטקייט.

און אויס צו די שליאַכן.

זיי ניורן זיך איינעט אַף ברייטער ברוסט פון טראַקט און ווערן דאָרט אַנטשלאָפן אַף קיינמאָל שוין ניט אויפשטיין.

און טראַקט, וואָס ליגט ריזיק איבער שטרעקעס, פירט מיט פעסטקייט אַוועק אַף זיין ברוסטיקער ברייט די צוויי געקומענע שליאַכן.

איינאיינעם מיט אַנדערע פירט זיי טראַקט אין דער נאַכט. פאַרביי שמועט־לעך מיט לאָמפּן פירט ער זיי און פאַרביי איינציקע שליאַך־בוימלעך, וואָס וואָיען וועלפיש צום וועג, פאַררייסן דעם אויסגעקראָכענעם קאָפּ צו שטומען אויסגאָס פון נידעריקע הימלען.

ער ברייינגט זיי ענדלעך צו הויכע טויערן פון באַרגיקער שטאָט, וואָס האָט דאָ איבער אירע קופּלען און טויערן אַן אַנדער האַר און מוישל.

4.

עקסעלעך פאָרן פון וואַלד אַרויס.

פון ווייטן דאָרפישן ווינקל, וואָס איז מיט שטילקייט פאַררוקט אין איינ־געשלאָפענער בלוי פון אַרומיקע וועלדער, פירן יונגע עקסעלעך אַרויס אין פאַר־נאַכט אַ הויכע פור.

דער וועג איז זיי היימיש. ער דרייט זיך מיט שמאָלקייט אין וואַלדישן פאַרנאַכט.

מיט צוויי שנור־שניטן איבער דעם אַפּפּאַל פֿון בוימער דרייט זיך שמאָלער וועג און פֿאַרשמעקט די אָקסן־נעזער מיט פֿאַרצווייגטע זשאַווער־בלאָטעס, וואָס אין דער טיף פֿון וואַלד, און מיט אָפּגעהיילטן, האַרבסטיקן בוים.

יונגע עקסעלעך פֿאַרבייגקען זיך אין אָונטיקער שאָ צו גראָזיקע טאָלן מיט זיסן טוי, וואוהין מיט געטריבן אַף נאַכט. און צו פֿרייען אומגיין באַטאָג אין וואַלד מיט הילצערנעם גלאָק אַפּן האַלז און מיט אָפּגעבריענטן באַרפֿיסן פּאַסטעכל בענקען יונגע אָקסן.

זיי שלעפֿן די הויכע איבערגעבונדענע פֿור מיט גרינגקייט אין דער גע־פּאַשעטער וואַרעם־ברוסט און ברייגגען מיט סלינע און פֿאַרטראַכטקייט אַרויף אין אָקסישן קאָפּ — אין אַ פֿאַרבלאָזן ווינקל פֿון קאָפּ — די צעקייטע שאָטן פֿון עפּעס אַ ווייטן שאַריענדיקן מאָרגן.

ניט לאַנג, סאַכאַקל אייך און־ איינציקע רעגע, שאַריעט אין אָקסן־קאָפּ יענער געשמאַקער גראָזיקער מאָרגן — און לעשט זיך גיך אויס.

הינטער די לייביקע הויטן טוט פֿון דעם אַרויפֿגעבראַכטן אַ זויג עפּעס אַ צופּנדיקס — און טעמפּער מויאַך מאַלעגיירעט אין וועג נאָך און נאָך אַמאָל איבער פּעטן רויעך פֿון אויסגעוואַרעמטער סאָסנע־ערד, אינאיינעם מיט עפּעס אַ צעקייעט האָניקדיק בלעטעלע.

באַ די ציין און אַף דער נאַסער צונג פּילט זיך אַצונד אָט דער געמישטער רויעך.

אַמאָל האָט מען אים מיט פּאַשע און מיט זון איינגעשלונגען און צעקייעט מיט גרויסן קייענדיקן מויל. ער האָט זיך אָפּגעזועצט אין געזונטן לייב און איצט שווימט ער אַרויס מיט סלינע און בענקשאַפֿט און קיצלט אין די נאָזלעכער.

פּאַמעלעך גייען די אָקסן, און הויכע פֿור גייט זיי נאָך מיט אַלע געשמירטע רעדער — אַ וואַלדישע פֿור, וואָס איז אָנגעלעגט ביז אַרויף מיט טונקעלן סטור בורטשטן היי.

זיי דרימלען, די עקסעלעך,, פֿאַרנאַכט אין וועג. דרימלען און שלעפֿן. און פֿור גייט נאָך. ווי אַ בלינדע אָנגעבלאָזענע קראָ גייט זי נאָך די אָקסן און נאָך זייער מאַלעגייערדיקן כאַלעמען.

אַרום אין וואַלד זיינען אַלע פֿאַררוקטע עקן שוין פֿאַרשלאָסן אַף די טויערן.

שטילע כאַיעס — פֿאַרנאַכטישע און האָריקע — בעטן זיך אויס אין די וועלדישע הוילן און לייגן זיך איין אַף נאַכט.

נאָר איינע אָקסן פֿירן דאָרט צו בלינדע פֿור, אַ סטובורטשעטע קראָ, וואָס טאַפּט מיט די רעדער דעם שפּעטן וועג.

זי רוקט זיך איבערן שטילן וואַלד, טאַפּט און רוקט זיך, ביז זי קומט צו זיין סאָף און פֿאָרט אַרויס אַף אויסגאַנג פֿון פֿעלד.

אַף אַ מינוט עפֿנט זיך אין עק־וואַלד אַ פֿאַרנאַכטיש טויערל. עפֿנט זיך, לאָזט אַרויס פֿון עפֿענונג פֿור מיט אָקסן און פֿאַרמאַכט זיך באַלד צוריק.

אין דער פֿריי פֿון פֿעלד ווערן די עקסעלעך אויפֿגעמונטערט.

שטיקער זון ווי געלע אָקסן אַף פּאַשע־רו, ליגן דאָ אין גאַרטל־קנייטש פֿון אויסגעקרימטע אָונטיקע בערג און אויך אַף קניפּ פֿון צוויי צעצווייגטע דאָרפֿישע וועגן ליגט אַ שטיק זון — אַ געלער אָקס.

און עקסעלעך אין שפאַן ווערן אויפגעמונטערט.

זיי גיבן אַ נעם מיט יונגען קאָפּ און האַלז דעם יאָרעם און וואָגן און לאָזן זיך אַוועק מיט שטילן דאָרפישן וועג, וואָס צייכנט זיך שמאָל אַף דער אויפגעדעקטער פעלדישער ברייט.

זיי גייען מיט פרייד צו ערגיץ וואָרטנדיקער פאַרנאַכטישער היים.

.5

עקסעלעך אין וועג.

ווען פור מיט אָקסן פאַרגייט ווייט, זעט זיך אַרויס אינם גיין ניט מער, ווי אַן איינציק שטרויען רעכעלע, אַ באַלויכטנס פאַרנאַכט אין פעלד, טוט מיט אַמאָל זיך אַ הויב אויף פונם ליגן אַ טיטשקעלעווינטן.

אינאיינעם מיט דעם אָרט און מיטן שטויב, וואָס אַף זיינע ווייכן האָבן ווינטן אַ פאַרנאַכטישע שאָ געהוט, הויבט זיך ווינט־טיטשקעלע אויף.

הויבט זיך אויף — און ברייטן לויפן נאָך און האָריזאָנט נעמט זיך רירן, דאָרט. פון דעם באַרג מיט שפּיציקן בוים, וואָס בויגט אָן צום לויפן דעם קאָפּ און די אַקסל.

און צעבראָכן ווערט שטילקייט פאַרנאַכט אין אָפּגעשיינטן פעלד — צעבראָכן אין אַלע וועלטישע ברייטן און לענגען.

יונגע קעלבער, ווילדע און צעבריקעוועטע, קומען צולויפן מיט פעלדער— פון ערגיץ צולויפן — און שטעלן זיך אָפּ, פאַרדרייטע אין רעדלעך פון קוישעך און זאַמדן.

זיי שטייען אַ ווײַלע און מאָנען און מריקן אַרויס פון די ווינטן די קעלבער די יונגע.

און באַלד צעבריקן זיך ווידער — בריקן בלינד און פאַרנאַכטיש, ביז זיי ווערן איינגאַנצן פאַרדרייט אין שלייפן פון ווינט, ווערן פאַרפלאָנטערט אין שלעפנדיקער פאַלע פון שטויבן.

נאָר ס'איז גאָר ניט קיין קעלבער קיין יונגע, וואָס לויפן פאַרנאַכט פונם פעלד, בלאָנדזשען און מריקן פון ווינטן.

ס'איז שטויביקע קייקן. ס'איז ווינטישער קערפּער, געוויקלט אין זאַמדן.

ס'איז טיטשקעלעך ווינטן. זיי רוען דאָ אַלע פאַרנאַכט אין דער שטיל אונטער רוקן פון וואַלד.

איצט גייט אָפּ שטילער אָוונט.

אים טרייבן אַרויס פון הימלישע ראַנדן די פרעמדע, געקומענע פּאַסטעכער פון נאַכט — טרייבן אַרויס און פאַרנעמען זיין אָרט אַף האָריזאָנטישע גרויען און לייגן זיך דאָרט אויס מיט טשערעדעס נאַכט און מיט געשטאַלטן פון קי און רינדער.

און אָוונט גייט אָפּ.

ער ציט זיך אויס צו באַלאַדנע סקאַליפּעס פּליעני, וואָס שווימען אַרויס אין עטליכע נעפּלוס פֿון פֿאַרנאַכט, און גאָרט אַף די פּליען ביז פֿינסטער פֿון פֿעלדער.

דאָרטן שטעלט זיך אויגט צו און לאָזט אַף זייערע פּליען — זיי שווימען זיך ווייטער.

אַרום וואַלד און זייערע הויכע, געשלאָסענע טויערן שווימען פּליען, און נאָך ווייטער, ביז זיי קומען אַרויף צו עולין אַף טייכן.

און אַף טייכן, וואָס זייען אַנגעזאָפּן גוט, באַווייזט זיך נאַכט — אַ הימל מיט שטערן און נאַכט אַף די וואַסער.

בײַ קאַנטן פֿון פֿעלדער, וואָס זייען אַרומגענומען מיט טאָשטעלעך פֿינסטער, באַפֿאַלן ווינטן דעם אויגט — די טימטעלעך ווינטן. זיי באַפֿאַלן און נעמען אים יאָגן אַן אַ ווענ און אַן באַשלוסע.

אַלע אינאיינעם מיט טימשקעס בײַ די וויבן נעמען זיי יאָגן — און אויגט מוז לויפֿן, אַ געיאָגטער איבער שטריקעס און בריקן.

ער צעבויטעט אינם לויפֿן די פֿעלדער און וועגלען, וואָס שפּינען איצט שפּינעכין הינטער הימל און שלאָפֿידעס.

און אונטער פֿלייגע בײַ אויגט ווערט נאַכטווינט און צעבויטעטע נאַכט.

נאָר טימשקעס, וואָס הערן זיך אין פֿעלד און ציטערן זיך אויס פֿון זייערע טייטע קנייטן, טרייבן אַלץ ווייטער, כאָטש שוין ניטאָ ייִנגען טרייבן און פֿאַר פֿריד לויפֿט זיי קיינער — כוין אין פֿלעקעלע אַפּשיין, אַ לייטבל אויגט, וואָס שוועבט דאָרט פֿון ווייטנס.

אָבער נים קיין פֿלעקעלע אַפּשיין, נים קיין לייטבל אויגט דעריאָגן ווינטן ביים אַרויסגאַר פֿון שלאָבן.

הויכע פֿור מיט סטעבורטען הוי באַווייזט זיך אין לינטין ווינקל.

זי גייט זיך פֿאַמעלעך, מיט אָפּגענעם טראָט און טיט בליינדע, טאַפּנדיקע רעדער גייט די הויכע פֿור — און אויגט באַהעפֿט מיט לאַנגע געבליאַקעוועטע צייגן איר אָנגעלייגטע גרויס.

און אויך יונגע עקסעלעך אין יאַרעם־פּאָן באַהעפֿט אויגט און בײַ הייגט זיי טיט טונקעלע צעריבענע שאָלן — איבער הייב און איבער הערנער דיקע קעפּ מיט שאָלן.

און ווינטן בלייבן שטיין, זיי ווישלען זיך אויס ביז דער האַלב פֿון אָנגעלאָפֿענע קנוילן און שטייען אַ ווײַלע צווישן קאָלי און ווינט.

עס קומט דאָרט פֿאַר און זיי וואַרטן.

באַלד טוען עקסעלעך אַ ריס אָפּ פֿון אָרט פֿיר רעדער מיט אַמאָל — פֿיר צעשראָקענע רעדער וואָס לאָזן זיך לויפֿן יעדעס באַזונדער און ווילן פֿאַרטראָגן הויכע, באַהאַנגענע פֿור, זי פֿאַרטראָגן און פֿאַרקייקלען אין וועלט.

נאָר ניטאָ וואוהין לויפֿן צעשראָקענע רעדער פֿון יאָגן.

דער וועג צו דאָרף, צו שטילער שטרויענער היים, וואָס וואַרט צווישן אוונטיקע דעבלעך דאָרט אינם באַרגיקן געסעלע, האָט זיך אָפּגעריסן און ניט געבליבן.

פאַר סאַמע פּאָנים און אויגן האָט זיך וועג אָפּגעריסן — און יונגע עקסעלעך זײַנען צעמישט.

עפּעס שווינדלט פון פאָרנט און פאַמשט מיט א פליגל א פויגל אין שטויבן, אַן אַרבל פון ווינטן.

און עקסעלעך רוקן זיך צוריק, מיט די הינטנס און מיט הויכער פור און טרעטן אַרויף אַף ווינטן.

מיט שווערע, אָנטרעטנדיקע פּיס טרעטן אָקסן אַף וואָויענדיקע פעל און אַף ווינטן.

און רעדער נעמען זיך אָן מיט נײַעם ווילדן לויף און רײַסן זיך מיט צעבלאָזענער פור צום פעלד און נאַכט.

א קאָל, אַן אינגלש און וואָס הערט זיך פאַרנאַכט אין פעלד מיט געוויין, שרײַט אַראָפּ פון וואָגן — דאָס קאָל פון קליינעם שטוב־פּאַסטעכל.

ער האָט מיט פור פאַרשפּעטיקט און שרײַט צו עקסעלעך פון מאַרשנער רעוועטער וואָגן־הויך, וואו ער זיצט און פּאָכעט מיט לאַנגער צווייגיקער רוט אַף רעכטס און אַף לינקס — איבער באַהאַנגענע רוקנס און איבער נאַכט־שרעק, וואָס רײַט דאָרטן אַף רוקנס, פּאָכעט ער.

נאָר יונגע עקסעלעך פאָלגן ניט מער.

בײדע גלײַך האָט זיי פּאַסטעכל אין דער דאָרפישער היים פון איין קאַרעטע אויסגעהאָדעוועט. אינאײנעם מיט עקסעלעך אַף פּאַשע אין וואַלד געוואַקסן — און זיי פאָלגן ניט מער.

ניט זײַן קאָל פאָלגן זיי און ניט דעם טרײַב פון בייזער צווייגיקער רוט.

צוטומעלטערהייט גיבן זיי א ריס אויס דעם וואָגן — פון ווינטישן שלונג און פון נאַכט, וואָס פאַרנעמט איצט דעם פעלדישן אַרום, רײַסן עקסעלעך אַרויס דעם וואָגן.

און בלײַבן שטיין.

פּיס, אָנגעגאָסענע מיט שרעק, טרעטן נאָך אַמאָל אַרויף אַף ווינט, אַף וואָויענדיקע פעל פון ווינט. און עקסעלעך שטופּן זיך מיט א זײַטל אײנער צום אַנדערן און רײַסן ווידער דעם וואָגן — פון ווינטישן שלונג אַרויס און פון נאַכט, וואָס פאַלט צו, — דעם וואָגן.

און פּאַסטעכל אַף פור וויינט. שטיל אַזוי און פאַרלאָרן אין פעלד און אין ווינט וויינט און כליפּעט קלײן פּאַסטעכל.

און זײַנע עקסעלעך שטייען. די פּיס צעראַטשעט איבער פעלד און וועג שטייען עקסעלעך און גייען ניט ווײַטער.

כליפּנדיק, שלאָגט ער זיי מיט לאַנגער צערייצטער צווייג — מיט גראָבער ווײַטאָקדיקער זײַט פון צווייג, — איבער יונגע קעפּ און איבער יאָרעמהאַלז, ביז ער ברענגט אַרויס הויכע סטעבורטשע פור צום טײַך, צו לאַנגען בריק, וואָס ליגט אויסגעצויגן איבער טײַך, און נעמט דאָרטן צרויפּאָרן מיט אָנגעלייגטער וואָגן־הויך און מיט פאַריאָגטע, פאַרסאָפּעטע רעדער.

צוויי דאַרפּישע פענסטערלעך, אויסגעהאַקטע אין דער נאַכט, קוקן פון באַרגיקן געסעלע, ווי פאַרזאַמטע פור פאַרט אַרויף און לאָזט זיך רוקן מיט דער לענג פון בריק.

זי שטעלט אַרויס שווערע אָקסישע פיס, באַשמעקט מיט פיס יעדע אונ־טערקומנדיקע ברעט — באַשמעקט און טרעט אַריבער מיט געהיטע טריט און מיט רעדער.

און אָפּגעגאָלדטע טאַפּלילעך, וואָס זיינען אַריינגעשמירט אינם שוואַרצן דרויסן, קוקן אַרויס צום טייך און וואַרטן.

מיט היימלעכקייט און מיט אָנהויב נאַכט, וואָס צווישן שטעלעכלעך, דאָרט אינם דאַרפּישן געסעלע, קוקן אָפּגעגאָלדטע טאַפּלילעך און בייגקען צו פור, ביז פור קומט אַרויף אַף מיט טייך — און רעדער בלייבן מיט אַמאָל שטיין.

מע שלעפּט די מיט טייך — הערן רעדער. — און בלייבן שטיין.

מיט פאַרוואָרפענע נעצן שלעפּט מען די מיט טייך — פון איר געלעגער אַרויס און פון אירע צעגוואַדזיטע, אָנגעריסענע טיפן.

און טייך קרעכצט. ער האַלט זיך אָן מיט שוואַרצן צעריטשעטן לייב אָן די ליימיקע זומפּן. און אויך אָן צוויי באַלויכטענע פענסטערלעך, וואָס אין דאָרף, האַלט זיך טייך און לאָזט זיך ניט.

ער פּאַטשט מיט קויעך און מיט באַוואַקסענער לעמפּערט־פּוס — איינ־מאָל פּאַטשט ער און נאָך און ווידער אַמאָל.

און כוואַליעס ברענגען באַלד אַרויף פון פאַרזונקענע פּאַלעץ־אויצרעס, פון פאַרמויערטע קעלערס, וואָס הינטער טייך־פּאַלעצן — אויסקויף דער נאַכט און די ווינטן.

אַלטע, בייכיקע קרוגן פון זילבער און שוים־שטאָף ברענגען אַרויף כוואַ־ליעס. און געשפּינטע וואונדער־געוואַנטן, צעוויקלטע איבער די וואַסערן, און זעלטענע קיילים מיט אַמאָליקע, געשניצטע געמעלען ברענגען זיי אַרויף. און אויך רענדלעך און ברוך־גאָלד — פולע מולטערס, פולע צעברעס.

און טייך גיט דאָס אָפּ, שמיצט דאָס אַרויס — און בלייבט ווידער ליגן. און גראָבט זיך טיפער איין מיט שוואַרצן צעריטשעטן לייב.

אַ ווינט, אַ פאַרפירטער אַפן בריק אין די רעדער — פון צעבוויטעטן פעלד אַהער אַ פאַרפירטער — פּרוּווט רירן דעם וואָגן.

נאָר רעדער זיינען צעטומלט. זיי טוען אַ שלעפּ הויכע פור — אַ שלעפּ אַף פריר און אַף צוריק און קלעפּן זיך ווידער צו צום בריק און צו זיין מיטן.

אַ פעסעלע, אַ ווילדס און וואָס איז אויסגעקייקלט ערגיץ אַף זאַמדיקע וועגן, קומט אָן אַנטקעגן עקסעלעך — קומט אָן און קייקלט זיך אַהער מיט אָנ־געדרייטע שטויבן פון צווייטן עק בריק.

קייקלט זיך זאַמד־פעסעלע — און אַ פאַרבלאָנדזשעט ווינטעלע, וואָס איז קליין און צעפּאַטליעט, איז פאַרקראָכן אַהין און בוימעט זיך אינעווייניק, בוימעט זיך און וואויעט מיט פאַרקרומטן ווינטישן פּיסקל.

און פעסעלע איז שוין נאָענט, און צילט גלייך אונטער אָקסישע פיס און אַף טרעפן צווישן רעדער.

יונג פֿאַסטעכל קערעוועט פֿון זיין הויך די צעיאַטעטע רעדער און אָקסן־פֿיס. פֿאָכעט מיט לאַנגער צווייגיקער רוט און פֿירט סטעבורטשטן וואָגן מיט שרעק.

פֿלוצים טראָגן רעדער אַ טראָג אַפּ אָן אַ זייט — דעם וואָגן מיט עק־סעלעך אָן אַ זייט — און פֿאַרדרייען זיך גיך־גיך אַרום זיך אַליין און נעמען ערגייץ פֿאָלן.

מיט אַמאָל און מיט גאַנצער גרויס פֿון אָנגעלייגטן וואָגן פֿאָלן ערגיץ רעדער — זיי פֿאַלן און שרייען שטום אין דער נאַכט.

צום דאָרף און צו זיין באַרגיקן געסעלע, וואָס וואַרט אַף פֿאַרזאַמטע עקסעלעך און קיינמאָל אַף זיי ניט דערוואַרטן, שרייען פֿאַלנדיקע רעדער.

און צו אָפּגעגאָל־עטע טאַפּלילעך, וואָס קוקן אַרויס אַפֿן טייך און זען צו זייער צאַאַר און אומקומען, שרייען רעדער.

און ווערן אַנטשוויגן.

זיי נעמען זיך אַ מיט טייך, מיט כוואַליע. פֿאַרזויגן זיך מיט פֿאַסטעכל, מיט עקסעלעך, מיט יאָרעם — און פֿאַרכלינען זיך. און ווערן אַנטשוויגן.

און שטיל ווערט אַף לאַנגען בריק, וואָס ליגט אויסגעצויגן איבערן טייך. און צוויי דאָרפֿישע פֿענסטערלעך, אויסגעהאַקטע אין דער נאַכט, קוקן מיט אָפּ־געגאָלדעטע טאַפּלילעך פֿון באַרגיקן געסעלע אַרויס.

אַף דער שטיל, און וואָס רודערט און באָרבלט אין דער שטיל דאָרט, קוקן זיי. און אויך אַף דעם פֿאַרגעקומענעם אין דער נאַכט אַפֿן טייך קוקן אָפּגע־גאָלדטע טאַפּלילעך.

ד. וואָלקנשטיין.

ש. גאָדינער

פּיגורן

1.

וואָס קאָן דען געשעען אַז אַ מאַכנע שלעפּט זיך איבער שלעפּעריקע בלאָ־טיקע וועגן, אַז מע קריכט אַריבער פון איין גרוב אין דער צווייטער?

כמורער האַרבסט־רעגן שיט זיך ווי אָנגעלאָפּענער גראָער אַרבעס און פּיקט אין די אויסגעדאַרטע פּלייצעס און ווייקט די אויסגענעצטע ביינער.

פיס־פינגער גליטשן זיך איינע אָן די אַנדערע....

וועגן זיינען אומבאַקאַנטע און פאַרהאַנגענע מיט נאַסע, קווטיקע אַש־פּלאַכטעס. דערפלאַך אַף זיי ליגן ווי קופּעס מיסט, זויער־איפּעשדיקע...

ס'שלעפּט זיך אַ מאַכנע.

יאָ.

דאָ אַף די וועגן איז בעסער. דאָ איז שטיל. דאָ לויפט נאָר דורך אַמאָל די דאָרפס־גאַס אַ גויע און שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע, שטייט אַ רעגע און קוקט פאַרכידעשט... איז, אַז דערמאָנט זיך, כאַפּט זי זיך, פאַרשפּילעט דעם ברועם און פאַרשווינט.

וואָס האָט געמיינט די גויע?

איז זי טאַקע אַף דערעמעטן געווען דאָ, אָדער ס'האָט זיך עמיצן אין דער מאַכנע אַ מאַמע געכאָלעמט?

ווער קאָן דען וויסן.

דאָ פאָרט אַמאָל דורך אַן אַלטער גויטשיקל מיט אַ שיקסעלקע אין וואָגן מיט רעגן־נאַסע זעק אַף די קעפּ און לאָזט דעם וועג און שאָקלט צו מיטן אי־בערגעדעקטן קאָפּ:

— אַ גוטן טאָג,

און אַן אַנדערער זאָגט נאָך:

— גאָט העלף!

— יאָ, גאָט העלף...

און ווידער שטיל. און ווידער גוט.

מע לאָזט לויפן פאַרכידעשטע גויעס. דורכפאָרער מאַכט מען דעם וועג און מע מישט ווייטער געהאָרכזאַם די שיטערע בלאָטעס. און גוט איינער אַ פרעג:

— ס'איז נאָך ווייט?

וואַרט ער אַפילע אַף קיין ענטפער ניט.

ס'איז אים דען ניט אַלץ איינס?...

נאָך וועגן, וועגן ציען זיך, און אַלע בלאָטיקע, אָן אַ טראָפּן זון. נאָר אַף די וועגן איז דאָך בעסער.

אַט רוקט זיך נאַכט אַנטקעגן, ווי זי וואָלט קיין געדולד ניט געהאַט וואַרטן ביז מ'וועט אַפן אָרט קומען און אַנידערפאַלן מידע. ציט זי אירע פינגער און רופט־רופט צו זיך. לאָזט שוין מאַכנע איבער הינטער זיך איפּעשדיקע דערפלאַך מיט קינע און פאַרדרוס און מע טרייסט זיך מיט קוליעס שטרוי און הינטערן באַנק.

ס"טרעפן זיך שוין אַזעלכע טעג, ווען מ'שלעפט זיך געהאָרכזאַם אַזוי און האַכנאָעסדיק און נאַמע פיס באַוועגן זיך נאָר דערפאַר, ווייל יעדער טראָגט מיט זיך אין האַרץ אַ שטיקל טרוקענעם אונטערן־באַנק,וואו מען קאָן נאַסע גלידער דערוואַרימען...

גייט מען אַזוי אונטערן וויינענדיקן האַרבסט־רעגן און מען טראָגט ציטערדיק אין די הערצער באַ זיך אַ פּאָר שטרויעלאַך און אַ פּיצל טרוקענעם אונטערן באַנק,—דעם גוף אין אַ בייגל צונויפדרייען און אַף די פּאָר שטרויעלאַך אַנידערלייגן: זאָל זיך עס אויסטריקענען...

ווערט שוין גוט אַזוי, אַז עמיצער כאָלעמט אַפן וואָר:

— גוט איז איינצושלאָפן הינטערן באַנק!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

.2

אַ הינקענדיקע צויג האָט קיין רו ניט געהאַט. אַ הינקענדיקע צויג האָט רו געזוכט און אַ מענטשן, אַ כאַווער. ווייל אַליין, איינזאַם אין איר ווי איז זי געווען די צויג און שווער איז איר געווען אַליין דאָס פאַרטראָגן.

עמיצער האָט איר אַמאָל, אין אַ זומער־טאָג, ווען זי איז מעאובערעס געווען, פון וואוילטיק וועגן, אַ פוס איבערגעבראָכן. אַף אַ מיטן וועג צווישן דאָרף און דאָרף איז דאָס געווען און זי האָט זיך אַפילע צו איר היים ניט דערשלעפּט.

האָט זי אַפן וועג, פאַר דער צייט, די טויטע הינטעלאַך אירע אָפּגעוואָרפן און אַ בלוטאָפּגעגאַנגענע געבליבן ליגן דאָרטן.

האָט די הינקענדיקע צויג דעם שלאָף אירן פאַרלאָרן און דעם קאָל. זי האָט בילן פאַרגעסן.

האָט זי זיך איבער די וועגן געוואַלגערט ביז האַרבסט, ביז גראָען רעגנדיקן האַרבסט, ביז וואַנען די מאַכנע איז אַף יענע וועגן דורך.

און אַז די מאַכנע איז צוריקגעקומען, האָט די צויג זיך אַוועקגעשלעפּט מיט איר און אַ כאַווער האָט זי זיך געפונען: אַ גראָען מענשן מיט אַ פלאַכן פּאָנים, וואָס האָט הילצערן געשוויגן. האָט זי זיך געשלעפּט מיט אים און מיט דער מאַכנע.

נאָר הינקענדיקע צויג האָט קיין שלאָף ניט געהאַט. הינקענדיקע צויג האָט אַפילע וואָיען ניט געקאָנט און שווער איז איר געווען איר כאַווערס הילצערן שווייגן צו פאַרטראָגן.

איז, ווי מ'איז אַפן אָרט געקומען און הינטער ביינק זיך צעקראָכן איז זי אַוועק פון אים. האָט זי אַוועקגעהינקט צווישן אַנדערע. האָט זי געגישטערט דאָרט, געשמעקט די בלאָטיקע פאַרשוויצטע פינגער פון די פיס געלעקט די אויפגעבלאָזענע בייכער און זיך געשראָקן פאַר זייערע פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע מיילער, גרייטע צו שרייען...

איז זי צוריק צו איר כאַווער אַוועק, קענן אים זיך אַנידערגעזעצט. די אונטערגעבראָכענע פֿיס אונטער זיך אונטערגעבויגן און צוריק איר בילנדיקע שטים באַקומען:

— איך בין אַ מאַמאַע.

דער כאַווער פֿון הינטערן באַנק האָט דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און אָנגעקוקט איר.

האָט זי מיט הינטישן טרויער צוגעגעבן:

— פֿון טויטע קינדערלאַך.

אַ שלאָפֿנדיקער מענטש האָט דערשפּירט די סאַקאָנע פֿון שטילקייט. אומרו איז דורך מיריאַדן לעבעלאַך אַריינגעשפּרונגען אין הויט פֿאַרבלאָטיקטער און צום קאָפּ זיך דערלאַנגט און פֿון דאָרט דורך אָפֿענע אויגן מיט שרעק אַרויסגעקוקט.

האָט זיך געטרייסלט דער קאָפּ גיך און האַסטיק, און אַ מענטש האָט זיך געמאַטערט אונטערן באַנק.

— מען דאַרף ניט שטילקייט, מען דאַרף ניט...

און אין אַ ווײַלע אַרום זיך געקלאָגט:

— צום טייוול! ס'שלאָפֿט זיך ניט.

— אָ־אָ־אָ־אָ.

אין דערעמעסן איז ער געשלאָפֿן. אונטערן באַנק אין אַ קנויל געלעגן צעגנויפֿגעדרייט און איז געשלאָפֿן. דאָס אַלץ, וואָס דאָ איז דערציילט געוואָרן האָט זיך אים נאָר געכאָלעמט.

אַ מענטש האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן פֿון בלאַסער וואַר און שלאָפֿט איין אין אַ נאַסן הינטערן באַנק — שטאָפּט און וואַרגט זיך זיין שלאָף מיט שרעק פֿאַר ניט קאָנען איינשלאָפֿן.

.3

אַ שוואַרצע מויל פֿון אַ קרומער טיר קעגנאיבער אונטערן באַנק האָט אויפֿגעגענעצט, אַ וואַכעדיקן אין שטוב אַריינגעשפּיגן און מיט אַ סקריפּ זיך צוריק פֿאַרמאַכט.

איז ער געשטאַנען דאָ באַם שוועל און די לופֿט געשמעקט און מיט די אויגן די פֿינסטערניש געטאַפּט.

ער האָט שוין אַלץ פֿאַר דער צייט פֿון דער מאַכנעס־אַרומשלעפֿן זיך אויסגעזעען און אויסגעפּרואווט. אין אַלע בלאָטעס האָט ער, קריכנדיק אַף אַלע פֿיר, זיין פּאָנים אויסגעשלעפּט און דעם טאַאַם פֿון ערד פֿאַרזוכט. פֿון ערד אַזוינער, וואָס איז מיט ווילד פֿלייש באַוואַקסן געוואָרן.

זיינען שוין געווען אַזעלכע טעג באַ אים, ווען אויסהיטן זיך פֿון קויל האָט מען געקאָנט נאָר דאַמאָלסט, ווען מע גראָבט זיך אויס מיטן פּאָנים אַ גריבל אין דרערד און מ'באַהאַלט דאָרט דעם קאָפּ. פֿליט די קויל פֿאַרביי. בלייבט מען לעבן.

דאָ איז לעבן — אַ פײַכטע, גליטשיקע וואַנט אַף וועלכער ס'זוילט זיך איינהאַלטן... אַ פײַכטע, גליטשיקע וואַנט אַן וועלכער מען צערײַבט זיך די נעגל וועלנדיק זיך פאַרהאַלטן אַף איר און אַרויפקריכן אַף אויבן, אַפן ברעג, פון וואַנען עס זעען זיך די גרינע טאָלן באַגאָסענע מיט זון...

היט אויס אַמאָל אַ גריבל אַנ'אויסגעגראָבענע מיטן אייגענעם פּאָנים...

האָט דער מענטש, וואָס איז פון אַ נאַכט־שרעקעניש אַריינגעשטויסן גע־וואָרן אַהער אין שטיבל אַריין געהאַט אַזאַ הילצערן ברעטל־פּאָנים.

פאַראַן דאָ אין מאַנכע אַזעלכע פּעניכער אַ סך...

ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַז ס'גייט מאַכנע און טראָגט אַף די פּלייצעס אירע ניט קעפּ, ניט פּעניםער, נאָר ברעטלאַך אַזעלכע, פלאַכע, ברייטע מיט צוגעקלאַפּטע נעזער און שאַרפע, שפּיציקע קינבאַקן... און הייבט זיך אויף אַ געפאַר־טומל פאַלן זיי אַנידער און גראָבן מיט די קינבאַקן די ערד און דריקן דעם קאָפּ אַהין, אין דעם אויסגעגראָבענעם גריבל אַריין, און באַהאַלטן אַמאָל אויס די ברייטע ברעטלאַך זייערע...

נאָר דאָס איז אַלץ דאָרט, בײַ דער וואַנט, דאָ איז אַנדערש. דאָ צעקריכן זיך מידע שלעפער אַף נאַכטלעגער, ווער אונטערן באַנק, ווער אַפן בוידעם.

איז איצט דאָ געשטאַנען אַן אַראָפּגעוואָרפענער פון בוידעם. געשטאַ־נען אַ מינוט בײַם שוועל—און אַז אויך האָט דערזען דעם קנויל אונטערן באַנק, איז ער צוגעשפרונגען אַהין און געריסן דעם שלאָפנדיקן:

— שטיי אויף! שטיי אויף!

4.

פיר פיגורן זײַנען געשטאַנען ווײַט אונטערן סטריכע פאַרדוקט און האָבן געקוקט מיט קאַלטע בלאָע אייגלאַך אין דער פינסטערניש פון בוידעם אַריין.

פיר פיגורן אַף אַ בוידעם, אין אַ דאָרף אונטער אַ שטרויענעם דאַך.

פיר וואַקסענע פיגורן מיט בלאָנדע לעקלאַך, מיט בלאָע אייגעלאַך, מיט רויזנבעקיקע ראָזלעכע נעזעלעך, מיט נאַקעטע בריסטן.

אַמאָל זײַנען זיי געשטאַנען אין אַ גרויסער שטאָט, אַף אַ גרויסער גאַס, אין אַ שויפענסטער און האָבן צו יעדערן געוואונקען און האָבן אין קלייט גע־רופן.

געווען אַזאַ צייט פאַר זיי.

איצט שטייען זיי אַפן בוידעם און וואַרטן און בענקען נאָך זייער ליכט פון גרויס־שטאָטישע שויפענסטער.

איצט באַגריסן זיך פון צווייטן ווינקל צוויי מענטשן צו זיי. צוויי מידע שלעפער האָבן זיך גערופן צו זיי. אַט זײַנען זיי שוין נאָר נאָענט... אַט פילן זיי זייער אָטעם...

יאָ, יאָ.

פיר זינדיקע האָבן זיך דאָס אַפן בוידעם פאַרקליבן און וואַרטן... אַף אַ ווײַל, אין דער פינצטער ווערט מען אַפּוויסיקן מיט זיי און אַוועק.

פיר זינדערינס.

ניט מער.

דאַרף מען זיך שטיל גאַנוועגען, גוט אויסרעכענען דעם שעטאַך פון שפרונג.

און שטיל און זיכער—

אַט — — —

ס'איז גוט... קאַלטע, פולע מיידל־ברוסט דריקט די באַק, בריט די ליפּ, קילט דעם מאַרך...

ברעטל־פּאָנים איז ניט געוואוינט צו גלאַטע מיידל־ברוסט. ברעטל־פּאָנים ווייסט נאָר די פייכקייט און גליטשיקייט פון בלאָטע.

מיידל־ברוסט איז ווי קאַלטער ווײַן...

מיידל־ברוסט רייצט אַזוי, אַז ס'גאַנצע ביסל בלוט, וואָס איז, נאָך יאָרן אַרומשלעפּן זיך, אין גוף געבליבן, איז אין ווײַן איבערגעטריבן געוואָרן, אין קאַלטן, שטאַרקן ווײַן... פליסט ערשט דער ווײַן אַרויף און אַראָפּ און ס'גלעט אַזוינס, וואָס איז יאָרן פון בלוט אַרעמקייט אָן אונטערגענעצטע אין בלאָטעס געשלאָפן... און איצט וועקט זיך עס און שטויסט די הענט אַראָפּ, נידעריקער, נידעריקער... עפּעס דאַרפן זיי געפינען אַזוינס וואָס זאָל אָפּלעשן די אויפגעזאָדענע לוסט...

פינגער האָבן גאָרנישט געפינען און האָבן אין זאַמד פון בוידעם זיך פאַר־שטעקט אין קאַלטן זאַמד. דאָס געזוכטע האָבן זיי ניט געפונען, האָט לוסט פון זיך אַליין זיך אויסגעלאָשן.

האָט זיך ווײַן מיט אַמאָל פון אים אויסגעגאָסן, ווי עמיצער וואָלט אים דוו'כגעלעכערט. איז ער דערפון נישטוימעם געוואָרן און האָט אָנגעצונדן פייער.

5.

ער האָט געהאַט מיט זיך אַ סאַך שוועבלעך. האָט ער זיי אַלע אויס־געריבן און אַ ליכט אָנגעצונדן און גוט אַרומגעקוקט די פיר מיידלאַך וואָס זײַנען געשטאַנען אונטערן סטריכע פאַררוקט, און, גאָרניט פאַרשטייענדיק, געפרעגט באַם צווייטן:

— וואָס איז דאָס?

— פיגורן.

—פיגורן? — וואָס איז פיגורן?

6.

אַ שטיק נאַכט זײַנען זיי אָפּגעזעסן מיט די זינדערינס.

אין זאַמד איז געשטאַנען פאַרשטעקט אַ ביילעוו־ליכטל און דאָס פלעמל, אַ דערשראָקנס פאַר בוידעם פינסטערניש, האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און געצאַנקט.

אין אַ ראָד זײַנען זיי געזעסן:

פיר פיגורן, ברעטל־פּאָנים און הילצערן־פאַרטראַכטער שווייגער.

אין דער מיט— דאָס ליכטל.

האָט ברעטל־פּאָנים געהאַלטן אין איין פרעגן:

— צו וואָס דאַרף מען די פיגורן?

און הילצערן־שווייגער האָט געשוויגן.

האָט ברעטל־פּאָנים נאָך אַמאָל געפרעגט.

האָט שווייגער אַלץ געשוויגן.

און שפּעטער האָט שוין קיינער ניט געפֿרעגט און אַלע האָבן געשוויגן.

האָבן די פֿיר מיידלאַך אויך געשוויגן. די נאַקעטע בריסטן זייערע האָבן זיי ניט פֿאַרדעקט. דעם שמייכל זייערן האָבן זיי ניט באַהאַלטן. די בלאָע אויגעלאַך האָבן געשאָסן מיט טמימותדיקן רייץ. שטילער ווינט האָט געווייט און איבערגע־קליבן צווישן די פֿינגער זייערע די בלאָנדע לאָקן זייערע און זיי האָבן געהאַט אַן אויסזען, ווי זיי וואָלטן זיך געפֿרישט אין קילן ווינטל, ווי זיי וואָלטן אונטערגעשטעלט די קעפּלאַך זייערע דעם ווינט אונטערגעשטעלט און ווי ס׳וואָלט זיי אַף דער עמעס איינגענעם געווען די געזעלשאַפֿט פֿון צווי שווייגער.

האָט דער מיטן ברעטל־פּאָנים זיך צוגערוקט נעענטער צו זיי און אָפּגערוקט זיך פֿון זיי, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די לאָקן זייערע צווישן די פֿינגער איבער־געקליבן, די בעקלאַך זיי געגלעט, די אויגלאַך געפּרואווט זיי פֿאַרמאַכן און אַז ס׳האָט גאָרניט געהאָלפֿן, האָט ער זיך אַנ׳אומבאַהאָלפֿענער אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געבעטן:

— צו וואָס דאַרף מען פֿיגורן?

.7

ס׳האָט זיך געטראָפֿן, אַז נאָכן איינמייגען און נאָך דעם, ווי דער מיטן ברעטל־פּאָנים האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פֿאַרשטיין צו וואָס מען דאַרף זיי, די פֿיר שטומע מיידלאַך, און וואָס איז זייער אַוודע דאָ, אַפֿן בוידעם, איז אַזוי שטיל געוואָרן, אַז ס׳איז דער כּאַוועד זייגער, דער הילצערן־שווייגער אַנטשלאָפֿן געוואָרן אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ און קני פֿון אַ מיידל...

האָט ער אויסגעזען ווי אַ קונצנמאַכער וואָס גייט באַטאָג איבער די הויפֿן אַרום מיט זיין פּויק און קאַטערינקע און ווייזט קונצן מיט זיינע מיידלאַך און יעצט שלאָפֿט ער עס דאָ מיט זיי, ביז מאָרגן, ווען ער וועט ווידער זיינע קונצן ווייזן...

האָט זיך ברעטל־פּאָנים אַליין גענומען טראַכטן צו וואָס מען דאַרף פֿיגורן...

ס׳האָט זיך אים, מיסטאָמ, אויסגעדאַכט, אַז איינע פֿון די פֿיר מיידלאַך האָט זיך אויסגעדרייט און אין ווינקל, דאָרט, וואו זיין פֿלייצע־זאַק איז געלעגן, אַ קוק געוואָרפֿן.

ס׳האָט זיך אים מיסטאָמ אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז אינדערעמעסן אַזוי גע־ווען, ווייל ער האָט זיך פּלוצלינג פֿון אָרט אויפֿגעריסן, דעם פֿלייצע־זאַק צום ליכטל געבראַכט און אַלץ פֿון אים אויסגעשאָטן און אָנגעשטויסן זיך, אַז זי, די מיידל האָט געוואָלט אָנקוקן די קינדער־צאַצקע, וואָס ער האָט אין שטאָט געקויפֿט און זיין אייניקל אַ מאַטאָנע פֿון פֿרעמדע ערטער געוואָלט ברענגען.

האָט ער זיך דערויף פֿאַרקוקט און פֿאַרטראַכט, וואָס דאָס איז אַזוינס און פֿון וואַנען האָט די מיידל געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ אַזוינס באַ אים אין פֿלייצע־זאַק.

ס'איז געווען אַ געוויינלעכע קינדערשע שפּיל־צייג. אַ פּאַיאַצל.

פון אַ פּאַפּיר־ברעטל אויסגעשניטן. אַ מענטשל אַזוינער איז דאָס געווען. אַן אָנגעבלאָזן בייכל אין רויטן פאַרב אויסגעפאַרבט—אַזאַ העמדל האָט ער געטראָגן,—און צוגענייטעוועטע הענטלעך און פיסלאַך האָט ער געהאַט, רירעוודיקע אַזעלכע, באַוועגלעכע. די פיסלאַך—אין שוואַרצן לאַקיר,—שטיוועלאַך אַזוינע. די דלאָניעס פון די הענטלאַך — צעשפּרייטע גרייטע צום פּאַטשן. דער פּאָנים איז געווען אַ ברייטער און לאַכנדיקער און די גרינע אויגעלאַך האָבן אונטערגעוואונקען. פון הינטן האָבן זיך געצויגן שטריקעלאַך צונויפגעקניפּט אין איינס. האָט מען עס אַ צי געטאָן—האָבן די פיסלאַך געטאַנצט, די הענטלאַך געפּאַטשט און דער גרויסער מויל האָט שטום געלאַכט.

ער האָט עס צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזעען די וואונדער פון דעם קינדער־שפּילצייג...

האָט ער שוין קעסיידער געצויגן די שטריקל פון הינטן. האָט דער מענטשל געטאַנצט קעגן די פיר מיידלאַך, קעגן שלאָפנדיקן שוויגער...

האָט פלעמל פון ביילעוו־ליכטל אומרואיקער זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און געדאַכט האָט זיך אים, אַז די מיידלאַך באַוועגן זיך, רירן זיך און קלויבן זיך אַוועק אַ טאַנץ...

.8

ווען דער שוויגער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז דער מיטן ברעטל־פּאָנים געשטאַנען באַם בוידעם־פענסטערל און אָפן דאָרף אַרויסגעקוקט.

ס'איז שטיל אין דער נאַכט אין דאָרף געווען.

פינסטערניש האָט זיך איבערגעדעקט מיט דריבנעם רעגנדל, ווי אַן אַלטע גויע מיט אַ שיטערער רעדנע און געפּרעפּלט עפּיס דאָרט פאַר זיך... זעלטן־זעלטן פלעגט אַמאָל אַ בלישטש טאָן אַ איין איינציקער ליכטיקער טראָפּנדל, ווי אַ פּריצייטיקער אָנזאָגער פון באַגינען און פלעגט בלאָנדזשען אַ ליכטיקער, ווי אַ גליווערמל און פאַרפאַלן ווערן אין כוישעך...

הינקענדיקע צוויג איז אַף עק דאָרף אַרויס און דאָרט פאַרשפּעטיקטע דורכגייער געזוכט און אָפּגעוואַרט, זיי מיט איר ניי באַקומענעם הינטישן געיאָמער באַגלייטן. און אַז קיין דורכגייער האָבן זיך ניט געמאַכט, האָט זי זיך גלאַט אַזוי געשטאָכן די פינסטערניש מיט איר לאַנגער בלישצנדיקער נאָדל פון הינטישן פאַרגיין זיך...

דורכן בוידעם־פענסטערל האָט זיך קלאָר געזעען, אַ דערפל וואָס ליגט אויסגעצויגן צופוסנס אַ באַרג, ווי אַן אָפּגעשטאַרבענער, מויטער שוואַרצער וועג פאַר אַ פּייערדיקן רייט־וואָגן וואָס איז אָפן באַרג געפלויגן און אַהין זיך ניט דערלאַנגט.

אַז ס'האָבן זיך געצויגן צוויי שוואַרצע רייען הייזלאַך, ווי צוויי ליידיקע, שטומע רעלסן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם קאָל, פאַרגעסן דעם קלאַנג פון טאָפּנדיקע אַף זיי שטאָלענע פערד.

אַז דריבנער רעגנדל האָט זיי געהאַלטן אין איין פּיקן און קיין איין פונקליכט אויסער צאַנקנדיקס ליכטל צווישן שטומע מיידלאַך, און קיין איין פּיצל קלאַנג אויסער בלישצנדיקע נאָדל פון הינטישן פאַרגיין זיך...

איז דער שווייגער געשטאַנען און געקוקט אין פּלייצע דעם מענטשן מיטן ברעטל־פּנים, וואָס איז צוגעפּאַלן צום בוידעם־פענסטערל, ווי אַ דורשטיקער צום קריגל־ראַנד, ווי אַ פּאַרמויערטער צו דער איינציקער שפּאַרונקעלע פון דער גרין־פאַרשימלטער וואַנט דורך וואַנען מע קאָן זעען דעם ליכטיקן דרויסן...

פיר מיידלאַך זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען הינטערן סטריכע מיטן שמייכל אויף די פּונץ־ליפּעלאַך. אין דער מיט האָט דאָס ליכטל די לעצטע טראָפּנס ביילעוו צעגאָסן און האָט יעצט העלער, שטאַרקער געברענט אין שטילער גסיסע.

האָט דעם שווייגער אַן אומרו אָנגעכאַפּט. עפּעס האָט געיערט בײַ דעם וואָס איז צום בוידעם־פענסטערל צוגעפּאַלן און אים איז אַ שרעק באַפאַלן. איז ער צו אים צוגעגאַנגען און אים בײַם פּלייצע אָנגערירט:

—קום שלאָפן.

האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן אים אָנגעקוקט. האָט ער אים אָנגעכאַפּט בײַם האַנט, ווי ער וואָלט אַ שוץ געזוכט

— שלאָפן ?

און אין אַ רעגע אַרום האָט ער שוין געלאַכט :

— אַנטקעגן פייער...

און האָט אים באַוויזן דעם פּאַיאַצל זיינעם פון פּאַפּיר־ברעטל, ווי וואונדערלעך יענער טאַנצט אַנטקעגן פייער, אַנטקעגן די מיידלאַך און ווי זיי, טויטע, לאַכן און ווילן כאַפּן אַ טאַנץ.

האָט ער זיי געגלעט.

— וואַרט, וואַרט איר'ט אויך באַלד טאַנצן.

און דעם שווייגער האָט ער איינגערוימט און באַוויזן :

— זעסט, איך צי דאָס שטריקל—טאַנצט ער. טאַנצט.

און דעם פּאַיאַצל :

— נו, העכער ! הויב די פיסלעך !

.9

דער שווייגער האָט זיך אומבאַמערקט אויסגעדרייט פון אים, פון בוידעם, אַראָפּ, פאַרקראָכן אונטערן באַנק, אין אַ קנויל זיך דאָרט צונויפגעדרייט, איינגעשלאָפן און אין שלאָף זיך געקלאָגט:

— אָ, אָ, ס'שלאָפט זיך ניט.

און :

— צום טייוול ! ס'שלאָפט זיך ניט !

אויפן בוידעם איז דער מיטן ברעטל־פּנים געשטאַנען און דער פּאַיאַצל זיינער האָט געטאַנצט קעגן פייער און מיידלאַך האָט ער אויסגעשטעלט פּאַרוויז, איינע קעגן די צווייטע און אוועק מיט זיי אַ טאַנץ.

.10

צוויי מענטשן זיינען געשטאַנען אויף דער בעהאַלעדיקער גאַס, אין בוישעך פון געלאַטעטער מיט געלע פלעקן און רעגנדיקער נאַכט און האָבן שטום אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן.

איינער פון זיי, דער מיטן ברעטל־פּנים האָט געהאַלטן צוויי געפּאַרבטע בלעכלאַך אין זיינע הענט מיט צוויי אויפשריפטן אויף זיי :

„סאַלאַמאַנדרע״.

„פעניקס״.

האָט דער, וואָס האָט געהאַלטן די בלעכלאַך, קעסיידער געטרייבערט דעם כּאָווער זיינם פּאַר די לאַצן :

— וואָס איז סאַלאַמאַנדרע ?

— וואָס איז פעניקס ?

רעגנדיקע נאַכט האָט פאַרן אָנקומען פון טאָג אויפגעוואַכט אין א בייזע פריצייטיקע אויפוואַכעניש, און געשפּיגן זיך מיט רויטע האַלעוועשקעס אין די שיטערע, נאַסע בלאָטעס אַריין.

צוויי שטרויענע דעכער האָבן געברענט פון ביידע זייטן גאַס און געצויגן די געלע צינגער זייערע איינע צו די צווייטע און געוויקלט זיך איינע באַ די אַנדערע אין די רויכיקע ליילעכער זייערע.

דערשראָקענע באַשעפענישן, פון לעבער אַרויסגעקראָכענע, פון אונטער ביינק, פון בוידעמס, פון וואַרימע בייסיקע געלעגערס, זיינען געלאָפן און געאײַלט און געפּילדערט און געוואָיעט.

האָט די צוויג, וואָס איז אָפן צווייטן עק דאָרף אַף שמירע געשטאַנען און מיט איר נאָדל־וואָיעריי דעם דאָרף אין שלאָף פאַרוויגט, נאָך שניידיקער, זיך פאַנאַדערגעוואָיעט און געדאַכט האָט זיך, אַז אויפגערודערטע מענטשן שרייען זיך איבער מיטן הונט אין דער רעגנדיקער נאַכט און קאָנען זיך ניט דערלאַנגען איינער צום צווייטן.

און ברעטל־פּאָנים האָט אַלץ געמאָנט :

— וואָס איז סאַלאַמאַנדרע ?

— וואָס באַדייט פעניקס ?

אומעטיקע ווינטן האָבן געוואָיעט צוזאַמען מיט דער צויג, צוזאַמען מיט איבערגעשראָקענע מענטשן, צום פייער זיך געצויגן, און דעם מענטשנס טיינע איבערן דאָרף צעטראָגן :

— וואָס איז ס אַ ל אַ מ אַ נ ד ר ע ?

— וואָס איז פ ע נ י ק ס ?

און ווי ווינט האָט צוריק געבראַכט עמיצנס ענטפער:

— בלעכלאַך היטן פון פייער. אַ שוץ אזא.

האָט דער מיטן ברעטל פּאָנים איבערגעכאַזערט:

— בלעכלאַך היטן פון פייער ? אַ שוץ אזא ?...

און אַ סאַך מאָל איבערגעכאַזערט:

— סאַלאַמאַנדרע... פעניקס...

און זיך דערמאָנט:

— וואָס איז פיגורן ?

אומעטיקער ווינט האָט קיינעם קיין שלעכץ גאָרניט געמיינט. אומע־טיקער ווינט האָט מיט זיינע פליגלען פייער געטריבן און איבערגעטריבן פון איין דאַך צום צווייטן, פון איין בוידעם צום אַנדערן און צו וואָיענדיקער צויג זיך דערלאַנגט און דאָרט, מיט איר, אין איין טאָן זיין יאָמער געצויגן.

און מענטש מיטן ברעטל־פּאָנים האָט געהאַט צו טאָן מיט דאָס ווייניקע:

סאַלאַמאַנדרע:

פעניקס.

און זיך דערמאָנט:

זיינע פיגורן האָבן דעם טאַנץ זייערן ניט פאַרענדיקט.

11.

צוויי מענטשן זיינען געגאַנגען פון דאָרף אַרויס.

צוויי מענטשן זיינען אינגאַנצן מיט זיך געווען פאַרנומען. יעדער מיט דאָס זייניקע: שוויגער האָט שמומערהייט, פאַר זיך אַליין, זיך געקלאָגט:

— ס'שלאָפט זיך ניט.

ברעטל־פּאָנים האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס ווייס איך דאָס נאָך אַלץ ניט וואָס פיגורן זיינען און צו האָבן זיי דאָס טאַקע אויף דערעמעצן געטאַנצט, אָדער דאָס האָב איך אַליין יעדער מאָל זיי איבערגעשטעלט?...

12.

דערפל איז צופוסנס אַ באַרג געלעגן. מיט איין עק איז דאָס אָפּן באַרג געקראָכן. האָט עס אין רעגנדיקער שוואַרצער נאַכט אויסגעזעען, ווי אַ קרומע לאַבענדיקע מויל מיט העלישע ציין אויף שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ.

13.

הינטערן דאָרף זיינען געזעסן, די קניען אונטערגעבויגן אונטער זיך דרייען: דער שוויגער, דער ברעטל־פּאָנים און די צויג.

דער מיטן ברעטל־פּאָנים האָט די בלעכלאַך שוין לאַנג פאַרוואָרפן.

דאָרט אין ברענענדיקן דאָרף זיינען די פיגורן פאַרבליבן האָט ער אַלעמען אהינצו מיט די פינגער געוויזן. די צויג האָט גיט געוואָלט קוקן, האָט ער זי פאַר די אויערן געשלעפּט און דעם קאָפּ אירן צום דערפל אויסגעדרייט—אָפּן דערפל געוויזן:

— פיגורן.

ער האָט פון בוזים זיין פּאַיאַצל דערלאַנגט און אים אויך געוויזן. און דאָס שטריקל פון הינטן געצויגן. האָט ער געטאַנצט, דער לעצל זיינער קעגן סאַרפנדיקן דאָרף און געמאַכט זיינע ווילדע שטיק און ער האָט אים קעסיידער געמונטערט:

— פיגורן... פיגורן...

און דער שוויגער האָט זיין דרעמלדיקן קאָפּ אין די קני געהאַלטן.

געשלאָפן, נאָר קעסיידער זיך געקלאָגט:

— ס'שלאָפט זיך ניט...

אויף די רויטע לייכעצער, וואָס האָבן זיך אין דאָרף צעוויקלט זיינען שוואַרצע ברואים אַרויסגעקראָכן. זיי האָבן אויסגעזעען ווי וואַנצן ווען מע רייניקט זיי, פונקט אַזוי האָבן זיי אַ רעטונג געזוכט.

14.

באַגינען, אין איין צייט ווי ס'האָט זיך אַפֿן מיזראַך־ראַנד, פֿון גרויען טוי און ראָזעווע סטיינגעס אַ רויטע זון אויסגעוויקלט, האָט זיך, ווי אַ הינדל פֿון אַנאַנגעזעסענער איי באַם שווייגער אַ נייס אויסגעפּיקט.

האָט ער צו פֿאַרקניפּן אַט דאָס נייס הינטערן רויכנדיקן דאָרף זיצנדיק, דעם קאָפּ אין די קינען פֿאַרדוקט און שטיל איינגעכאַזערט:

— פּיגורן. פּיגורן.

און דערטראַכט ביזן סאָף — יאָ, פּיגורן.

האָט ער געזוכט דעם מיטן ברעטל־פּאַנים, אים דעם נייס דערציילן, האָט ער אים אין ערגעץ ניט געפֿונען און פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ איינער, מיט אַ ברעטל־פּאַנים, איז גאָר קיינמאָל אַף דער וועלט ניט געווען, און פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער זיך אַליין צעשפּאָלטן אַף צוויי העלפֿטן, דאָס האָט ער אַליין אַלץ אָפּגעטאָן אין דער פֿאַרשוואונדענער נאַכט.

האָט ער געזוכט די צויג, איז יענע אויך ניט געווען. פֿון פֿאַרשאָטענעם דערפֿל האָבן נאָר בלויע רויכלאַך זיך געצויגן פֿון הינטער די בערגלאַך מיסט זייער ברואים געקראָכן, גראָע, ווי ווערים. האָבן זיי, דרייענדיק זיך, און פֿייער אויסמיידנדיק הינטערן דאָרף זיך צוזאַמענגעקראָכן און צוזאַמענגעקלעפּט זיך אין איין קנויל, אין איין גרויער מאַכנע.

האָט ער ערשט געפֿונען דעם מיטן ברעטל־פּאַנים.

דער ערשטער אין ריי איז ער געשטאַנען...

איז, אַז ער האָט אים שוין געוואָלט דערציילן דאָס נייס וואָס האָט זיך באַ אים נאָך דער נאַכט אויסגעפּיקט, האָט ער הינטער אים דערזען נאָך איינעם אַזאַ, און נאָך איינעם, און נאָך, און נאָך און אַלע, אַלע זיינען געווען מיט אַזעלכע ברעטלאַך־פּענימער...

האָט ער ניט געפֿונען דעם כאַווער זיינעם.

האָט ער ניט געוואוסט וועמען דאָס נייס דערציילן: אַלע זיינען געווען אַזוינע, ווי ער און ווי דער ערשטער אין דער ריי...

האָט ער ערשט פֿאַרשטאַנען דעם עמעסן סאָד...

האָט ער זיך דאָס ערשט אָפּדערעמעסן דערוואוסט וואָס אַזוינס פּיגורן זיינען.

איז ער ערשט אַף דערעמעסן נאָר וואָס פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען.

האָט ער שווייגעריש נאָכגעקוקט די קריכנדיקע מאַכנע און באַ זיך אין מויאַך אַלין געקנייטשט:

— פּיגורן. פּיגורן.

און אַז ס'איז צו אים צוגעגאַנגען אַזאַ איינער און האָט אים אָפּן דערפֿל אָנגעוויזן: — „זעסט פּיגורן?“ — האָט ער זיך ניט געוואונדערט. אַלע ברעטלאַך־פּענימער וויסן שוין וואָס באַנאַכט איז געשען און ווער דאָס האָט אויפֿגעטאָן.

און ער האָט פֿאַרשטאַנען, ווען דער יענער איינער האָט אים איינגערוימט:

— וואַרט, מירן זיך צונויפֿריידן וועלן מיר נאָך ניט אַזעלכע קונצן ווייזן...

און ביידע האָבן זיי קרום און לעפּיש אונטערגעשמייכלט.
ברעטלאַך־פּענימער קאָנען ניט שמייכלען...

קיין רעגן איז מער ניט געווען. דער הימל איז געווען הויך־הויך איבער זיי, טיף אין זיין בלויקייט. זון האָט זיך ערשט געגרייט אַפּן ברייטן שעטאַך אַרויס און האַלבע ערד באַשיינען.

זיינען מענטשן געגאַנגען און גרייט געווען די גאַנצע שניידנדיקע ליכט פון קומנדיקן טאָג אַף די פּענימער זייערע אויפנעמען.

ש. גאָדינער.

י. דאָבּרושין.

שאָלעם-אַלייכעמס אַליע.

(צום זעקסטן יאָרצײַט)

האָט שאָלעם־אַלייכעם קינסטלעריש באַשטעטיקט דעם שטייגער, דעם אידישן לעבנס־שטייגער, אָדער ער האָט אים אָפּגעלייקנט?

ס'אַ פראַגע, וואָס פאָדערט אַ באַלדיקע טשואווע באַ די אַלע, וואָס ווילן פאַרשטיין, אַז שאָלעם אַלייכעם געהערט נאָך ניט בלויז דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז גראָד איצט, אַף די כורווע׳ס פונם אַלטאידישן לעבנס־שטייגער, גראָד איצט איז שאָלעם־אַלייכעם פאַר אונז אַ קינסטלערישע אויפגאַבע ווייל דאָס שאָלעמאַלייכעמישע טראָגן מיר אין אונזער נעשאָמעדיקן אינגעוויט, דאָס שאָלעם־אַלייכעמישע האָבן מיר נאָך ניט פאַרדייעט, דאָס שאָלעם־אַלייכעמישע דאַרפן מיר איבערלעבן, אויסלעבן און קינסטלעריש איבערווינדן.

איז אָט. די אַלע, וואָס ווילן דאָס דאָזיקע פאַרשטיין מוזן זיך אַף דער פריערדיקער פראַגע אומבאַדינגט אַן ענטפער געבן און אומבאַדינגט אַזאַ מין ענטפער געבן.

יאָ, שאָלעם־אַלייכעם האָט אָן שום ספּעק דעם אידישן לעבנסשטייגער ניט באַשטעטיקט, ער האָט אים בעפּירעש אָפּגעלייקנט, ריכטיקער, ער האָט אים קינסטלעריש, אַזוי צו זאָגן, אויפגעריסן.

אין דעם פּראַט האָט דאָך שאָלעם־אַלייכעם אַזוי איבערצייגנד סימבאָליש אָנגעפּאַנגען זיין קינסטלעריש לעבן מיטן באַוואוסטן זייגער. דער „זייגער", דערציילט אונז שאָלעם־אַלייכעם, האָט געשלאָגן דרייצן. דער אַלטער וואַנט־זייגער, וואָס האָט דעם גאַנצן שטעטלשן קלאַל געוויזן שאָען און מינוטן, וואָס האָט באַדינט דעם שטעטל אַזוי טריי, ווי דער „שולחן ערוך", אַ שטייגער, אָט דער אוראַלטער אויסגעפּרואווטער זייגער האָט געשלאָגן „דרייצן"...

„ווינצק וואָג, ווינציק כּיעס" — זאָגט דער טאַטע—און הענגט אָן אַף דער וואָג אַלעמאָל נאָך און נאָך מאַסע. פריער אַן אייזערנע סקאָוואָראָדע, נאָכדעם אַ קופּערנע קוואָרט, שפּעטער — אַ פּרעסל אָן אייזערנס, אַ זעקעלע זאַמד, אַ פּאָר ציגל — דער זייגער ציט דערפון אַלעמאָל פריש כּיעס און גייט, מיט צאָרעס טאַקע, מיט אַנגסטן, נאָר ער גייט, ביז עס האָט זיך געטראָפן איינמאָל ביינאַכט אַ גרויסער אומגליק".

און דער אומגליק איז געווען אַ פּאַשעטער. דער זייגער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם אָנגעהאַנגענעם אַלטוואַרג, איז ער אַראָפּגעפאַלן אַף דר'ערד, געלעגן „נעבעך מיטן פּאָנים אַראָפּ, אַ דערהאַרגעטער, אַ צעבראָכענער, אַ צעשאָטענער, אַ סקאַליעטשעטער אַף אייביק".

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם—דערציילט דער קינסטלער—האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט זייגערס. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אונזער אַלטער זייגער ליגט אַף

דער ערד אָנגעטאָן אין ווייסע טאַכריכים, ס'דאַט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז דער זייגער לעבט, נאָר אפן אָרט פונם אומרו וואַרפט זיך הין און צוריק אַ לאַנגע צונג, אַצונג פון אַ מענטשן און דער זייגער קלינגט ניט, נאָר ער קרעכצט און איטלעכער קרעכץ נעמט צו בײַ מיר אַ שטיק געזונט... און אפן ציפערבלאַט דאָרט, וואו איך בין געוואוינט צו זען טאָמיד דעם 12, דערזע איך מיט אַמאָל אַ ציפער 13, דרייצן — איך מעגט מיר גלויבן אַף נעמאָנעס...

אָבער ניט נאָר אַף נעמאָנעס ברויכן מיר שוין גלויבן שאָלעם־אַלייכעמען: מיט אַלע שעפעדיקע כושים פון זיין ווייטערדיקן קינסטלערישן וואָר האָט ער דערוויזן, אַז ער האָט טאַקע טאַמעש געהערט און טאַמעש געזען אַט דעם סימבאָלישן „דרייצן".

מיט אַט דעם צושעדיקטן סימבאָלישן זייגער האָט זיך דאָך דערנאָכדעם דער פאָלקס־קינסטלער בעצעם באַשעפטיקט אַ גאַנץ לעבן. די רעדלעך און רעדעלעך פונם אַלטן שטייגערדיקן זייגער האָבן זיך עמעס טאַקע צעשאָטן און צעוואָלגערט, אָבער די אַלע גלידער און גלידערלעך האָבן אַ צייט און אַ היפשע צייט זיך געדרייט, באַוועגט זיך און געצאַפּלט אַל פּי אינערציע. צעפאַלענע אייוורימלעך האָבן זיך מיט מעשוגעדיקע טנועס און האַוואַיעס פאַרקייקלט אין אַלע זייטן און אומעטום האָט זיי באַגלייט דעם קינסטלערס אויג, שאָלעם־אַלייכעמס מאָדנע שאַרפע ריע, און פון אומעטום האָט זיי דערלאַנגט זיין בידושימדיקער זיקאָרן.

איז שאָלעם־אַלייכעם געוואָרן ניט בלויז דער קינסטלער פון דער אידישער באַוועגלעכקייט, נאָר אויך דער קינסטלער פון דער אידישער באַוועגונג. דער ריטם פון דעם אידישן זשעסט פלאַטערט אין דער שאָלם־אַלייכעמישער טנוע, די אידישע פלאַסטישע ליניע איז ענג און אָרגאַניש באַהעפט מיטן שאָלעם־אַליכעמישן וואָרט־מאַטעריאַל.

און איזן איז דאָס דערפאַר טאַקע, ווייל שאָלעם־אַלייכעם האָט, ווי געזאָגט, אויפגענומען און קינסטלעריש באַשטעטיקט דעם כורבן פון דעם אידישן לעבנס־שטייגער. פון מענדעלעס צעפאַלענעם שוין „קאָלייסראָעל" האָט ער ארויסגענומען דעם איינצעלנעם רירעוודיקן „רעב ייסראָעל" און די אימפעטפולע שיגאָען־באַוועגונגען פון די דאָזיקע כאַראַקטער־פאַרשוינען האָט שאָלעם אַליכעם באַשריבן דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך געדרייט שוין אַליין אַרום זיך, בעשאַס זיי האָבן געשלונגען, אַזוי צו זאָגן, זייער אייגענע ענערגיע. און ווי יעדער פיזישער גוף, וואָס האַלט אין באַוועגן זיך, האָבן זיי אויך דעמאָלט פאַרלאָרן שוין זייער וואָג־געוויכט, געוואָרן אויס רעאַלע קערפּערס, געוואָרן שאָלעם־אַלייכעמיש־לופטיקע, אויב ניט פאַראַבסטראַגירטע — באַשעפענישן מיט שניידיקע און שאַרפקאַנטיקע ליניעס, וואָס זיינען מעגלעך דאַן, ווען די באַוועגונג קומט פאָר אין אַ פוסטן כאָלאָל, וואו קיינער מער און גאָרנישט קאָן זי ניט אָפּהאַלטן.

דער איד מיט דער אידענע, וואָס ד יי ד ן בלויז פון מילכיקס, מענאכעם־מענדל, וואָס הולד זיך מיקויעך געדאַכטע מיליאָנען און אפילע טעוויע דער מילכיקער מיט זיין יעשואוונ־קישן אָפּטימיזם און אומגליקלעך אויסקומעניש— די אַלע פאַרשוינען, וואָס דרייען זיך אַרום „גרויסן געווינס", „אויצער", „פינף און זיבציק טויזנט" און פּלאָנטערן זיך אין די אייגענע דאַלעד אַמעס פון אייגענע

לאנגע רייד און באוועגונגען — זיי אלע זיינען א באווייז, אז דער קוואל פון דעם שאלעם־אליכעם־הומאר שטאמט אין טאך פון דער דיפערענץ, פון דעם מעהאלעך, וואס ליגט צווישן דעם זשעסט און דעם אינהאלט פונם זשעסט.

ווארעם. די אלע טיפן פון שאלעם־אליכעמס אוילאם־האטויהו לעבן שוין בעפיירעש אין א כארעוגעווארענעם וואוילשטאנד, זיי טראגן זיך ארום מיט פארלעגענע ווערטן, מיט רעשטלעך פון א געוועזענעם לעבן און גיווער זיין דעם דאזיקן אנגעזאמלטן ברוכווארג האט געקאנט בלויז דער קינסטלערישער געזונטער שפאס אדער דער געזונטער אפלייקענישער, ניינזאגערישער ערנסט. האט דעם שפאס געגעבן שאלעם־אליכעם און דעם ערנסט האט שפעטער באשאפן שאלעם־אליכעמס ארגאנישער יורעש דאוויד בערגלסאן, וואס האט די גאנצע אלטע און נייע „שענע באלעבאטישקייט“ פארוואנדלט אין א פארטרוימטן אימפרעסיוון געמעל.

יא. באווייזנדיק אונז בלויז דעם פלעק, די אומעטיקע קאנטורן, די „אימפרעסיאניסטישע פלייצע“ פונם גווירישן „וואווע בורנעס“ האט דער דיכטער פונם „נאך אלעמען“ און פונם „אפגאנג“ דערמיט גופע אידעאלאגיש אפגעלייקנט ניט נאר דעם אלטן באלעבאטישן שטייגער, נאר אויך דעם נייעם, דעם בירגערלעבן, דעם, וואס האט זיך געוועסט געריטן צום לעבן און איז יונגערהייט אין די אקטיאבער־טעג פארשניטן געווארן אף טאמיד. דעם שאלעם־אליכעמיש־פאנאנדערגעגאסענעם ווארט־שטראם האט בערגלסאן אימפרעסיוו צוזאמענגעדריקט און אריינגעטאן אין די טיפעניש פונם נעשאמע־אינעווייניק. און שאלעם־אליכעמס בארעדעוודיק־פלאפלענדיקע טיפן האבן בא בערגעלסאנען זייער קויאך־האדיבער פארלארן, אירן קוואד־פע געווארן, טויבע און שווייגער.

אי בערגלסאן, אי שאלעם־אליכעם זיינען דעריבער געווארן די שרייבער פון דער אומזיסט אויסגעבראכטער ענערגיע, די שרייבער פון דעם נוצלאזן אומרו, וואס האט בא ביידעמען באקומען דעם קינסטלערישן טיקן—בא בערגעלסאנען פארוואנדלט זיך אין שעפערישן דערהויבענעם גייסט־אומעט און בא שאלעם־אליכעמען געהאלפן ארויסבאקומען דעם אידישן מאסן־כאראקטער, דעם אייגנארטיקן באהאלטענעם ריטם פון פאלקס־טיפ, וואס ס'האט ארויסגעווארפן אפן אויבנאויף טאקע אט דער אומרו, די אומרואיקע פאנאנדערגעשפילטע לעבנסכוואליע.

מאלט ער אונז, שאלעם־אליכעם, זיינע שווינדלדיקע, קימאט סינעמאטאגראפישע בילדער, וואו געשעענישן, מענטשן און באוועגונגען ווערן געקויפלט און *קינסטלעריש געקינסטלט* אנגעווארפן איינע אף די אנדערע: אויב מעקלער — איז א גאנצע שטאט, אגענטן — איז א פולער וואגאן, אלמאנעס — איז נומער איינס, נומער צוויי, נומער דריי, טעוויעס טעכטער — איז א ערשטע, א צווייטע, א דריטע, א פערטע, אפילע א פעקל צארעס — איז פעקל נומער איינס, פעקל נומער צוויי, דריי און אזוי ווייטער און ווייטער...

„ערשט מיט א צייט הויבט אן דער גאוינישער טאלאנט סטיכייאיש אויסבילדן דעם מעהאלעך צווישן זיך און צווישן אוילאם און מע הויבט אן אין אים אנטפלעקן אויך טיפע קאוואנעס, ווייל טאקע קאל טאף מוז א גאוינישער טאלענט בריינגען אויך צו גאוינישע אידעען. און מיר זיינען זיכער, אז אזא צייט וועט אנקומען אויך פאר שאלעם־אליכעמען...“

מ. ליטוואַקאָוו, וועמען ס׳געהערט דער דאָזיקער היסטאָרישער דיאַגנאָז, האָט דאָ גלענצנד פאָראויסגעזאָגט: די צייט פאַר שאָלעם־אַלייכעמס אַליע איז געקומען נאָך פריער איידער דער קריטיקער האָט געמיינט. אונזער שטורמישע טקופע, וואָס האָט אָפּ מיילנווייט אָפּגעשליידערט פון אונז דעם ביזאַהעריקן לעבנסשטייגער, האָט אויסגעבילדעט אַט דעם נויטיקן מעהאַלעך, די רעוואָליוציע — די געקויפלטע צייט — האָט אָפּ דער גיך באַשאַפן די פערספעקטיוו, די טיפע ווייט, וואָס האָט לעגאַמרע אָפּגעמעקט די אַנעקדאָטישע פראָטיעסן פון דעם שאָלעם־אַלייכעמס־אויסקומעניש.

ווערט קלאָר, אַז פון אונטער דעם שאָלעם־אַלייכעם־אַנעקדאָט, פון אונטער דעם אויבנאויפיקן, ווי מען מיינט, שטייגערדיקן פאָלקס־הומאָר הויבט שוין אָן אַרויסקוקן דער פאַטאַלער פּאָנים פון אַ גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טקופע, וואָס האָט אין אָן איבערגאַנגסצייט אויפגעגעסן איר אייגענע ענערגיע.

און דעריבער איז — וואָס ווייטער פון שטייגער, אַלץ דייטלעכער וועט אַרויסקוקן אָט דער פאַטאַלער פּאָנים, און אַלץ גרעסער וועלן ווערן שאָלעם־אַלייכעמס „קליינע מענטשעלעך". וואָס ווייניקער מיר אַליין וועלן זיין צוגעבונדן צו די „קליינע האַסאָגעס", צו אָט די קליינלעכע, קלוימערשטע באַרעכטיקונגס־מאָטיוון פון דער שאָלעם־אַלייכעם־האַוואַיע — אַלץ בולעטער און ראַכוועסדיקער וועט זיך פאַר אונזער אויג פאַנאַדערוויקלען די וואונדערלעכע שאָלעם־אַלייכעם־פּאַנאָראַם, דער בילדעריש־צעשויבערטער צייט־שטעטאַך, וואו אַ גאַנצע פאַרמישפּעטע געזעלשאַפטלעכקייט איז געגאַנגען איר פאַטאַלן אָפּטמאָל איימעדיקן גלאָונאַדע־טאַנץ.

דער שאָלעם־אַלייכעם־הומאָר — ס׳איז די מאַסקע, די אידישע דורעסדיקע מאַסקע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אַזוי גרינג־לאַכנדיק אַראָפּגענומען פון דעם פאַרשטאַרבענעם אַלטאידישלעכן מאַסן־קערפּער. און דער וועג צו דעם שאָלעם־אַלייכעם־וועזן — ס׳איז דער וועג צו דער דאָזיקער גראָטעסקישער מאַסקע, דער וועג צו אַלע אירע ווייטאָקדיק־לעכערלעכע טנועס און האַוואַיעס...

אָבער באַווייזן אונז אָט די מאַסקע, די דאָזיקע אויפגאַבע איז שוין בעפיירעש אָן אָנשויאונגס־טאַט. קלאָר, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע געהערט שוין אינגאַנצן דעם טעאַטער. די פּראָבלעם פון דעם געלייטערטן, העכערן, „לערערישן" שאָלעם־אַלייכעמען געהערט אָן שום ספק באַ היינטיקן טאָג דער בינע, דער אידישער טעאַטער־קונסט.

שאָלעם־אַלייכעם איז טעאַטראַל. דער גאוינישער און פילפאַכיקער איבערדיכטער פונם אידישן פאָלקסלעבן האָט ניט געקאָנט ניט איינזאַפּן יענע טעאַטראַלע טאָגטעגלעכקייט וואָס איז צעגאָסן געוועזן אין דער לעבעדיקער באַוועגלעכקייט פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין מעשעך פון דורעס ניט פאַרקערפּערט, ניט אויסגעדריקט און סצעניש ניט פאָרמולירט זיין טעאַטראַלע אָנגעזאַמלטע ענערגיע.

שאָלעם־אַלייכעם איז טעאַטראַל. שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָט מען דאָך פון טאָמיד אָן ליב געהאַט מער הערן, ווי מע לייענט זיי, איידער לייענען אַליין. ווייל דער אָביעקטיווירטער לעבנס־קוויעך, וואָס ליגט אין זיי, טרייבט זיי צו זיין אויסגעפירט, זיין סצעניש פאַרקערפּערט. שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָגן אַפילע זיינען אין טאָך דיאַלאָגיזירט, זיי זיינען אָנגעזעטיקט מיט אָביעקטיווער פילפּענעמ

דיקייט און מימישער באַוועגלעכקייט, וואָס מאַכט פֿון זיי בעפּירעשן שטאָף פֿאַר דער פֿאַרשטעלערישער קונסט. דאָס שאָלעם־אַליכעם־וואָרט איז אַ שפּיל־מאַטעריאַל.

און עמועס איז, אַז דער אָנשווילעכער שאָלעם־אַליכעם, דער באַוויזענער איז באַ היינטיקן טאָג מער מעסוגל אַנטפּלעקן דעם העכערן ווערט פֿון דעם שאָלעם־אַליכעם־שאַפֿונג. שאָלעם־אַליכעם אין טעאַטער איז אַ דערהויבונג אַי פֿאַר דעם שאָלעם־אַליכעם־מאַטעריאַל, אַי פֿאַרן טעאַטער. די טעאַטראַלע פּלאַסטיק פֿאַרשטייט דאָך ווי אויסצונוצן דעם מעהאַלעך, וואָס האָט זיך באַשאַפֿן צווישן אונז און דער שאָלעם־אַליכעם־טקופֿע, זי פֿאַרשטייט ווי אויסצונוצן די שאָלעם־אַליכעמישע וואָרט־ און טנוע־היפּערבאָלע, מיט וועלכער דער פֿאָלקס־דיכטער האָט פֿון אינעווייניק, אַזוי צו זאָגן, אויפֿגעבלאָזן דעם לײדיקגעוואָרענעם לעבנסשטייגער און דערמיט גופֿע אים אויפֿגעריסן. דער טעאַטער קאָן אונז דערי־ ריבער געבן די אויבנדערמאָנטע מאַסקע, די שאָלעם־אַליכעמישע מעדוזע־מאַסקע מיט דער גאַנצער גאַמע פֿון איר גרויסער מימישער אַשירעס.

ביים שיין פֿון טעאַטער־שפּיל קאָנען מיר צוזאַמען מיטן פֿאָלקסקינסטלער אַריינקוקן דער פֿאַרגאַנגענהייט אין די אויביקע אויגן, צוזאַמען מיטן גאווינישן פֿאָלקס־קינסטלער דערזעען דעם „לאַנגען צונג“, דעם אומרו־צונג פֿון דער טקופֿע, דערזעען די סימבאָלישע באַרעכטיקונג פֿון דער שאָלעם־אַליכעם־שאַפֿונג — דעם פֿאַרטיפֿטן מיסטישן „דרייצן“...

י. דאָברושין.

ג. אויסלענדער

שאָלעם אַש

צו דער צייט, ווען שאָלעם אַש איז געקומען אין דער ליטעראַטור, האָט אונטערן מעכטיקן הילך פון דעם ניצשע־שטורם נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט זיך דער „אַפגאַנג“ פון נײַנצענטן יאָרהונדערט.

אַ יאָרהונדערט איז „אָפּגעגאַנגען“. האָט די אייראָפּעאישע קונסט מיט אומקלאָרע פאַרגעפילן או״פגעצייכנט די נײַע דאַטע, אַרײַנגעלייגט אין איר אַ פילאָסאָפישע באַדייטונג און אַלעם, וואָס איז פון דעם מאָמענט אָן אַנטשטאַנען האָט שוין געהאַט אַ גרייטן און פיל־צוזאָגנדיקן אונטערקעפּל:

— אַ פראַגמענט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

בײַ אונדז אין דער אידישער ליטעראַטור זײַנען אויך מיט דער נײַער דאַטע פאַרבונדן געווען גאַנץ גרויסע ערוואַרטונגען.

ניט אומזיסט האָט מען דאָך דעמאָלט אַרויסגעלאָזט דעם זאַמלבוך אונטערן נאָמען „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט“, אַ נאָמען, וואָס האָט שוין אַליין פאַר זיך געקלונגען, ווי אַ פּראָגראַם...

ניט אומזיסט האָט דאָך אינעם זעלבן זאַמלבוך פּרץ'ס סקיצע „שאַמאַי ראַטמאַן“ געלאָזט הערן אַזאַ איראָנישן שפּאָט־וואָרט בענוגייע צו די יעניקע, וואָס גייען אַרום מיט אַ מראַגעצייכן אַפן שטערן....

עס איז בעעמעס ניט געווען די צייט פון פּראָגעצייכנס...

צופיל צוזאָגנדיק איז געווען בײַ אונדז דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער געזעל־שאַפטליכער אויפשוואונג פון אָנהויב יאָרהונדערט, צופיל האָפעדיק זײַנען געווען די פאַרגעפילן פון דער נײַ־אויפשטייענדיקער סאָציאַלער שיכט פון דער אידישער קולטור־סוויווע...

און אָט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער האָט זיך באַוויזן שאָלעם אַש.

ער האָט געמוזט אימפּאָנירן מיט זײַן אָפּטימיזם, מיט זײַן וואַטראַגישן יונגענטליך־מונטערן געמיט... ווײַל דאָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ צייט־שטריך, דאָס האָט געשטימט מיטן מונטערן לייטמאָטיוו פון אָנ'ערשט אויפגעבלעטערטן יאָרהונדערט.

און אַזוי איז עס געווען: דער אָפּגלאַנץ פון די צייט־פאַרגעפילן האָט זיך קימאַט אומבאַמערקטערהייט געלייגט אויף שאָלעם אַשן.

און עס פלעג אויך טרעפן דעמאָלט: מיט אַשן פלעגן פאַרבונדן ווערן אי ערוואַרטונגען, אי האָפענונגען, אי פאַרלאַנגען...

איצט איז אָט דער צייט־אָפּגלאַנץ פון שאָלעם אַשן גאַנץ לאַנג שוין אָפּ. איצט וועט קיינער ניט זוכן אין אַש'ס ווערק יענעם געבענטשטן צייט־פלעמל, נאָך וועלכן מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו דערקענען סאַי דעם גליקלעכן, סאַי דעם אומגליקלעכן פון אונזער דאָר.

שאַלעם אַש—אונזער ערשטער „פראַגמענט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" איז לאַנג שוין פאַרענדיקט. דאָס, וואָס האָט אין דעם „פראַגמענט" אונזער אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן, געהער שוין אַף העלפט דער געשיכטע און הייסן הייסט עס: „שאַלעם אַש'ס קינסטלערישע עוואָליוציע".

קאָן זיין, עס איז נאָך פרי, און, קאָן זיין, עס איז גראָד'ע איצט די צייט—יעדנפאַלס, איינציקעס פון אָט דער „קינסטלערישער עוואָלוציע" פאַרדינט שוין צו ווערן פאַרצייכנט.

1

דאָס קלינגט עפשער גאַנץ אומערוואַרטעט, אָבער אַ פאַקט איז עס: שאַלעם אַש'ס קינסטלערישער וועג הויבט זיך אָן בײַ זיין אַוועקגיין פון פערעצן. פערעץ האָט אין זיך געטראָגן די האַרבע שטרענגקייט פון אַ קלאַסיקער. ער האָט געמעגט אַפילע איראָניזירן איבער די מיזאַנטראָפן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פּראָגנעצייכנס אַפן שטערן, אָבער אָפזאָגן זיך פון דער קאָמפּליצירטער טעמע, פון דעם האַרבן סיוזשעט האָט זיך פערעץ קיינמאָל ניט דערלויבט. ווי יעדער קלאַסיקער איז ער געצווינגט געווען אין אַלע וועלט ערשיינונגען צו דערשפירן נאָר דאָס „וויכטיקסטע", דאָס געזעצגעבערישע, נאָר די דאָגמע, וואָס לאָזט זיך פון זיי אָנטפּלעקן. איז טאָקע פערעץ גאַנץ אָפט און אַמאָל אויך קענן זיין ווילן אַ דאָגמאַטיקער געווען.

און נאָך איינס: פערעצעס קונסט האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט צעשיידן מיט פערעצעס היציקן טעמפּעראַמענט, וועלכע האָט בײַ זיך אין גייסט אַלעס געקויפלט, פאַרטויפט און פאַרשטאַרקט.

איך ווייס ניט, צי עס איז געווען בײַ אונז אַ צווייטער נאָך אַש, וואָס זאָל אַזוי עפנטלעך און פריי אַוועקגיין פון פערעצעס האַרבער קונסט.

עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דאָס ציילאָזע און סיוזשעטלאָזע דערציילן איז פאַר אַשן, ווי אַ געבאָט. ער האָט אַ נאָמען געגעבן זיינעם אַ בוך „מאַטיוון" און דער נאָמען האָט געהאַט זייער פיל צו זאָגן. וואָרום: „מאָטיוון" האָט באַדייט ניט קיין פאַראַרבעטן, סקיצן און פראַגמענטן פון עפּעס גרויסעס, וואָס דאַרף באַלד קומען. עס האָט ניט באַדייט קיין אַנטשולדיקונג, עס האָט געהייסן ווי אַ זעלבסטבאַרעכטיקונג. עס האָט געהייסן: איך, אַש, בין אַ קינסטלער פון מאָטיוון, ניואַנסן און בלויז ניואַנסן.

פאַר גרעסערס האָט אַש דעמאָלט קיין צוזונג ניט געהאַט, יעדנפאַלס ניט אַרויסבאַוויזן אים.

און די לירישע ראַבוועס אַש'ס די טעווע צו געבן מער לייכטקייט איידער באַפליגעלטקייט, מער געמיט איידער גייסט, צי האָט עס ניט באַדייט, אַז שאָלעם אַש מוז פאַרמאָגן אויך זיינע אייגענע, ניט־פערעצישע מיטלען, וועלכע גיבן אַ קיעם זיין לייכטער, אומבאַצווינגענער קונסט?

איז אָט וועגן די קונסט־מיטלען.

אין טאָך אַריין האָט דער יונגער אַש פאַרמאָגט גאַנץ קנאַפּע קונסט־מיטלען. זיין פּאָרטרעט־שילדערונג איז געווען מער טראַדיציאָנעל איידער אָריגינעל, מער היימיש־באַקאַנט איידער פּלאַסטיש, זיין לאַנדשאַפט האָט באַוויזן ניט מער ווי אַריבערצוטראָגן אַף דער ערד די רעכט־אָפּגענוצטע הימל־פאַרבן

און אין זיין 'סטיל האָט דער יונגער אַש דעמאָנסטרירט אַזאַ ווירטואָזיקייט סאַי אין דעם אויסוואַל פון ווערטער, סאַי אינם אָרט פאַרבינדן זיי, אַז דאָס מעג נאָר קוים הייסן אַ סטיל.

אָבער גראָדע דאָס אַלעס האָט אַמבעסטן געדינט דעם יונגן אַש.

וואָרום ער איז געקומען צו ריידן אין נאָמען פון קינסטלערישער אומפּינקטלעכקייט, ניט שרעקנדיק זיך פאַר אירע פאָלגן, ער האָט זיך אונטערגענומען צו שילדערן דעם צווישנרוים, וואָס פליסט צווישן געשטאַלטן און זאַכן פון אידישן לעבנס-שטייגער, קנאַפּ אינטערעסירנדיק זיך מיט די געשטאַלטן גופא.

און וויל מען וויסן די אינערלעכע טענדענץ פון אָט דער קינסטלערישער אומפּינקטלעכקייט, לאָזט זי דער יונגער אַש דייטלעך צו פאַרנעמען.

— און אַלע לעבן מיר און אַלע זינגען מיר, נאָר מיר אַליין ווייסן ניט דערפון — („יוגנט") אָט וואָס איז געווען דער איינציקער דעוויז בײַ דעם יונגן אַש.

איז עס דען ניט קיין באַרעכטיקונג פון דער לייכטער מאָטיוון-קונסט? און זאָל מען זיך דען וואונדערן פאַרוואָס אין אַשס ערשטע ווערק געוועלטיקט די מוזיק פון לעבנס-דערשיינונגען אַזוי אָפט און אַזוי נאַטירלעך?...

די הימלען זיינען צוזאַמענגעוועבט פון ציטערדיקע, צערטלעכע מוזיק-טענער" — האָט דעמאָלט שאָלעם אַש ליב געהאַט צו שרייבן.

— „די פלעקן אויף דעם שאַרן גרונט הארמאָנירן צוזאַמען, באַשאַפן זייערע טענער און דאָס קלינגט צוזאַמען, ווי שאָפּענס פּאָלקס-מאַזורקע" — אַזוי שילדערט דער יונגער אַש אַן עפּל-גאָרטן...

און אויך אין „שטעטל", ווען דער וואַנדערער הערט זיך איין, פאַרנעמט ער, ווי עס „האָבן די טענער אהער פאַרבלאָנדזעט און האָבן זיך דאָ אויסגעמישט און צוזאַמענגעקלונגען..."

אייגנטליך איז אין אָט די „טענער" אַנטפּלעקט געווען דאָס איינציקע נייע קונסט-מיטל אַש'ס. אָבער גראָדע דערין איז געווען דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס אַשישע.

— „ווי געפעלן אייך די קליינרוסישע פעלדער? — פרעגט מערי בײַ קאָוואַלסקין.

— „פיל מוזיק" — ענטפערט קאָוואַלסקי.

אין דעם ענטפער איז דייטלעך פאָרמולירט דער גאַנצער קונסט-גלויבן פון דעם יונגן אַש. דער קינסטלער פון „מאָטיוון", דער, וואָס איז געקומען צו ריידן אין נאָמען פון קינסטלערישער אומפּינקטלעכקייט האָט אין דער „מוזיק" געפונען דעם ריכט-שנור פאַר זיין באַנעמען די אַרומיקייט.

און גראָדע אין דעם איז שאָלעם אַש'ס צייט-שטריך געווען צו דערקענען. וואָרום אומבאַוואוסטזיניקערייד אפילו האָט עס דאָך אָפּגעקלונגען מיט ווערלענס „מוזיק פריער פאַר אַלץ..."

און מיט רעכט האָט עס געגעבן די מעגלעכקייט צו וואַרטן פון אַשן אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערישע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון יענער מאָדערניסטישער שול, מיט וועלכער שאָלעם אַש איז דאָך מער ווי אַנדערע אידישע קינסטלער פון זיין צייט אין באַרירונג געקומען.

אָבער יעדע ליטעראַטור האָט איר אייגענעם לויף, איר אייגענע געשיכט־לעכע סיטואַציע.

און עס טרעפט אויך ניט זעלטן, אַז אַ קינסטלער ווערט דער קאָרבן פון אַ געוויסער געשיכטלעכער סיטואַציע, וואָס הערשט אין זיין ליטעראַטור.

מיט שאָלעם אַשן האָט גראַדע פּאַסירט דער דאָזיקער פאַל.

אַ טאַלאַנט פון גאַנץ היפּשע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, מיט אַן־איינגעבוירענער צוגעבונדענקייט צו דער דעקאָראַטיווער אויסערלעכקייט פון דער וועלט, אַ גייסט, וואָס פאַרמאָגט מער סימפּאַטיעס אײדער ווילן און אַלס אויס־דרוק פון דעם אַלעמען — אַ שטענדיק אָריענטירטער אויף דער ראָמאַנטישער אידיליע פון לעבן—אָט דאָס איז געווען שאָלעם אַש בײַ זיין אַרײַנטרעטן אין דער ליטעראַטור.

איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך: אַ קינסטלער פון אַזעלכע אייגנשאַפטן איז מער מעסוגל צו וואַנדלען איבער דער ברייט פון דעם אידישן לעבנסשטייגער, אײדער צו לאָזן זיך זוכן די טיף פון דער אָרומיקייט. פאַר אַזאַ קינסטלער פון „מאָטיוון" מוזן בלייבן פאַרהוילן יענע וועגן, וואָס פירן צו דער שעפּערישער דינאַמיק פון לעבן.

און עס איז אויך נאַטירלעך, אַז אַ „קינסטלער פון דער ברייט" זאָל קומען פון אומבאַרירטע לעבנסשיכטן, קדיי די ברייט פון דעם אָקאָרשט־נייעם בילד זאָל שוין אַליין פאַר זיך זיין אויך ווערטפול, באַדייטנד און טיף... האָט אָבער די געשיכטלעכע סיטואַציע פון דער אידישער ליטעראַטור דאָס אַלעס ניט געקענט שאָלעם אַשן צוגעבן.

וואָרום אַלע שיכטן פון אידישן לעבנסשטייגער זיינען נאָר וואָס געווען פאַרצייכנט פון די אידישע קלאַסיקער: מענדעלע, פּערעץ און שאָלעם־אַליכעם.

קיין נייע לעבנס־פאָרם איז נאָך ניט אַנגעוואַקסן פון זייער צייט אָן.

עמעס, אין דער טיף פון די אַלטע לעבנס־פאָרמען האָט שוין געצייטיקט זיך אַ נייער אינהאַלט, אַ נייע און קאָמפּליצירטע קרעפטן־פאַרהעלטעניש.

אָבער צוליב דעם האָט מען דאָך געדאַרפט גיין אין דער טיף פון דעם אידישן לעבנסשטייגער.

האָט די געשיכטלעכע סיטואַציע טאַקע גענומען שטויסן שאָלעם אַשן אין דער טיף.

אָבער דאָ גראַדע האָט זיך עס געלאָזט דייטלעך צו דערקענען: שאָלעם אַש איז געקומען אין דער ליטעראַטור אָן זיין אייגענער טעמע.

וואָרום ניט דאָס אַנגוואַקסנדיקע „קוילער געסל" און ניט דער אונטער־גייענדיקער „איכעס" ביידע גלייך האָבן זיי ניט געבראַכט אַשן זיין אייגענע טעמע. ביידע סאָציאַלע שיכטן, וועלכע אַש האָט אַנגעמערקט, זיינען געבליבן נאָר עפּיזאָדיש באַלויכטן, נאָר פון דער זייט באַרירט.

דעסגלייכן איז אויך ניט די „דאָרפישקייט" פון „ערד" און ניט די „שטעטלקייט" פון „שטעטל" ניט געבראַכט געוואָרן צו יענעם סינטעזירטן אויס־דרוק, וואָס האָט געקענט געבן אַן אָנצוהערעניש פון אַן אייגענער, אָרגאַניש־איינגעבוירענער טעמע בײַ אַשן.

נאָר די געשיכטלעכע סיטואַציע, פאַר וועלכער שאָלעם אש האָט אין אָנ־הויב געהאַט אַזעלכע אימפּאָנירנדיקע „מענער", האָט געפאָדערט אַ געהעריקן צייט־געטרייען אינהאַלט.

און אש האָט גענומען „זוכן". אש האָט גענומען גיין אין דער טיף פון אידישן לעבנשטייגער. עס איז אַנטשטאַנען דער „גאָט פון נעקאָמע", דער „זינדיקער", „שאַבסאַי צווי", דער „איכעס" און נאָך ענליכעס.

וואָס־וואָס אָבער קיין פאָרטזעצונג פון אשס „יוגנט" איז שוין אין דעם ניט געווען.

אש האָט געשלעפּט אַף זיך די עלטער מיט אַן אומבראַכמאַנעכדיקער אַקשאָנעס. פון דראַמע צו דראַמע האָט ער „געלעזט" פּראָבלעמען, געשטאַלצירט מיט עלטערליכן ערנסט און ניט באַמערקט, ווי ער פאַלט אַ קאָרבן פון דער קאָמפּליצירטקייט, וועלכע ער איז אימשטאַנד אין בעסטן פאַל נאָר „אופצובויטן", אָבער ניט אַנטשיידן.

טענדענצן האָט אש אין זיינע דראַמען געהאַט אפילע גאַנץ דרייסטע און פון אַ גרויסן פאַרנעם. עס האָט אָבער געפעלט אין די צופיל „ליטעראַרישע" דראַמען די אָריענטירונג אַף אַן'אייגענער, איינגעבוירן־נאַענטער קינסטלערישער אידייע. „איינגעבוירענע אידייען" האָט אש ביקלאַל קיינמאָל ניט פאַרמאָגט און ווער ווייסט צי ניט קעגן דעם מין ליטעראַטור האָט עס פערעץ מיט אַזוי פיל היץ פּראָטעסטירט אין זאַמלבוך „אידיש", ריידנדיק וועגן די טוריסטן אין לאַנד פון פּראָבלעמען...

און מיט אַמאָל... אש האָט פאַרלאָזט זיינע דראַמען און האָט אָנגעשריבן נאָכאַנאַנד „שלמה נגיד", „מערי" און אַ רייע ביבלישע ערציילונגען.

אין הויפט־שטריך פאַראייניקט די דאָזיגע ווערק: זיי זיינען געשריבן אויס ביינקשאַפט נאָך אַן'אויסגעהאַלטענעם לעבנס־סטיל.

עס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער צייט און די אידישע קולטור־כוואַליע האָט גענערט אשן מיט נייע אימפּולסן,

עס האָט שוין אין דער לופט געהאַט דורכגעקלונגען דאָס וואָרט „רענעסאַנס", עס האָט שוין אין די ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן דער אידישער עסטעטיזם זיין ערשטע „ליריש'ע" פּעסמונג געהאַט אויפגעשטעלט.... און אש האָט דערוויף אַף זיין שטייגער רעאַגירט מיט „סטיליזאַציע"... אין עמעסן: וואָס איז אויכן צו געבן „שלמה נגיד" אויב ניט דעם סטיל פון „שבתדיגקייט" אין אונזער פאַרצייטנס?

וואָס איז פאַראַן אין „מערי" אויסער דעם איכעסדיקן סטיל פון אַריסטאָקראַטישער „נגידישקייט". וועלכע איז בוילעטער פאַרקערפּערט אין מערין אייך דער איר אויסגעטראַכטע „ציגיינערישע עסטעטיק"?...

און, ענדליך, די ביבלישע דערציילונגען. אש האָט מיט שטאָלץ אַמאָל אָנגעוויזן, אַז ער איז נאָכגעגאַנגען רעמבראַנדטן אין דער פרייקייט פון אינטערפּרעטירן ביבלישע סיוזשעטן.

אָבער צי איז עס אַן'אַבסאָליוטע פרייקייט? פירט זי דען ניט בא אשן ווידער צו אַ באַשטימטער סטיליזאַציע פון „ארץ־ישראלדיגקייט", וועלכע באַדייט ניט מער און ניט ווייניקער ווי די זעלבע „נגידישקייט" און „שבת'דיגקייט" נאָר

איבערגעטראָגענע אױף אַ לעגענדאַרישן פּאָן?... אײנס האָט זיך געפֿילט: אַ מיר־דער פֿון זײַנע דראַמען קערט זיך אַש אום צו די „סטיליזאַציעס“ און לאָזט רײדן זײַן שטענדיקע צוגעבונדנקײט צו דער דעקאָראַטיװער אױסערלעכקײט פֿון דער װעלט. און אױף אַזױ פֿיל איז שאָלעם אַש אין די דאָזיקע װערק זיך געטרײַ און איבערגעגעבן. אָבער מערקװירדיקע סימפּטאָמען טרעפֿן זיך אין די װערק: זײ זײַנען צוגעװירצט מיט אַפּאָלאָגעטישקײט.

אין „שלמה נגיד“־קלינגט עס אין דער װידמונג, אין „מערי“ לאָזט זיך עס שפּירן אין דער „פּאָזיטיװער“ פֿיגור פֿון מישאָן, אין די ביבלישע דערצײלונגען רעזאָנירט שאָלעם אַש שױן גאָר אָפֿט, דערהױפּט אָבער דעמאָלט, װען ער שטעלט אױף אײן ברעט די ביבל־מאָטיװן מיט זײַנע רײזע־אײַנדריקן איבער פּאַלעסטינע און רופֿט עס אַלעס אָן: „ערצײלונגען פֿון דער אַלטער הײם“...

דאָ הערט זיך שױן אַ באַשטימטער „מוסר השכל“ און דאָ הױבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל פֿון אַש'ס קינסטלערישער עװאָלוציע.

אַש נעמט רעזאָנירן. ער באַקומט פֿון ערגעץ אַזאַ מין פּאַרדעכטיקן פּאַר־טאָם און ער רעדט שױן װעגן „גאַנצן אידן און גאַנצן מענטשן“ מיטן טאָן פֿון אַפּאָלאָגיע. אָבער אַש'ס אַפּאָלאָגיע איז נאַיװ ביז גאָר.

אַש באַמערקט ניט, אַז זי האָט ניט אַפֿילו בײַ אים קײן שום דורכ־לױכטן אין דער צוקונפֿט. אַש באַמערקט ניט װי די אַפּאָלאָגיע פֿון לעבנס־זעט װערט פֿאַרװאַנדלט אין דער אַפּאָלאָגיע פֿון זאַטן לעבן, די באַגרעניצטע אידיליע קריגט דעם אָנבליק פֿון פֿיליסטעריש „שלום בית“ און די גאָרע „שבת'דיקײט“ װערט אַ פּעטיש און אַ גאַנץ אָרימער פּעטיש.

און דאָס פֿילט זיך אױך אין. פֿיל שטעלן פֿון „מערי“ און אױך אין די ביבל־ערצײלונגען.

עס איז פֿאַראַן בײַ אַשן אַ איד, װאָס דערצײלט װעגן זיך, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ „טאַלאַנט צו ארץ ישראל“. עפּיס ענליכעס צו אַזאַ טאַלאַנט פֿאַרמאָגט אױך שאָלעם אַש אין זײַן שילדערונג פֿון דער מיזראַכדיקער סוױװע, װאָס איז אָט־לעגענדע, אָט װירקלעכקײט.

אָבער אַש באַנוגנט זיך ניט דערמיט. ער נעמט זוכן אױך דאָ די „טיף“. שרײַבט ער אָן די סקיצע „משה“. רעזאָנירט ער אין משה'ס נאָמען, װי אַ שלעכטער פּרײדיקער אין אַ דײַטשישער „זינאַגאָגע“ און עס באַקומט זיך אַרום דער „ארץ־ישראל'דיקײט“ אַ ביליקע, גאָר ביליקע מאָראַל.

3

עס מוז פֿאַרצײכנט װערן: מיט אַש'ס אָנקומען קײן אַמעריקע האָט זיך קײן שום פֿעאיקײט זײַנע ניט אַנטװיקלט כּוּץ דער פֿעאיקײט צו מאָראַ־ליזירן.

אַש האָט אָנגעשריבן אין אַמעריקע אַ גאַנצע רײע פֿון ראָמאַנען, אַלץ היפּש שװעבנדיקע װערק און אַלע זײַנען זײ איבערגעלאָדן מיט מאָראַל, אָט גלײַך װי אַש װאָלט נאָר צוליב דעם זיך אָפּגעזאָגט פֿון פּרץ'ס קינסטלערישע מאַניר, קעדײ איבערצונעמען דינעזאָנס סענטימענטאַל־מאָראַלישן נוסעך.

און דאָס מאָל קאָן שױן קײן ספֿק ניט זײַן: עס איז די אױסגע־שפּראָכן־פֿיליסטערישע מאָראַל.

אָבער דאָ דערמאָנט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט פון אַשם שאַפן, אַף וועלכן ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן.

שוין פון זיינע ערשטע ווערק אָן האָט ער אָנגעמערקט אין זיין שטעטלשער סוויווע אַ שטראָם פון ברוטאַלער, ריין־פיזיאָלאָגישער ענערגיע, וועלכע וויברירט אין דאָס דאָוו פון אַש'ס העלדן. די גאַנצע אייגנאַרטיקייט פון „קוילער געסל" איז באַשטאַנען אין אָט דער ברוויזנדער ברוטאַלער ענערגיע. אָבער מערקווירדיק איז געווען אויך דעמאָלט, וואָס זייענדיק געשטיקט און, אַזוי צו זאָגן באַלאַגערט פון דעם באַלעבאַטיש־שטעטלשן רעזשים האָט די כעוורע פישערס, פורמאַנעס און פליישערס פאַרמאָגט זייער ווייניק פּראָטעסטאַנטישן מוט. און נאָך מער האָבנדיק גאַנץ היפּש שפּאַט־ווערטער בענוגייע צו דעם „בית־המדרש"־געסל, האָט דאָס קוילער געסל שטענדיק קאַפּיטולירט פאַר דעם דריטן פערסאָנאַזש פון אידישן לעבן: פאַר דעם אידישן באַלעבאָס.

מאָטיס פון דער „יאַטישער טאָכטער" אי אַ באַאַל־טשואווע. אָבער ער מוט טשואווע ניט פאַר דער רעליגיעזער מאָראַל, נאָר גראַדע פאַר דער וועלטליכער פיליסטערישער „אָנשטענדיקייט", פאַר דער „לייטישקייט" פון אידישן באַלעבאָס....

און אַזוי קאַפּיטולירט אויך דער גאַנעוו „קולאַק" און אַנדערע העלדן פון קוילער געסל.

דער לייט מאָטיוו פון אַש'ס ראָמאַנען, וואָס זיינען געשריבן אין אַמעריקע, באַשטייט ווידער אין דער קאַפּיטוליאַציע פון פרייע ברוטאַלע גייסטער פאַר דער פיליסטערישער מאָראַל.

אָבר מערקווירדיק: באַ אַשן האָט עס ניט דעם אויסזעען פון אַ קאַמף. פאַרקערט: ווי גרויס עס זאָל טייל מאָל ניט זיין די נאַטוראַליסטישע פּלאַסטיק, מיט וועלכער אַש שילדערט די פיזיאָלאָגישע ראַכוועס פון מאָטקע גאַנעוו'ס לעבן, ווי שטאַרק עס זאָל ניט דערמאָנען אין „קוילער געסל" דער געוועזענער קאַצעוורונג—„אַנקעל מאָזעס"—פּילט זיך דאָך, אַז אַש פירט זיי מיט טריאומף צו דער פולקומענקייט פון דער פיליסטערישער מאָראַל. זיי זיינען קיינמאָל גאָר ניט מעכאַדעש אין זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען, האָגאָם זיי פאַרמאָגן גאַנץ אומדערוואַרטעטע קערפּערליך—פיזיאָלאָגישע אימפּולסן.

אַש קאָן שילדערן זייער „לייבליכקייט", זייער גוף מיט אַנ'אינטואיטיווער, אינסטיקטיוו־טרעפענדיקער צייכענונג. אָבער דאָס זיינען נאָר שטעלן, אייגצעלנע גליקלעכע שטעלן. דאָס דאָוו איז אָבער אַש פאַרטון אין אויסטייטשן, אין רעזאָנירן. און אָט דאָ ווערט אינטואיציע פאַרביטן אַף נאַיווער טענדענציעזקייט, איבער דער קינסטלערישער דרייסטקייט הערשט די האָכנאָע פאַר דער פיליסטערישער מאָראַל און אַש שטעלט זיך אין דעם פּראַט ניט אָפּ. ער „וואַקסט" פון ראָמאַן צו ראָמאַן, ער מאָראַליזירט אַלץ מער און מער.

צי איז עס ניט קלאָר, אַז דאָס קאָן גאַנץ ווייט פאַרפירן אַ קינסטלער, וועלכער האָט ניט סאַי קיין „איינגעבוירענע אידייען" אין זיך, סאַי אָן אידעאָלאָגישן קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפטליכקייט אַרום?... און מיט אַשן איז עס גראַדע פאַרלאָפן אַזוי. וואָרום אַלץ האָט באַזאָרגט פאַר אים אַמעריקע.

ער האָט געפונען אַ ראָמאַן־סיוזשעט—האָט אַמעריקע דעם סיוזשעט צו־געווירצט מיט סענסאַציע. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון מאָראַלישע טענדענציעס. האָט אַמעריקע געזאָרגט שוין דערפאַר, די דאָזיקע טענדענציעס זאָלן ניט פאַרשטערן דעם פיליסטערישן „שלום בית" פון דער אַמעריקאַנער אידישער געזעלשאַפט־לעכקייט.

ניט נאָר דערציען, נאָר אויך איינהאַלטן זיך בּאַ די פריערדיקע דערגריי־כונגען האָט אַמעריקע אַשן ניט געהאָלפן.

און עס האָט פּאַסירט: אַש האָט אָנגעשריבן „קידוש השם".

מען מעג מיט רעכט זאָגן: דאָ האָט זיך שוין זיין קינסטלערישע עוואָלוציע פאַרענדיקט. וואָרום די אַלט־באַקאַנטע אַשישע טענדענצן — די „שבתדיקייט", „נגידישקייט" און „ארץ־ישראלדיגקייט" האָבן זיך אין „קידוש־השם" צונויפ־געשמאָלצן צו אַזאַ אונערטרעגליך־פיליסטערישער אידעאַליזאַציע מיט אַזאַ קאָנ־סערוואַטיווער טעכניק, מיט אַזאַ סענסאַציאָנעלער העלדישקייט, וואָס האָט בּע־עמעס קיין ענליכעס ניט פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר אין דער אידישער ליטעראַטור.

מעגלעך, אַש האָט מיט דעם ראָמאַן געגלויבט אָפּצוגעבן זיין כּוווד דער געשיכטלעכער סיטואַציע פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס פאָדערט איצט גראַדע גרעסערע קאָמפּאָזיציעס, סינטעזירטע עפּאָבּן־בילדער און מאָנומענטאַלע געשטאַלטן...

אָבער ניט אַש, אַפּאָנים, וועט שוין אָט די צייט־שליכעס אויספירן, און ניט „קידוש־השם" וועט דעם וועג צו אַזאַ קונסט ווייזן...

עמעס, אַשן האָט שוין געגנוג אָפּגעשאַצט אויך שטומערהייט אונזער עפּאָכע. זי האָט אים באַפרייט פון אונזערע ערוואַרטונגען, וואָס זיינען אַמאָל פאַרבונדן געווען מיט אַש'ס נאָמען, זי האָט אים אַוועקגעשטעלט אַף יענעם אָרט, וואוהין עס קאָן דערגרייכן צו פאַרעלטערטע קינסטלער נאָר איין גאָב אונזערער: דער שטילער קוק אַף צוריק אין זייער „יוגנט" אריין... אָבער אויך פאַר דעם קוק איז היינט ניט לייכט צו געפינען די פאַסיקע און רואיקע מינוט.

נ. אויסלענדער.

ש. גאָרדאָן.

„ליריק“.

דער בעביפאָזן־פעריאָד פון אונזער יונגער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג האָט זיך פאַרענדיקט. עס איז אָנגעקומען דער פּעריאָד פון דויערהאַפטן אויפבריגגען ראָס, וואָס האָט ביז איצט אין דער שטומקייט געשפּראָצט. נאָך שטורעם און דראַנג האָבן אונזערע דיכטער דערזעען פאַר זיך אַ לאַנגן וועג מיט אומקלאָרע, אָדער האַלב פאַרטרונקענע טומבעס. די דיכטונג האַלט שוין אין געפינען די מעכיצעס צווישן וועג און אַנוועג, אין אַנטפּלעקן נייע פּערספּעקטיוון.

נייען ביכלעך פונם פאַרלאַג „ליריק“.

און די ביכלעך שמעלן שוין פאַר מיט זיך אַ געוויסן עטאַפּ נאָכן „אייגנס“־פעריאָד אין אונזער נייער ליטעראַטור. דער עטאַפּ איז אין טאָך אַריין „אַ שאָט פון פאַרהוילענע רעגעס פון וואָרטן“, אויסדריקנדיק זיך מיט ד. האָפשטיינס פּאָעטישער שורע. ס'איז צוגעקומען אין אונזער נייער דיכטונג מער געלאַסנקייט, פאַרטראַכטקייט; עס ווייזן זיך סימאָנים פון אַ מער ברייטערן באַנעמען אונזער צייט. דעם סאַמע עקספּרעסיאָניסטיש־אָפּטימיסטישן טאָן האָט אומערוואַרטעט גענומען נ. אויסלענדער אין זיינע פּראָנט־לידער; פּערעץ מאַרקיש הויבט אָן צו באַהערשן די האַסטיקייט פון זיין עקספּרעסיע און די שטרענגסטע געפּרעסטקייט פון צייט איבערלעבונגען לאָזט זיך שפּירן באַם נייעם דיכטער א. קושניראָוו, וואָס דעביוטירט מיט זיינע „ווענט“.

נאָר קוידעם־קאָל ציט אונז צום הויפּט־מאָקער פון אונזער נייער ליריק צום מיטן, וואו ס'וואָרצלט זיך דאָס פרישע וואָרט. ס'איז קלאָר, אַז אָט דער מאָקער איז אָשר שוואַרצמאַן. ער האָט געהאַט אין זיך אַלע סימאָנים פון אַ גרויסן קלאַסישן שאַפן, וואָס באַצייכנט זיך מיט געהויבענעם, אויסגעהאַלטענעם ערנסט. אָשר שוואַרצמאַן צוויבערט אונז מיט זיין קינסטלערישער אַבראַיעס, מיט זיין אַבראַיעספּוליָן וואָרט. אָן שום אָנשטרענגונג אָפּערירט ער מיט די סאַמע ריזיקאַלישע אויסדרוקן פונם פּאָעטישן לעקסיקאָן, ווי — „בלומ“ און „יאָם“. אין זיין טיפן און ברייטן באַנעמען די אַרומיקע לעבנס־דערשיינונגען האָט ער אָנגעווענדעט אַן אויסגעהאַלטענעם מאָס־געפיל צו קינסטלערישע פאָרשטעלונגען, צו אַזוינע בילדער, וואָס זיינען בעצעם האַשאָרעס. די דאָזיקע בילדערישע האַשאָרעדיקייט באַקומט באַ אים אַ קינסטלערישן אויסדרוק און אַ באַרעכטיקונג. אָשר שוואַרצמאַן איז אַ טראַגישער דיכטער, נאָר זיין טראַגישקייט האָט ניט צו טאָן מיט האָפנונגסלאָזיקייט. פאַרקערט: וואָס טראַגישער די איבערלעבונג, אַלץ טיפער איז זיין גלויבן. קאָן דען זיין אַנדערש באַ אַ דיכטער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט עטישער גייסטפולקייט? זיין נעשאָמע איז אינגאַנצן באַלויכטן מיטן „סאַמבאַטיען“־שיין. אַפילע אין זיינע ספּייקעס פילן מיר באַ אים דאָס גלויבן, וואָס טרויערט און וואַרט און האָפט... דעמאָלט

אַנטפּלעקט זיך אַשר שוואַרצמאַן אין דער הויך פון אַ נעזירישער העלדישקייט („אין טריבן מענטשן־לאַנד"), אַשר שוואַרצמאַן האָט געהאַט אַ טיפן כוש צום „אומריין־ריינעם" קאָסמאָס. ס'איז מערקווירדיק, וואָס סאַי די פּאַרכידעשט־קאָסמישע, סאַי די עראָטישע איבערלעבונגען טראָגן באַ אים אַ טיף עטישן כאַראַקטער. דאָס איז די לעבנספּולע, ציטעריקע עטישקייט פון זעלבסאָפּפּערונג „איך דאַרף נישט מיין" („יוגנט", „זיי דאָ מיט מיר") און קאָן דען זיין אַנדערש באַם דיכטער, וואָס פילט עפּשער אַף יעדן טריט און שריט דעם „ווי פאַר גאַנצער גרויסער וועלט, וואָס פאַרן כאַלעף האָט אַ טפילע אַף די ליפּן"... אַשר שוואַרצמאַן איז דאָס קינסטלערישע געוויסן פון אונזער דיכטונג.

ד. האָפּשטיין פאַרמאָגט אַ שאַרפע אימאַזשיניסטישע ריע באַ אַ טיף סימבאָלישן כוש; זיין גאַנצער שאַפן בלאַנקט מיט באַוועגלעכע מעכיצעס צווישן סימוואָלישע שפּירונגען און בונטע אימאַזשיניסטישע בילדער. זיין טיפע קינסטלערישע דערפאַרונג, איז באַ אים סימוואָליזירט אינעם געשטאַלט פון „פּיקל פון צאָפן" (ציקל „טריסטיא"; „אין פאַלן").

פאַר פּיקסל אַזוינעם,
וואָס האָט ניט געוואָלט
און האָט פאָרט זיי צעשאָטן
די בלוטיקע טראָפּנס
אויף זויבער פון שנייען
איז אויך נאָך אַ טרייסט דאָ פאַראַנען.

דאָס פינטעלע בלוט אַף „זויבער פון שנייען" איז געוויס אַ סימוואָליזירטע וועלט־פּראָבלעם. און פונקט ווי באַ ניסטערן אין „ערשטן שניי" ווערט די טויבע און פּילבאָרע וועלט פאַרוויסט און פאַרשאָטן, אַזוי פאַרשנייט זיך באַ האָפּשטיינען דאָס פינטעלע בלוט אין אומענדלעכע שנייען. און ס'איז קיין וואונדער ניט: פאַרן גרעסטן טרויער געפינט דער דיכטער אַ טרייסט:

די גרויס פון מיין מענטשלעכן עלענד,
די גרויס פון מיין טרויער —
אָט דאָס איז מיין טרייסט

אַן אָפּקלאַנג פון זיין סימוואָליש־קינסטלערישער דערפאַרונג לאָזט זיך הערן אין זיין „ערשטן שניי":

האָב איך דאָרטן ערגעץ וואו
ווייַ און ווינד געשניטן,
וואָס זשע זע איך אויסער רו,
אויסער ווייסע בליטן?

און ווען דער דיכטער קוקט זיך אַרום אין די „פאַרהוילענע רעגעס פון וואָרטן" איז דעמאָלט באַ אים באַזונדערס שאַרף זיין אימאַזשיניסטישע ריע. „זונען־שלייפן" און „גינען־געוועב" זיינען אַן אויסגוס פון ליכטיקייט. אַלע לידער זיינע, שטראַלן. די שטראַלקייט פליסט באַ האָפּשטיינען אומגעהויער ליכט און שפּילעוודיק ווערט פאַרוואַנדלט (אין די „זונען־שלייפן") אין אַ ליכט־פאַרבלענדעניש. די דאָזיקע ליכט־פאַרבלענדעניש בילדעט באַם דיכטער

אַן איבערפֿלוס פֿון עסטעטישקייט, און ערטערווייז פֿאַלט דער דיכטער אַריין אין אַ היפּערבאַליסטישן מאַן, ווי לעמאַשל, אין די לידער „וואָלקנס“ („מיין געזאַנג פֿון האַרץ פֿון הייסן, וואָס דערשמידט די נייע רינגען“), „דו האָסט מיר דערציילט“ („מיין האַס ווערט צעוואָרפֿן אַף אַלע פֿיר ענדן, מיין ווי ווערט פֿאַרשאָטן דורך פֿויסטן פֿרעמדע“) „רעדסטו, קלינגסטו“ („טויזנט ליכ־טער, טויזנט זונען ווען טאַנצן“). דאָס בעסטע ליד פֿון די „זונען־שלייפֿן“ לויטן גערדאַנק און קאָמפּאָזיציע איז—„פֿון וואַנען קומען זיי צו מיר, די טעג“.

אַ סאַך אויסגעהאַלטענער און איינגעהאַלטענער זיינען די „גינען־געוועבן“ אַט די „וואָרהאַפֿטע טרוימען־געוועבן“; די ליכטיקייט איז דאָרט ניט אויבנאויפֿיק: זי שטראַלט פֿון דער ווייט; זי איז פּערספּעקטיוו פֿול אין איר דינאַמישקייט, דער גערדאַנק איז אין די „גינען־געוועבן“ קלאָרער, ווייטזיכטיקער, ניט אַזוי פֿאַרבלענדט, ווי אין די „זונען־שלייפֿן“. האָפּשטיין אַלס ערנסטער מייסטער פֿונם קינסטלערישן וואָרט פֿיגורירט דאָ אין זיין גאַנצן וואוקס. די דאָזיקע לי־דער זאַמלונג פֿאַרענדיקט זיך מיט אַן אינהאַלטספֿולן ליד, וואָס איז מע׳אַמעז אַף „אַ נייעם טרייב“. ביכלל איז די פּראָבלעם פֿון ליכטיקייט בא האָפּשטיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט שוין צוליב דעם, וואָס דער דיכטער „גלויבט דורך היפּל“.

פֿערעץ מאַרקיש טרעט אַריין מיט זיין לעצטער לידער־זאַמלונג אין אַ נייעם פֿאַזיס פֿון שאַפֿן.

ער ווייזט אַרויס אַן ערנסטע נעטיע צו קאָנצענטרירן זיך צו באַהערשן זיין דיכטערישע סטיכיע, וואָס פֿלעגט אים ביז איצט „פֿאַרכלינען“ ער הייבט אָן פֿירן אַ „דין טוירע מיטן ווינט“. ער מיהט זיך געוועוער זיין די ווינטן־מאַכט, די ווינטן־לאַסט, אַרויסבאַפֿרייען זיך פֿון זייער רעשוס.

„אַ זיך אָפּבריען די ברעמען
אַף די ברענעדיקע בראַכן,
צי כ׳וועל ניט גיין צי כ׳וועל יאָ גיין
זאָלסטו ווינטל מיך ניט יאָגן“.

נאָר גלייכצייטיק איז אָבער פֿערעץ מאַרקישן אָרגאַניש אייגן דער באַ־האַוסטזיין, אַז „דער וואַלד איז פֿריי און הפֿקער“. און דערפֿון וואַקסט אַרויס אין פּ. מאַרקישעס לעצטע לידער קאָמפּליצירטקייט, מיט וועלכער ס׳באַצייכנט זיך זיין נייער אַנטוויקלונגס־פֿאַזיס.

פֿערעץ מאַרקישן איז צוגעקומען ניט בלויז טרויער אין „הארבסט פֿון זיינע אויגן“, נאָר אויך געדולד צו באַנעמען און פֿאַרקערפֿערן בילדער, געטרייער אָפּשטעלן זיך אַף זיי, אַנטוויקלען זיי. ביז איצט פֿלעגט מאַרקיש אויפֿכאַפּן ביל־דער הויפּנווייז, און ווילנדיק ניט ווילנדיק פֿלעגן זיי בא אים גאַנץ אָפֿט צעריבן אָדער „צעכראַסטעט“ ווערן; אין דער לעצטער זאַמלונג האָט פֿערעץ מאַרקיש באַהערשט זיין אייגנאַרטיקע דינאַמיש־לופֿטיקע, פֿליהערישע בילדערישקייט, וואָס באַקומט לעצטנס אַ מער האַרמאָנישן אויסדרוק און אָנגעהויבן שאַפֿן ש ט אַ נ ד־ה אַ פֿ ט י ק ע בילדער. די דאָזיקע שטאַנדהאַפֿטיקע בילדערישקייט איז פֿאַראַן אין די בעסטע לידער פֿון דער זאַמלונג. אין די אַלע לידער, וואָס בילדן אין טאָך אַ מוסטער פֿונם שעפֿערישן אַקטיוון פּעסימיזם איז שוין ניטאָ אַפֿילע קיין שפּור

ניט פון לויפנדיקע שטימונגען; פאַרקערט—עס איז אומעטום פאַראַן דער פּאַ־עטישער גילגול פון די אַצוועסדיקע איבערלעבונגען.

דער סאַמע אינטימסטער, ציטעריקער מאָטיוו פון זיין אָוונט־אַצוועס איז דער „אַהיים״־מאָטיוו.

„ווייזן דורכגייער פאַרבלאָנדזעטע די גאַס אַהיים״

„איך זיץ שוין צופיל אַפן בוים,
איך וויל אַהיים״.

אין דעם דערנעענטערט זיך מאַרקיש צו ד. האָפשטיינס לעצטער טעמע — „וואוהין?״

אָבער דער „אַהיים״־מאָטיוו איז נאָך זייער אומקלאָר:

„און נעפלד מיין באַגער און ליידנשאַפטלעך מיד

און דאָ איז נאָך מאַרקיש גאַנץ ווייט פון אָביעקטיווירן די „היים״.

אַ סאַך בוילעטער אָ ב י ע ק ט י ו ו י ר ן זיך די פאַרשיידענע פאָרמען פון אַצוועסדיקע איבערלעבונגען אין דער „שוואַרצער דאַמע״, וואָס באַקומט שוין אַ באַדייטנדיקן אידייאישן אינהאַלט; אין אָט דעם אינהאַלט שטעקט אַ שטאַרקע סאָציאַלע איראָניע, איבער די „שוואַרצע וואַנדערער״; די איראָניע לאָזט זיך הערן אַף אַ באַזונדער פאַטעטישן אויפן אינם ליד — „פאַרנעמט דער טאָג זיין גאָלדן־בראָך״.

פּערעץ מאַרקיש איז גיוועזן דעם ייעש פון דער שוואַרצער שטילקייט:

„איך וויים, אַז באַנאַכט וועט זיך אָפרייסן שיף און אוועק
ערגעץ אונטערגיין איינזאַם פאַרבלאָנדזעט,
נאָר איך דער באַנאַרישטער וועל זיך אַף דרערד נאָך דיר
שיווע ניט זעצן״.

ער האַלט זיך פעסט בא זיין באַרוף צו זוכן „די וועגן פון פאַרבאָרגענע נאַכטישע שוועלן״, בא זיין שליבעם וועלכן ס'איז אים אויסגעפאַלן: „נאָך טווי גיין״.

אין אָט דער שליבעם זינגט בא אים די שטילקייט, זינגט „אַ שווייגנדיקע קלאָג״. און דאָ באַווייזט שוין מאַרקיש גאַנץ אָפט צו אַריינדרינגען אין דער געהויבענער בלויער שטילקייט. און דאָ איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש די ליידנ־שאַפטלעכע לייטזעליקייט פון „דממה דקה״, פון לוואָנע־שיין, וואָס שפּרייט זיך איבער די שוואַרצע פאַרבן,—איבער די „נאַכטן־יאַמען״.

עמעס, פּ. מאַרקיש האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון זיין גרעסטן כעסאָרן—פון פאַררײַדן זיך; מיר באַגעגענען בא אים ערטערווייז רעצידיוון פון זיין פריערדיקן פלאַפל־פּאַטאָס פון פאַטעטישער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט,— ניט איינגעהאַלטנקייט אין באַציאונג צום וואָרט, ווי לעמאָשל, „ריים פון האַרץ פון מיינעם שמעקעדיקע קרייטער״.

נאָר אין אַלגעמיין גענומען איז פּערעץ מאַרקיש בייגעקומען אין זיין לעצטער לידער־זאַמלונג אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דאָס „פוסט און פּאַסעווען״. ער איבערצייגט אונז, אַז ער האָט זיך „צו טיפקייטן געווענדט״.

און דאָס רופט אַרויס בא אונז אַ געפיל פון גערולדיקן וואַרטן אַף נייס, וואָס מאַרקיש זאָגט אונז צו מיט זיין לעצטן שאַפונגס־פּעריאָד.

נאָר אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט אין אונזער יונגער דיכטונג נ. אויס־לענדער.

ביזן „פּראָנט" איז ער געגאַנגען מיט זייטיקע וועגן, געווען באַשטעמפּלט מיט אַ „ניידער פון ניט־דאָ־זיין". אין זיינע ערשטע צוויי זאַמלונגען האָט ער זיך געמיט צו סינטעזירן די טראַדיציע פון דער דייטשישער ראָמאַנטיק מיטן רוסישן סימוואָליזם, געלייטערט „די פרעמדקייטן אין זיך". מיר טרעפן בא אים ראַפינירטע איבערלעבונגען, סימוואָליש־קאָסמישע און פילאָזאָפישע שטימונגען, נאָר דאָך פאַרשטעלט בא אים די קולטור־זעטיקייט דעם הויפּט־מאָקער פון זיין שאַפן; מיר שפּירן בא אים אַ ליידיקן אָרט צווישן „פאַר־נאַכט" און „האַלבן־טאָג", האַגאַם אינם לעצטן באַגעגענען מיר שוין סימוואָליזירטע צייט־איבערלעבונגען. אין זיינע לעצטע „פּראָנט"־לידער האָט שוין אויסלענדער גווי־וועך געוועזן זיין „ניידער פון ניט־דאָ־זיין". ער טרעט אַרויס מיט אַן אויסגע־שפּראָכענער פּאַטעטישער דערפאַרונג. ס'איז מערקווירדיק, וואָס די מילכאָמע באַנעמט אויסלענדער, ווי אַ קאָסמישע סטיכיע, וואָס איז פאַרליבט אין זיך אליין. אָט די אייגנליבע פון דער מילכאָמע־סטיכיע לאָזט זיך שפּירן אין דער שאַרפער שטייגנדיקער עקספּרעסיע פון קומאָט אַלע זיינע לידער. ס'איז כאַ־ראַקטעריסטיש, וואָס אין די „פּראָנט"־לידער באַגעגענען מיר שוין ניט די האַרב־קאַרגע, אָפטמאָל האַמאָגע ריטמען פון זיינע פריערדיקע לידער. די „פּראָנט"־לידער צייכענען זיך אויס מיט פולער דינאַמישקייט. באַזונדערס די בעסטע דורכדרינגלעך שאַרפע לידער פון דער זאַמלונג, ווי „מיט איין אַ מענש אַ יונגן־בלאַט", „מיר אַכצנטע דיוויזיע". אין אָט די צוויי לידער איז די מיל־כאָמע־פּראָבלעם דערהויבן ביז צו אַן עטישער מאַדרייגע: דורך דער סטיכיע רייסט זיך אַדורך די מענשלעכע שטים—"

אַ, ווינט פון לעצטן הימל־דרוים
באַשיץ ווי דו אַ טרוים.

נאָר די מענשלעכע שטים „פונם צוואַנציקטויזנדיק לייב" פאַרלירט זיך אין דער סטיכיע. אין „הוילנדיקן וואָלקן־זייל" אין „בלאַנקען פון ווייטער מייל", אין „העלער געפאַר־שאַ". לעהייפּעך אַשר שוואַרצמאַנען האַלט זיך אויסלענדער נים איין אין דער הויך פון עטיש־קאָסמישן באַנעמען די מילכאָ־מע־סטיכיע, וואָס שפּאַנט בא אים פאַראויס אין העלקייט און אין שיין

„וואו ביסטו יעמצע? ווען דיינע גאָבן?
מיר וועלן דיך שטראַלנדיקערהייט באַגראָבן.

די מילכאָמע־סטיכיע דאָמינירט ניט, ווי אַ שטייגנדיקע טראַגישע דער־שייגונג:

„און פרעג און הערן וועסט פון זיי,—
עס האָט די נאַכט פון באַרג אַ שאָס
געטאָן זיך אין דער לופט אַ גאָס
און טזיך פאַרגאָסן אין דער נאַכט אַריין,
ווי אַ גרויסער ריזן־בעכער ווין

אָט דער „קריגס־געטראַנק" איז שוין גוואַלדיק סטיליזירט.

די מילכאָמע־סטיכיע פאַרבלייבט באַ אויסלענדערן אין פולער אייגנליבנדיקער קראַפט: „עס האָט מיך פאַרזונקען, פאַרשאָלט און פאַרקלונגען, איך האָב קיינמאָל געקלונגען אַזוי", „אין רעדער פאַרהערן די ליד און דאָס קאָל".

ל. רעזניקס „בלייבע אויפגאַנגען" זאָגן קוידעם קאָל אײדעם פון אַן אינהאַלטספולער שטומקייט, דורך וועלכער עס רייסן זיך דורך בלאַסע, זייער בלאַסע שטראַלן, שטראַליקע ווערטער, וואָס זיינען אייגנטלעך אַן אָפשיין פון אַן אינערלעכן אַבסטראַקטן טאַמצים, פון נאָך ווייניק רייפע, ניט קאָנקרעטיזירטע צייט־איבערלעבונגען, זיינע לידער לאָזן איבער גלענצנדיקע אַלעגאָריש־עסטעטישע עפימעטן. ווי „טויבע טאָמידן" „אין לאַנד פון פאַרלאָשענע פייערן". אין אַלגעמיין געגומען זיינען די דאָזיקע לידער אַ „גלעזערנער געצעלט", וואָס קאָן נאָך דערוויל ניט באַשיצן, סאַי פון קעלט סאַי פון היץ. די סאַמע געלונגענע לידער זיינען—„איך זוך שוין ווידער דורכלויכטן געשליפענע" און „טויבע טאָמידן", באַזונדערס דאָס ערשטע, וואָס איז שוין סימוואָליש־בילדעריש אויסגעהאַלטן און נעמט אַריין אין זיך דעם טאַמצים פון אַלע זיינע לידער. דאָס דאָזיקע ליד ווייזט אָן, אַז ניט געקוקט אַף דער אומגעהויערער אַלעגאָרישקייט פאַרמאָגט רעזניק אַ נטיע צום סימוואָלישן שאַפן, נאָר אים פעלט נאָך אויס דערווייל קאָנקרעטקייט, דאָס קאָנקרעטע באַנעמען די לעבנסדערשיינונגען. עס דוכט זיך אויס, אַז דער דיכטער אַליין ווייס נאָך ניט דורך וואָס פאַר אַ גלאָז ער קוקט אין דער וועלט אַריין—דורך אַ פאַרגרעסער־שפּאַקטיווע, צי דורך אַ פאַרקלענערשפּאַקטיווע? נאָר ס'איז קלאָר, אַז ער קוקט דורך אַ בלויען גלאָז אין זיין „לעצטן גלעזערנעם געצעלט". פון שטאַנדפונקט פון ניט פאַרקערפערטן אינהאַלט פאַראינטערעסירט אונז רעזניק מיט זיין „שפינען דעם בלויען פאָדים־שיין". מיט זיין פולן ליריש־עסטעטישן טאַקט איז ער אונז מאַווטיאַך אַף אַ זיכער־גייע פאָרם־ווענדונג אין אונזער דיכטונג, זאָל נאָר דער דיכטער, וואָס פאַרמאָגט ערנסטע מעגלעכקייטן קאָנקרעטיזירן זיינע אינהאַלטס־פאָטענצן.

א. קושניראָוו טראָגט אַריין אין אונזער יונגער דיכטונג אַ פרישן שטרענגן טאָן. זיינע לידער לאָזן איבער אַ גאַנץ באַשטימטן איינדרוק; ער איז טיף־קאָנקרעט, ערנסט־שטרענג. זיין אימאַזשיניזם איז אין טאָך אַריין אַ פסיכאָלאָגיש־אָרגאַנישער. שוין דאָס ערשטע ליד פון זיינע „ווענט"—„עקראַן" גיט אונז צו וויסן, אַז דער דיכטער קומט צו אונז מיט לאַנג אויסגעטראָגענע, זיכערע, געפרעסטע צייט־איבערלעבונגען. יעדע ליד איז באַ קושניראָוון אַ סאַכאַקל פון פילע שטייפע צייט־שפירונגען; אים איז אינגאַנצן פרעמד די צופעליקייט פון לויפנדיקע אומזיכערע שטימונגען. ער מיידט זיי אויס מיט זיין פאַרטיפטן פאָעטישן כוש, מיט זיין גלויבן אין דער צייט—דער „אייביק טרייער און מונטערער". באַ קושניראָוון, ווי באַ אַנדרע אימאַזשיניסטן וואַרפן זיך דורך היפערטראָפירטע אָדער סטאַטישע בילדער ווי „מיט לײדיקן זאַק פון נעשאָמע", „טורעם פון שווערן געמיט", וואָס זיינען אייגנטלעך פאַרמאַסקירטע פאַרגלייכונגען, מער ניט אָן דעם—„ווי", נאָר צום גליק פאַרלירן זיך די דאָזיקע שוואַכקייטן אין דער פסיכאָלאָגישער גאַנצקייט פון זיינע בילדער. קושניראָוו איז צופיל פסיכאָלאָגיש, קדיי איינצושליסן זיך אין די ד' אַמות פונעם אימאַזשיניזם, וואָס איז באַ אים אַן אָרגאַנישע סיסטעם, אָבער ניט קיין ציל. און דאָס שפירן מיר טאַקע אין זיין ציקל „איך", אין

וועלכן ס'איז שווער צו געפֿינען די מעכיצע צווישן קאָלעקטיוון און אינדיווידועלן „איך”; און עפּשער איז עס דער קאָלעקטיווער „איך”, וואָס נאָכן באַפֿרייען זיך באַקומט ער אַן אויסגעשפּראָכענעם אינדיווידועלן כאַראַקטער. אַ פּסיכאָלאָגישע פּערספּעקטיוו זעען מיר איין אינעם ליד „מיין הונט איז פֿאַרוואונדעט”, וואָס ווילנדיק ניט ווילנדיק נעמט עס אָן אַ סימוואָלישע באַפֿאַרבונג. באַזונדערס גלענצנדיק איז דאָס ליד „ראָסיאַ”. קושניראָוו איז שטאַרק נויטע שטרענג פֿאַרמיפֿן זיך אין די איבערלעבונגען פֿון אונזער צייט. ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פֿעסטן טאַלאַנט.

י. דאָברושין האָט געהאַט פֿאַר זיך אַן אויפֿגאַבע צו באַווייזן אַל. בלאָקן אין זיין גאַנצן וואוקס, און דאָס איז אים געלונגען. בלאָק אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונז אין זיין טראַגיש־ראָמאַנטישער גרויס מיט זיין „בענקשאַפֿט נאָך טוידעס”, מיט דעם „מוז פֿון ערדישע ווערטער” מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע נעטיעס און אָפּנייגונגען. בלאָק ווייזט זיך אונז ווי אַ „פּרינץ אָן אַ לאַנד, אַ ריטער אָן אַ דאַמע, אַ הייליקער אָן אַ נעס און אַ קישעפֿמאַכער אָן וואונדער”. מיט אַזאַ אינטים־לירישן איראַס־האַקאָוועד שילדערט אונז דאָברושין דעם גרויסן רוסישן דיכטער. אין זיין עטיוד וועגן בלאָקן האָט דאָברושין אייגנאַרטיק אָנגעמערקט און אונטערגעשטראָכן די הויפּט־פּראָבלעמען פֿון בלאָקס שאַפֿן. באַזונדערס איז אינטערעסאַנט דער ראַפֿינירטער געדאַנק וועגן בלאָקס טראַגישן גלויבן: בלאָק איז „ווי אַ מענש, וואָס ניט ער דענקט פֿון גאָט, ניט ער ווייסט שוין פֿון גאָט, אָבער עלטער־עלטער דוירעס האָבן ביז אים דעם גאָט גענוי געזען, און ער האָט דעריבער צו אים אַ כוש באַקומען, אַ באַציאונג און אַ בענקשאַפֿט אַ ליבע און אַ פּאַראַד”. ער האָט פֿאַרהיט אַזאַ מין קולט, אַזאַ מין פֿאַרשפּעטיקטן רעליגיעזן וועלט־געפֿיל מיט אַן אַנטשפּרעכנדער „גייסט־שפּראַך” דער דאָזיקער געדאַנק געהערט צו דעם אַרט פּערספּעקטיווע געדאַנקען, וואָס קאָנען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין שטרענגע אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס. טרעפֿלעך איז אָנגעמערקט די פּראָבלעם פֿון בלאָקס דראַמאַטישן שאַפֿן: בלאָק האָט „געשאַפֿן ניט קיין סימבאָלישן טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פֿון סימוואָלן” דער דאָזיקער געדאַנק באַזירט זיך אויפֿן פֿאַרגלייך מיטן טשעכאָוו־מעטערלינקישן טעאַטער און דער געדאַנק איז געוויס ריכטיק בנוגע צום „Балаганик“ נאָר בנוגע צו דער דראַמע “Роза и крест“ וואָלטן דאָך געקאָנט אַריינגעטראָגן ווערן שינויִים אין הינזיכט פֿון פֿאַרברייטערן די פּערספּעקטיוו פֿונעם דראַמאַטיש־סימוואָלישן שאַפֿן.

דער געדאַנק, אַז בלאָק איז געווען ווייניק קאָסמיש איז לעגאַמרע ניט איבערצייגנד, — ווייל בלאָק האָט דאָך געשאַפֿן אַ מוסטער פֿון היימלאַנד־קאָסמיזם; אָט דאָס היימלאַנד־געפֿיל טראָגט באַם דיכטער אַ טיף קאָסמישן אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

די פּראָבלעמען, וואָס י. דאָברושין האָט אָנגעמערקט און באַלויכטן זיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט צוליב דעם, וואָס די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען קומען באַ אים אין באַרירונגען און באַהעפֿטן זיך מיט פֿילאָזאָפֿישע קולטור־אידייען און אַסאָציאַציעס, ווי לעמאָשל, מיט ניטשעס „אייביקן ראָדגאַנג”. אַדאַנק דעם

שטייגט דאָברושין אַריבער די סוביעקטיווע געשלאָסנקייט פונם אימפּרעסיאָ־ ניסטישן קריטיק־שטייגער. זיין עטיוד וועגן בלאָקן איז אָנגעשריבן טיף־אינ־ טים, אַזוי, אַז עס פאַרבענקט זיך נאָכן גרויסן רוסישן דיכטער.

יוסף טשייקאָווס ביכל „סקולפּטור‟, וואו דער איקער זיינען די צייכנונ־ גען—דאַרף האָבן זיין אָפּשאַצונג אין אַן אַנדער אָרט. דער ליטעראַריש־דעקלאַ־ ראַטיווער טייל פונם ביכל איז צו שווער אָנגעשריבן, ניט גענוג פאָרמולירט, שולדיק זיינען געווים די איינגע מעכיצעס פונם בוך וואָס האָבן פאַרצאַמט דעם וועג און אָפּגעשוואַכט דעם געדאַנק פונם מעכאַבער בעכאָל אויפן צו זען, אַז די קונסט־פּראָבלעם באַאומרואיקט טשייקאָוון פון שטאַנדפּונקט, פון איר רע־ וואָליוציאָנערן שטאַנדפּונקט. אונזער פּלאַסטישע קונסט האָט די ערשטע זיך אַריס געטאָן אין וועלטישן רוים אַריין, און ס'איז קלאָר, אַז איר געהערט דאָס וואָרט וועגן דער מאָדערנער רעוואָליוציאָנער־אידישער קונסט־קאָנצעפּציע. דער פאַרלאַג „ליריק‟ האָט דעריבער גוט געטאָן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַריינפלעכטן די „געשטאַלטן־קונסט‟ אינם אָרגאַנישן געוועבּ פון אונ־ זער דיכטערישן און ליטעראַריש־קריטישן פאַרמעגן.

ש. גאָרדאָן.

„שטראָם“ אונטן

אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשײַנען פֿון ערשטן נומער „שטראָם“, איז אין מאָסקווער קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל“ פֿאָרגעקומען צווײ שטראָם־אָוונטן.

אין אַ רײ אַרויסטרעטונגען איז באַלויכטן געוואָרן די שטעלונג פֿון „שטראָם“ צו דער קונסט פֿון אונזער געגנוואַרט, דערבײ איז אין נאָמען פֿון דער גרופּע „שטראָם“ פֿאַרעפֿנטליכט געוואָרן פֿאָלגנדע דערקלערונג:

1. „שטראָם“ האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין דער צײַט פֿון אַ גרויסער ענדערונג אין דער קרעפֿטן־פֿאַרהעלטעניש פֿון אונזער קונסט.

די שאַרפֿע גרעניץ־ליניע, וועלכע די רעוואָלוציע האָט דורכגעפֿירט צווישן „אונזער“ רוסלענדישער און „אונזער“ ניט רוסלענדישער ליטעראַטור האָט אין טאָך אַרײַן אָפּגעצייכנט צווײ תקופֿעס, וואָס שליסן זיך ניט אײַן אין די באַגריפֿן פֿון אַלטער און נײַער קונסט. יעדן דור איז געגעבן צו זײַן מאָדערן בענוגע צו זײַנע פֿאָרגייער. דער דאָזיקער מאָדערן באַצײט זיך אָבער ס'ראָוו אַ די אָדער יענע ניואַנסן פֿון אײן און דערזעלבער קולטור. אין דער ליטעראַטור פֿון אונזער רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד האָבן זיך אומעטום באַוויזן דורכלויכטן פֿון גאָר אַ נײַער קולטור־טראַדיציע, פֿון גאָר אַ נײַער קולטור־ערע. און דאָס האָט דורכגעצויגן די שאַרפֿע גרעניץ־ליניע צווישן אונזער רוסלענדישער און אונזער ניט רוסלענדישער קונסט.

2. באַ דער שוועל פֿון אָט דער נײַער ליטעראַטור שטייען מיר מיט האַפֿערדיק מונטערע פֿאָרגעפֿילן. עמעצן, אַ פֿולשטענדיק צעוואָלגערטער לעבנסשטייגער, אַ מעכטיק אויפֿגעטרייסלטער קונסט־בנין, אַ געמיט פֿון וועלכן עס איז אַרויס געפֿאַלן דער געפֿיל פֿון רואיקער זעלבסטבאַטראַכטונג. אַ געוויסן, אין וועלכן עס ווײַברירט דער „שוידער פֿון האַרמאָניע“, אַ הילכיק גערודער פֿון אַ איבערגעבויט לעבן—אָט דאָס אַלץ טרעפֿן מיר באַ דער שוועל פֿון דער נײַער ליטעראַטור.

אָבער אין „שעלמנדיקן הימן פֿון שטרייטן“ פֿאַרנעמט דאָוויד האָפֿשטיין דעם רוף פֿון אונזער עפּאָכע און צוזאַמען מיט אים פֿאַרנעמען מיר אין דעם רוף פֿון דער צײַט אויך דעם באַרוף פֿון דער ליטעראַטור אין דער רעוואָלוציאָנערער תקופֿע. און אונזערע פֿאָרגעפֿילן זײַנען מונטער און האָפֿערדיק, אונזערע דערוואַרטונגען אויף דער נײַער עפּאָכע זײַנען פֿעסטע און זיך געטרײַע.

3. אָבער די נײַע עפּאָכע האָט שוין אַ געשיכטע, אַ פֿאַרגאַנגענהייט. אַז מען ברענט בריקן בויט מען נײַע. און אַז מען בויט נײַע בריקן ניצט מען מאַטעריאַלן, וואָס וואַקסן אין מעשעך פֿון יאָרן. דער „שטראָם“, וואָס גייט ציל־באַוואוסט דער צוקונפֿט אַנטקעגן פֿאַרגעסט ניט, אַז די דויערדיקע מאַטעריאַלן מוזן אָפּגעשאַצט ווערן.

דאָס רעוואָליוציאָנערע געשעען האָט ביז אַ געוויסער צײַט געוועקט באַ דעם קינסטלער מעכטיקע נאָר אויף האַלב־באַוואוסטזיניקע אימפּולסן. דער ערשטער

פֿעריאָד פֿון רעוואָליוציאָנערן קינסטלערישן שאַפֿן איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס דער קינסטלער האָט אימפּראָוויזירט אַנטבלויזנדיק דאָ און דאָרטן אין דער גאָרער נאַקעטקייט די אימפּולסן, וואָס האָבן אַף אים אַ שליטע געהאַט. אין דער צייט פֿון דעם אימפּולסיוון שאַפֿן איז דער דיכטער מעסוגל געווען צו רעאַגירן בלויז אַף דאָס הערגאַישע, וואָס האָט אין רעוואָלוציאָנערן געשעען זיך אַנטפּלעקט. באַפֿרייען די אַסאָציאַציעס, וואָס האָבן זיך מאַסנווייז געשטויסן אין דיכטערישן געמיט—אָט דער גזועצליכער און נאַטירלעכער שטרעבן האָט כאַראַקטעריזירט דעם ערשטן פֿעריאָד פֿון רעוואָליוציאָנערער אידישער דיכטונג.

4. דעם „שטראָם איז לײדער ניט באַשערט געווען צו קומען אין יענעם גליקליכן הערגאַישן נימרעדער־פֿעריאָד פֿון דער רעוואָליוציאָנערער קונסט, אָבער דער אָרגאַנישער שאַפֿן פֿאַרלירט קיינמאָל גאָר ניט. די טראַגישע אַטמאָספֿערע, וואָס לויערט אייביק און אומעטום אַרום דעם הערגאַישן געשעען, איז ניט פֿאַרלאָרן געגאַנגען, און האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין דער טיף פֿון דעם קינסטלערס געמיט. און ווען דער „שטראָם“ קומט מיט קושנירעוון צו זאָגן:

„איך פֿאַרמאָג שוין אַפֿילע אין טרוים ניט
קיין לאַנד פֿון האָניק און מילך“

איז נויטיק אין דעם צו דערהערן ניט קיין פּעסימיסטישע גוזמע, נאָר אַן אָנזאָג דערויף, אַז די קינסטלערישע אַבראַיעס האָט גענומען אונטער איר קאָנטראָל יענע דיכטונג, וואָס האָט ניט לאַנג נאָך אַזוי זאָרגלאָז אימפּראָוויזירט.

דאָס באַדייט אויך, אַז די פּלאַקאַט־ליטעראַטור האָט אָפּגעזאָגט אירס. דאָס באַדייט, אַז אַלע ראַדיאָ־אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זיינען געווען געבונדן צו דער צייטונג, צום קאַלענדאַר און צום שטאָט־זייגער—וועלן איצט אויסזעען נאַאיוו און פֿאַרשפּעטיקט.

5. וואָס צייכנט זיך פֿאַרן „שטראָם“ אין די ברעגן פֿון דעם איצטיקן פּעריאָד פֿון דער נייער עפּאָכע? דער וועג פֿונם „שטראָם“ איז געווענדעט קודעם קאָל צום סינטעז פֿון אונזער נייער צייט־דערפֿאַרונג. נאָר דער אַנסאַמבל פֿון אַלע קונסט־צווייגן: אָט די ליבע פּריינט, די מאַלער, וואָס האָבן די טעווע אויסצוזאָגן סוידעס, אָט די ערנסט־אַפּוואַשנדיקע מוזיקער, וואָס שטרעקן שוין דעם האַלז נאָך „וואָרט“ אויס אָט דער „עקיג־פֿאַרשפּיצטער“ עקספּרעסיווער שוישפּילער, וואָס זוכט און מאָנט און פֿילט זי שוין אונזער נייע עסטעטיק—נאָר דער סינטעז פֿון די אַלע וועט אונז דערנעענטערן צו דער פֿאַרקערפּערונג פֿון אונזער צייט־דערפֿאַרונג.

6. דער „שטראָם“ געדענקט, אַז פֿון אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט. דער ווינקל־שטיין פֿון אַלע קונסט־געביטן איז דאָס אַבראַיעספֿולע קינסטלערישע וואָרט. אָבער דאָס וואָרט איז אַ נאַציאָנאַלער מאַטעריאַל. אין צייטן פֿון „רעוואָליוציאָנערע אויפֿליען“ דריקט די דאָזיקע אייגנשאַפֿט אַף דער וואָרט־שאַפֿונג, און שלעפּט זי אָפּט צום מעסוירעסדיקן נאַציאָנאַלן אַלטוואַרג, אָבער גראָד די דאָזיקע אייגנשאַפֿט מאַכט די וואָרט־שאַפֿונג פֿאַר אַ קינסטלערישן מוסטער פֿון אָרגאַנישע ווערטן, וואָס זינדיקן ניט מיט צופֿעליקע פּריידאַרטיקייטן פֿון דער סינקרעטישער טקופֿע. דער „שטראָם“ נעמט אין אַכט דאָס וואָרט, ווי אַ מאַטעריאַל, דער

„שטראָם" היט אָפּ די קולטור פון וואָרט און שטעלט אויף די קלאַוויאַטור פון דער נייער שפּראַך, פאַר דעם וואַקסנדיקן נייעם געדאַנק.

7. קלאָר איז פאַר דעם „שטראָם", אַז פאָרמולירן דעם נייעם אידיש־קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק וועט אַף ווייטער אויך ווי ביז אַהער טראָגן דער וואָרט־שעפער. קאָנסטאַטירנדיק דעם „קרעץ פון שטיין, אַף וועלכן ס׳דויערט דעם זיידנס מיטוואָך", קאָנסטאַטירנדיק דאָס צעפוילטע און אָפּגעלעבטע זוכט די אונזעריקע דיכטונג די אַנטוויניקסטע שעפערישע אַכיזע פום אויפגעוואַכטן נייגייסט אין די טיפענישן פון די נייגעבוירענע פאָלקס־פראַצעסן וועט די ליטעראַטור אויפדעקן די אָנגעוואַקסענע נייע קויכעס און דערמיט גופע באַשטימען דעם פאַר־קומענעם איצט אינהאַלט פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכ־קייט. די ליטעראַטור האָט באַוויזן דעם נעם אין די צייטן פון דעם אידיש־וועלטליכן קריזיס, די ליטעראַטור וועט באַווייזן דעם נעם אין די צייטן פון דעם אידיש־אינטערנאַציאָנאַלן איבערבוי. דער „שטראָם" וועט זיך מיען, אַז דער דיכ־טערישער דאָר זאָל זיין צו דעם נעם צוגעגרייט.

8. „שטראָם" ווענדט זיך צו די אַלע, וואָס קאָנען און ווילן גיין אַף זיין שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן וועג, צו די אַלע, וואָס קאָנען מויכל זיין שוואַכקייטן און שטרויכלונג, צו די אַלע, וואָס ווילן וואַך זיין און אָפּהיטן די יונגע פליענדיקע פויגלען, זיי זאָלן ניט אומקומען פון דעם פייערדיקן אָטעם, מיט וועלכן ס׳מוז אַף זיי עטעמען די ריגאָריסטיש־דאָגמאַטישע קאַמפּס־מיינונג.

9. אין „שטראָם" פליסט די קינסטלערישע ענערגיע פון אונזער צייט, דער צייט פון אַ נייגעבאָרענער וויטאָגדיקער טאָג־טעגליכקייט, דער צייט פון דער רעוואָליוציע. האַרט בײַ די שאַרפסטע ראַנדן פון אונזער עפּאָכע פליסט דער „שטראָם". ער ווייסט זייער האַרט, אומבעראַכמאָנעסדיקע שלייפקייט צו שעצן. און ער לאָזט זיך פון זיין שווערן וועג ניט אָפּשרעקן. וואָרים: „שטראָמען" פליסן קיינמאָל ניט אַף צוריק. „שטראָם" גייט זיין עפּאָכע אַנטקעגן.

פון רעדאקציע.

מיר מעלדן דערביי, אז ניט אלע מאל קאָן די רעדאקציע פון „שטראם" ענטפערן באלד און אייגיין אין אויספירליכע שריפטליכע באציאונגן מיט די אלע, וואס שיקן צו זייערע ווערק זאלן אבער אונזערע כאוויירים - שרייבער, יונגע און אנפאנגער, זיכער זיין, אז זייערע ווערק באגעגענען בא אונז א כאווערשן ליב־לעכן אויפנאם, יעדער שאפונגס פרואוו ווערט בא אונז אפגעשאצט און אלץ, וואס שטימט, ווי אונז דוכט, מיט אונזער ליטעראריש־זוכערישן, ערנסט, וועט זיין אויסגענוצט.

אין דריטן „שטראם" וועלן געדרוקט זיין ווערק פון א ריי יונגע כאוויירים.

שטראם

כוידעש העפטן

3

נאר אונטער פעלזן הער איך
רינט און ריזלט פריש א שטראם.

א. שווארצמאן.

מאסקווע — 1922

הילע — מארק שאגאל.

דרוק־פעלערן:

זייט 4 שורע 9 פון אויבן לייענען — **קריינקט** אנשטאט קריינט.

״ 31 ״ 10 ״ אונטן ״ — **פון שטאל פון דמשק די הארטקייט**

״ 39 — דאס קאפיטעל „**דארשט**״ הייבט זיך אן פון „**א נאכט — א יאר**״ שורע 13 פון אונטן.

״ 46 שורע 14 פון אונטן לייענען — **נאכט** אנשטאט סאכט.

״ 48 ״ 12 ״ ״ ״ — **טעכטער** ״ טעכער

״ 53 אנשטאט שורע 14 פון אויבן לייענען — **מעלארישע בארעדעוודיקייט,**
וואס שפילט מיט אירע רעפרען־שורעס און איזי

״ 66 שורע 6 פון אויבן לייענען — **אבעראציע** אנשטאט אפעראציע.

אויסגאבע פארלאג „שטראם״

אידישע פאליגראפישע שול, מאסקווע

אינדערפרעמד

I

ווי שטאַרק און קלאָר...

ווי שטאַרק און קלאָר ס'ווערט אָנגערופן
זון, ערד,
אַזוי, ניט אַנדערש, ווער אָנגערופן איך, ווי זיי —
מענטש.

יאָ,
אין די ביינער־נעסטן פון מיין פּנים
לעבן אויגן.
אַ מויאַך איינגעוואָרצלט אין מיין שאַרבן;
ס'האָרך אויף זיין אָרט;
מיינע פיס, ווי זייערע, קאָנען שפּאַנען
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

פאַרוואָס־זשע מעסטן זיי מיך יעדער רגע,
שאַרף אַזוי,
מיט זייער גאַנצן פּנים־אויג?

— איז וואָס? —
האָט מיין טאַטע איבערגעקערט
אַ פּאָרל לאַגלען וואונדער־וואַסער
אויף דער לעכצנדיקער ערד?
איז זי לויטער דאָך געווען,
האָבן זיי אַליין זיך אויך דאָרט פּאַליוסקעט!
און איצטער איך —
לייג איך דען ניט מעכטיג קלאַפּטער...

גלייך מיט זיי:
צום ברעג, צום ברעג!
און כלינע ניט,
פאַרכלינע ניש מיין אָטעם!
פאַרוואָס־זשע גרויסן זיי זיך איבער מיר,
און פרעמדן זיך,
נעמען דורך מיט זייער קרומען פּנים־אויג?

און עפשער נאר דערפאר,
וואס כ׳בין ביים אַלטן טאטן מיינעם, נאך א איינגעל,
עפשער גאר דער קלענסטער,
פון זיין טיש און פון זיין סייפער
יונגערהייד אוועק זיך קלאפטערן צו ווייטע ברעגעס, —
דעריבער עפשער ארט מיך מערער,
ארט מיך ביז דער לעבער
זייער מעסטן מיך! און מעסטן!

אוי, סע קריינט מיך,
אז זיי מוטיען מיר מיין שטילע שטארקע ליבע,
און ברייגען מיך ארויס, צו אפט! צו אפט!
אף דער אלטער יאטקע=גאס,

ווען ז׳זאלן וויסן, ווי כ׳האב ליב אווישאנ האשונאמיס —
אז מיר קומען שעמעוודיק אין אוונט זיך צונויף,
זי גיט מיר ציטערדיג איר הענטל —
פעל איך אויס צו קוקן איר אין אויגן,
כ׳שעם זיך, כ׳שעם זיך זעהר, דארט דעם מיילעך טרעפן...
און אין פארטאגן גיט מיין הארץ זיך איבער צו יונגער כאכמע

ז׳זאלן וויסן, ווי כ׳קוועל אן, א שטיינער,
ווי ס׳איז פול מיין הארץ מיט גוטסקייט,
ווען כ׳זיץ גאנץ שטיל אויף אלע פיר
ווייט ביי יענעם מאן, וואס האט די ערשטע שריפט
מיט טעמפער דאלעטע געפורעמט.
דערגאך זיין טרוים דערזעען שוועבן,
זיין טרוים דעם איינזאם-פריילאכן
אין שורעס—הירשן הערנערדיקע,
שטארקע!

II

ווען כ׳קוק אף די שטערן...

ווען כ׳קוק אף די שטערן,
אין ווייט און טיף, אין פרעמדער —
דאכט זיך מיר אמאל:
אן אור-אלטער, פאמעליכער,
שטאַק-אלטער ווינט
שיט און שפרייט א שווערן מירבאַר-זאמד, א וואלקן,
אויף לאנד און שטעט, —
שטעגן, וועגן, לעבעדיג און פריילאכע — באגראבן

מויכעס אפענע — געשלאסן.
און אַלטע פאטערס שוין בארוהיקט,
וואס קינדער פאלגן ניט.
און מוטערס אַלטע, אָפגעוואוינט זיך,
שמועסן מיט זיך פירן.

און צארעס ווערן נישטיג, פונקט ווי פליגן,
און פריידן ווערן נימעס, פונקט ווי מוקן.
און שפראַך-פּיפּקעלעך די גרינינקע אף פלאנצן —
ווי אפגענומען מיט דער האנט.
טאלן אויפגעהויבן גלייך מיט בערג.
א רויטער נעפעלדיגער מידבאר — די קיילעכדיגע ערד.

אין רויטן נעפל שלעפן אום זיך
לאַנגע גראַע צויגען,
גוואלדאוונע לאנגע,
גוואלדאוונע גראַע,
לאזן פון זיך אפ א שלעכטן רייאך.
און נאך זיי — הינטעלאך,
הערדעס-ווייז, צעשויבערט,
הינטלאך מערער, א, פיל מערער, ווי די צויגענס הייטערס! —

גאר אָן אויגלאך
נעזלאך שווארצע, פייכטליכע,
גארענדיקע, זשעדנע.

און מיר אין רויטן מידבאר-נעפל —
אן אנגעשראקן קליינע מאכנע
מיט צעשמיסענע געצעלטן.
א פאכעד אָפענער
א בייזע מוירע,
וואס קאָן פון הימל קומען,
פון יעדער קער און ווענד דער וועלט׳ס, —
אף אונז, אף אונז.

מיר אלע האבן דאַפקע געטלאך.
נאר אָנגעשראָקענע, האבן מיר פארוויקלט זיי,
באַהאלטן זיי אין טעפ,
און שעמען זיך
און האבן מוירע זיי צו דינען און צו בעטען.

און קיין איינער ניט פון אונז קאָן אפילע קלאר ניט זאגן,
צי שטאמען מיר, צי שטאמען טאקע

פון אן אלטער שטאלצער מייסע. —
נאר איינס באַנעמען מיר מיט מורא
אז מוישע איז געשטארבן,
אז ארן איז געשטארבן,
און שווער איז דערימען,
שווער, און סאקאַנעסדיק שטעלן א טראט!

III

איינער א הארבסט...

איינער אַ האַרבסט האָט געוואָרט אף מיר, —
און מיך אָויעקגעפירט פון מיינע שטעט.

מיין אינגלשן קריג ניט פאַרענדיגט,
ניט שלאָפן באַלייגט מיינע טויבן,
דאָס וואָרט ניט געזאָגט מיינע מיידלאך,
ס׳געפייערט, געכאָוועטע וואָרט.

איינער אַ האַרבסט האָט געוואָרט אף מיר, —
און מיך אָויעקגעפירט פון מיינע שטעט.

ס׳אַ וויטאָק אויסצובריינגען מיינע טעג אין דער פרעמד! —
כ׳שעם זיך דאָ
מיט פיירעס צייטיקע מיין יוגנטס. —
כ׳שים זיי אויס,
ווי שאָלעכץ גישמיקן
אף פרעמדן פלאַץ,
און שרעק זיך —
ס׳קילט און קילט אין האַרץ.

קומט מיר טאַקע פאַר די אויגן
ס׳יונגע קאַלב אף פרעמדן פיינטליכן יאריד.
בייטש קווישיגע און ביינער-פינגער
איבער קאַלב —
איבער נאַקעט, וואַרעם קאַלב.

שפיל איך זיך אין צימער
אין דער פרעמד:
אָט געמאַכט: אַ הימל קליינינקער,
האַלב-אָנגעמערקט לעוואָנעלע,
איין בוימעלע, איין בוימעלע —
אַ גרינס.

שלאָגט זיך אָן מיין האַרץ אויף דעם,
הייבגט זיך אָן —
און רוט אף דעם...

נאָך דער הימלשער אַגאַלע
ווייס איך וואו סע שטייט מיין היים —
פינקט אַנטקעגן רעדער הינטערשטע
שטייט מיין שטיבל אף דער וועלט:
ביים הינטערשטן פענסטערל
ציט זיך דער אייראָו,
ביים פאָדערשטן וועגטל —
די קייט פונם הונט,
אין אונטערשטן פענסטערל
פינקלט דער זון-באַרג,
אין קליינינקן קיכל —
ציקאָריע זיך קאָכט.
פלעגן וואונדער-פאַרטאָגן
מיר קומען צו כאָלעם
און מורמלען:

„ווערסט אונטערוואַקסן,
זיך אָנטרינקען ציקאָריע, —
ווערסטו אַוועקגיין מיט אונז,
וואו מיר'ן זיך שפּילן,
ווערסטו אויך.
וואו מיר'ן זיך פרייען,
ווערסטו אויך.
וואוהין מיר'ן גייען,
ווערסטו אויך.”

איצט קאָן איך די פאַרטאָגן
ניט דעריאָגן —
מיך שלעפּט אַראָפּ די פרעמד
און ווען איך טרעף זיי אָן אַמאָל —
טרינקט זיי אויס די פרעמד.
די פרעמד, ביז בלוט קאַלטבלוטיגע,
ווי גומען טעמפּ איר לופט...

ל. קוויטקאַ

7

ד. בערגעלסאָן

באַטשקאַ·

(פראַגמענטן פון אַ ראָמאַן).

הויך איבער טענענבוימער׳ס שפּיצן, איבער פאַטלאַטע קעפּ פון הונדערט־יאָריקער אַליבע האָט נאָך העל דערבּרענט די צווייטע האַלבע פון איינעם אַ לעצטן זומער־טאָג, געצונדן פעדימער פון גאָלד, פאַרמילעט שטראַלן אין גרינער שאַרף פון נאָדלען, און פון אונטן אויף זומפּיק קילן באָדן אַרום צעהאַקטע צווייגן, אַרום זעגיכץ און אומגעוואַלגערטע שטאַמען, האָבן פרי־ביין־האַשמאַשעס שוין געקילט די שאָ אַנטקעגן נאַכט. שאַטנדיקע לופט האָט זיך געשוואַרצט, ווי שטילער סאַמעטענער טונקל. באַטשקאַ און זיק — דאָס איינציקע „פאַרל" דאָ אין טיפער געדיכטעניש פון וואַלד, האָבן שוין געהאַט אוועקגעלייגט די העק, פויל געקלעטערט אַרום רויכערדיקן פייער, געשטופּט אין פלאַם אַריין די פיס און געטריקנט אויף זיך די צעווייקטע פאַסטעלעס אינאיינעם מיט די שמאַטעס — זיי האָבן אין יענעם טאָג געאַרבעט קנאַפּ. זיק, דער לאַנגער מיטן שראַם, ווי אַ קליינע האַלבע לעוואָנע, באַם לינקן אויג, האָט אין יענעם טאָג פון אויבן אַפן בלויען העמדל אָנגעטאָן די אַמעריקאַנער שלייקעס, (אַ זייכער, אַז ער איז פאַר דער מילכאָמע געווען אַן אַרבעטער אין טשיקאַגאָ).ער האָט נאָך גאַנץ פרי מיטן טאָגליך געפּאַקט אַ יונגע גויקע ערגעץ ווייט אין טרוקענעם טייל פון וואַלד — אַ מין אַגונ׳קע, וואָס גייט זוכן אַרבעט אין ווייטלעכן זומפּיקן כוטאָר. ער האָט מיט איר פאַרפירט אַ שמועס, געוואוירע געוואָרן, אַז איר מאַן האָט מען געשעטעוועט באַלד נאָך דער באַפרייע, ווייל ער איז אויך ווינטער־צייט אינאיינעם מיט די „גרויסע" געגאַנגען אויף קיעוו. ער האָט די יונגע גויקע געבראַכט צו פירן אַהער אין דער ווייטער זומפּיקער דעליאַנקע און זיך אָפּגעהאַלטן אַן אייצע מיט באַטשקאַן.

— לאָזן זי דאָ! אַ? וולאַדימיר...

ביידע האָבן זיך אַ ווײַלע דורכגעשמועסט מיט האַלבע ווערטער, געשפּיגן קונציק אויף גאַנצע קלאַפּטער פון צווישן צענויפגעדריקטע ציין און געקוקט מיט באַמער־אייזלדיקע אויגלאָך צו דער יונגער גויקע, וואָס שטייט די גאַנצע צייט אין בעקאַוועדיקער ווייט, כיינדלט מיט די אַראָפּגעלאָזטע בליקן און פליקט פון נידעריקן קוסט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. זיק׳ס לאַנגער פּאָנים מיט די אומרואיקע אַנגלען האָט זיך געבעטן ווי דער פּאָנים פון אַ ניגזל:

—זאָל זי בלייבן אַ? וולאַדימיר... זאָל זי צענויפלייגן די קלאַפּטער, אַ פּויזע.

—בלייבן? אַ? וולאַדימיר?

באַטשקאַ האָט סאָף קאָל סאָף געטאָן אַ קליינעם שאָקל מיטן קאָפּ. פאַרגלאַנצט די סאַמעט שוואַרצע אויגן צום שטערן צו, גלייך ס׳איז אים שווער אַ שלונג צו טאָן, ווי זיין שטייגער, אַ גלעט געגעבן די גרויסע וואָנצעס אויף רעכטס און לינקס. געהייסן האָט עס:

— בלייבן.

א שא פיר־פינף האט דאן די שארפע זעג שטייפער ווי טאמיד געארבעט איןביידנס מוסקולדיקע הענט; און ארום אין דער גאר ווייטער וואלד־שטילקייט איז ניט געווען ווער סע זאל הערן, ווי שארפער געביינדלטער שטאל שלייכט זיך הין און צוריק איבער גראבן און פייכטן קלאץ און זעגט מיט געדולדבארער קראפט מיט שטילן נאכקלאנג און מיט טאקט, ווי א רעגלמעסיקער אטעם.

זיי האבן ניט אויפגעהערט צו ווארפן ייצער־הארע־אויגעלאך צום רויטן קורצן קליידל און צו די פארביקע רויטע פיס, וואס זיינען נאקעט ביז איבער די קניען. זיקס אומרואיקע שווארצאפל האבן זיך געקוויקט:

— א פאר יאדערדיקע פיסלאך... פון גאט, א?

— יעס, יעס, האט ער פרייליך מיט זיינע פלוידערדיקע אמעריקאנער ווערטער אופגעוועקט אלע מאל א נייעם מיניען ווידער־קוילעס אין דער נאענטער און עקסט־ווייטער שטילקייט פון וואלד.

און פון דערווייטנס, פון צווישן די גראבע שווינדלדיקע שטאמען, האט זיך די גאנצע צייט געזעען, ווי די יונגע גויקע מיטן אלטן פארביקן שאל, פארבונדן ווי א צוילעם איבער אירע פולע ברוסטן, טראגט לעפיש צונויף די גראבע אנגעזויגענע שייטער, דריקט זיי שווער צום הארצן, בעאיים זי לייגט זיי פינקטלעך אין קלאפטער און שעמט זיך א קוק געבן אהער צו די מאנסבילן, וואס זיינען מיט איר אן א שוימער דא אין טיפן וואלד.

— ארבעטן! ארבעטן... ניט געשטאנען.

בא די מאנסבילן האבן מיט אומבאשיידטן אימפעט זיך געשלייבט הין און צוריק די הענט.

נאר מיט די ערשטע קאפע יטראלן פון דער זון האט דעם לאנגן זיקן זיך פלוצים פארגלוסט צוצוגיין און א קוק געבן, ווי דאס ווייבל ארבעט. פון ווייטנס, פון צווישן די בוימערס גראבע שטאמען, האט באטשקא געזען, ווי זיק פארפירט א שמועס, ווי ער נעמט זי פאר ביידע הענט און ווי ניט גלויביק די גויקע מיט די צוויי יונגע אויגן, ווי גרויסע גרינגבלעכע וויינטרויבן, בלאזט דעם גוידער. זי שעמט זיך און היט פון אים אין א בעקאוועדיקער ווייט איר פיסק. נאר שעמעוודיק אזוי שלעפט זי זיך אים דאך נאך צו די האלב־טרוקענע גרעזער, וואס אונטער די פריש־צענויפגעלייגטע קלאפטער, שפארט זיך אלץ צוריק און ווערט דארט מיט אים פארשוואונדן. עס גדויערט אזוי א ווײַלע. און דעם אנגעשרייענגטן אויער באלעמט זיך פון דארט א געראנגל פון צוויי לייבער.

יעס, יעס! האט פון אונטער די קלאפטער זיך ווידער אנגערופן זיקס פלוידעריק קאל. און נאכדעם איז געווארן שטיל. א וואלד־פויגל, א דערשראקענער, א גרא־שווארצער, ווי די טונקלקייט פון טבילאס נאכט איז נאר ערגעץ דארט אונטער די קלאפטער ארויס פון זיין נעסט און האט אהער א פלי געגעבן אזוי נידעריק איבער באטשקאס קאפ, אז ער האט בא זיך אפן רוקן דערפילט דעם שרעקיקן פאך פון זיינע היפשע פליגלען.

באטשקא האט זיך אנגעבלאזן, ווי ער וואלט אף עמיצן געהאט א רויגעז, ער האט אפגעטראטן אין א זייט, פארדרייט פון מאכארקע א ציגאר און זיך אראפגעזעצט באם רויכערדיקן פייער מיט די פלייצעס צו די ווייטלעכע פאר קלאפטער

און צו דעם, וואָס אונטער זיי קומט פּאַר. צוליב עפּעס האָט ער אַ נעם געטאָן די האַק, וואָס איז דאָ נאָענט געלעגן, אַ פּרוביר געגעבן איר שאַרף, נאָר באַלד אַוועקגעוואָרפן, זיך פאַרקליבן אין אַ דרייעקיכדיקן שמאַטעריקן ביידל, וואָס האָט זיך דאָ ניט ווייט געבראָדיקט, זיך אומגעקערט פון דאָרט מיט אַ פאָטאָגראַפיש בילדל פון אַ שיקסל און זיך אַוועקגעזעצט בא דער זייט פון פייער אַף אָט דעם שיקסל קוקן.

דאָס שיקסל אפן בילד, וואָס באַטשקאַ האָט לאַנג געהאַלטן און באַטראַכט, האָט אויסגעזעען צו זיין אַ זעלטנס אַ וואוקסיקס מיט אַ פּאַררים נעזל און מיט גראָע פריילעכע אויגעלאַך, וואָס זיינען טאָמיד גרייט שעלמיש אַ וואונק צו געבן. דאָס אויבערשטע ליפּל איז בא דעם געווען אַ פּולבליכס אַ פאַרקאַשערטס. אַזוי אַז טונקעלע ליידנשאַפטלעכע ציינדלאַך האָבן פון אונטער דעם אַרויסגעקוקט פריילאַך מיט אַ בייסיק צאַפּלענדיקן באַגער און מיט כיישעק אונטערצואָווינקען:

— שעם זיך ניט, נאַרעלע... נו... גיכער... זאָג אויס.

בא אַ רעכטן מאַנסביל האָט שוין פון אָט דעם בליק אַליין געקאָנט זיך אונטערברעכן דאָס האַרץ, דערצו נאָך האָט זי געטראָגן אַ קלינגעדיקן יאַמטעווער נאָמען: „פּראַסיאַ!“

— פּראַסיאַ... פּראַסיאַ....

זיצנדיק אַף אַ מאַלפּישן אויפן אָנגעבויגן באַם פייער האָט איצט באַטשקאַ ביינקענדיק אַריינגעקוקט דעם פאָטאָגראַפישן בילדל אין פּאָנים אַריין און האָט געדרימלט ערגעץ טיף אין זיך מיט אַלע זיינע געהירן, וואָס זיינע נאָגנדיקע אויגן האָבן זיך אַריינגעזויגן אין דעם שיקסלס אויגעלאַך, איגס נעזל און אין די ציינדלאַך, אַלץ שטאַרקער האָט בא אים געזונגען אונטער דער ברוסט. אַלע דעגעס האָט מער באַנג געטאָן דאָס לעבן פון פאַר אַ יאָריקער פריער צייט. דער נאָז האָט גלייך פאַרשמעקט מיט די דעמאָלדיקע זנוס־זאַטע אָסיען־טעג, מיט נעלע בלעטער, וואָס שיטן זיך פון די בוימער ווי פון צעפּוילטע קישנס פּוך און דער זיקאָרן האָט גלייך אַהין פאַרטראָגן... ווען איז דאָס געווען? פּאַראַיאָרן, פּאַראַיאָרן.

ד.

אַף גרינגלעכע וואַלקנדיקע פעלדער מיט אַ ברייטן, ניט ברוקירטן שליאַך, צווישן הויכע גראָבנס איז געגאַנגען אַ פּאָלק, וואָס שפּרייט מורא איבער דער גאַנצער געגנט — בא „האַרן“ דעם לאַנגן גרעניץ־טייך. ער האָט אַוועקגעלייגט בא זיך די אָפיצירן, אָט דער פּאָלק, און האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף מער קיין עלטסטע ניט האָבן. ער האָט אַליין אויסגעקליבן פון זיך איינעם אַ געוועזענעם דיוזערטיר אַ דריי בענדלדיקן ווזוואָרנעם קאָמאַנדיר, וואָס פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פערד, דאָס איז וולאַדימיר באַטשקאַ אַליין.

— באַטשקאַ! האָט מען צו אים פון אַלע זייטן געשריגן—וואָס שטייסטו? האָסט דיין אייגנס אַ פערד, טאָ פאָר אַרויס פון פּאָלק אַ פריער! זיי אַ קאָמאַנדיר!

און פון דאַמאָלסט אָן רייט ער טאָמיד פאַמעלאַך פאַראויס דעם פּאָלק אַף

זיין בולאַנעם פערד. ער קערט זיך ניט אַרום צוריק צום טויזנט קעפּיקן פאָלק. ער הויבט נאָר אויף פאַר אַ צייכן די האַנט און דער גאַנצער פאָלק לאָזט מיט אַמאָל אַרויס אַ פרייליכן „וועמען הער איך“ געזאַנג — אַ פרייען, אַ ברייטן, ווי די וועלקנדע פעלדער אַרום, ווי דאָס לעבן, וואָס האָט שוין ניט אויף זיך גאַנצע זיבן כאַדאָשים ניט קיין צאַר, ניט קיין פּאַריץ.

אור־ליאַ, אול־ליאַ.

אור־ליאַ ליאַ!

זינגט דער גאַנצער פאָלק און באַלעבטע און טעמפּע פּענימער גיסן זיך אָן מיט רויטן קויאַך און בליצן מיט היספּאַילעס אין דער אַרויסגערוקטער קאָזאַקן־פּייע, מיט בוהאַי־קראַפט אין באַפרייטן רירעוודיקן אַקסל. אַקעגן פאַרנדיקע פּויערים האָבן אויסגעגלאָצטע אויגן, בעאַיים זיי טרעטן אָט דעם פאָלק דעם וועג אָפּ, און אידן אויף די וואָגנס טוליען זיך איינער צום אַנדערן, קוקן מיט גרויל אויף די סאָלדאַטנס לאַכנדיקע ציין, שרעקן זיך פאַרן אָפענעם וואָרט „זשיד“ און זיינען זיך עפּעס ווי טויע, קענען עפּעס אַלץ ניט פאַרשטיין...

איז גוט אַזוי און פרייליך.

פּריצים צעלויפן זיך. אומעטום וואוהין דער פאָלק קומט, טרעפט ער פּוסטע, פאַרהאַקטע הויפן און צופרידענע פּויערים, וואָס קראַצן זיך קלוגעטשקערהייט אין דער פּייע.

נימאַ פּאַניוו — זאָגן זיי צו די סאָלדאַטן — „פּאָוטיקאַלי!“ און סאָלדאַטן לאַכן.

דער פאָלק זאָגט אומעטום אויפן וועג, אַז ער שלאָגט זיך דורך אַהיים — ער וויל זיך מער ניט שלאָגן אויף די פראָנטן. נאָר אין זוויל — דער הויפּט־שטאָט אין דאָרעם — פאַרהאַלט ער זיך דאָך בײַ אַ כוידעש צייט. דאָרט אינם גרויסן, ווייסן הויז אויף דער הויפּט גאַס וואוינט פּראָסיע. זי איז אַלט סאַכאַקל נײַנצן יאָר, נאָר זי האָט שוין באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן, זי דינט דאָרט אינם ווייסן הויז — זי זויגט אַ קינד בײַ אַ אידן.

אַלע אָוונט זיצט דאָרט באַטשקאַ אין אידישן גאָרטן אויף דער געשלאָסענער בלינדער ווערענדע, ער איז אָנגעטאָן אין אַ ענגן אָפיצערישן שינעל און זיינע נייע שוואַרצע שטיוול טרעטן דאָרט אַריין אין געלע אָפּגעפאַלענע בלעטער, ווי אין עפּעס נוויילעדיקס און ווייכס.

אַז פּראָסיע קומט צו אים אַרויס, זעצט ער זי אין שטאָק פינסטער צו זיך אויף די קניען און שמעקט איר פּונם מיילכל, זי הויבקעט אים אומישנע גלייך אין נאָז; הויבקעט, הויבקעט מיט אַ רייאַך פון מיאַטנע צוקערקעס אויסגעמישט מיט אַ גערוך פון זנוסיקער אָסיען־נאַכט. נאָר אַמאָל גייט איר אויך פון מויל אַ שטאַרקער רייאַך פון ציבעלע, דאָס האָט זי זיך בעקיוון אָנגעפּאַקט מיט האַרבע מייכאָלים אויף צולאַכעס איר אידישער באַלעבאָסטע, וואָס שטאָפּט זי מיט מילך און מיט אייער, קעדיי דאָס אידישע מאַמזער זאָל איר פעט ווערן.

און וואו איז איר פּראָסיאַס אייגן ניפּעלע אַהינגעקומען?

—געבליבן אונטערגעוואָרפן ערגעץ בײַ איר פאָריצל נעבן בייס־האַקיסע און זי ווייס אפילו ניט, צי עס לעבט דאָרט נאָך, צי ניין. פּראָסיאַ וויל אויף צולאַכעס, אַז דעם אידישן מאַמזער, וואָס זי זויגט זאָל איצט קאַליע ווערן דער מאָגן. זי עסט אומישנע האַרבע זאַכן — זאָל עס „נעגנען“ צו אַל די רובעס, ווייל ווי אויף

צופוקעניש באקומט זי עס פון טאָג צו טאָג אַלץ מער ליב אָט דעם פּרעמדן מאַמזער, אַזוי די באַלאַבאַטים אירע זיינען דאָך „זשידעס".

— מען דאַרף זיי אויסקוילען אַלע דאָ אין שטאָט, אָט די זשידעס. ניט עמעס? אַ? באַטשקאַ, וואָס זאָגסטו גאַרנישט?

און זי פּאַטשט אים איבער דער פּריש אָפּגעגאָלטער העסליכער מאָרדע און שלעפּט אים בא אַ וואַנצע, ער זאָל זאָגן.

באַטשקאַ שמורעט צו זיך אין דער נאָז און דרייט גרינג מיטן פּאָנים, קעדיי די וואַנצע צו באַפרייען, ער דריקט זי צווישן די קניען, בעאיים זי זיצט בא אים אין שויס און פּילט, ווי אירע פּיס אונטערן לייכטן קליידל זיינען גלאַט און דראַטיק. דעם עמעס זאָגנדיק איז אים איצט אַ קליינער כילעק, צי מען וועט זיי אַלעמען אויסקוילן צי ניט, אָט די זשידעס — ער האָט ליב פּראָסיאַן. אַז ער נעמט זי אַן פאַרן פולן בוזעם, ווערט אים אַ שאַד, וואָס עמ׳צער זויגט זיי, אָט די פולע הארטלעכע ברייסטלאַך, ער וויל זיי אַ בים טאָן.

— דער איקער — זאָגט ער, — וואָס קוילן דאַרף מען... אַלע האָבן זיך אָנגעזויגן...

אוןביידן ווערט דערפון געלענדערדיק און פריילאַך.

—וועמ מען קוילן?

באַטשקאַ שמייכלט אין נאָז אריין:

— נאָך אַ מין!...

געטונקלט האָט זיך דעגאָלט די שטאָט ווייט אונטער נידעריק־פאַרכמורעטע אָסיען־הימלען. טימשקעס הינט האָבן גאַנצע טעג באַשמעקט די צווייגן און סאָלדאַטן, וואָס קנאַקן יאָדערן, האָבן געקוקט מיט ווילדע אויגן, ווי זיי פּאַרלען זיך, אָט די הינט. קיל און בלאָטיק איז געווען אַף די וועגן. און נאָך יעדער שנאַף האָט אַ פּאַררויטלטע סאָלדאַטן־נאָז געוואָלט אָנשמעקן זנוסדיק ווייב אין דער לופּט, באַטשקאַ׳ן איז אויסגעפאַלן דער בעסטער כיילעק — ער האָט געהאַט פּראָסיאַן.

אין אַ נאַכט פון שאַבעס אַף זונטיק, ווען ער איז מיט פּראָסיאַן אַפן שויס געזעסן אַף דער געשלאָסענער אידישער ווערענדע, זיינען סאָלדאַטן אָנגעפאַלן אַף אַ נגידיש הויז אין צווייטן עק שטאָט נעבן דער שול, וואו מען זאָגט „סליכעס", פון דער שול איז מען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן מישפּאָכעסווייס, זיך פאַרשפּאַרט אין דער היים אַף אַלע טירן, איבערגעוואָרט אין גרויס שרעק אַ גאַנצע נאַכט און נאָכדעם זיך געהאַלטן אין איין דערפרעגן:

— מען האָט געכאַפּט, אַ?

— קיינעם ניט געכאַפּט?

ביז דער אָרטיקער אַפּטייקער — אַ איד, וואָס האָט פיינט אידן — האָט אָפּגעשטעלט איין אידן אין גאַס און האָט בא אים געפרעגט מעשומעדיק אַף שטיכיקן געלעכטער:

— זאָגט איך בעט אייך: ס׳איז דאָ ווער עס זאָל כאַפּן, אַ? ס׳איז דאָ?

עס איז געשען אין אַ בלאָטיק־וויסטן זונטיקדיקן פרי־מאָרגן.

די וואַסער אונטער די בריקן האָט דאַן געקוקט קאַלט און שווארצלעך, ווי

דער ברודיקער טייל פון ווינטער, וואָס רוקט זיך איר אַנטקעגן. און ליידיקגיי־עריש האָבן אַרומגעשנאָרעט אין מאַרק סאָלדאַטן — פוסט־און־פאַס, ווי יאָמ־טעוודיקע היצלעס, מיט שאַרפעלאַך אַף די העלזער, מיט פרעמדע אויפגערוי־טלטע פענימער, מיט אויגן וואָס קוקן עפעס אויס כאַיעדיק, טאַוועדיק און טעמפ.

אין עק שטאָט, באַ די פאַרבלאָטיקטע בריקן, איז מען געשטאַנען אַרום זיצנדיקע בעטלערס, וואָס פינטלען מיט בלינדע אויגן; געהערט, ווי זיי פרעפלען משואוועדיק און שפילן צו; געקוקט, ווי אַ בלינדנס ציטערדיקע האַנט פאַר־האַקט גאַלאָכיש קאָל מיט גרילין פון פאָנפנדיקע באַנדורעס („לירעס“, אַזעלכע אינסטרומענטן, אַף וועלכע ס'שפילן בעטלער). בלינדע פינטלדיקע ווייסלעכער האָבן, ווי טאָמיד געשראָקן מיט מערידיוודיקן יאָמהאַדין, מיט אוילאָם־האַבאָדיקן צאַר־און־צאָרן, מיט בלוט, וואָס וועט פאַרשווענקען אַ זינדיק־וועריםדיקע וועלט. נאָר דער סאָלדאַטישער אויער האָט שוין איצט געהערט אין אָט דעם פרעפלען עפעס מאַמאָשעסדיקס און נאָענטס, ווי אין באַנאַכטיקן בילן פון יאָמערנדיקע הינט. — אַף סאָלדאַטישע פלייצעס אי דעמאָלסט געהאַנגען אַ פריי־אַנגעלאָדענע ביקס, און פון מאַרק האָט זיך פלוצים דערהערט אַ שיסעריי. אַ געיעג און אַ געלויף צוריק — מען איז באַהאַלטן דאָרט און געראַבעוועט די ערשטע קלייט.

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן!... האָט מען געשריגן אין לויפנ־דיקער שרעק.

— און פאַרוואָס? פאַרוואָס?... אין טאַבאַטשנע פאַבריקע האָט מען ניט געוואָלט לאָזן פאַר סאָלדאַטן ביליק טאַבאַק.

די באַלעבאָסטע פון גרויסן ווייסן הויז האָט זיך דעמאָלט אין דרויסן גע־האַלטן אין איין רייסן מיט פראָסיאַן, זי זאָל אַריין אין שטוב צום קינד.

— זי שטייט נאַקעט אין דרויסן; זי וועט זיך פאַרקילן, פראָסיאַ—ס'וועט קראַנק ווערן דאָס קינד... נאָר פראָסיאַ האָט ניט געפילט, ווי יענע רייסט זי פאַרן קאָפטל און זי אָפגעשטויסן רעציבעדיק און ווילד. זי האָט געוואָלט שטיין אין דרויסן מיט די צונויפגעלייגטע הענט אַף דער ברוסט. זיך הויקערן, און ציטערן פון קעלט און קוקן, קוקן, ווי מען טראָגט דאָרט פון דער קלייט — מען הערט ניט אויף צו טראָגן.

—זינדיקט, זינדיקט, טייערינקע, — האָט זי שטיל געדאַוונט מיט קלאַפנ־דיקע ציין — סאַי ווי סאַי...

זי האָט פון ה'ייטנס געזוכט דאָרט באַטשקאָן מיט די אויגן און אים ניט געפונען. נאָר אויך פון דער שטאָט האָט מען אים דעמאָלט געהאַלטן אין איין זוכן, אָט דעם באַטשיקאָן. מען האָט באַשלאָסן אים פאַרלעגן געלט:

— זאָל ער אוועק פון דאַנען מיט זיין פאָלק ערגעץ אַנדערש... די שטאָט האָט שוין גענוג געליטן.

נאָר אַז מען האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאָלק וויל גאָר סאַי־ווי־סאַי אַוועקגיין — ער וויל אַהיים. שלעכט איז נאָר וואָס מען האַלט זיי דאָ — אַף דער באַן־סטאַנצ ע ניט מען ניט קיין וואַגאָנעס; מע זאָגט זיי:

— ס'איז ניטאָ.

— איז אַזוי גאָר?... אָט אַזוי־זישע רעדט!

דער אַפּטייקער — דער איד, וואָס איז געווען גאָר ניט קיין באַל־דאַבאָמים האָט מאַקע דעמאָלט סאַפּקאָלסאָף דערוויזן, אַז גאָר אַן אַנדער דין איז, אויב צו אים קומען אידן זיך בעטן — טויווע קאָן מען טאָן אַפילע ווערים. נאָר זאָלן ווערים וויסן, ווער ער איז.

דאָס געלט, וואָס די״שטאָט האָט געקלערט באַטשקאָן געבן, האָבן דורך אים גאָר צוגענומען צוויי באַאַמטע פון נאָענטן וואָקזאַל — די סאַמע עלטסטע. און פּראַכט־וואַגאָנעס פאַרן פאָלק זיינען מיט אַמאָל געוואָרן. אַלע דינער פון וואָקזאַל האָבן פּלוצים גענומען צואיילן דעם פאָלק, האָקן אים מיט גרויס געריישאַפּט אין האַלז־און־נאַקן.

— אַריינט! אַריינט!

— פאַרכאַפּט, פאַרכאַפּט די וואַגאָנעס.

— גיך, וואָס גיך הייסט.

— אַז ניט בלייבט מען ווידער אַ האַלב יאָר קסיידער; מען וועט גיין איינציקווייז צופוס...

און אין איילעניש האָבן זיך געפינכטערט די וואַגאָנעס; מען האָט זיך אַהין געקוליעט, געקוליעט — געפּעק איבער מענטשן, מענטשן איבער געפּעק, געהאַט נאַסע פאַרשוויצטע פּאַטלעס, קורצע אָטעמס. און אין ביידע גרויסע גלעקער קיין רעגע ניט געשוויגן — מען האָט געקלונגען אומישנע קעדיי צו פאַרגרעסערן דעם היילנדיקן געפילדער און פאַרטומלען אַלע קוילעס פון אַרויס און אַריין און פון „זיי געזונד“.

— בלייב געזונט, פּראָסיאַ!... אַ? פּראָסיאַ!

באַטשקאָ — דער סאַמע עלצטער — איז צום לעצטן מאָל דאָרט געשטאַנען אַנטקעגן פּראָסיאַן, געווען אויסגעפּוצט אין אַלערליי געווערן און קיין צייט ניט געהאַט זיך איינצוקוקן אין אירע פאַרטרערטע אויגן — אַזוי גיך איז מיט זיי דער לאַנגער פּראָנט־צוג פאַרשוואונדן.

די לאָקאָמאָטיוון — צוויי: איינער פון פאָרנט, דער אַנדערער פון הינטן — האָבן שטאַרק געזויבערט; די ערשטע סטאַנציעס, אַ וויאָרסט ניינציק, אַפּגעלאָפן אָן אָטעם, זיך ניט אָפּגעשטעלט. נאָר פאַרנאַכט אויף איינעם אַ גרויסן וואָקזאַל, אָוועקגעהיילט קלוימערשט טרינקען, אַנלאָדן זיך מיט קוילן, און זיך מער ניט אומגעקערט. פאַרשוואונדן, ווי ניט געווען.

האָט מען אַזוי אָפּגעוואַרט אַ גאַנצע קילע נאַכט, געבראָכן ברעטער צוליב די צולעגטע פייערס נעבן די וואַגאָנעס, זיך געוואַרעמט ווי די מאַלפּעס און אַליין געערדט ווען די צוויי פאַרשוואונדענע לאָקאָמאָטיוון.

אָט־אָ ריבעס! שוואַרצע אַזעלכע, פאַרקוילטע. און שווייגנדיקע, ווי שטומע — רעד צו דעם — ס'ענטפערט ניט. פאַרקעט, פאַרקעט, הייצט און דרייט און אַליין אָן לאָשן, ווי ס'זעט דיך ניט. אָט־אָ ריבעס! איז אָט פאַרוואָס דאָס האָט געשוויגן?!

— אָך, ווען מען פּאַקט זיי ביידן איצט.

און אין זוויל האָט מען מיט אַ מאָל פאַרגעסן. גלייך מען איז שוין דאָרט מער ווי אַ יאָר ניט געווען.

גאנץ פרי איז מען אוועק מיט די אנגעלאָדענע ביקסן אפן וואקזאל פאָדערן ניע לאָקאָמאָטיוון. אוועק איז מען אהין מיט אכזאָריעסדיקן זיכער. נאָר אומ־גערינט געטראָפן דעם גרויסן וואָקזאל פארוואלגערט מיט ברואים. פארכאַרקעט און ברודיק טונקל, ווי א קאזאַרמע. קייענדיקע און שנאָרכנדיקע פּעניִמער אַף די דילן האָבן זיך געטוליעט, ווי א ברודיק־קראַנקע אין א שפּיטאָל, געקוויטיקט און געשנאָרכעט מיט גרויסער גלייכגילטיקייט צו אלץ, וואָס אַף דער וועלט קומט פאָר. און אין זייטיקן ברודיקן צימער האָבן די עלצטע וואקזאל־לייט אויך אזוי גלייכגילטיק געקוקט אַף זיי, די אריינגעקומענע, וואָס שטעלן אַף זיי אן די ביקסן,—געפינטלט מיט די אויגן, קנאַפּ געהערט, וואָס מען רעדט צו זיי און פון גרויסן אליץ־איינס ניט אָבגעענטפערט מיט קיין וואָרט, גלייך זיי זייגען שוין טויזנט מאָל געשאָסן געוואָרן, און דאָס איבעריקע מאָל געשאָסן ווערן וועט אין זיי גאָרנישט אומבייטן — סאַי־ווי־סאַי לעבן זיי איצט שוין נאָכן טויט.

ראַמאָלט האָבן פאַרשיידענע סאָלדאַטן זיך גענומען אַנהענגען אָן פאַר־שיידענע צוגן, וואָס רוקן זיך אַדורך פאַרביי דעם גרויסן וואָקזאל. מען האָט זיך נאָר דערפרעגט:

— און קיין נאַטשאַלסטוואָ (עלטסטע־מאכט) איז שוין ניטאָ, א? — אין ערגעץ ניטאָ?

דער פאָלק האָט אָנגעהויבן אויסרינען, צעקריכן און ניט ווערן, און באַטש־קאָ און זיק האָבן גענומען אַרומשנאָרען צווישן די פילע עשאַלאָנעס (א צוג מיט סאָלדאַטן) וואָס שטייען דורכאויס אַף די רעזערוו־ליניען; אריינגערוקט אומעטום זיי נאָז און אומעטום נאָכגעפרעגט:

— וואוהין פאָרט מען, א? כאַווײרים?...

— אַהיים.

— און ווי לאַנג שטייט מען דאָ?

— פינף טעג.

— מיר א וואָך שוין.

— און מיר צוויי.

— און נאַטשאַלסטוואָ, א? נישטאָ?... אין ערגעץ נישטאָ?

נעבן איינעם גאָר אָן עקסטן עשאַלאָן, — א שרעקלעך לאַנגן און א זייטיקן, ווי א פאַרגעסענער — האָט זיך געדרייט א לאָקאָמאָטיוו, א גרויסער, א גרינגלעכער, קימאַט אַנייער. גלייך ער לערנט זיך נאָך צום ערשטן מאָל גיין, נאָר אַז ער וועט זיך איינשפּאַנען וועט ער אַוועק. קיין אויג וועט אים ניט כאַפּן.

— אַ, וואוהין פאָרט מען? — האָבן דאָרטן באַטשקאָ און זיק א פרעג געטאָן.

קיינער האָט ניט געענטפערט.

— מע פאָרט ניט — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער, נאָך גאָר א יונגער, וואָס לאַטעט דעם שינעל.

נאָר די איבעריקע האָבן דאָרט אין וואַגאָן א קוק געטאָן אַף אים ביין, גלייך ווי זיי ווילן זעען צי ער וועט נאָך אמאָל פּלאַפּלען צי ניין.

— אָט די פאָרן ערגעץ, א? באַטשקאָ?

— קלאָר.

און ביידע האָבן באַניים גענומען זיך דאָ אַרומדרייען, זיך שאַרן אַרום דעם עשאַלאָן.

פאַרנאַכטלעך האָבן זיי דאָרט אין עקסטן וואַגאָן באַמערקט איינעם אַ שוואַרצלעכן אין אַ סטודענטישן מאַנטל. ער זיצט אַפן מיסטיקן דיל צווישן אַ סאַך שלאָפנדיקע. דער דאַשיק פון דעם סטודענטישן היטל איז אים געווען פאַרדוקט צו איינעם פון זיינע ניט געוויינלעך גרויסע צעקנייטשטע אויערן, און אליין האָט ער אַף גיך געגעסן, געזופּט מיט אַ הילצערנעם לעפל פונם גרויסן שוואַרצן טאָפּ, וואָס שטייט בײַ אים צווישן די פיס; זיינע געשווינדע אויגן האָבן געפלויערט מיט די בליקן, אַפילע דאַן, ווען זיין מויל האָט אין איילעניש געקייט.

— וואָס דרייט מען זיך דאָ אַרום? —האָט ער סאַף קאָל סאַף בײַ באַטיי־קאָן און זיקן געפרעגט.

— מ'וויל אויך פאָרן — האָבן ניט זיכער זיך אָפּגערופן יענע.

—וואוהין?

—וואוהין איר פאָרט.

— וואוהין מיר?

דער שוואַרצלעכער אינם סטודענטישן מאַנטל האָט מיט אַמאָל אויפגע־הערט קייען. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און זיך גענומען מיט זיי שעפּטשען.

— קיעוו ברענט — האָט ער זיי דערציילט.

— וואָס הייסט?

— אַזוי, פון אַלע דריי זייטן ברענט עס.

— שוין לאַנג?

— דעם פינפטן טאָג.

— ס'אי דען, אַ?

— מע וויל דאָרט אַרויפזעצן דעם אַלטן צאַר.

— איז וואָס דאַרף מען טאָן?

— פּכע... צו הילף גיין אונזעריקע — די „גרויסע"...

— און מיר זיינען דאָך אויך „גרויסע"...

— איז וואָס־זשע שטייט איר?

— נו וואָס זאָלן מיר טאָן?

— איז אַריינעט אַהער צו מיר אין וואַגאָן. אַף גיך, אַף גיך. אַט גייט צו דער לאָקאָמאָטיוו.

איז אַט: אין דער פינסטער האָבן זיי זיך דאָרט אין וואַגאָן אָנגעטראָפן מיט אַנדריוקן — דעם דרייער און צעטראָגענעם פּלוידער־זאַק, וואָס האָט אַ ברודיק, אַ שטעכיק פּנים מיט אָן אַ שיעור כּיטרע, טיפע קנייטשעלאך אַף די באַקן, און מען קאָן ניט וויסן, צי ער איז יונג, צי ער איז אַלט. באַנאַכט, ווען דער צוג האָט שוין שטאַרק געטרייסלט און אַלע אַרום זיינען געשלאָפן, האָט ער זיי געוואונקען אַפן שוואַרצלעכן אינם סטודענטישן מאַנטל, און זיי בעסאָד דער־ציילט, אַז דאָס איז פעטרון — אַן אַגיטאַטאָר. — ער פירט אַלעמען אַף קיעוו. ער האָט שוין אַ סאַך עשאַלאָנען אָוועקגעשיקט, און איצט פאָרט ער אַליין מיטן לעצטן. אים גלויבט מען. ער זאָגט דעם ריינעם עמעס.

פון דעמאָלט אָן האָט באָטשקאָ מער פּראָסיאַן ניט געזען. פּעטרון האָט אים ניט אויפגעהערט צו שווערן, אַז אַט, ווי ער זעט איר, פּעטרונען לעבן:

— פון דיר, באָטשקאָ, קען אַרויס אַ מאַזיק. הערסט וואָס מע רעדט צו דיר? אַ מאַזיק. קענסט לייענען און שרייבן?

— איך קען.

— איז אַט מער דאַרף מען ניט.

נאָר באָטשקאָ האָט געוואָלט, אַז פון אונטן זאָל שטיין פּראָסיאַ און זאָל הערן. זי האָט צוגעזאָגט וואַרטן און בענקען. אויב ער וועט אַזוי גיך זיך ניט אומקערן, וועט זי גיין צו אים, וואו ער זאָל ניט זיין. זי וועט אים אויפזוכן, געפינען. ער האָט געוואָלט צוריק צו איר, און איז געגאַנגען מיט פּעטרונען אַף קיעוו, און איז נאָכדעם מיט פּעטרונען פון קיעוו אַנטלאָפן. אים האָט די גאַנצע צייט געצויגן צו איר אַף דאָרעם, און אַליין איז ער אינאיינעם מיט זיקן געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער אַף צאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן דאָ אין שטילן זומפּיקן געדיכטעניש פון ווייטע אומבאַקאַנטע וועלדער. נאָר פּראָסיאַ...

— אַ? פּראָסיאַ?

צי האָט זי נאָך אַלץ געצויגן דעם פרעמדן אידישן מאַמזער? צי האָט זיך שוין ניט אומגעקערט אַהין צוריק איר פּאַריצל... צי עפּשער האָט זי אים שוין געזוכט אין קיעוו און איצט שפּאַנט זי ווייטער אַף צאָפן, אָט די פּראָסיאַ? מיגלעך, אַז זי גייט איצט און גייט. זי איז שוין נאָענט.

באָטשקאָ איז אַלע פאַרנאַכט אַפן וואָלפישן אויבן געזעסן באַם פייער, אנגעבויגן איבער איר קליינעם פאָטאָגראַפישן בילדל, געדרימלט מיט אַלע געהירן. נאָר וואָס לענגער זיין נידעריקער בליק האָט זיך איינגעזויגן אינם שיקסלס אויגעלאַך, אינם נעזל און אין די ציינדעלאַך, אַלץ שטאַרקער האָט בא אים געזויגן אונטער דער ברוסט, און דער שאַרפער אָנגעשטרענגטער געהער האָט זיך געצויגן צו יעדן מינדסטן שאָרך, וואָס קען אין דער ווייטער פאַרנאַכטיקער וואַלדשטילקייט אָנגענומען ווערן פאַר פרעמדע, אומבאַקאַנטע טריט. ביז איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָבן ווירקלעך פרעמדע אומבאַקאַנטע טריט אַהער אין דער זומפּיקער דעליאַנקע זיך דערהערט, נאָר שווערע אַזעלכע און ניט זיכערע, גלייך די טרוקענע צווייגן פאַרטראַכטן זיך דאָרט אַלע ווײַלע און קווינקלען: זאָלן זיי זיך ווייטער ברעכן אונטער אָט די טריט צי ניין...

8.

עס איז דעמאָלט ווידער געווען אַ שטילער זומערדיקער פאַרנאַכט — אַ לעצטער שוין, גאָר אַ לעצטער, ווי בא אַן אַלטן טאַטן אַ געראָטענער מעזיניק. אָנגעלעגט, ווי פאַר זיך אַליין, האָט זיך דאָן אין גאָרן וואַלד מאָדנע שטיל געוויקלט אַ געשאַנק — אַ פאַרשפּעטיקטער וואַרימלעכער שווייגן האָט זיך געדעמפּט ווי מיט אומזיכטבאַרן שמעקעדיקן רויך.

און ווידער האָט דאָן הויך, איבער פּאָטלאַטע בוימער־קעפּ, נאָך העל געברענט דער טאָג, און פון אונטן, אַף זומפּיק קילן באָדן האָט שוין פעסט געצויגן מיט קילן קעלער. באָטשקאָ און זיק זיינען אַלץ געזעסן באַם פייער, ווי אָן אָטעם, געהאַט אויסגעצויגענע פּענימער און געהאָרכט, געהאָרכט ווי שווערע טריט צעברעכן אַ צווייג ערגעץ אָ דאָ, אין דער אַרומיקער שטיל, צעברעכן גנייר

וויש, קווינקלענדיק, און בלייבן שטיל, וואַרטן אויס און דערנעענטערן זיך דאָ. קומען צו. צווישן די ווייטע גראָבע שטאַמען טוט דאָרט סאַפּקאָלסאַף אַ שווינדל עפּעס אַ שוואַרצס, אַ מיטלוואוקסיקס, אַ געפּאַקטס; עס פֿאַרשווינדט אַף אַ רעגע און באַווייזט זיך ווידער, שוין נענטער — אַ פּאָריצל איז דאָס, אַ ווילד־פּרעמדס. די גייע לאַקירטע שטיוול כאַפּן באַ דעם אַ קאָסע שטראַל פֿון דער זון, טוען אַ שוואַרץ־שפּיגלדיקן גלאַנץ און לעשען זיך צוריק אויס. עס קוקט זיך איין פֿון ווייטנס דאָס פּאָריצל. עס דערנעענטערט זיך און קומט צו מיט אַ קלוגעטשקן פּאָנים פֿול מיט קנייטשן, אַזוי, אַז מען קען ניט וויסן צי ס'איז יונג, צי ס'איז אַלט־אָט דאָס פּאָנים, און עפּעס שטאַרק קענטלעכס איז אין דעם פּאַראַן — ס'איז אַנדריוקס פּאָנים.

— אַנדריוק?... אַ? אַנדריוק?

דאָס פּאָריצל האָט פֿאַרמאַכט איין אויגל און מיטן צווייטן האָט עס געגעבן אַ ווינק. געהייסן האָט עס:

— שאַ!... ס'איז איך.

—פֿון וואַנעט איז? אַ? אַנדריוק?

— פֿון ווייט, אַזש פֿון אונטער כאַרקאָוו.

— און ווער האָט געשיקט?

— פּעטרון. ער אַליין, — מיך אויסגעפּוצט. אָט ווי איר זעט... געהייסן אייך אויפֿזוכן — ניט קומען אַליין. און געלד אויך געגעבן אַפּן וועג. מיך אויסגעפּוצט, אַ?

אַנדריוק האָט געקוואַלן מיט די ציין. דער גייער שוואַרצער אַנצוג איז אַף אים געזעסן לעפּיש און שטאַרק גראַם. דער רויטער שניפּס איז אים געווען פֿאַררוקט אָן אַ זייט, און אַפּן האַלז האָט ער געטראָגן עפּעס אַ מאָדנעם פֿאַפּירענעם קראַגן, אַ שטאַרק ווייסן, אַזוי, אַז נעבן אים האָט זיין גראָבער צעהאַקטער האַלז מיטן געקנייטשטן פּאָנים אויסגעזעען שטאַרק ברוין, ווי מיט סמאָלע אָפּגעשמירט.

———

טישרעדיק איז געווען פֿון אויבן, העכער דעם גאַס רעגן. און פֿון אונטן האָט אַ גרויסע הילצערנע באַן־סטאַנציע געשטעקט אין טונקלקייט, ווי געדראָלן — איר נאָמען איז געווען אָפּגעמעקט, אָפּגעריבן. אַ באַן־סטאַנציע האָט ווי אַף אייביק איר נאָמען פֿאַרלאָרן, פֿאַרלאָרן.

באַלאַגערט ווי אַ נעוויילע, האַלט דאָרט שאָען־ווייז אַ לאַנגער שלעפּ־צוג איין רעגע פֿאַר אָפּגיין — ער מיט די אומזיסטיקע הענט און פֿיס, וואָס באַהענגען אַלע זיינע דעכער און זיינע טרעפּ און מיטן אַלטינקן לאָקאָמאָטיוו, וואָס שווענקט זיך מיד פֿון פֿאָרנט, שמעקט מיט קריינקלעך־הייסן אָטעם פֿון איבער־געברענטן בוימל און רויכערט אומגלויביק:

— שלעפּן ווייטער, אַ? כ'וועל דערשלעפּן?

אַ מעוואוסעמדיקע בריע שאָקלט זיך אום דאָרט, ווי אַ קליפּע פֿאַרביי די רעדער; אַ שמייכלדיקע בריע, טראָגט אַ קנעפּל פֿון אַן אינזשענער באַם היטל, האָט אַ רויטע נאָז און טייטלט אַלץ אַפּן לאָקאָמאָטיוו מיטן שטעקן:

— פֿאַרמאַטערט, אַ? גוטער ברודער. אַ שווערע עלטער. זאָג דעם עמעס: ניט באַדאַרפֿט גאָר אָנהויבן, — מיר האָבן פֿיינט מאַשינען. בע — מיר רוסן...

סאַד־קאַל־סאַף דירט דער צוג פון אַרט.

אין פול געפאַקטן וואַגאָן, וואוהין דער, וואָס מיטן אינזשענער־קנעפּל קוועטשט זיך אַריין, איז האַלב פינסטער. אין רויכיק־שטיקנדיקער לופט בלאָזן זיך אָן אַ שיר מטושטעשע פּנימער, גראַגערן ווי אַף אַ שמיידיק דורשטיקן יאָר־יאַריד; און דער וואָס מיטן קנעפּל, זיצט דאָרט אין גרוים ענגשאַפּט אַף אַ באַנק, שמייכלט מיט דער מעוואוסעמדיק־רויטער נאָז און האַלטביידע הענט אַף דער גאַלקע פון זיין שטעקן.

— אַ רוסישער מענש, זאָגט ער, — האָט פיינט מאַשינען. כע! רוסישע ערד איז ברייט און ווייך. אַקער זי כאָטש מיט אָט דעם שטעקן. און אַ מאַשינע איז טאַמע. אַלץ פון אים, פון אַנטיקריסטוס, קומט זי... כע!

ער ווינקט צו זיין שאָכן, אַן אַלטן פויער. ער הערט ניט אויף צו ריידן:

— אַ רוסישן מענטשן האָט מען אַ באַן אָנגעהאַנגען, וואָס? אָנגעהאַנגען, אָנגעהאַנגען. און פּלוצים הויבט ער אָן דעקלאַמירן:

Прямо дороженька: насыпи узкие,
Столбики, рельсы, мосты.
А по бокам-то—все косточки русские...

— אַלץ ביינדעלעך רוסישע.... כע!

נאָר קיינער הערט אים ניט. פויערשע קלומקעס שטינקען דורכאויס פון אונטער געזעסער און פון אונטער ביינק. פויערים ווערטלען זיך פון איבער ווענטלעך פון איבער פּעק און — אַלץ וועגן דעם דייטש, וואָס האָט שוין אויך עפּעס אומרואיקעס בא זיך אין דער היים; וועגן די פּריצים, וואָס צעלויפן זיך שוין ווידער אין גרוים שרעק:

— זיי לאָזן איבער האַק און פּאַק.

— העפקערדיקע הויפן.

עמיצער רויכערט, רויכערט און שפּייט אויס:

— איצטיקס מאָל — אַן עק, אויס... כאַפּסט אַ פּאָריץ, שפּאַלט אים דאָ אָפּן אָרט, ווי די בוטוויניקער — זייער גראַף. אַז ניט, קומט ער נאָכדעם ווידער.

—אָט, אָט, אָט — אַ גיבטיקס איז עס, אָט דאָס פאָלק.

— און אידן אויך; אידן זיינען מיט זיי.

— ניין, וואַרט. איך קען אַ אידן....

— שאַ, דאָרט, שטיל. לאָז אויסריידן אַ וואָרט.

עס שמייכלט קלוג אַן אַלטער גוי, אַ קרעפּטיקער, אָן אַ היטל מיט אַ צוויילעמל אַף דער העלער סוויטקע און מיט נידעריקע קוים גראָע האָר. ער האַלט אַרויסגערוקט זיין שמייכלדיקן קאָפּ פון צווישן אַ שפּאַלט איבער אַ באַנק און קרימט נאָך דעם דייטשן אומפאַרשטענדיקן לאַשן:

— גער גער גער, גערגער!

די דייטשן, קלוגט ער זיך, האָבן אין זיין דאָרף געשמיסן פאַר געהילצער, וואָס מע האָט געבראַכט פון פּריצישן וואַלד און פאַר אומזיסטיקע זעקלעך מעל פונם אידנס מיל — געגעבן האָט מען דאָרט יעדן צו ניינציק און זיך שטאַרק געבייזערט אַפּן פרעמדן לאַשן:

— גער גער גער, גערגער! — מאכט נאָך דער אַלטער גוי.
און דערביי האַלט ער זיך די גאַנצע צייט קלוגערהייד מיט ביידע הענט פאַר יענעם אָרט, וואוהין מען האָט דעם גאַנצן דאָרף אַריינגעציילט די ניינציק.
— באַבעס, זאָגט ער, אויך ניט געשאַנעוועט. אַ־אַ! נאָך אַ מין. און נאָר דריי יונגע „באַבעס" האָבן זיך ניט געוואָלט לייגן; אַנטלאָפן אַהין... קיין אָרשאַ — צו די „גרויסע".
עמיצער האָקט איבער:
— ניט נאָר אין אָרשאַ, שטייען זיי, די „גרויסע".
און דער גאַנצער וואַגאָן הויבט אָן צו מאָלן:
— אַ סאַך נעענטער.
— אַ וויאָרסט אַכציק אונטער כאַרקאָוו.
— דער קאָזאַק שפּירט זיי פון דאָרעם. זיי וועלן ניט קומען, זאָגסטו?
— זיי וועלן קומען, קומען.
—איך זאָג: אונזערע וועלן ניט דערלאָזן — אונזער מאַכט.
— ווער? — איר? אָט אַ די־אַ?
און אַלע זייטלען זיך ניט די אויגן אַף אַ פּאָרל מיט אוקראַאינישע הערבן באַ די היטלען, וואָס זיצן אין טונקעלעם עק וואַגאָן און שווייגן. ס'איז באַטשקאַ און זיק — ס'איז באַטשקאַס אויפטו געווען — אַט דאָס, וואָס זיי האָבן אָפן וועג אנגעטאָן היטלען מיט אוקראַאינישע הערבן. נאָר לאַנג קוקן קוקט מען ניט־אַף זיי, ווייל אַ אידיש אינגל הויבט דאָרט אָן צו ריידן. ס'דאַכט זיך: ער האָט געהאַט אַ טאָעס — ער וויל דאָ אין מיטן וואַגאָן אַרויפקריכן אַף אַ באַנק און האַלטן אַ רעדע: נאָר יענער וואָס מיטן איינזשענער־קנעפּל באַם היטל, טוט אים דער ערשטער פון אָקעגן אַ שטורך מיטן שטעקן:
— דו, ס'ניט דיין אייסעק. ביזט אַ „זשיד".
און נאָך:
— האָסט ניט געטראָפן וועמען כאַפּנענען.
און פון אַלע זייטן הויבט מען אים אָן שטויסן. מע גיט אים קלעפּ. עס פאַלט באַ אים אַראָפּ דאָס היטל, הויבט ער אָן געראַטן ווערן אין יענעם באַכוּרל דאָרט אין וואַלד, וואָס מיטן נאַשר־שמייכעלע אַף די פאַרקאַשערטע ליפּעלעך. ער ווייזט מיט אַ פאַרקרימט בעטלעריש פּאָנים און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. אַרום דער נאָז נעצט אים עפּעס רויטס, נאָר זיין קאָל הערט מען ניט, און ס'איז עפּעס מאָדנע: מאָדנע, ווי אַזוי די קלעפּ, וואָס ס'האָבן דאָ אַט־אַט געזאָלט כאַפּן זיי — באַטשקאַ און זיק, זייגען אַריבער צו אים, צו אָט דעם באַכערל. באַטשקאַ גלעט אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס. כ'ציטערט באַ אים אַ וויע. נאָר זיק זיצט דערביי און האַלט איבּ אַפּ.
— זייַ אַיין, באַטשקאַ, הער, וואָס איך רעד צו דיר. זייַ אַיין, זאָג איך.
זיי בלייבן אַזוי זיצן אייגער אַקעגן אַנדערן אַף די קלומקעס, רויכערן מאַ־כאָרקע און שפּייען. מיט יעדן שמאַרקן צו ווערט באַטשקאַס פּאָנים באַלויכטן אין אַ רעציבעדיק־בייזער פאַרב. נאָר וואוהין איז אַנדריוק פאַרשוואונדן? צי איז ער ניט דאָרט אין ווינקל, וואו מען גיט דעם אידישן באַכערל קלעפּ? אַז מען טוט אים אַ זוך, געפינט מען אים אין מיטן וואַגאָן נעבן יענעם אַלטן גוי, וואָס האָט פריער אַביסל דערציילט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געגעבן שמיץ און

ווי אזוי די פּריצים לויפן. ער ליגנערט דאָרט מיט אַלע קנייטשן אַפן פּאָנים און האַלט זיך אין איין דערפרעגן:

— פּוסטעוועץ, הייסט עס, אַלץ די פּריצישע הויפן? ווען איצט די פּרי־צים שוין מער ניט קומען.

זיך שלעפּט אים פון דאָרט און נעמט אים אַפן צימבל:

— וואָס דאַרפסטו פּריצישע הויפן, אַ? אַנדריוק.

אַנדריוק זעט אויס צעטומלט, ליגנערט מיט אַלע קנייטשן אַפן פּאָנים און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן:

— מאָרגן, שעפּטשעט ער, — קומען מיר דאָך. מאָרגן...

— ס'איז־דען? אַ?

אַנדריוק קוקט זיך ווידער אַרום.

— אין אַ פּריצישן הויף איז דאָך ער דאָרטן...

— פּעטרון, אַ?

— ששש!... ער אַליין.

נאָר אַז אַנדריוק שווערט זיך, דאַכט זיך: ער פּלווידערט מיט אַלע גלידער און כושים. באַטשקאָס אויגן לאָקערן און היטן יעדן מינדסטן ריר פון אַ קניי־טשעלע אַף זיין ליגנעריש פאַרשוואַרצט פּאָנים — ער איז פּעאיק אַף אַלץ, אָט דער אַנדריוק — דאָרט אינם געוואונשטן „אונטער כאַרקאָוו“, צי נאָך ערגעץ פריער אַפן וועג האָט ער שוין געקענט האָבן פאַרקויפט זייערע ביידנס — באַ־טשקאָס און זיקס נעשאָמעס. און ביליק אַליין, ווי אַנדריוק קען — אַ גילדן אַ נעשאָמע.

— איז נו, געדענק.

— נו, נו, נו.

— זאָגסט דעם עמעס? אַ? אַנדריוק.

— דעם ריינעם עמעס.

— פּעטרון וואַרט אַף אונז?

— ער וואַרט. ער וואַרט.

אינם געוואונשענעם „אונטער כאַרקאָוו“ איז אין מיטן פעלד אונטער אַ שטאָט געשטאַנען ניט מער, ווי אַ פּוסט־געשלאָסענער פּריצישער הויף. און אַן אַלט־מאָדישע פּריצישע שטאַל, אַ געמויערטע און אַ לאַנגע, האָט דאָרט ניט אויפגעהערט צו פרייען זיך מיט אירע פיל לופט־פענסטערלעך אין דער הויך. כאָטש קיין פּריצישע אויסגעשטאַנענע פערד האָבן שוין מער אין איר מיט די פיס ניט געטופּעט; טויטע שוואַרצע ראָבן האָבן פון אירע פאַרשטויבטע באַנטעס אַראָפּגעהאַנגען, ווי אין טרויעריקן פּוסט־און־פּאַס, און מער קיינעם פון קיין שיידים ניט געהיט. — די שטאַל איז געווען פּוסט.

אינם קליינעם טיפן ערד־שטיבל נעבן איר, אַף אַ הויכן שטרויענעם גע־לעגער, וואָס איז באַהאַנגען מיט פיל פערדישע דעק־טיכער און שמעקט מיט האַרבן רייאַך פון אויסגעשטאַנענע פערד און פון פליי, האָט אַנדריוק זיך גע־וואַלגערט דעם גאַנצן ערשטן טאָג נאָכן קומען. געלעגן מיט דער „דודע“ אין די הענט אַפן רוקן און אָן אויפהער, מיט לאַנגן, לאַנגן אָטעם געפּרייפלט זיין איינ־ציקן ניגן, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע זיך געצויגן די גאַנצע זעכצן יאָר, זינט

ער, אַנדריוק, איז דאָ באַם פּאַריין אַ בּירמאַן געווען. קיינער וואָלט דעם דאָזיקן ניגנס דריידלאַך און ציקעלעך נאָכזינגען ניט געקאָנט — דאָס איז געווען דער ניגון פון אַנדריוקס פליאַסקאַדריגעדיקע טאַנעס צו דער וועלט: פאַרקריפּלטע מאַינעס און געשטופּלטע — פול און פול מיט שטופּלען.

— און וואו זיינען די פערד ? האָט באַטשקאָ געפרעגט. — ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון פערד. זייער איבערגעלאָזטער רייאַך האָט אים דאָ, מער ווי אַלע, געקיצלט אין דער נאָז.

— באַ די פּויערים פון כוטאָר, האָט געזאָגט אַנדריוק, — כע... גריגאָר אַקערט דאָרט מיטן ראַבן אוגער.

— און וואו איז דער פּאַריין ?

— אין שטאָט איז ער, אָט דאָ ניט ווייט. באַ די אידלעך. מעלקט אַליין די בעהיימעס. כע...

פון צווישן די פּאָר ציין, וואָס פעלן אַנדריוקן פון פאָרנט, האָט זיך באַוויזן דער רויטער שפּיץ פון זיין שפּעטנדיקער צונג. ער האָט ווידער גענומען די „דודע" אין מויל אַריין, נאָר באַטשקאָ האָט ניט דערלאָזן.

— הער אויף צו גרילצן.

— ס'אי, דען ? אַ ?

— דער'עס ניט, אַז מע רעדט צו דיר. ווען קומט פּעטרון, אַ ?

— ער וועט קומען.

אַרום דעם פּריצישן הויף מיט די דרויסנדיקע פּאַרפּראַלטע לאָדן איז אַ יונג שיטער וועלדל געווען אויסגעהאַקט פריש און ווי אַף צולאָכעס; ניט צוליבן ניצן, נאָר פּאַשעט, קעדיי קיין וועלדל זאָל אַף דער וועלט ניט זיין און ס'זאָל דאָך עמיצן אייביק פאַרדריסן, אַלמאַי ס'איז דאָ אַמאָל אַ וועלדל געווען. די יונגע שטאַמען זיינען געווען אָפּגעהאַקט אַן אַרשין און צוויי העכער דער ערד. זייערע גלעלע אָפּשניטן האָבן פאַרנאַכט, אַקעגן דער פאַרגייענדיקער זון, זיך געפלעקט קריינקלעך־אַנגעוויטיקט, ווי ניט פאַרצוויגענע געלבלעכע וואונדן און געהאַט טוויעס צו דער וועלט. אַנדריוק האָט דאָרט געזוכט שפּענער אַף צו הייצן, געקוקט, געקוקט, ווי אַ פרעמדע־צוויג שפּילט דאָרט מיט אַ פרעמדן הונט און פלוצים גענומען און אָט די הינט פאַרטריבן פונקט אין יענער רעגע, ווען זיי הויבן אָן האַנאָע האָבן איינער פונם אַנדערן. דערנאָך זיינען אַלע דריי, אַנדריוק, באַטשקאָ און זיק, געשטאַנען דאָרט אין עק אויסגעהאַקטן וועלדל באַם פּלויט און געקוקט צום נאָענטן גרינעם פעלד, וואָס נידעריקט זיך אַ פּאָר וויאָרסט צו אַ טאָל און, נאָך ווייטער, ענדיקט זיך עס מיט רויט־פאַרגייענדיקע קאַזאַרמעס, וואָס אַף אַ באַרג, און מיט אַ קליינער ענג־פאַרבויטער שטאָט, וואָס באַווייזט פון דאָרט איר בלינדן אונטן. רויטע און גרינע דעכער בליאַסקען דאָרט אין בלאָער לויטערקייט אַקעגן זון, און נאָך העכער זילבערט איצט איר גאָלד אַ בינטל צלאָמים פון אַ קלויסטער. ס'טוט אַ באָז אַ לופטל פון יענער וויט, אַ גרינגס, אַ דאַרעמדיקס, און דער נאָז טוט זיך דאָ באַם פּלויט אַ כאַלעם, אַ רייאַך פון כלאָר, וואָס וואָלט איצט, באַ זון־זעצן זיך טראָגן פון אַ הויס־אַנגעהייצטער וועשעריי — דער רייאַך פון פראָסיאַס ווייס־אויסגעפּרעסט קאַפּטל. דאָס לופּטל פאַרשווינדט גלייך, נאָר דער אָנדענק פון כלאָר־רייאַך בלייבט באַ באַטשקאָן אין דער נאָז — פּראָסיאַס רייאַך.

—וואס קוקסטו? האט ער געפרעגט, א? אנדריוק! וואס זעסטו דארטן?

— ששש! אנדריוק האט צעטומלט א וואונק געגעבן — ער איז דארטן— אין שטאט איז ער.

— פעטרון, א?

— ער אליין, באם גאלאך וואוינט ער.

— נו?

—איז ער נישטא איצטער, נישטא. אוועק אט אהין אף צאפן. אבציק וויארסט. צו אונזערע — צו די „גרויסע" איז ער אוועק.

— דעם עמעס זאגסטו, א?

און מע האט זיך אלץ געזייטלט אף אים מיט די אויגן, זיך לאנג געטשעפעט און ארויסגעטראגן א באשלוס: — זיק איז דעמאלט אין אוונט צו אנדריוקן ניט אף קאטאוועס צוגעטראטן:

— באווייז א סימען, זאגט מען. דו הערסט, וואס מע רעדט צו דיר? מיט רוסישער שפראך זאגט מען דיר...

אין שטאקפינסטער האט אנדריוק פון אונטער זיין געלעגער ארויסגעשלעפט א שטיקל ליכט מיט א גאנצן בונט שליסל און איז מיט באטשקאן און מיט זיקן אוועק צום גרויסן פריצישן הויף, אויפגעפראלט א קליינע זייטיקע טיר פון א באלקאן, אנגעצונדן דאס ליכט און זיי גענומען פירן איבער א גאנצע רייע פוסטע שימלדיקע כאדארים, מיט דא און דארט אויסגעזעצטע שויבן אונטער די צוגעמאכטע דרויסנלאדן. אונטער דער שווערקייט פון דריי פאר פיס, האבן בא יעדן טריט געקלונגען די הוילע פוסטקייטן; קעגן־איבער פוילעדיקן, און איבער די אפגעריסענע טאפעטן־ווענט, וואס זיינען ערטערווייז באגאסן מיט טינט און באשפריצט מיט בלוט, ווי פון פארגוואלדיקטע נעקייוועס, האבן זיך גערוקט דריי לאנגע שאטנס און עפעס, ווי גענישטערט, געזוכט.

— וואוהין פירסטו, א? אנדריוק.

— אט אהין, אהין...

און ווידער האבן א גאנצע רייע אפגעריסענע צימערן פארשמעקט מיט וויסטקייט, מיט טפיסעדיקן פארברעכן.

— גענוג שוין, א? אנדריוק.

— אט אהער, אהער.

ער האט זיי צוגעפירט צו א קליינער טיר מיט הענגענדיקע שלעסער און זיי גענומען אפשליסן. ער איז אריין דער ערשטער מיטן אנגעצונדענעם ליכט אין האנט, און נאך אים זיינען געגאנגען באטשקא און זיק.

— וואס איז דא, א?

גאזעטן — א סאך אנגעוואלגערטע בינטלעך גאזעטן האבן אנגעפילט די נידריקע האלב פון לאנגן צימער און געלאזט צווישן זיך ניט מער ווי איינעם א שמאלן דורכגאנג אין מיטן. דאס זיינען געווען דורכאויס אויפרופן, פראקלאמאציעס. זיק האט אמאראציש גענומען אין די הענט אריין איינע פון זיי און האט אריינגעקוקט, ווי מיט קורצזיכטיקע אויגן.

— באקוק, באטשקא: ס'איז פון אונזערע?

— יא, פון די „גרויסע".

דערנאָך האָבן ביידע בא דער שיין פון ליכט נאָכגעקלעטערט אַנדריוקן איבער גאַנצע הויפנס פעק און דערזעען אַ שאַפקעלע מיט אַ כאַך, אַ סאַך קליינע בלייענע שטיקאַלאַך אין די שיפלעדן און מיט עפּעס אַ שוואַרצס, אַ טשאַוואַנעם באַדעקט מיט אַ רעדנע. באַטשקאַ האָט מעווינייש אונטער דער רעדנע אַרונטערגעקוקט און האָט אַ גלעט געטאָן אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס.

— אַ קליינע טיפּאָגראַפיע, האָט ער געזאָגט — אַזעלכע, ווי אַפּן פראָנט.

— כע!

אַנדריוק האָט אָנגעקוואָלן. ער האָט געהאַלטן דאָס ליכט העכער זיין קאָפּ, געהאַט אַן אָפן מויל, פול מיט וואונדער, וואָס באַטשקאַ און זיך זעען ניט דעם סאַמע איקער.

— אַט־אָ, האָט ער געוואונקען מיט די אויגן.

— אַ־אַ!

אין דער הויך אַף אַ צוואָק, אין ווינקל, איז געהאַנגען אַן אַלטער סטודענטישער פּאַלטאָ, אַ פאַרדריפּעטער און אומריינער; פון צווישן דעם אָפּגעריבענעם גרין־לאַסטיקענעם אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט די אַלטע ברודיקע וואַטע — פעטרונס סטודענטישע וואַטע.

— ס'האָט פעטרון דאָ געאַרבעט, אַ? אַנדריוק!

— פעטרון, פעטרון — ער מיט אַ כאַוועד זיינעם אַ אידליק, און איך האָב געהאָלפן.

— וואָס האָסטו געטאָן?

— געדרייט די ראָד.

און וואו איז ער איצט פעטרון?

— אַוועק צו די „גרויסע“. און עפּשער דאָ אַרומעט אַלין, אין די דערפער.

— וואָס אי־דען, אַ?

— ער מאַכט פאָלקן...

.10

באַטשקאָן האָט עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט זיך צו כאָלעמען דער רייאָך פון הייסער וועשעריי און פון בלאָר — פראָסיעס רייאָך, און די נעכט איז ער געשלאָפן גרינג, גלייך אַט־אָט וועלן זיך דערהערן טריט: עמיצער וועט אין טיר פון ערד־שטיבל אָנקלאַפּן, און שטיל וועט מען אין דרויסן אַרויסגיין, שטיל וועט מען דערהערן, ווי אין דער נאָענטער פינסטער ברינזשען גנייוועט פיל קייטעלעך פון כאַיאַלישע פערד — מע וואַרט אַף אים, באַטשקאָן. אויב פעטרון וועט אַ פאָלק שאַפן, וועט ער באַטשקאַ, זיין דער סאַמע עלצטער. דער קאָמאַנדיר. ער האָט שוין געפּרואווט אויסשטעלן אַ פאָלק, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, נעמען אַ הייסן שנאַפּס און לאָזן דעם פאָלק אין אַ דראָטיקן געשלעג — ער איז אין יענע־נעכט געווען שיקער, און דעם פאָלק האָט ער געהאַלטן אין איין פירן אַליץ אהין אַף דאָרעם — אַלין אהין, צו פראָסיען.

ער האָט אָפּט בא דער שיין פון ליכט אַרויסגעפּונען פון זיין פּעקל פראָסיעס קליינע פאָטאָגראַפישע בילדל, געזעסן איבער דעם גאַנצע שאָען, בעאייס אַנדריוק און זיך זיינען געשלאָפן, און האָט זיך איינגעזויגן מיטן בליק אינם אַזעסדיקן פאַרריסענעם נעזל איהן, אינם אויבערשטן פולן ליפּל, וואָס איז פאַר־

קאַטשעט, אַזוי אַז טונקעלע לײדנשאַפֿטליכע ציינדלאַך קוקן פֿון אונטער דעם פּרײלעך מיט אַ ביסיק־צאַפּלדיקן באַנער און מיט כײשעק אונטערצואווינקען. און ליב האָבן, האָט אָט דאָס נעפּעש, צו שטיין פֿון דער ווייטנס אַף דער קעלט און־צו קוקן, ווי טיף־טיף אין מאַרק ראַבירט מען קלייטן, און הייסן הייסט עס — פּראַסיאַ:

— אַ שלענגל ביזטו, אַ? פּראַסיע...

נאָר טעג נאָך טעג זײנען אַוועקגעגאַנגען, און פּעטרון, ניט ער האָט זיך אומגעקערט, ניט ער האָט װעגן זיך הערן געלאָזט, ניט ער האָט זיך ערגעץ־וואו דאָ אין געגנט באַוויזן. באַטשקאָן האָט אָנגעהויבן ציען אין דער געגנט אַריין פּעטרונען זוכן, האָט ער געדופן מיט זיך זיקן און האָט אָנגעהויבן אָפּגיין אַף אַ טאָג און צוויי פֿון דער היים, אָפּגיין, זיך אומקערן, איבערנעכטיקן אַ נאַכט און זיך ווידער אײנאײנעם מיט זיקן אַוועקלאָזן. אַנדריוק האָט ניט אויפֿגעהערט צו וואָרענען:

— גייט ניט, זאָג איך... אין די קאַזאַרמעס דאָ אַקעגן שטייען גאַנצע דרויי ראָטעס — עמעסע דייטשן.

נאָר באַטשקאָ און זיק האָבן אים דערויף געענטפֿערט:

— זײַץ אין דער היים. היט.

און אַליין האָט מען ווידער אַמאָל איינגעשטעלט דאָס ביסל ווייטערדיקע יאָרן און אַוועקגעשפּאַנט — אַזוי ציקאַווע איז דעמאָלט די געגנט געווען און אַזאַ שטאַרקער קויאַך האָט צו איר געצויגן. אַז מען איז דעם ערשטן הײפּשן שטאָך אָפּגעגאַנגען, האָט מען מיט אַ מאָל נײַע צעשראָקענע אויגן באַקומען און פֿאַרוואונדערט גענומען אַרום זיך קוקן. באַטשקאָ איז אָפּטמאָל שטיין געבליבן און געגלעט אַף רעכטס און אַף לינקס די וואָנצעס. זיק—אויך.

— וואָס זעסטו, אַ? באַטשקאָ?

— גאָרנישט. געבאַלעבאַטעוועט דאָ אַפּאָנים שטאַרק.

— ווער? די דייטשן, אַ?

און מען איז געגאַנגען ווייטער. זיך אַלץ גערוקט אַהין, וואו כאַרעוודיקע היימען האָבן געלויערט, ווי בלינדע באַהאַלטענע סאַקאָנע, און מער בײַ קײנעם ניט געפֿרעגט ניט אַף קײן איבעס און ניט אַף קײן פּאַס. בײַ די שייד־וועגן אַף די ווייטע סלופּעס זײַנען געווען אָפּגעמעקט די שילדן, און אַז מען האָט גערוט אונטער זיי און אַז מען האָט פֿאַרן ווייטערדיקן גיין אַ קוק געטאָן אַף זיי, האָט זיך געדאַכט — זיי זאָגן:

— גיי וואוהין דו ווילסט און ווער דו ווילסט. דערפֿער האָבן מער קײן נעמען ניט און מענטשן — אויך. שפּאַן איבער דער לײנג און ברייט פֿון לאַנד.

און מען האָט געשפּאַנט אַלץ ווייטער און ווייטער, און געקוקט מיט דולע אויגן, ווי צעמישטע—האַלב־באַוואוינטע, האַלב־פּוסטע—געגנטן טונקלען בייז די אויסגעברענטע פֿענסטער־לעכער, פּייכטן זיך אין בראַנזער אָסיען־לופֿט און געדענקען דאָך מיט באַשטענדיקן שטומען רויגעז, געדענקען אָן אויפֿהער:

—אין ווייטיקן אַרומיקן אַרום איז די גרעסטע אַווײרע שוין אָפּגעטאָן געוואָרן.

איצט גייען שוין אַווײרעס פּיצעלעך, גליטשיג־קלײנע; מיט קלעפּיק־טרויפֿנדיקע טישרי־דענגס טריפֿן זיי און טריפֿן, און אַלץ איז מוטאַר אין אָט דעם

גרויסן אָרלאַנדריקן לאַנד, כאָטש עפּעס גרייט זיך דאָך באַלייכט אין זיינע מידע ברויזנדיקע סקייטשן: אַן אוווירע גרייט זיך דאָרטן, אַן אומגעהערטע, צי אַ מיצווע, אַ ניט געוועזן גרויסע.

זיינען זיי אַזוי געגאַנגען, געגאַנגען, באַטושקאַ און זיק, געשפּאַנט. מיט וועגן און מיט אומוועגן ביז איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט. מען איז צוגעקומען צו אַ נייער אומבאַקאַנטער געגנט און באַקומען פאַר איר אַזאַ פורכט, גלייך זי האָט טויזנטער אַנגעשטעלטע אויערן און הערט זיך איין. אַלע גרעזעלאַך אין בוימער הערן דאָ און הערן. זי האָט געהאַט אין איר נידעריקן עק אַ פּאָר היפּשע טאַליקע שטעטלעך, באַהעפטע צווישן זיך מיט אַ הויכער קייטן־בריק איבער אַ טייך. זי האָט זיך געטאַבעשיט מיט אַ סאַך קליינע צעוואָרפענע דערפלעך, פאַרבאָרגן אין איר ווייטסטן וועלקנדיקן גרינס — איז אַפּאַנים פון דאָרטן, פון יענע אישעוודיקע עקן האָבן איצט צו פאַרנאַכט צו זיך אומרואיק געטראָגן די טויזנטער ערעוו־יאָמטעוודיקע קוילעס און, פון ווייטן לויפן, דערגרייכט אַהער אָפּגעשוואַכט און ניט קלאָר. צי האָט מען דאָרט ניט, ווי אַמאָל, אויסגעשטעלט אין אַ פּאַראַד פיל אויסגעפּוצטע פאָלקן? צי האָבן ניט אָט די פאָלקן, ווי אַמאָל, ביז אומגעליך הויך געצויגן צוליב עמיצן זייער לאַנגן העפקערדיקן „אורא״?

אַף אַ הויכן גראָבן, פאַרביי אַ שוואַרצן וואַלד, אַף אַ בערגל, וואָס אַף אָט דעם גראָבן, זיינען באַטושקאַ און זיק געשטאַנען אין אָנהויב פון אָט דער געגנט און זיך איינגעקוקט:

פון אַקעגן מיטן וועג, וואָס ציט זיך אַהער פון יענע ווייטע צווילינג־שטעטלעך, האָט אין לאַנגן יאַמדיקן אַלאַכסן זיך טרייסלען אָנגעהויבן אַ שווערע פור. געשפּאַנט איז זי געווען מיט מער, ווי איין פּאָר פערד — דאָס האָט זיך געזען פון דאָרט קלאָר; אַ מאָדנער וואָגן, אַ ברייטער און אַן אומגעווינלאַך גרויסער האָט דאָרט שטאַרק געהעצקעט מיט פיל גרויע רעסאָרנדיקע ברואימלעך, זיי געוואָרפן, און געצוואונגען רוקן די דראָטיק אָנגעצויגענע געזעסער פון איין אָרטן קאַנט אַפן צווייטן. דייטשן זיינען דאָס אַפּאַנים געווען — יונגיאָריק דייטשיש כאַיל.

באַטושקאַ און זיק האָבן גלייך גענומען אויסמיידן די באַגעגעניש מיט זיי; אָפּגענייגט אין וואַלד אַריין, זיך פאַררוקט אונטער די בוימער, נאָר אָפּגעגאַנגען דאָרט אַביסל אין דער טיף און גלייך באַמערקט, אַז אויך דאָ אין וואַלד איז מען ניט אַליין. — אַ פרעמד מיטליאָריק מענטשל פלאָנטערט זיך דאָרט צווישן די בוימער — איינער אַליין מיט געשנירעוועטע שמאַטעס און מיט פאַסטעלעס אַף די פיס, מיט אַ פעקל און מיט אַ קעסטעלע אַף די פּלייצעס. ער קער, אַפּאַנים, אויך ניט צו יענעם גרויסן יאַמטעוו, וואָס גרייט זיך דאָרט אין די נידעריקע אישעוודיקע ערטער. און ווער ווייס פון אַ וואָסער אַ זינד ער קומט איצט איין אַליין ביכידעס, און צו וואָסער אַ זינד ער שפּאַנט?

באַטושקאַ און זיק האָבן אָפּגענייגט אין אַ זייט, אַ סאַך טיפער אין וואַלד. זיי האָבן אָנגעטראָפן אַף אַ שמאָלן וועג, וואָס גאַנוועט זיך דאָרט צווישן די בוימער, נישטערט, פאַרלאָרנווערנדיק אין אייביק אומבאַוואוסטן וואַלדיקן טונקל. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל צווישן די בוימער, ס׳האָט גענומען טריפן אַ קלעפּיק רעגנדל, וואָס מאַכט קימאַט ניט נאַס, האָבן זיי פאַרן שמאָלן וועג דאָרט באַקומען פורכט, און ניט געוואוסט, וואוהין ער פירט: אין אַן אויס־

באַהאַלטן זינדיק ערמל, צי עפּשער צו אַ צאַדיק אַ ניסטער, וואָס וועט זיך אַמאָל אַנטפּלעקן אַרויסרוקן און וועט מאַציל זיין די וועלט.

מע האָט אומרואיק און שפּעט זיך אומגעקערט צו אַנדריוקן אַהיים; געקומען פאַרמאַטערט און מיד פון לאַנגן גיין און אָבגעשנאָרכעט דעם נישער־נאַכט. פאַרוויקלט אין אַנדריוקס פערדישע דעק־טיכער. נאָר גאַנץ פרי האָט פון טיפן פּאָפּן אויפגעריסן אַ נאָענט קנאַלן פון האַרמאַטן. פאַרשלאָפן איז מען פון אַנדריוקס ערד־שטיבל אַרויס און זיך געגעבן אַ יאָג אין דרויסן, ווי זוכנדיק אַ זיכער אָרט אַף זיך צו באַהאַלטן. נאָר דער אַרומיקער נאַקעטער דרויסן האָט דורכאויס אַף זיך קיין זיכערן דאַך ניט געהאַט — אַ מאָדנע דרויסנדיקער דרויסן — מע האָט גענומען לויפן. נאָר אויך דאָ איז שוין איצט די געגנט געוואָרן פול מיט טויזנטער אויפגערעגטע ווידער־קוילעס און מיט שיראיים פון געזאַנגען. לעפּישע, אומפּאַרשטענדלעכע האָבן זיי זיך געטראָגן פון אַרום און אַרום אינאיינעם מיטן האַרמאַטנדיקן קנאַלן. וואָס האָט עס געקענט באַטייטן? — אַ געגנט־פייגער, אַ סימבע, אַ ניט געוועזן גרויסע, צי עפּשער גאָר אַ שאַלנדיק איבערקרויזונג פון אַ גאַנץ לאַנד — אַ צוריקקומען פון אַ צאַר?

אַקעגן אַ פּאָר וויאָרסט איז מען אַזוי אין דרייען אָפּגעלאָפן פון דער הוים מיט די זייטיקע פעלדער, זיך אָפּגעשטעלט און זיך קלוימערשט באַרואיקט. מע האָט זיך גענומען איינקוקן צוריק אַהיים, צו דער שטאָט:

געלע, רויטע און שוואַרצע פאַרבן האָבן דאָרט געפלאַטערט דורכאויס אַף הויכע טעלעגראַף־סלופּעס, אַף די פיל־גאָרנדיקע קאַזאַרמעס און אַף קוימענס פון דעכער. פון פאַרשיידענע זייטן האָבן מידע האַרמאַטן שוין נאָר געקנאַלט אינערט, ווי אויסגייענדיק, און פון צווישן איין קנאַלן און צווייטן האָט זיך איצט שוין קלאָר געהערט אַ גרויס געזאַנג אויסגעמישט מיטן בלאָזן פון ווינט און מיט אַ פאַרשטאַרקט שפּילן פון אָרקעסטערס. זיק האָט געוואָלט טרעפן:

— יאָמטויווים עפּשער, אַ? דאָרפישע יאָמטויווים?

נאָר אַנדריוק האָט געשאָקלט אַף ניין.

— מע קלינגט ניט, האָט ער געזאָגט. סע שווייגן אומעטום די קלויסטערס.

סאָף־קאָל־סאָף האָט מען זיך צעשיידט: אַנדריוק איז געגאַנגען געוואוירע וואָרן, זיך דערוויסן, זיק — צוריק צום ערד־שטיבל — היטן, און באַטשקאַ איז געבליבן דאָ אין פעלד נעבן אַ יונג ווערדל — ער האָט זיך שטענדיק געפילט זיכערער, אַז ער האָט געהאַט נעבן זיך נאָענט אַ ווערדל. ער האָט אָפּגעוואַרט דאָ זייער לאַנג אין גרויס אומגעדולד. נאָר אַנדריוק האָט ליב געהאַט זיך שלייען אַרום פרעמדע סימכעס. זיך אומגעקערט אַהער ערשט פאַרנאַכטלאַך מיטן צופאַלן פון די בייז־האַשמאָשעס. איצטיקס מאָל האָט ער ניט געליגנערט מיט קיין איין קנייטשל אַף זיין פאַרשקוואַרעט פּאָנים, אָט דער אַנדריוק — געזאָגט דעם „רייגעם עמעס" און אין קורצן אַליז, סאַכאַקל אין צוויי ווערטער:

— נימעצי סקאַזיווסיאַ!...

דער דייטש איז געוועזן מעטורעף צי שטאַרק קלאָר. אָפּגעהוליעט אַ טאָג דריי מיט „סאָוועטן" און מיט אַלע גליקן און איז געבליבן אויסן — ווי אַף אייביק שטאַרק דערשלאָגן און געפּלעפּט.

— נו, אַז עק, האָבן געזיפצט סאָכרים, — אויס דייטש.

פאַמעלאַך, ווי מיט בעשבן, וואָס איז באַוואוסט נאָר אים, דייטש אַליין, האָט ער ביסלעכווייז פון אומעטום אָפּגעצויגן זיינע טיילן, זיך געגאַנגוועט שטי־לערהייד אין טונקעלע טישרע־נעכט און אַליין געזוכט היסבוידדעס אַף זיין לאַנגן אוולדיקן „צוריק אהיים“. און ס'זיינען געקומען נעכט אַזעלכע — טויטע, שטומע...

בא דער שיין פון רויטע פלאַקערס, וואָס יויכערן הויך איבער קעפּ, האָבן קליינע שלעפּערדיקע רייטער־מאַכנעס געשווינגן ווי טויטע, זיך גערוקט און גע־שטאַרבענע רייען מיט אַ טויטן סיידער. זיי האָבן געטראָגן עפּעס טויבליכעס אין זיך, עפּעס טרויעריקס און פאַרשמאַכטס, ווי זייער ווייטער אומרואיקער „אהיים“. און פון, אַרום און אַרום, פון שלאָפנדיקע דערפער, וואָס פלעקן זיך דורכאויס אין דער נאַכט, זיינען צוליב זיי אַף גאַנצע שאָען זיך פאַרגאַנגען אָן שיר הינט, געקלאָגט, געקלאָגט מיט שאַרפן אויסגעצויגענעם פיסק און זיי אַרויסבאַליים מיט שרעק פון לאַנגן יאָמערדיקן בילן.

נאַכט בא נאַכט האָט באַטשקע זיך איינגעהערט אין אָט דעם שרעקנדיקן בילן און געוואַכט אין אַלע פינסטערקייטן ביז שאַריענדיקע פאַרטאָגן; געשטאַנען איין אַליין אין עק אויסגעהאַקטן וועלדל באַם פלויט, און זיך איינגעקוקט רעכטס צו דער וויאַרסטענדיק ווייטער בלינדער פינסטער, וואו דער ברייטער טראַקט לאָזט זיך אַראָפּ נאָר אַ וועלדל צו אַ טאָל און צו אַ בריקל; ער האָט געוואַרט, אַז רויטע רויכערדיקע פלעקן זאָלן זיך פאַמעלאַך נעמען ריקן, ריקן. און טאָמיד, ווען די פייערדיקע פלעקן האָבן זיך דאָרט באַוויזן, האָט זיין מויאַך ניט געטראַכט, גאָר־נישט ניט געדענקט, און נאָר דאָס האַרץ איז בא אים אַלע מאָל געוואָרן ווי פאַר־שטאַרבן און געגלוסט, געגלוסט צו אַ ביקס אַזאַ מין לאַנגער און אַ שטאַרקער, וואָס זאָל פון דאַנען קענען צילן אין אָט די רויטע פלעקן און פלעטן קעפּ, שפּאַלטן דאָרט אַ שאַרבן נאָך אַ שאַרבן.

—טריק! טריק — האָט זיך זיין אויער ניט אויפגעהערט צו מאָלן דאָס טרוקענע קנאַקן פון אָט די קוילן.

ביז איינמאָל אין אַ נאַכט האָט ער ווירקלעך הערן אָנגעהויבן: ווייט, ווייט נעבן אָט די פלעקן טראַסקען קוילן. ס'טוט דאָרט אַ ציטער און בלייבט הענגען אין דער נאַכט דער רויטער רויך אַרום די פלעקן און עס פאַרהיקעט זיך עפּעס דאָרט אַף לאַנג, ס'הויבט אָן שיסן אַ טויטער קוילן־וואַרפער בא די טויטע דייטשן.

באַטשקאַ האָט דעמאָלט אויפגעוועקט זיך און אַנדריוקן און דערשראָקענע פון שלאָף זיי צוגעפירט צום פלויט הערן. באַטשקאַ האָט זיך אַליין געריסן פאַר אַ וואָנסי; ס'האָט אים אַהין געצויגן, ווי מיט קייטן. באַטאָג זיינען זיי אַלע דריי אַוועקגעגאַנגען קוקן צו יענעם אָרט, וואו לויטן כעשבן האָט באַנאַכט באַדאַרפט פאַרקומען דאָס שיסן, נאָר אַרומגעקלעטערט לאַנג, געזוכט און אין ערגעץ קיין סימאָנים ניט געפונען. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומבלאָנדזשען אַף די שמאָלע וועגן, געבליבן אָפּט דאָרט נעכטיקן אין אַ היפּשן וואַלד, וואָס באַם טראַקט, אַרומגעקראָכן אַף די בייכער, זיך אויסגעבאַהאַלטן אין טיפע גראָבנס, ביז איינמאָל אין אַ שאַרי־ענדיקן פאַרטאָג איז זיי מיט אַמאָל געוואָרן קלאָר:

ערגעץ־וואו אין טיפע זאַמדן, וואָס אונטער קליינע וועלדלעך פאַרזעצן זיך צוליב אָט די רייטער־מאַכנעס גאַנצע דערפער און שלאָגן זיי, שלאָגן, רייסן שטי־קער, ווי פון אַ פייגער, נעמען אָפּ די פערד, די קוילנוואַרפער און די ביקסן.

אונטער איינעם אזא מין וועלדל איז שוין אויך זיי —באטשקאָ, אנדריוקן און זיקן — איינמאָל אויסגעקומען ניט ווילנדיק זיך מיצארעף זיין צו אזא מין דאָרף און גלייך מיט אַלעמען כאַפּן א ביילעק אינם רויב. מיטן גרויען טאָגלעך איז דער געשלעג דאָרט געווען א גרינגער, ווי יעדער געשלעג מיט א פייגער. באַם ערשטן שאָס פון די געציילט פאַרזעסענע ביקסן, האָבן די דייטשן ארויסגעשיקט א ווייסע פאָן, זיך דערפרעגן, וואָס וויל מען. באטשקאָ האָט דאָרט קימאַט מיט אַלעמען אָנגעפירט. ער האָט געענטפערט:

— אַלץ וויל מען ; אַלצדינג, וואָס מע האָט.

דערפאַר האָט מען אים דערנאָך פאַר זיך און פאַר זייניקע געלאָזט אויסקלייבן די בעסטע ביקסן. ער האָט לאַנג באטראַכט יעדער ביקס באזונדער, געגלעט אַף רעכטס און לינקס די וואָנצעס און אויסגעפּרואווט מיט זיין געניטן אויג די זיכערקייט פון ציל. ער האָט זיך געזעגנט מיט די פרעמדע דאָרפסלייט בעשאָלעם.

איצט זיינען זיי אַליין, אין דרייען, שוין אויך געווען א קליינער באַוואָפנטער טייל, געטראָגן אַף זיך יעדערער צו צוויי ביקסן און צו קוילן־גאַרטלען אַף די לענדן און אין אַלאַכסן איבער די ברוסטן. באַוואָפנטערהייד האָבן זיי טאָגטעגליך אָנגעהויבן אזוי ארום שליאַיען זיך אַף די וועגן און געשראָקן פון דערווייטנס דעם עלנדיקן דורכגייער, — דעם טויטס דריי פּבאַרימדיקע שליכים. נאָר אין געגנט איז שוין דעמאָלט קימאַט יעדערער באזונדער געווען פאַר זיך א קליינער באַוואָפנטער טייל און געשראָקן ווי דעם טויטס א שליאַך. מילכאָמעס האָבן זיך געבאָמבלט אַלע נעכט אין כאַלעם — מילכאָמעס אָן א ברעג און אָן א צאָל; זיי האָבן געקענט אויסברעכן אין יעדער רעגע אזוי פיל, וויפל אין לאַנד זיינען פאַראַן מענטשן. נאָר דערווייל האָבן יעדערן און אַלץ פאַרשלונגען אין זיך די ברודיקע טעג פון יאָר, געמערט די בלאָטעס אַף די וועגן, צעשטעמפּערט די בריקן. סאָף מישרעדיקע רעגנס האָבן געמאַבלט סאַי באַטאָג, סאַי באַנאַכט געפּאַטשט אין אַלאַכסנדיקן שטורעם מיט צעוויי־עוועטע ווינטן און געשניטן, ווי מיט קאַרבנדיקע בייטשן, דאָס ווייכע לייב פון לאַנד. זיי האָבן פאַרפינסטערט די וועלט, אָט די רעגנס און באַהאַלטן דעם פויער אין פאַרוויינטער כאַטע, וואָס אונטערן דאָרפיש קאָשערן און זאַטן דאַך...

אין אַנדריוקס קליינעם ערד־שטיבל האָבן זיך צעטיילט די ווילנס: זיק האָט געפאָדערט, מען זאָל אַלע דריי זיך אַוועקלאָזן אַף צאָפן: וואָס זיצט מען דאָ ? אהין, צו אונזעריקע, צו די גרויסע דאָרף מען גיין. אנדריוק האָט געליגערט מיט אַלע קנייטשן אַפּן פּאָנים.

— וואַרטן אַף פּעטרונען, האָט ער געזאָגט, — געהייסן, הייסט עס — טאָרכן דאָרף מען, פּאָלגן.

און באטשקאָ איז געווען בייז, ווי האַלב שטום, געזאָגט, אז ער האָט אַלעמען אין דער ערד. ער נעמט מיט זיך זיינע צוויי ביקסן און גייט אַוועק איינער אַליין אַף צוריק — צו פּראָסיען גייט ער.

זיק איז געווען אַף אים ברוגעז, זיך געזידלט אַף אים בייז מיט די אויגן און ניט געוואָלט מיט אים ריידן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין אין דרויסן און געקוקט, ווי ס'ציבערט, ס'גייען אָן אויפהער די שטאַרקע וואָכן־לאַנגע רעגנס. נאָר איינמאָל אין א נאַס־גרויען זונטאָגדיקן גאַנץ פרי, ווען באטשקאָ, וואָס האָט

נאָך פאַרטאָג צונויפגעליינגט זיין פעקל, האָט אַנידערגעשטעלט נעבן זיךביידע ביקסן און האָט פון אַ פּאָר שמאַטקעס גענומען אָפּרייסן פעסטע אָניטשקעס און ווייקלען מיט זיי די פיס, שטופן זיי אַף אַ לאַנגן וועג אין ענגן שטיוול, — האָט אים, זיקן, אַ פּאָנעם מאָדנע פאַרקלעמט באַם האַרצן — פאַרט געבידעוועט אַ צייט אינאיינעם.

— הער, באַטשקאָ, האָט ער געזאָגט, — וואַרט, איך גיי שוין אויך עפּשער מיט דיר אינאיינעם.

באַטשקאָ האָט ניט געענטפערט, אַליין געווען פאַרטאָן מיט די נייע אָניטשקעס, וואָס קריכן ניט אין ענגן שטיוול.

שטומערהייט זיינען זיי אַזוי אין צווייען באַוואָפנט, מיט די פעקלעך אַף די פּלייצעס, פון שטיבל אַרויס. נאָר אַז זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַביסל, האָבן זיי דער־הערט אונטער זיך אַנדריוקס קוילעס. איבערן פאַרשטאַרקטן רעגן האָט מען ניט געוואוסט, וואָס ער וויל. זיי האָבן זיך אומגעקוקט אַף צוריק און דערזעען: אַנד־ריוק איז שוין אויך באַלאָדן מיטן פעקל אַף די פּלייצעס און מיט ביידע ביקסן; ער פאַרשליסט אַף גיך די טיר פון קליינעם ערד־שטיבל און לאָזט זיך נאָך זיי לויפן.

ד. בערגלסאָן

ד. האָפּשטיין.

*

פּאר שמארקע, פּאר פעסטע צעמענטן
באדאַרף מען וואס רינגערע שטייבן —
ס'האָב געהאט א בראכע אף שווערן
איך האָב א בראכע אף קלייבן ...

איר ווערטער, איר אידישע ווערטער
פון עקן פון גאר דער ערד,
דאס פּאכן פון שטייגענדע הערצער
דורך אייך האָב איך דערהערט!

ס'האָט קיינער נאך דא ניט געמאסטן
די מעכטיגע קויכעס פון צווישן,
שוין שטייבען מיט בלוטן באגאסן,
און ווארטן, און ווארטן אף מישן.

איר ווערטער ווייכע און צארטע,
ווערט שוין קלאר און פּראסט..
פון שטאל פון דמשק די הארטקייט!
די שטייפקייט פון רוסישן פּראסט!

ווי געמען פון טייערע הימען
זאלן קלינגען די אלטע וואוהינען
ס'זאלן רופן ווי טורעמס, די זאמדן, די ליימען,
ווי פאנען זאלן רופן הואינען

ס'האָט קיינער נאך דא ניט געמאסטן
די מעכטיגע קויכעס פון צווישן,
שוין שטייבען מיט בלוטן באגאסן
און ווארבן, און ווארטן אף מישן...

ד. האפּשטיין

*

וועמען בעטן, צו וועמען זיך ווענדן
אין היימליכקייט פון צימערן שטילע...
האריץ אזא פארשייטס און ניט שטענדיקס
האט היינט פארבייגקט זיך נאך פרילינג.

אזוי ווארים און שטיל צווישן ווענט דא,
נאר וואס זשע באהויכט מיך מיט ציטער,
ווי דרויסן באאטעמט די פענסטער
מיט קאלטע פראסטיקע בליטן...

ניין, ניט קעלט און ניט פראסט צווישן ווענט דא
איבער שטאליקן לייב מיינס ווי מילבן —
סאף קריעפטיקן דריטן צענדליג
האט עלטער מיין קאפ שוין באזילבערט

ניין, ניט קעלט און ניט דרויסן באפראסטיקט
הארציש ווארים מיט בייגקען —
האב איך דען ווייניק געמאסטן
שנייאיקע ברייטן און לייגנען...

מיין אמאליקער הארטער צוקאפן,
וואלסט מיט רו און מיט פרייד מיך באגוונט,
אבי מיין פארשייטע קאפ נאר
זאל ווידער צעבליען מיט יוגנט.

א. קושניראוו.

ל. רעזניק

*

ווען רויט וועט זיין בלוט,
וואס מ׳האט ניט פארדעקט,
וועל איך זילבערנע רוט
אין ברודיקן פלעק,
אין סאמע דערמיט —
אויפשטעלן זילבערנע רוט.

דעם זילבער וועט שלייפן און שלייפן די זון,
און געשליפענער זילבער וועט שפיגלדיק גרייט
אפשיינען אפגלאנץ פון בלוטיקער רויט.

כ׳וועל טונקען אין זילבער
שפיזעלאך שיין,
און שפיגלדיק שארפן
מיין לויטערע פיין.

ווייל ברודיק איז בלוט,
וואס אף ליכטיקער שיין,
און בליציק צעגליט
איז מיין לויטערע פיין
אין שפיגל פון זילבערנער שיין.

ל. רעזניק.

שפרה כאלאָדענקאָ

*

אז מיינע פריידן ווילן נישט זיצן,
אז מיינע פריידן ווילן נישט ווארטן —
וואס קאן איך זיי זאגן?
וואס קאן איך זיי טון?
צי קאן איך זיי האלטן,
צי קאן איך זיי דריקן די נאלדענע גלידער
מיט ציטעריקע הענט?
נו, וואס קאן איך טון זיי די פריידן פון פרילינג,
וואס קערן מיר איבער מיין מיידלשע מיט?..
ניין! כ׳וועל איך נישט האלטן,
אייך פריידן פון יוגנט,
איך וועל אייך צעעפענען טירן און פענסטער —
און פליט!
און וועלכע ס׳וועט קומען מיט טויען באפייכט,
צוריק אין איר טירל, צוריק זאל אריינגעהן —
און וואקסן און וואקסן...

*

עס וועט אין מיר וואקסן,
מע וועט אין מיר זייען —
האניק פון קנאספן
איך וועל אין זיך פיהלן
איך וויים אף געוויס דאס:
אזוי ווי דער גראבן ביים וועג דארט איז זיבער,
אז ס׳וועלן צערייסן זיך בליוהענדע ציכן,
און דרייען און טראגן וועט זוימען דער וויבער,
זאמדינגע וועגטלאך
וועלן פארהאלטן פון זיי א פאר צענדלינג
און וואקסן זיי לאזן אין פייכטקייט פון גרונט!...
ס׳וועט אין מיר וואקסן —
איך וויים אף געוויס דאס,
אזוי ווי דער גראבן ביים וועג דארט איז זיבער,
אז ס׳וועלן צערייסן זיך בליענדע ציכן...

שפרה כאלאדענקא

דבורה כאראל.

*

אראפגעלאזט די אויגן, איך גיי מיט זייד אף סאמעט אויס.
זיי ווייסן ניט ארום, ווי פרייט זיך שטיל מיין הארץ,
צו פארבן טונקעלע, פארבן העלע גיב איך צו —
צעבליט מיין בלומעלע, אטעמט שטיל...
עס ווייסט שוין אויך פון בלויע טעג,
פון שטויב אף וועג...

*

איך העפט ניט אף וועבל, איך גיי ניט אף באמעט
אפילע אף קאנווע גיי איך ניט אויס,
נאר קרעלערלאך ליבע און קרעלעבלאך שיינקייט
אין לעבן ארום מיר איך זוך און קלויב אויס.
און קרעלערלאך ליבע אף מענשן אף סאמעט
מיט קרעלערלאך שענקייט צעמיש און ניי אויס,
געטריי נאך, ווי פריער, דעם רינגל אף טויער,
נאר אטעם ווערט טיפער, אטעם ווערט גרויס.

*

און איינג איז מיין שטיבל,
פארשלאסן די טירן,
וואוהין זאל איך גיין
און וואס וועט מיך פירן?
און רייסן א טיר דארף מען קויאך דאך האבן —
ווי גרויס איז מיין קויאך, ווער וועט מיר זאגן?...

*

גרויע באלעמען שטיבלאך אין אוונט
טריפט לעוואנע מיט קלאנגען פון שניי,
דאכט זיך מיר, דו ביסט דא נאענט,
אייל איך אנקעגן דיר גיין.

קאן איך ניט גלויבן דעם עמעס
שלאף איך ניט וויפל שוין נעכט,
מיינער א אומזין, צי וועמעס —
ב׳שיינען פארלאשענע לעכט...

ד. כאראל

י. קיפּניס.

געבאָד

(מיניאַטיורן)

.1

פראָשן־קוואַקען

מיילעד־הערנער האָבן גרינג און קינדעריש אין איר פּענסטער אריין געשטראַלט. און פראָשן־קוואַקן לאָזט זיך הערן דאָ און נאָענט, ערגעץ און ווייט. אַזוי אומאויפהערליך קוואַקן זיי די פרעש— ניט נאָענט ניט ווייט, ניט פון דער זייט ניט פון יענער—פון ארום.

שיין איז זייער געזאַנג— שענער פון שיין:

עפּעס ניט פון קיין העלזער גייט ער. און עפּעער יאָ פון העלזער, נאָר ער האָט ניט דערהיט דעם אָנהויב, און קיין סאָף וועט ניט זיין...

פאַרשפּיצטע אַלאַכסנדיקע בדוסטן נאָגן שטיל, און סאַמעט־אויגן זאָגן גאָרניט, ווייסן גאָרניט. סאַמעט אויגן שמייכלען קוים באַמערקט—, און דיך דאַכט זיך: אַ וועלט אַ ערשט־פאַרטראַכטע, וואָס וועבט זיך אין גאָר־וועלטס פאַרהוילענישן, באַהאַלטן זיי אויס אָט די אויגן. באַהאַלטן אויס און שווייגן. אין נאָר אַ סאַמעטן רויבעלע, און נאָר אַ טונקל וואַסערל... און פראָשן־קוואַקן איז אַזוי אומאויפהערליך אי דאָ, אי נאָענט. ניט פון דער זייט, ניט פון יענער—פון ארום...

.2

כאַסענע־פרייד.

צווייען האָבן זיך געריסן כאַסענע האָבן און טאַקע אויסגעפירט.

ביידע יונגע, ביידע בלישטשענדיקע.

האָבן מכותּנים אַף דראשקעס איבערן שטאָט זיך געלאָזן און אַלע דורכגייער מיט כאַסענע־פרייד פאַרברענט.

פערד האָבן פון דער סימכע געוואוסט, זיי האָבן האָזעדיק ביז געוואָרפן און פון די שטיינער פונקן־גאָלד געריסן.

בין איך שוין מער ניט איך געווען.—די הויך־היטער האָבן זייערע בעזעמער ניט דערקענט.—די ווייבער ביי די מולטערס—געמיינט זיי סאַרווערן, און אַלע דורכגייער—מכותּנים זיינען, און כאַסענע־פרייד. אַרום די קעלנער זיי טראָגן...

.3

קאַלעס.

...איז דאָס פונקט אַ שאָ פאַר אונזער באַלייגנס געווען.

אַ זאַפטיק רעגנדל האָט אין פרישן אָוונט, אַריין זיך געפּלאַכט; דאַכט איך אים באַגעגנט דעם אומבאַקאַנטן. אזא יונגער, ווי איך, און צוויי אַקסלען, ווי איך, האָט ער געזונטע געטראָגן.

ביידע זיינען מיר פאַר אַנ'אויסגעווייקטן קויט מיט אויבן געשטאַנען,

באַרן זאַפּטיקע, פון רענן־שטויב געקילט, האָבן זיך מיידלש אונז אין די אויגן געוואָרפן. מיר האָבן ביידע אויג און צאָן געשאַרפט — איז פון איין זייט אַ ברייטער פּויען ראַק געהויקערט געזעסן, און פון דער צווייטער—אַ פאַר־דאָססטעטע וואָג זיי באַרישטעלט.

און געלט־פּאַפּיר איז גראָד בא „מיר" געווען.—האָט פרוי פון וואָג די באַרן מיר אין האַנט אריין געשטופּט און אין דער גיך די הענט צוריק אין די אַרבל אריין געלאָזן...

—נאַ זאָג איך צו אים, — עס!

האָט לײדיקער מאַרק געקוקט און זיך געוואונדערט:

צוויען ווילד פרעמדע—און פּלוצים דרינען אזוי און גאָר:

איינער שעמט זיך גיט געבן און דער צווייטער—עסן.

איך בין געגאַנגען, און מאַרק האָט לאַנג מיר נאָכגעלאַכט, ביז הינט מיט אַרומגעהאַקטע עקן זיינען אים אין מויל אריין פאַרקראָכן. האָט מיר אַ שיקער דעם וועג פאַרצוימט. איך לייט און אין נעץ איז ער ראַכוועסדיק און אין זיין גאַנ־צער לייגג אויסגעצויגן געווען און זיך מיט לעצטן באַגעגנטן הונט געזידלט. ער דעם הונט—אין הוילער נאַכט אריין איבער דער מאַמע, און דער הונט מיט מאָרדע צו הויך אַף קאָל, ווי ער וואָלט וועלן דעם שיקער צוקלאָגן פאַר מאַמע־קאָוועד און פאַר מענשלעכן צעלעם, וואָס נעצט זיך אין קויט.

איך האָב דעם שיקער אויסגעמיידט און ערשט דאָן אַף דעם הויפן קאַלעס זיך אָנגעשטויסן.

אַלע יונגע, אַלע גרינגע. טונקעלע פייערלעך אין די אויגן זיי טראָגן און מיט פאַלשע דימענטן באַשווינדלען זיי די נאַכט. זיי זיינען אַלע מיר נאָענט, זיי רופן זיך ביי די נעמען איינע די צווייטע. אין הויפן האָבן זיי זיך צוזאַמען געזאַמלט און וויסן, וואָס צו דערציילן...

איך האָב זיך אַף דעם הויפן אָנגעשטויסן, האָבן זיי זיך געקריגט פאַר מיר די קאַלעס און געדונגען בין איך קאָם מיט אוינער אַנטלאָפן זאָל זי זיין די שענ־סטע און זאָל זי זיין די בעסטע.

אונזער באַסענע איז אין דער רעגענדיקער נאַכט געשען, נאָר מען האָט אונז קיין ליכט נים געצונדן און קיין לאָמפּן האָבן נים געברענט.

האָט צווישן אונז ביידע קיין האַרץ נים געציטערט, ווייל מען האָט אונז קיין ביידער נים געאייניקט און קיין ווייסע דעקן נים געשפּרייט. איך האָב נאָר איר לייב דערזען יענער האָט מיט זיין שיין די פינסטערניש צעביסן, האָב איך שעלטן געוואָלט.

שעלטן די קאַלעס, וואָס האָבן מיך פון האַנט בא איר אויסרייסן געוואָלט און מאַכרים פון וועלט, וואָס זיך אזוי אויסגעהאַנדלט האָבן, אז שיין און וואָרעמ־קייט אין נאַס פאַרקויפט זיך, אַף שאַ און אַף שטיקל.

אַזאַ קלוגע איז זי שוין, אַט די מיין ווייב, געווען און אזוי בין איך איר געווע־ גען געפעלן. האָבן מיר לאַנג נים געקענט צעגיין זיך און געמוזט...

. . . .

ערשט אין אַ גאַס און אין צוויי ארום האָב איך זיי באַגעגנט.

מיט רענן־קאַרע ביי זיי די קליידער באַוואַקסן. מיט די פּעקלאַך זיינען זיי געגאַנגען פון וועג און פון צוג, וואָס האָבן זיי ערשט אַרויסגעלאָזט. אזוי שלעפּן

זיי זיך אין דער פינסטער. גליטשן זיך אף גאסן־אספאלט און טאפן דעם וועג. געוויס זיינען זיי מיינע פריינט. זיך געאיילט און דאך פארשפעטיקט, אף א שא א גאנצער מיין באסענע פארשפעטיקט. האב איך ניט געקלעמט און ניט געשאלטן, נאר געוואוסט האב איך: פון דעם זיוואוג וועט מיין וועלט ניט געבויט ווערן. איך האב מיין זיוואוג אין דער פינסטער פארדארבן, ווייל מיינע פריינט זיינען ניט געווען, ווייל מיינע פריינט האבן קיין ליכט ניט געצונדן.

אזוי זיינען זיי טאקע דורך—מיינע פריינט. סאמע מיך ניט באמערקט.

א, איך דערקען זיי:

רעגן־קארע בא זיי אף די אקסלען און אין די הענט קערבעלאך פון וועג. ערשט פון וואגזאל שלעפן זיי זיך און טאקע פארשפעטיקט.

אזוי האבן זיך שוין בא מיר די בארן צעבימן. ניט געוואוסט איך האב פון וועלכע האב איך דאס זאפט געזויגן, וועלכע האבן מיך אזוי באגיטיקט און וועלכע האט מיר די פרוי אין האנט אריין געשטופט.

מיין באוועך, מיין אומבאקאנטער—געוויס ווארט ער אף בייקעך.

האט דער רעגן נאך לאנג געפליסטערט...

קען איך ניט אויפהערן זינגען. אזוי אין מיינע באסענע־קליידער געגאנגען ניט אף אומבייטן זיי אזוי גיך. אזוי גייענדיק און אזוי זינגענדיק אף נאס און שטאטס באראט.

.4

יאדערן.

—קויפט יאדערן. גוטע געפראזשעטע יאדערן.

—גערעכט איז א פויערן.—גוטע יאדערן און נאך געפראזשעטע.

איך קער זיך אום.

מיין געלט־פאפיר באטרעפט ניט־קיין־פולע מעסטעלע יאדערן.

פון וואנען ווייסט א פויערן פרייזן?

פאפיר אט אזא און פאפיר אנדערן?

זי מעסט.

—איר האט אויך, זאגט זי, קיין געלט ניט.

——א פריער זיינען זיי געווען וואלוול, האבן זיי זיך אונטער די פיס געוואלגערט, און היינט—אף קיין רעביע.

זי רעדט און די שטימונג וואקסט.

— אז ס'נישטא קיין מאנסביל, איז ווער וועט פארדינען?... זי דארף דאווקע א מאן. סאכאקל דער פערטער צעגדלינג גייט איר.

זי איז שוין געגאנגען—די פיס ארומגעקלאפט גייענדיק און אומזיסט.

זי לאכט און א פארבאהאלטענער רייץ ברענט אין די אויגן.

— א ליכט האט זי שוין אפילע געקויפט...

—און א הייליקן געשטעלט,—כאפ איך בא איר אוים.

— אט זאגט זי, א הייליקן, —קוים דערלעבט...

געקויפט א ליכט און בא דער שיין געזוכט...

האט זי א נאדל געפונען... א שפילקע קעפל,— א קליין ווערימל געפונען

—און קיין מאן נישט...

זי פאַרגעסט ניט דערבּאָנען אַ דורכגייער: „גוטע יאַדערן געפּראַזשעטע" און לאַכט ווייטער:

— מע פאַרזינדיקט זיך זאָגט מען, אז מען שטאַרבט אָן אַ מאַן...

. . . .

אַ גוטסקייט פון אַ באַגעגעניש:

ווינציק יאָדערן,—און ביזן שטוב האָבן פינגער און ציינער אַנ'אַרבעט געהאַט.—

ווינציק פאַרבראַכט, און ביזן שטוב געדיינקט. און כ'האָט זיך פון זיך אַליין געשמייכלט...

.5

ה ע פ ק ע ר.

אין גאָרטן שפּילן קינדער

און אויסער גאַרטן שפּילן קינדער.

ליגט אונטערן פּלויט אַ אינגל, אַ יונג אינגל.

אַ הייליק שמייכעלע איז אים געבליבן רוהען אַף יונגן פּאָנים.

אַ ביסעלע אין דער זייט ליגט היטל מיט מויל און מיט הויפּל געלט־פּאַפּיר.

צו הימל און צו העפקער געווענדט—

זיך גאָרניט געריכט אינגעלע און שוין אזוי גיך...

ווייס איך?

געשטאָרבן...

— — — — — — — — — — — — —

היטן קינדערלאַך און ווייס ניט וועמען—העפקער־היטל, צי הייליק שמייכעלע, וואָס שיינט אַף יונגן פּאָנים.

היטן קינדערלאַך—און זון איז גוט אזוי...

זיך גאָר ניט ארומגעקוקט אינגעלע און שוין אזוי גיך.

ווייס איך?

געשטאָרבן...!?

אַ נאַכט—אַ יאָר, אז ער דראַפּעט זיך צו מיר אין פענסטער אַריין דער רעגן, אזוי נאָגנדיק וויינט ער, אזוי שטיל און פאַרצווייגן.

מיט פאַרצוויגענע וויעס כלינע איך אין דרימל. הער און הער ניט...

און גרייט איך בין גלויבן:

אַלע וועלטן אין איינעם געגומען כניקען אזוי שטיל, אזוי דויערנד, גיסן ט־ערן און קינדערשן ניט ווייסן פאַרוואָס.

מיט גוואַלד איך שאַר אַרום דעם שלאָף פו מיינע ברעמען און לאָך אַליין:

.6

ד אָ ר ש ט.

אזא נישטיק רעגן־זייערל זאָל אזוי פאַרפירעריש זיין... ווי ווייט איז דאָס דער ברעג פון פאַרזויגענע כמאַרעס?

ערגעץ דאָ נאָענט, וואו נאַכט וואו זעלבע שפּרייט זיך, ערגעץ דאָ נאָענט לעכצן סטעפּעס אַ טרונק. און ווייטער צו—לויערן פּלעצער וויסטע און מיט געזלעכער טרוקענע אָטעמען זאַמדיקע היץ. אַף ווייטע שפּיצן ערגעץ זיך פּאַשן בערן אייזיקע און בוינן אונטער שווערער און קאַלטער לאַסט אַף נאָך מיט קיינעם

ניט באטראָטענע פלאַכן. און אונטן וואו, אין זון פארגאַנג טומלט זיך אַ וועלט אַ האַלבע, ציט זיך צו כווישעך פון נאכט צו נאַכאַס פון רו. אונטן הילט אַ וועלט אַ האַלבע זיך אין זונפאַרגאַנג, און אַוונט, ווען יונגער אויסגעווייקטער מאָרגן פון אַלע ערגעצו געקוויקלט קלאַפט זיך שוין מיט ווייַ און פרייד־געבורט צו מיר אין ישוב.

7.

טפילע.

אין שאַ פון טאָגן האָב איך זיך מיט גאס און מיט שטילקייט אויג אַף אויג געטראָפן.

אין שטיינערנע בייכער האָט מענטשן־דרויב זיך אין פעדערן און אין צייג קנוילן־וויים געריעט, דאָס לעצטע ביסל רייאַך געצויגן און נאַכאַס געהאַט.

וואו ניט וואו האָט אַ שטוב־הינטל אַף סקריפּ פון טיר געוואַרט, אַף פלויט אַף ערשטן, אַף הויב פון אונטערשט פיסל, געוואַרט מיט הונגעריקע נאָז אַף אַ שפור אַ הונטישן אַף שטיין און וואַנט דערטאַפּן.

מיט טריט מיט גרינגע און באַקן באַברעמטע האָט זיך אַ עמיץ איבער אַ צוים איבערגעגליטשט.

אַף ניט באַוואָרנטן שלאָס געהאַפּט — דורך פינגער קלעפּיקע כיונע קריגן.

ער האָט מיר, און גאַס און שטילער דורך ריר פון ברעם זיין גאַנוועטפילע פאַרטרויט און איז קאַציש אין שטילקייט פאַרשוואונדן.

— — — — — — — — — — — — —

נאָט פון גאַנאָווים, וואָס וואַכט דורך פאַרטאָגן!

האָט ער אַ זכום באַ דיר? —אז ניט, נעם באַ מיר, נעם ביים הונט וואָס אַף רעלסן הימלאָז אָט זיצט און ווארימט דעם עק אונטער זיך.

נאָט פון גאַנאָווים, וואָס וואַכט דורך פאַרטאָגן, זאלסטו זיין טפילע פאַר־נעמען!

8.

געגאָד.

מט זון און גענאָד איז גאַס און שטיין פאַרגאַסן.
אַ פעדימל פון כיין איז אבער וועלט איבער. גאָרער פאַרצווינן—
ווער קען זאָגן אַף וועמען אין דער רעגע:
„דער איז איבריק, ער איז ניט אַף זיין אָרט."
אַ פערדישע קופּע אַ פאַרלאָרענע אין מיט פון גאַס איז גאָרניט פאַרלאָרן...
איז גאָר ניט עלענד.—
דאָס הויקערל, וואָס טראָגט צונאַ זיין הויקער פאַר זיך איז אַף זיין אָרט.
די קי גייט נאָך רוהיק נאָך דעם ישטריקל
אומזיסט האַלט זי די באַלעבאָסטע אין די מוירע
מיט אָסן האָט זי געוואָלט שפּילן נעכטן—היינט איז זי מיד און נאָכגיביק
און איז מויכל שטאָט פאַר שטיינערנעס, פאַרשטאָפּטן ניט וויסן —וואָס איז אויסן אַ קו, ווען ס'קומט איר אָן די צייט...

י. קיפניס.

סדאם

1.

די קליידער אויסגעפּרעסט, ווי טעלעגראַפן־דראַט — —
גאָט צו גאָט, נאָר טאַקי גאָט צו גאָט.
און שיך און וועש פון בעסטער קראַם.
מיר, הער קאַסיר, אין יענער שטאָט — —
א בילעט ערשטן קלאַס קיין סדאם.

האָט מיין טאַטע געזוכט אהינצו דעם וועג?
אים קענען ניט שיינע און גוטע א סאַך.
אין מיין אַנטלויפן פון זיך אין טויבע טעג,
אין מיין אייביקן נאָך זיך געיעג,
האָט עס מיך אַהער געבראַכט.

עס וועט אוונט זיין, ווען כ׳וועל קומען אהין.
לאַמטערנס העל באַשמינקט.
ניין, פריער ביי־נאַשמאַשעס. א רויטע זון.
פּיאַלעט דער הימל צעגליט.
ניין, דאָך איז עס אוונט, ווען כ׳קום אהין — —
לעזוואַנע אויבן הינקט.
איך קלאַפּ אין די לאָדן, מע עפנט מיר ניט.
איך הער, איך הער, ווי דרין
א מויל א גאַקעטס זינגט
א ליד.

מיט א שטרויעלע!
אַזויעלע, אַזויעלע!
פאַל נאַר, פאַל נאַר,
וועסטו בא מיר פוילן.
שלאָג מיך, בראַט מיט הייסע קוילן
אפּין הוילן.
לאָמיך האָבן היינט
מיין טאָג דעם וואוילן.

האָסטו מיינע אינדן אָפּגעשונדן
האָסטו מיינע לעמעלאַך געשאַכטן

האבן מיך די סדאמער־נעכט געצונדן — —
זוך איך קילע ווינטן
אונטן
אף די גרונטן
און וואו נאך דען, און וואו נאך דען, און וואו נאך דען?

ווי מע קלאפט דארט, ווי מע קלאפט דארט אין די לאדן,
זאל מען ווייטער, זאל מען ווייטער קלאפן!
בין איך דאך דיין שקאפע.
זאג, איך בין דיין שקאפע
און איך פיר דיין וואגן
אזוי שווער באלאדן.
וועל איך לויפן — —
וועסטו מיך ניט כאַפן.
וועסט מיך כאפן — —
וועט עס זיין דיין שאדן.

מיט א שטרויעלע
אזויעלע
אזויעלע
כאפ מיך, כאַפ מיך,
ווּעסטו ביי מיר פוילן.

.2

אין דיינע טייכן, סדאם,
אין אויסגעבלויזטע נעכט,
אין שטייענדיקן וואַסער
פאלויסקען זיך,
קלוימערשט פריילעך,
פעטע שאף
און שלאנקע צויגן.
און ס׳שטייט דער פעטער אפ׳ן ברעג:
מאַרעשכוירעדיק
דעם ארעם אויסגעצויגן,
די צונג ארויסגעשטעקט;
מיט א שטעקעלע פון דינעם אטשערעט
קיצלט ער זיי ס׳ווייבליכע געשלעכט.
און זיי פראביקריוען אזוי
פאר אומרו, פרייד און ווייטאַק.
און ס׳שפילן טויבע קלעזמער צו

אַ ניגן טרייסטלאָז, האפליא
ווי דער געוויסער שלוקערץ
פון פרויען נאָך אַ מאפּל.
אַ כאסלירקעלע ווי אין פּאָסעק.
און אנדערש נאָך —
ס'איז יעדער קאפ
א דרייעק מיט א גלייכן ווינקל,
וואו AB און BC
זײַנען אויסגעגליכט
און קאטעט AC
איז פאר דאָרשט פארטרוקנט.

באָר הייס איז ניט. און קאלט איז אויך גיט.
די הענט פאראכטן
יעגע פיס, וואס האָפּקן
פוילן טאנגאָ,
ווי מע שטעפּט אף א מאשין.
און פיינט האבן די פיס
די הענט, וואס טאפּן
פון שוויס פון אייגענעם די ווארימקייט
און פרעמדע ברוסטן.

און איינמאל האבן מיר געלייענט אין א צייטונג
אַן איידעס קאָן זיין אַ. מ. איקס
ער האט פארשעמט אוועקגעקוקט דערביי מיט רעכטן אויג
און אין זיין סאדע-וואסער האט זיך אפגעשפיגלט
א טראפן פאשעט פויערש פלאקסן-אייל —
אַן אינסעראט אזא
איר ווייסט שוין וועלעכס.

און איך האב זיך דערביי דערמאנט,
אז כ'האב צוויי קליינע קינדער,
וואס שמייכלען פונם שלאף און זיינען, ווי דער אטעם
פון פאלוועצקער וואלד אין אייער צייט,
און וואס זיי מוזן ערשט אריין אין כיידער
און דורכמאכן דאס גאנצע פונם אנהויב
און ס'האט מיר אנגעהויבן פרעסטלען אפן רוקן
פאר סדאם, פאר סדאם.

.3

פריינט,
איר, טייערע און בעסערע פון מיר,

איר בעסטע אף דער גאנצער ערד!
אנטלויפּט גישט
טרייסלט מיך נישט אפּ!
איך ברייגג טאקי נאָר שטויב פון אלטבאקאנטן
פון אויסגעשריגענעם
מיט ניַין מאָס רייד.
כ׳וועל אבער הייַנט

מיט נעגל פון נייע וואריאנטן
פארטשעפּען די געקרייזלטע פארשלאסנקייט
פון אייערע געקעמטע בערד
און אויסגעלומפּערט-גראָב,
ווי פון זינען,
אייך אנכאפּן ביים קאפּ:
הערט נאָך אמאל,
עס גייט אייך אן.

איך קאן דיר גארנישט זאגן,
וואָס דו באשטייַסט פאר מיר,
מיין ליבער קאָטער,
און ווען דו ליגסט
און זשמורעסט זיך צו זון
און כיינדלסט זיך אזוי אין דיין געלאסנקייט
אין דינער רו
און ביסט אזוי געלייטערט ווייס,
דו, דו.
דיך וועלן אופּעסן די מייז!

ווייל ס׳איז געווען א פאלשער מיין,
אז גרויס איז שטארק און שוואך איז קליין:
ניין.
איך זע באשיינפּערלעך דיין סאָף:
דו ביזט ווי טאמיד
פארטראכט, פארכאלעמט
אין האלבן שלאָף.
א פּיצינקעלע מייזעלע
א קליין פארזעעניש
קומט צו און טוט א קראץ
אזוי, א קראץ,
דו קוקסט זיך גארנישט אום אפילע,
און נאך איינס לייכט,
און נאך איינס לייַכט,

און עטלעכע און פילע.
און ווען דו האסט דיין נאגל אויסגעשטרעקט, —
אָ זע, אָ זע —
ארומגערינגלט און פארדעקט
ביזטו פון זיי
פון טויזנטער פון גימעסע פון קליינע מייז,
וואס בייסן שטיקער ווייס
פון דיר און לאזן דיך ניט אפ!

און אויב דו קאנסט, באַרעכן אפן קאפ,
סדאס פארמאגט אזוי פיל גאסן;
יעדע גאס אזוי פיל הייזער;
יעדעס הויז און אזוי ווייטער.
היינט די בוידעמס און די קעלערס --
היינט שפייכלערס און די קאמערס --

איצט איז שפעט שוין. ס'וועט נישט העלפן
דיר די שטאלנסטע טשעקא,
די באלעבעסלשע סטיכיע.
קוק אף רוסלאַנד, רוסלאנד, רוסלאנד.
זאגסט, דער וועג איז אויסגעטראטן,
און דער שטייגער איז געשטופּלט
פון די פילע, פון די גריבלערס,
קוקסט אוועק פון מיר אנטוישט,
כ'ענפער אפ דיר מיט אמאל
וועט א צוג דיך איבערפארן --
גייסטו ציילן זיינע יארן?
איז דער מאשל אויך אן אלטער.

מיינע טעכטער, מיינע יונגע,
וואס האט מען מיט זיי געטאן?
און אין קינאָ פאר דער דראמע
קומט דען נישט א האָן א גיבער
און ס'איז אונטער אן אויפשריפט:
פראצענטניקעס שטארבן אף קידעש אשעם
און ווערן נאך רייכער פון דעם.
פילט מיך דען נישט אן א אייעש,
ווען איך הער די סדאמערריידן
פון צאדיקים און גאניידן
אף העברייאיש, אף העברייאיש,

און אף יענע ווייטע אינזלען
פונם איינזאמען געדאנק,

וואו מיר קומען צוגעשוואומען
קוים וואס, קוים וואס מיטן ל׳עבן.
נאר אדאנק דעם שיים אמפויראש.
איז מיר נעכטן אף דער נאכט,
ווען איך בין אהין געקומען
מיד פון טויזנטער סאקאנעס,
אנגעקומען שוין אקעגן
אזא דיקער יונגערמאן,
אויסגעשטרעקט שאלעם אלייכעם,
סקאצעל קומט, וואס אזוי שפעט,
כ׳ווארט שוין דא אף אייך א גוזמע,
כ׳האב דא אייביקייט פארטיילט.
נאט אייך, נעמט אייך אייער כיילעק.
כ׳האב אים דא גישט וואו צו האלטן
און ער ווערט צעשמאלצן.
האט איר נישט א פאפיראס?
און וואס זאל איך אים דען זאגן,
— כ׳ווייס אפילע, כ׳קען עס שווערן.
ער איז ער, און איך בין איך,
אָבער אזוי ענלעך איז ער
ענליכער צו מיר, ווי איך.

ניין ס׳איז שלעכט, ס׳איז שלעכט, ס׳איז שלעכט.

4.

סאכט האט שוין איר שווארצע מויער אויפגעשטעלט,
ס׳זיפט זיך דינע ליכט פון שטערנדיקן הימל.
עי, וואס האט איר אייך, וואס האָט איר אייך פארשטעלט?
עאט איר נישט מיט וואס זיך צו ברימען?

איינזאם הוידעט זיך לעוואנע א פאכיר
איבער געגנט שטומער און פארדעכטיקער;
צוויי מאלאכים קלאפן זיך פון טיר צו טיר,
בעטן זיך — זיי ווילן איבערנעכטיקן.

איר מאלאכים, איר מאלאכימלאך פון גאט
מיט די שווארצע בסירעס אין די ווייסע פליגל,
ווייסט איר דען נישט, אז ס׳איז סדאם די שטאט,
וואו ס׳איז יעדער איצט מעזאנע בא א פאלשן שפיגל?

פרעמדע מענשן רייבן לייב אין לייב;
א קאדאָכעס טרייסלט מיט די בעטן.

מארגן זעט ער, אז ס'איז נישט זיין ווייב
געלעגן דא מיט אים אין טאג אריין אין שפעטן.

אין די נעכט די הייסע פיקן שוין די טעג
מיט די קאלטע שנאבלען, דעקן אויף די פלאכטעס.
איינער ווערט דער צווייטער אויסמיידן דעם וועג,
איר אראפווארפן א גלעזערנעם „וואס מאכסטו?"

איר מַלאכים, איר מאלאכימלאך פון גאט,
אין דער גאנצער שטאט איז דא נאר איין גערעכטער.
שיקער איז ער טאמיד. ער איז שיקער לאט,
א פאטער זיינע ווייבער, א מאן צו זיינע טעכטער.

גייט צו אים אריין! רוט אין זיין געצעלט,
ראטעוועט פון סדאם די ליידינדיקע וועלט!

5

מיט שארפן שניידמעסער איך לאז מיך אף מיין סטעפ
און כ'שנייד אראפ די אלע ווילדע גראזן.
אף הוילן פלאץ באווייזן זיך די קעפ
פון די אנטלויפנדיקע טאנצנדיקע האזן.

מיין אלטער גוטער ברודער וואליקע וואלף,
נישט וואַרג זיך, שלינג נישט, כאפ פאוואליע.
ווי כ'בין א איד, איך מאך צו דיר א סאף
און כ'וועל שוין אַן דיר אויסקומען מיין וואלי.

קוואלן קילע פון אונטער דער ערד,
איר טארט היינט נישט דעם כאלאל מיר פאַרפלייצן.
אריינט אין כאמעט, איר טאַבונעס ווילדע פערד
פאלגט די בייטש און הערט די לייצן.

און נעם איין שטומעניש, געננג גערויבט
עקביה בן מהללאל, אלטער פיקהאלץ,
מע ווייסט שוין, אז דו קויפסט און דו פארקויפסט
און ספעקולירסט אביסל מיטן איקער.

א הערשער-האנט איז אופגעשטארקט בא מיר,
איך לאז מיין ליד גיט שטערן פון שפאט און יאמער.
די זיצונג ווערט געפירט ארגאניזירט,
דאס ווארט דערהאלט איצט כאווער לאט דער סדאמער.

אין דרויסן אָבער גוואַלדעוועט די שטאט
אז ליו ליו, וויל די וועגט צעשלאגן.

און ער רייסט זיך, און ער וועגט זיך צו זיי לאָס,
און ער רעט צו זיי אַזוי צו זאָגן.

איז מיין האַרץ אַ מאָס? איבער יעדער מאָס
ברענט אין מיר דער געהנעם פון צאָרן.
ס'איז מיין בליק פאַרסאַמט פון שטענדיקן פאַרדראָס
און פאַרשאָלטן בין איך, וואָס איך בין געבוירן

איך, וואָס צייטנווייז דערוואַך איך מיט אַ שפרונג,
לעבעדיק און שטאַרק, ווי אַ יאַריק קעלבל,
אונטער אייער שאָטן בין איך נישט מער יונג
און מיט אייך ביים טיש, בין איך, ווי איר דערזעלבער.

איז עס נישט מיין טרייסט, אַז איך בין באַשטימט
מאָרגן שוין קאַיאַר צו זען אייער פאַרלענדן?
ביז, איך זע מיך שוין פאַרענפערט און באַריכמט
אויף די שפּיצן פון אַן אויסלייזונג־לעגענדע.

כ'ווייס, דערווייל בין איך אַ גער אין סדאָם, בײַ אייך,
כ'בין פון אייך געפאַנגען. נאָט אייך מיינע טעכטער
און זייענדיק מיט אייך, בין איך צו אייך דאָך גלייך
און אַ נייער, נייגעריקער נאָך און שלעכטער.

בין איך אייער גער, אָבער נאָר אַ גער,
ס'טליט אין מיר דאָס ליכט פון מונטערן זיקאָרן.
ס'בראָט מיך אַלץ בײַ אייך, וואָס איך זע און הער.
וואָס איך ווייז און רעד שטעכט מיך, ווי אַ דאָרן.

טוט מיט מיינע טעכער איצטער וואָס איר ווילט,
אָבער לאָזט בײַ מיר די שטראָפערס, די מלאָכים.
ווייל אין אייער קרבן ווערט מיין בלוט געקילט.

און געבענטשט איז אַלעס, וואָס וועט קומען נאָך אים.

וואָרגט זיך, וואָרגט זיך גיכער מיט די זינד,
זעט ס'זאָל אייך אין האַלז נישט בלייבן עפּעס שטעקן.
מיט דער העלער זון און מיטן מאָרגן־ווינט
צינט זיך אָן די שטאָט פון אַלע עקן.

ס'ווערט די שטאָט פאַרבלענט אונטער זיינע רייד.
דראַפּען זיך אַהיים דערשלאָגענע און מידע
אַ מלאך צו דעם צווייטן פּליסטערס שטילערהייט
זעסט, ווי גוט עס איז, אַז מ'האָט אין סדאָם אַ ייִדן.

6.

און איצט, ווען כ׳ווייס געוויס,
אז דו ביסט אומגעקומען, סדאם,
בענקען מײַנע פיס
נאך דײַנע וועגן.
ביי וועמען זאל איך פרעגן,
ווי קערט מען אום
א פארווערטס גיסנדיקן שטראס.

גאר זיין, דאס לאך איך גאר אזוי.
אזוי בין איך באשאפן שוין פון אלטע צייטן.
איך בין דאך עפעס נישט קיין גוי
און זע אלצדינג פון אלע זייטן.

און מיינען מיין איך פארט,
אז פארן וועל איך קיין ניו-יארק,
און אופזוכן דארט אלע עמיגראנטן
פון מיינע קאנטן,
און גרינדן א פאראיין
פון אנשי סדאם
מיט א בייסמ׳דרעש און א דע סיג-האל.
און זאמלען געלט
פון גאר דער וועלט
און שיקן איך א רעלעגאט א רעבטן,
דעם סדאמער בייס האקווארעס צו פארעכטן
און ס׳וועט זיך ארוועטיין
שנאל און פיין
אין פילארעלפיא, טשיקאגע און סאנקט לואי

און איצטער בין איך רואיק, רואיק, רואיק.

גרישע ליוושיץ

י. דאָברושין.

מאַני לייב.

.1

דאָס ערשטע, וואָס מוז אַרויפֿקומען אַפֿן ראַיען, ווען מען ווערט באַקאַנט מיט מאַני־לייבס דריי בענדער געזאַמלטע לידער — איז:

מיר האָבן שוין באַלד אַ דורכאויסיקע פֿאַרגאַנצטע ליטעראַטור. מיר האָבן אַ ליטעראַטור, וואָס האַלט באַ פֿאַרפֿילן אַלע דורכגעהיפּערטע עטאַפּן, אַ ליטעראַטור, וואָס לאָזט ניט אויסן אַ׳ איין שטאַפּל פֿון קינסטלערישער וואָרט־אַנטוויקלונג.

איך רייד פֿון מאַני לייבס פֿאָלקסטימליכקייט, פֿון דעם דיכטערישן פֿאָלקלאָר־וועזן, וואָס וואַרפֿט אַ גרונטשיין אַף מאַני לייבס שאַפֿונגס־מעטאָד, אַפֿן עצם מהות פֿון זיין לירישקייט, אַפֿן אינהאַלט און, דער איקער, אַף דער פֿאָרם פֿון זיין דיכטונג.

די אידישע פֿאָלקלאָר־ליריק איז אַ צייט־לאַנג ניט געגאַנגען מיט איר אָרגאַנישן אַנטוויקלונגס־גאַנג, האָט אַ צייט לאַנג ניט געהאַט איר קינסטלערישע אַליע. אַמאָל נאָך באַ די ערשטע אָנפֿאַנגערישע טריט פֿון אידישן ריטמישן וואָרט איז די האַסקאָלע־ליד געווען דער „סאַר האַשיקכע“, וואָס האָט געגעבן דעם שנאָל אין נאָז דער אידישער דיכטונג און זי האָט אַף אַ צייט מעשונעדיק פֿאַרגעסן אָן דעם אָנגעזאַמלטן פֿאָלקלאָריסטישן וואָרט־און פֿאָרם מאַטעריאַל, וואָס זיינען געלעגן ניט גערירט אינעם שעפֿערישן פֿאָלקס־זיקאָרן.

מיט פֿאָלקסטימליכקייט האָבן, עמעס, באַ אונז געזינדיקט אַ סאַך און פֿאַרשיידענע ליריקער, אָבער זיי אַלע — פֿון רייזינען ביז הערשעלען — האָבן דעם באַרבאַנישן מאָטיוו אָנגענומען פֿאַרן פֿאָלקס־טאָן און אָנשטאָט די אייגנאַרטיקע וואָרט־שטימונג פֿון אידישן פּרימיטיוו—געגעבן אונז פֿאַרגראַמטע פּאַשטעס פֿונם עלעמענטאַר־דיכטערישן טייכל האַיאַשאָר.

די באַהעפֿטונג, די פֿרוכטבאַר־קינסטלערישע באַהעפֿטונג מיט דער פֿאָלקסליד האָט זיך באַ אונז אין רוסלאַנד אָנגעהויבן אָקאָרשט דאָ ניט לאַנג צוזאַמען מיט דער אויפֿוואַכונגס־פּאָעזיע פֿון דעם מאָדערנעם פּעריאָד. די שעפֿערישע אַנטפּלעקונג פֿון די נייגעקומענע אויפֿלעבנדיקע פֿאָלקסשיכטן האָט מיט זיך פֿונם פֿאָלקסדעק אַרויפֿגעבראַכט די פֿאַרבאַהאַלטענע ביז אַהער פֿאָלקלאָר־קלאַנגען, די פֿאָלקלאָר־אַראָמאַטן, וואָס האָבן מיט ווייטער ליבליכער עכאָ אָנגעפֿילט די שורעס פֿון דער נייער דיכטונג. מיט ווייטער ליבליכער עכאָ — און נישט מער. ווייל צו אַנדערש: ניי און בלענדיענד איז געוואָרן די אַרומיקע פּאָעטישע אידייען־סוויווע, די אויפֿגעקומענע פֿאָלקסשיכטן האָבן דאָך בעשאַס מאַיסע געשמידט גאָר נייע עכט־וועלטישע קולטור־ווערטן און די אַלטע פֿאָלקס־טעווע האָט זיך, ווי פֿאַרגאַנגענער זונענגאָלד, געלייגט נאָר אינעם הינטערגרונד פֿונם אויפֿגעוואַכטן פּאָעטישן וואָרט.

אָט אַף אַזאַ ווייטן אָבער קרוויוועשן אויפֿן זיינען באַהעפֿט מיט דער פֿאָלקס־ליד אונזערע: ניסטער, האָפּשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, רעזניק און קושניראָוו און אַפֿילע דער ערעוור־פֿאָלקסטימלעכער אָשער שוואַרצמאַן, אָט דער דיכטער, וואָס האָט פֿאַר זיך אין זיין אייגענער אינטימער העפֿט בעפֿיירעש אָנגעהויבן מיט פֿאָלקס־מאָטיוון און איז דאָך צו אונז געקומען בלויז מיטן היינטוועלטישן שענעם דיכטערישן זאַץ. וואָרים ער אַפֿילע, דער ערשטער פֿון דער יונגער דיכטערישער מאַכנע, האָט זיך באַצייטנס איבערגעבראָכן, באַצייטנס מיטן דיכטערישן כוש דערשפּירט, אַז באַם נייען לעבנס־אויפֿפּלי, אין דער לופֿט, וואו ס'טראָגן זיך שטורמישע צייט־שטימען, האָט די פֿאָלקסטימלעכקייט שוין מיט אַלעמען אָפּגעקלונגען, דאָ איז די פֿאָלקלאָר־אויפֿפּאַסונג אַף טאָמיד פֿאַרשוואונדן.

און בלויז אין אַמעריקע, אין דער אידישן אַמעריקע, מיט איר ברוויזנדיקער אָבער דערוויל פּערספּעקטיוו־טעמפּער, אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אינם לאַנד, וואו די טראַנספּלאַנטירטע דיכטונג האָט אָנגעהויבן מיט די סאָציאַליסטישע ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־באָווּשאָווער און געקומען צום אינטעליגענטישן „אַלט־ניי“ פֿון די יונגע, אָט דאָרטן האָט דאָס אויסגעוואַקסענע באַ די יונגע אָרגאַניש־אידישע וואָרט אָנגעשטויסן זיך אָן די ריגלען פֿונם פֿאַרשלאָסענעם אידייענגאַנג, דער פֿאַרהאַלטענער געדאַנקען־אָטעם האָט געשטויסן דאָס וואָרט אידעאָלאָגיש אַף צוריק און גרייט געמאַכט דעם באָדן פֿאַרן ליטעראַרישן רעטראָספּעקטיוו.

איז דעריבער באַשערט געווען, אַז דער ערשטער קינסטלערישער וואָרט־טרעגער, דער אָנפֿאַנגער, צו גלויבן, פֿון דער יונגער דיכטונג אין אַמעריקע, זאָל זיין דער פֿאָלקסטימלעכער, דער פֿאָלקלאָריסטיש־דערצויגענער ליריקער — מאַני לייב.

.2

—איי קאַלעניו לעבן, דו זעסט ניט אַליין,
אַז דאָרט אַפֿן בערגל דיין כאָסן טוט גיין...
— דאָס איז ניט מיין כאָסן, דאָס איז ניט מיין פֿרייד,
דאָס דאָרט אַפֿן בערגל אַ בוימעלע שטייט....
—קאַלעניו לעבן, ווי זעסט דאָס ניט גלייך,
דאָרט קומט דאָך דיין כאָסן פֿון יענער זייט טייך
און גאָלד און בריליאַנטן פֿון זיבן קאָליר
דאָרט טראָגט ער דאָך קאַלע מאַטאָנעס פֿאַר דיר...
— ניט גאָלד און בריליאַנטן פֿון זיבן קאָליר,
ניט קאַלע מאַטאָנעס דאָס טראָגט ער צו מיר;
אַף יענער־זייט טייך אין דער ווייט, אין דער ברייט
האָט דער רעגנבויגן זיך ליכטיק פֿאַרשפּרייט....
אַ זון און אַ רעגן אַ גאָלדענער שפּריצט,
באַם אָפֿענעם פֿענסטער די קאַלעניו זיצט,
געפּוצט ניט אין זיידנס, אין גאָלד ניט געקרוינט.
זי וואַרט אַף איר כאָסן, זי זיצט און זי וויינט.

(אידישע מאָטיוון 8).

ניט בלויז דאָס דאָזיקע ליד אַליין פֿונם באַנד „אידישע און סלאַווישע מאָטיוון“ וואָלט זיך מיר געגלוסט אַראָפּברייננגען איננאַנצן אַהער און ניט בלויז דער־

פאַר, ווייל מיט די אַלע פאָלקס־מאָטיוון האָט מאַני לייב פּסיכאָלאָגיש אויב ניט כראָנאָלאָגיש אָנגעהויבן זיין דיכטערישן וועג, נאָר מאַכמעס דעם, ווייל אין די דאָזיקע זעלטענע פאָלקלאָר־נאָכמאַכונגען שלאָגט דער טיפער אָדער פון פאָלקס־שאַפונג, ווייל מאַני לייב — ניט דער פּסעוודאָנים, נאָר דער אַנאָנים קימאַט — האָט בא אונז דער ערשטער — ניט רעכנענדיק דעם שוואַכערן סעגאַלאָוויטש און דעם שטאַרקערן אימבער — האָט ער דער ערשטער אָפּגעשטעמפּלט דעם אַרכי־טעקטאָנישן און ריטמיש־בילדערישן כאַראַקטער פונם אידישן פאָלקסליד. אַזוי פיל מאָל האָט מען זיך דאָך בא אונז געשפּילט מיט פאָלקסמאָטיוון, געשלעפּט זיי אומעטום פאַר די האָר און געמאַכט דערביי אַ טעל. פון אינטימען אייגנאַרטיק־זינגעוודיקן פאָלקס־ראַייע. און נאָר מאַני לייב האָט אָט ווי נאָך אַמאָל, אָפּגע־טוקט זיך אין דער אַלט־אידישליכער שטעטלשער סוויווע, אָנגערירט די האַרציקע פאָלקס־סטרונעס און אין אַ פּאָר קאַרגע מוסטערן אַ צאַפּל געטאָן מיט אַלע ביי־געוודיק־זויבערע קניימשן פונם פאָלקס־וואָרט, דערמיט גופע באַשיינט און פאַר־באַוואוסטזיניגט די ווייניק אויסגעפאָרשטע ביז אַהער שאַפונגס־פּראָצעסן, די ניט אַנטפּלעקטע אינעווייניקסטע אָדערן פון אונזער פאָלקסטימליכער דיכטונגס־קולטור.

שנייעלע וויסער וועט שיטן און שיטן,
שפּאַן באַלעגאָלע דיין פערדל אין שליטן.
איך וועל דיר געלט און אַף בראָנפן נאָך געבן,
היינטיקע נאַכט וויל איך פריליכער לעבן!
איך וועל די רימענע לייצעס אַ נעם טאָן
און מיטן שליטן דעם שניי אַזאַ קעם טאָן!...
(אידישע מאָטיוון 10).

אזוי פּראַכטפול שפּילט זיך פונאַנדער מאַני לייבס פאָלקס־שטימונג. און ס'הויבט שוין אָן טאַקע פּאַרדריסן, וואָס אַזוינע אַמאָליקע מאַני לייבס האָבן בעשייטאָם איבערגעדיכן די פאָלקס־וועבעכטס. און אַנטלאָפן צו דער געפּאַרבטער האַסקאָלע־פּרינצעסן: ס'איז דאָך צו זעהען וויפל פּאָעטיש־געלייטערטע טעמעס האָט נאָך ,געקאָנט געבאָרן די עכטע פאָלקס־פּעדער, וואָס איז מעסוגל רעטראָספּעקטיוו אַפילע אָפּרופן זיך מיט אַזוינע מייסטעריש געפורעמטע פאָלקס־שורעס:

וואַרט איך אַף דיין בריוועלע,
איז מיר זייער שלעכט,
עס איך ניט און טרינק איך ניט,
שלאָף איך ניט קיין נעכט.
נעמען זיך גאָרניט די הענט
עפּעס וואָס צו טאָן,
ראַק איך וואַרט ביים טויערל
אַפן פּאָסטאַליאָן.
ברייגנט ער מיר אַ בריוועלע
פון דעם וויטן לאַנד
עפן איך דאָס בריוועלע,
ציטערט מיר מיין האַנט.

שוואַרצינקע ווערטערלאַך,
ווייסינקער פּאַפּיר
און די טרערן פינסטערע
גיס איך אָן אַ שיר

(אידישע מאַטיוון 12)

ס'איז קימאַט אַ רעצידיוו פון פאָלקס־שאַפן, ס'איז אַ אויסגעהאַלטענער פאָלקסטאָן מיט אַלע געזעצליכע הויפּט־איינגנשאַפטן — דער דיאַלאָג אין ליד, די נייטראַלישקייט פונם אינהאַלט, די דערבייאיגקייט פון די אַסאָציאַציעס און די קינדעריש־קאָנקרעטע בילדערישקייט.

און אָט די זעלבע הויפּט־איינגנשאַפטן האָט מאני לייב אריינגעבראַכט אין זיינע, אזוי גערופענע, מאָדערנע לידער, אָט די אייגנשאַפטן האָבן דאָך, אייגנטליך, פאַרפורעמט מאני לייבס לירישע דיכטונגען, דערהויבן זייער עלעמענטאַרן טאָך צו דער מאַדרייגע פון פיינסטע פּאָעטישע וואָרט־ווערטן.

3

בעעצעם איז ביי מאני לייבן ערטער ווייס שווער אָפּצוטיילן אפילע וואו ענדיקט זיך זיין עכטער פּאָלקס־טאָן און וואו הויבט זיך אָן ביי אים די פּערזענליכע ליד. וואָס איז דער כילעק אָן ערעך, פון דער ליד „אין בעט איז דאָס קינד געלעגן“ פונם באַנד „אידישע מאָטיוון“ (32) ביז דער ליד „איך שטיי בא מיין פענסטער“ פונם באַנד „לידער“(27)? וואָס איז דער כילעק, צווישן די ביידע אַרטן לידער אין טאָן, אין אויפפאַסונג, אין וואָרט־האַלבאַשע?

דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגן —
ס'איז צוועלף שוין אזייגער ביינאַכט,
איך קוק אָפּן זייגער און טראַכט,
דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגן

(„לידער“ 109)

און אומעטום די זעלבע בווילעטע פּאָלקס־טימלעכקייט, אומעטום די דאָזיקע מאַלבישים. זיין „מאָדערן“ דרייט זיך אַרום די אָנאָנים־איבערלעבונגען, אַרום דאַכט זיך, ווי אַ פּאָלקס־ליד, באַשאַפן געוואָרן אָף צו זינגען.

איך נעם אָף זיך אַ ניידער,
פאַרלאָזן זיך אַ באָרד
און טראָגן אַלטע קליידער.

(„לידער“ 86)

צי מיינט ער עס ערנסט, מאני לייב? — ווער ווייסט, אָבער איינס איז קלאָר; מאני לייבס דיכטערישע היינטוועלטיקייט איז בעפיירעש אָנגעטאָן אין אַלטע מאַלבישים. זיין „מאָדערן“ דרייט זיך אַרום די אָנאָנים־איבערלעבונגען, אַרום יענע פאַראַלגעמיינטע געפילן און שפּירונגען, וואָס זיינען אומעטום דער שטאָף פון דעם אומפּערזענליכן וואָרט־טרעגער.

און זאָלן זיי מיך יאָגן,
איך האָב דאָ אין דער גאַס
אַ פרעמדן קינד געטראָגן

מיט אַזאַ רעמאַזימדיקער שענקייט פאַרענדיקט מאני לייב די נאָר וואָס

געבראַכטע ליד. ווייס ער שוין עפּשער טאַקע אַליין, דער דיכטער, אַז זיין דיכ־טונג — ס'איז דער פרעמדער היינטוועלטישער קינד, וואָס ער, דער בערדיקער און אַלטמאָדיש געקליידטער, טראָגט איבער די אונזעריקע אייראָפּעאישע גאַסן.

וואָרים מאַלנדיק די שטאָט ניו־יאָרק מיט אירע באַנען, וואָס ברילן ווי שלאַנגען, מיט אירע מענשן, פורן און אויטאָמאָבילן רעזאָנירט דער דיכטער טרויעריק וועגן זיך:

אוּן דיינע אויגן זיינען קאַלט און אויסגעלאָשן,
זיי פירן דיך אין ראָש פון די גאַסן אום,
נאָר פרעמד איז דיר די וועלט, וואָס רינגלט דיך אַרום
דו הערסט אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן לאָשן,
דו הערסט דאָס פרעמדע רעבן רעדט, נאָר שטום
די ליפּן דיינע זיינען—שטום און צוגעשלאָסן.

יא. אַזוי רעזאָנעריש־אָפּגעלאָזן ווערט אומעטום דעם דיכטערס שורע דאָרטן וואו ער דאַרף זיך אָריענטירן אַפן אַרומיקן מאַמאַשעסדיקן אויסקומעניש. מאַני לייב האָט טאַקע דיכטעריש קיין שום שייכעס ניט צום נייען רווישיקן, פילפאַרביק־אימפּעדיקן אַרום, ער אַליין איז זיך מודיע אין אַ ליד:

די לענדער, די יאַמען, די שטעט און די ערטער,
געזיכטער און שמייכלען און ווערטער
זיי זיינען אַוועק פון מיר ערגעץ אַמאָל
אין עפּעס אַ ווייטן טאָל.
איך זעה נאָר דורך לויטערן נעבל פאַרצויגן
צוויי קינדערש פאַרטרויערטע אויגן,
פאַרבלאָנזשעטע שעפּעלאַך שוואַרצינקע צוויי
און עפּעס אַ וועלט פון שניי. (לידער 5)

געוויס. ניט מיט לענדער, יאַמען, געזיכטער, שמייכלען און ווערטער, ניט מיט אַט דעם אונזעריקן וועלטישן רומל שפּייזט מאַני לייב זיינע פּאָעטישע כוחות. זיין דיכטערישע לופט איז דער פאַרגעדענקטער „לויטערער נעבל", פון זיינע קינדערשע אימפּרעסיעס האָט ער, דער פאַרבלאָנזשעטער קינד, דער איקער פאַרגעדיינקט די וועלט פון שניי, אַט, די שנייעלעך", „די ווייסע פרייד פון שניי", וואָס מאַני לייבס פעדער לאָזט ניט אַרוים פון מויל.

די ריין קינדערשע אימפּרעסיע, די קינדהייטס־איינדריקן און איבערלעבונגען פאַרנעמען ביכלאַל דעם הויפּט אָרט צווישן מאַני לייבס דיכטערישע זעהונגען. ווי אַ קינד האָט ער ליב זינגען אַ ניגן, וויינען און לאַכן. און אַזאַ קינדיש־שאַרפן און קינדיש־סוידעסדיקן כוש פאַרמאָגט מאַני לייב פאַר „שאָטנס", „נאַכט", „זונענגאָלד", „פייער", „ווייסן שניי" און „שוואַרצע פענסטער" — אַף אָט די אַלע בידושעמדיקע עלעמענטן פון דער קינדער־וועלט זיינען דאָך מייסטנס געבויט מאַני לייבס לידער. די בעסטע פון זיי, גאָר די גוטע, די וואָס זיינען אַן און פאַר זיך אַ צירונג פאַר דער אידישער דיכטונג—זיינען אויך אין טאָך אַ זויבערע פּאָעטישע שטופּע פון געליטערטע קינדהייט־איבערלעבונגען און אריינגעפּאַסט האָט זיי מאַני לייב אין אַ זעלטן־פּאַסנדער, אינטים־שענער און אַלט־לירישער שילדערונג־פאָרם, וואו אַפילע אַזוינע גרויסשטאָטישע אומגאַנגס־ווערטער: ווי קאַמין", „קעלנער", „זעפּיר", קלינגען אויך בעעצעם ווי אַ דיסאַנאַנס עמעס.

זיי דיסאַנירן דאַ געשטאַקפּול אַנגעגנעם, אַט ווי ס'דיסאַנירט אַנגענעם דאָס וואָרט „פּאַסטאַליאַן"בּאַ מאַני לייבן אין זיין אויבנדערמאַנגטן פּאַלקס־מוטמער, אַט ווי ס'דיסאַניון ביכלאַל כיינעוודיק די קלוימערשט צו גאַסט געקומענע פרעמדע ווערטער אינם אוידישן פאָלקלאַר־ליד.

שטילער, שטילער באַהאַלט די טרערן
גאַט אונז אַלעמען באַהיט
צי:

שטילער, שטילער רעדט ניט הויך

אזוי עכט קינדיש בעעצעם הויבט אָן מאַני לייב איינציקע פון זיינע בעסטע אין פלוג סימבאָלישע לידער. וואָרים מאַני לייבס סימבאָליק אפילע שטאַמט ניט פונם גרויס שטאָטיש־דערוואַקסענעם איבערגעזעטיקטן קולטור־פאַרשטאַנד, וואָס זוכט שוין דעם פאַרהוילענעם באַדייט, דעם סימבאָלישן אויבערזין פון זאַכן און דערשיינונגען. ניין. מאַני לייבס סימבאָליק, ס'איז די סימבאָליק פונם ערעווו־פאַרשטיין, פונם קינדערשן, „נאָך ניט וויסן" וואָס באַקומט דעריבער גאַאיוון פּאַכאַד פאַרן פייערל, וואָס קישעפט קלוימערשט אינם ברענענדיקן לאָמפּ און פאַר דער פינסטערניש, וואָס קוקט אריין אַ איימעריקע אין די שווארצע פענסטער־שויבן. צו אַט דעם מין סימבאָליק געהערן אויך די סוידעסדיקע אומ־באַשטימטע „עפּעס און עמיץ", וואָס שוועבן שטענדיק און קעסיידער פאַר מאַני לייבס קינדערש־אַנגעשראָקענעם דימיען.

עמיץ קלאַפּט אין מיין פענסטער שטיל, שטיל אין דער שטיל,
גיי איך צו צו דעם פענסטער מיט שרעקיג געפיל.
—וועמען לאָזט דאָס די האַרבסט־נאַכט ניט שלאָפן,
אימיץ איז פון דעם פענסטער אַנטלאָפן

(„לידער" 118)

אַט דער דערציילערישער געמעל פון איינפאַכער קינדער־שרעק מיט וועלכער מאַני לייב האָט אזוי קאָנטראַסטיש פאַרוועבט זיין גרויסשטעטלשן אויסקומער־ניש—און ׳אין אַט דעם קאָנטראַסט ליגט דאָך עפּשער באַהאַלטן דער סאָד פון מאַני לייבס קינסטלערישן כיין — אַט דער קינדערשער גרויל־געפיל צאַפּלט קימאַט אין אַלע לידער פון דעם דיכטער, וואָס וויים אַליין, אַז:

אין דער נאַכט אַ קינד און בלינד
האָב איך אייך געזוכט
און געשטאָרבן זוכנדיק
און געשטאָרבן, ווי אַ קינד
אין דער נאַכט אַ קינד.

(לידער 82)

ווי אַ קינד מיט אַ קינדערש ערליכער און שטאַמלדיקער ופּאַשטעס זאָגט אַרוים מאַני לייב זיינע פּאָעטישע שורעס:

איך קוש די דינע האַנט. אַ גוטע נאַכט!
— אַ גוטע נאַכט. נו גיי געזונטערהייט.
די גאַס איז שטיל. אַ קילער נעבל וועהט.
ניט גוט. ניט גוט. נו גוט. אַ גוטע נאַכט.

(לידער 11).

הילפלאָז, ווי אַ קינד אַ שטאַמלער באַזערט ער איבער די רייד. און נוצט קעסיידער זיין קינדישן: „אָט אַזאַ“ און „אָט דאָ“. אויך עכט־קינדיש בויט ער זיך זיינע נייע ווערטער אַזוינע ווי: „זאַוויי“ און אַנדערע.

עמעס. מאַני לייב פאַרמאָגט ניט קיין שעפע פון שפּראַך־מיטלען. זיין בילד איז באַגרעניצט און איינאַרטיק. אָבער מאַני לייב האָט אַ זעלטענעם כוש פאַר קולטור פון וואָרט. ווי דער אַנאָנימער פאָלקסליריקער, באַהערשט מאַני לייב די מעלאָדישקייט פונם אויסדרוק, דער טאָן אינטענסיפיצירט בײַ אים דעם איינפאַכן אינהאַלט און די שטייפע איינדריק־זאַטע שטימונג קלעמט זיך איין אין וואָרט און לאָזט ניט קיין כאַלאַל צווישן די פּאַשעטע אָפט ווייניק געדיכטעטע שורעס.

דער טאָג פאַרגייט.
טו אָן אַ ווייסן קלייד.
און לאָז פאַנאַנדער דיינע צעפּ
און אָפּן קאָפּ צי אָן אַ שוואַרצן קרעפּ
און טרייסל אָפּ פון טאָגעדיקן שטויב דיין זעל
און גיי דריי טריט אַרויס פון דיין פאַרזאָרגטן שוועל.
די אויגן טרויעריק צו מיירי־וור־רוים געווענט,
פאַרברעך אין טפילעדיקן שווייגן דיינע הענט!
און מיט פאַרקלעמטע ליפּן שמייכל שטומערהייט:
דער טאָג פאַרגייט.
דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג פאַרגייט, ער מוז פאַרגיין.
און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען,—וויין!
דער טאָג פאַרגייט.

(לידער 102).

אַזוי פּלאַסטיש־שען שפּילט מאַני לייב אַף זיין איינפאַכן וואָרט־קלאַוויר. די ש ט יי נ ג ד י ק ע מוזיקאַלישע לענג פון די שורעס מאַכט דאָס ליד פאַר אַ געהיימען שפּרוך. ווי אַלע פאָלקס־דיכטער ווייס מאַני לייב דעם סאָד פון פאַרשפּרעכן, דעם סאָד פון פאַרוויגן מיטן וואָרט. ניט אומזיסט האָט ער אָנגעשריבן די שענסטע בײַ אונז וויג־לידער. אין דעם צענדליק בעסערע דיכטונגען, אפילו אין אַזוינע, ווי „די ווייסע פרייד“, „זיי האָבן געזאָטלט זיין פערד“, „שטילער שטילער“— איז פאַראַן בײַ מאַני לייבן דאָס פאַרשפּרעכערישע, אַנדערש געזאָגט דאָס סוידעסדיק־אומבאַשטימטע וואָרט און שטימונג, וואָס שטאַמט, אייגנטליך, פון דעם מיסעדיקן עלעמענט, וועלכער ליגט אין הינטערגרונט פון מאַני לייבס שאַפונגסגעוועב.

די קאָלעקטיווע אינסטינקטן־אויפפאַסונג פאַרנעמט טאָמיד בלויז דעם אומגעריכטן קישעפמאַכערישן שפּיל פון זאַכן און דערשיינונגען: דאָ גייען זיך צונויף דאָס פאָלק און דאָס קינד. מאַני לייבס אומפערזענליכער, ווי געזאָגט פאָלקלאָריסטישער דיכטונגס־געפיל שפּייזט זיך אויך דערביבער פון די מיפישאויפגענומענע איבערלעבונגען. קישעפט ער שטענדיק, דער דיכטער, אין זיין דיכטונג:

אָט בין איך אהער געקומען,
האָב דאָ דורכגעפירט אַ צייכן,

האָב דעם צייכן אָפּגעשוואָרן
און האָב דריי מאָל אָפּגעשפּייט:
איצט וועל איך שוין זיין אַליין!

(לידער 80).

איז ער טאַקע אַליין, מאַני לייב. אַן עלנדער צווישן דער אונזעריקער וועלט, אַליין מיט זיין פון דער קינדהייט מיטגעבראַכטער מיפישער סוויווע. עמעס, מאַני לייבס מיה איז אַ עלעמענטאַרער. ער איז דאָך אַ פּאַרשפּעטיקטער, שוין לאַנג אַ אופגעדעקטער, ליגט ער דעריבער איינגאַנצן אָפן אויבנאויף. און אָט די אַנטפּלעקטקייט, די אויפגעפענטע, אַזוי צו זאָגן, מאַיסעלע, האָט געבראַכט מאַני לייבן שוין בעפיירעשן שאַדן אין זיין שענער קינדישער ליריק. כ'רייד שוין דאָ פון מאַני לייבס דריטן באַנד—פון מאַני לייבס באַלאַדן.

4.

מאַני לייבס באַלאַדן.

ניט קיין באַלאַדן זיינען דאָס, אייגנטליך. דאָס זיינען קינדער־מייסעלאַך אין פערזן. פאַר באַלאַדן פעלט דאָ די טיף, די פּערספּעקטיוו פון דער געשאַפענער, צי גע־נומענער פאָלקס־לעגענדע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך טאָמיד די שענע לירישע באַלאַדע. מאַני לייב טראַכט פּאַשעט צו זיינע מייסעס. בעשאַסן דערציילן טראַכט ער זיי צו. און טראַכטן טראַכט ער זיי צו, מוז מען זאָגן, עלעמענטאַר, צו קינדערש אַפילע פאַר קינדער. ער דערציילט, ווי אַ־ נער, וואָס געדענקט ווי מען דערציילט, אָבער ניט וואָס מען דעציילט. מאַני לייב נוצט ניט אויס די אָרגאַ־נישע פאָלקס־פאַנטאַזיע: צופיל פאַראיינפאַכט איז בא אים דער אינהאַלט, וואָס לאָזט זיך ניט נאָכדענקען, ווייל דער דערציילערישער גוף האָאיניען קריצט זיך ניט איין אין יענעם אונטערשוועל פון באוואוסטזיין, וואו ס'ליגן פלאַסטן פון אָנגזאמלטער דערפאַרערישער, מיפישער, פאָלקס־פּיקכעס.

אָט די מיפישע פאָלקס־פּיקכעס האָט אַזוי שען אויסגענוצט אַן אַנדער דערציילער פאַר קינדער—דער ניסטער. דעם ניסטערס מאַיסעלאַך—און דערפאַר זיינען זיי אונזעריקע מאָדערנע מאַיסעלאַך פאַר קינדער—שפּילן מיט דערהויבענער אי־בערגעדיכטעטער פאָלקס־טעווע, אָט ווי אַ פערל, וואָס שפּילט מיט אַלע געליי־טערטע סטיכייאיש־פאַרבאַרגענע אין אים יאַם־פאַרבן. מאַני לייב האָט אָבער גע־ברויכט דעם רויען נאַטור־שטאָף און אויב אים האָט געלונגען מייסטערהאַפט אויפשטעלן דעם נאַטורעלן קינדער־וואָרט און קינדער־לאַשן, האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן באַהעפטן זיך מיט דער לעגענדאַרישער קינדער־טעמע.

ערגעץ וויט, וויט, וויט פון דאַנען
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפן, ניט מיט פערד —
ערגעץ אַף אַ וויטער ערד.
האָט אַ טאָל זיך דאָרט געפונען
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירל וויט און גליך,
ווייס און גליך אַ קליינער טייך.

(באַלאַדן 59).

מיט אַט דעם פּריִמיטיוו־ציכטיקן קינדערשן אָנהויב פון „אינגל־צינגל־כוואַט' בינדט זיך ניט דער בעפּייִעש געקינסטלטער העמשעך פון דער מאַיסע. פאַרן אַזוי אידישלעך שפּעטער געמאָלטן שטעטלשן אויסקומעניש איז די לעגענדע מיטן פּאַריז און מיטן קישעף־פינגערל אינגאַנצן פרעמד און צוגעטראַכט. דיסהאַר־מאָניש קלינגט אויך דער מאָטיוו פון „עוועניו ביי" און פון „נויט". אפילע אין די „גאַזלאָנים" און אין די אָרגאַנישע שוין „בלימעלאָך־קרענצעלאָך" און „דער פרעמדער" דעקט אויך ניט דער אינהאַלט די באַרעדעוודיגקייט פון די שורעס.— מאַני לייב האָט אין זיי ניט פאַרטיפט די לעגענדאַרישע שטימונג און ניט פאַר־פילט דעריבער די נאַטורעלע באַאַריכעסדיקייט פונם דערציילערישן פאָלקס־נוסאַך.

דערפאַר אָבער זייגען אים געראָטן, מאַני לייבן, דאָס ליד: „שלאָף" און די באַרימטע שוין בא אונז קלאַסישע „לידל פון ברויט". אָבער דאָס זייגען שוין לאַכלומן ניט קיין „באַלאַדן", דאָס זייגען אייגפאַך פראַכטפולע קינדער־לידער, וואָס שפּילן מיט אַלע זיבן בייגען פון מאַני לייבס פאָלקלאַריסטישער וואוילקע־געוודיקייט.

אז דער ליבער טאָג פאַרגייט,
און אין מאַירעוו־זייט ווערט רויט
און די זון אין פייער־פלאַם
שלאָפן גייט אין וויטן יאַם —
דעמאָלט ערגעץ פון דער ערד
ניט געזעען, ניט געהערט
קומט דער אוונט שטיל ארויס
און גייט אום גאַס־איין, גאַס־אויס. (באַלאַדן 21).

אָדער פונם לידל „ברויט":

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן אויסצומאָלן:
הויבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן פליגלען דרייען,
מאָלן מילן מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל (באַלאַדן 82).

און דאָך: אפילע אָט דער אָרגאַניש־גלענצנדער פילפאַרביקער ווערטער־לע־וואוש איז ניט בעיעכוילעס אַריינפּאַסן מאַני לייבס קינדער־ליד אין יענער טיף, וואו ס'ליגט פאַרבאָרגן דער סאָד פון קינסטלערישן דויער, וואָס וואַרפט זיין איי־ביקייט־שטראַל אַף דער לייכטשפּילעוודיקער אפילע שאַפונג פאַר קינדער פון מאַני לייבס ווירטואָזן קינדער־וואָרט צימ מיט צייטוייל. דער דערוואַקסענער לי־ריקער מאַני לייב האָט זיין שענע אינטימע נעשאָמע אין אָפּגעלעבטע טרוימען געשפּיגלט און אַ רעטראָספּעקטיוו־קינסטלערישע יענוועלטישע שיין אַף אונז אָפּ־געוואָרפן. דער קינדערשער מאַני לייב האָט אָבער די אַלטע געוועזענע קינדהייט גלייך אונז פאַר די אויגן אַוועקגעשטעלט, דעם סאָד פון צייט און רוים צעשטערט און אַנטקעגן דער קינסטלערישער פּערספּעקטיוו בעפּייִעש ניט יויצע געווען...

אין דעם טומלדיקן מאָנומענטאַל־גרויסן ניו־יאָרק האָט אָקאָרשט אין 1918 יאָר מאַני לייב געשריבן און געזאַמלט זיינע שטילע לידער, וואָס זיינען עלטער פון אונזער אַלעמענס צייט: איז עס אָבער באַשערט געווען, מאַני לייבן, אָפּטאָן אַ היסטאָרישע שליכעס—אויסגעבויט האָט ער די שענע לירישע שטאַפּלען, וואָס פירן פון דעם פאָלקלאָרשאַפן צו דער מאָדערנער אידישער ליד.

אַ סימען, אַז מיר פאַרמאָגן אַ אָרגאַנישע קולטור פון שענעם וואָרט.

מאַלאַכאָווקא, 1922.

י. דאָברושין.

ב. אויסלענדער

הימלאָזע קונסט

.1

(וועגן י. אַפּאַטאָשו).

מיט י. אַפּאַטאָשוס נאָמען איז בא יעדן פון אונז פאַרבונדן אַ פעסטע און געגנוג באַשטימטע פאָרשטעלונג: עס איז דער קינסטלער פון גרעסערע געביילן, שטאַפּרייכע סיוזשעטן און גערדיכט־באַפעלקערטע ווערק.

דאַכט זיך, מען איז שוין דערצו געוואוינט געוואָרן: אַפּאַטאָשוס קינסטלערישע אייגנאַרט קומט אויס צו זוכן אין די מענטשן־געפּאַקטע ראָמאַנען, אין דעם „אויף און אָפּ“ פון אַ גרויסן מענטשן־געווימל, וועלכער פאַרפּליצט זיינע ווערק.

און דאָס אַלעס מאַכט אַפּאַטאָשון אפן ערשטן בליק ניי און אייגנאַרטיק.

וואָרום זעלטן־ווער פון די יונגע אידישע קינסטלער האָט מיט אַזאַ קילער און ניכטערער ראַכוועס געבויט זיינס אַ קונסט־ווערק, זעלטן־ווען האָט אַ אידישער דערציילער פאַרמאָסטן זיך אַף אַזעלכע גרויסע שטאַכן פון פריש־אָטעמדיקער, נאָך גאָר „רויער“ ווירקלעכקייט, ווי דאָס טוט אַפּאַטאָשו.

עמעס, עס איז שווער פון טכילאַס אָן צו פאַרשטיין וואָס דער מענטשן־געווימל איז דאָ אויסן צו זאָגן.

צי לאָזט זיך אין דעם הערן אַפּאַטאָשוס מענטשפאַרליבטע קינסטלערישע נייגעריקייט אָדער עס איז דער אויסדרוק פון אַ סקעפּטישן גלייכגילט, וועלכער בלייבט אויף, ווי מאַריאָנעטן, אַ געשטאַלט צו אַ געשטאַלט?... אַפּאַטאָשו גיט דערויף ניט קיין גלייכן ענטפער. ער איז נאַטוראַליסטיש געטריי אין דער שילדערונג, ער פאַרצייכנט נאָטיצביכעריש די געשטאַלטן און גיט אָפּ קלוימערשט יעדער איינציקער פיגור איר „רעכט“.

אין טאָך אָבער האָט ער שטענדיק אין אויג ניט די פיגור, נאָר די פאַבולע, וואָס באַהעפט די פיגורן, איבער בינדט ער נאָכאַנאַנד אַ פיגור צו אַ פיגור, איין עפּיזאָד צו אַ צווייטן; און מיידט אויס ענליכקייטן און איילט זיך שטענדיק צו בייטן סאַי פיגורן, סאַי די האַנדלונג. עס טרעפט אפילע דערביי, אַז אַפּאַטאָשו טוט דאָס אַלעס צופיל מעכאַניש, צופיל „ראָמאַנענמעסיק“,—נאָר עס פילט זיך דאָך שטענדיק, אַז ער איז דערביי זיכער אין זיינע רעכט און באַגלויבט אין זיינע קויכעס. וואָרום ער איז דער קינסטלער פון גרעסערע געביילן, ער פּלאַנירט ברייט זיינע סיוזשעטן—קורץ גערעדט — ווייל ער איז אַ געבוירענער ראָמאַניסט.

פאַראַן אָבער נאָך אַן אינערלעכע טרייב־קראַפט אין אַפּאַטאָשוס „ראָמאַנענהאַפטיקייט“. דאָס איז זיין קולט פאַר העלדן און העלדישקייט.

„דער וואַלד האָט געשפּינען זיינע מייסעס און וואָס רעדלהאַפטער זיי זיינען געווען, דערציילט וועגן אומעגלעכע העלדישקייטן, וואָס מע קאָן נאָר בייקומען אין כאָלעם,—אַלץ רואיקער איז סאָרקע געוואָרן“. (אַליין 72).

דאָ איז קימאַט ווי אַנגעצייכנט אַפּאַטאַשוס אייגענע קינסטלערישע טעווע, אַט גראָדע דער נאַטוראַליסט, אַפּאַטאַשו, גראָדע דער דאָזיקער קינסטלער מיט אַ געניטן אויג און שטייפער שילדערונג — ער מוז עס האָבן, אַז עמיץ זאָל אַרום אים אָדער אין אים דערציילן וועגן „אוממעגלעכע העלדישקייטן".

די דאָזיקע „העלדישקייטן" קלינגען שוין אין נאָמען פון ווערק גופא. „דער ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו", „דער ראָמאַן פון אַ וואַלד־מיידל" (דער נאָמען פון „אַליין" אין דער ערשטער רעדאַקציע אין „צוקונפט"), — דאָס לאָזט שוין עפּעס אָנצוהערן.

אָבער וואָס ווייטער דאָס ווערק וויקלט זיך פאַנאַנדער שטייגן די „העלדישקייטן" אַלץ העכער און העכער. אין אַפּאַטאַשו דערוועקט זיך אַ פאַרבאָרגענער ראָמאַנטיקער און, ווי פאַרשיידן עס זאָל ניט זיין יעדעס מאָל די סוויווע, וועלכע ער שילדערט, אַנטפּלעקט זיך דאָך שטענדיק אין איר אַפּאַטאַשוס „העלד" מיט זיין אויסטערלישער „העלדישקייט".

דאָס קלינגט עפּשער ווי אַ איראָניע. אָבער אַנדערש איז זיך שווער צו באַציען צו די ראָמאַנטישע דערהויבונגען פון אַפּאַטאַשוס ערשטע ראָמאַנען. די „העלדישקייט" איז דאָ יעדעס מאָל אַזוי נאַיוו און עלעמענטאַר, אַז מען וואונדערט זיך: צי מיינט דאָס אַפּאַטאַשו ערנסט דערמיט?...

„ער איז געגאַנגען גיך און מיט אַמאָל זיך דערפילט בעקוואַך אַ וועלט איינצולייגן" — אַזוי ווערט דערציילט וועגן דעם גאַסן־יונג סעם אין דעם ראָמאַן „פון ניו־יאָרקער יִשוב". און אין דעמזעלבן „געמאָ", וואָס איז אינערלעך צעפּוילט און צעגראָבן, שפּרייזט אַרום דער יורעש פון נאַמבערגס פּליגלמאַן, דער אידישער דיכטער גרין „האַלב דענדי, האַלב פּריזירער (היברו 79) און ווידער: „ער האָט געפילט, ווי ער ווערט העכער, גלייכט זיך אויס מיט די שוימיקע וואַסער־בערג און איז בעקוואַך אַ ניי לעבן צו שאַפן"... (היברו 275).

וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער מעהאַלעך עס איז צווישן אָט די צוויי פיגורן!...

די ערשטע איז געזען מיט די אויגן פון דזשעק לאָנדאָן, די אַנדערע — מיט די אויגן פון אַ שטאַרק פאַראידישטער זשאַרזש־זאַנד, וואָס האָט אַמאָל אויף יעדן טריט געזען „רעפאָרמאַטאָרן" און „בויערס" פון אַ נייעם לעבן....

בײַ אַפּאַטאַשו פעלט אָבער דער כּוש צו דעם דאָזיקן מעהאַלעך. בײַ אים זיינען עס נאָר צוויי פאַלן פון „אוממעגלעכער העלדישקייט" און ער מאָלט זיי ביידע אין איין טאָן, אין איין פאַרב.

אָבער וועלכע דעטאַלן געפינט אַפּאַטאַשו פאַר דער שילדערונג פון אָט די „העלדישקייטן"?

דעמאָלט טרעפט זיך, אַז זאַנווילן דעם פערד־גאַנעוו נעמט אַרום אַ „שרעקלעכע ליידנשאַפט" (ראָמאַן פון פערד־גאַנעוו 107), דעמאָלט נעמט אויך סאָרקע, די וואַלד־מיידל, אַרויסבאַווייזן אירע „אייביק־מיידעלשע" ליידנשאַפטן, עס באַווייזט זיך אין איין ראָמאַן דער שיינער פּרינץ (ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו) אין צווייטן ראָמאַן „דער יונגער פּאָטאָצקי מיט די בלאָנדע לאָקן" („אַליין") און אומעטום שוועבט אין טעאַטראַלע לעגענדאַרישע קליידער די וויקסלקיניגן וואַנדרע און פון אַלץ וועהט אַזוי לאַנג מיט „אוממעגלעכע העלדישקייטן", ביז איר דערפילט: אַפּאַטאַשו איז, ווי זיין העלדין סאָרקע, „רוהיקער געוואָרן"...

דעמאָלט לייענט מען, אַז „אַנאָויסגעניכטערטע איז סאָרקע אַרויס פון וואַ־כער. („אַליין" 67).

אָדער: „גרין האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעניכטערט" (היברו 220) אָדער: „סעם האָט זיך אויסגעניכטערט" (ניו־יאָרקער געטאָ 71)—די דערציילונג ווערט בעעמעס קינסטלעריש־ניכטער און דערמאָנט מער ניט אָן אַ אָפּעראַ־ליברעטאָ, און אין איינע צוויי זייטלעך ווייטער דערפילט איר שוין, אַז אָפּאַטאָשו פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט, און אַ גאַנץ גרויסן טאַלאַנט.

אָבער פון וואַנען נעמט זיך אָט די „אַוואַנגאַרדע זאָרע", וואָס פאַרדאַרבט אַ היפּשע העלפט פון אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען, פון וואַנען שטאַמט אָט די אומבאַהאָלפענע ראָמאַנטיק, אָט דער קולט פאַר „אוממעגלעכע העלדישקייט"?...

דערויף גיט אָן ענטפער ניט אָפּאַטאָשו אַליין, נאָר דער צושטאַנד פון דער אידישער פּראָזע אין אַמעריקע.

2.

אין דער יונגער אידישער פּראָזע אין אַמעריקע, וואו אָפּאַטאָשו פאַרנעמט אַזאַ באַדייטענדיק אָרט, האָט זיך פון אירע ערשטע טריט אָן אויסגעבילדעט אַ געוויסע טראַדיציע, וועלכע האָט אויך אָפּאַטאָשון מיט פילעס צו פאַרדאַנקען.

באַשטאַנען איז די דאָזיקע טראַדיציע אין אַן אַלגעמיינער נייטיע פון די אַמעריקאַנער אידישע פּראָזאַאיקער צו פאַרווישן די גרעניצן צווישן טרוים און וואָר, פירנדיק די דערציילונג אין דער ריכטונג פון אַ סוביעקטיווער, שטענדיק עקזאַטישער אויפפאַסונג.

נאַטירלעך, איז אין דעם געווען אַ פולע אָנגעוויזנטס פון פרעמדע ליטעראַטורן, וואו דער געזונטער סוביעקטיוויזם האָט אין די לעצטע יאָרן באַוויזן אַזעלכע גרויסע דערגרייכונגען.

אָבער געווען איז אין דער אַמעריקאַנישער אידישער טראַדיציע אויך עפּיס אייגנס.

און אָט דאָס אייגענע האָט געשטאַמט פון דער אייגנאַרטיקער אַטמאָספער, וועלכע האָט זיך פון טכילעס אָן געשאַפן אַרום דער יונג־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

אַ יונגע ליטעראַרישע שיטע, וואָס האָט נאָך ניט געקאָנט קינסטלעריש באַהערשן דעם ווידעראַנאַנד פון דער אַמעריקאַנישער אידישער ווירקלעכקייט, ניט באַקומענדיק דערצו קיין שום אָריענטירונגס־מיטלען מיצאַד דער אידייענלאָזער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט די יונגע אַמעריקאַנער ליטעראַטור פון אָנהויב אָן זיך געשטעלט אין דער לאַגע פון אַ ראָבינזאָן קרוזע.

זי האָט געוואָלט אין דער סוביעקטיווער זעהונג אויפבויען יענעם קינסטלערישן שטאָף, וועלכן די געזעלשאַפטלעכע אַיזאָלירטקייט האָט פאַר איר ניט געשאַפן אַפן נאָרמאַלן אויפן.

זי האָט געוואָלט קינסטלעריש איבערלעבן יענע מאַמאַשעסדיקע פּאָלקס־פּראָצעסן, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט אָנטאַפּן מיט אירע כושים אַרום זיך אין לעבן. זי האָט, ענדלעך, געוואָלט טרוימען אָן אינטענסיווע, עקזאַטישע ווירקלעכקייט, וואָס זאָל באַפרידיקן אירע מאָדערניסטישע סימפּאַטיעס, ניט האָ־

בנדיק אזא ווירקלעכקייט אפן וואר. דערפון האט זיך גענומען יענע איבערגעטריבענע סוביעקטיווע פילבארקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר אונזער יונג־אמעריקאנער פראזע. זי שטאמט פון א געזעלשאפטלעכער איזאלירטקייט. וואס זוכט א טיקון אין לירישער איינזאמקייט, זי שטאמט פון א קינסטלערישן עלנד, וואס וויל פון דער נויט מאכן א פרינציפ. און ווייל די אמעריקאנער פראזע איז יונג, און ווייל יוגנט פארמאגט אקשאנעס און אקשאנעס איז אונטערגעווארפן דעם געזעץ פון אינערציע, האט די טראדיציע פון דער אמעריקאנער פראזע אינגיכן באקומען א גאנץ מערקווירדיקן כאראקטער.

די סוביעקטיווע אויפפאסונג האט זיך גענומען קליידן אין עקזאטישע קליידער. עקזאטיק איז געווארן דער אומפארמיידלעכסטער שטריך פון אמעריקאנער פראזע.

די גאנצע שאפונג פון ד. איגנאטאוו האט זיך גענומען ארייגלייגן אין דער פארמול, וואס קלינגט אין דעם ערשטן זאץ פון זיין דערציילונג „פיבי“:

— איך האב ליב שלאנגען...

עמעס, עס איז א עכט איגנאטאווישער לופט־זאץ, אבער ער איז ביז גאר כארעקטעריסטיש אלס קונסט־פארמול פון א זיך־געפעלנדיקן אמעריקאנער קינסטלער וועגן אים־געפעלנדיקער קונסט.

דעסגלייכן האט אויך דער יונגער, מער ערנסטער און קונסט־געטרייער נאוועליסט, ברוך גלאזמאן, געלאזט זיך זוכן אן עקזאטישן זשאנר פון „יענזייטיקע“ האלב־פאנטאסטישע מאטיוון, פארשריבענע מיט א היפשן צולאג פון איבערגעטריבענער סוביעקטיווער פילבארקייט.

און אפילע דער שטאפרייכער און שטארקער א. ראבאי, האט אויך ניט געקאנט ביישטיין דעם ניסאיען פון דער אלגעמיינער טראדיציע און האט ארום זיין אביעקטיוון זשאנר פון „איך דערצייל“ געפרואווט זיך אויפשטעלן עקזאטישע דעקאראציעס פון „ווילדן לאנד“, וואו די אויסטערלישקייט וועגט שיר ניט אריבער דעם קינסטלערישן עמעס.

י. אפאטאשו איז געווען דער ערשטער צווישן די יונגע פראזאיקער אין אמעריקע, וועלכער האט געפונען א וועג צו דער ארומיקער ווירקלעכקייט.

דער איזאלירטער אידיש אמעריקאנער קינסטלער האט אין אפאטאשוס ערשטע דערציילונגען גענומען ארויסבאווייזן א געוויסן ווידערשטאנד אקעגן דעם גרעלן און נאקעטן אמעריקאנער לעבנסשטייגער. אפאטאשוס נאטוראליסטיש־סאטירישער טאן איז געווען דער טאן פון אנגריף. און די „אונטערוועלט“־בילדער זיינען בעעמעס געווען א סימפטאם פון לעבנספעאיקייט, וועלכע עס פארמאגט שוין די אידישע ליטעראטור אין אמעריקע.

אין די דאזיקע ווערק האט אמבעסטן געדינט אפאטאשו'ן זיין רויע פארב, זיין עלעמענטארע צייכנונג, זיין מער פאקטישע איידער קינסטלערישע דערציילונג.

וואס פאר א ברייט פעלד פאר דעם סאטיריש־געשטימטן נאטוראליסט אמעריקע האט עס געקענט געבן!... און ווי פרוכטבאר דאס פעלד וואלט פון אזא אפקלייבן און אפרייניקן געווארן... אבער אפאטאשו האט גאנץ גיך איבערגעריסן דעם קינסטלערישן אנגריף אף דער ארומיקער ווירקלעכקייט. און אוניסאן מיט דער יונג־אמעריקאנער דיכטונג, וואס האט זיך געלאזט גיין „אין זיך“, האט

אויך אָפּאַטאָשו אַזאַ „אין זיך“ טענדענץ גענומען דורכפירן. ער איז אונטערגע־פאַלן דער אַלגעמיינער טראַדיציע פון דער יונג־אַמעריקאַנער פּראָזע. און אַזוי אַרום זיינען אַנטשטאַנען אָפּאַטאָשוס ערשטע ראָמאַנען.

דער „זיך־גענוגנדיקער“ קאָלאָריט פון אויסטערלישע איגנאַטאָווישע „שלאַנגען“ איז אַריין אויך אין אָפּאַטאָשוס ווערק, ער האָט גענומען שרייבן דעם אָביעקטיוון ראָמאַן מיט די סוביעקטיווע געוואוינהייטן פון די אַרומיקע אידישע נאָוועליסטן.

די „אונטערוועלט“ האָט שוין דעמאָלט געקענט געבן ווייניק אָרט פאַר ראָ־מאַנטישע ראַכוועס. און אָפּאַטאָשו האָט זי פאַרלאָזט.

די פוסטע טרוימערישקייט, וועלכע שטאַמט פון אַ שריפטשטעלערישע אומ־באַהאָלפנקייט, האָט גענומען פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין אָפּאַטאָשוס שילדערונ־גען. אַזוי אין „ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו“, ווי אויך אין „אַליין“ האָט אָפּאַטאָשו גענומען זיך צו באַשעפטיקן מיט „אייביק־מאַנסבילשע“ און „אייביק־מיידלשע“ ליידנשאַפטן. אָבער די אויסשטאַטונג פון אָט די ראָמאַנטישע „ליידנשאַפטן“ איז אַלעמאָל געווען באַנאַל און אַנעקדאָטיש. וואָרום פאַר „ראָמאַנטיק“ פעלט אָפּאַ־טאָשון איין קלייניקייט: עמעסער קינסטלערישער פאַטאָס...

אָפּאַטאָשוס קראַפט איז אָבער נאָר אין דער נעגאַציע, אייקער אין פאַטע־טישן וואָרט. ער פאַרמאָגט ניט דאָס גלויביקע וואָרט, די לירישע דעטאַל, דעם צאַרטן שטריך. און דאָס אַלעס האָט ער געפּרואווט קאָמפּענסירן מיט „אוממענ־לעכע העלדישקייט“.

נאַטירלעך האָט דאָס אומעטום געריסן דאָס געוועב פון דער דערציילונג. עס האָט אומעטום אויסגעזען פרעמד און אויסגעטראַכט.

דער טאָציאַלער געפיל, וואָס דינט אַזוי גוט אָפּאַטאָשון, ווען ער מאָלט דעם ניו־יאָרקער געטאָ — אַ קיבעץ מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם מאַסן־כאַראַקטער,— דער נאַטוראַליסטישער, ניכטערער טאָן פון שטייפע שילדערונגען — דאָס אַלץ האָט אָפּאַטאָשון ניט געקאָנט העלפן אין זיינע יאָגענישן נאָך אַ העלד, וואָס זאָל בויען אַ „ניי אידיש לעבן“.

און געפילט האָט זיך אין אָפּאַטאָשוס ערשטע ראָמאַנען אַזוי ווייניק אָפּשיי פאַר די אייגענע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, אַזאַ פאַרשקלאַפטקייט באַ דער אַרומיקער טראַדיציע, אַז אָפּאַטאָשו האָט בעעמעס געקאָנט אויסזען ווי דער מאַרטירער פון דער קינסטלערישער ריכטונג, צו וועלכער ער האָט געהערט.

און אָט אַזוי גייענדיק איז אָפּאַטאָשו געקומען צו דעם אויפרעגנדיקן און פּאַראַדאָקסאַלן ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער“.

3.

עס דערמאָנט זיך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט: צוריק מיט אייניקע יאָר האָט אַ גרופּע אַמעריקאַנער אידישע קינסטלער אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלבוך, וואָס איז געווען געווידמעט פערעצעס אָנדענק.

איך געדענק ניט די אַרטיקלען, אָבער דער לייטמאָטיוו פון דעם זאַמלבוך איז געווען אַ גאַנץ באַשטימטער. עס האָט דאָרטן געהייסן.

—אונז, די יונגע פון אַמעריקע, האָט פערעץ גאָרניט נעגעבן. ניט מיר האָבן זיך באַ אים געלערנט, ניט מיר האָבן פון אים וואָס געיאַרשנט. אָבער פערעץ

איז אונזער לעגענדע, יעניקע לעגענדע, און וועלכער עס האָט ניט געקאָנט באַשאַפן ווערן אונזער יונגע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן צוריק מיט היפּשע עטלעכע יאָר און, אין פּלוג, וואָלט פון אָט די ווערטער ווייניק וואָס געוועז צו דרינגען, ווען ניט אָפּאַטאַשוס ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער". אויב עס איז עמעס, אז פערעץ איז די לעגענדע פון דער יונג־אַמעריקאַנער פּראָזע, האָט זיך דאָס אין אָפּאַטאַשוס ראָמאַן אַף אַ גאַנץ מערקווירדיקן אויפן אַרויסבאַוויזן. ווארום עס ליגט אַף דעם דאָזיקן ווערק אויסגעגאָסן אַזא קאַלטער שיין פון הימלאָזער קונסט, אז דאָס זעט אויס מער אַלס אַ ראַנגלען זיך מיט פערעצן, איידער דאָס פאַרמזועצן פון זיין מאַניר.

אָבער קודעם קאָל וועגן דעם ראָמאַן גופא.

ער איז געווייס אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג אין י. אָפּאַטאַשוס שאַפונג. ער איז ווייניקער באַצירט מיט „ראָמאַנטיק", ער איז אַזוי ברייט־געפּלאַנט, ווי דאָס גיט זיך אוין אָפּאַטאַשון אין זיין בעסטן ווערק „פון ניו־יאָרקער געטא" און — וואָס וויכטיקער איז, — דער ראָמאַן ציט אַ פעסטע גרעניץ צווישן די מאַסן־באַוועגונגען און דעם גאַנג פון דער הויפּט־פיגור — מרדכין, — אַ זאַך, וואָס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט איינגעגעבן אָפּאַטאַשון.

פאַראַן אין דעם ראָמאַן מאָמענטן, ווען אָפּאַטאַשו גייט בלי סאָפעק אַוועק פון דער טראַדיציע פון אונזער אַמעריקאַנער פּראָזע. דאָס טרעפט דעמאָלט, ווען ער פירט דורך עפּיזאָדישע געשטאַלטן געצייכנטע מיט דעם מאַקסימום פון אָביעקטיוון ערנסט און קינסטלערישן עמעס.

אָבער אין דעם גרונט פון דעם דאָזיקן ראָמאַן ליגט פאַרבאָרגן אַ פּאַראַדאָקס. און דער פאַראַדאָקס באַשטייט אין דעם, וואָס אַוועקגייענדיק פון דער אַרומיקער טראַדיציע האָט אָפּאַטאַשו געפּרוווט דעם ליטעראַרישן געבאָט אירן פאַרוואַנדלען אין אַ קינסטלערישן מאָטיוו.

און ווירקלעך: אין וואָס איז באַשטאַנען די טעאַטרעטישע האַנאַכע פון אַלע קינסטלערישע געוואוינהייטן בײַ די אַמעריקאַנער פּראָזאַאיקער?

אין זייער ווידערוויל בענויגייע צו דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. די סוביעקטיווע עקזאַטישע אויפפאַסונג האָט זיך פאַרענטפערט שטענדיק דערמיט, וואָס די וואָר איז צו נישטיק און גראָב.

אָט דערציילט דער נאָוועליסט ברוך גלאַזמאַן אין „אונזער זשורנאַל" וועגן די סיבעס פאַרוואָס די מייסטע פון די ערנסטע שרייבער פאַרשווייגן קינסטלעריש דאָס אידיש אַמעריקאַנישע לעבן:

— פינסקי האָט מיר טאַקע אַמאָל געזאָגט אַף מיין אייביקער פראַגע:

— „ער האָט פיינט אונזער לעבן דאָ. ס'פוילט. ס'פאַלט פאַנאַדער. ס'שלאָגט אַפּ מיטן רייעך פון דורכגעפוילטן"...

אָט דאָס איז געווען די טעאַרעטישע האַנאַכע פון דעם גאַנצן שטייגער פון אַמעריקאַנער פּראָזע. אָפּאַטאַשו האָט די דאָזיקע טעאַרעטישע האַנאַכע פאַרקערפּערט אין אַ קינסטלערישן מאָטיוו און צוגעטראָגן עס אונז אין זיין ראָמאַן „פּוילישע וועלדער".

וועגן וואָס האַנדלט זיך אין דעם דאָזיקן ראָמאַן?

ער איז גאַנץ ווייט פון טענדענציעזער אומשולדיקייט. ער פּרעטענדירט אַף אַ געוויסע קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג. אָבער די דאָזיקע וועלט־אַנשויאונג איז געבויט בלויז אַף מענדל קאָצקערס געשריי:

— די וועלט שטינקט !...

די אַרומיקע אַלטעגלעכקייט האָט באַ מאָרדכען אַפּגענומען העגט און פיס".— אזוי דערציילט וועגן דעם העלד פון ראָמאַן אפּאטאשו, און וואו מע זאָל אין דעם ראָמאַן ניט וועגדן זיך איז די צעפאַלונג אַזוי גרויס, אַז ניט ווילנדיק פרעגט זיך: איז עס בעעמעס די עפּאָכע, וועלכע אפּאטאשו שילדערט, אָדער דאָ איז געשען אַ מין קינסטלערישע אָפּעראַציע און עס קלינגען אָפּ אין דעם ראָמאַן פינסקים ווערטער וועגן אַמעריקאַנער לעבן ?...

געוויס קלינגט אין מיינע ווערטער אַ קנאַפּער צוטרוי צו אפּאטאשוס קינסטלערישן עמעס. אָבער עפּעס איז דאָך פּאָרט דערוויטערט פון עמעס אָט די געשטאַלט פון מענדל קאַצקער, וואָס גיט מיט קיין שטריך ניט אָנצוהערן וועגן יענעם איינגעבוירענעם פּאַטאָס, אַדאַנק וועלכן ער האָט זיין נאָמען און זיין קויאַך באַקומען... עפּעס איז דאָך פּאָרט פאַראַן ווייטעס פון אָביעקטיוון עמעס אין אָט דעם טרויעריקן סאַכאַקל פון פאָלקס-קויכעס, וועלכן עס מאַכט אין זיין ראָמאַן אפּאטאשו. אַזאַ שטומער און הילפלאָזער קיבעץ האָט קיין לעבנס-פעאיקייט ניט געקאָנט אַרויסבאַווייזן אין דער צוקונפט, וועלכע איז איצט אונזער געגנוואַרט געוואָרן... אַפּגעמעקט האָט דאָך אַפּאטאשו אָף זיין עפּאָכן-בילד אַלעס, וואָס האָט אין זיך אַ פּאַטעטישן טאָן געלאָזט הערן, אַלעס, וואָס האָט אין יענער עפּאָכע אַ צובונד צו דער וועלט און אַ „הימל אין זיך" געטראָגן...

איז עס בעעמעס די קונסט, וואָס האָט פּערעצן, ווי אַ לעגענדע אָנגענומען, אָדער עס איז אַ פּאַראַדאָקס פון אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, וואָס האָט דערצויגן אַפּאטאשוס קינסטלערישן אויג ?...

אָבער מעג עס זיין אַ פּאַראַדאָקס אפילע — איז עס אַ טרויעריקער פּאַראַדאָקס.

וואָרום פּאַרמישנדיק ערגעץ אין זיך די "יאָצרעס", אַריינלייגנדיק דאָוועדפינסקים פּראַזעאַלאָגיע אין מענדל קאָצקערס מויל, עפּנט י. אַפּאטאשו די שלייזן פאַר אַזאַ כוואַליע פון בלוטלאָזן און לעבנסלאָזן פּעסימיזם, וואָס האָט פּאַר דער גאַרער אידישער ליטעראַטור עפּעס צו זאָגן.

צי איז אַפּאטאשוס סקעפּטיציזם אַ טראַגישער זשעסט פון אַן אומרייפער הימללאָזער קונסט, וועלכע אַמעריקע האָט דערצויגן, אָדער עס איז בעעמעס אַ קלאַפּ איבער דעם קראַפּטפולן גלויבן פון אונזער יונגער צייט-געטרייער קונסט?...

די ווייטערדיקע שאַפונג אַפּאטאשוס וועט אָף דער פראַגע מוזן געבן אַ קלאָרן און אויסדריקלעכן ענטפער. אָבער שוין איצט קאָן מען זאָגן, אַז די קאַלטע שייך פון הימללאָזער קונסט, וואָס ליגט אָף אַפּאטאשוס „פוילישע וועלדער" איז גאַנץ וויט אַפּגעשיידט פון יענער זיכערער און העלער ליכט וועלכע זאָגט אונז אָן דעם אויפגאַנג פון דער נייער אידישער קונסט.

נ. אויסלענדער.

שלום גאָרדאָן.

אין ערדישן דויער
(דאַוויד האָפשטיין)

1.

דאַוויד האָפשטיין איז עפּשער דער איינציקער פון אונזערע יונגע דיכטער, וואָס האָט אָפן סאַמע רואיקסטן, עפּישן אויפן געלייטערט די אור־געשטאַלטן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט — סאַי אינהאַלטלעך, סאַי פאָרמעל.

ווי אַזוי איז אָבער אַנטשטאַנען און ווי אַזוי אַנטוויקלט זיך בײַ אים די דאָזיקע לייטערניש? ס'איז זייער מערקווירדיק, וואָס דער דיכטער איז אַרייַנגעטראָטן אין אונזער ליטעראַטור אַן אויפגעוואַכטער — מיט אַ לירישן אויפרוף: „איך גלויב", „עס הויבט אָן טאָגן". ער האָט מיטגענומען דעם „זיידנס ירושע", נאָר געלייטערט האָט ער זי אַ לאַנגע צייט אין דער שטומקייט — אין „שטומע ווייען", ווי אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט אַ באַרוף־געפיל צו אַ נײַער טקופע אין קונסט און לעבן; ער האָט געלייטערט אין מעשאך פון זײַן זייען „מיט פּאַכאַד־געהיימען בײַ הייליק־פרעמדע היימען"; אָט די פאַרלייטערניש אין „שטומע ווייען" האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, ווען דער דיכטער האָט געוווּער געוואָרן די אורמיקע פרעמדקייט, דערשפּירט זיך אַ שטייענדיקן „ביז קנעכל אַף ערדן אַף ווייכע", „אַף אייגענע בייטן אין ליידן פאַרזייטע". און נאָך דער דאָזיקער פאַרלייטערניש פאַרלירט ער שוין די סימאָנים פון „פרעמדע היימען" אַף דער וועלט: שפּעטער באַגעגענען מיר בײַ אים בלויז אָפענע אָדער פאַרשלאָסענע היימען. האָפשטיין דערפילט זיך דעמאָלט אין קיילעכדיקן „ערדן־מיט" פון דער וועלט אין „ראָד פון שיין" — אין דער קאָסמישער היימישקייט שוין באַקומט ער די זיכערע מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן און אַנטוויקלען זײַן קאָסמישע דערפאַרונג. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס האָפשטיין האָט בייגעקומען און ווייט איבערגעשטייגט ניט בלויז דעם פּאַכאַד פאַר „ווילד פרעמדע היימען", נאָר אויך די טראַדיציאָנעלע פאַרעלטערטע שול־דראַמאַטיק פונם נאַציאָנאַלן אייגנס, — און אַפילו אין זײַן האַוודאָלע צושטאַנד („אַוועק דער שאַבעס שוין"), האָט דער דיכטער אינגאַנצן אויסגעמיידט דעם אויסגעשפּראָכענעם אויסערלעכן נאַציאָנאַלן ניואַנס: די האַוודאָלע נעמט אָן אַ כאַראַקטער פון אַ ריין קאָסמישער עלעגיע, אין וועלכער דער מענטש באַהעפט זיך מיטן געגנשטאַנד.

„דער טאַטע האָט אָפּגעריכט די דריטע סודע
און ווערט מיט טונקלקייט מיט טיש פאַרוועבט.

— — — — — —

אין קליינעם קלייטעלע שוין וואַרטן צווייען —
אַ טונקל שיקסעלע
אַ שוואַרצע פלאַש

פון דער דאַזיקער האַוודאַלע הייבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פון האָפּשטיינס קאָסמישער דערפאַרונג. פון דער אויסגעלייטערטער „זיידנס ירושה איז פאַר־בליבן בלויז דער אוניווערסאַלער טרויער פונם נאַציאָנאַלן אָוואַר, וועלכן מיר באַגעגנען שפּעטער ווי אַ פּאַטוס, ווי אַ פּאַטאָלן באַגלייטער. דער אוניווערסאַלער טרויער פונם נאַציאָנאַלן אייגנס איז באַם דיכטער אינערלעך באַפרייט געוואָרן פון אוראַלט־שפּיוועבס. דאָס ראָוו איז ער אייגנאַנצן פאַרבאָרגן און אין פאַר באַרגנקייט פון „שטומע ווייען" פלעכט ער זיך איין און מישט זיך אויס אינם דיכטערס קאָסמישער דערפאַרונג, פאַרגעמיינזאַמט זיך מיט איר. זעלטן ווען ווייזט ער זיך אויף אין אָפּגעזונדערטן אויפן, ווי אַ פּאַטאַלער שטרויכלער.

2.

דאָוויד האָפּשטיין איז דער דיכטער פון דער קאָסמישער עוואָלוציע.

איינטראַכטנדיק זיך אין זיין שאַפן קומט אונז אָפן זינען דער באַוואוסטער פּיזישער געזעץ וועגן קיום פון ענערגיע, — „קיין זאַך אויף דער וועלט גייט ניט לאיבוד":

„אַלץ דאָ טויג פאַר פּלאַם פון לעבן".

איינס יאַרשנט דאָס צווייטע — נאַכט דעם טאָג און פאַרקערט:

„אין לאַנגן דויער פון נאַכט פון טריבער
איין טאָג דעם צווייטן
אין גראָווע פּאָלעם ברייטע
דעם טוי גיט איבער"

די נאַטור דערשיינונגען אין קעגנשטאַנדן ציען איינס צום צווייטן געלאָסן דעגלמעסיק:

„אַ טאָג—אַ וועלט אַ גאַנצע האַלט באַ זינקען
און שטעלט די לעצטע טריט אויף הימלס נידערטרעפּ".

און נאָך:

„צום שוואַרצן הארצן טוליען נעכט
דעם ווייַ פון טעג פאַרשוועכטע"

איינס מאַכט רייכער דאָס צווייטע און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש דער מאָטיוו פון באַפרוכפּערונג אין האָפּשטיינס דיכטונג: עס באַפרוכפּערט ניט בלויז דאָס לעבעדיקע, נאָר אויך דאָס טויטע:

איך בין נאָך צייטיקער
נאָך רייפער—
כ'בין מיט אַ טאָג,
מיט גאַנצער לייַנג
פון יענעם טויטן טאָג
בין איך פון אים נאָך רייפער.

אומעטום לאָזט זיך שפּירן באַם דיכטער די עלאַסטישע בילדערישע שפּרייַטונג פון דער קאָסמישער עוואָליוציע, וואָס באַזירט זיך אויפן געזעץ פון יאַרשענען און באַפרוכפּערן.

האָפּשטיינס דיכטונג איז דורכגעדרונגען מיט נאַטור־פּאַרכטיקייט; אָפּטמאָל דערמאָנט די דאָזיקע פּאַרכטיקייט אַ עפּיש־הייַדנישן גאָטעס־דינסט.

„די קריע גייט
און ברעגן נעמען ברייט
דעם וואסער־יאַך
אַף אַקסלען ווייך באַוואַקסענע
און לאָזעם בוקן זיך
פאַר זונען פרייד
נאָר דאָס איז בלויז די אויסערליכע האַרמאָניע. דער טאַמצים פון האַפשטיינס קאַסמישער דערפאַרונג אַנטפּלעקט זיך אין זיין אָרגאַנישן שפּירן און באַנעמען די קאָסמישע מומערלעכקייט, וואָס באַרעכטיקט דאָס מענטשלעכע, אורמענטשלעכע וועזן אַף דער וועלט:
„ווי טרויעריק זיס איז מענטש צו זיין
זיין אַלט נאָר פינף באַדאָשים

— — — — — — —

פאַרמאָגן „אַ מיילעכל
אַ פּולס מיט שטומער זויגן־טאַינע"
און אַלע שאַ —
אין איין געפיל זיך טרינקען
ביז שפּיץ פאַרריסן נעזל אין אים זינקען
און האָבן איין געדאַנק אַ לויטערן—אַ ריינעם—
איצט מויל און ברוסט שוין דאַרפן זיין אינאיינעם.
האַפשטיינס נאַטור ווייסט ניט פון גוואַלדיקע סטירעס; דער דיכטער ברידערט זיך און כאַווערט זיך מיט איר. אין דער נאַטור שטרייטן ניט קיין גרויזאַמע אינסטינקטן, נאָר ס'קומט פאַר אַ „שטרייט פון וואָרצלען", אַ זויגן־שטרייט מיט „שטומער זויגן טאַינע". דער שטרייט פון די נאַטור קויכעס איז לאַכלוטן געפּאַרלאָז, ווייל דער קאָסמאָס איז אייגנטליך אַ מישפּאָכעדיקע „שוויינגנדיקע אידע", וואָס איז מעסוגל אויסצוטאַינען זיך בעשאָלעם. ס'איז אַ שטרייט פון „גלייכע" באַשעפענישן, וואָס גייט זיך ניט פאַנאַנדער מיטן מענטשלעכן אַרט שטרייטן, און שטערט ניט לאַכלוטן דער מענטשלעכער „יונגער פרייד":
„ווי הויך די זון איז, דורך הויכע פענסטער
איצט צווישן בוימער־ברידער בין איך שוין דער קלענסטער
און טראָג אַרום מיין יונגע פרייד פון זייער הויז"

.3

אָפּטמאָל דוכט זיך אויס, אַז האַפשטיינס וועלט האָט קיינמאָל ניט איבערגעלעבט קיין גרויזאַמע ערד־ציטערניש — אַזוי רעגלמעסיק „שפּאַנען" בא אים דורעס און גיבן איבער איינער דעם צווייטן אויסגעלייטערטע פאַרמעגנס. דער טעמפּ פון דער וועלט־עוואָליוציע איז בא אים דער ריטם פון „שפּאַנען אין מי", מיט מי. די וועלט איז אַלט־נײַ — אַ אוראַלטע און אַ אור־יונגע: די אייביקייט מערט זיך און עלטערט זיך מיט צוקונפטן, יונגערט זיך מיט יעדן פרילינג. אַפילו די רעוואָליוציע איז פאַרן דיכטער ניט קיין גיגאַנטישע קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש, נאָר אַן אויסערגעווייגלעכער פרילינג, וואָס איז מאַפּטיאַך אַף אַ גוטן זומער מיט אַ רייכער גערעטעניש, אַ צייט פון „וואַקסן און פאַרפלייצן", אַ צייט פון פירן דעם „אַקער אין דער הויך". דער פייערדיקער שלאָקס־רעגן, פון וועלכן דער דיכטער

דערציילט אונז, איז ניט מער ווי אַן עסטעטישער זשעסט; אָרגאַניש איז בײַ האָפּ־שטיינען דאָס שטאָלצע שפּאַנען פון דער מענטשהייט „טראָט נאָך טראָט" — די „פּראָצעסיע" פון דער שפּאַנענדיקער מענטשהייט. ניט דאָס שטורמישע, וואָס פאַר־נעמט אַגעוו זייער אַ קליינעם אָרט אין זיין דיכטונג, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטערס רעוואָלוציאָנערן פאַרנעם, נאָר דאָס עפּיש־קאָסמישע:

אין קרוין פון אַלטער פיין
אויך איך האָב דיר אַ פאָדים צוגעשטעלט
אַ ווייסן ליינען פאָדים
געטונקט אין רויטן ווין.

אויך אין דער רעוואָלוציע לאָזט זיך שטאַרק שפּירן דער געזעץ פון דער קאָסמישער עוואָלוציע, פון יאַרשענען. דער דיכטער איז ניט פאַרשיקערט פון נייע שטראָמען: „דורך שוימענדיקע רוקנס פון כוואַליעס", דורך „אָטעם־הויך פון אייבי־דיקע מיינונגען" דורך „וואָלקן רויך" ווענדט ער זיין אַפּאָלאָנישן בליק צו „קאָלטער האַרמאָני פון וועלטן ספערן". האָפּשטיינס רעוואָלוציאָנערע בילדערישקייט איז אַ ריין קאָסמישע — געשעפּן פון פרילינג פון זייען, פון וואַקסן פון „וואָרצלען־שטרייט". אַפילו דעם אָפּהאַלט פון רעוואָלוציאָנערן שטראָם שטעלט זיך פאַר דער דיכטער אויף אַ קאָסמישן אויפן: „נאָר וועלדער אונז קאָנען פאַרהאַלטן". דאָס „פאַכן מיט דער שווערד" איז בײַ אים פאַראַלעל מיטן „שטרייטן פון וואָרצלען":

אייביק, אייביק
שטרייטן וואָרצלען
אונטער ד'ערערד
אייביק, אייביק
פאָכן מענטשן מיט דער שווערד.

אָט דער רעוואָלוציאָנערער שטרייט איז אָרגאַניש באַרעכטיקט מיט דער קאָסמישער מוטערלעכקייט, — מיט דער אור־יונגשאַפט פון אַ פינף כאַדאַשימדיק קינד, מיט זיין „שטומער זוינן־טאַינע". און אין די „רויטע בליטן" געפינען מיר טאַקע אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם טאַינען:

„איך וויל מיט רויטע בליטן טאַינען
מיט גרויסער וועלט
פון אַלטן שטאַם פון מיינעם
פון אַלטן זאַפט
נאָך שעפּ איך יונגע קראַפט.

און נאָך:

„רויטע פאַנען ווידער טאַינען
מיט גאַנצער וועלט
מיין צאַרטער ברודער העלד
ווי מיטן ערשטן פאָרנעפּיל
פון פרייע פרילינגס ליידן
ווי מיט דעם ערשטן קראַמף
פון שטאָלצע הייסע ליידן
וועט זיך מיט דיר
אין גרויסן קאַמף

דאָס יונגע האַרץ
שוין אייביק ניט צעשיידן

אומעטום איז פֿאַראַן באַם דיכטער אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ בערייִשעסדיקן פֿרייד־פּאַרגעפֿיל און פֿון אַ בערייִשעסדיקן ווײ.

און די רעוואָלוציע איינגאַנצן גענומען, ווערט באַרעכטיקט מיט אורגערעכטיקייט פֿון אויסגעלייטערטן אוראַלט:

„ווײַ ן, ווײַ ן אַ ל ט ע ר ווײַ ן
ווײַן פֿון פֿלאַמיקן גערעכט
אונטער אַלע הימלען
אונטער אַלע קעלער שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען
ביז די ווילדע פֿלאַכן אונטער צאָפֿן־נעכט

זי איז באַרעכטיקט אין געשטאַלט פֿון דער אור־יונגער און אוראַלטער „פֿרוי“—אין „כאַווע“ן און צוגלייך אין דער מיטאָלאָגישער געטין: וואָס האָט „די ערשטע“ געוואָרפֿן פֿון „שמרייט דעם שווערן עפּל אָף טיש פֿון צייט און דורעס“.

„אָ, מוטער, שוועסטער, פֿרוי
ווער נאָך דאָ ווייסט
וואָס הייסט
אין גלי אין בלוט אין ווײ
אַלץ בויען און באַנייען?

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער דיכטער רופֿט ניט אָן די „פֿרוי“ מיט איר אוראַלטן נאָמען. ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן שוין אוניווערסאַליזירטן ביבל־וואָרט, וואָס באַהעפֿט זיך בלויז מיט נײַע צײַט־שפּירונגען. און נאָך אַ בײַשפּיל, וואָס אילוסטרירט דעם דיכטערס עפּיש־רעוואָלוציאָנערע שפּירונג אין געשטאַלט פֿונם אוניווערסאַליזירטן ביבל־וואָרט:

„דאָרט בײַם שײַן פֿון טאָג — אָף דעם וועג פֿון לאַנד און קנעכט
האָבן ערשטע פֿינסטערע מעראַגלים
קוים געטראָגן
איין און איינציק איינגל
אָף אַ שטאַנג.

שפּירט זיך דען ניט אין די דאָזיקע שורעס די אוניווערסאַליזירטע עפּישע ביבלישקייט אין אַספּעקט פֿון אַ „רעוואָלוציאָנערער צײַט־דערפֿאַרונג?

אָט אַזוי אַרום שפּאַנט באַ האָפּשטיינען די וועלט געשיכטע, באַוועגט זיך שטאַלץ אין דער קאָסמישער שטילקייט.

האָפּשטיין איז דער דיכטער פֿון באַוועגלעכער שטילקייט, אין וועלכער ס'איז שווער צו געפֿינען די מעביצע צווישן רו און אומרו.

„אויב איין שמאָלער ריר האָט דאָ פּאַרטיליקט
אָט דעם קאַנט פֿון אומרו און פֿון רו
וואָס זשע איז דאָ צווישן זיי דער בילעק
וואו?

זײַן שטילקייט איז רײַך מיט ניואַנסן; מיר באַגעגענען באַ אים סאַי די ני־

דעריקע „טומלדיקע רו", כאַי די געהויבענע און העכער שטייגנדיקע רו — די „שטיל פון ערע". אין אַט דער באַוועגלעכער רו קרעפטיקט זיך דעם דיכטערס שטאָלצע, מענטשלעכע געדעכעניש, וואָס היט אין דעם „קער פון אַלע יאָרן".

האָפשטיין איז דער דיכטער פון מענטשלעכן זיקאָרן. און ס׳איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש, וואָס די „בערג" (ציקל — „קאַווקאַז") דערוועקן ניט בײַ אים קיין פּראָמעטעאישע געפילן: זיי דערמונטערן און דערפרישן בלויז זיין מענטשלעכן זיקאָרן; טאַקי אין די „בערג" ווייזט אַרויס האָפשטיין זיין טיפן כוש צו די אונטערערדישע פלאַסטן, צום פאַרבאָרגענעם ערד־ווײ און ערד פרייד.

„עס זינגט מיין האַרץ פון הייסער פרייד
איר זייט מיר נאָענט אייבירט־אויגן בערג און שנייען
איר צעלטן קנעכטישע איר שטומע ווייען
פון אַלטער אָרימקייט און דוירעס לייד.

און נאָך:

„פון אונטער יעדן שטיין
מיר ווינקט מיט קילן כיין
אַ שטיקל אינדערפרי".

צווישן האָפשטיינס בערג־לידער איז פאַראַן בלויז איין ליד, וואו דער דיכטער רעדט דרייסט וועגן שטורעם:

פון בערג גייט אַ שטורעם.
דאָרט פאָכעט מיט פייער
אַ מעכטיקער אָרעם
אויף קנויליקע הויכן
און טרייבט אין די היילן
דעם כוישעך פון וועלט.
אויב דו ביסט די שטילקייט
איז שטילקייט מיר טייער
נאָר ס׳ציט מיך אויך שטורעם
און פייער און רויכן
און אייניקייט פון היילן
און כוישעך פון וועלט

אָבער צי פילט זיך דען ניט, אַז דער דיכטער רעזאָנירט דאָ אינגאַנצן?

אויך דער מאָטיוו פון „דערשטיקן די ליידן אין פרייד" איז בײַ אים ציפעליק, ווייל אים איז אָרגאַניש אייגן די לייד אין אַספּעקט פון „מענטשן־ווערדע" אין דער שטייגנדיקער „ערע־שטיל", אין דער באַוועגלעכער קאָסמישער שטילקייט. האָפשטיין איז אַן אָרגאַנישער אַפּאַלאָן, וואָס בייַנקט עפּשער אַמאָל נאָך דיאָניסן, נאָר דאָס דיאָנישישע איז אים לגאַמרע פרעמד; ער פאַרבלייבט דער דיכטער פון ערדישן דויער, וואָס אייביקט זיך אין מענטשלעכן זיקאָרן.

.4

דער ריין פּסיכאָלאָגישער אויסדרוק פון האָפשטיינס קאָסמישע מאָטיוון נעמט אָן אַ כאַראַקטער פון אויסגעהאַלטענע פּסיכאָלאָגישע אַנטיטעזן, וואָס שליסן לאַכלוטן ניט אויס איינע די צווייטע. נאָך מער: זיי ציען זיך פּאַראַלעל

אײנס קענן אנדערן; ס'איז אײנגמלעך דער פּסיכאָלאָגישער עקוויוואַלענט אין
פּאָלגנדיקער ריכטונג: „איצט און אַמאָל", „פרייד און טרויער", „דאָס שאַמאַ־
אישע" און „הילעלשע", „געבענשט" און „געזאָלבט", „אַנמאַכט" און „דרייסט־
קייט", „ליוב" און „אַפּשאַף", „קינדיש אָרים" און „קינדיש רייך" א. א. וו. דער
טאַמצים פון די אַלע יאָ־ניינען און ניין־יאָען קאָנצעטרירט זיך הויפּטזאַכלעך
אין פרייד און טרויער, וואָס פאַרנעמיינזאַמען די אַנגעוויזענע שטרייטלאָזע אַנ־
טיטעזן.

אַט דעם פּסיכאָלאָגישן עקוויוואַלענט באַגעגנען מיר בא האָפּשטיינען אין
אַלע זיינע דיכטערישע פאַרצווייגונגען, און אַלע זיינע לידער־זאַמלונגען. ס'איז
וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער „נ יי ן" איז נ י ט ס ו י ס ע ר דעם „יאָ"; ביי־
דע זיינען זיי צווייגן פון איין „אַלטן שטאַם"; זיי וואַרפן זיך אונטער אײנער דעם
צווייטן מיט אַ כוש פון אַ אײנהייטלעכער פאַטאַלער אור־גערעכטיקייט; און ניט
בלויז זיי גיבן זיך אונטער אײנער דעם אַנדערן, נאָר זיי שטאָלצירן אפילע מיט
אַט דער אורגערעכטיקייט און בילדן בעסאַכאַקל די קאָסמישע צ וו יי־א יי נ־
ה יי ט. דער בילעק צווישן זיי באַשטייט אין גראַד פון אַקטועלקייט:—דער טרויער
פרישט זיך, בעשאַס די פרייד וואַונדערט זיך; נאָר ביידע זיינען זיי „אינאײנעם",
שטאַמען פון איין וואונדער־קנאַפּ—פון „קנאַפּ־געבוירן".

די פרייד איז פּענאָמענאַל־היידניש אין אַ באַשיידענעם גראַד, נאָר איבער
איר הענגט דער טרויער—דער פאַטום פון די שטומע ווייען, וואָס היט אין דעם
געיאַרשנטן אויסגעלייטערטן אור־וויי.

פּונקט ווי דער טרויער, פאַרמאָגט די פרייד אַ אור־אָווערדיקע פּערס־
פּעקטיוו,

„געקוקט האָסטו גלויביק אַף מיסטיקן ליקל—
גו ווידער
זיך וויקל און וויקל,
דו קנויל פון מיין פרייד
אין הויפּטשטעט אין נייע
אַף רוישיקע פּלעצער אין ב אָ וו ע ל ס א י ן ר ו י מ ע ן.
נאָר די פרייד ציט די יעניקע פון טרויער:
„און קומען אַן אָוונטס
דיין האַרץ ווערט געבויגן
מיט אָרעמס מיט צאַרטע
מיט בעכערס פון בוימל,
וואו קנויטן פון פריידן
זיך נערן און זויגן
פון בענקשאַפט, פון וויטאַק.
מיט בעכערס פון בוימל אַזוינעם
הויבט זיך דיין האַרץ דאַן
צו ליכטיקע רוימען
פון הימלישער שפּרייטונג.

אַט אַזוי לעשט זיך די באַשיידענע פרייד־היידנישקייט אין טרויער, פאַרלירט
איר פּיילאַרטיקייט, מאַ נ י ז י ר ט ז י ך א י ן א י ם: אָן טרויער קאָן די פרייד
ניט געפינען דעם לויטערן וועג צו דער „הימלישער שפּרייטונג".

אָפּטמאָל דינט די פּריגך פאַר א לייכטן „פּאַנצער“, פאַר א קאַמייע, וואָס גיט דעם דיכטער די מעגלעכקייט צו גיין „אָן מוירע אין אַלע שוואַרצע היילן פון וועלט און זיין“.

און וואָס איז אַזוינס דער טרויער?

אַמאָל, אַמאָל איז ער אויך א וואונדער געווען, אָבער זיין וואונדער־פעאיקייט איז אין א באַדייטנדיקער מאָס פאַרלאָרן געגאַנגען אין שטויב פון יאָרן און דוירעס:

„ווי האָט ער געטרויערט מיין זיידע מיין ווייטער
ווי וועלן זיי טרויערן קינדער נאָך קליינע
נאָך ווילדע
וואָס ברעקלען דעם טונקלען געוועב פון מיין שוויגן.
ווי האָט ער געטרויערט מיין זיידע?
עס אַרט מיך ניט שטאַרק. נאָר איך פרעג נאָר

ווי וועלן זיי טרויערן קינדער נאָך קליינע?
נאָר וועמען דאָ קאָן איך איצט פרעגן!

דער טרויער פאַרמאָגט ניט קיין אומגעהויערן, שטאַרקן אינסטינקט פון זעלבסטאײנהיטונג: דער מענטשלעכער „צו פיל מענטשלעכער“ זיקאָרן נעמט אויף בלויז דעם „קער פון די יאָרן“, און פיל ניט אויסגעשפּראָכענע אינהאַלטן זינקען אין פאַרגעסנהייט. דער זיקאָרן שטרענגט אָן אַלע זיינע קויכעס קדיי וואָס מער פון דער פאַרגאַנגענהייט אַרויסצושעפּן און אויסלייטערן, נאָר ער אַליין איז גלייכ־צייטיק געבענטשט און פאַרשאָלטן מיט גרענעצן:

„און וועגן אַזעלכע זאַכן
מיט וואונקען מיט פונקען נאָר רעדט דאָס טאַנאַכ...
אין מויעך אין מידן זיך באַרבלט:
פּאַסטערס אינסטינקט,
אָפּטימיזם
און מעטשניקאָווס וועלט־פּראָסטאָקוואַשע.

פילט זיך דען ניט אין אָט דעם אומרואיקן „ניט ארן“ אין אָט דער וועלט פּראָסטאָקוואַשע, וואָס מאַכט אַזוי מיד דעם מויאַך,—אָן אָנזאָג אפן „גלייכגילט“ אף דער פראַגע פון שפּעטערדיקן איראָנישן גלייכגילט—„איז וועמעס אייסעק?“ אָבער דער „קינדער שפּרוך“ ווייס נאָך ניט פון גלייכגילט—ער ווייסט בלויז פון טרייסט.

עמעס, דער דיכטער וויל ניט וויסן פון קיין טרייסטער, נאָר זיין מענטש־ליכער זיקאָרן געפינט זיך אין רעשוס פון טרייסט־גייסט; ער רואיקט זיך ניט בלויז מיט דער „גרוים פון טרויער“, נאָר ער זוכט און נעמט אויף אפילע „מאָנעלעך טרייסט“.

„פאַר קיינעם איז טרייסט ניט פאַרבאָטן“
אויך אין די „רויטע בליטן“ שפּירן מיר די אַטמאָספער פון טרייסט־גייסט:
„אין טהאָמישן קראַכן“
אין שפּיי פון וואולקאַנען
דערהער איך די שטילקייט פון מענטשלעכן וויינען.

אין שפּיל פון פרי־יאָריקע שטראַלן
אַף אַלטע פאַרראָסטעטע שטיינער
דערהער איך דעם ריינעם געפּילדער פון קינדער,
פון קינדער וואָס קאָנען אין אויגנבליק איינעם
אי לאַכן אי וויינען".

און נאָך:

„אין שוואַרץ פון רויך
ניט קאָן איך שוין דערקענען
דעם רויטן פאָדים מיינעם
מיין האַרץ נאָר ווייסט
פון טרייסט

דער טרייסט־גייסט באַהעפט זיך בײַ האָפשטיינען מיט דער פרייד פון „געבוירן", מיט פרילינג:

„ס'איז פאָרט שוין פעוואַל
מיט אַ מאָל איז געוואָרן היינט לינדער
און קינדער
זיי האָבן צעשפּילט זיך צעהוליעט.

ווען ניט די קינדער־פרייד, וואָס געפינט זיך אין איינקלאַנג מיטן טרייסט־גייסט, וואָלט דער אור־טרויער שוין לאַנג פאַרגליווערט געוואָרן: זיי זיינען אים בעכאַיע־מייסים.

אָט אַזוי אַרום וויגן זיך אַף האָפשטיינס דיכטעריש וואָג־שאָל פרייד און טרויער, ביז וואַנען דאָס צינגל קומט ניט צו דער „מיט", צום „זעניט". אָט די „מיט" איז דער יעסאָד פון זיין קאָסמישער צוויי־אייניקייט און דער באָדן פאַר זיינע וויטערדיקע „וואַרהאַפטע טרוימען געוועבן".

אַף אַזאַ אויפן ווערט קלאָר פאַר אונז די סיטואַציע פון טרויער־פרייד און פרייד־טרויער, אין וועלכער דער דיכטער פאַרבלייבט אַזוי געטריי זיך אַליין:

„איך טראָג מיין לייד מיט פריידן,
וואו איין נעשאָמע־ציטער זוכט און ווילט דעם צווייטן".

און האָפשטיינס „הייסער גלייכגילט" איז בלויז אַ צייטווייליקער געשטרוי־בלטער גלייכגעוויכט—די איראָנישע עקלעקטיק פון געשטרויכלטער פרייד מיטן וואונדערלאָזן טרויער. ער טראָגט אריין אַ דיסאָנאַנס אין דיכטערס קאָסמישער צוויי־איינהייט: נאָר אָט דער דיסאָנאַנס איז עפּשער פונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך ווי פאַרגיינגלעך.

5.

האָפשטיינס באַציאונג צו דער פּראָבלעם פון פרייד און טרויער ווייזט אונז בעשיינפערלעך, אַז דער דיכטער שטייט בלויז אַף דער גרענעץ פון טראַגישקייט: דאָס טראַגישע פאַרכאַפּט אים ניט. די פינסטערניש לויערט ניט פון טהאָמען אין טהאָמען, נאָר זי זאַמלט זיך אין „הייל"—אין יענע באַגרענעצטע ערדישע טיפן, וואָס זיינען טאָמיד אָפן פאַר זונען־שיין, וואוהין זונען־שטראַלן קאָנען נאָך „פאַר־קריכן". און ווען דער דיכטער רעדט פון אָפּגרונטן איז ער דעמאָלט בלויז אַ טרוי־ערנדיקער בעאָבאַכטער, נאָר גיט קיין שטרייטער קעגן פּסיכאָלאָגישע געזעצן:

„אַ, אַפּוּרוּנט איך מאָן ניט, איך פרעג נאָר".

דאָס שגירעלע בלוט־טראָפּנס באַ די מיסטיציאַסטנס—דער גבֿילעמער אויבדרוק פון טראַגישקייט באַקומט ניט דערווייל קיין טיפע אַנטוויקלונג. אַט דאָס שגירעלע האָט זיך פון לאַנג אַן איינגעקריצט אין דיכטערס זיקאָרן און פינקלט דאָרט און צאַנקט קוים קוים ווי אַ קליין פּייערל אין אַ געדיכט הויכן געפל. די פּראָבלעם פון טראַגישקייט טראָגט האָפּשטיין איבער אין אַ ווייטער שנייווועלט: אין דער וועלט פון מענטשלעכן „צו פיל מענטשלעכן" און באַיעשן אומשולד.

האָפּשטיינס באַנעמען דאָס טראַגישע איז דורכגעדרונגען מיט פּאַטאַלער אייגערעכטיקייט פון פאַרהייליקטער קאַרבאָנעסשאַפט,—פון „גלויביק בלוט". עמעס, מיר באַגעגענען באַם דיכטער אַן אָפּקלאַנג פון דאָסטאָיעווסקיס פּראָבלעם וועגן „קינדס־טרערעלע":

„און אונטער וואַקלענדיקע פּלייצעס
שטייט יונג געבויגן
מיט וואַרעמקייט אין קינדערש ריינע אויגן
די אַלטע, אַלטע טאַינע:
וואָס וואויגט אריבער
אַ טראָפּן בלוט
פון קינדערש־אומשולדיקן שיינעם וועזן".

דער אָפּקלאַנג אָבער שווינדלט פאַרביי. דעם „קינדס־טרערעלע"— דאָס „קינדיש אָרימע" או „קינדיש רייכע" שאַפט ניט באַ האָפּשטיינען קיין שום טראַגישע מעניע, ווייל קעגן דעם „קינדער שפּרוך" איז אָנמעכטיק אַפילע די — „גרוים פון כורויער".

די סאַמע געפערליכסטע איבערלעבונגען געפינען באַ האָפּשטיינען אַן אַריימיקלאַט: די געפערליכסטע לייד באַהאַלט זיך אין די „טוכן פון בייִנקען" נאָר ועלטן זיינען זיי באַ אים.

אין אונזער נייער ליטעראַטור איז האָפּשטיין עפּשער דער איינציקער דיכטער פון די סאַמע פּאַטאַלע און סאַמע לויטערע אויסוועגן.

.6

יעדע קינסטלערישע שפּירונג באַקומט באַ האָפּשטיינען אַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם אויסערלעכן סימען; אַט די סימאָנים באַגרענעצן אָפּטמאָל זיין קינסטלערישן כוש צום איינסאַף און רופן אַרויס אַ לירישע זעלבסטצופרידנקייט:

„וואָס קאָן אַף ערד נאָך שענער זיין?"
„ווי קאָן אַ טאָג נאָך מילדער זיין?"

די אויסערליכע וועלט האָט אַן אומגעהויערע האַשפּאָע אַפן דיכטער; סיי דונקעלע סיי העלע פאַרבען פון פּייזאַזשן ווערן אויפגענומען דורך זיין ריע אין דער „האַרציקער טיף" אַריין, און פאַרוואַנדלען אין פּליסיקער ליכטיקייט. האָפּשטיין איז באַצויבערט פון דער אויסערלעכער וועלט, פון איר רעאַלקייט,——דערפון וואָס זי איז קיינמאָל קיין כאָלעם ניט געווען, און קאָן קיינמאָל קיין כאָלעם ניט זיין. און מיר באַגעגענען טאַקע ניט באַ אים קיין כאַלוימעס. דאָס ראָמאַנטיש־טרוימערישע וואָס איז פאַראַן באַ אים, איז טאָמיד וואַרהאַפטיק. ס'איז די רעאַלקייט, וואָס ווערט אינערליך פילטרירט און פאַרלירט אין דער בע־

שאמע די אויסערליבע סטאטישקייט; אין האפשטיינס צויבערן זיך, אין דער באצויבערונג פון דער רעאלער אויסערלעבער וועלט. גייען פארלארן די מעכיצעס צווישן ליבע און שאטן, אין דערין שטעקט דער סאד פונם דיכטערס ראמאנטישער ליבטיקייט.

האפשטיין איז שטארק ניט אין זיין אידעאלאגישן פארנעם: דאס אידעאלאגישע איז בא אים זייער איינפאך—דראמאטישלאז אין די אנגעוויזענע אנטיטעזן. די איינפאכקייט איז אבער ארגאניש באגרינדעט, פארמאגט טיפע ווארצלען אין א פעסטן באזין. דער דיכטער איבערציינט אונז ניט, אז ער „ווייס קיין וואג, קיין צאל". פארקערט: ער ווייסט פון אן עלעמענטארן עמעס, אז „ווי און מוט איצט קאן איך ניט צעטיילן"—פון אט דעם וואגיקן עמעס, וואס רעגולירט דעם שפאן פון לעבן, דאס לעבן אלס ריטמישן שפאנען; און דער דיכטער איבערציינט אונז טאקע אין דעם:

„גלייך א לאסט מיר האט מיין טראט צעמאסטן"

ד. האפשטיין איז שטארק אין קאמפאזיציאנעלן באהעפטן פלאסטישקייט מיט מוזיקאלישקייט: דאס פלאסטישע בקומט בא אים טאמיד א מוזיקאלישן אויסדרוק. אט די באהעפטונג באשטימט זיין אייגנארטיקן ריטם — דעם ריטם פון שטייגנדיקע ערוואַרטונגען.

האפשטיין איז שטארק אין קאנקרעטיזירן און קולטיווירן ניואנסן — אין זאמלען די קאסמישע „וואלגער שטיינער", וואס ווערן בא אים אויסגעשטעלט אין גראציעזע רייען; דער דיכטער פארוואנדלט זיי אין „מוטערפערל".

אין אט דער הינזיכט איז ד. האפשטיין א מייסטערישער קולטור־שעפער און קולטור־טרעגער פון ריטמישן שיינעם ווארט.

שלום גארדאן.

ביבליאגראפיע.

„מ י ל ג ר ו י ם", צייטשריפט פאר קונסט און ליטעראטור. העפט 1. 1922, בערלין.

אלגעמיינע רעדאקציע ד"ר מ. ווישניצער.

דער פראכטפול ארויסגעגעבענער קונסט־זשורנאל „מ י ל ג ר ו י ם" אף אידיש (דער זעלבער דערשיינט זיך „רמון" אף העברעאיש—אדער פארקערט) איז א פולקום נייע דערשיינונג אינם אידישן קינסטלערישן לעבן. גרויסער פארמאט, ציכטיקער פאפיר, זייער גוטע רעפראדוקציעס און גלענצנדער ש ר י פ ט. ברייט פארמאסטן זיך און שיין אויסגעפירט. אונזער טרוים וועגן א קונסט זשורנאל האט זיך פארווירקלעכט. און.. און דאך איז אונז פון דעם נישט גוט געווארן אפן הארצן. דער טרוים איז שוין צוועלף יאר אלט, און האט דעריבער פארשפעטיקט. זיינען מיר צופרידן, וואס מיר האבן א מעגלעכקייט צעשטערן אים, און זאל ער נים דערמאנען אף אונזער נאאיוויטעט.

אויב אונזער גארוואסדיקע ראמאנטיק איז געווען יונג און איז אויסגעוואקסן פונם אפליינענען דעם עטנאגראפישן גאלעס־נאטוראליזם, האט עס דער „מילגרוימישער" פארעלטערט פראפעסארישער אנמאכט נאך מער אונטערגעשטרייכלט.

דער דאזיקער זשורנאל איז א מאצייווע־אויפשריפט. ער איז טויט און איז באשאפן געווארן פאר טויטע. און אט פאר וואס: דער „מ י ל ג ר ו י ם" — אפווארפנדיק דעם זיסלעך־עקלעקטישן בייטאם פונם דאזיקן נאמען — שטעלט מיט זיך פאר א צווילינג־אויסגאבע, וואס דערמאנט אן א צווייטן טויטן — דעם רוסישן זשורנאל „זשאר פטיצא", וואס גייט אויך ארויס אין בערלין. אבער אויב די רוסישע גרופע פונם אלטן קונסט־זשורנאל „אפאלאן" שטייט אף א טויטן שטאנדפונקט און איז געצוואונגען קיינען זיך אליין, איז דאס דערפאר, ווייל זיי זיינען אפגעריסן פון רוסלאנד, האבן אנגעווארן זייער ארגאנישע שפייז,—באזערן זיי איבער צום טויזנטן מאל „ביליבינען", קייען איבער אן א שיר „לוקאמסקען" און טרוימען פון אלטן פעטערבורג.

און דאך גיבן זיי די קונסט, וואס איז אמאל בעשיימא געווען בארעכטיקט, די קונסט, וואס האט אפגעשפיגלט די פאראינטעליגענטישע סוויווע פון דער רוסישער געזעלשאפטלעכקייט מיט איר קאמף פאר „קונסט צוליב קונסט". דער קאמף וואס איז אנטשטאנען נאך דעם, ווי ס'איז פאריבער דער פערעדוויזשניקשער פעריאד.

דער רוסישער זשורנאל „זשאר פטיצא"!—ס'איז דער מארפיאום־שפריץ, וואס דארף פארשלעפערן דעם קינסטלערישן געדאנק, ווייל די רוסישע קונסט אין רוסלאנד האלט ביי געבוירן נייע רעוואלוציאנערע ווערטן, זי איז פול מיט פאטענץ קרעפטן, וואס וועלן אויפטרייסלען און פארניכטן די עסטעטיק פון די סאלאנען־קינסטלער, די עסטעטיק פון די אלטערטום־זוכער. ניט אומזיסט דערשיינט דער „זשאר פטיצא" פון יענער זייט גרעניץ — דאס גופע דעקט אויף זיין באדייט פאר דער רוסישער קונסט.

פון וואנען אבער האט זיך גענומען דער „מ י ל ג ר ו י ם"? ער איז א צופעליקע דערשיינונג, ניט קוקנדיק אף דעם, וואס ער איז אזוי גוט, אפאניס, באזארגט און פארמאגט א מיינגע מיטארבעטער מיט פראפעסארישע גראדן. ער גיט זיך קלוימערשט ארויס אף דער לעוואנע און האט קיין שום שייכעס צו אונזערע ברענענדיקע קונסט־פראגן און שפיגלט לאבלוטן ניט אפ דעם איצטיקן צושטאנד פון אונזער פלאסטישער קולטור. די גראפיק פון פראפעסאר ע. קעהם איז טרוקן און צוזאמענגעקלעבט פון אפגעקאפירטע פרימיטיוון. ס'פעלט אין איר די קאמפאזיציע־באהאוונטקייט, ער האט זיך, א פאניס, געמיט געבן אונז דעם באנאלן דורכשניטלעכן עטיקעטן־טיפ פון א טיש־זשורנאל—נישט מער. און אלע איבעריקע צייכנונגען פון פראנטשעסקא בארוך, קאלין, בערנשטיין, שוואב זיינען אויך ראציאנעל־פרימיטיוו מיט פיעטעטנזיעס אף „פראכטפולן געשמאק"

און מיט א בייטאָם פון דייטשמערישער סטיליזאַציע. אין אַזוינע רוימען פון אַ אויסערליך דעקאָראַטיווער אויסשטאַטונג האָט דער זשורנאַל צוויי גרויסע אַרטיקלען וועגן קונסט — „די נייע קונסט און מיר“ פון ראָכל ווישניצער און אַרטיקל וועגן סעזאַנען פון פּראָפ. מייער גרעפע.

די ה׳ ראָכל ווישניצער איז גוט באַהאַוונט אין דער כראָנאָלאָגיע, אין די נעמען און שטרעבונגען פון די קינסטלערישע שיטעס, אָבער פון דעם, וואָס זי איז זיך סוימעד אַף די געבראַכטע פּאָלקלאָר־צייכנונגען, ווי אַף דער עכטער אידישער שאַפונג—פון דעם איז בעפיירעש קלאָר, אַז זי איז זיך טויע אינם אידישן קונסט־סטיל. די דאָזיקע אַלטערטומען, האָגאָם זיי זיינען באַהעפט מיט אידישע טעקסטן, שטעלן מיט זיך פאַר נישט מער, ווי מיטלמעסיקע מיניאַטורן אין אַלגעמיינעם גייסט און סטיל פון מיטלאַלטערישער טקופע. און אָט אַזוי לייכט דערישלאָגט זי אויך ריבאַקן בעשאָם זי רעדט בלויז פונם אינהאַלט פון זיינע בילדער און נישט פון זייער ריין מאָלערישן ווערט, בעשאָם זי ווייזט אָן, אַז ער געהערט דעם „קוביזם“ בלויז דערפאַר, ווייל ער פאַרמאָגט געבראָכענע און ווינקלדיקע פאָרמען. און סאַף קאָל סאַף מאַכט זי פון ריבאַקן אַ סיוזשעט־מאָלער, וואָס איז אויבן געווען ציען די נאַציאָנאַל־פראָמע ליניע פון דער אידישער אַבדעס־אייביקייט. יאָ אָט די אידישע אייביקייט איז פאַר ראָכל ווישניצער באַ היינטיקן טאָג נאָך אַזוי מאָדנע פאַרבונדן מיט דער אַפּאָקאַליפּטישער שטימונג פון „וועלט־חורבן“, פאַרבונדן „מיט דאַנטע, מיט רעמבראַנדט, מיט מושע“ נישט מער און נישט ווייניקער...

מייער־גרעפעס אַרטיקל וועגן סעזאַנען איז בעפיירעש דאָ אין זשורנאַל אַ צופעליקער. פאַר די לייענער, וואָס זיינען נישט באַהאַוונט אין קונסט־איניאָנים וועט שטיין די פראַגע פאַרוואָס עפּעס אַ אַרטיקל וועגן סעזאַנען און נישט וועגן רעמבראַנדטן, צי מאָנעט? און דער לעזער, וואָס איז אַ באַקי אין קונסט־פראַגן איז שוין געווים באַקאַנט מיט די ווערק פונם באַשעפער פון אימפּרעסיאָניזם—מיט מייער־גרעפע.

דער גאַנצער ליטעראַרישער מאַטעריאַל פונם „מ י ל ג ר ו י ם“ איז ביכלאַל אַף אַ מאָדנעם באַרעלטערט־עקלעקטישן אויפן צוזאַמענגעשטעלט אַ כוץ דעם לעבעדיקן שיינעם ווינקל פון דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, וואו ס׳אָטעמט די מייסטערישע אידיש־קינסטלערישע ווירקלעכקייט פון די אונזעריקע בעזגלסאָן, ניסטער, קוויטקאַ, הורבאַק—באַקרוינט מיט בערגלסאָנס אַרטיקל וועגן „דעם געשעהענעם דיכטערישן אויסברוך“,—אויסער אָט דעם פאַרבלאָנזשעטן אַהער ווינקל איז דער גאַנצער איבעריקער וואָרט־מאַטעריאַל קלוימערשט אריינגעבראַכט אַהער פון די אַלטפרענקישע „רונדשוי“ס, פון די „חכמת היהדות“־זשורנאַלן, אָדער גאָר פון קרויוועשן „רמון“. מיטן צושטאַנד פון היינטיקן אידישן קונסט־וואָרט האָט עס לאַכלוטן נישט וואָס צו טאָן.

אַזוי אַרום איז דער „מ י ל ג ר ו י ם“ אַ קאַלבוי פון פאַרשיידענע אַלטע און נייע עלעמענטן, וואָס האָבן קיין שום שייכעס איינער צום צווייטן. דעריבער איז ער—אַגעמיש און הילפלאָז. אַ קינסטלערישע אויסגאַבע, וואָס פאַרמאָגט קיין לעבעדיקע בלוט אין די אָדערן, איז נישט ביכוילעס פאַרכאַפן די יונגע אויסגעוואַקסענע ביי אונז קונסט־גרופּירונגען, אַזאַ מין אויסגאַבע וועט זיין פאַרעלנדט און פאַרמישפּעט אַף טויט. אידישע קינסטלער, וואָס גייען פאַראויס, וואָס מאַכן דורך אַלע קונסט־גילגולים פון צייט און סוויווע, אידישע קונסט־טוער קאָנען נישט גליווערן אַף סטאַטישער פאָרם־סטיליזאַציע. זיי קאָנען נישט פאַרבלייבן ביים פּראָפעסאָרישן אַלטוואַרג פונם „מ י ל ג ר ו י ם“.

מיר וועלן באַגריסן די אַרויסגעבער פון „מ י ל ג ר ו י ם“ אויב זיי וועלן אַנשטאָט דעם עקלעקטיש־ווילנאָאַזן זשורנאַל אַרויסגעבן בעסער איינצעלנע מאָנאָגראַפיעס פון אידישע מאָדערנע מייסטערס, אי אַפילע פון אידישן עכטן קינסטלערישן אַלטערטום. אָדער— זאָלן זיי זייער זשורנאַל פאַרוואַנדלען אין אַ אַנגעזעטיקטע מיט צייט־דערפאַרונג, קעמפערישע־ווויסגשאַפטלעכע אויסגאַבע— אַ אויסגאַבע וואָס וואָלט בעעמעס געקאָנט ברייננען נוצן דער אידישער קונסט־קולטור.

י. ט ש י י ק א װ.

ש. ראָסין. שיין (פּאָעמע). קל. ביבליאָטעק „ליריק“, מאָסקווע 1922

צווישן „אַ עמעס“ און „אַ רעמעז“—ווי דער מעכאַבער אליין גיט אַנצוהערעניש אין זיין מאָטאָ־ליד — איז געבאָרן געוואָרן ש. ראָסינס „שיין“. און אָט דער סאָפּעקדיקער, סאָפּעקדיקטונג באַשיינט בעעמעסן דעם צענדליק לידער, וואָס זיינען אין דער פּאָעמע פאַראייניקט דורך איין טעמאַטישער שטימונג. די טעמאַטישקייט — ס׳איז די גרויסע מייַלע פון ראָסינס פּאָעמע, ס׳איז

—דער אייגציקער איצט, צוגליבן, געוואוגשענער וועג פאר אונזער נייסטער דיכטונג, וואס האט זיך פארגאנגען אין אירע אבסטראקט־אינערליכע וויי־פרייד איבערלעבונגען. ביי זייער גאנצער איינפאכער אינטימיטעט פון ראסינס פאעמע פארמאגט זי אביעקטיווע שפראצונגען, וואס וואקסן אפן באדן פון קאנקרעטער צייט־האנדלונג. וועהט פון דעם אלעם מיט דיכטערישער פרישקייט מיט געוויסנהאפטן צימצום און באשיידענעם ערנסט, קויפן זיי מיט אלעמען אויס די עטליכע שוואכע ערטער, וואו ראסינס ווארט איז ניט אנגעגאסן מיט געהעריקן בליי, און די שורע באקומט א אנמאכט־שטימונג פון א שטעטלשן כאלעש...

ערגעץ לייכט זיך א פייער
פון בייביקער שטוב
און עקבערט דעם שווארצן טיל־מעל.

א שיינער אנהויב פאר דער פאעמע, וואס שפילט נאך קעסיידער מיטן אלט־ניי, וואס פילט נאך דעם פארטויבטן צובונד צו אפגעלעבטע „טיל־מעל“ שטימונגען און פלעכט זיי מיט די נייע פייערלאך פון נייען גלויבן.

און נאכט איז געווען
און ווינטער איז דאן
און דארט הינטער פענסטער
אין שנייאיקן הויף
ווארט שוין א שליטן,
ווארט שוין א שפאן

ש. ראסין האט דא באוויזן, אז ער האט א ליבע האנט אף לירישע שילדערונגס־מאטיוון. און אויב אים פעלט די אנשטרענגונג פון פראבלעם האט ער דאך פארשטאנען ווי צו פאר־וואנדלען אין טרוים אט די באשריבענע שטייגער־געשעענישן אף דער „געקרייציקטער ערד“

זיין קייווער איז דארט,
זיין קייווער איז דא
אין יעטווידער שטאט
אזא קייווער פאראן
א בערגל א הויכן
באצירטע מיט קרענץ
באוואקסן מיט גראז

— — —

ס'האט מיין ברודער
געשלאגן דעם שטיין,
און מיט קוואל
מיינע בלוטן באפרישט
און מיט קוואל
מיינע בלוטן באפרייט

איינפאכער אבער שיינער לירישער עמעס. ש. ראסין האט הארמאניש אויסגענוצט אלע מעגליכקייטן, וואס זיין טעמאטישע שטילקייט האט אים געגעבן. דיכטער וועלן געוויס באַ־גריסן אט דעם מענשליכן ערנסט.

ש י ן.

עזרא פיינבערג. אָסעם (לידער) קל. ביבליאטעק „ליריק“, קיעוו 1922

עס וועלן געוויס זיין אויך אזעלכע, וואס וועלן מיט רעכט קאנסטאטירן: עזרא פיינבערג איז א רעצידיוו און א גאנץ אויסגעשפראכענער רעצידיוו פונ'ם „אייגנס“—פעריאד אין אונזער ליטעראטור, ער איז דער רעצידיוו פון קוויטקאס „טאינע“, פון קוויטקאס „מארק“־מאטיוון, פון קוויטקאס קאמף מיט דעם „בלינדן ווילן, פון דער אלט פאטערשער יערושע זייגער.

יא. דער רעצידיוו פון דעם אלעמען קלינגט אין פיינבערגס בוך. אבער עס טרעפן אמאל גליק־לעכע רעצידיוון, און דער פאל מיט ע. פיינבערג געהערט צו דער דאזיקער קאטעגאריע. ווארום: איצט, ווען אונזער גאר יונגע דיכטונג איז געגייגט דילעטאנטיש און בלויז דילעטאנטיש צו באנעמען דעם ריזיקן שטאף פון אונזער אלטפאטערשער געפיקן־וועלט, ניט קענענדיק באזיגן

איר מאכט איבער זיך און נאָך ווייניקער אפשאפנדיק איר אביעקטיווע הערשאפט אין דער ארומיקייט — אט אין אזא מאמענט איז עזרא פינינבערגס רעצידיוו געוואונשן און נאך מער זיי געוואונשן.

איך וואלט געזאגט: פונקט ווי אין „אפגאנג" האט אונזער פראזע פארשטאנען צו אנהויבן ליקווידירן די „געיארשנטע פענט" פון אונזער פארגאנגענהייט. אזוי האט אין פינינבערגס ליד די אידישע דיכטונג גענומען אפצושאפן איר „דוויר־דווירעשן איש" און איר „זיידנס מיטוואך"...

און אפצושאפן איז, דאכט זיך, די כטיכיע פון פינינבערגן, אזא שטארקער סארקאזם, בע־נויגייע צו די פארמייש. אזא „פעטער גאס" קאנצענטרירטער האס צו די „טאמע וואכן", אזא טיפע ליידגעשאפט, וואס פארשטייפט יעדער עפיגראמאטיש ווארט, יעדער אומראכמאנעסדיקע דעטאל...

און דאך איז עס ניט די איינציקע סטיכיע ביי ע. פינינבערגן. עפיס ציט זיך נאך א ליבטיקער פאדים אין זיינע לידער. און האבנדיק אזא שטארקן אפשאפנדיקן געפיל, פארמאגט נאך פינינבערג א פא־טאליסטישן גלויבן און א טיף אייגנארטיקע עמונע־שפראך, וואס פארבינט זיך בא אים אומיט־נאר מיט צייט־מאטיוון און צייט־געשעענישן.

דער רעצידיוו וואס ליגט אין דעם מאטיוו פון „געיארשענטער פענט" ווערט דערמאלט מיט א מאל פארשוואונדן, עס לויכט אויף א העל־באשטראלטע צוקונפט־פערספעקטיוו פון דעם זייבטערס „מורמל־חיים". און אפילע דער „פרילינגשער פאליש" אין וועלכן דער דיכטער געפינט זיך נאך דערוויילע, ווערט אויך מיט א באזונדער, האפערדיקער שיין באהעלט.

אבער עס איז א דיכטער—א גייער, און אפילע אין די רעגעס, ווען ער רייסט זיך שוין ארויס פון „זיידנס מיטוואך" איז דער וועג זיינער נאך וויט, גאר וויט,

ב'דארף האבן אף פריקינג, אף גרויסן, אף ערשטן
זויבערע קרעפטן. (21)

דער מאטיוו פון „זויבער" איז ביבלאך ניט צופעליק אין פינינבערגס דיכטונג.

די געוויס־פארב פון ריינס און אומריינס גילט מער ווי אלץ פאר פינינבערגן, און דערפאר איז „גינגאלד" קימאט דער איינציקער „מעטאל", וואס שוועבט פאר זיינע אויגן. מעטאל פאר־מאגט נאך ביבלאך זייער ווייניק פינינבערג, דאס דארף זיך שאפן ערשט דאן ווען ער וועט פון א גייער ווערן א שעפער. און יוען מיר הערן: אז „א וועלט מיר דערציילט וואוהין איר גליווער־ניש צי ט" (82) גלויבט זיך אז פארלאזנדיק די גליווערניש פון וועלט, וועט פינינבערג געפינען אויך די דינאמישע קוואלן פאר זיין נייעם שעפערישן דיכטונג־פעריאד.

ווי געזאגט, איז ע. פינינבערג אף א גאנצער העלפט א רעצידיוו. און דאס לאזט זיך אפט מאל שפירן אין דער אומגעקינסטלטקייט פון זיין טעכניק, אין דער איינפאכער ריטמיק און גייסט־ווירטואזן גראם, אבער ווי גערן פארגיט אים דעם כעט יעדער לעזער וואס דערשפירט די אופריכטיקייט, דעם באגלויבטן ווארט, דעם עכטן טאן.

ע. פינינבערג איז ניט קיין דילעטאנט אין דיכטערישן געפיל. אין קינסטלערישן גלויבן. דאס מאכט זיין ערשטן ביכל פאר א וויכטיקע דערשיינונג אין אונזער גאר לעצטער דיכטונג.

נ. אוסלענדער.

ליטעראטור־, קונסט־, און טעאטער־כראָניק.

נייע ביכער.

—ד. האפשטיין: „טרויער". (לידער) צייכנונגען פון מארק שאגאל. —ק. פארלאג קולטור־ליגע. קיעוו.

—ד. האפשטיין „וואלגער־שטיינער" (לידער) — פארלאג אידסעקציע, קיעוו.

—י. דאברושין „געדאנקענגאנג" (קריטישע ארטיקלען) —ק. פארלאג קולטור־ליגע. קיעוו

—ל. רעזניק „סאמעט" (לידער)—קליינע ביבליאטעק „ליריק". קיעוו.

—ש. ראסין „שיין" (פאעמע)—קליינע ביבליאטעק „ליריק. מאסקווע.

—ע. פינינבערג. אטעם. (לידער) —קליינע ביבליאטעק „ליריק" קיעוו.

—ל. קוויטקא: פארט מיין פעפער (פאעמע)—קליינע ביבליאטעק „ליריק" מאסקווע. (גרייט צום דרוק).

ידידיה מארגאלים— ווייטע שיין (פראגמענטן און פערזן). אויסגאבע פון אוטאר, מאסקווע.

ידידיה מארגאלים—„ניי טעהילים". אויסגאבע פון אוטאר, מאסקווע.

—אין לעטעראטור־פארלאג „ווידערוואוקס" —קיעוו זיינען דערשינען: 1. א. פעפער—שפענעו. 2. מ. כאשטשעוואצקי—דארשט, 3. א. שויכעט—אנגריף, 4. א. וועלערניצקי—לייטערניש, 5. ט. שאפירא—פארטאג, 6. ש. האלקין—לידער. (דערשיינט אין גיכן)

עס דערשיינט אין גיכן דער ערשטער נומער פונם קינדער־זשורנאל: „פרייד" און דער צווייטער נומער „פעדאגאגישער ביולעטין", אויסגאבע קולטור־ליגע. קיעוו.

אין מאסקווע הויבט אן דערשיינען א נייער זשורנאל „רויטע העפטן" אונטער דער גאענסטער מיטארבעט פון כאיעם גילדין, מוישע טייטש, פערסאוו און אנדערע.

— אין ווארשע איז דערשינען דער ערשטער נומער „אלבאטראס" „זשורנאל פאר דעם נייעם דיכטער־און קינסטלער־אויסדרוק" מיטן אנטייל פון גרינבערג. מארקיש, מיילעך ראוויטש, פערעץ הירשביין און אנדערע. —פארלאג „שול און לעבן", ווארשע.

—ב. רובשטיין: די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער אידישער שפראך(די סאציאלאגישע און געשיכטלעכע פאקטארן.—פארלאג „שול און לעבן", ווארשע.

— דניאל לייבל: אין גרינעם לאמפן־שיין. פארלאג „טורם" ווארשע·

— וועגן. ליטערארישע זאמלונג. לאדז. 1922

—דערשינען אין ניוארק ערשטער נאמער פון זשורנאל „דאס נייע לעבן", רעדאקטירט פון ב' וישיטלאווסקי און ש. ניגער.

—אין ווארשע, פארלאג קולטור־ליגע, איז דערשינען דער דריטער נומער פון דעם קריטישביבליאגראפישן זשורנאל „ביכער וועלט" מיט א גרויסער צאל ארטיקלען, רעצענזיעס און ביבליאגראפישע רעשימעס.

—פון מאנטרעאל איז אנגעקומען איין נומער פון דעם זשורנאל „רויערד" וואס דערשיינט אונטער דער רעדאקציע פון יונגן דיכטער ,. סיגאל. דער זשורנאל לאזט שפירן זיין גייסטיקע קרוויוועשאפט צו אונזער נייער דיכטונג אין ראטנרוסלאנד.

—אין בערלין דערשיינט א זאמלבוך „צום שטראם" מיטן אנטייל פון ניסטער, קוויטקא, ליפשיץ און אנדערע.

קונסט·

— בא דער „קולטור־ליגע" אין מאסקווע האט זיך געגרינדעט א קונסט־סעקציע, אין וועלכער ס'גייען אריין די קינסטלער פאלק, ראבינאוויטש, נעקריטין, טישלער, הײלפערן א. א. די סטודיע פלאנירט עפענען א קינסטלערישע פראדוקציאנס־סטודיע אין מאסקווע, צוגרייטן צום דרוק א מאנאגראפיע וועגן דער נייער אידישער קונסט, איינארדנען אוונטן וועגן דער נייסטער מאלעריי און סקולפטור און פארבינדן זיך מיט אידישע קינסטלער פון אויסלאנד.

— דער קינסטלער ראבינאוויטש גרייט אין מאסקווע א אויסשטעלונג פון זיינע מאלערישע און דעקאראטיווע ווערק.

—דער קינסטלער ריבאק ארדנט איין אין בערלין א אויסשטעלונג פון זיינע נייסטע בילדער. אף דער אויסשטעלונג וועלן זיך געפינען ריבאקס ארבעטן איבער פערעצעס „ביי נאכט אפן אלטן מארק" (עסקיזן פאר דעקאראציעס און קאסטיומען). די אויסשטעלונג ווערט איינגעארדנט מיט דער הילף פון אידגעזקאם.

— אין לאקשינס פארלאג אין מאסקווע גרייט זיך א פארטרעטן־אויסגאבע פון אנגעזעענסטע אידישע שרייבער, מאלער, מוזיקער און ארטיסטן, געצייכנט פון יונגן מאלער ד. שאפירא.

— אין בערלין האט זיך געעפנט די רוסלענדישע אויסשטעלונג ארגאניזירט פון רוסלענדישן פאלקאמבילד. פון אידישע קינסטלער נעמען אנטייל אין דער אויסשטעלונג: אלטמאן, שאגאל, ריבאק, שטערנבערג, טשייקאוו און ארנסאן·

טעאטר

— דער אידישער מעלוכעשער קאמער־טעאטר אין מאסקווע וועט זיך עפנען דעם 20־טן נאיאבר מיטן דער „קישעפמאכערן" — א אידישע שפיל נאך גאלדפאדן. געשטעלט פון א. גראנאווסקי. מוזיק ניי באארבעט פון י. אכראן, דעקאראציעס און קאסטיומען

פון קינסטלער ראבינאוויטש, טעקסטן באארבעט פון מ. ליטוואקאוו, לידער און פּיִעזן—פון י. דאברושין. די פיעסע גייט אין אכט בילדער מיט אכציק אנטיילנעמער.

דער א. מ. ק. ט. גרייט אויך פערעצעס „ביינאכט אפן אלטן מארק", געשטעלט פון אל. גראַנאווסקי, דעקאראציעס פון קינסטלער פאלק, מוזיק פון מ. מילנער. אין „דעם שאלעם־אליינעם" אוונט וועט היי יאר אויך אריין שאלעם־אליינעמס קאמעדיע דער „געט", געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. ענגעל.—דער אידישער מעלוכעשער טעאטר־ווארשטאט, אונטער דער אנפירונג פון אל. גראנאווסקי, גרייט איצט מעטערלינגס „די בלינדע", געשטעלט פון ש. וואפסי, מוזיק פון י. אכראן.

— די טעאטר־סטודיע, קולטור־ליגע אין מאסקווע האט אנגעהויבן איר צווייטן ארבעטס־יאר מיט א גרויסער פראגראם פון לימודים, צו וועלכע ס'זיינען צוגעצויגן די בעסטע טעאטראלע פאר־לייט פון מאסקווע. די פארוואלטונג פון סטודיע, וועלכע באשטייט פון די כ'כ.י. דאברושין, י. לויטער, מ. ליטוואקאוו, א. עפראס, ד. סערעברעאניק און י. רובינשטיין (צוויי סטודיאנטן) איז איינגעטראטן צו ארגאניזירן די טעאטראלע ארבעט פון סטודיע. ס'זיינען איינגעלאדן רעזשיסארן אף גרייטן פאלגנדע פיעסן: מענאכעם־מענדל פון שאלעם־אליינעם (אינסצענירט פון ע. לויטער) און „וואס אין פידל שטעקט" פון י. ל. פערעץ וועט שטעלן א. גראנאווסקי. „מאשיאך בען יאסעף" פון ב. שטיימאן, וועט שטעלן וו. מייערכאלד. „דער לעצטער מאָן־אַד" (קאמבינירטע פיעסע פון ש׳ אש און זשולאווסקי) וועט שטעלן וו. סמישליאייעוו. אוונט פון סטודיע ארבעטן (פערעץ און שאלעם־אש) וועט שטעלן ק. קאטלוביי און פערעצעס „בעלמער מעלאמעד" (א פרואוו פון א אידישער פאנטאמימע) וועט שטעלן ר. סימאנאוו. די פארוואלטונג פון סטודיע ק. ל. טרעט אויך צו, צוזאמען מיטן אידישן מעלוכעשן קאמער־טעאטער, צו ארגאניזירן דעם רעזשיסארן קלאס, וועלכער וועט זיך שטעלן א ציל גרייטן רעזשיסארן און לערער.

—די מינסקער אידישע טעאטר־סטודיע, א אפטייל פון דער וויים־רוסישער סטודיע ביי דעם ווייסרוסישן אקאדעמישן טעאטער, געפינט זיך איצט אין מאסקווע. היי יאר איז די צאל פון די טאלמידים פארגרעסערט געווארן און צווישן די לימודים פארנעמען א וויכטיקן ארט: ביאמעכאניק, אקראבאטיק, ריטמיק א. א. וו. די סטודיע גרייט אונטער דער אנפירונג פון ארטיסט מ. ראפאלסקי אינסצענירונגען פון פערעצעס „קליינע מאיסעלעך פאר גרויסע קינדער". ס'ווערט אויך געגרייט א קאמבינירטע אינסצענירונג פון דעם ניסטערס קינדער־מאיסעלעך, באארבעטונג פון נ. אויסלענדער.

— אין ניו־יארק האט זיך געגרינדעט א אידישע דראמאטישע סטודיע אונטער דער אנפירונג פון אסיף דימאוו. די סטודיע וועט אויספירן פיעסן פון יונגע שרייבער און דראמאטורגן.

— אין ווילנע האט זיך געגרינדעט א אידישע אפערע־געזעלשאפט, וואס שטעלט זיך דעם ציל צושאפן א אידישן אפערע־רעפערטואר פון אריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק.

פאר דעם דערשיינען פון דער העפט איז אנגעקומען אין רעדאקציע דער פאלגענדיקער בריף:

באשעווע רעדאקציע „שטראם"

מיר גיבן צו וויסן אונזערע קאלעגן, וועלכע מיר האבן מונדלעך אדער שריפטלעך איינגעלאדן מיטצוארבעטן אין „מילגרוים", אז צו דער רעדאקציע פון דערמאנטן זשורנאל האבן מיר מער קיין שייכעס ניט און געהערן ניט מער צו זיינע מיטארבעטער.

ד. בערגלסאן.

דער ניסטער.

אינהאלט פון 1-טער העפט:

ד. האפשטיין — שטאם. ביינish שטיימאן — דאס רויטע קינד. א. קושניראוו — אזקארע. דבורה קליאצקין — דער וועג. שמואל ראסין — אלעף מ. רעזניק — לידער. ע. פינינבערג — לידער מארק שאגאל — בלעטלאך. י. דאברושין — אונזער ליטעראטור. ש. גארדאן —ווארט און לעבנס-שטייגער. נ. אויסלענדער — דער ניסטער. א. וועוויארקע — אין פייער פון ערד.

אינהאלט פון 2-טער העפט

פערעץ מארקיש — הונגער (לידער). דער ניסטער — אין ווינ-קעלער. ד. האפשטיין — אוקראינע (לידער) א. קושנ ראוו — ראסייא (לידער) ד. וואלקנשטיין — ווינטן (זיטעלאך פראזע). ש. גאדינער — פיגורן (דערציילונג). י. דאברושין — שאלעם אליכעמס אליע. נ. אויסלענדער — שאלעם אש. ש. גארדאן — ליריק (ביבליאגראפיע) פון רעדאקציע

Главлит № 3089/3432 Москва Тираж 2000 экз.

Евполиграфшкола Мамоновский пер. 2.

שטראם

כוידעש העפטן

4

גאר אונטער פעלזן הער איך
רינט און ריזלט פריש א שטראם
א. שוואַרצמאַן.

מאסקווע — 1923

הילע — מארק שאגאל

אויסגאבע — פארלאג „שטראם"

אידישע פאליגראפישע שול, מאסקווע

*

עס שיילט זיך די וואונד פון מיין אומרו,
און ווערט שוין געהיילט,
מיט פינסטערע ווארימע שטומרייד
אליין זיך דערציילט:

איר זעט דארט, איר אלע, איר ווייבע, איר הארבע,
ווי ברייט דא מיין ברוסט איז צעפראלט,
אז טרערן, ווי ארבעס,
אין פינסטערניש פאלן, און פאלן...

אז יעדן פון מיינע באגלייטער
אף שווערן, אף ערדישן וועג
מיט נעצן פון ליבע און ברייטקייט
פארצי איך אף ווייטערע טעג.

*

ס'איז שווער ניט פארגעסן די שארפע אמאלן,
וואס האבן פארשניטן זיך טיף אין מיין לייב,
הערן דעם רוף פון די טיפן:
פארהיט זיך, פארבלייב!
און ניט קענען קיין ווענטלאך פון פרעמדקייט צעשטעלן
אין שטענדיק ווי שפירן פון פרעמדע ארומען
די שטומע באפעלן:
פארענדער זיך, ענדער!
און גרייט זיי,
פאר ליבע צו אלע
צו אפפערן דעמפן
דיין קינד
און דיין ווייב!

ניט גרינג איז פארגעסן די שארפע אמאלן,
ניט גרינג איז אף ליבע מיט ליבע ניט צאלן.

ד. האפשטיין.

א. קושניראוו.

*

וואס בלייבט דיר נאך פון פריינדשאפט אף דער ערד דא,
וואס בלייבט פון ליבע צארטלעכסטער און העלסטער,
ווען הארטער לויף פון גלייכגילטיקע רעדער
האט שוין אפגעקלונגען איבער שטאל פון רעלסן...

לעצטע בליקן ווי לאמטערנס רויטיקע
האבן אויסגעלאשן פינסטערע וואקזאלן
איידער נאכט האט נאך איר אטעם אויסגעהויכט
אונטער מעסערן פון שווינדלענדיקע מיילן.

ועט שוין טאג אף מיר מיט בייגקשאפט לויערן,
האט שוין בייגקשאפט מיך אין טאג פארשפינט,
עפעס פיל איך היינט אזוי, אז ערגעץ רוישט א ניו־יארק
און אז ערגעץ איז פאראן א ווירדישער בערלין.

זייגען מיר פארשאלטן אף צעזייטקייט,
נאר פאראן א בראכע אויך אין אונזערע פארלוסטן. —
ווער ווייסט די פרייד, ווען שורעלאך געריימטע
קלינגען פלוצלינג דורך ווי העלע גרוסן.

א וויפיל, וויפל וועלן מיר נאך זיין צעשיידט,
ווי לאנג איז נאך פאר אונז באגעגעניש פארשפראכן...
אייך האבן גרענעצן פארצוימט אזעלכע הארבע,
און איך האב ליב אזוי די שטאט, וואס האט געשוימט מיט פרייד
אין א טאג — פאר אייך דערווייל א וואכעדיקן, —
אין א מיטן פינפאונצוואנציקסטן אקטיאבער.

א. קושניראוו.

ש. ראסין

*

צו גרינעם שימל
פארצויגענעם
אף אויבערפלאך פון ברונים מיינעם
א ווערבע א געבויגענע —
איך אליין.
דו, וואס האסט געשעפּט פון ברונים מיינעם,
ווארף אין אים א שטיין! —
זאל ער צעלעכערן ביז גרונט
מיין טיף, פארצויגענע מיט גרינעם שימל...
זאל נאכאמאל אין טיף
אריינדרינגען די זון,
און איך, און דו, און הימל...

*

א. קושניראוון

איך ווייס ניט וואו שיף וועט מיך פירן
אף זעגלען געשטאפּטע מיט ווינט,
כ'האב מיין בווים מיט רו זיך באשירעמט
וועל איך שווימען — א דיינע וואוהין...

זאלן בייסן זיך אונטן די וועלן
און זיך רייסן, ווי פערד פונם שפאן,
און איך — וועל זיך טראגן אין עלנט,
ווי א רעגע אין ערגעץ ניט־לאנד.

זאל אף לייכט־טורעם ברענען דער אומזין
און אף מאסטבוים זאל קלעטערן שעד. —
אפן דעק ליגט מיין אומרו געבונדן,
און מיין גלייכגילט—אף אפגרונטן טרעט...

ש. ראסין

עסטער כאסיס,

*

סע מרוקעט אין מיר א בעהיימע,
מע ציט מיך צו שטרויענע דעכער,
מיר איז שוין נימעס באוויינען
די געדערים פין וועלטישן ברעכן.

א, נעמט מיך, נעמט פאר די לענדן
און טראגט מיך אפ אין מיין וואלד,
איך ווייס, איך וועל גאר דא ניט ענדערן,
ס'האט נעפלאצט בא דער זון שוין די גאל.

איך ווייס, איך ווייס עס וועט קומען,
דאס וועט מוזן זיין —
א גארגל — א שטיינערנער קוימען
שלינגט שטערן איין.

און מ'ווילט זיך ניט, ס'ווילט זיך ניט זאגן,
דאס וואס איינן זעען,
אז מיין אייגענעם מענטשישן מאגן
פארבייט א אייזן־מאשין,

און ניט איך, ניט מיין פרומע בעהיימע,
וואס דארט קייעט איר אייגענע צונג,
וועלן ניט אויסקייקלען אף אוראלטע בוידעמער
קיין צווייטע נייע זון.

א גרויסער, א מעכטיקער, אן אנדערער,
ס'וויסן קינדער שוין, ווי מע רופט אים,
און ווינטן אין פעלדער שוין וואָרגן זיך
מיט ביין פון זיינעם א אופט.

עסטער כאסים.

וואונדער־שטאט.

מיט רויט פון פלאמענדיקע דערפער
וועג צו וואונדער־שטאט באשיינט איז;
ווי דימענט קאנטיק־שארפער
שניידט ער זיך אין גלאז פון וויטן...

און טויזנטער ניסראפים שווארצע,
ווי ווילד־גראז אפן וועג דא וואקסן,
מיט קליינע קינדערלאך באם הארצן
און טארבע בלעגדעניש אף אקסלען...

פאר זיי וועט איסוועג זיך נישט מיען
און ווייסע טישטיכער נישט דעקן...
אזוי, מיט רעשטלאך רויך אף וויעס
וועט גראבן איינציקוויז זיי מעקן...

אף זיי וועט קוקן הויכער בארג־שפיץ,
וואו נייע זון זיך שטריקט אף שנייען
און, ווי אן אייגענער, א קארגער,
וועט ער אליין זיין פרייד זיך פרייען...

און איך וועל איסמיידן מיין טפילע
פאר די וואס שטארבן אזוי נישטיק... —
א, וועג, וואס שלייפט אין מיין ווילן
אן שארף פון פלאמענדיקן יישעוו...

מ. שאפירא

ביי־גייסט.

א.

...אין יאָר פינף טויזנט זעקס הונדערט אכציק פון דער וועלט־רעכענונג, וואָס מיר רעכענען, און אין יאָר טויזנט אכט הונדערט פופציק איינע נאָך אונזער פאַרטריבן־ווערן־ציילונג, וואָס מיר ציילן, און איינציקע יאָר נאָך אונזער ניי־נע־וואוע,— בין איך, פינכעס, דער זון פון מענאַכעם דעם קויהען, אין איינעם אַ באַנאַכט אמאָל אין הימל אופגעגאַנגען; אָנגעקומען און אין גאָט'ס אַ הויז, אין אַ אַלטן, און ווי אין אַ מישקן אַ אמאָליקן זיך געטראָפן; אריינגעגאַנגען, און פאַר אים, און פאַר וואָס ס'קומט פאָר אין אים, זיך פאָרגעשטעלט.

און דערזען האָב איך אין יענעם הויז פון גאָט און אַף זיין שוועל שטיל־שטייענדיק, ווי דרעמלענדיק און אַלטלעך האָט אַ וואָלקן די שטוב און דעם גאַנצן כאָלאָל דאָרטיקן אָנגעפילט. און אַלט איז דאָס הויז געווען, און אויך דער וואָלקן האָט ווי פאַרעלטערט אויסגעזען, און ווי פון לאַנג, אַז ער ליגט און שטענ־דיקט דאָרט, און ווי שוין אַ צייט, אַז ער איז נישט ארוים און זיך נישט אָפּ־געטאָן פון הויז. האָט ער דאָס גאַנצע געביי, זיין לייגג און זיין ברייט, פאַר־פילט. איז דאָרטן נאַכט און שלעפעריק געווען, און אין אַ זייט און אין אַ ווינקל איינעם איז אַ ברענענדיק לעמפעלע און וואָס באַשטענדיק ברענט, דאָרט געשטאַנען, און דאָס לעמפעלע האָט שוואַך דאָס ווינקל באַלויכטן, און די שיין פון דעם האָט נאָך שוואַכער אַפן גאַנצן געביי און אַף זיין שלעפערדיקייט גע־צאַנקען...

האָב איך דאָך דערזען פאַר דער שיין, ווי באַ אַ מיזבייאַך, וואָס איז באַ דער זייט געשטאַנען, באַ אַן אויסגעלאָשענעם און אָפּגעקילטן אין דער נאַכט, איז אַף אַ טרעפּ אַף איינער און באַם באָדן הינטן, אַ קויהען, אַ נאַכטישער און אַ דאָרט נעכטנדיקער, געזעסן. און געשלאָפן איז דער קויהען, און זיין קאָפּ איז אים געווען אַף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט, און אין שטיל־דרימל איז ער פאַרטאָן געווען און זיינע קליידער האָבן אים דעם קערפּער און זיינע פיס גע־דעקט. און נישט דערקענען האָט מען זיין אויסזען געקאָנט, און אויך זיין פּאָנים נישט צו זען, און ווי אַלט איז ער, און וויפיל איז אים — נישט צו וויסן. איז ער אַזוי שטיל געזעסן, און גאָטס הויז און גאָטס נאַכט מיט זיין קערפּער און מיט זיין שלאָף באַוואַכט. האָט זיך דאַן פון דער מיזראַך־זייט און פון אונטער דעם פאָרויכעס אַפיר אַ קאָל דערהערט, אַ שטילס און אַ וואַכנדיקס, און אַליין ווי נאָר־וואָס אופשטייענדיקס, און צום קויהען גערופן; האָט עס אויסגערופן און אַזוי געזאָגט:

—שטיי אוף, ישמאָעל קויהען גאָדל, האַלבע נאַכט איז שוין פאָריבער און די נאָך־האַלבע קומט אָן שוין, און דער מיזבייאַך, און דער אויסגעלאָשענער וואַרט אַף דיר, אַף דיר, און אַף דיין אוואוידע דער נאָך־האַלב־נאַכטיקער.

האָט דער קויהען דערהערט דאָס קאָל, האָט ער דעם קאָפּ פּאַמעלעך פון שלאָף אופגעהויבן און נאָך פּאַמעלעכער זיינע אויגן פון פאַרמאַכטקייט אופגעמאַכט. האָט ער זיך פון דער טרעפּ אופגעשטעלט, און זיין אויער צום אָרט, פון וואַנען דאָס קאָל איז געקומען, אָנגעשטעלט, און ווי אַפן ווייטערדיקן און ווי אַף אַ צווייט מאָל רופן געוואַרט. האָט זיך דאָס קאָל ניט וואַרטן געלאָזט. און ווידער איז דאָס פון אונטער דער פּאָרויכעס־זייט אַפּירגעקומען, און נאָך אַמאָל האָט זיך עס פון דער פאַרשטעלטקייט אַפן גאַנצן מישקן דערהערט; האָט עס גערופן און נאָך אַמאָל געזאָגט:

—ישמאָעל קויהען גאָדל, גיי צום מיזבייאַך צו, און צינד אַף אים פייער אָן, ווייל די צייט פון מיזבייאַך איז געקומען, און דער מיזבייאַך וואַרט שוין אַפן פייער.

האָט שוין נישט געוואַרט מער ישמאָעל קויהען גאָדל. האָט ער צום מיזבייאַך גענענט און אַף אים געטאָן, וואָס געטאָן: אַף אים פייער אָנגעצונדן, און אויסגעוואַרט ביז ס'האָט זיך צעברענט דאָס פייער, דערנאָך דערויף רויכערוואַרג געגעבן, און ער האָט געקוקט און אַכטונג געגעבן אַף דעם אופגעגעבענעם. האָט זיך צעברענט און גערויכערט אַפן מיזבייאַך, און ישמאָעל קויהען גאָדל האָט געזאַמט און די גאַנצע צייט געקוקט דערויף, דערנאָך פון דאָרט די אויגן צוגענומען און זיי אַף דער טיר אופגעהויבן, און מיך אַף דער שוועל שטייען דערזען. האָט ער מיך די ערשטע ווייל באַטראַכט פאַרוואונדערט, און נאָך דער ערשטער, ווי שוין היימישער, און נאָך דער צווייטער—האָט זיך שוין צו מיר און צו מיין פון־ווייטן־שטייענדיקייט געוועגט. האָט ער מיך צוגערופן און מיר אַזוי געזאָגט:

—קום אַהער און גיי פון דער שוועל אַראָפּ, קום אריין און טרעט דעם מישקן אַריבער.

האָב איך אים געפאָלגט: בין איך פון דער שוועל אַראָפּגעגיין און צום מיזבייאַך גענענט, און איך האָב זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט. און ער האָט זיך באַ מיר דערפרעגן גענומען: ...ווער בין איך, און וואָס דאַרף איך דאָ, און ווער האָט מיך געבראַכט אַהער?“

האָב איך אים געענטפערט: ”אַ יונגער און אַ קויהען, און פון די זין פון די־קויהאַנים בין איך און מיט דער הילף פון מיין צייט, און פון ניי־נעוואוע, בין איך אופגעבראַכט אַהער.“

האָט ער מיך אויסגעהערט, און דאַן אָפּגעגיין פון מיר. איז ער צום אָרן און צום פּאָרויכעס צוגעגיין און באַ איינעם אַ ווינקל זיך געשטעלט, זיך אוועקגעשטעלט און שטיל דאַן מיספּאַלעל זיין גענומען: לאַנג פאַר דער האַלבער נאַכט דער שוין אָויעקגעגאַנגענער, און נאָך לייענגער פאַר דער אַנדערער, דער ע ר ש ט אָנקומענדיקער, און שטיל און פאַרן פּאָרויכעס אַזוי שטייענדיק, און נאָך שטילער—און צו אַ ברעג פּאָרויכעס מיט זיין פּאָנים געוועגט. האָט ער אַזוי לאַנג פון דאָרט נישט צוגענומען דאָס פּאָנים, און זיך אַזוי לאַנג און געזאַמט אין טפילע. האָט זיך דאַן ווידער און פון אונטערן פּאָרויכעס אַפיר דאָס קאָל דערהערט, דערהערט און ווידער גערופן:—

—פאַרענדיק, ישמאָעל קויהען גאָדל. לאָז די טפילע איבער און קערעווע זיך צום מישקן אויס, קערעווע זיך אויס אַהין, און אין דעם קויהען, וואָס ער וואַרט אַף דיר. דערמאָן זיך.

האָט זיך ישמעאל קויהען גאָדל אויפגעכאַפּט פון לאַנגן אײַנטפּילע פאַרטיפט־זיין, האָט ער זיך אויסגעדרייט, און צו מיר, און צו מיין אַף־אים־וואַרטן צוגעגיין. און אַזוי געזאָגט:

—זיי מיר מוחל, קויהען, וואָס איך האָב אין דיר און אין דיין זיין־דאָ פאַרגעסן, דאָס האָב איך אַף דיר און אַף דיין מאָרגן מיספּאַלעל געווען. און איצט, און קום אַרויס מיט מיר, און איך וועל דיר דיין נאַכט, און ביז דיין מאָרגן ווייזן.

און דאָ האָט מיר ישמעאל קויהען גאָדל אַף אים נאָכגייען אַ וואונק געגעבן, און ער האָט זיך פון מישקן אַרויסגייען געלאָזט, און איך האָב זיך אים נאָכגעלאָזט און אים נאָכגעגיין פון הינטן. זיינען מיר ביידע אין דרויסן אַרויסגעקומען. האָט ער מיך פון מישקן און פון זיין נאָענטקייט אָפּגעפירט, און אַף אַ גרויסן פּלאַץ און פון אַ פאַרנעם אַ גוואַלדיקן מיך אַרויסגעבראַכט. זיינען מיר אַהין אָנגעקומען ביידע און מיר האָבן זיך אין זיין מיטן אוועקגעשטעלט. האָט זיך דאָן ישמעאל קויהען גאָדל געווענט צו מיר און דעם קאָפּ מיר אַרויף און די אויגן צום הימל אויפהויבן געהייסן. האָב איך אים געפאָלגט און געטאָן, וואָס ער האָט געהייסן. האָב איך דאָן באַמערקט אין הימל און דאָרט אַט־וואָס דערזען:—

האָט זיך אין הימל פּלוצים אַ לייכטער מיט אַ ליכט באַוויזן. און נישט פון קיין מענטשן געבראַכטע און נישט פון קיין האַנט געטראָגענע, נאָר אַליין אַ לייכטער מיט אַ ליכט אַ ברענענדיקער. און די ליכט, און איר שיין האָט ווי אין אַ שטוב ברענענדיק אויסגעזען: גאָלדיק און היימיש; הויך אין הימל אויבן, און דאָך צום האַרצן עפּעס נאָענט. האָט זיך דאָן אונטערן לייכטער אַ שטענדער—אַ הילצערנער און אַ געוויינלעכער—און וועדליק פאַר אַ מענטשן־וואוקס די הויך אַ שטעל געטאָן, און דער לייכטער איז אַף אים שטייען געבליבן. האָט זיך דעמאָלס אָפּן שטענדער אויך אַ סייפער באַוויזן. און אויפגעמישט האָט ער זיך פון זיך אַליין און אָן קיין האַנט האָט ער זיך געבלעטערט, און נאָך אייניקע מינוטן מישן און בלעטערן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן אַף אַ בלאַט, און באַרוט און אָפּן, גרייט און ווי אַף עמיצנס צו אים צוקומען און אין אים צו לייענען געבליבן. האָט ער אַזוי אויסגעוואַרט. האָט זיך דאָן אויך דער עמיצער באַוויזן:—אַ שטילער מאַן און פון הימל זיך־ווייזנדיקער. און פאַרן שטענדער און פאַרן ליגנדיקן סייפער זיך געטראָפן. האָט ער אין סייפער די אויגן אַריינגעטאָן און די גאַנצע צייט פון לייענען זיי נישט שוין אַרויסגענומען פון דאָרט. האָט ער אָנגעהויבן און אַזוי געלייענט:

—און אין יענע צייטן וועט זיך אַ קאָל צוטראָגן, אַז אין יאַם האָט זיך אַ אינזל אָפּגעריסן, און אַז דאָס אינזל שווימט אַרום אין יאַם. און יאַם־לייט האָבן דאָס באַגעגנט שוין נישט איינמאָל, מיט שטעט און מיט יישעוון, מיט דערפער און מיט פיל דער־שראָקענע און מיט מענטשן און מיט כאַיעס דאָרט אַרומלויפנדיקע. און שיפן האָבן עס געזען, און שיפן האָבן זיך ניט איינמאָל אָנגעשלאָגן אין דעם און יענע, וואָס האָבן זיך נישט געהיט און דאָס נישט באַמערקט פון וויטן, זיינען ניזעק געוואָרן און איבער דעם צו גרונט געגאַנגען. און די, וואָס האָבן עס באַמערקט פון וויטנס, האָבן פון אינזל עפּעס קוילעס און געשרייען געהערט, און מענטשן און כאַיעס האָבן זיך באַ די ברעגעס פאַרזאַמלט און אַלע האָבן צום יאַם, ווי נאָך הילף גערופן, און אַלע האָבן אַף הילף און ראַכמאָנעס צו די דורכפאָרנדיקע די הענט און די העלזער אויסגעשטרעקט... ווען דאָס די יאַם־לייט

באַם ערשטן ברעג דערצײלן, און דער ערשטער ברעג װעט דאָס אַ צװײטן איבער־געבן, און דער צװײטער — אַ דריטן, און אַזױ װעט זיך די יעדיע פֿון אָרט צו אָרט צעטראָגן.

און דערצײלן װעט מען װידער, אַז די פֿאַרבײפֿאָרנדיקע די לעצטע צײט האָבן אױפֿן אינזל אַ פֿײער־רעגן גיסן געזען... אױפֿן גאַנצן יאַם איז שטיל און רוהיק געװען. אױפֿן גאַנצן הימל אַרום איז קײן װאָלקנדל און קײן אומלױטערקײט נישט געװען צו באַמערקן, נאָר אין מיטן און אױפֿן קאָפּ פֿון אינזל האָט אַ אָנשיקעניש און אַ פֿינסטערניש געהערשט, און פֿון פֿינסטערניש און פֿון פֿאַרכמאַרעטקײט דעם גרױסן, האָט אַ רעגן און אַ פֿײערדיקער געשמיסן. און נישט צו זען איז שױן געװען אױפֿן אינזל קײנעם, און פּוסט און אָפּגעראַמט האָבן אַלע ברעגעס פֿון דעם אױסגעזען, און נאָר זעלטן, און נאָר װאו — ניט — װאו, האָט זיך אַ כּאַיע אַ עלנטע, אַ פֿאַרשטױסענע און װי אַ לעצט־פֿאַרבליבענע באַװיזן. און געװאָיעט האָט די כּאַיע און באַם ברעג פֿון אינזל איז זי געשטאַנען און דעם קאָפּ צום יאַם אױסגעשטרעקט און אױף כּורבן און אױף אינזל־װײ געװאָיעט...

און איבערגעבן װעט מען װידער, אַז דאָס אינזל פֿון מאָל צו מאָל אַלץ קלענער, און קלענער װערט, און ברעג און ברעגעס ברעכן זיך אָפּ פֿון דעם, און שטיקערװײז און טײלװײז שװימען אָפּ און פֿאַרלאָזן דאָס אינזל. און די לעצטע צײט איז דאָס שױן גאָר אַ קלײנס געבליבן, און פֿון צײט צו צײט דערױף אײנער אַ מענטש, אַ לעצטער און שפּור־פֿאַרבליבענער, פֿאַר די יאַם־לײט און פֿאַר די שיפֿן די פֿאַרבײפֿאָרנדיקע באַװײזט זיך; אַמאָל אױף אַ באַרג און אױף יאַם־װײט קוקנדיק, און אַמאָל באַם װאַסער הינטן און באַם ברעג אַ שטײענדיקער. און װײזן װײזט זיך אױס, װי דער מענטש אַן אָרט זיך אױסזוכט, אױף דער שאַ און אױף דער לעצטער, פֿאַרן פֿאַרגײן און פֿאַרן פֿאַרשװאונדן־װערן פֿון אינזל, און דערװײל נאָך רוהיק איז, און ביזן לעצט, און ביז װאַנען ס'איז מעגלעך נאָך, דאָרט צו בלײבן און דאָס נישט צו פֿאַרלאָזן רעכנט...

און צום לעצטן װעלן יאַם־לײט דערצײלן, אַז זײ האָבן דאָס אינזל אַ קלײנס און אַ נישטיקס שױן זיך טרינקען און אונטערגײען געזען... און איבערגעקערט האָט זיך עס אױפֿן רוקן האָט זיך עס געשטעלט, און אַ לאַנגע צײט האָט זיך עס מיטן יאַם געראַנגלט, און ביז קױכעס און ביז מעגלעכקײטן אױף ראַנגלען זיך, האָבן זיך באַ דעם אױסגעלאָזט. האָט זיך דאַן אױפֿן לעצטן יאַבאָשע־שטיקל דער מענטש, און דער לעצט־פֿאַרבליבענער באַװיזן. האָט ער זיך אױף אַ ברעט געהאַלטן, און מיט דער ברעט אין װאַסער זיך אַראָפּגעגליטשט און מיט איר אין יאַם אַרײַן אַװעק. און די כּװאַליעס האָבן אים אַ נעם געטאָן און אױף די רוקנס זײערע אַרױפֿגעכאַפּט, און טראָגן און אונטערטראָגן האָבן זײ אים גענומען, און אײן כּװאַליע האָט אים צו אַ צװײטער איבערגעגעבן. און ביז זײ האָבן אים װײט אױפֿן האָריזאָנט און פֿון אַלעמענס אױגן, און פֿון אַלע דאָס דאַן־צוזעענדיקע פֿאַרשװאונדן געמאַכט.

און איבערגעבן װעט מען װידער, און דערצײלן װעלן דאָס שױן ניט קײן יאַם־לײט, נאָר יאַבאָשע און ברעג־לײט פֿון יאַבאָשעס, אַז אײנמאָל נאָך אַ שטורעם אַ גרױסן, האָט דער יאַם צו אַ ברעג צו אײנעם עפּעס אײנעם אַ מענטשן אַ האַלב טױטן־שױן אַרױסגעװאָרפֿן. און אָפּגעטריקנט און אופֿגעמונטערט האָט מען אים, און באַ אים, „פֿון װאַנען ער איז", און „װאָס ער איז" זיך צו פֿרעגן גענומען.

און דער מענטש האָט ניט געענטפערט, און דער מענטש האָט קיין איבעריקס ניט געלאָזט זיך דערפרעגן. און ארויסגערוקט האָט ער זיך, און די אים־ארומ־רינגלענדיקע אין דער מיט געלאָזן, און זייערע שטיבער און זייערע הייזער האָט ער פארלאָזט, און אַף א בארג אַף א פעלזיקן האָט ער זיך אופגעהויבן, און דאָרט, און צווישן שטיינער צעוואָרפענע האָט זיך א שטיין־הייל אָפגעזוכט.

און געזען, און באמערקט האָבן די מענטשן, אז דער מענטש האָט פון יאָם אָנקומענדיק, עפּעס געבראכט און געראַטעוועט פון יאָם, אָבער וואָס אזוינס האָט מען אים נישט טראָגן געזען, און וואָס אזעלעכס האָט מען אים נישט באמערקט צו האָבן, נאָר דאָך, אַף זיין אָרט אָנקומענדיק, האָט עפּעס באגראָבן און נעבן זיין הייל באהאַלטן... און אַף יענעם אָרט האָט עפּעס א קייווער אָנגעשיט. און ארומ־געצאַמט און ארומגערייזעט האָט ער אים, און באוואָרנט און אָפּגעהיט אַף קייווערשאַפט, און אַלע באנאַכט באפוילט ער אים, און אַלע נאָך־האַלבע־נאַכט פון דאָרט אויך עפּעס א פייער באווייזט זיך...

און געזען האָט מען ווידער, אז נאָכן נאַכט־פייער יענעם, דער הימל איבער־קאָפּ פון בארג שפּאַלט זיך, און דורך א לייטער, דורך א פון־ליכט־געמאַכטן, עפּעס א מאַן א־ינער, פון דער הויך און פון הימל אראָפּ לאָזט זיך. און אויסגעלאָשן ווערט נאָכן אראָפּלאָזן זיך פון מאַן, דער לייטער, און נישט בלייבן בלייבט ער פון פאר די אויגן, נאָר אפן אָרט, וואו דער מענטש דעם קייווער באזוכט, שטעלט זיך צו אים צו דער איינער, און אַף לאַנג, און אַף נאַכט, און אַף שאָען גאַנצע, און ביזן טאָג פארבריינגט דאָרט...

און זאָגן וועט מען זאָגן, אז א מאַלאָך און א רעבי באפוילט דעם מענטשן, און איבערגעבן, און דערציילן וועט מען, אז דאָס לערנט ער אים, און דאָס גרייט ער אים צו צו עפּעס... און דער קלאַנג וועגן דעם מענטשן וועט זיך אין יענעם אָרט פארשפּרייטן, און דעם נאָמען זיינעם, וועט מען ווייט און ארום אויך אויסער יענעם אָרט דערהערן. און ציען וועט מען זיך אהין געמען, און אָנקומען, און אָנקומען פון אַלע זייטן, און אַן אײדע און א ווילד־נייע וועט זיך דאָרט בילדן, און אַלט־טאַלמידים און ניי־טאַלמידים וועלן אהין צוגענומען ווערן, אַף ארויס־גיין פון דאָרט און אַף אַלע יאַמען און יאַם־ברעגעס צו צעשיקט ווערן, אַף נישט געהערטס צו צוהערן מאַכן און אַף נישט געשעענס צו געשעען לאָזן...

און די צייט פון אָט דעם אַלעם וועט באַלד קומען, און די צייט פון אָט דעם פאראויסגעזאָגטן, וועט שוין נישט געדויערן לאַנג, ווייל אזוי זאָגט דער גייסט, און אזוי איז דאָס פאראויסגעזאָגט פון אים, און אזוי איז דאָס שוין פון לאַנג אַף אָט דעם סייפער אַף א זיקאָרן פארשריבן..."

און דאָ האָט דער מענטש זיך אָפּגעשטעלט פון לייענען, און פון סייפער און פון לאַנג אהין ארייננקוקן די אויגן צוגענומען. איז ער אזוי א ווייַלע פארן שטענדער מיטן ליכט געשטאַנען, און דאָס ליכט האָט געברענט. און דאָס פייער האָט אין איין מאָס אין דער שטילער און אין דער גאָלדענער זיך געהאַלטן. האָט אזוי ווי אויסגעוואַרט דער מענטש, און אויך איך און ישמאָעל קויהען גאָדל האָבן אַף אונזערע ערטער און אונטן שטייענדיק, ווי אַף נאָך עפּעס, און אַף נאָך און ווידער צו הערן, ארויסגעקוקט. האָט זיך דער מענטש דאַן שוין אזוי ווי אָפּגערוט פון וואַרטן, האָט ער זיך דאַן נאָך אמאָל צום סייפער געווענדעט, און אהין א צווייט מאָל ארייַנגעקוקט, ארייַנגעקוקט און אָט וואָס געלייענט:

און דאָס אַלץ, און דאָס ביז אַהער געזאָגטע, איז אַמאָשל נאָר געמאָשלט, און וואויל איז דעם, וואָס וועט הערן דעם מאָשל, און דעם איז וואויל וואָס איס אויסהערן וועט ראָע זיין, און ישמאָעל קויהען גאָדל, וואָס וועט אין יענער צייט קויהען גאָדל זיין, דאַרף אים צו פאַרשטיין געבן, און דעם קויהען, וואָס וועט פאַר אים געבראַכט ווערן, אים אופקלערן און קלאָר מאַכן דעמאָלט.

און דאָ האָט דער הימל־לייענער שוין זיין לייענען פאַרענדיקט. האָט ער דעם סייפער פאַרמאַכט און זיך צו אים אָנגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן, פאַרן פון אים אָפּגיין, איז ער אַוועק, און באַלד נישט געבליבן אַפ אַ נישט־בלייבן־אויפן. האָט זיך נאָך אים אויך זיין אָרט פאַרמאַכט. האָט זיך באַלד אויך דער שטענדער פון זיין אָרט אָפּגעטאָן, און נאָכן שטענדער האָט דאָס ליכט נאָך געברענט אַ ווײַלע, און באַלד דערנאָך איז אויך דאָס ליכט נישט געבליבן. זיינען מיר אַזוי, ישמאָעל קויהען גאָדל און איך, נאָך דעם אַלעם געזעענעם שטיין געבליבן, און ביידע זיינען מיר אין הימל און אין יענעם אָרט פון אויבן פאַרטאָן געווען. האָט זיך ישמאָעל קויהען גאָדל פּלוצים אופגעכאַפּט פון פאַרטיפט זיין, און די אויגן פון הימל צוגענומען און צו מיר, און צו מיין נעבן־אים שטיין זיך געווענדט, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

„און איצט, קויהען דער זון פון קויהען, שטעל זיך אַוועק און גרייט זיך צו, און איך וועל דיר דאָס נאָר וואָס געוויזענע, מיט אַ צווייטן און מיט אַן אַנדערן אופקלערן.“

און ישמאָעל קויהען גאָדל האָט מיך פון מיין אָרט, וואוהין איך בין ביז אַהער מיט מיין פּאָנים געווענט געווען, אויסגעדרייט און מיך צו מיזראַך־זייט אויסגעקערעוועט. האָט ער מיך אַהין אַזוי אַוועקגעשטעלט און מיר אַהין קוקן און לאַנג קוקן ועהייסן, און אַליין, און אויך ער נעבן מיר, און אויך ער האָט אַהין זיין פּאָנים געווענט, געווענט און מיר האָבן אָט־וואָס דערזען:

האָט זיך אָפּן הימל, וואָס אָפּן האָריזאָנט אַפ ווייטן פּלוצים, ווי אַ טייכל מיט אַ באַגרינטן ברעג באַוויזן. אַשטילס און מיט בוימער באַוואַקסנס, אַ זיך־דרייענדיקס אין קרום ערגעץ אונטער בוימעריקייט פאַרגייענדיק. האָט דערויף די ענדע נאַכט און אַן ערעוו־טאָג רוהיקייט גערוט. און די ברעגעס מיט בוימלאַך האָבן ארומגעשטעלט דאָס טייכל און נאָך אין נעבטיקייט און אין פאַרטאָגיקייט געדרעמלט; און דאָס וואַסער האָט געשטראָמט און געקילט קוועלנדיק, און דעם פאַף־נאַכט־הימל אָפּגעשפּיגלט און אָנגעזען אין קילן. איז דאָרט קיינער נישט געווען ביים טייכל און די ברעגעס זיינען פּוסט געשטאַנען, און קיין בריע און קיין לעבעדיקע האָט זיך נישט געוויזן אַפ קיין ברעג. נאָר אַפ אַן אָרט אַפ איינעם, באַ אַ צום־טייכל־אַראָפּלאָז, איז אַ זאַמד אַזא, אַ וויים־גלאַטע און אַ באַדרערדיקע געלעגן, אַן איינגעלעגערטע און גלייך אין וואַסער אַריינפירנדיקע, אַ וואַרטנדיקע און ווי עמיצער זאָל זיך באַלד דורך איר צום וואַסער אָנטרינקען קומען, געוואַרט.

האָט זיך טאַקע באַלד פון צווישן די בוימער און פאַרצווייגטקייט זייערן אַ בריע ארויס־קומען באַמערקט... אַ גרויסע און אַ שטילע דאָרט, אַ געהיטע און צום וואַסער גייענדיק. איז דאָס אַ הירש געווען. און די פּעל איז אים שטייף צו דער הויט צוגעשטאַנען און די הערנער זיינע האָבן זיך הויך און פאַרצווייגט ארויסגעזען, און יעדער האָרן האָט צו אייניקע צווייגן געהאַט, און יעדער צווייג

צו ביי־צוויי־גלאַך קלייניקע. איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט און מיט זייך
אָנקומען, ווי אַ גרוס פון אַ יענער־בוים־זייט, און ווי אַ יעדיע שוין פון ערגעץ
אַן אונטערוואַלדיקן־פאַרטאָג געבראַכט.

האָט מען טאַקע דערזען: אויף אַ האָרן זיינעם איינעם און אויף אַ שפּיץ אַ
דאָרטיקן, האָט ווי עפּעס אַ לעמפּעלע געשיינט. און געלויכטן האָט עס און מיט
מילדער ווייס־שיין געמילדעוועט, און מיט מאָרגנשטערנדיקייט און מיט טאָג־
בראַכע האָט געהעלט. האָט עס דער הירש אויפן האָרן געהאַט און מיט דעם זיך
צום וואַסער דערנענט, און אָנקומענדיק, זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן בײַם
וואַסער. האָט ער זיך דאַן אויף אַרום אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געשראָקן
און עפּעס מוירע געהאַט פאַרן אַרום. האָט ער זיך דערנאָכדעם און ווי באַרוהיקט
פאַר דער מוירע, און דעם קאָפּ צום טייכל האָט אָנגעבויגן, און פון דאָרטן טרינקען
גענומען. האָט זיך דאַן אינאיינעם מיטן קאָפּ זיינעם אויך דאָס לעמפּעלע אָנגע־
בויגן, און דאָס לעמפּעלע האָט אַ שפּיגל און אַ בענטש געטאָן, דאָס וואַסער.
האָט זיך טייקעף אַלץ געביטן:— און דער הירש איז נישט געבליבן, און דער
האָרן זיינער מיטן לעמפּעלע אויף דעם, האָבן זיך שטיל אין הימל אויבן און פונקט
אינערן טייכל אַראָפּשיינען באַוויזן, און אויפן אָרט פון הירש, אויפן אָרט פון
זיין שטייען פריערדיקן, האָבן זיך צוויי מענטשן, מיט אַמאָל ווי דאָרט אויס־
וואַקסנדיק און מיט אַמאָל זיך דאָרט באַווייזנדיק, געטראָפן...

איז דאַ־כּ איינער אויסגעטאָן געשטאַנען, און ווי שוין אין טייך אַרייַנגייענ־
דיק געגרייט זיך, און דער צווייטער־אָנגעטאָן, אויף צו שטיין און אויף צו בייזיין
בײַ זיין אַרייַנגיין.

האָט זיך דער ערשטער אייניקע ווײַלעס אופגעהאַלטן און יאָך געזאַמט,
איז ער אָבער לעסאָף אַריין. און אָנגעקומען איז ביז האַלבן קערפּער, און שטיין
געבליבן און פאַר אונטערטיקן נאָך אויסגעוואַרט. האָט ער זיך דאַן אונטער־
געטיקט, און איינמאָל, און צווייטמאָל, און דער צווייטער איז אויפן ברעג געשטאַנען,
און איבערן ערשטן און איבערן זיך טויוולענדיקן די הענט אויסגעשפּרייט. האָט
ער זיי אַזוי געהאַלטן און געבענטשט און געהייליקט זיין טווילע. און אויך דאָס
מאָרגן־לעמפּעלע, דאָס וואָס ס'האָט אין הימל אויבן און אויפן הירש־האָרן גע־
לויכטן, האָט צום טויוולענדיקן און צו זיין טוקן־זיך אַראָפּגעהעלט, און זיין לייב
מיט טאַרע, און דאָס וואַסער מיט פריי־שיין געהייליקט. האָט ער זיך אָפּגע־
טויוולט, דער ערשטער. איז ער פון וואַסער אַרויס און אויפן ברעג געקומען. און
דאַן, און פון צווייטן און אים־וואַרטנדיקן זיינע קליידער באַקומען. האָט ער
זיך אָנגעטאָן און צו עפּעס גרייט געוואָרן נאָכן אָנטון. האָט זיך דער הירש דאַן
ווידער בײַם ברעג באַוויזן, און נאָענט פאַר די־אויפן־ברעג־שטייענדיקע זיך צו־
געשטעלט. האָט ער געקניט פאַר זיי, און פריער דעם ערשטן און דערנאָך דעם
צווייטן אויף זיך גענומען, און פלוצים... ווי יענע האָבן זיך נאָר דאָרט אַרופגע־
זעצט אויפן הירש, אַזוי האָבן מיר, ישמעאל קויהען גאָדל און איך, א ו נ ז אַ ל י י ן,
און אויפן הירש דאָרט רייטנדיק דערזען... און דער הירש איז אין די בוימער אַוועק,
דאָס לעמפּעלע אויף זיין האָרן האָט זיך אויסגעלאָשן מיט זיין נישט־בלייבן, און
דאָס טייכל איז פאַרהוילן געוואָרן, און דאָס וואַסער מיט די ברעגעס, און אויך
די בוימער דאָרט, זיינען אונז פון די אויגן פאַרשוואונדן געוואָרן...פאַרשוואונדן—
האָב איך זיך צו ישמעאל קויהען גאָדל דאַן אויסגעקערעוועט, און מיט מיין קוק,

און מיט מיין פֿאַרוואונדערטן אַן ענטפֿער און באַשיידונג באַ אים געמאָנט:—

„וואָס הייסט עס?“

„דאָס האָסט דו זיך צו דיין טאָג און צו דיין מאָרגן געטווועלט, און איך בין באַ דיין טווילע געוועז, און איך בין דיר אַן איידעס אַף דיין טווילע“.

„און ווייטער?“

„און איך וועל דיר אופֿקלערן.“

און דאָ האָט זיך פּלוצים אַפֿן אָרט, וואו מיר זיינען געשטאַנען ביידע, עפּעס אַ שטיין, אַן אַלטער און אַ מאָביגער, אַ פֿאַרוואָגלטער און ווי פֿון קאַדמוינים, זיך באַוויזן. האָט ער זיך נעבן ישמאָעל קויהען גאָדל געטראָפֿן, און פּונקט נעבן די פּיס זיינע, און דאָרט, וואו ער האָט זיך אראָפּזעצן באַדאַרפֿט. האָט ער זיך צו אים אויסגעדרייט און אַף אים אַ קוק געטאָן, דערנאָך זיך אַף אים אַראָפּגעלאָזט און אַף אים זיצן געבליבן. און דאַן, און ער האָט זיך געווענט צו מיר געווענט און אַזוי געזאָגט:—

„און היינט, אין סאָף נאַכט נאָך, וועסט דו צוריק אַף הינטן, און פֿון וואַנען דו ביזט אַהער אופֿגעגיין, אַראָפּגעלאָזט ווערן. און וויסן זאָלסט דו זיין, אַז דיין אָרט איז נישט פֿון אויבן דאָ, און דיין זאַך איז נישט דעם מישקן דאָ צו באַדינען, נאָר דיין באַרוף איז אונטן זיין, און מיט אַנדערע און מיט דיין־גלייכן דאָרט אַ נייעם מישקן בויען. און וויס: און לערנען, און אופֿקלערן וועסט דו זיי דאַרפֿן, ווי מיט זאַכן, און ווי מיט קיילים הייליקע זיך באַגיין, און דערציילן און פֿאַרשטיין געבן, ווי מיט מישקן און ביכלאַל זיך פּירן, ווייל שוין לאַנג, אַז מען איז דאָרט אָפּגעוואוינט פֿון מישקן, און ווייל לאַנג און פֿון אַ צייט שוין, אַז גאָטס וואָרט און גאָטס־קאָל האָט זיך נישט געהערט צווישן קויהאַנים... און—ווי דו זעסט דעם שטיין.. און אַזוי ווי איך לערן דיך דאָ, אַזוי וועסט דו אויך דאָרטן אַף דיין שטיין לערנען, און אַ שטיין איז שוין אָנגעגרייט פֿאַר דיר, און אַ שטיין וואַרט שוין דאָרט דיין קומען... און איך זאָג דיר צו: יעדעס מאָל, ווען פֿאַר דיר וועט אַ שוועריקייט קומען, און יעדעס מאָל, ווען פֿאַר דיר וועט אַ שווערע זאַך געבראַכט ווערן, אַראָפּקומען און ווייזן וועל איך זיך צו דיר, און דאָס שווערע דיר אופֿקלערן, און דאָס אומפֿאַרשטענדליכע אַף קלאָר ארויספֿירן. און הער: און דיין האַלבע נאַכט איז שוין פֿאַריבערגעגיין, און צו דיין אָנהויב טאָג זיינען נאָך אייניקע שאָען פֿאַרבליבן, שטעל־זשע זיך אַוועק פֿאַר אָנהויב־טאָג, און פֿאַרן פֿאַרלאָזן דיך, וועל דיר נאָך עפּעס און אַ דריטס באַווייזן:“

און דאָ האָט זיך ישמאָעל קויהען גאָדל פֿון זיין אַפֿן שטיין־זיצן אופֿגעהויבן, פֿון אים אָפּגעגיין און אויך מיך מיט זיך פֿון אים אָפּגערופֿן. האָט ער מיר דאַן ווידער די אויגן צום הימל אופֿהויבן געהייסן, און איך האָב אים געהערט און ווידער אופֿגעהויבן די אויגן. האָב איך אַהין געקוקט, און וואוהין ער האָט מיר אָנגעוויזן, לאַנג. האָב איך זיך געזאַמט אין קוקן, און דאַן און נאָכן זאַמען שטילן האָב אָט־וואָס דערזען:—

האָט זיך אין הימל אַן אָרט, אַ קיילעכיקס און אַ פֿאַרטיפֿטס, אַן אָפּנס און וואָס פֿון אונטן ברייט און ארויף־צו שמאָל, זיך באַוויזן. האָט עס אַ פֿאָרם פֿון אַ גלאָק געהאַט, און פּוסט איז דאָס אָרט געוועזן, און דערווייל נאָך הויל דערמאָלט, האָט זיך טאַקע דאַן אַ גלאָק דאָרט באַוויזן, און אינם גלאָק, און אין זיין אינוויינינקסט, האָט מען אויך אַ קלינגער דערזען: אַ גרויסן אין דער־מיט אַראָפּ־

הייגנדיקן, מיט אַ גראָבֿ פֿאַרבערגנטקייט פֿון אונטן, און העכער, אַרויף־צו, איז פֿון גלאָקס־וואַנט פֿאַרשטעלט געווען. האָט זיך דאַן פֿון אונטער־גלאָק, און פֿון אונטער זיין אינווייניקסט אַרויס, אַ קראָ איינע באַוויזן: אַ שוואַרצע און אַן אַרומפֿליענדיקע, און אויפֿן גלאָק און אויף זיין גלאַט־ראַנד איז אַרויס און אויף איין אָרט דאָרט זיך פֿאַרהאַלטן. און געגלימשט זיך דאָרט, און געדראַפּעט פֿאַרפֿלעג־דיק, און מיט די פֿיסלאַך און מיט די דאַר־פֿויגלדיקע זיך נעגלדיק געטשעפּעט באַר יענעם אָרט. איז זי לעסאָף שטייען געבליבן.

האָט מען דערזען: ווי באַלד נאָך דעם האָט זיך אונטערן גלאָק אַ ליטערל באַוויזן, מיט שטאַפּלאַך און מיט טרעפּלאַך, און עטוואָס אָנגעבויגן, און ווי אַ ליטערל שטייט איז געשטאַנען. און נישט צו זען איז געווען, אויף וואָס עס האַלט זיך דאָס ליטערל, און נישט צו באַמערקן איז אויך געווען, אין וואָס ס׳שפּאַרט זיך אָן מיט שפּיץ.

האָט מען באַלד צו דעם די קראָ אַראָפּפֿליען באַמערקט און זי האָט זיך אויפֿן אויבערשטן און העכסטן שטאַפּעלע געשטעלט. איז זי שוין דאַן נאָענט און נעבן קלינגער געשטאַנען, און אין מויל באַ איר האָט זיך אַ שטריקל, וואָס איז צום קלינגער צוגעביגדן געווען, געטראָפֿן. האָט זי אַזוי אַ ווײלע און צוויי אויפֿן שטאַפּעלע אָפּגערוט: פֿון אַרומפֿליען און שלעכט־איינשטיין פֿריערדיקן, פֿון זיך־דראַפּן און פֿון שוואַך זיך האַלטן אויפֿן גלאָק. האָט זי דערנאָך דאָס שטריקל אַ צי געטאָן, און מיט גאַנצן קויאַך, ווי אין דער זייט זיך אַ נעם געטאָן. האָט זיך דער קלינגער נישט גערירט פֿון אָרט. האָט זי נאָך אַמאָל געצויגן—און ווידער האָט ער זיך נישט גערירט. האָט די קראָ דאַן צום דריטן מאָל און מיטן לעצטן קויאַך אַ שלעפּ געטאָן, און דער קלינגער האָט אַ גיי געטאָן און אין דער גלאָק־וואַנט זיך אָנגערירט, און שוין אַ קלאַנג און אַ קופּער־גלאָקישן באַם גלאָק אַרויסגערופֿן. און די קראָ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿון ציען, און דער קלינגער איז זיך שוין רירעוודיק צעגאַנגען. און די קראָ האָט ווידער געשלעפּט, און דער גלאָק האָט קוילעס און ווידער־קוילעס שוין אַרויסגעלאָזט.

האָט זיך עס אין הימל דערהערט, און דער געקלאַנג איז זיך אין ליפֿט צעש־ויאומען, און די קלאַנגען האָבן דעם גאַנצן אַרום אָנגעפֿילט, און די קראָ האָט זיך אויך איצט נישט אָפּגעשטעלט, און ווי עמיצן רופֿן, און ווי עמיצן אַרויסרופֿן געוואָלט. האָט אָבער דער עמיצער נישט געהערט און קיינער איז נישט אַרויס־געקומען אויפֿן רוף. איז אָבער אויך די קראָ באַטואַך געווען: און אַלץ איר זאַך געטאָן: און זאָל נישט וועלן קיינער, און זאָל קיין אויער נישט הערן, אָבער זי וועט צו קלינגען נישט אויפֿהערן, און סאָף קאָל סאָף וועט מען מוזן דערהערן...

איז טאַקע אַזוי געווען: האָט זיך לעסאָף און נעבן גלאָק דאָרט אין הימל, נאָך אַן אָרט און עפּעס אַ נײַעם אויפֿגעעפֿנט, און ווי אַ הייל אין אַ ערד־באָדן, האָט זיך באַוויזן. און וואָלקנס האָבן זיך דאָרט עפּעס אַ זאַמלען אַ ווי צע־גייען זיך געגנומען, און מיט אַ צענעמעניש און. מיט אַ וואָלקן־צעגייען־זיך, ווי אונטער אַ זון אַמאָל, ווען וואָלקנס דאַרפֿן דער זון׳ס שיין און איר ליכטיקייט דורכלאָזן.

האָט די הייל דאַן געוואַרט און צום אָנהויב נישט אַרויסבאַוויזן פֿון זיך קיינעם, און אייניקע מינוטן, און גאָרנישט נישט אַרויסגעשטעלט פֿון איר פֿאַר־באָרגנקייט. האָט זיך דערנאָכדעם פֿון הייל־אַרויס אַ קאָפּ באַוויזן, דערנאָך אַ

האַלז און דערנאָך אַ האַלבער קערפּער, און דערנאָך אַ גאַנצער, און דאַן און אויך מיט פיס אַרויס. און גרויס איז געוועזן דער אַרויסגייער, און ריזיק־געוואַקסן איז ער בעשאַס זיין אַרויסשטעלן־זיך פון הייל, און אַז ער האָט זיינע פיס אַף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיי לאַנג און ביז דער ערד אַראָפּדערגרייכט, און באַלד און ווי ער האָט זיך נאָר אַנידערגעשטעלט אַף דער ערד, אַזוי האָט שוין זיין קאָפּ ביזן הימל אַהין, און ביזקל אין העכסטן אָרט דאָרט דערלאַנגט. איז ער אַזוי שטייען געבליבן.

האָט זיך דאַן—און ווידער פון דער הייל,—אַ מענטשעלע און אַ קליינס, אַ נידעריקס און אַ נישטיקס זיך באַוויזן. און אַז דאָס מענטשעלע איז פון הייל אַרויסגעקומען, איז דאָס קינדערש און אומבאַהאָלפן שטיין געבליבן, און פון אַף־דער־ערד אַראָפּגייען, האָט צו טראַכטן נישט געקאָנט, און פון אַראָפּצוקוקן אפילע, האָט מוירע און פּאַכער געהאַט. האָט עס אָפּן ריז מיט אָפּשיי און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט, און צוריק—דער ריז דאָס מענטשעלע—האָט מיט שפּאָט ־ווערדיקייט און מיט גרינג־שעצונג באַטראַכט. זיינען זיי אַזוי אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט געשטאַנען, און ווי פּאַרפּרעמדעטע ביידע, און אַ ווײַלע אַזוי געזאַמט אין אָפּגעזונדערטקייט.

האָט זיך דאַמאָלס אין הימל און איבערן קאָפּ פון ריז אַ שטערן באַוויזן און אָנעווו־שטערן, אָבער אַ גאָלדן־לייכטנדיקער, אַ ציכטיקער און אַ כעסעדיקער, און מיט איניקייט און מיט שיין־בראָכע אַרום זיך פאַרשפּרייטער. האָט אים דער ריז דערזען און צו אים די אויגן אַרופגעריסן און אים נעגלוסט מיט די אויגן. האָט ער צו אים אַרופגעקוקט און פון אים נישט צונעמען געקאָנט זיין בליק און אים געגאַרט און באַגערט און ווי פאַרשטוינט און פאַרקישעפט געוואָרן פון זיין איבער־קאָפּ־לייכטן. האָט ער צו אים זיינע הענט אויסגעשטרעקט און מיט גע־היטקייט און מיט גיריקייט גרויסער אים אָננעמען און אַראָפּנעמען גערעכנט. האָט ער אָבער נישט דערלאַנגט צו אים, ווייל דער שטערן איז עטוואָס העכער און עטוואָס ווייטער פון זיין דערלאַנגען געווען. האָט זיך דער ריז דאַן אַף די שפּיץ־פינגער געשטעלט, און אויסגעצויגן האָט ער זיך, און וויפל ער האָט נאָר בעקויאַך געהאַט זיך אויסציען, און די הענט האָט ער אויסגעשטרעקט, און אָט באַלד, און אָט־אָט... און אָט וועט ער אים דערלאַנגען... האָט ער אָבער אויך דאַן נישט דערלאַנגט. און אַ קלייניקייט האָט אים געפעלט, און אַ גאָר נ י ש ט שוין צום שטערן, און דאָך, און געפעלט האָט אים דאָס קלייניקייט, און אָן דעם האָט ער זיך נייט באַגייען געקאָנט. האָט ער זיך דאַן אַף אַלע זייטן געדרייט, און ווי אַן אייצע פון אַל־אַרומיקן געזוכט. האָט ער אָבער נישט געזען און נישט געפונען קיין אייצע. האָט ער זיך אין קליין־מענטשעלע, וואָס איז באַ דער הייל—און די גאַנצע צייט, ווי אַף עפּעס וואַרטנדיק—געשטאַנען, דערמאָנט. האָט ער זיך צו דעם געקערעוועט, און דאָס אַף זיינע הענט אַ נעם געטאָן, און אופגעהויבן און א י ב ע ר זיין קאָפּ דאָרט העכער. האָט ער עס אַזוי באַ די פיסלאַך געהאַלטן און דאָס קערפּערל און די הענטלאַך פון דעם, צום שטערן און אַרויף אופגעשטעלט. האָט דאָס מענטשעלע דעם ריז'ס מיין געוואוסט: האָט עס די הענטלאַך אויס־געשטרעקט און פון הימל דעם שטערן דאַן באַקומען און פון דער הויך אים אַראָפּ־גענומען. איז ער אין די הענט פון מענטשעלע צו אַ קרוינדל געוואָרן, צו אַ זעל־כּנס און צו אַ טורעם־פּאַרמיקס, און אָפּן שפּיץ פון אויבן

האָט דער שטערן און דער מיט־בראָכע־שיין געבענטשטער געשיינט. האָט דאָס מענטשעלע דאָס קרוינדל איבער אייגן קעפּעלע און העכער ריז׳ס קאָפּ געהאַלטן, און אַזוי און דאָס האַלטנדיק, און אַזוי און מיט דעם זאָמענדיק, האָט עס נישט אַף זיך און נישט אַפּן ריז אַראָפּגעלאָזט.

—לייג עס אַף מיין קאָפּ אַוועק, און זאָל עס מיין קאָפּ באַקרוינען—האָט דער ריז דעם מענטשעלע באַפוילן.

—ס׳איז נישט פאַר דיר און נישט פאַרדינט פון דיר.

—פאַר וועמען דען?

פאַר דעם, וואָס האָט עס אַראָפּדערלאַנגט, פאַר קאָפּ פון דעם, וואָס האָט עס דערגרייכט פון אויבן.

—פאַר דיר?

—יאָ, פאַר דעם, וואָס שטייט אַף די אַקסל פון ריז...

האָט זיך דאַן דער ריז פאַר׳ן מענטשעלעס רייד דערשראָקן. האָט ער זיך אויך פאַרוואונדערט—פאַרבידעשט אַף די רייד, און וואָס צו טון, און ווי אַזוי די קרוין צו באַקומען נישט געוואוסט. האָט ער זיך דאַן צום אָרט, וואו איך מיט ישמאָעל קויהען גאָדל זיינען געשטאַנען, געווענדט, האָט ער אַ קוק געטאָן און ווי אַ פרעג געטאָן באַ ישמאָעל קויהען גאָדל, און אַזוי און אַף אים קוקנדיק, ווי אַף אים און אַף זיין ענטפער, אַף זיין זאָג און אַף זיין לעצט וואָרט געוואַרט...

האָט זיך דאַן אופגעהאַלטן ישמאָעל קויהען גאָדל און גאָרנישט נישט געזאָגט און קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. האָט ער נאָר מיט זיין האַנט צו דער הייל, פון וואַנעט דער ריז מיטן מענטשעלע זיינען אַרויסגעגאַנגען, אַ מאַך געטאָן, און שמייכל, ווי אַ וואונק געטאָן אַהין. האָבן זיך דאַן וואָלקנס זילבער־ליכטיקע, פוכיק־רירעוודיקע און אומגייענדיקע, אַרום דער הייל און אַרום איר מויל זיך קלייבן גענומען, און זי אַרומגערינגלט און קיילעכיק אַרום איר אַרויסגאַנג־טיר, ווי זיך אויסגעשטעלט. האָט זיך דאַן אויסגעטיילט איר טיר. האָט זיך פון דאָרט באַלד אַ כאַיע באַוויזן, אַ בעריש־ווייסע און אַ פעלציקע, מיט אַ קאָפּ אַ ווייס־באַהאָרטן און אויך מיטן קערפּער און פיס האָריקע. האָט זיך נאָך דער כאַיע אַ שעפּעלע באַוויזן, אַ שוואַרצ׳ס און געגרייזלט׳ס, און מיט קעפּעלע צום באָדן אַראָפּ, און מיט פּעניםל, ווי שמעקנדיק דעם באָדן, און פון אונטן און הינטער כאַיע זיך געהאַלטן. זיינען זיי אַרויס איינס נאָכן אַנדערן. און ביידע זיינען זיי שאָלעם געווען, און ביידע באַפריינדעט פון הייל, און כאַיע ווי כאַיע, און שעפּעלע הינטער כאַיע, און מיט קיין מוירע, און נאָר מיט אַניוועס און מיט אונטערשטעליקייט שעפּעלדיקער האָבן זיי זיך אַזוי געהאַלטן גלייך, און ביידע האָבן זיך פאַר ישמאָעל קויהען גאָדל פאַרגעשטעלט. און כאַיע האָט צו אים גלייך געקוקט, און כאַיע האָט אים „וואָס ער האָט באַדאַרפט" געפרעגט, און שעפּעלע באַ זייט פון כאַיע, און—אויך שעפּעלע דאָס זעלבע. האָט ישמאָעל קויהען גאָדל פריער ווי באַקוקט און באַטראַכט זיי ביידע און אייניקע מינוט אַף זיי זיין קוק געהאַלטן, האָט ער זיך דערנאָך געווענדעט צו זיי, און אַזוי, און זיך ווענדענדיק, אַפּן ריז און אַפּן מענטשעלע, אַף ביידע און אַף דער קרוין זיי אָנגעוויזן:—

—וועמען קער זי און וועמען קומט די קרוין?

—ביידע!.. האָבן ביידע מיט אַמאָל, די כאַיע מיטן שעפּעלע געענטפערט.

—און ווי געשיקט זיך עס? אַף צוויי קעפּ איין קרוין, ווי איז מעגלעך?

—זאָל זשע זי אין הימל בלייבן, און זאָל זי אַף בײדנס דערגרייכונג פֿאַר איין לוין־קרוין דינען...

און דאָ האָט זיך די כאַיע מיטן שעפּעלע פֿון פֿאַר ישמאָעל קויהען גאָדל אָפּגעקערעוועט, און אויסגעדרייט זיך און אָפּגעגיין, און צוריק אין הייל זיך אומגעקערט, און דאָרט זיך געזאַמט אַ צייט. האָבן זיי זיך אָפּגעזאַמט. און די כאַיע האָט זיך מיט אַ שטענדער אומגעקערט, און דאָס שעפּעלע נאָך דער כאַיע, מיט אַ לייכטער און מיט אַ ליכט אַן אָנגעצונדענער, האָבן זיי זיך אַזוי אַרויס געוויזן מיט דעם געטראָגענעם, און די כאַיע האָט דעם שטענדער פֿאַר דער הייל אוועקגעשטעלט, און דאָס שעפּעלע—דאָס ליכט מיטן לייכטער פֿון אויבן. האָבן זיי ווי אָפּגעטאָן; זייערס און אין די זייטן זיך אָפּגערוקט. זיינען זיי אַזוי שטיין געבליבן, און ווי אַף עפּעס, און וואָס נאָכדעם וועט קומען, געוואַרט. האָבן זיי זיך אויסגעוואַרט: און אַפֿן שטענדער האָט זיך ווידער אַ סייפֿער באַוויזן, און דער סייפֿער איז אויך איצט אָפֿן און גרייט אַף צו לייענען אין אים געלעגן. האָט ער נאָר ווי אַף עמיצן, וואָס זאָל צו אים צוקומען, געוואַרט. האָט זיך דעמאָלט ווידער דער הימל־לייענער באַוויזן, און ווידער אַ שטילער און ווידער אַ הימלש־קומענדיקער, און ווידער איז ער גלייך צום סייפֿער צוגעקומען, און ווייטער האָט ער זיך פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט שטיל. און דאַן, און נאָכן אָנקומען, און אַזוי אין נאָכן אַוועקשטעלן זיך פֿאַרן שטענדער, האָט באַלד אין סייפֿער לייענען גענומען, לייענען און אַזוי צו זאָגן:—

—און דער גלאָק און די קראָ אין גלאָק—זיינען אַ מאָשל, און ריז מיט מענטשעלע, און כאַיע מיט שעפּעלע—זיינען אַ מאָשל אין אַ מאָשל. און קראָען וועלן אין גלאָקן וואָרנען, און קראָען וועלן ריזן פֿון די היילן אַרויסרופֿן, און ריזן וועלן געקרוינט ווערן וועלן, און ריזן וועלן ניט דערלאַנגן די קרוינען. און צו קליינע מענטשעלאַך און צו קליינע העלפֿערלאַך וועלן אָנקומען, און קליינע מענטשעלאַך וועלן יאָ דערלאַנגען, און קליינע העלפֿערלאַך וועלן אַליין געקרוינט ווערן וועלן... און ריזן מיט מענטשעלאַך וועלן פֿאַר כאַיע און שעפּעלע זיך מישפּעטן קומען, און כאַיע מיט שעפּעלע וועלן זיי מישפּעטן, און שעפּעלע מיט כאַיע וועלן דאָס לעצטע וואָרט דאַן זאָגן...

אַזוי האָט דער הימל־לייענער אין סייפֿער אויסגעלייענט, אויסגעלייענט און אים פֿאַרמאַכט, דערנאָך זיך צו אים צוגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן פֿאַרן אָפּגיין. האָט ער זיך אופֿגעהויבן פֿון אים צו קושן, און זיך דאַן צו ישמאָעל קויהען גאָדל מיט די אויגן געווענט און ווי אַ וואונק געטאָן צו אים, און אים אַפֿן הימל אין אַפֿן מיזראָך־זייט אָנגעוויזן, און ישמאָעל קויהען גאָדל האָט אַ בליק געטאָן צו מיזראָך. האָט שוין דאַן די נאַכט באַ זיך־ענדיקן געהאַלטן, און אין מיזראָך האָבן אַף שאָריען, אַף טאָג און אַף אָנהויבן סימאָנים ווייזן זיך גענומען. האָט ישמאָעל קויהען גאָדל זיך דאַן אַ קער געטאָן צום הימל־לייענער, און הימל־לייענער איז נישט געבליבן. און כאַיע און שעפּעלע האָבן דעם שטענדער און דאָס ליכט אין הייל אַוועקגעטראָגן—און כאַיע מיט שעפּעלע זיינען שוין מער נישט אַרויס פֿון הייל... האָט דער ריז דאַן אויך דאָס מענטשעלע פֿון אין־דער־הויך־דאָס־האַלטן אַראָפּגעלאָזט און מענטשעלע איז, פֿון וואַנען ס'איז אַרויס, אַריין. האָט זיך דאַן אויך דער ריז צו דער הייל געקערעוועט, און פֿריער מיט קאָפּ און דערנאָך מיט קערפּער, און דאַן מיט צווייטער האַלב, און לעסאָף

אויך מיט פיס אהין פארשוואונדן. זיינען זיי ניט געבליבן קיינער, און אויך גלאק און קרא פון גלאק האבן זיך פון זייערע ערטער אפגעטאן און איך, און ישמאעל קויהען גאדל, זיינען פאר אל דעם נישט־בלייבנדיקן און פאר דעם אלץ־פארשוואונדן־ווערנדיקן, געשטאנען. און שטיל איז געווארן פון אויבן און אלעם אופגעעפנטע האט זיך פארמאכט און פארשלאסן ווי געווען, און פון דער הימל־הייל איז קיין זייכער נישט געבליבן, און פון מויל פון הייל און פון די וואלקנס, וואס האבן זיך ארום דעם געזאמלט, איז שוין קיין סימען און קיין שפור נישט צו באמערקן געווען.

האט דאן, ווי טאמיד און ווי אלע נאכט, דארט דער הימל געטונקלט און ווי פאר פארטאג דאן אויסגעזען. האט זיך דאן ישמאעל קויהען גאדל געווענט צו מיר, און מיר אפן מיזראך און אפן אנהויב־טאג אנגעוויזן און אז די נאכט שוין בא פוי רגייען האלט, און אז אויך זיין צייט צום מישקן זיך אומצוקערן איז געקומען. דאט ער מיך אפגעזעגנט און מיין קאפ געבענטשט. האט ער זיך דערנאך פון מיר אפגעקערעוועט, און שטיל צום מישקן און צום איבערגעלאזטן זיך אוועקגעלאזט...

בין איך דאן אזוי געבליבן אן ישמאעל קויהען גאדל. און פלוצים, און מיין שטיי־ארט האט זיך גערירט פון אונטער מיר, און דערפילט האב איך אז איך זינק און ערגעץ לאז איך זיך אראפ מיטן ארט. און די אויגן האבן זיך מיר צו־געמאכט, און אלץ גרינגער און גרינגער, און נידעריקער און נידעריקער האב אראפגעזונקען. און א צייט און א לאנגע צייט האב איך געגידערט אזוי. און פלוצים האב' עפעס א באדן דערפילט א גוטן און א היימישן, און אין א ערדישן און אין א פרימארגעדיקן האב זיך אנגעשלאגן. האב איך באלד די אויגן פון פארמאכט־קייט אופגעעפנט. האב איך זיך פון מיין היים דערזען: פאר מיין שטוב און פאר מיין שוועל, און פאר טאג און אין ישעוו פארטאגיקן, און נעוויאים און יונג נעוויי־אים, אין רעדלאך און אין בינטלאך, האבן פון לאנג און פון נאך באנאכט אף מיר און אף מיין אנקומען שוין געווארט...

ב.

..און אזוי האב איך געזאגט צו די אלט־און יונג־נעוויאים אין דער ערשטער נאכט, ווען מיר האבן זיך אף אונזער בארג און אין א הייל דארט א געמאכטער זיך צונויפגעקליבן,—אזוי האב איך זיי געזאגט:—

—ברידער און פרייגט מיינע צו איין דאר און צו איין געדאנק אונזערן!

אומגעהייער איז דער צאר פון האבן־זיך און זיך־פארלירן. גרעסער און אומ־געהייערער איז די פרייד אבער פון צוריק—און נאך־אמאל זיך געפינען...

און אין יעדן דאר, און אין יעדן גילגל האבן מיר אונזערן א ברודער און אונזערן אן אייגענעם געהאט, וואס האט זיין לעבן־לאנג א זיינס־גלייכן און כאטש נאך אן איינעם צו זיך געזוכט; געזוכט און זיינע יארן ארומגעבלאנדזשעט, גערופן און זיין קאל האט ווי אין א מידבער אפגעקלונגען. און נישט באשערט איז אים געווען נאך א ז א איינעם צו געפינען, ווייל דער דאר איז נישט ווערט געווען, און די צייט זיינע איז נישט ראע געווען מער ווי צו איינעם. און צוזען און בייזיין האט באדארפט אליין ער, און גלוסטן און שטארק גלוסטן פלעג צו א ברודער צו זיינעס, אום מיט אים זיך וועגן זיינס און זייערס און וועגן אלגעמיין־ברידערשעס זיך צו טיילן. האט ער נישט געהאט און ס'איז אים נישט באשערט געווען צו האבן.

און אַפּלעבן פּלעג זיין וועלט, און אוועקגיין פּלעג פון איר נישט קיין אויס־געדערטער, אָן זיין זאַך איז מיט אים אָפּגעשטאָרבן, און קיין יורעש, און קיין איבערנעמער איז בא זיין טויט און בא זיין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

און אופגיין פּלעג די נעשאָמע זיינע אָן עלנטע, און שטיל צום נעשאָמע טויער פּלעגט צוקומען, און אָנקלאַפּן פּלעגט זי דאָרט אַ שטילע, און אַ שטילער טויער־מאַלאַך פּלעג זי באַגעגענען ארויסגייען. און דערזען פּלעג זי דער מאַלאַך און נישט פרעגן פּלעג שוין בא איר גאָר נישט, ווייל אויך נישט געפרעגט האָט שוין אַליין פארשטאַנען, אז אָרים און פארשמאַכט איז איר לעבן פארגיין, און אין טרויער און פאַרצאַר׳ט איז זי צוריק צו איר היים געקומען, האָט דער מאַלאַך פאַר איר קיין וואָרט און קיין טרייסט נישט געהאַט. פּלעג ער זי נאָר באַגעגענען און באַטראַכטן, און אַף איר קוקן אָן ווערטער, און שטיל און בעשאַסן באַגעגענען זי, פּלעג אַ נעשאָמע און אָן עגליכע צו איר אַרויספירן, און שטיל און אויך יענע, איינע אַליין און אַף דער וועלט זי אַראָפּלאָזן..

זיינען מיר אזוי איינציקע און פאַרלאָזטע געווען, און אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן און אין פאַרשיידענע לענדער־ערטער זיינען מיר אַף דער וועלט אַראָפּגעלאָזט געוואָרן, און קיינע סימאָנים און קיינע איבערבלייבונגען האָבן מיר נישט געלאָזט נאָך זיך אַף אונזערע ערטער. און ביז די צייט איז געקומען, און ביז די דורעס זיינען ראָע געוואָרן, און אַלע מיט אַמאָל, און אַלע אינאייינעם זיינען מיר נעבראָכט געוואָרן. און אויסגעשטאַנען זיינען מיר אין אונזער צייט, וואָס אין קיינע צייטן איז מען נישט אויסגעשטאַנען, און בייגעווען זיינען מיר אַזוינס, וואָס קיין צייט האָט זיך אַזוינס גאָרנישט געכאָלעמט. און אַלט געוואָרן זיינען מיר פאַר אונזער עלטער, און פאַרעלטערט אין אונזער פרי־יוגנט, און אַף אונזער וועלט איז אַ בראָך געקומען, און מיר האָבן זיך נישט געריכט אַף אים, און אַף אונזער לעבן—אָן אומגליק, און מיר האָבן אים אפילע באַם נאָמען נישט געקאָנט אָנרופן. האָט עס אונז נידערגעשלאָגן זייער און מיר האָבן זיך פאַרלאָזן אַף אַ צייט. זיינען מיר יעדערער צו זיין גאָט געגיין פאָרשן, אַף אונ־זער קיעם און אונזער ווייטערדיקן צו פרעגן. האָט מען אונז געענטפערט: אז וואָס געווען, איז געווען, און איצט און מיר מוזן זיך געפינען אַלע. האָבן מיר זיך זוכן געגומען. האָבן מיר זיך געמיט אַ צייט, און שווער איז דאָס אונז אָנגעקומען, און ישמאָעל קויהען גאָדל האָט אונז נעהאָלפן אין דער זאַך. און איצט, און מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע, און היינט און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַהער, צום גליק אונז—אַף בארג, און צום מזל—אין דער הייל פון בארג געפונען זיך..

ברידער און פריינט מיינע צו איין וועלט און צו איין געוועזענעם אונזערן!

און וויסן זאָלט איר זיין, אז ערגעץ קוקט מען ארוים אַף אונזער וועלט, און וויסן דאַרפט איר אויך, אז ערגעץ וואַרט מען אַף אונזער קומען. ווייל פּעק מיט גוטס האָבן כיר פון אונזערע וועגן געבראַכט, און מיט אונזער גוטס קאָנען מיר אַסאַך און פיל־פאָלק פארטיילן. לאָמיר־זשע איצט צעפּאַקן אונזערע פּעק, און לאָמיר איצט אַליין פון אונזער גוטס און געבראַכטן וויסן...

ברידער הייליקע!

און געווען איז דאָס דאַן, ווען איך האָב זיך צו מיין גאָט געלאָזט, און געשען איז דאָס מיט מיר, ווען איך האָב אַ לאַנגן גאָלעס אָפּגעריכט, בין איך אַמאָל אין אַ עק־לאַנד געקומען, וואו אַף די גרעניצן דאָרט זיינען צווי בערג געשטאַנען.

האָט אַף אײנעם אַ באַרג דער באַרג־גײסט געװאױנט, און אַף דעם צװײטן—אַ שאָף. דאָרט אַ פאַרבלאָנדזשעטע. האָב איך דערזען דעם באַרג־גײסט, װי ער איז אָפּגעריסן און װילד, פאַרשטױבט און פאַרװאָרלאָזט ארומגעגײן, און גאַנצע טעג האָט אַף די װענט פון באַרג באַרװעס און אַף די שטײנער דאָרט געקלעטערט, און אפן צװײטן באַרג האָט זיך די שאָף געפּאַשעט, און אָן אַ באַלעבאָס, און אָן אַ האַר אַף זיך, האָט אײנע אַלײן און אין אַ הײל דאָרט געװאױנט...

בין איך אַהין אָנגעקומען און זיך דאָרט באַזעצט צװישן די בערג, און שױן פון ערשטן טאָג, און באַלד נאָך מײן באַזעצן זיך האָב דעם גײסט און דער שאָף, דער שאָף און דעם גײסט נאָכקוקן גענומען. האָב איך געזען, װי אין אַ טאָג, אין אַ מיטן אַמאָל, דער גײסט אַף באַרג און פון קלעטערן שטעלט זיך אָפּ, האַלט זיך אױף און גלײכט זיך אױס און מיטן פּנים צום צװײטן באַרג דאַן שטעלט זיך, געפינט זיך דאָרט די שאָף אים אַנקעגן און אין עסן און אין פּאַשן־זיך איז פאַר־טיפט און פאַרטאָן דאַן, קוקט אַף איר דער גײסט און לאַנג אין אױג זי האַלט, און ביז די שאָף זײן קוק און זײן בליק אַף זיך דערפילט, און זי שטעלט זיך אָפּ און האַלט זיך פון פּאַשען אָפּ, און דעם קאָפּ צום גײסט דאַן קערעװיעט; באַט־ראַכט און באַקוקט אױך זי דאַן דער גײסט, און דאַן, און נאָכן אָנקוקן זיך בײדנס, אַ שמועס און אַ מיטן־טאָגעדיקן פאַרפירט דאַן דער גײסט. און אַזױ זאָגט ער צו שאָף:

—װער זעט דיך און װער הערט דיך, אַז דײן האַר איז פאַרהױלן? װער מעלקט דיך און װער שערט דיך, אַז קײנער דיך דאַרף ניט? שאָף, גײ אין יישעװו...

—שאָף, גײ אין יישעװו... און אַף װעג װעל דיך בענטשן, װײל גײסט האָט די בראָכע, און נישט פאַר דיר איז דאָס עק־לאַנד, און נישט פאַר שאָף דאָ צו װאױנען: אַף גראָזן, אַף פּאַשע, מיט שאָף און דײן גלײכן, אַ האַר זאָלסטו האָבן, און לעמער געבױרן, געמאָלקן זאָלסט װערן און װערן געשױרן, אַף נערונג און נוצן דײן האַר אין די נױטן—און גײסט דאָ דיך דאַרף נישט, װײל גײסט אַף עק־לאַנד איז...

—שאָף, גײ אין ישעװו: אַ הונגער אין לאַנד איז, אַ הונגער אַף פּי דאָרט, אַ הונגער אַף ברױט און אַ הונגער אַף גראָזן, און לאַנד־לײט פאַרשמאַכט און זײ װאַרטן אַף הילף דאָרט, און מוטערס נישט האָבן די קינדער צו זױגן, און אַ מלאך אין הימל איז דורכגעפלױגן, און געזאָגט האָט דער מלאך, אַז שװערע נאָך צײטן, דעם לאַנד שטײען פאַר, און נאָך הונגערן, נױטן, און מאָרדן, געשלעגן, און שלאַפקײטן. טױטן.—נעם צו זשע די בענטשונג פון גײסט, װאָס ער בענטשט דיך, נעם אָן זיך דאָס גוטס פונם גײסט און פון עק־לאַנד, און לאָז זיך אַהין מיט די הײטערלאַך־בראָכע, און לאָז זיך אַהין און קום דאָרט צום מענטש אָן, שלאָג אָן זיך אין טיר און בלײב שטײן ביז ער עפנט, און עפנט ער אױף דאַן קני פאַר אים קניענד, און זאָג אים: מײן האַר, איך קום פון דער װײטן, כ'האָב געהערט פון דײן נױט, און אין לאַנד, װאָס סע טוט זיך, און אַז הונגער דאָ הערשט, און אַז לאַנג װעט נאָך הערשן, און דײן קינד איז פאַר־שמאַכט און ס'האָט נישט צו זױגן,—בין געקומען אַצינד מיט צװײ הײטערלאַך פולע, מיט קריגעלאַך צװײ און מיט שאָפּענער מילך, געבענטשט פון דעם גײסט און מיט ציגענער בראָכע, פאַר קינד פון דײן װײב אַף דאָס שפּײזן און נערן, פאַר קינד, װאָס דיר ליב, און אַף ציפּ־צאָפּ זיך צאַפּן.

און אויסהערן פֿלעג די שאָף די רייד פֿון גייסט, פֿלעג זי אים אַזוי אַ צייט אין די אויגן קוקן, קוקן און נישט איבערשלאָגן, אים אויסהערן און ביז ער האָט זיינע רייד געענדיקט. און דאַן, און אַז ער האָט אופֿגעהערט צו ריידן, פֿלעג זי די אויגן פֿון אים־צו־באַטראַכטן צונעמען און דאָס קעפּעלע אַף דער ערד אַראָפּלאָזן, פֿלעג זי דאָס אַראָפּבויגן, און ווי גאָרנישט נישט געווען, ווייטער זיך צום גראָז צופּן נעמען... פֿלעג זיך אויך דער גייסט פֿון זיין אָרט דאַן אָפּטון. און ווייטער האָט ער אַף זיינע שטיינער קלעטערן גענומען, און ווידער, און ווי זיין שטייגער, אַזוי דעם גאַנצן טאָג צו פֿאַרברייננגען, און אַזוי, און שוין אָפּגעזונדערט און נישט אָנקערנדיק זיך איינס מיטן אַנדערן, דעם גאַנצן טאָג און זיך שוין נישט באַגעגענען איינס מיטן צווייטן.

גאָר פֿאַרנאַכט, ווען שטיל און אָוונט־רו פֿלעג אין די בערג אָנקומען, און קיין קלאַנג און קיין קאָל האָט שוין נישט פֿון טאָל און נישט פֿון ערגעץ אַהין דערגרייכט, באַגעגענען פֿלעג ווייטער דער גייסט מיט שאָף זיך, און ווייטער זיך דערזען, און ווידער איינס אַנקעגן צווייטן זיך שטעלן. פֿלעג דער גייסט זיך ווידער צו דער שאָף קערעווען, קערעווען און איר אַזוי זאָגן:—

—שאָף, שאָף, און אַז די נאַכט וועט זיך אַף אונז אַראָפּלאָזן, ווער וועט דיך דערמאָנען? און אַז די בערג־רו וועט אונז באַרוהיקן, ווער וועט דיך געדענקען? און דער גייסט וועט דאָך באַלד שלאָפֿן גיין, און אין שלאָף וועט מיט כאַלוימעס פֿאַרנומען זיין, און אין כאָלעם וועלן זיך אים לייטערס אופֿשטעלן, און דורך די לייטערס וועט אין הימל אופֿגייען, און זען וועט ער דאָרט טשערעדעס אַף פּאַשע פּאַשן זיך, אַף גרינער און אַנקעגן הימלען ליכטיקער, און אַלע שאָף דאָרט אינאיינעם זיינען. און נאָר איינע אַף אַ בערגל און אָבגעזונדערט שטייט. און פֿרעגן וועט ער: „פֿאַר וואָס שטייט די שאָף באַזונדער?“ און ענפֿערן וועט מען אים ווייל זי האָט גאַרדינט און זי איז ווערט אַזוי צו שטייען. און אַז ער וועט ווידער „פֿאַרוואָס?“ פֿרעגן, וועט מען אים ענפֿערן, דערפֿאַר ווייל זי האָט דעם שאָף־געבאָט נישט געהערט, און די שאָפּענע מיצוועס נישט אָפּגעהיט... שאָף, שאָף! און וויסן זאָלסטו זיין, אַז אין די בערג זיינען וועלף פֿאַראַן, און וועלף אַף דיין קערפּערל לאָקערן, און די וועלף האָבן שוין אַף דיר גוירל געוואָרפֿן. און צווישן זיך דיין הויט און דיין ביין צעטיילט... און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן אַף דיר אָנפֿאַלן, ווער וועט דיך דאַן שיצן, און וועמעס הינט וועלן דיך דאָ אָפּשרייען? אַז באַנאַכט ביסט אַליין, און דער גייסט איז מיט זיך פֿאַרנומען, און דער גייסט דאַן כאַלוימעס זעט, און די כאַלוימעס שלעכטס דיר זען?.. שאָף, שאָף!

אַזוי פֿלעג דער גייסט דאַן צו דער שאָף פֿאַרנאַכט ריידן, און אַזוי איין טאָג, און אַזוי אַ צווייטן, און אַזוי געהערט האָב אויך אַ דריטן טאָג, און דאַן, און נאָך דער נאַכט דער דריטער, און אין דער פֿרי און אָפֿן פֿינפֿטן טאָג, האָב געזען, ווי די שאָף האָט פֿון באַרג אַראָפּגענידערט און פֿאַמעלעך אין טאָל אַראָפּגעקומען. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און מיך דערזען אין טאָל, האָט זי מיך באַטראַכט אַ ווײַלע, און שטיל, און מיך אָפּבאַטראַכטנדיק, האָט זי אויך פֿון טאָל און פֿון באַרג זיך אַרויסגעלאָזט..

בין איך נאָך געבליבן נאָך אַוועקגייין פֿון שאָף, האָב איך זיך צום באַרג און צו זיין הויך צוגעהערט, און אַ צייט אויך אַרופֿגעקוקט אַרויף, האָט זיך דאַן פֿון אויבן דעם גייסט אַף־די־שטיינער־קלעטערן זיך דערהערט, און באַלד און איך

האָב אויך דערזען דאָרט דעם גייסט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פּלוצים און אַף זיין אָרט זיך פאַרהאַלטן, און אַזוי געבליבן, און ווי זיין שטייגער, מיטן פּנים צום צווייטן באַרג זיך געקערעוועט, האָט ער זיך געווענדעט צום באַרג, און אַזוי געזאָגט צו אים אַנקעגנדיקן:—

—און זאָל דאָס הערן, ווער ס'וועט הערן, און זאָל זיך דאָס פאַר'צייכענען אויך דער, וואָס אין טאָל געפינט זיך, אַז די שאָף האָט אונז געפאָלגט, און אויך אַלע דאַרפן אונז פאָלגן, און דאָ איז איצט קיין אָרט ניט פאַר קיינעם, און אַלע דאַרפן פאַרלאָזן מיך דאָ, און זאָלן זיי גייען, וואוהין מ'נוויטיקט זיך אין זיי, און זאָלן זיי דעם גייסט דאָ אַליין און אַף זיינע שטיינער לאָזן...

האָב איך דאָס אויסגעהערט און באַלד געפאָלגט דעם גייסט, האָב איך זיך באַלד פון טאָל ארויסגעלאָזט, און באַלד מיין וועג צום יישעוו אָנגעריכט, און באַלד האָב איך פאַר זיך די שאָף גייען געזען, און דאַן, און שוין נישט אָפּגע־שטאַנען פון שאָף...

ברידער און פריינט מיינע!—

און דאָס גיב איך אייך איבער, און דאָס בעט איך אייך געדיינקען, און נישט זאָגן זאָל פון אייך קיינער, און נישט טראַכטן זאָל פון אונז קיין אייניציקער, און נישט מיינען זאָל מען, אַז די צייט אונזערע איז אַף אָפּצוזונדערן זיך אַצינד, און אַז דאָס גוטס, און אַז דאָס געבראַכטע אונזערע, איז נאָר פאַר אונז געבראַכט,— ווער ס'טראַכט אַזוי, דער נישט צו אונז געהערט, ווער ס'מיינט אַזוי, דער איז פון פאַלש פאַרפירט.

ברידער און פריינט מיינע צו איין דאָר און צו איין דייע אונזערער!

און ווייסן דאַרף אונזער דאָר, אַז דאָס ביז־אַהעריקע און דאָס פון אייניציקע געזאַמלטע, דאַרף איצט צווישן פיל־פאָלק צעטיילט ווערן, און געדענקען דאַרפן אויך מיר אַלע, אַז אונזערס און דאָס געבראַכטע פון אונז, איז אַדאַנק פ י ל ע געבראַכט געוואָרן, און מער נישט, ווי שליכים זיינען מיר געווען, און נישט צו אונז געהער דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן, און נישט קיין אייגנס איז דאָס וואָס מיר האָבן, און נאָר אַף אַ צייט און אַף שלעכטער איז דאָס אונז איבער־געגעבן געוואָרן, און אַצינד, און א ו י ס איז די צייט, און די צייט, אַף אונזערע באַגלויבערס דאָס אומצוקערן, איז געקומען. דאַרפן מיר דאָס אומקערן אונזערע באַגלויבערס: גוט ביז אַ קלייניקייט, און ביז אַ מינדסט, און נישט איבערלאָזן בײַ זיך גאָרנישט, און נישט פאַרלייקענען, כאָלילע, קיין זאַך, אום כאָלילע, זיך נישט גרויס צו האַלטן, אַז דאָס, וואָס איז בײַ אונז פאַרבליבן, א י ז מ ע ר נ י ש ט פ אַ ר אַ נ ע ן און נישטאָ בײַ קיינעם. אומקערן און אָפּגעבן גיט עס אַלץ, פריינט מיינע, ווייל אַף דעם באַדינג נאָר איז דאָס אייך איבערגעענטפערט גע־וואָרן, און אַף דעם אויפן נאָר איז אייך געטרויעט און באַהאַלטן געגעבן געוואָרן דאָס אַלץ... און אָט געפינען מיר זיך דאָ אין הייל אַצינד, און נאַכט און באַרג מאַרשטעלן און זונדערן אונז אָפּ פון אַלץ פון אויסער־הייל, אָבער באַלד וועלן מיר זיך ארויסלאָזן אין גיבן, און קיינער וועט דאָ נישט בלייבן, און קיין אייניציקנס טריט וועט דאָ אין אָפּגעזונדערטקייט נישט טרעטן, נאָר אַלע אין פאָלק אריין, נאָר אַלע אַף טרייסט אין פאָלק.

און אַזוי האָט מיר ישמאָעל קויהען גאָדל געזאָגט:—

פון אייער כורווע קוקט אַ גראָז ארויס, און אין אייער שטוב דער איינגע־

פּאַלענער, שטילע וואונדער באַווייזן זיך... און באַנאַכט, ווען די כורווע־פּיקסלאַך כאַפּווילן אייך, אַף צו נישטערן און עפּעס אין אייערע איינפאַלונגען צו זוכן; און ווי נאָר איינס פון זיי אַ מינדסט שטיקל ליים, צי אַ ליאַדע ציגל, צי אַ ברעטל, מיטן פּיסקל, צי מיט אַ פּיסל צערודערט, אַזוי טוט דעם באַלד אין די אויגן עפּעס אַ שיין אַ בלענד, און נישט קיין נאַכט זעט שוין פאַר זיך דאָס פּיקסל, און נישט קיין פינסטערניש, וואָס אין נאַכט־כורוועס, נאָר עפּעס אונטער־כורוועדיקס טוט דעם אַ ליכטיק, אַ ווייז זיך און אין די אויגן אַ שלאָג. בלייבט עס שטייען און ס'איז פאַרבלענט אַ צייט, און דערנאָך, און ס'געוואוינט זיך צו צום אומגעוואוינלעכן, און דאַן, און ס'דערזעט עפּעס, דערזעט און בלייבט פאַרגאַפט דאָ אויסן...

און זען זעט דאָס פּיקסל:—

אונטער ־ער ערד אַ פּאַלאַץ באַווייזט זיך, אַ ליכטיקער און מיט פיל ליכט־יקייט באַלויכטן. און דער פּאַלאַץ איז פון ווייסן שטיין געבויט, און מיט גאָלד און גין־גאָלד איז פאַרזעצט און אויסגעצירט אין ווייס־שטיין; און די ווענט זיינען מיט געמעלן און מיט פאַרשיידענע בילדער אויסגעמאָלט, און די סטעליע איז הויך דערהויבן, און די מיט אירע עפּעס ווי אַ באַרג און אַן ארופגייענדיקן בילדעט. און גרויס און ברייט איז דער פּאַלאַץ און זיין בריק איז מיט גלאַט־שטיינער געפּלאַסטערט, און ליידיק און נישט פאַרנומען מיט גאָרנישט איז ער, און קיין זאַך און קיין הויז־ראַד געפינט זיך נישט אָין אים, און נאָר אין דער מיט, אַף זיין בריק עפּעס אַ שטול מיט אַ הויכער אָנשפּאַר־וואַנט דאָרט שטייט. און הויך איז די שטול און טרעפּ פירן צו איר אַרויף, און איר געזעס איז נישט פאַרנומען פון קיינעם, און מיט איר שטיל־און־ליידיק־שטייענדיקייט, ווי אַף עמי־צנס קומען, און אַף עמיצנס אַף־איר־ארופגיין וואַרט. וואַרט זי אַזוי, און קיינער ווייזט זיך נישט צו איר...

עפנט זיך דערנאָך אַ טיר אין פּאַלאַץ און מענטשן פון פאַרשיידענער גרויס און פון פאַרשיידענער עלטער גייען אַריין, און אין די הענט און אין די אופ־געהויבענע פון די מענטשן, די אַריינקומענדיקע, צו פּאָר לייכטער מיט ליכט אין זיי אָנגעצונדענע געפינען זיך. און די מענטשן זיינען שטריינג געקליידעט, און דאָס אָנטאָן זייערס איז נעזיריש־ שוואַרץ, און די קליידער זייערע זיינען לאַנג אַראָפּגעלאָזט. און די פּאָלעס ביזן בריק אַראָפּ דערגרייכן. און יעדעס קלייד פון יעדן איינעם איז מיט אַ גאַרטל פאַרגאַרטלט און דער גאַרטל די לענדן פאַרשמאָלט, און די צוויי עקן פון גאַרטל אַף אַראָפּ און פון פאָרנט אַראָפּלאָזן זיך... גייען זיי אריין און קומען אָן, און די ליכט באַ זיי מיט פייערליכקייט און מיט יאָמטעוו ברענען, און די לייכטער, וואָס אין די הענט באַ זיי, זיינען זיל־בערנע און פון העלקייט און פון יאָמטעוו־דיקייט באַהעלט. קומען אָן און שטעלן זיך אין צוויי שורעס אויס, און די שורעס פון דער טיר ביז דער שטול דער־גרייכן, און אַ ווארע און אַ מענטשישע, אַ צוויי־שורעדיקע און אַ רואיקע בילדען. וואַרטן זיי אַזוי אַ ווײַלע...

באַווייזט זיך דאַן אין דער טיר איינער אַ שטילער און געקרוינטער, מיט אַ שטילן אויסזען און מיט אַ פאַרהוילענעם אַריינגאַנג אַזוינעם... און אָנגעטאָן איז דער איינער אין ווייסן, און זיין קלייד איז פון עכטן און פון ווייסטן שטאָף געמאַכט, און אויך ער איז באַגאַרטלט, און אויך פון זיין גאַרטל צוויי עקן אַראָפּלאָזן

זיך, און אויך בא אים די גאַרטל־עקן צו זיינע פיס און צו זיין קלייד אראָפּהייגגען. ווייזט ער זיך און קומט אָן אַף טיר. האַלט ער זיך אַף איר אוף אַ ווײַלע, און דאַן, און גייט די וואָרע דורך, און צו דער שטול גענענט און אַף איר זיך זעצן גייט אַרוף...

עפענען זיך פון אַלע ווענט דאַן טירן, און פיל מענטשן און פיל פאָלק דאָרט באַווייזט זיך, און דאָס פאָלק פילט דעם זאַל דאַן אָן. און פון אַלע ווענט און פון אַלע טירן פון די ווענט און אויך פון דער סטעליע און אויך פון באַרג הויך פון אירער, שפּילערס און זינגערס מיט קיילים אַלערליי און מיט קאַפּעליעס גאַנצע באַווייזן זיך. און די שפּילערס צו די קיילים נעמען זיך, און די זינגערס און די קאַפּעליעס זיך אויסשטעלן, און פון סטעליע־שפּיץ, און פון סאַמע באַרג־הויך פון אירער, איינער אַ שפּיל־און זינג־מייסטער באַווייזט זיך, און צו די זינגערס און צו די שפּילערס באַלד אַף שטיל־זיין און אַף צוגרייטן זיך אַ סימען גיט. גרייטן זיך דאַן צו דאָרט אַלע, און איבער זאַל אַ פאַרשפּילען און אַ קיילים אויספּרואוון דערהערט זיך.

טוט דאַן פּלוצים און פון אַלע ווענט מיט אַמאָל עפּעס אַ שיין אַ שלאָג. און דער זאַל דאַן העל באַלויכטן ווערט, און די ליכטיקייט אַף אַלע פּענימער און אַפן פּאָנים פון דעם, וואָס אַף דער שטול זיצט, רוט. האַלטן זיך דערווייל אויף און גרייטן זיך צו דאַן אַלע. און דאַן, און דער שפּיל־מייסטער טוט אַ וואונק אַ שטילן, און אַלע מיט אַמאָל דאָס זינגען־שפּילן הויבן אָן...

און אַ געזאַנג דאַן דערהערט זיך, און דאָס געזאַנג ווערט פון די קיילים באַלייט, שטאַרקט זיך און דערהויבט זיך פון ווייל צו ווייל, און שפּיל־קיילים שטייען נישט אָפּ און אינאיינעם מיטן זינגען דערהויבן זיך. און שפּיל־קיילים אַף בערג גייען אויף, און אין טאָלן נידערן, און שפּיל־קיילים ווידער אַמאָל דערהויבן זיך, און אַף הויכע און ווייטע בערג שוין בלייבן...

און זען זעען דאָרט די קיילים, ווי אַ נאַכט אַף וועלט און אַף דר׳ערד איז אויסגעשפּרייט, אָבער די נאַכט שוין באַם סאָף, און די פינסטערניש שוין פאַרן נישט־בלייבן האַלט... און פּלוצים, און דער הימל אַף בערג דאָרט עפנט זיך, און מיט אַמאָל אין סאַמע מיט זיך שפּאַלט... און נישט, ווי דער וועלט־שטייגער און נישט ווי אַלע טאָג, דער טאָג איצט ווייזט זיך: נישט פון קיין הימל־עק און נישט פון קיינע האָריזאָנט־פּאַרוקטקייטען, נאָר פון הימל׳ס אין דער מיט, און כייט זון און מיט אַמאָל קומט אַרויס, און די זון שוין הויך און גרייט איבער בערג דאָרט שטייט... און פּלוצים, און אַרום דער זון עפּעס קליינע זונעלאַך אַרויסקומען, און אַרום דער מיטלסדיקער, אין אַ ראָד און אין אַ קיילעכדיקער, שטעלן זיך אויס. און אַרום יעדער זון אַ פויגל־ראָד דאָרט דרייט זיך, מיט אַ געמאָסטן דרייען זיך און מיט אַ געזעצמעסיקן אַזוינעם, מיט אַ שטיל־שוועבן און מיט אַ הויך־זיך־האַלטן פון פייגלען. שוועבן זיי, פּאַמעלעך און דרייען זיך אַזוי אַרום די זונען, אַליין נאָר די זון די מיטלסדיקע אָן אַ פויגל־ראָד און נאָר מיט די זון־ באַגלייטערס איז אַרומגערינגלט...

קוקן אַהין און דערזען דאַן די קיילים, ווי פון אונטן און פון איין אָרט ערגעץ אויסגעוואַקסן אַ פויגל איינער, אַ שטילער, און אַן איינציקער, אַן אָפּגעזונדערטער און פון אַלע אַנדערע אָפּגעטיילט באַווייזט זיך, און גלייך צו זון, און גלייך צו מיטלסדיקער לאָזט זיך... און קיילים אַרופשרייען נעמען צום פויגל, און קיילים וואָרענען נעמען דעם פויגל, אַז נאָענט צו זון איז אַ סאַקאָנע פאַר

פויגל, און אַז אין דער הויך און נאָענט צו איר אַ פויגל פאַרפאַלן דאָרט און פאַרסאַרפעט געוואָרט. הערט ער זיי אָבער נישט: און אַלץ ארוף, און אַלץ צו זון ציט זיך, און אַלץ נענטער צו איר פליט...און אומרואיק ווערן די קיילים, און ארופרופן נעמיען צום פויגל: און זאָל ער הערן, און זאָל ער דערהערן, די געפאַר ווערט גרעסער, און זאָל ער זיך פון זיין וועג אומקערן... הערט זיי אָבער אַלץ נישט דער פויגל, און הויך איז ער שוין, און פיצלדיק אין זיין אויסזען, און באַלד וועט ער שוין ווי אַ שוועלבעלע זיין, און באַלד וועט ער פון אויג, ווי אַ שוועלבעלע פאַרשווינדן... דערשרעקן זיך דאַן און ציטערן אוף די קיילים, און אַ שאַליאַך נאָך אַ שאַליאַך, און אַ לויפער נאָך אַ נאָכלויפער דאַן שיקן, און אַ וואָרנונג נאָך אַ וואָרנונג, און אַ געשריי נאָך אַ גרויסן. איז ער אָבער שוין הויך אין זייער הויך, און זייערע געשרייען נישט דערגרייכן שוין צו זיין הערן, און זייערע וואָרנונגען און קאָל־שעליכים שוין צו ווייט פון אים, אים צו דעריאָגן... און אָט איז ער שוין ווייט ארוף, און אָט איז ער צו דער זון שוין אונטערגעקומען, און באַלד, און ער וועט פאַרשוואונדן ווערן, און אָט איז ער שוין פאַרשוואינדן... און קיילים אויסן בלייבן, און קיילים פאַרלוירן ווערן, ווייל דער פויגל איז פאַרפאַלן געווים, און דער פויגל האָט פאַר נישט־הערן מיט לעבן און מיט לייב באַצאָלט... און שוין נישט ריכטן ריכטן זיך אַף אים די קיילים, און שוין נישט אַף זיין געביין, און נישט אַף זיין צוריקקערן, און נאָר אַפן ארט, וואו ער איז ערשט געווען און איצט נישט געבליבן, קוקן, קוקן און באַדויערן יענץ אָרט... און איינציקע קיילים שטיל צעווייגען זיך אַף קיילים־קאָל, און אַלע איבעריקע זייער שטיל־געוויין פאַרנעמען, און פלוצים, און די גאַנצע קאַפעליע און אַלע מיט אַ מאָל כאַפן זיך אוף פון געוויין, און אַלע מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ פרייד און מיט אַ סימכע אַ נישט־קיין אופגעהאַלטענער:—

—דער פויגל! דער פויגל צוריק!

און דערזעען דערזעען דאַן די קיילים: ווי דער פויגל נאָכן זאַמען זיך אין זון, צוריק אַרויסקומט און קערט זיך אום פון דער הויך. און קליין און פיצלדיק צוערשט, און דערנאָך גרעסער און גרעסער אַלץ ווייזט זיך. און נישט אַליין, און נישט ווי אוועקגעפליגן קומט ער איצט, נאָר מיט עפּעס נאָך באַלייט, און ווי מיט נאָך עפּעס אַ פליענדיקס אַף זיין וועג... און נישט צו זען, און נישט צו באַמערקן איז דאָס אים־באַלייטנדיקע, צי אַ פויגל, צי עפּעס אַן אַנדער זאַך פליט אים נאָך. ווייזט ער זיך דאַן פון דער הויך ארויס, און אַלץ נידעריקער און נידעריקער אראָפּלאָזט זיך, און די זאַך פון אונטער אים, שטייט נישט אָפּ פון אים, און די זאַך, וואָס נאָך אים פליט, אונטער זיין קערפּער נאָכשוועבט...

דערזען דאַן די קיילים אַף די בערג:

און אַז דער פויגל אַלץ גרעסער און גרעסער ווערט, אַ טוך, אַ ווייס־זיידענער און ווי פון דער זון ארויסגעבראַכט, פליט אים נאָך. און קיינער האַלט ניט דעם טוך, און נישט דער פויגל אין מויל טראָגט אים, נאָר אַליין און אין לופט זיך לופטלט און נאָענט און נעבן פויגל האַלט זיך. צעוויקלט ער זיך און באַווייזט זיך דאַן: און גרוים איז ער און פאָנענדיק צעוואָרפט זיך, און קיין פינטעלע און קיין שפּרענקעלע איז נישט צו זען אַף זיין ווייס־זיידנקייט. דערפרייען זיך מיט אים די קיילים און נאָך מער, ווי מיט דעם פויגל דעם ארויסקומענדיקן. און די סימכע זייערע אַ דאָפּלטע און אַ געצווייטע איז, און די פרייד זייערע

שטאַרקט זיך זער, און די קוילים דאַן אַ געשאַל אַרויסלאָזן און אַן אויסגעשריי אַ גרויסן:

—דער טוך! דער כופּע־טוך!

דערזעט דאָס דאַן דאָס פּיקסל. און ווי ס'דערזעט דאָס אַלץ, אַזוי עפנט דער פּאַלאַץ די ווענט זיינע אויף, און פאַרשוואונדן ווערט די סטעליע, אָבער די שפּילערס און די זינגערס אַף זייערע ערטער און אַף זייערע פּריערדיקע, אין זייער סדר און אין זייער אויסגעשטעלטקייט שטייען, און אויך דאָס פּיל־פּאַלק בלייבט. בלייבט דאָרט דאַן אַלץ ווי געווען אַף אָרט, און אויך די שטול און אויך דער שטילער מאַן, און אויך די וואַרע די געמאַכטע מיט די לייכטער און מיט די ליכט אין די הענט.

דערזעט דאָס דאַן אויך דער אוילעם: ווי דער פויגל קומט צו דער ערד אַראָפּ און דער טוך שוועבט אים נאָך צו דער ערד, און זון און הימל באַלויכטן זייער פליען, און זונען, וואָס אַרום דער זון, דאָס פליען זייערס צו באַלויכטן העלפן... האָט שוין דער פויגל צום פּאַלאַץ־אָרט געניִדערט, און אויך דער טוך נאָך אים, און דער טוך אַפן קאָפּ פון שטול און שטילן מאַן פאַרשפּרייט זיך, און אַ כופּע און אַ פּרימאָרגנדיקע בילדעט. שטייט שוין און שוועבט אַף זיין קאָפּ די כופּע, און דער שטילער מאַן זיצט אונטער איר און אַלע קוקן אַף אים בעשאַס זיצן, און אַלע זיינע פּנים און אַלע זיין שטיל־דערהויבענקייט זעען. געדויערט עס אַ ווײַלע. דערהויבט זיך דאַן די שטול מיטן מאַן מיט שטילן פון בריק אין דער לופט און אין דער הויך אַרויף. און כופּע פון אויבן, און אויך כופּע דער־הויבט זיך, און נאָך דער כופּע די וואַרע די געמאַכטע, און נאָך דער וואַרע דאָס פּיל פּאַלק, און אונטער פּיל־פּאַלק די שפּילערס מיט די קוילים זייערע און אַלע און נאָך דער פאַראויסשוועבנדיקער שטול דאַן לאָזן זיך, און פאַר פריער און פאַראויס פאַר אַלע, דער פויגל, דער זיך אומקערנדיקער, פליט. גייען זיי דאַן אין הימל און אין פּרימאָרגן אויף, און זונען, וואָס אַרום דער זון, לאָזן זיך פון זייערע ערטער אַנטקעגן די אָנקומענדיקע צו באַגעגענען, אַליין נאָר די זון, די שטענדיקע און די מיטלסדיקע און אַף איר אָרט דאָרט שטייט און אַף דעם אָנקומען און אַף דעם דערנענטערן־זיך פון די אופגייענדיקע וואַרט...

דערזען דאָס די קוילים, און אין דער הויך און אַף אַ קאָל צעשאַלן זיך, און אויך דאָס פּיל־פּאַלק באַוועגלעך ווערט, און אויך דאָס פּיל־פּאַלק אין באַ־וועגונג קומט, און דאָס פּיל־פּאַלק מיט אַ מאָל די אויגן צו דער כופּע דערהויבט,

און אַלע מיט אַמאָל, און אַלע מיט איין אויסגעשריי צעלאָזן זיך:

מיילעך, מיילעך האַמאָשיאַך!

און מוזיק שאַלט, און פּיל־פּאַלק שרייט אויס מיט מוזיק, און די וואַרע די ליכט מיט די לייכטער טראָגט, און כופּע אַף דער שטול דאָרט שוועבט, און זונען קומען אַנטקעגן אָן, און מיט אַלע אינאייניעם צו דער גרויסער מיט־זון דער־הייבן זיך:—

—מיילעך אונזער מיילעך דער מאָשיאַך!

אַזוי זעט דאָס פּיקסל אין כורווע און אַזוי זעען אַלע די, וואָס אונזערע כורוועס באַפּילן, און דאָס דערציילט מען צווישן מענטשן אַצינד, און דאָס דערציילט מען אויך נ י ש ט צווישן מענטשן.

ברידער און הייליקע מיינע!—און אַט איז די נאַכט פאַרביי, און אַט גייט דער טאָג שוין אויף, לאָמיר־זשע איצט פון אונזער הייל אַרויסגיין, אין די ערשטע דאָס ליכט אונזערס באַגעגענען.

און אַרויסגעגאַנגען זיינען מיר דאַן אַלע פון הייל אויף בארג און אויף זיין שפּיץ דעמאָלט; און איך בין דאַן אין דער מיט געווען, און אַרום מיר די אַלט־ און יונג־נעוויאים אַלע, און מיר האָבן זיך מיטן פּנים צום מיזראך געשטעלט. און אויסגעזען האָבן מיר דאַן, ווי שליכים געשיקטע, אום פאַר דער וועלט און פאַרן טאָל דעם טאָג און זיין אָנקומען באַגעגענען. און געפילט האָבן מיר זיך ווי פון אַל־אַרומיקן אויסדערוויילט, אום די ערשטע דעם ליכט־אָנהויב צו בענטשן, און אום די ערשטע פון ליכט־זכוס צו זויכע זיין. האָבן מיר זיך טאַקע דערפילט פאַר זויכע. האָבן מיר די אויגן צום מיזראך געהאַלטן, און דערנאָך און איינס מיטן אַנדערן זיך איבערקוקן גענומען, און זיך פאַרשטאַנען, און אין יענער נאַכט זיך פאַראייניקט אויף דעם פאַרשטאַנד, און דאַן האָבן זיך שטיל אויף די קניעס אַראָפּגעלאָזט, און איך האָב דאָס וואָרט גענומען און אַזוי געזאָגט פאַר אַלע:

—מיזראך. מיזראך!! דיין טאָג גייט באַלד אויף און אויף די בערג ער געפינט אונז, און ליכט־דיין, אונז זען וועט אין גרויסן אַכראַיעס: מיר ווייסן וואָס ווילן. און נאָך־וואָס מיר דאָ קניען, אויך ווייסן דאָס גוטס, וואָס ציסט אויס פון דיין טאָגן, און לאַנג זיך געהייליקט מיר האָבן צו טאָגן, און לאַנג זיך געמיט ביז איצטיקן אופגיין. און יאָרן געוואָגלט מיר האָבן באַנאַכטן, און קימאַט שוין פאַרגעכן דיין פּנים און אויסזען, און שטיל זיך גענערט נאָר מיט פּיצע־לאַך שיינען. מיט ברעקעלאַך ברויז פון דיין ליכטיקן אָפּפאַל, מיט קילבלעכן גליק נאָר פון שטערן־נעדאָוועס; און אָרים געוואָרן מיר זיינען אין וואָגלען, און מיינען געמיינט, אַז מ ע ר אונז גאָר קומט נישט, גלייך קינדער נישט זיינען: קרוין־קינדער צו פאָטער, צו מיזראך־וועלט־האַרן, און צו מאַמע־פרימאָרגן, און אַ טיש איז געגרייט דאָך פאַר קינדער באַם פאָטער,—מאַך גרייטן דיין טיש־זשע איצט. הייליקער מיזראך, מאַך גרייטן דיין טיש אונז אויף הויכע די בערג דאָ, און קום מיט דיין קרוין אונז אַהער צו באַדינען, מיט אַלץ, וואָס פאַרמאָגסט, און מיט אַלץ, וואָס באַהאַלטן, פאַר קינדער דו האָסט אין די פינסטערע צייטן, באַר קינדער געזאַמלט—אַצינד אין דער ליכטיק אַרויסקום, אַצינד מיט דיין אַלץ, וואָס דיר הייליק—דו הייליקער מיזראך!

—אונזער הייליקער מיזראך!

מיר האָבן געמיט זיך! און איידעס אונז זיינען, אַט זיינען די שטערן, וואָס שטייען נאָך הויך, און אַט קאָנען זיי זאָגן, אין מיירעוו די לעצטע—און דו קאָסט באַ זיי פרעגן: וואָס האָבן געטאָן, די אויף בערג דאָ פאַרזאַמלט, די איידע, וואָס ליגט און וואָס קניט איצט אויף הויך דאָרט, צי האָבן געוואַרט, און אויף וואָס, און אויף וועמען, צי האָבן געגלויבט, און צי וואָר זייער גלויבן—אַט זאָלן זיי זאָגן...

עס זאָגן די שטערן:

—יאָ וואָר און ס'איז וואָר, ווי מיר באַלד פאַרגייען, ס'איז עמעס־באַג־לויבט, ווי מיר באַלד נישט בלייבן: געדינט האָבן נידער, ווי מיר דאָ די הויכן, די ערד און פון אונטן אין די פינסטערסטע פאָסטנס, און שטיל שיין געטראָגן

און ליכטלאַך־לאַמטערנס, און יעדער פאַרשטעלט האָט זיין ליכטעלע פייער, און יעדער געהיט עס פאַר ווינט און פאַרלעשן, באַנאַכט אין דער שטיל און געציטערט באַ פאָלע, כאָלילע אַז דעב אין דער פינסטער נישט בלייבן,—און האָבן פאַרהיט עס און ציטריק געהאַלטן, ביז איצט און ביז היינט אין פאַרטאָגיקן קניען, און זכוהים געהאַט, אויך ביז איצט עס דערטראָגן,—נעם צו־זשע עס היינט באַ זיי, הייליקער מיזראַך, נעם צו־זשע עס איצט באַ זיי לעצטס און געציטערטס, און נעם עס אַריין אין דיין כעשבן פון פייער, און צייל עס אריין אין דיין גרויס פלאַם פאַררעכנט, און רעכן עס זיי פאַר קאָרבאָנעס־נעפאַשעס,— ווייל שטערן מיר זיינען, און איידעס מיר שטערן, אַז עמעס זיי זאָגן, און וואר זייער גלויבן, אַז עמעס און וואר, און — אָמיין וועאָמיין.

מאָסקווע—מאַלאַכאָווקע. זומער 1920.

דער ניסטער.

א. שויכעט

פון געפאנג.

אין העלקייט שפילן טעג
מיט דארעם־וועגן ברייטע.
פון געפאנג זיך קערן אום
פארשמאכטע רויטע פלייטים—
פון ווייסן לאגער.
שפאן פון שאף,
אן שטאלץ, אן וואפן.
קאפ און האלז
אין זעק, אין שמאטעס,
מיט פאכער־בליק פון גיירים...
קליינע איילנדיקע שארעם—
שעמעוודיקע טריט
מיט אפשיי גאנוועגען דעם וועג.
ווי קומען זיי אהער
אין צייט פון שניט, אין כוואלינדיקן פלאקער,
אף העלן וועג, צעאקערטן פון העלדן?
וואס קומען זיי אהער, ווי פוינל־שרעקער אף די פעלדער?

דא און יארט און אומעטום: פארביי, אקעגן —
מאכנעם גרייפנדיקע...
פארשייטע יונגען, בראווע און געזונטע,
מיט שטאלץ און שטאלט און פלייצעס,
פון קאפ ביז פיס באוואפנט,
מיט שפאן מיט מוטיקן
די פלאך פון שרעק פארפלייצן...
און סטעפעס
האכנאעדיק זיך לאזן שטעפן
פון דרייסטע אפגעהאקטע טריט...
אין רויטע פלייטים,
מיט שפאס באגלייטע,
דער אומעט זיך צעבליט...
מיילער מיט פארברענטע ליפן,
ווי קריגלאך סאם
זיך טראגן אין דער וועלט...
פון וויעס לויערט נאך די שרעק פון נעכט,

וואס האבן זיך פארמויערט
אין פיבערדיקע טעג...
און אויגן, מליענדיקע קיילן,
מיט בליקן הילצערנע דערציילן
פון ליגעניש אין לאנגע נעכט
אף בוידעמער,
אין קלעמערלאך פון שטאלן,
פון שפירן ערגעץ־וואו א דרויסנדיקע וועלט
אונטער לאנדטיכער פאלאווע,
פון גליווערן צעווישן אנגעוואלגערט האלץ,
אף צווינטערס צווישן צלאמים,
אף פוסטע הויפן...
און פלוצים,
פון מידעניש, פון זיין
אין ברענענדיקן לייב דערשפירן
ארויסגעשלעפטע נאדלען פון געפארן
און שטומע דאנקען שיקן
דער ביינערדיקער האנט
פון אן אלטער גויע,
פון א דאלפנדיקן פויער,
וואס האט פארשירעמט
און פארשטעלט פון שעבטער...

ווער ווייסט פון ליגן לאנגע נעכט
און, ווי א מוילוואורף,
זיך איינגראבן מיט אויער אין דער נאכט,
און רעגענען מיט קאלטן שווייס
בא ציטעריקן אופוואך
פון דרויסנדיקער שטילקייט?
זיין טראגנדיק מיט מוירע,
ווארגן זיך מיט ביינקשאפט...
...אין מיט פון נאכט,
אין שטייג פון באהאלטעניש פארשפארט,
כאפן דורך א שפארע
פון הארטער ברודער־האנט
א טרוקן שטיקל ברויט
מיט מילדן צונאב פון א קווערטל וואסער?...

א. שויכעט.

מ. כאשטשעוואצקי.

יאנטעוו פון פריילינג.

האמוינים, האמוינים, האמוינים.
צופוס און אף פערד. אף מאטארן און אווטאמאבילן.
מע שליידערט, מע ברענט היינט אף גאסן צעבראכענע קרוינען,
היינט פייערן גאסן צעשפרייטע דעם יאנטעוו פון פריילינג.

דער יאנטעוו פון פריילינג, מיט זון און מיט פאנען.
אין פענסטער אין העכסטן פון מויער, מיט בליק קוים דערלאנגען,
א קינד ,האט א ווייס זיך באוויזן, און ליכטיקן פאנים,
און ליכטיקן שמייכל האט קינד, ווי א נעם אין דער הויך דארט צעהאנגען..

צו אווטאמאבילן, צו פארער און גייער, צו פלאטער פון פענדלאך
א קינד האט א שמייכל צעשטרעקט אף צוויי וויבערע הענטלאך.

און פלוצים א שאס—פון א ביקס דארט פון איינער,
פון ביקס וואס איז שיסן גענייט און אף שיסן געלאדן.—
א שאס, און א פלי האט געטאן אין דערלופטן א ווייס און א רייניקס.
א פלי—און געפלאסטערטער שטיין איז מיט בלוט און מיט מארכן פארזאטן.

און ס'זיינען האמוינים געגאנגען, געפארן, געריטן;
האט הויך אין דערלופטן נאך קינדערשער שמייכל געפלאטערט, געציטערט,
און קינד איז אף שטיינערנעם פלאסטער געלעגן א קליינס און א שטילינקס,
אף שטיינערנעם פלאסטער א קינד אפן יאנטעוו פון פריילינג.

מ. כאשטשעוואצקי.

*

מיט פויסטן אף שטיינערנע ברוסטן
געשטאנען די שטאט איז א נאכט —
אליין איך א דויפעק אין גאסן אף וואך

. . . .

אט קויקלט זיך איבער מיט נאכטישן הויקער
א קלויסטער.
און הער איך אין ברומען אין וויינעם:
„מע האט מיר מיין האנט דא
פארשאלטן, פארוואנדלט
אין שטאלענע שפיצן,
אין בלעכענעם ציילעם —
פאר שטילע פאר איינמאל געקייווערטע הויכן
שוין זאל איך צו פרישע צערודערטע גרונטן
קיינמאל ניט גרייכן...“
א הייכל,
דו נארע פאר שווערן, פאר כאלעלשן אויסשטיין,
א ציילעם,
דו גאלדענער בושעל,
וואס שטייט שוין פון דוירעס
מיט איין פוס פארהילטער,
מיט פליגל מיט גרייטע
און קאן זיך ניט שיידן
מיט קלויסטערשן פויסטל —

. . . .

איך קלעטער אף שטאפל
דעם גלאק דארט דערלאנגען
א גרויזאמער זאקן,
דו וועסט מיר נאך דאנקען ...
ער היינגט, ווי א שטיין אפן האלז דיר א שווערער.
ווער ווייסט דיך,
ווער האט נאך צענגלייך מיט געבוירן מיט דיינעם
געוואלט דיר דיין טויט שוין באשערן —
און ביסטו געוואקסן
מיט פעטליע אף גארגל דורך טויזנטער דוירעס.

ש. האלקין.

*

שטערן אף מיר, און אף זיי, און אף אלעמענס בלאנקען.
באטאג איז דאס מיידל אוועק אף דער ליכטיקער לאנקע.
קום איך צוגיין מיט נאכט: — א־האָ, מיידל, א־האָ!
ענטפערט דאס מיידל פון ווייט: — כ׳בין דא, כ׳בין דא
אף דער ליכטיקער לאנקע.

— מיידל, סע שטענדיקט מיין טאג אף די ראשיקע בריקן.
מיידל, מע גייט נאך מיט קלאנג אין געפאנגענע ליקן.
מיידל, מיט לויטערסטע בליקן דערפריי.
קרוין און באלוין מיך פאר מיר און פאר זיי,
פאר מיר און פאר זיי אין געפאנגענע ליקן.

ווערן די וועגן מיט שטערנשן רעגן באשאנקען.
פירט מיך דאס מיידל בא האנט אף דער ליכטיקער לאנקע.
צעשמייכלט זיך קינדערש פארפרוירענער ווייי.
נידערן שטערן פון הויכן אף מיר און אף זיי.
שטערן אף מיר, און אף זיי, און אף אלעמענס בלאנקען.

ע. פינינבערג.

ש. גאָדינער

נאַקעט.

טראַפּנווייס, טראַפּנווייס האָט געטריפט די צעגאָסענע גאַל פון געפּלאַצטן געדולד פון מענטשן, וואָס זיינען אין שנייאיקן פעלד געליגן פאַרמאָסטענע אַף שטאָט.

שווער און ווייטאַגלעך זיינען די טראָפּנס אַפן מויאַך פון אַן אַלטן אידן געפאַלן און ווי מיט שרויט דעם מאַרך אים געפּיקט:

—וואָס וועט דאָס זיין?

—וואָס וועט דאָס געשען?

גאַנצע טעג פלעגט ער, אַלטער איד מיט גרויען באַוואַקסענעם קאָפּ, אַן אויסגעמאַטערטער בא זיך אין כיידער שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און אַלץ נאָכטראַכטן:

—ווען קומען זיי פון די אָנגעפּעלצטע וועלדער?

—וואָס ברייגנען זיי מיט זיך?

און אַז עס פלעגט טרעפן אַ שווערערער טראָפּן אים אַפן מאַרך אַרויף, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און באַם קאָפּ זיך כאַפּן:

—איז שוין טאַקע איינג די ערד געוואָרן?

פאַרשניימע פעלדער מיט בלויען ליכט באַגאָסענע האָבן טמימעסדיק צו אים אין פענסטער אריינגעשיינט און גאָרניט אים ניט געזאָגט, און גאָרניט אים ניט דערציילט וואָס מענטשן ווילן, פאַרוואָס האָבן זיי זיך, ווי העזלאַך און פיקסלאַך אין שניי דאָרט, ערגעץ אין וועלדער זיך פאַרגראָבן און היטן אָפּ איינע די צווייטע און וואַרטן אויס און שלייפן ציין...

און, אַז ס'זיינען אָנגעלאָפן טעג אַזעלכע האַרטע און קורצע, מיט קוילן, וואָס האָבן אָן אופהער איבער די גאַסן זיך געלייגט, ווי האָגל, האָט ער זיך ד'ערטראַכט און ס'איז אים איינגעפאַלן:

—ס'איז שטאָט אין מיל־קויש אַריינגעפאַלן און אָט־אָט ווערט זי אַף שטויב צעריבן..

איז מיט ד'עם די מאַרע שבוירע אַראָפּ צו אים און ער האָט אַלץ פאַרלאָזט און פאַרגעסן, און אַ שטעגעלע דורך זייטיקע געסלאַך זיך אויסגעלייגט—צום שול און צוריק—און שאָען דאָרט פאַרבראַכט אַליין אין דער אַלטער שול און אַלץ נאָכגעטראַכט און אַלץ געמאָנט עפּעס באַ די שטומע ווענט.

און אין באַגינענס, אין ווינטערדיקע גרינע באַגינענס, באַרוטע און שטילע, אין מינוטן נאָכן קורצן און האַרטן אויסגעשריי, וואָס איז צו דער ערד צוגעפאַלן אַ צעשראָקענער, פלעגט ער אין זיין צימער אַ קורצע טרייסט פון שטומע ווענט געפינען, און פאַרציטערטע שטילקייט פלעגט מיט בלינדע פינגער קאַלטע שויבן פון דרויסן טאַפּן, און ער פלעגט מיט פרייד אַהין צופאַלן, זוכן יענעם אויראַך,

וואָס טאַפּט די פענסטער זײַנע און כאַפּן אין אויג דעם שוואַרצן פלעק פון אײַנגעהויקערטער שול אין טונקל־גרינעם פאַרב פון ווינטערדיקן פרימאָרגן, און פרייען זיך מיט איר און מיטן דרויסן:

— זעכטו, ווי שטיל עס איז...

און—

אַלע טאָג פלעגט ער מיט שרעק גלײַך צוריק פון פענסטער אָפּשפּרינגען און פון דערווייטנס נאָכקוקן יענעם ווייסן מייזעלע, וואָס לויפט איבערן הימל און שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע קעגן זײַן פענסטער...

און אַז די ערשטע שרעק פלעגט אַריבער, פלעגט ער שוין קלאָר זען, ווי פאַרשייטע מענטשן אין אָנגעפּעלצטע וועלדער שיסן שטום פון דער פאַרבאָרגענער ווייט מיט העלן ליכט אין טונקל־גרינעם הימל אַרײַן. ליכט פאַלט פון דאָרט אַף דרערד און מאַפּט און זוכט די ווענט, בויגט זיך צום שנײ אַראָפּ, לעקט אים און בעט באַ אים אַן אײַנגאַנג אין שטאָט אַרײַן. נאָר אין אַ מינוט אַרום, אַז עס פלעגט זיך ווידער אָפּשטעלן קעגן זײַן פענסטער, אויג אַף אויג מיט אים, פלעגט אים אַ גרויל אָנכאַפּן און עס פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז אַן אים הייגט עס אָפּ, אַז ליכט בעט זיך באַ אים, ער זאָל דעם אײַנגאַנג אין שטאָט ווײַזן. פלעגט ער מיט דער מאַכשאָווע נאָכן העלן פּינטל אַוועק, אים אין שטאָט ברענגען און פאַרזשמורען די אויגן פון העלישן ליכט, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל איבערן שטאָט צעגאָסן... און אַז ער פלעגט זיך כאַפּן, אין אַ רעגע אַרום, אין טונקעלן פרימאָרגן, אַליין אין זײַן ביידער, פלעגט ער, קינדיש, פון שרעק, אַנטלויפן פון דאָרט אין דריטן ביידער אַרײַן און אָפּשטעלן זיך באַם בעט פון שלאָפנדיקער טאָכטער און שטיין און וואַרטן אַף עפּעס. און אַז יענע פלעגט אַ פאַרציטערטע אופכאַפּנדיק זיך, מיט די קאָלירטע נעגל אין קישעלע זיך אײַנבייסן, אין קישעלע, וואו דאָס צירונג אירס איז געלעגן באַהאַלטן, פלעגט אים מיט אַמאָל אַן איבלענגדיקער גלײַכגילט צו אַליז באַפאַלן און אומעטיק פלעגט דאָס אים ווערן צו שטיין אַטאַ דאָ, אין טאָכטערס אַלקיר און קוקן, ווי זי גייט אויס פאַר שרעק פון צונעמען באַ איר דאָס ביסל גוטס. פלעגט ער, אָן אַ וואָרט, צוריק אַרויס פון דאָרטן, צוריק צו זיך, צום פענסטער, וואו אַזאַ גרויסע פּירקאַנטיקע שטיק גרינער הימל האָט זיך געזען, וואו ווייסע מייזעלע שפּרינגט אַרום און שטעלט זיך אָפּ יעדע ווײַלע, אַף אַ רעגע, אויג אַף אויג מיט אים...

— — — — — — — —

אַלע טאָג פלעגן צום אַלטן אין שטוב אידן זיך זאַמלען און די זאַך אַרומריידן.

שפּיציקע בערדלאַך מיט ברילן אַף די נעזער, מיט פאַרטרוקנטן שוים אין די ליפּן־ווינקלען פלעגן, טרייסטנדיק זיך, טײַנען:

—ס'איז שוין ניט קיין געפאַר, מען וועט זיי אָפּטרײַבן פון דאַנען און—אַנעק נאָר אַנדערע פלעגן הענט ברעכן:

—ראַכמאָנע ליצלאָן—אויב פאַרקערט... די ווייסע האָבן צוגעזאָגט די שטאָט אָפּראַמען...

—מיט דער ערד אויסגלײַכן.

—אַף נאָקעט.

און אַז זיי פלעגן זען, ווי אַלטער זיצט און קלאַפּט שטיל מיט די פינגער אין שויב, פלעגן זיי צו אים צופאַלן און בעטן:

—רעב אַלטער־בער, איר קאָנט העלפן!

פלעגט ער אומדרייען צו זיי דעם קאָפּ און לאַנג זיי אָנקוקן און אויסהערן ווי מים הינטער וועגלאַך און זייטיקע רייד גיבן זיי אים צו דערקלערן מיט וואָס ער קאָן זיי העלפן. און שטיל אינוויינעק שמייכלען צו זיך אַליין:

—שוטים! עס גייט זיי נאָר אָן דעם, אַז זייער ביסל גוטס זאָל פאַרהיט ווערן.

און אַז מען פלעגט צו אים צופאַלן און אים אין אויער איינרוימען:

—ער, דער בלינד־אויגל... ער האָט צוגעזאָגט...

—עס וועגט זיך נאָר אָן אייך.

פלעגט ער זיך דערשרעקן און שטוינען.

—האַ?... איך?... אָן מיר וועגט זיך עס?

— — — — — — — — — —

מ'איז געזעסן אַזוי, אַמאָל, און געטראַכט וועך וואָלט עס געקאָנט שטאָט־לייט העלפן. איז פון צווייטן ביידער אריין דאָס מיידל, די טאָכטער זיינע, און זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל אויפן דיוואַן. האָט ער זי לאַנג און שטום אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אָן אַן אַלטן כייפעץ וועלכן מען האָט אַמאָל אין שטוב געבראַכט און לאַנג פאַרגעסן אָן אים. און איצט איז ער ווידער פאַר די אויגן געקומען, און געוואונדערט זיך, וואָס אים אַרט ניט, וואָס זי רעדט מיט אים גאַנצע טעג קיין וואָרט ניט אויס. האָט ער געקוקט אויף אירע שמאַרק אָנגעפאַרבטע ליפּן און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי פאַרנעמט זיך בא זיך אין ביידער מיט אַזעלכע זאַכן, וועלכע מען טוט בא פאַרשלאָסענע טירן... אָט איצט האָט זי געמוזט נאָר וואָס פון אַ גלאָז בלוט זיך אָפּרייסן און דעריבער זיינען דאָס די ליפּן בא איר אַזוי גלאַנציק־פעט און שרעקנדיק־רויט, און דעריבער האָט זי דאָס פאַר קיינעם קיין מוירע ניט און זאַמלט פון אַ גאַנצער שטאָט גוטס בא זיך באַהאַלטן... צוזאַמען מיט איר איז געזעסן אַ פאַרשוין מיט אַ געשטופּלטן פּאָנים, מיט אַ בלינדן אויגל און רויטן ציילעמל אויפן היטל. מיטן בלינדן אויגל האָט ער געהאַלטן אין איין פינטלען און דאָס מיידל האָט פיבערנדיק אויפן דיוואַן זיך אונטערגעהויבן און נידערגעזעצט אַזוי לאַנג ביז זי האָט די ליפּעלאַך צונויפגעצויגן און אַלע זיינען געבליבן ווי געפּלעפּט און ווי שולדיקע, שטיל זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

איז געבליבן אַלטער איך אַליין מיט זיי, מיט, באַהאַלטענע אין זיך, פרעמדע מענטשן. האָט זיך בלינד־אויגל גענטער צום מיידל צוגעזעצט, הינטערוויילעכס, מיטן איינציקן אויגל, טיף צו איר אין אָפּענעם בוזעם זיך פאַרקוקט און מיטן בלינדן—קעסיידער געפּינטלט:

—ער דאַרף עס גאָר ניט... מען וועט קיינעם דאָ ניט רירן... ער איז אַ רויטער־ציילעמניק, אַן אינוואַליד און...

און נידעריקער צו איר זיך אַריבערגעבויגן, אין אויער שטיל און לאַנג עפּעס אַריינגערעט, אויער אונטערגעשמעלט, מיטן בלינדן אויגל געפּינטלט ענטפער אויסהערנדיק און זיסן שמייכעלע צווישן שטופּלען אויפן פּאָנים פאַנאַדערגעגאָסן...

האָט אַלטער איר זיך אופגעהויבן און שטיל צו זיך אין ביידער אַוועק

און געטראכט, אז אַט זיי צווייען וואָס זיצן און סוידען זיך איצט, אידלאַך, וואָס האָבן עפּעס געוואָלט פֿון אים, יענע וואָס ליגן אין די ווייסע פּעלדער— אַלע, אַלע וויסן וואָס און פאַרוואָס עס קומט פֿאַר ארום שטאָט און וואָס דאַרף זיין. און נאָר ער איינער פאַרשטייט ניט און נאָר ער איינער קאָן זיך ניט באַפֿן, וואָס געשעט עס דאָ. האָט מיט אַמאָל אים אַ גאַנצע כוואַליע פּאַרגאָסן און ער האָט זיך פאַרכלינעט און פאַרשטיקט אין איר:

—וואָלט איך וויסן וואָס דאָ קומט פֿאַר!...

— — — — — — — —

נאָך לאַנג זיצן, אַמאָל, אויג אַף אויג מיטן וויסן מייזל, נאָך שווער־פֿאַר־פּלאָנטערטן נאָכטראַכטן איבער מעגושעמדיקער פֿארהוילטקייט פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט פאַרלאַנגען זייערע אין שנייאיקע וועלדער פאַרפּעלצט און פֿאַר־באַהאַלטן—האָט אַלטער איד באַשלאָסן:

—ווי באַלד אַז עס ווענט זיך אָן אים, ווי באַלד אַז מען באַדאַרף נאָך אַף עפּעס האָבן דאָס ביסל גוטס וואָס טאָכטער האָט, ווי אַ מויז, אין לעבער צעשלעפּט, אָט די שנירעלאַך און רינגעלאַך מיט וועלכע עס קומען צו אים אַלע טאָג אידן, וועט ער עס אַף צולהאַכים ניט טאָן און וועט ווייטער, אַלע נאַכט, אויג אַף אויג מיט וויים מייזל בלייבן און נאָכקוקן איר און זען וואָס וועט דאָס דאָ זיין.

און ס'איז אים איינגעפאַלן אַ קוק צו טון און זען וואָס טוען זיי איצט אין צווייטן ביידער, וואָס טוט ערשט טאָכטער מיט בלינד־אויגל. האָט ער שליסל־לאָך מיטן אויג פאַרדעקט און געזעען:

די טאָכטער זיינע, אָט דאָס מיידל מיט די רויטע ליפּעלאַך, זיצט מיט אַן אופגעדעקטער פּוס און באַווייזט דעם פאַרשווינדל מיטן בלינדן אויגל און איי־צעט זיך מיט אים, ווי אַזוי זי וועט די צירונג פֿאַר זאָקן־בענדלאַך טראָגן. גלעט איר בלינד־אויגל איבערן נאַקעטן קני און טייגעט:

—אַז ער איז אין אַלץ זיכער...

נעמט מיידל אָן מיט די הענט געשטופּלטן פּאַנים און בויגט אים אַראָפּ, נידעריק און נידעריקער, צום נאַקעטן קני אַראָפּ און בלינד־אויגל קושט איר אהין און מיידל לאַכט און דרייט זיך:

—אַ גוט אָרט געפונען, אַ?

איז ער שמיל צו זיי אין ביידער אריין, צו טאָכטער צו, מיט צוויי פינגער דאָס קלייד אופגעהויבן און עפּעס אַזוי רואיק אַרומגעקוקט:

—האָסטו, הייסט עס, אַ גוטן אָרט געפונען, אַ?

און אין די הויפּנם האָט די הויט אָנגעהויבן זידן, ווי עס וואָלט מיט נאָדלען געוועון פאַרשטאָכן... האָט ער זיך נענטער צו טאָכטער גערוקט... האָט בלינדער אויגל גיך־גיך געפּינטלט, און זעענדיקער—שפּיציק אַלטן נאָכגעפאַרשט און געשטופּלטער פּאָנים האָט געשמייכלט:

—אַז איך קאָוויר...

און מיט האַנט מיידלס קני געגלעט און מיידל פֿון אַלטן פאַרשטעלט:

—דאָס בעסטע אָרט...

איז נעענטער אַלטער צו זיי צוגעגאַנגען און געגרייט זיך עפּעס טון. האָט בלינד־אויגל, פּלינק, הינטער זיך, טיף אין דיוואַן מיידל באַהאַלטן און עפּעס

אַפּגעוואָרט. האָט אַלטער זיך אויסגעדרייט און אוועק, און שטיל פאַר זיך געטראַכט:

—שטאָט וועט שוין אַזוי מיט רויך אוועק...

און אַז ער איז שוין געווען בײַ זיך און האָט מיט אַמאָל דערזען אין גרינעם פענסטער דאָס ווייסע מייזעלע שפּרינגענדיק איבערן הימל האָט אים אַ ווילדע פרייד אַרומגעכאַפּט און ער האָט עס נאָכגעשפּירט און נאָכגעקוקט:

—זעסטו, ווי פלינק עס איז...

און האָט זיך דערמאָנט:

—אַף נאַקעט, האָבן זיי געזאָגט, אַף נאַקעט...

— — — — — — — —

דאָס אַליין איז געשען שפּעטער, האַרט פאַרן אַפּנעמען די שטאָט.

פריער האָבן זיך געשלעפּט מאַכנעם הויקערדיקע טעג.

מאַכנעם הויקערדיקע טעג, ווי אַפּגעריסענע בעטלער האָבן דורכן שטאָט זיך געשלעפּט. יעדערער פון זיי האָט מיט זיך אַ טאָרבע צעניזעקטע יעדיעס אין שטאָט אַריין געבראַכט און אַפן מאַרק זי אויסגעשאָטן. האָבן שטאָטישע מענטשן, ווי הונגעריקע הענער קערנדלאַך, די צעניזעקטע יעדיעס געקליבן און זיך געוואָרגן מיט זיי.

גייט אַריין, אַמאָל, אין שטאָט, אַ טאָג אַזאַ נידעריקער, אַ בעטלער אַ צוויי־הויקערדיקער, שלעפּט אַראָפּ פון זיך די טאָרבע, זעצט זיך אַפן מיטן מאַרק אַנידער און זיצט אַפּ דאָרט אַ פּאָר שאָ און שאָקלט צו מיטן איינגעוואָקסענעם קאָפּ אין די הויקערדיקע פּלייצעס אַריין, שאָקלט צו אַף יאָ און אַף ניין.

פרעגן שטאָטישע בײַ אַזאַ מין מעראַגל וואָס וועט מיט שטאָט און איידע זיין אויב די ווייסע וועלן דאַרפן אוועק, שאָקלט ער צו מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ:

—זיי וועלן טאָן, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט.

—קיין שטיין אַפן אָרט ניט לאָזן?

—אַף נאַקעט אַפּראַמען.

אַ טאָג אַזאַ, אַ הויקער אַזאַ האָט זיינס אין קורצער צייט אַפּגעטאָן, זיין שליכעם אויסגעפּילט, פון מאַרק זיך אופגעהויבן, שטאָט אַדורך און אוועק.

האָבן וואָכעס צו וועגט זיך אַפּגעדרייט און בערד און פּענימער אַהין פּאַרוקט און מאַמעס האָבן קעפּ אין פאַרטוכער געוויקלט און קינדערס פרייד איז מיט טאַטע־מאַמעס אומעט צעמישט און פאַרסאַמט געוואָרן, און דערשטיקטע יעלאָלעס האָבן הינטער סטעליעס זיך געטראָגן, ווי שטאַרבנדיקע פויגל מיט איבערגעבראָכענע פליגל אין ווענט און סטעליע געפּאַטשט, און אויסגאַנג געזוכט און ניט געפינענדיק שטיל אַפּגעשטאָרבן דאָרט.

און אַ טאָג אַ צווייטער איז אין שטאָט אַריין, אַ טאָג אַ צעביילטער, ווי אַ צעהאַרגעטער גאַסן הונט, מיט רויט־געשוואָלענע אויגן...

און אַ טאָג אַ דריטער... אַ פערטער...

אַ גאַנצע מאַכנע קרוע־בלועדיקע בעטלער־טעג, אַפּגעריסענע און פאַרפינסטערטע, מיט פולע טאָרבעס צעניזעקטע יעדיעס.

אַלטער־בער האָט אַלע זיינע כאַראַרים גוט אַרומגעקוקט, יעדער כייפעץ פון דאָס ניי באַטראַכט, ווי ער וואָלט דאָס ערשט אין שטוב געבראַכט, און אַז עס איז אים שווער געוואָרן, אַז עס איז אים איינג געוואָרן אין די אָנגעשטעלטע צימערן זיינע, האָט ער שטיל זיך אָנגעטאָן, שטעקן פון ווינקל גענומען און אין גאַס אַרויס.

גאַסן זיינען פול געווען. מענטשן האָבן זיך געדרייט הין און הער, פאַר־נומענע און איילנדיקע, און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט:

— ס'ליגט די שטאָט אין מיל־קויש...

— ס'ליגט די שטאָט אין מילקויש און מענטשעלאַך — קערנדלאַך אין קויש... מענטשעלאַך איילן און לויפן און דרייען זיך און ווילן ניט צווישן מיל־שטיינער פאַלן און ווילן ניט אַף שטויב צעריבן ווערן.

אַלע טעג זיינען שטאָט דורך און אַוועק. מענטשן קאָנען ניט אַזוי שטאָט דורך און ווייטער גיין. אין ווייסע פעלדער אַרום שטאָט האָבן מענטשן זיך אויסגעלייגט, מענטשן מיט געפּלאַצטן גדולה. ליגן זיי דאָרט, ווי צערייצטע בערן און לאָזן קיינעם אין שטאָט ניט אַריין און לאָזן קיינעם פון שטאָט ניט אַרויס...

האָט אַלטער־בער איבער שטאָטישע גאַסן מיט זיין שמאָלן טראָט געשפּאַנט און ווידער אַמאָל געזעען:

—ער קאָווירט... איבער טאָכטערס נאַקעטע קניען גליטשן זיך פינגער פון אַ מיעסער בריע... ווי ווייסע מיסט־ווערים קריכן זיי דאָרט...

— שטומע שול שטייט איינגעהויקערט און קוקט אַף אַלץ מיט בלינדע אויגן פון גרינע שויבן, קוקט אויוור־באַטלדיק אַלט.

און ער האָט גוט געוואוסט:

—איצט, ווען זיי זיינען אַליין אין אַלע צימערן, פאַרשליסן זיי אַלע טירן און קוקן איבער יעדער כייפעץ, און בלינד־אויגל שאַצט און טאָכטער פרייט זיך מיטן גוטס און מיט דעם, וואָס בלינד־אויגל טיינעט איין:

— אַלץ וועט זיין גאַנץ...

האָט ער זיך אויסגעדרייט און צום שטוב אַוועק:

— ער וועט זיך אויסטון פון זיי... ער וועט זיי אַרויסטרייבן, דאָס גוטס מיטן רויך לאָזן און זען, ווי וועט ער דאָס אויסזען אַליין, אַ נאַקעטער...

האָט ער אָבער דערזען פענסטער פון זיין שטוב כאַסענעדיק־העל באַלויכ־טענע... האָט ער אָבער אַף אויער אופגעכאַפּט שויבן קלינגענדיקע מיט שיקערן געדויש פון אינווייניק, איז ער אַהין אינגאַנצן צוגעפאַלן און געזעען:

טאָכטער אין העלן זיידענעם קלייד מיט נאַקעטע פּלייצעס און הענט איז ביים קלאַוויר געזעסן. זאַל איז מיט ליכט געווען באַגאָסן. גלענצנדיקער דיל האָט זיך אונטער פיס מיט לאַקירטע שטיוול אין שפּאָרן געגליטשט און ווייך געקלונגען. קליינע לאַקירטע שיכעלאַך מיט שפּיציקע נעזלאַך האָבן צווישן נע־זער פון אָפּיצערן־שטיוול זיך געפּלאָכטן און געדרייט... פּענימער זיינען ווי מאַס־קעס געווען, מאַסקעס אָפּגעקאַלכטע און שמייכלענדיקע ניט פון פרייד, נאָר פון ליידיקייט און טויט, וואָס ליגט הינטער שטענדיק שמייכלענדיקע מאַסקעס באַ־

האַלטן... ס'איז אַ טאַנץ אַזאַ געגאַנגען אין ווייסן זאַל אין זיינעם... בלינד־אויגל האָט אויך געטאַנצט און געשטופּלטער פּאָנים האָט פון ווייסן וועש אין שוואַרצן ראָק אַרויסגעקיקט, ווי אַ וואָרים וואָס איז פון בלאָטע אַרויסגעקראָכן. און אַז עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאַנץ האָט ער געזען ווי בלינד־אויגל בויגט זיך, באַם קלאַוויר, איבער טאָכטער אַריבער און רוימט איר עפּעס איין אין אויער... האָט ער געזען שפּעטער אַ ווײַלע ווי טאָכטער הויבט זיך אויף, גייט אַלעמען אַנטקעגן, שפּרייט אין די זייטן און אין דערהויך די הענט אויס און וויקלט אַ רייצנדיקן שמייכעלע אויף די רויטע ליפּעלאַך:

— היינט טאַנץ איך.

און שטילער צוגעגעבן:

—היינט — מיט אַלעמען.

ער האָט זיך געפונען אַ שטיק אין נאַכט, אויף איין אָרט, אַרום שול זיך דרייענדיק. האָט ער זיך פאַרוואונדערט, אין שול דאַך אַריין, אַנטקעגן פענסטער זיך געזעצט אין מיט ווייסן מייזעלע אין גרינעם הימל, אויג אויף אויג פאַרבליבן...

אין שנייאיקן פעלד אַרום שטאָט האָט זיך גאַרניט געביטן. מיט גראָען טאָג איז ווייסע מייזעלע פון הימל פאַרמעקט געוואָרן. מיט שפּעטן טאָג איז אַלטער בער אַהיים געקומען און באַ זיך אין כיידער זיך פאַרשלאָסן.

שפּעטער טאָג האָט זיך געוואָרגט מיט שטילקייט פון שווער־פאַרהאַנגענע צימערן.

אַלטער איד האָט געזען, ווי מיט שפּעטן טאָג שלייכט זיך בלינד־אויגל פון טאָכטערס אַלקיר אַרויס, אַן אומגעוואַשענער און צעקנייטשטער, ווי אַ שטיקל ברודיק וועש... שלייכט זיך אַרויס, ווי אַ שטונ־גאַנעוו און פאַרשווינט דורך זייטיקע געסלאַך.

האָבן זיך ביי אים פיס אונטערגעבראָכן און אין האַרץ איז אים איינג געוואָרן, געדאַכט זיך אַז ניט האַרץ, נאָר אַ געפּאַנגענע, פאַרוואונדעטע פויגל קלאַפּט זיך דאָרט מיט צעריסענע פליגל און ווייל אויף דער פריי אַרויס...

האָט ער זיך שטיל אין אַ ווינקל פאַרוקט און, ווי אַ קינד זיך אויסגע־וויינט:

— וואָס נאָך בלייבט מיר דען?

ס'האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט אין אַ גלויען פאַרנאַכט, אַמאָל, אין זיין אָפּגעשלאָסענעם כיידער זיין טאָכטער געפונען. זי האָט זיך ווידעראַמאָל די זאַקן־בענדלעך מיט דאָס צירונג אויף די פיס געמאָסטן, זי האָט זיך ניט אויפ־געכאַפּט ווען ער איז אַריין און רואיק צו און אָפּגעקנעפּלט די זאַקן בענדלאַך און די רויטע ליפּעלאַך האָבן זיך באַוועגט און עפּעס געשמייכלט פאַר זיך. איז ער אַרום איר אַרומגעגאַנגען, אַ ווײַלע איר אין די אויגן אַריינגעקוקט און מיט אַמאָל האָט ער דערפילט, אַז עס שטיקט אים, אַז עס איז אים איינג דאָ און ליפּט פעלט אויס, האָט ער פון גאַנצן האַרצן איר אין פּאָנים אָנגעשפּיגן, פון כיידער אַרויסגעטריבן און זיך פאַרשלאָסן.

דאָס מיידל האָט זיך מיט די הענט פאַרן פּאָנים אָנגעכאַפּט און אַז זי האָט דערפילט די שוימיקע פליסיקייט אַף די שפּיצן פינגער אירע איז זי צום שפּיגל צו, ריין זיך אָפּגעווישט, צוגעפאַרבט די אויבערשטע ליפּ וואָס איז פון שפּייעכץ בלאַסער געוואָרן און ראַכמאָנעס געקראָגן אַפן אַלטן אידן וואָס איז אויווער באָטל געוואָרן.

איין מינוט נאָר אַזעלכע איז צו אים געקומען, אַ פאַרבלאָנדזשעטע מינוט פון פאַרגאַנגענע יאָרן. אַ מינוט אַזאַ האָט זיך צו אים מיטן פּאָנים אויסגעדרייט און אין אויער איינגערוימט:

ביסט פון זינען אַראָפּ.

אָפּגעזאָגט און אַוועק, אויסגעלאָשן זיך ווי אַ פונק אין אַ שטורעם־ווינט.

.3

הויקערדיקע טעג פון צעברעקלטע, ווינטערדיקע כאַדאָשים האָבן זיך צעבויפגעקלעפּט אין איין גרויסן קאַליקע טאָג און באַם שלאָג־בוים, הינטערן שטאָט, ווי אַ טאַם שטיין געבליבן און ניט געוואוסט וואָס צו טון און ניט געוואוסט וואוהין ווייטער צו גיין.

פון שנייאיקע פעלדער אַרום שטאָט זיינען גראָע מענטשן זיך צוזאַמענגעקומען און אַפן שוועל פון שטאָט שטיין געבליבן און אַף עפּעס אָפּגעוואַרט. און נאָר ווייט, עוגעץ וואו אַף אַ פאַרוואָרפן שטעגל איז איינער, אַ פאַרכאַלעשטער מענטש געלעגן און אין שווערע ביינקשאַפט לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען. אין ביינקשאַפט נאָך פאַרלוירענע האָפענונג, ווען עס איז, צום שטאָט זיך דערלאַנגען. און אַפן פעלד, אַף שנייאיקער ווייסקייט האָט זיין פאַרפרוינער, אין בלוט און בלאָטע פאַרשמירטער פוס־באַנד, ווי אַ הונטישער ביין זיך געוואַלגערט, געפרוירן, אָפּגעגאַנגען און ווידער געפרוירן, און קיינער האָט ניט געפרעגט און קיינער האָט ניט געזוכט דעם פוס, וואָס איז מיטן באַנד פאַרבונדן...

איז געשטאַנען שטאָט מיט שרעק פאַרשטיקטער אין הייזער און הייזעריק זיך געוויאָרגן און נאָר זעלטן ווען אַ פּאָר קוילן אין שנייאיקער ווייסקייט פון אַרום אַרויסגעשפּיגן.

איז געקומען פון ליכטיקן, שנייאיקן פעלד אַ טאָג, דער לעצטער טאָג פון כאַדאָשים צעפּיצלטע און רויטע, רעציכעדיקע פּעגימער האָבן אין שטאָט זיך געזאַמלט, איבערן שטאָט זיך צעזייט, איבער גאַסן און קראָמען, איבער הייזער און שטיבער און אין גראָען פאַרנאַכט האָבן זיי רויטע פאַקעלן פון דעכער געצונדן, און אין שווערן ייעש האָבן זיי טירן און פענסטער געבראָכן, פאַרשטיקטע הינטער סטעליעס, יעלאָלעס, ווי צעפּליקטע בעטגעוואַנט אַף גאַסן אַרויסגעוואָרפן, אָפּגעקילטע, פאַרגליווערטע פון שרעק, טונקל־רויטע בלוט געלאָזן און געפרייט זיך מיט דער שוואַרצקייט זייערער אַף זויבערן שניי...

האָט זיך גערירט דער טאַם פון שלאָג־בוים און האָט לאָשן באַקומען, לידער שיקערע געזונגען, צונטער אין די אויגן געטראָגן און געמאָנט רו...

אין אַ ווינקל ביידער, מיט צעפּאַטלטע האָר מיט אַ צעריסן קאַפּטל און

אָפּענער ברוסט, מיט רויט־פאַרשמאַכטע ליפּן איז אַ מיידל געלעגן.. צווייען אין גראָען אַנגעטאָן, מיט רויטע פלאַמענדיקע פּענימער, מיט אויסגעשטשירעטע ציין, צווייען מיט ביקסן באַלאַדענע, צווייען אין ווילדער לוסט ברענענדיקע, צוויי אַזעלכע פון ייעש משוגע־געוואָרענע זיינען געשטאַנען און האָבן זי אָנגע־קוקט...

האָט איינער זיך געריסן צו איר מיט אופגעריסענעם מויל ציינער, מיט אופגעהויבענער אויבערשטער ליפּ—האָט דער צווייטער אים פאַרהאַלטן:

— וואַרט.. אין כאַלאָשעס איז עס ווי אַ שמאַטע...

און האָט זי שפּעטער אַ רעגע די אויגן אופגעמאַכט, האָבן זיך ביידע מיט אַמאָל געריסן צו איר, האָט יעדערער פון זיי דער ערשטער געוואָלט בייקומען זי, האָט זיך ביינער־פּלאַקער זייערער אין איין רעגע אָנגעצונדן, און זיי האָבן געשטופּט און געשטויסן איינער דעם אַנדערן:

— וואַרט... איך...

— איך...

— איך האָב דיר זי באַוויזן...

האָבן זיי אַ מינוט געקוקט איינע אַף די אַנדערע, געקוקט אין ווילדער סינע און האַס און פּלוצים האָט זיך איינער אָנגערופן:

— נעם דיר דאָס גאַנצע געלט...

איז אַ ווײַלע יענער געשטאַנען און געטראַכט און ניט געוואוסט וואָס בע־טער איז. נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצוטראַכטן, האָט אים פאַר די אויגן עפּעס אַ וויים און דורכזיכטיקס אַף אַ נאַקעטן פוס אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן אַזוי, אַז ס׳האָט אים דעם קאָפּ און די געהירן צעמישט... האָט ער אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ קאַץ אַפּן כאַוער זייגעם, פון נאַקעטן פוס און גע־כאַלעשטן קערפּער אַפּגעריסן, איבערן קאָפּ אים אופגעהויבן און אַף דער ערד אין צווייטן ווינקל אַנידערגעזעצט. אַנידערגעזעצט אַפּן קאָפּ, אַנידערגעזעצט אַף בלייבן זיצן...

איז יענער געבליבן זיצן אַ ווײַלע אַפּן צעשמעטערטן קאָפּ זיינעם, מיטן רוקן אָן וואַנט אָנגעשפּאַרט און דערנאָך, פּאַמעלעך זיך אויסגעגלימושט און אויסגעצויגן זיך מיטן בלאַ־געוואָרענעם פּאָנים אַרויף, צום סטעליע צו, אַ וואָרף געטאָן זיך, ווי ער וואָלט אופשטיין זיך געקליבן און בלינד פאַרקוקט זיך מיט די פאַרגלעזערטע אויגן. און אַז זי האָט ווידער די אויגן אופגעעפנט און ער האָט פּאַמעלעך, מיט גוטע לאַסקעלאַך צו איר זיך געגליטשט, איז אים פּלוצים דאָס באַשעפעניש מיטן בלינדן אויגל פאַר די אויגן אויסגעוואַקסן, מיט ביקס אין האַנט, מיט רויטן ציילעמל אַפּן היטל. מיטן שפּיז האָט ער אים דעם וועג פאַרצאָמט און איבער איר קאָפּ געוויזן:

— זעסטו אין וואָסער שטוב דו ביסט?

און פלינק אַ ציילעמל איר אַפּן האַלז אַרופגעוואָרפן.

און אַז ער האָט דערזען אין צווייטן ווינקל דעם מיט די פאַרגלאָצטע אויגן צו סטעליע־צו, איז ער מיט אָנגעשטעלטן שפּיז און פאַרשניצטן בליק אין איינציקן אויגל געקראָכן אַף אים, געקראָכן ביז ער האָט אים פון שטוב

אַרויסבאַגלייט און אין הויך, מיט אַנגעשטעלטן שפּיז אַף בויך האָט ער אויס־געשריען:

— אַנטלויף!

— —

איבער שטאָטישע גאַסן און פּלעצער האָבן פון הייזער אַרויסגעוואָרפענע יעלאָלעם זיך צעוויקלט און, ווי רויך, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און צום הימל אַוועק...

— —

בלינד־אויגל האָט דאָס מיידל אָפּגעמונטערט, אָפּן דיוואַן אָפּגעטראָגן, און ביידע גאַקעטע ברוסטן פּעטע קושן געגעבן און איינגעבעטן זיך בײַ איר:

— איין מינוט... אַ רעגעלע, ניט מער...

— —

אַלטער איד האָט דורכן פענסטער געזען, ווי זיי האָבן ביידע גיך געשפּאַנט צו די גויאישע גאַסן צו. בײַם בלינד־אויגל אין האַנט איז אַ מאַרק־קוישל געווען מיט גרינס ב׳יז אַריבערן ראַנד פאַרפולט...

אַלטער־בער האָט געוואוסט, אונטערן גרינס ליגט די צירונג אירע בײַהאַלטן.

אַלץ האָט ער געזען, אַלטער־בער און אַלץ האָט זיך בײַ אים פאַרריגלט און פאַרשלאָסן אין איין פאַרמאַכטן אייזערנעם דרייעק:

— אַלץ אַף נאַקעט!

— —

שפּעטער איז מער גאָרניט געשען. אין טונקל־בלויער נאַכט נאָר האָבן העל־לישע רויכן זיך צעוויקלט און ווייט אין הימל אַריין פולע הויפנס האַלעוועשקעס און גאַנצע סנאָפּן פונקען געשאָטן. אומעטום איז אַלטער־בער געווען און מיט היסלאַוועס אַלעמען דערציילט:

— אַלץ ט׳זיך אַנגענומען...

אומעטום האָט ער געהאָלפן ראַטעווען און דאָס גאַנצע אָפּגעראַטעוועטע צו זיך געשלעפּט, צו זיין שטוב, און אַהין אין פייער דאָס געוואָרפן. און אַז ער האָט בײַם שול דעם אַלטן שאַמעס געטראָפן, ווי יענער האָט זיך מיט אַ גע־סמאַליעטן סייפער פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט, האָט ער עס בײַ אים פון די הענט אַרויסגעריסן, אין רעכטן מיטן פלאַם צוריקגעוואָרפן און מוסערדיק זיך אויס־געבייזערט:

— שויטע...

און האָט אָקעגן איבער צו זיין שטוב אַוועקגעפירט און געוויזן:

— זעסטו?

און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אַלץ אַף נאַקעט, שויטע איינער...

4

ס׳איז צו פּריליגג געגאַנגען.

צעטראָטענער שניי איז פון סריפּע און פון יונגער זון צערונען געוואָרן און צעגאַנגען, און גאַסן שוואַרצע אָפּגעדעקט, און אין רינשטאָק זיך געזאַמלט, און

געלאָפֿן איילנדיק אַראָפּ, צום טײַכל צו און דאָרט ערשט זיך פֿאַנאַנדערגעשפּילט ווי עס באַדאַרף צו זײַן און דאָרט ערשט זייער יונגן געלעכטער האָפֿערדיק פֿאַנאַנדערגעשאָטן איבער טײַכל און איבער אָפּגעדעקטע וועלדער און פֿעלדער.

ס'איז צו פֿרילינג געגאַנגען און ס'איז נאָך עפּעס געבליבן אין שטאָט. שוואַרץ־פֿאַררויכערטע ווענט פֿון מויערן אָן דעכער, מיט פֿענסטער, ווי לעכער פֿון אַרויסגעריסענע אויגן זײַנען דאָך געבליבן. האָט מען אַף גיך אַ פּאָר ראַמען אַהין פֿאַרגלאָזט, אַ פּאָר טישן אין די נאַדאָרים צעשטעלט, עטלעכע בויגנס פּאַפּיר אויסגעשפּרייט און יונגע מענטשן מיט פֿאַרשאַרפֿטע בליקן אין די אויגן, אין געלע פֿעלצלאַך מיט געווער בײַ דער זײַט, אַף די רימענס, האָבן מיט דריידלאַך, איילנדיק, פּאַפּירלאַך דאָרט אונטערגעשריבן. און אָפֿן שפּיץ, דרויסן, אָפֿן פֿלאַגשטאָק האָט מען אַ רויט שטיקל טוך אופֿגעהאַנגען און ס'האָט רײַסנדיק זיך אין דער ווײַט, געפֿלאַטערט איבער שטאָט, געפֿלאַטערט ליכטיקע טעג אַנטקעגן...

יאָ. ס'איז נאָך עפּעס געבליבן אין שטאָט.

הינטער פֿאַרהאַקטע מיט ברעטלאַך טירן, צווישן נאַקעטע ווענט איז אַ פֿאַרטראָגענער צלטער־בער געלעגן און האָט געזען, ווי אַקעגן איבער קומען זיך אידן צונויף און ריידן לאַנג און אַמפּערן זיך שטאַרק און געפֿינען אויס:

— ס'איז ריכטיק, וואָס דער שאַמעס האָט דערציילט און אַזאַ איינעם, וואָס איז קאָל־יאָמאָוו אַ איש כאָסיד געווען און אַף דער עלטער נאָר אַזוי שווער געשטראָפֿט געוואָרן, אַזאַ איינעם טאָר מען פֿון דער אײַדע ניט אָפּלאָזן, אַזאַ איינעם מוז מען צו דער אײַדע צוריק אומקערן.

און אַ מיניען בערד האָט ער געזען, טרייסלען זיך און ליאַרעמען:

— מאַלקעם, מאַלקעם קומט אים...

האָט ער זיך אופֿגעהויבן, גראָ־באַוואָקסענעם קאָפּ צווישן ברעטער אַרײַנגעשטעלט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אַף זיי, און אידן זײַנען ניט אָפּגעטראָטן און נאָך נענטער צו ברעטער צו, און אויסגערופֿן:

— הער אויס דוווער־בער בען יסאָכאַר האַקויהען! די אײַדע דערקלערט דיר, אַז דיר קומט מאַלקעם פֿאַר ווילדע מייסים בעשאַס דער סריפֿע, טאָ גיי אַרויס און באַקום מיט ליבשאַפֿט דאָס, וואָס דו האָסט פֿאַרדינט.

האָט ער ברעטער געריסן, האָט ער שרײַען אָנגעהויבן, אָבער פֿאַר זיך אַליין זיך דערשראָקן, קאָפּ ווײַט פֿון ברעטער אַרויסגערוקט און אַף דער גאַנצער אײַדע אידן אָנגעשפּיגן. האָבן אָבער אידן אַלץ ניט אָפּגעטראָטן און צוויי פֿון זיי האָבן אים פֿאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט און צוויי אַנדערע האָבן ברעטער אָפּגעריסן און צוויי דריטע האָבן אים אַף די הענט געכאַפּט, אין צווייטן ביידער אַרויסגעטראָגן, אַ רינג אַרום אים געמאַכט און געטריבן אים און געשמיסן אים מיט רימענס. און אַז ער האָט זיך אין שלאָפֿראָק פֿאַרדרייט און פֿאַרוויקלט און אַוועקגעוואַלגערט זיך אָן אײַנגעהויקערטער איבער דער ערד, האָבן צוויי פּאָר געזונטע הענט אים אַ כאַפּ געטאָן, אין דער הויך אופֿגעהויבן, דעם שלאָפֿראָק פֿון אים אַראָפּגעשלעפּט, אַ נאַקעטן אַף דער ערד אויסגעצויגן און זיי און אַלע איבעריקע האָבן אויסגעדאַרט בלוי לײַב זײַנס געפּאַסעוועט און עפּעס געמורמלט, געפּאַסעוועט און געמורמלט. און בלינד־אויגל האָט פּלוצים זיך אויסגעצויגן צוזאַמען מיט אים און אַרײַנגערוימט אים אין אויער אַרײַן:

— בעט מעבילע... בעט מעבילע...

האָט ער דעם קאָפּ אופגעהויבן און מיט בלוטיקן שוים אויף די ליפּן אַרויס־געשטאַמלט:

— זייט מיר מויכל אידן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טראַפּנווייס, טראַפּנווייס זיינען געדאַכטע בערד צערינען געוואָרן און פאַר־שוואונדן און שטיל איז געוואָרן בײַ אַלטן אידן אין האַרץ און פעסטער צו דער ערד האָט ער זיך מיט נאַקעטן לייב געדריקט און געקוויקט זיך מיט דער קילקייט און פרישקייט אירער, און געציטערט אין לעצטן אָטעם. און אין אַ רעגנ אָרום, אַז עס האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל מיט די רויטע ליפּעלאַך, האָט ער זיך פון אָרט אופגערים, עפּעס זאָגן געוואָלט און איז אָבער גלייך צוריק אוועקגעפאַלן.

אַלטער־בער איז געבליבן ליגן אליין צווישן פאַרוויכערטע ווענט, פאַר־האַקטע מיט ברעטער טירן, אַליין אין זיין בלויער נאַקעטקייט, ווי אַן אָפּגעשוני־דענע כאַיע.

יונגע ליכט פון פריען פרילינג האָט דורך פאַרשלאָגענע מיט ברעטער פענסטער אין כיידער צו אים זיך אַריינגעריסן און בלויע, נאַקעטע לייב זיינע באַשיינט און באַלויכטן.

ש. גאָדינער.

ל. רעזניק.

הילכיקע נעכט.

(פאעמע)

*

היינט בין איך אַ פיקסל
אף די כורוועס פון מיין אייגן לאנד,

לאכט אן אַלטער קלוגער מאן,
און זאגט אַזוי מיט שפאט:
— פוקסן גייען שוין אף כורוועס,
און געבליבן איז געבליבן נאר אַ וואַנט.

אלטער, אלטער מאן!
פארנאכט איז ווייס,
און דאָרפיש — ווינטערדיקע שטאט.
וואויל איז גלוביקע,
וואָס גייען אוף
און שארן זיך אין אש פון וואנט,
און וואויל איז מיר צו פייניקן אף שטאנגען
מיין יונגן גאט.

I

גאַסן

און אף גאסן אזוי איז באפוילן:
געווען זיינען גאסן פון שטיינער,
פארשטייפטע אין דראטענע בייוולען,
באהיט פון די מאַרקישע היטער
מיט בלייענע פייפלען —
געווען זיינען גאסן באהיט און באַוואָרנט,
און איצטער: —
מיט רויטן, מיט רויטן
פארפלעקן די ציכטיקע גארנס, —
מע מעג, וואס מע טאר ניט!

אנשטעכן גאלדענע פונקען
אף שפּיזן,
און פינקלען
פון ווינקל צו ווינקל —
מע מעג, וואס מע טאר ניט,

אף מאָטאָציקלעטן!
און שרויפן,
און שטעפּן,
און שטעפּן מיט רויכיקן גאכיאָג
די לויטערע שטאָפּישע לייגגען,
און לויפן —
מע קלינגט שוין פון טורעמס
אף הילכיקע נעכט
און אף ליכטיקע סריפּעס.

II

נעכט

די שרעק האט געגעכטיקט אין אונזערע הויפן
און האט זיך געמוליעט צו טויערן.

צעהוידעט פארלאשענע נעכט
מיט ראקעטן,
מיט גאלדענע פאסן —
צעשיינען זיך הילכיק די נעכט,
און הוידען זיך, הוידען זיך בלויע,
און לעשן די שייבען
אין פינסטערע גאסן,

וואס וועט געשען היינט
אין אלטע פארווארפענע געסלאן,
בא קליסטערל קליינעם,
בא הילצערן שטיבל מיט ציילעם,
וואס וועט געשען היינט,
און וואס וועט מען מארגן דערציילן?

שטילער...
מע טופּעט, מע טופּעט,
און דאכט זיך, אז טונקעלע שטייען אף ראָגן,
מע דארף נאך אין בלעכן ניט קלינגען,
און זאלן נאך מאַמעס ניט וועקן די קינדער:

ס'איז גאר ניט, ס'איז גאר ניט —
א דערשראקענע נאכט
ליגט אף ליידיקע ראָגן.

דערוואַרטן זיך הויפן
אף אנזאג פון אויבערשטע שטאקן:
עס בליען שוין ווייטן,
און בלייך זיינען גידערן בלויע —
עס טאגט שוין!
עס העפטן זיך גאלדענע קאנטן
אף שלעפן פון פינסטערע קליידער,
און שווינקען מיט רויטן
די פענסטער פון אויבערשטע שטאקן —
עס טאגט שוין.

דערוואַרטן זיך הויפן —
און איך און מיין הויפישער שאכן,
מיר זיינען פאררופן אף נאך א מאל יאָנטעוו,
ביז נאכט אף באַלאגערטע פלעצער. —

— — — — — — — — — —

און ווען וועט שוין זיין אינדערוואָכן?

די שרעק האט גענעכטיקט אין אונזערע הויפן
און האט זיך געטוליעט צו טויערן.

III

ליד פון דער מאכנע

ד. האפשטיינען

איינס, צוויי, דריי, פיר.

מיר זיינען אלע און איינער, וואס פירט,
מיר מעסטן מיט מעשענע טאצן די טריט. —
טרעטן די טעכטער אף הויכן צו זען —
זע איך מיין מיידל—פארברעכט זי די הענט.
ציילן מיר, מעסטן מיר שטיינערנע טריט —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

ליגט א צעלייגטע א נאקעטע גאס,
דערלאנגט מיט האכנאַע איר ליידיקע ברייט.
באצווינגען מיר גאס, און צעוויגן איר ליינג,
וויגן און וויגן מיט שטויביקן גיין —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

וואו ביסט דו,
און וואו איז ער,
און וואו וועלן אונזערע וועגן זיין.
היינט וועל איך גיין
מיט שטילער היים
זיך שטילערייד געזעגענען.
ציילן מיר, מעסטן מיר שטיינערנע טריט,
באלאָדן מיט פרייד און פון פרייד זיינען מיד —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

אין פארגעסענער גאס און אף עלנטע טרעפ,
עמיצער בוקט זיך בא קלויסטערשער טיר.
ווייס איך ניט ווער.

און ווער זיינען מיר —
מיר טראגן צו פרייד און פון פרייד זיינען מיד,
מיר מעסטן מיט מעשענע טאצן די טריט
איינס, צוויי, דריי, פיר.

IV

גופים

עי, צעלויפט זיך אין די גאסן,
שטעלט זיך רעדלאך,
שטעלט זיך רעדלאך.
בא די טויערן די ווייסע,
שטייט און שושקעט זיך פון שפעטער
און פון נייסן.

טאג און נאכט און דריי מעסלעסן
שטייט אַ מאמע באַ די גופים.
וועט א מאמע שוין באהיטן,
זאָלן כאַיעס זיי ניט עסן,
און ניט ווייקן זאלן נעצן
אלע זיבן אף די שטריק—
זאָלן פויגלען זיי ניט פּיקן.

שטייט א מאמע—
היינט צו שפעטער,
אדער גאר אמאל א מאיסע
פון די ספארים.

זאלן רעדלאך זיך באהאלטן
פאר די נייסן,—
ביז אריבער וועט דער צארן.

נאכדעם וועלן מאמעס רופן,
און געפינען זיבן גופים,
און באהיטן.

וועל איך בא די מאמעס פרעגן:
ווען זיינט איר ארויס אף וועגן,
ווען געשען זיינען די נייסן,
און ווער האט אייך מיט דריי מעטלעסן
דא באווארנט.

V

פרייד

זאל דאס פאלק אופגיין מיט פאנען
אף ליבטיקע טרעפ.
מיין מאמען וועט קיינער ניט טרייסטן—
מיין מאמעס געוויין איז געבליבן
אף גאלדענע טרעפ.

זאל דאס פאלק אנצינדן סרייפעס
און פארברענען די שמאט.
מיין קינד מיט צעשראקענע אויגן—
מיין קינד — א געבונדענער קארבן
אף באמעס פון שטאט.

טאמער איז קיינער ניט שולדיק,
און פרייד איז באשערט,—
וועט זיין, אז מיין אומעט וועט קומען,
וואס וועט מיין אומעט געפינען
אף געלעסטערטער ערד?

IV

מיין שאכן.

און מיין שאכן, א פארשטויבטער
איינגעשפאנט אין טאטשקע
און אין אכצן יארן—
האט מיין שאכן זיך פארקנאסט שוין
אויסגעשלאגן קאלעס אלע שויבן
און געבליבן בא דער טאטשקע.

באריידן שכיינעס

אין טומלדיקן הויף
דעם גרויסן צאָרן.

איז מיין שאכן א זוויהילער.
איז געווען אף דער מילכאמע
און געקומען מיט די שקאצים
אף זוויהילער מארק זיך שפילן.

נאכדעם איז געווען א סרייפע.
ס׳האבן שקאצים מיט מיין שאכן
אין זוויהיל געזונגען לידער
און גערויכערט,

ווייס איך—
מיינע אפגעשפארטע מארגנס
וועלן נאכגיין
זיך דערפרעגן בא די טרעגער
אף מיין שאכן,
און מיט אים אין טאטשקע זיך פארשפאנען,—

VII

טאג דערווײַלטער

נעכטן
איז מיין טרייסט ערגעץ געהאנגען
א צייטיקע אף צווייגן.
אופגעגאנגען זיינען זומערדיקע שניטער,
אופגעגאנגען און פארגעסן אף די פעלדער
ציטעריקע זאנגען.

ערגעץ האָט זיך בארג
אף רעגענען דערוואַרט,
און וואשט זיך מיט פארוואָגלטן פארנאכט,
און ערגעץ שפילט מיין טרייסט א שפיל
פון רויט מיט גרין
אין בלעטעריקן גאָלד.

אופגעגאנגען בין מיט זינגענדיקע שניטער
צו טויערן פון טאָג,
און נישטיק נאָך — מיין גאב.

פון פעלדער אָפגעשניטענע און עלנטע
זאנגען האָב אהער געבראכט געציילטע —
שטיי איך היינט מיט אלע אָרעמע און פרעמדע
בא טויערן פון טאָג דערווײַלטן.

VIII

פ ר י ד

1

פריד צו אייך גאסן,
און פריד צו אייך פלעצער.

שלאָפן ניט, דרעמלען ניט שאָמרים אף טורעמס,
אטעמען גאסן אף שטילע געלעגערס,
אין נאכט און אין ווייכן פארנורעס.

שטערן ניט שלאָפן פון גאסן
עלעקטרישער פינקל
צוקאָפנס אף פלעצער,
און שיקערער טונקל
צופוסנס אין טאָלן,
וואו שטאָטישע שטיבלאך — פון שטיבער די לעצטע.

איך בלאָנדזשע און פלאָנטע
פארשפעטיקטע ראָגן,
באגעגן איך איינעם,
באגעגן א צווייטן,
און גיי זיי באלייטן —
אוןביידע מיר זאָגן:
— ס׳איז פרעמד אונזער אומגיין,
מיר זיינען געציילטע.

— — — — —

נאכט וועט הייגט אופזיין
א שטילע אין טאָלן,
און אופזיין ביז מאָרגן.

2

פריד צו אייך גאסן,
און פריד צו אייך פלעצער.

קיינער האָט נאכט ניט געבייטשט
מיט קנאלן פון שאָסן,
ביז פארטאָג האָט מיט זילבערנעם פאָכען
זילבערנע שטערן געלאָשן.

און ווער וועט הייגט אופזיין מיט נאכט אין די טאָלן,
און אופזיין ביז מאָרגן?

מע זאָגט, אז אַף כורוועס
א וואַנט איז געבליבן,
אַף וואַנט איז געשריבן:—
„מה נורא המקום“.

מע זאָגט, אַז אַף כורבן
וועט אופשטיין דער בויער,
און כורבן פֿאַרבויען
מיט רויכיקע שטאָקן.

— — — —

שיק איך מיין שרעק פון קאַדמוינים־יערושע,
שיק איך מיין אומרו מיט איינזאַמע פּישער
פֿאַרוואַרפן אַף מאָרגן די נעצן.

— — — —

פריד צו אייך גאסן,
און פריד צו אייך פלעצער.

IX

שיין

האט זיך אויסגעלאזן גרויער ווינטער
צו מיין ווייסער גאס,
טליעט שיין פארנאכטיקע,
און לעשט זיך אף מיין קאלטער וואנט,
טוט מיר באנק, וואס איך געזעגן זיך
מיט אויסגעטראכטן גאסט,
צינד איך אן מיין אייוועלע—
אַ רויטע וואונד אף טליענדיקער וואנט.

צאפט מיין פענסטערל אין בלויען דרויסן
רויטע שיין.
פאלן רויטע שטיקלאך בלעך
אף קלינגענדיקן שניי.

ווען לעוואנע וועט צעלייגן פונקען־פייערן,
און שטויסן אין די גאסן גרינעם גלאז,—
וועלן אָנקומען פארשפעטיקטע—
די זינדיקע פון שטאט,—
אלע אויסדערוויילטע פון דער נאכט
וועלן קומען שטילערהייד און גרייט.

צאפט מיין פענסטערל אין בלויען דרויסן
רויטע פרייד.

קיעוו.   ל. רעזניק.

ד. וואָלקנשטיין.

אויפבראָך.

(פון בוך ערדן־געטראַנק.)

אין דער ווייט, וואָס אַף שפּעטן פעלד און הינטער הימלען מיט אויסגעזייטע שטערן פון האַרבסטיקער זריע, זיצן פרעמדע פּאַסטעכער און פּאַשען די נאַכט—אַף שוואַרצע אויסגעקרומטע בערג און אין נידער־בראָך פון טאָלן פּאַשען פּאַסטעכער די נאַכט.

זיי זיצן פאַררוקטע אין הימלשע ווינקלען, זיצן אַרומגעזעצט אַרום טליענדיקע קופּקעלאַך אַש—און זייערע געפּאַרבטע פרעמדלענדישע בורנעסן, וואָס פון שטיין און וואָלקן, זיינען קוים אָנגעטאָן אַף אַקסל און פּלייצע.

שפּעט איז אַף וועלט און הינטער הימלען און קופּקעלאַך אַש, צונויפגעשאַרטע אין בלאָ־געפלאַסטערטע ווינקלען, טליען דאָרט און דערטליען און דרימלען שוין איין.

אַלע מאָל שיסט אַרויס אין דער שפּעט, וואָס איבער ווייטע מיטן פון וועלט, נייער גרויסער שטערן—שיסט אַרויס פון טיפן אַש און פון בערגלדיקן קופּקעלע אַרויס.

נאָר ס'איז גאָר ניט קיין שטערן קיין יונג־פאַרשניטענער, וואָס פאַלט אַראָפּ צו דער נאַכט אין די בערג און פאַרלאָזט זיינע היימען.

דאָס טרייבט ערגעץ אַ ווייטער נאַכט־פּאַסטעך זיין איינציקע טשערעדע אַריבער.

דאָס פליט אַרויף זיין ווייסע פלאַקסענע בייטש—פליט אַרויף און ליגט זיך אויס מיט איר צעריסענער לייגנ און מיט קניפּן אַף יענער זייט הימל.

און פּאַסטעכער זיצן דאָ פאַרטראַכטע און אַרומגעזעצט אין זייערע בורנעסן פון געפאַרבטן שטיין און וואָלקן.

עק בייטש—צעבליצטער פלאַקס—טוט פון דער אונטערשטער ווייט אַ שמיר איבער שטיינערנעם נאַקן און איבער צונויפגערוקטע פּלייצעס פון פּאַסטעכער.

נאָר פּאַסטעכער בלייבן זיצן ווי געזעסן.

נאַכט מיט טשערעדע גייט אום אין געהאַקטע אויסגעקרומטע בערג—גייט אום און נידערט אַראָפּ מיט קו און קאַלב צו טיפן בראָך פון טאָלן.

און פּאַשעט זיך אין טאָלן.

און פּאַסטעכער זיינען וואַך און הערן זיך צו.

וואוהין ס'פאַרגייען און צעשפּרייטן זיך טשערעדעס אינם פּאַשען, הערן זיי און אַז טיטשקעס געפירטע פון ווינטן, לאָקערן דאָרט אַף קאַלב און אַף טשערעדע, הערן פּאַסטעכער און שלאָפן ניט, וואָרים זיי טאָרן ניט שלאָפן.

פון פאַרווייטן ווינט־אינזעלע, וואָס איז אַרומגעלייגט מיט שטום־אויסגע־הוילטער מידבער, צעפליען זיך ווינטן פונם גרויסן געזעמל.

זיי פליען דאָרט אין דער פינסטער איבער פאַרוואָרפענע וועלטישע פּוסט־קעס—אַף אויסגעשפּרייטע זשופּעצים און אַף צעוויקלטע וואָלינע טיכער פליען זיי.

און פּאַסטעכער פון נאַכט, וואָס זיצן אַרומגעזעצט אין די בורנעסן פון שטיין און וואָלקן, הערן, אַז ווינטן פליען.

זיי ציען צונויף אַף באַרג און טאָל זייערע צעשפּרייטע נאַכטישע טשערע־דעס און זיצן דאָרט מיט טשערעדעס אין דער שטיל—זיצן צונויפגעזעצט אַרום קופּקעלאַך, וואָס טליען מיט שטערן און שיסן אַרויס אַ פונק. און ווידער אַ פונק. און ערגעץ נאָך אַ ברעקעלע פונק.

און אָט קומען ווינטן און זיינען שוין דאָ.

אַלע זיינען זיי מאַנסבלשע אַזוינע, מיט קאַרק און פעסטקייט, מיט גע־לאַקטע טשאַוואָנענע בערד און מיילער.

און אַף זייערע לאַנגע געפּאָלדעוועטע זשופּעצים זיינען אַרומגעדרייט ווייכע טיכער־געוועב—מיט אָפּגעוואָרפענע פלאַטערנדיקע עקן, מיט פאָכנדיקע פראַנזן און קוטעסן.

אַ גאַנץ בינטל זיינען זיי—און אָנגעקומען די ערשטע.

זיי טוען נאָך אַ לויף, טוען אַ אַקער מיט לויף און מיט ווינטישן אַקער די פינסטער און איר געדיכטע מיט—און רייסן זי אויף. גריבערן זי אויס און זעצן זיך אַריין אין גריבלאַך פון פינסטער.

אַהער האָבן זיי געשלעפּט מיט זיך—פון אופגערודערטער בלינדער ווייט געשלעפּט מיט זיך און אַף אַקסל—אַ שטיק דאָרפישן דאַך. אָן אָפּגעריסענעם פליגל פון ווינט־מיל געשלעפּט. און נאָך אַ געפּאַרבטן שטאָטישן שטאַכעטן־פלויט.

נאָר ניט דערשלעפּט—ניט דערשלעפּט און געוואָרפן אין וועג.

מיט אַ פליוך געוואָרפן און אַרומגעשליידערט אין געדיכטן גאַס פון פינסטער.

אַזוי שטעקן זיי דאָרט איבערגעלאָזענע און אַריינגעשטאָכן אין נאַכט מיט סטאַרטשענדיקן גליד און מיט שפּיצן.

פון טיפן בראָך אין טאָלן גייט אַף צוריק קו מיט קאַלב.

נייע ווינטן קומען אונטער—האָט קו פאַרלאָזן איר שטיל פּאַשען, וואָס זי האָט זיך געפּאַשעט, און פירט אַוועק נאַכטיש קאַלב צו שוואַרצע טשערעדעס, וואָס ליגן פאַררוקט אין ווייטע אויסגעקרומטע בערג.

נאָר ווינטן, וואָס קומען אָן, זיינען נאָך ווייט, וואָרים זייער וועג איז אַ ווייטער.

זיי לאַגערן זיך שווער מיט מאַכנע און רייטוועגן — אונטער אַלטע, פאַררינגלטע שטעט און אַרום שפּעטע דערפער לאַגערן זיי זיך.

אַלע וועגן און שליאַכן, וואָס דאַרפן זיך אויסרוען אין דער נאַכט, פאַר־נעמען דאָרט ווינטן, וואָרים זייער צאָל איז אַ גרויסע.

און אונטער זיי גייען נייע און נאָך ווייטערע.

באַ פּייקל, אַ רופנדיקס און וואָס יונג־ווינטן גייען מיט דעם פון מיד־בערשע טויערן אַרויס, פּויקט אויף צו די לאַגערן—פּויקט אויף און רייסט זיך

אָפּ פֿון דער נאַכט און טראָגט זיך אַהער מיט היציקן טאַנץ, מיט אַ פֿאַרנור־מענער ראַד און מיט בליענדיקע קרענץ אַף יונגע צעהוליעטע ווינטן־קעפּ.

נאָר רייטוועגן זיינען מיט שווערקייט אין די מיטנס פֿאַרפֿאָרן. און לאַנגער־ביידלאַך שטייען מיט צעבלאָזענע פֿאָנען—אונטער נאַכטישע שטאָט־ווענט און אַף שפּעטע איינגעדרימלטע דאָרפֿסוועגן שטייען זיי.

און פֿייקל רייסט זיך איבער—רייסט זיך איבער און שיט זיך אויס אין דער טיף פֿון נאַכט.

און ווערט פֿאַרווישט מיט נאַכט אין דער ווייט.

אין לאַנגער קערן זיך אום די אַרויסגעשיקטע אויסקוקער.

אַף לאַנגע, געבראָכענע שטאָלצן־פּים זיינען זיי נאַכטישע געגנט אויס־געלאָפֿן.

איצט קערן זיי זיך אום צוריק—קערן זיך אום און טראָגן דאָס אויס־געשפּירטע אין צעהיצטע פֿעכנדיקע נאָזלעכער.

און מאַכנעס מיט לאַנגער נעמען רירן.

פֿאַר פֿריער לאָזן זיך גרינגע און לאַנג־פֿיסיקע, וואָס מיט געקרייזלטן קאָפּ און מיט נישטערנדיקע, הינטישע פּיסקעס.

זיי טוען זיך אַ לייג מיט לאַנגן קערפּער—מיט לאַנגן קערפּער אַף דער גראָב פֿון פֿינסטער.—און אונטער זיי רירן שווערע, געשפּאַנטע אין שפּאַן פֿון נאַכט און ווינטישע רייטוועגן.

אין וועג האָבן אויסקוקער הינטער אַ שטרויענער סטריכע אָפּגערוט—איצט ברענט שוין יענע סטריכע. מיט אַ צעקוטשמעט פֿייערל אין שפּעטער נאַכט ברענט זי.

היימישע ווינטן פֿרייען זיך דאָרט מיט אופֿגעפּיקטער סרייפֿע און וואַרפֿן קוטשמע מיט פֿייער־צעפּלאַך צום הימל אויף — וואַרפֿן אויף און דעקן אָפּ אַ שטיק נאַכט, דעקן אָפּ פֿון דאָרפֿישן קאַנט, וואָס ליגט איינגעגראָבן אין נאַכט מיט נידעריקע דעכעלאַך און מיט אָפּגעווייסטן שפּיציקן קלויסטער.

און לאַנגער מיט מאַכנע איז שוין ווייט—צ״ט אַוועק מיט אופֿגעוועקטע נאַכט־וועגן און איז שוין ווייט.

און נאָר זיין שלעפּנדיקער עק קריכט דאָ פֿון דער פֿינסטער אַרויס — קריכט אַרויס און שלעפּט זיך אַנטקעגן סרייפֿע מיט צעבראָכענעם ביידל און מיט לעצטע ווינטישע פּיסגייער.

ווידער הערט זיך אַהער ווייט פֿייקל.

פֿון טאָליקע טיפֿן, פֿון נאַבטישע לענדער גייט ווידער אויף פֿייקל—גייט אויף און פֿויקט זיך אויס אין דער ווייט.

שעפּט אָן ניי פֿויקאַכץ—פֿולע ווינטישע בייכער מיט פֿויקאַבץ שעפּט אָן און הערט זיך שוין נאָענטער.

נאָר אַף יענע דאָרפֿישע וועגן איז שוין שטיל.

שווערער לאַנגער מיט ווייט־נאָכשלעפּנדיקן עק האָט פֿאַרלאָזן די געגנט—און וועגן דרימלען צוריק איין אין דער פֿינסטער, אַרונטערגעבראָכענע הינטער פֿינסטער.

אף שפּעטע מיטן פון וועלט קומען זיך צונויף אויסקוקער—און זיי טרעפן ביט קיינעם.

פרעמדע פאַסטעכער, וואָס האָבן שווארצע נאַכט דאָ געפּאַשעט, פּאַשען ניט מער און זיינען שוין ניטאָ.

אינאיינעם מיט אויסגעקרומטע ווילדע בערג און מיט שטילע טשערעדעס, צונויפגענומענע אף בערג פון טאָל און לאַקער, האָבן פרעמדע פּאַסטעכער פון זוייטע מיטן אָפּגעשוואומען און זיי ליידיק געלאָזן—ליידיק און ווי אַ גרוב אַ האַרבסטיקע און טיפע אין שפּעטע הימלען.

שטערנדלאַך—געוואַשענע אַזוינע—זיינען דאָרט אין גרוב אַנגעפאַלן — אַנגעפאַלן און אַזוי פאַרבליבן דאָרט אין גרוב.

אין איר איינגעפאַלענער פינסטערער טיף פאַרבליבן.

און אויסקוקער, וואָס מיט געבראָכענע שטאָלצן־פיס, לאָזן זיך לויפן צוריק— אף לאַנגע פיס און אָנגעבויגן צוריק איבער פעלד און פינסטער.

איינס נאָכן אַנדערן שליסן אין דער ווייט זיך אוף טויערן פון נאַכט— יענע שווערע ווינקל־טויערן. וואָס זיינען אָפּגעקאָװעט מיט פינסטער, און שטייען געשלאָסן מיט שפּרוך, שטייען פאַררוגלט מיט אַלטע, פאַרזשאַווערטע קייטן.

און אין נאַכט טוט זיך און ס'הויבט זיך ערשט אָן.

אין גריבלאַך פון פענסטער, אף שטיקער וואָלינע טיכער, זיצן נאָך די על־טערע, וואָס מיט זשופּיצים און געלאַקטע טשאַוואַנענע בערד.

אף שפּיציקע הינטנס און פאַררישן די שאַרפע קני זיצן זיי אין פאַר־שפּרייטע זיץ־גריבלאַך—און אַרום שטייען און קלעפּן הוילע און פאַרשידענע, וואָס מיט שוואַרץ־געגאָסענעם לייב און אָנגעקומען מיט מאַכנע.

מרידע איז אין נאַכטישע לענדער—און אופגעריגלט און צעעפנט שטייען די אַלטע, אָפּגעקאָװעטע טויערן פון נאַכט אָן פאַרמאַכן זיך ניט מער, וואָרים זיי קאָנען זיך ניט פאַרמאַכן.

ווידער קנעט מען אין נאַכטישע לענדער ליים און ציגל.

פון ווינט און מרידע קנעטן צעשפּרייטע מאַכנעס ליים און ציגל, קנעטן מיט ווידערשפּעניקטע פיס, מיט שוואַרץ־געגאָסענע לייבער—און שטעלן זיך דערבאָוען דעם טורעם פון באָוול, דעם טורעם צו הימלען, וואָס שטייט אין נאַכט איבער פעלקער מיט פאַריסענע וועגט ניט דערבאָוועט, ביז היינט ניט דער־באָוועט.

יונגען פון מידבער, די שטאָלטנסטע צווישן ווינטן, קומען שוין אונטער— קומען אונטער און פאָרן אַרוף אף עלנטע נאַכט־טויערן מיט נייער מאַכנע.

ע מיצער וואַרפט פון זיי דאָס פייקל. טוט עס פון זיך אַזוי אוואַרף מיט יונגער אָפּגעוואָרפענער האַנט—און פייקל ווערט אויס.

שיט זיך אויס מיט לעצטן ביסל און איז מער גיט פייקל אָן איז שוין ווינט.

ערגעץ האָבן ווינטן אויסגעריסן אַ טויער—אַצינד שלעפּן זיי טויער אפן טורעם אַרוף.

זיי שלעפּן און שרייען פון דער הויך מיט איין שרייענדיקן מויל, וואָס איז צעעפנט אין דער פינסטער.

אַלע אינאייַנעם הויבן זיי טויער—הויבן און שלעפּן אַרויף פון טרעפּל אויף טרעפּ.

און האַלטן ניט איין. לאָזן אָפּ און פאַרלירן טויער אין נאַכט.

אויף אַ מינוט— אויף איין־און־איינציקער רעגע—ווערט שטילער אַרום טורעם.

מאַכנעס מיט געבויגענעם רוקן, מיט שוואַרץ־געגאָסענע לייבער זוכן דאָרט אין דער פינסטער, אויף פעלדער אין דער פינסטער.

און ווידער שלעפּט מען טויער אויפן טורעם אַרויף—אַרויף אויף זיין הויכסטן פאַרשמאַלטן שטאָק.

ווידער שרייט אַ גרויס מויל אין דער פינסטער—און דאָס איז גאָר מאַכנע.

דאָס גרויסע מויל פון מאַכנעס, וואָס רעדן מרידיש אויפן טורם, רעדן פון אַלע זיינע גאַרנס.

אַמאָל טוט פון סרייפע, וואָס אין דער וויט, אַ פּוק אויף אַ גיי־פאַרנומען דעכעלע—פּוקט אויף און וואַרפט העכער דאַרף און אַרומיקע דערפער אַ קוטשמע מיט פייער־צעפּלאַך, וואַרפט צו די הימלען אַ רויטן קויש מיט פרייליכע שוואַרצע פויגלען.

נאָר מאַכנעס אויף פעלדער—צערוקטע איבער פעלדער—שטייען נאָך אַלץ מיט געבויגענע רוקנס.

זיי שטייען און קנעטן די ליימען, גרייטן ציגל פאַר טורעם פון מרידע, פאַר דעם הויכסטן פון טורעם.

לאַנג האַלט זיך אין הימל דאָרפישע סרייפע—מיט בינטלאַך רויך און מיט אָנגעפּאַלענעם פייער אין הימל.

לאַנג און נאָך לייגנער קנעטן ווינטן אין דער פינסטער מיט ווידערשפּעניקטע פּיס, ביז זיי צעקנעטן, ביז זיי צעטרעטן נאַכט אין די ברייטן.

און אין פעלד—און אויף וועלט—הויבט אָן טאָגן.

לאַך קוקט אַריין נייער טאָג.

און אין פעלד—און אויף וועלט—הויבט אָן טאָגן.

אויף שפּיץ פון הויכן באַרג בלאָזט דער האָרן.

האָר פון דער געגנט, וואָס טונקעלע פלאַקסן הייגנען אויף זיינע גיבערשע לענדן און אַליין איז ער ריזיק גרויס, שטייט דאָרט אין דער הויך.

מיט באָרוויסן טראָט און מיט באַוואַקסענע ריזן־פּיס שטייט ער אָנגעט־ראָטן אויף שטילן באַרג און איבער שאַריענדיקע בוימער־שפּיצן—און בלאָזט אין אַ לאַנגן באַרג־האָרן.

אַלע נעכט און אויך, וואָס געשען איז אין שווערע נעכט, האָט ריזיקע געשטאַלט באַ יענעם ציגיינער־ביידל איבערגעוואַרט—איבערגעוואַרט און אין דער פינסטער דאָרט די באָרד זיך געקעמט.

איצט איז ער אופגעגיין און שטייט אויף לויטערע הויכן.

ער רופט צוריק די ווינטן און רופט זיי צונויף.

מיט האָרן פון בערג, וואָס הערט זיך האַרניש און געדרייט אַזוי אין שאַריענדיקן פרימאָרגן, רופט האָר און באַפוילט צו דער געגנט.

און לויפערס און לויף־שליכים, וואָס זיינען געשלאָפן איינגעשרומפּן אין האַרן־האָלדז, קומען איצט אין ווייטע פעלדער אַריין.

זיי קומען און לויפֿן דאָרט אום אַף פֿרעמדע וועגן און נאָך ווייטער—און רעדן אין די אויערן פֿון ווינטן.

און ווינטן באַדיינקען זיך און נעמען זיך אומקערן.

ס׳קערן זיך אום די ווייטע, געשטילטע שוין—וואָס ציען צוריק צו מידער און אַפֿן ווינט־אינזל.

און אויך צו וויסטע וועלט־שטרעקעס קערט אום מאַכנע, וואָס האַלט זיך אָן אין ווינט־טוך. און באַ זיינע עקן האַלט זיך אָן.

ס׳קומט פֿון ערגעץ און גייט אַרויס יענע ווינטין די זויגערן, וואָס פֿון הייבישער געגנט.

מיט אַ פֿול אייטערל אין די מוטער־זייטן פֿאַרקיילעכיקט קומט זי איצט—סומט אָן און אײַלט זיך דורך רויכלדיקע באַרג־סטעזשקעס צו אירע פֿאַרלאָזענע זויג־ווינטעלאַך.

נאָר זיי שלאָפֿן שוין די בלינדינקע.

זיי האָבן אין ליימיקער גרוב דאָרט געוואַרט און געמיוקעט—געוואַרט הינטער שרעק און נאַכט—און אַזוי אַנשלאָפֿן געוואָרן וואַרטנדיק.

אויך אַנדערע—גרויס־ווינטן און קלענערע— קערן זיך אום פֿון געיעג און פֿעלד־געוויטער.

זיי זיינע: טויט ,מיד זיינען זיי און שלעפֿעריק.

זיי פֿאַלן אַף אַלע נאָענטע וועגן און זאַמד־בערגלאַך—מיט פֿלאַטשעכיקע לייבער און אויסגעדראָשן פֿאַלן זיי דאָרט.

און ווערן באַלד אַנשלאָפֿן און ווערן ווינטיש פֿאַרגליווערט.

נאָר אייניקע—שטאַרקערע—פֿאַרגייען ביז דער היים.

זיי גייען און פֿלאָנטן זיך און פֿאַלן באַ דער שוועל—פֿאַלן און בלייבן ליגן אַף שוועלן פֿון ווינט־היים איבערגעבויגן אַזוי און קוים וואָס זיי רירן דאָרט מיט אַ פֿוס און פֿליגל.

איין ווינטעלע נאָר, אַ נאַרישע אַזאַ און וואָס האָט ערשט ניט לאַנג פֿון באַמע־איי זיך אויסגעפּיקט און צום פֿעלד זיך אָפּגעלאָזן—איינס איז דאָס אַף באַרוטער ברייט געבליבן און קאָן זיך אַהיים ניט אומקערן.

ס׳האָט באַנאַכט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן אַ פֿעלד־דאָרן מיט שטעכיקע ריטלאַך—פֿאַרטשעפּעט מיט צעבלאָזענעם העמדל, וואָס אַף הוילן לייב.

און אַזוי געבליבן הייגען פֿאַר העמדעלע אין פֿעלד.

איצט רייסט זיך עלנט ווינטעלע און פּאַטשט אַרום דאָרן מיט קינדישע פֿליגל—פּאַטש און פֿאַרדרייט זיך נאָך מער. פֿאַרפּלאָנטערט זיך שטאַרקער.

און קורץ העמדעלע—דאָס איינציקע אין דער היים און אַפֿן לייב— ווערט צעפּליקט און צעריסן צווישן ריטלאַך, צווישן שטעכיקע ריטלאַך, וואָס באַ יענעם אַלטן פֿעלד־דאָרן.

באַם אַריינפֿאָר פֿון שטאָט זיצט דער טויער־היטער.

פֿון האַלב־אָפּגעדעקטן פֿאַרטאַג, וואָס אין טיפֿן פֿעלד, קומט אַרויס און פֿאַרקערעוועט צו זיין ערד־שטיקעלע אַ פֿרעמדע פֿור.

אַ פֿור אַ שטיק פֿאַרמאָג־גראָ רייסט זיך אָפּ פֿון פֿעלד—רייסט זיך אָפּ אין פֿאַרקערעוועט אַהער און שפּאַרט זיך אָן מיט מידן דישעל אין טויער־לײדיק.

נאָר אַלטער היטער זיצט אַף זיין אָרט ווי געזעסן און טראַכט ניט זיך אופהויבן.

אַלץ האָבן פינסטער־נעכט צו שטורעם אין פעלד אָפּגעפירט—דעם טויער פון שטאָט אָפּגעפירט און אויך דאָס הינטיש הייזעלע, וואָס מיט איינגעבעטער שטרוי און מיט הינטישער ווארים אינעווייניק.

מידער דישעל רוט אַ ווײַלע—מיט אָנגעקומענער פור רוט ער דאָ אַ ווײַלע און שלעפט זיך שוין ווידער.

און טויער־הונט, וואָס איז אָן אַ דאַך צום ווינטער פאַרבליבן—אָן אַ דאַך און אָן אַן אייגן ווינקעלע צום ווינטער—שטייט אַזוי מיט פּיסק און פּאָנים אויסגעדרייט צום שליאַך און קוקט ווי פריע פור פּאָרט אַפּ.

ער איז אַ פולער אַזוינער—דער הונט—אַ ברוסטיקער און שווער באַוואַקסן מיט געל־געלאַטעטער פעלצן־פעל ביזן גרייזן קאָפּ אַרויף.

ער באַשמעקט פרעמדן שטויב, וואָס פעלדישע רעדער—און פייכטע אַזוינע—האָבן פון פאַרטאָגיקער ווייט געבראַכט, באַשמעקט און פאַרטראַכט זיך הינטיש אַזוי וועגן שטויב און וועגן שליאַך דאָרט אין דער פרעמד, וואו רעדער מיט פאַרראָסטעטן האָלץ זיינען דעם קאיאר דורכגעפאָרן.

און ווידער—ווי פאַר דער פור גאָך־שטייט שטאָט אַ אָפענע צו פעלד און וויסט, אַ אָפענע און מער ניט צוגעמאַכט מיט גרויסן טויער און פריען פאַרטאָג.

אַז פאַרטאָגיקע ערד ווערט ליכטיקער אַרום היטער־שטיבעלע און אַליין ראָס שטיבעלע רויכערט זיך דעמאָלט פונם דאַך און העכער מיט דינע צוויי־גלאַך רויך—רויכערט זיך אַזוי און זעט זיך שוין אינגאַנצן אָן אין ווייסן טאָג, גייט אַלטער און לאָזט זיך גיין מיטן עמער צום ברונים.

און אויך דאָ—זעט ער—איז אַ כורבן.

אַ נידעריקער איז דער ברונים, אַ פאַרוואַקסענער ערד־קוואַל.

פיסגייער און דורכפאָרער שעפּן פון אים—גלייך מיטן עמער שעפּן זיי.

איצט זיינען די וואַסערן באַטריבט און טיף פאַרזאָרגט.

ער בויגט זיך איבער מיטן עמער—מיטן עמער און מיט איבערגעבויגע־נעם גוף.

נאָר וואַסערן פון ברונים זיינען ביז דער האַרץ־טיף צעקנייטשט און פאַר־זאָרגט—און נעמען אים ניט אויף דעם אַלטן.

אויך דער ברונים־מאַן, דער שאָכן פון יאָרן, וואָס וואוינט דאָ אין פאַר־באָרגענער שטיל—אויך ער איז היינט צום אַלטן פון דער טיף ניט אַרופ־געקומען.

ער איז אַוועק פון דאַנען דער ברונים־מאַן—אין יענע שטורעם־נעכט אַוועק און ברונים וואוינונג פאַרלאָזן.

און אַלטער קערט זיך אום, קערט זיך אום און זעצט זיך צוריק אַף זיין שטענדיקן אָרט—היטעריש אַזוי און שוין אין ווינטערדיקן אָנגעטאָן.

ער קוקט אַרויף צום שליאַך. און שליאַך, וואָס איז ליידיק, פירט אַוועק זיין קאָפּ—זיין שווערן דימיען—אין דער טיף פון קאַנט, פירט אַוועק און פירט אַף אַלע אויסגעקניפטע לאַנד־וועגן.

און אַף ווייטע פּעלדישע מײלן פּירט אים אום.

און אויך דאָרט איז אַ כורבן—אומעטום האַרבסט־בראָך און כורבן.

ער געניצט — פון בויך אַרויס און פון גרויסן פּעלץ געניצט ער און צעעפנט צו נייעם טאָג אַ פולע מויל מיט צונג און פלייש.

און נאָכדעם — נאָכן געניצן — גלוסט זיך אים דרימלען זיצנדיק אַזוי און אָנגעטאָן אין ווינטערדיקן דרימלען.

און נעבן אים. און אַראָפּ דאָרט אַף נידעריק־צעגראָבענע גערטנער און נאָך ווייטער, ביז פרעמדע שטעט און וועגן—דרימלט אויך דער טאָג.

ביידע דרימלען זיי—טאָג און טויער־היטער נעבן איינגעוואַרימטן טאָג זיצנדיק.

אַ זון—אַן איינגעדאַרטע שוין — הייגנט אַראָפּ איבער דעכער, איבער דערפער.

און איבער אַלע אויסגעשפּרייטע טאָג־לייוונטן הייגנט.

אַ זון אַ האַרבסטיק־אָפּגעקראָכענע פליג הייגנט אין אַ שלאָף־נעסט פון געלער, ווייכער וואָל און שפּין־שטראַלן.

און זיי דרימלען—און אַלץ אַרום דרימלט—וואָרים עפּיס ווילט זיך איצט דרימלען.

ד. וואָלקנשטיין.

י. דאָבּרושין

אונזער אימפּרעסיאָניזם.

(אַ קאַפּיטל וועגן ד. בערגעלסאָן.)

1

דער אימפּרעסיאָניזם אין דער אייראָפּעאישער קונסט און ליטעראַטור איז אַ פּאָסט־סימבּאָלישע דערשײנונג. געקומען איז ער נאָך סימבּאָליזם, נאָכדעם, ווי די סימבּאָלישע שולן האָבּן אונטערגעריכן די אַלטע רעאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג מיט אירע קאָנקרעט־באַשרײבּערישע מאָרמען. די סימבּאָליקער האָבּן אָפּגעוואָרפן דעם פּראַט צוליבּן קלאַל, מיט די אויסגעוואַקסענע קולטור־געדאַנקען און קולטור־קאַוואָנעס האָבּן זיי אויסגעטײטשט דעם אַרומיקן אָפּגעשטאַנענעם שטײגער־לעבּן און די אַרומיקע קלײנלעכע שטײגער־געשעענישן. פאַקטן פון אָרטיקן כאַראַקטער אַפילע זײנען אַף אַזאַ אויפן דינאַמיזירט געוואָרן, דורכן סימבּאָלישן פאַרנעם זײנען זיי דערהויבּן געוואָרן צו ווערן עפּאָכע־דערשײנונגען. און מיט־ברויכנדיק, עמעס, מיט פאַרגרעסערטער „קאָסמישקײט“, נוצנדיק דעם דאָזיקן באַגריף גאָר אָפט אַף אַ ניט באַרעכטיקטן קינסטלערישן שטײגער—האָבּן זיי דאָך, די סימבּאָליקער, אַרויסגעריסן די קונסט פון איר נאַטוראַליסטישער באַהעפטונג מיטן אומבּאַדײטנדיק־געוואָרענעם פּראַט, און אויפגעעפנט אַף אַזאַ אויפן די שטײגער־צאַמען, וואָס האָבּן אין דער באַלעבּאַטישער שילדערונג אָפּגעטײלט מענטש פון מענטש און דאָר פון דאָר.

אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט דער סימבּאָליזם באַ אַלע זײנע אינטעלעגענטיש־דעקאַדענטישע אָפּנויגונגען געעפנט די פּערספּעקטיווע געדאַנקען־וועלט, אויפגעהויבּן דעם שטײגער־פאַרהאַנג און באַוויזן אַ טרוימערישע געדאַנקען־וועלט, וואָס לעבּט ניט שטענדיק בעשאַלעם מיט דער דערעסענער טאָג־טעגלעכקײט פון דער אויסגעלעבּטער און איבּערגעלעבּטער באַלעבּאַטישער וואָר־ווירקלעכקײט. פאַרגרעסטראַנדיק די אַרומיקע לעבּנס־דערשײנונגען, האָט דער סימבּאָלישער קונסט־גײַסט פאַרמינדערט דעם זאַכלעכן וואָג־געוויכט פון די קעגנשטאַנדן: מענטשן און כפייצים האָבּן פאַרן סימבּאָלישן פאַרשטאַנד פאַרלאָרן זייער קערפּערלעך־מאַמאָשעסדיקע, אָן און פאַר זיך באַרעכטיקטע, באַדײַטונג—אָבּער גראַד דאָס דאָזיקע האָט אָפּגערייניקט די קונסט־אַרענע פון דעם אָנגעוואַלגערטן פּסיכאָלאָגיש־סענטימענטאַלן באַלעבּאַטישן ברוכוואַרג, און פאַרן אימפּרעסיאָניסטישן פּינזל, וואָס איז נאָכדעם באַלד געקומען, איז באַשאַפן געוואָרן אַ מעגלעכקײט ווידער אומקערן זיך צו דער וועזנטלעכער אָפּהאַנדלונג, צו דער ענערגעטישער שוין־געלײַטערטער זאַכלעכקײט, אומקערן זיך צו דעם, אַזוי ווי געשיכטלעך שוין אויפגעפאַסטן, לעבּנסשטײגער.

„דער אימפּרעסיאָניזם—האָט קעגנעריש דערקלערט זאָליאַ—איז אַ פענסטער אין שטײנער אַרײַן.“ אוואַדע. אָבּער דער דאָזיקער שטײגער, מוז מען צוגעבּן,

דער אימפּרעסיאָניסטישער שטייגער, איז אַ איבערגעבוירענער, אינגאַנצן אַ געליטערטער, ער שטאַמט שוין פון דעם סוביעקט, פון דער לירישער פּערזענלעכקייט, וואָס קלייבט איבער כפּייצים און מענטשן, ווי אַ פּיאַנאָ־שפּילער די קלאַווישן—דער אימפּרעסיאָניסטישער דיכטער שאַפט פון זיך האַנדלונג, די געשעענישן קלייבט ער אַפּ און לאָזט דורך דורך זיינע אויסגעניכטערטע היסטאָריש־פּערשפּיצטע וועלט־כושים, ער באַפאַרבט זיי דורכן אָנגעשטריינגטן אויג און אויער, און ווען ארומיקן וואַר, ווען זיין אייגענעם וואָר אפילע, דערציילט ער, ווי ווען אַ כאָלעם, ער באַהאַנדלט זי בלויז, ווי אַ פאַרגעדיינקטע אויסקומעניש, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן איר ווירקונגס־קראַפט, פאַרוואַנדלט זיך שוין אין פאַרב און קלאַנג, וואָס שפּילן מיט ריינער פּסיכאָלאָגיש־ענערגעטישער באַוועגונג.

די סימבאָלישע וועלט־אויפפאַסונג האָט אויסגעריטן דעם אָביעקט פון זיין געגנוואַרט־סוויווע, אָנגעפילט אים מיט אַ נייעם, אַ רעמאָזועמדיקן באַדייט און דערמיט גופע געלאָזן אים, אַזוי צו זאָגן, פליען אַף דער הויך פון דער ניי־אָנגעזועטיקטער אידייענלופט. אָבער ווען דער דאַזיקער אַרומיקער אָביעקט האָט שוין לעגאַמרע אופגעהערט אָרגאַניזירן דעם אויסגעוואַקסענעם באַוואוסטזיין, ווען די אַריינגעטאָנענע אין אים סימבאָלישע קאַוואָנע האָט שוין ניט געהאַט קיין אַכווע, ניט געהאַט, וואו צו האַלטן זיך אין די פאַרעלטערטע קעגנשטאַנדן, אָט דעמאָלט האָט דער געקומענער אימפּרעסיע־דיכטער ווידער אופגענומען די וועזנטלעכע וועלט, ווי זי שטייט און גייט, אויסער יעדער סימבאָלישן מיין, אָבער אופגענומען האָט ער זי שוין אינגאַנצן, ווי אַ פאַרגאַנגענהייט־שפּיל, וואָס שפּיגלט זיך בלויז אין זיין נייעם באַוואוסטזיין.

אָט דערפאַר שפּילט ער מיט ליכט און שאָטן, דער אימפּרעסיע־קינסטלער, אָט דערפאַר איז באַ אים דער איקער די שיין, וואָס ער וואַרפט אַף די געשילדערטע נאַטור און מענטש, וואָס האָבן שוין בעעצעם אָנגעוואָרן זייער „געגנוואַרטס־ווערדע“ און פאַרוואַנדלט זיך אין פאַרטיקן מאַטעריאַליזירטן לעבנס־שטאָף, וועלכן ער, דער אימפּרעסיאָניסט, שטעלט צונויף לויט זיינע אייגענע ריין אַרכיטעקטאָנישע דראָכים און דערגרייכט שפּעטער צום בויערישן פּרינציפּ, צו דער קאָנסטרוקטיווער מייסטערשאַפט פון מאַטעריאַלן.

אין דער אידישער ליטעראַטור איז אויך דאָוויד בערגעלסאָן, דעם אימפּרעסיאָניסט, באַשערט געווען באַשאַפן דעם ערשטן, קאָן מען זאָגן, עכט־קינסטלערישן אַרכיטעקטאָניש געבויטן אידישן ראָמאַן. ווי אין אַלע ליטעראַטורן איז דאָוויד בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזם אויך באַ אונז אַ פּאָסט־סימבאָלישע דערשיינונג. דעם סימבאָליזם האָט דאָך באַ אונז פאַרטראָטן איינער פון אונזערע גייסטרייכסטע קינסטלער, דער שעפער פון אונזער מאָדערניזם י. ל. פּערעץ.

דערום איז פּערעץ דער שעפער פון אונזער אַלעמענס מאָדערנער ליטעראַטור געוואָרן, ווייל ער האָט דורכן סימבאָלישן מעטאָד די אַלטע נאַציאָנאַלע ירושע, אונזער שטייגערדיקן און רוכניעסדיקן האָב און גוטס, אין אַלמענטשלעכן זיין אויסגעטייטשט. ווי שפּעטער אונטערן מאַלערישן פּינזל פון דעם עקספּרעסיאָניסטיש־סימבאָלישן—געוויס סימבאָלישן—שאַגאַלן האָט אויך באַ י. ל. פּערעצן דאָס שטעטל פאַרוואָרפן די וואָכעדיקע טראָג־מאַלבושים און אָנגעטאָן די פאַרביקע

קלײדער פֿון סימבאָלישער פֿאַנטאַסטיק. אויך בײַ פּערעצן האָט דער אידישער ישעוו אויקער געװען און גענומען שװעבן אין אַ נײַער אידײען־לופֿט, און דעריבער האָבן די אַלט־אידישלעכע געשטאַלטן בײַ פּערעצן באַקומען אַ נײַעם גרױס־מענטש־לעכן און גרױס־װעלטישן באַדײַט.

איז אָט צו דעם פּערעציש־אידישן אָפּגעשאַפֿטן אויסקומעניש האָט זיך דער־נאָכדעם אומגעקערט בערגלסאָן, װײַל געהאַט האָט ער שוין די פֿולע מעגלעכקײט װאַרפֿן אַ לעגעדיקן געזונטן אװאַר־שײַן אויפֿן קלױמערשטן פֿעסטן אײַנגעפֿונדע־װעטן אידישן לעבנסשטײגער. איז קײן צופֿאַל ניט דעריבער, װאָס דער באַש־רײַבער פֿון דער „נאָך־אַלעמען“־טקופֿע און דער דיכטער פֿון שטעטלשן „אָפּגאַנג“ האָט אָנגענומען דעם אימפּרעסיאָניסטישן מעטאָד. אױף אַזאַ אופֿן און בלױז אױף אַזאַ אופֿן איז פֿון דעם „נאָך אַלעמען“ אַ געזעלשאַפֿטלעך־קינסטלערישער „פֿאַר אַלעמען“ באַשאַפֿן געװאָרן און פֿונעם „אָפּגאַנג“ ציִען זיך אָרגאַנישע שטראַלן צום נײַעם לעבנס־שעפֿערישן און דיכטעריש־קומענדיקן אופֿגאַנג.

.2

שוין אין ערשטן יוגנט־װערק, אינעם זעלטן פֿרישן און קינסטלעריש־יוגנט־לעכן „ארום־װאָקזאַל“ הויבט זיך שוין אָן, אײגנטלעך, בײַ בערגלסאָנען די מײַפּע פֿונעם שטעטלשן „אָפּגאַנג“. ארױסגעפֿירט האָט דאָך דאָ שוין בערגלסאָן זײַנע מענטשן פֿון שטעטלשן טכום און געשטעלט זײ אױפֿן װאָקזאַלישן שײד־װעג.

„דערפֿאַר. װאָס דאָרף מיטן געגנט האָט געשװיגן, האָט געשװיגן אויך דער אַלטער פֿאַרגליװערטער װאָקזאַל און מיט אַ באַהאַלטענער בײַנקשאַפֿט אַרײַנגע־קוקט אין דער טיפֿעניש פֿון דער בלױער און אומבאַקאַנטער װײַטקײט“...

מיט דעם דאָזיקן אַקאָרד הויבט אָן בערגלסאָן און מיט דעם זעלביקן אַקאָרד פֿאַרענדיקט ער זײַן ערשטע דערצײלונג:

„און אפֿז װײַטן באַרג, װאָס איז אונטער די פּלײצעס געבליבן, האָט גע־דרימלט דער רױטער װאָקזאַל און מיט פֿאַרגליװערטע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער טיפֿער אומבאַקאַנטער װײַטקײט“.

יאָ. צוליב אָט דער אומבאַקאַנטער װײַטקײט האָט דאָך בערגלסאָן פֿון לעכאַטכילע אָן אויקער געװען פֿון שטעטל, װײַל טרױמנדיק פֿון אָט אָ דער אומ־באַקאַנטער װײַטקײט האָבן זײַנע פֿאַרשױנען ניט געלעבט, נאָר געכאָלעמט, זיך אַלײן, זײער אײגענעם קיעם, האָבן זײ, װי אין כאָלעם איבערגעלעבט.

„און קײן פֿרילינג האָב איך קײנמאָל ניט געהאַט. עמיצער האָט אים פֿאַר מיר איבערגעלעבט אָט דעם פֿרילינג און מיר װערט עס שוין פֿון טאָג צו טאָג קלאָ־רער. נאָך אײדער איך בין געבאָרן האָט עמיץ מײַן פֿרילינג איבערגעלעבט“ (נאָך אַלעמען 344).

ניט בלױז מירל די שײנע פֿיגור פֿונעם „נאָך אַלעמען“ האָט מיט די דאָזיקע עפּיטאַפֿיע־װערטער באַלױכטן אַ שטיק פֿון איר „בין השמשות“ אויסקומעניש— די גאַנצע רײַכע גאַלערײ פֿון די בערגלסאָנישע טיפּן, זײער אַלעמענס פֿרילינג האָט עמיצער פֿאַר זײ איבערגעלעבט. און איבערגעלעבט זײער פֿרילינג האָט טאַקע דאָס שטעטל גופֿע, דאָס אַמאָליקע שטײגער־שטעטל מיט איר „כאָלעם פֿון די

„כומעש־יאָרן“, וואָס בערגלסאָן האָט געזען אין שטוב פון די שמעטלשע הינטער־געסלאַך.

צווישן אַט דעם כאַלעם פון די „כומעש יאָרן“ און צווישן דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט“, אַף אַט דעם וואָקזאַלישן שעטאַך, וואָס געפינט זיך צווישן די דרײַ־מלענדיקע פאַרצייטיקע באַלעגאָלישע פורן פון איין זייט, און דעם שווינדלענדיקן פּאַסאַזשיר־צוג פון דער צווייטער זייט—אַף אַט דעם בערגלסאָניש סימבאָליזירטן שעטאַך קומט פאָר די האַנדלונג ניט נאָר פון די „ארום וואָקזאַל“ פאַרשוינגען. ניין. דאָ קומט אויך פאָר די גאַנצע בערגלסאָניש־פּאַרטיפּטע לעבנס־שפּיל פון אַלע זיינע אויך שפּעטערדיקע שעפעריש־פאַרווירקלעכטע אַלטע און יונגע—די ערשטע, ווי אויסגעשפּראָכענע פאַרגאַנגענהייטס־פאַרשוינגען, די צווייטע, ווי אָנגעמערקטע„איבערגאַנגס־פונקטן“, ריכטיקער, ווי „אָפּגאַנגס־פיגורן“ ווי טיפּן, וואָס לייקענען אָפּ אליין זיך בעשאַפן לעבן, און שאַפן אָפּ זייער אייגענע עקזיסטענץ.

פונם אידילישן „ארום־וואָקזאַל“ דורכן לירישן „נאָך אַלעמען“ ביזן דראַמאַטיש־פּאַרטיפּטן „אָפּגאַנג“ איבערן „דרויב“ און „אין א פאַרגרעבטע שטאָט“, איבער דעם אַלעם ציט זיך די שטייגנדיקע ליקווידאַציע פון א טקופע, איין גאַנצע בערגלסאָנישע ליקווידירונגס־עפּאָפּייע. איין גרויס ווערק, וואָס האָט באַלויכטן די קאָנוואולסיע פון א שיכט—דעם אידיש־באַלעבאַטישן שטייגער־שיכט—אָנהויבנדיק פון שטאַם פון זיינעם, פון די פאַרעלטערטע צעפאַלענע שוין וואָרצלען און ענדיקנדיק מיט די הויך פאַרפלויגענע צווייגן, מיט די פאַראייגזאַמטע אין זיך פאַרגאַנגענע יונגע שפּראָצונגען.

—„זאָל זי א קוק טון: מאַמעש א שאַבעסדיקער הימל. שאַבעסדיק, זעען אוים אָפּן מיירעוודיקן באַרג אַפילע די ארומיקע גרינע פעלדער.

מירל האָט מעכאַניש א קוק געטאָן צום באַרג און האָט דאָרט גאָר נישט ניט געזען א כויץ דעם מידן גאַי, וואָס דעראַקערט צו נאַכט זיין פעלד. א היפּשער צעאַקערטער פּאַס האָט זיך דאָרט שוין געצויגן איבערן גאַנצן רעליעף פון גרינעם באַרג און אים ארומגענומען מיט א ברייטן שווארצן גאַרטל. זי האָט נאָך נישט געוואוסט, צי הערצם ווערטער האָבן א איראָנישן זין, צי ניין און האָט געקוקט אַף אים מיט דערשראָקענע ערשטוינטע אויגן“. (נאָך אַלעמען 178).

און אויב מירל, דער צעשטערערישער גייסט פון שטעטל, האָט נאָך ניט געוואוסט צי מיינט ער עם איראָניש, דער העברעאישער פּאָעט הערץ, וואָס זעט דעם שאַבעסדיקן ארום און ארום דאָרטן, וואו זי באַמערקט שוין נאָר א איינפאַכן טאָג־טעגלעכן לאַנדשאַפט—אויב מירל האָט זיך נאָך געכידעשט, האָט אָבער שפּעטער כאַיים מוישע, דער ראַקיטנער פּאַרטיפּטער אומרו שוין גאָר ניט געסאָפּעקט, בעאיים ער האָט ארויסגעטראָגן זיין שאַרפן אורטייל:

—דער עלטסטער ליגנער, דער קינדערשער סידער זיינער, וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אַף א בוידעם צווישן אַלטע פאַרשטויבטע שיימעס.

און ער האָט, ווי נעקאָמע געהאַט אין אַט דעם אַלטן גרויסן ליגנער“ (אָפּגאַנג 38).

און וועגן פּרעגערן, דעם שטעטלשן צעלאָכעסניק, דערציילט אונז בערגלסאָן:

„נאָר, אַז, ער גייט דורך אין עק־שטאָט פאַרביי די פאַנאַנדערגעעפנטע שולפענסטער, דערהערט ער דעם שאַבעסדיקן נוסאַך פון „ברוך־שאמר“. ס'אַרא

אַלטער איינגעגעסענער נוסאַך! ער לייקנט אין אַלע נייסן, וואָס זיינען אופגעטאָן אַף דער וועלט" (אַפּגאַנג 80).

אָבער אַז דער אַלטער נוסאַך האָט צוזאַמען מיט די נייסן אויך אָפּגעלייקנט די קלוימערשטע טרעגער פון די נייסן, אַט די טרעגער, וואָס האָבן בעעצעם אַליין געהאַט אַ צו נאָענטע טאַקע איינגעגעסענע שייכעס צום אַלטן נוסאַך און אָפּשאַפנדיק דעם דאָזיקן נוסאַך האָבן זיי אין טאָך, ווי געזאָגט, אָפּגעשאַפט זיך גופע.

כאַיים מוישע, די קויהעלעסדיק־זויבערע פערזענלעכקייט פון „אָפּגאַנג" האָט שאַרף, מאַמעש נעוויעסדיק דערזען, אַז אין שטאָט, וואָס איז שוין „אויסגעוועבט אַלט, און אויסגעהוילט אין טויט" זיינען שוין נאָר פאַראַן „רעמאָזים אַף מענטשן" און אַז אַף אַ שוועל פון איינער אַ קראָם שטייט אַ קרעמער „אַ לוסטרינענער טאַטע", וואָרים ער האָט פאַרשאַרפט־בילדעריש געטראַכט, כאַיים מוישע: „די גרעסטע קאַריקאַטור—האָט ער געטראַכט—איז ווען אַ מענטש איז ענלאַך צו זיין טאַטן" (אַפּגאַנג 37).

אָבער אַנשטאָט ניט צו וועלן בלויז זיין קיין קאַריקאַטור, אַנשטאָט ניט צו וועלן בלויז אונטערצוהאַלטן די עקזיסטענץ פונם „לוסטרינענעם טאַטן", די עקזיסטענץ פון דער „אויסגעוועבטער שטאָט"—האָט כאַיים מוישע צוזאַמען מיט זיין צווילינג מיילאַכן באַשלאָסן ניט אונטערצוהאַלטן דער „וועלטס עקזיסטענץ", דער אומוועו'רדיקער וועלטס עקזיסטענץ. אינם „נאָך אַלעמען" האָט אונז בערגלסאָן דערציילט אַ מייסע וועגן ד'עם שוימער פון דער „טויטער שטאָט", אינם „אָפּגאַנג" האַנדלט זיך שוין וועגן דעם שוימער פון דער טויטער וועלט. עמעס כאַיים־מוישע באַדאַכט זיך איינמאָל, אַז מען דאַרף היטן, היטן אַט די וועלט „ביז וואַנען ס'וועט קומען דער באַלעבאָס". אַז דער באַלעבאָס דאַרף און וועט קומען—דערין איז זיכער געווען אַליין בערגלסאָן, אָבער דערצו האָט, אַפּאַנעם, בערגלסאָן נאָך עפּעס געקוואוסט, אַז זיי, אַט די שאָמרים, די ראַקיטנער שאָמרים, זיינען ניט בעקויאַך געווען דערוואַרטן זיך אַף דער געבענטשטער רעגע, זיי זיינען אפילע ניט בעקויאַך געווען אוועקגייענדיק פון דער וועלט אַ קלאַפּ טאָן מיטן טיר אַזוי, אַז "די שטוב זאָל אַ ציטער טון און ס'זאָלן זיך אופכאַפּן קליינע קינדער".

—פאַרוואָס ביזטו אַזוי שטיל אוועק, מיילאַך?

—דו ווייסט כאַיעם מוישע.

—קדיי ניט אופצואוועקן קליינע קינדער?

— יאָ, כאַיעם מוישע, זאָלן דרימלען קליינע קינדער, זאָלן דרימלען קינדער מיט בלאַסע בעקעלאַך.

— אָבער ס'איז דאָך הוילער שעד, מיילאַך—הוילער שעד אין גוטסקייט און אין שעמעוודיקן שמייכל". (אָפּגאַנג 114).

דער פּשאַט פונם דאָזיקן בילדעריש־פאַרשטעלטן דיאַלאָג איז דער אָנמאַכט פון דעם אידיש־אינטעלעגענטישן שטייגער־שיכט, וואָס האָט, ווי איצט איז שוין דערוויזן, שוין לאַנג אָנגעוואָרן דעם לוסט צום קאַמף און איז אוועק צוריק צו דער „אויסגעוועבטער וואָכעדייקייט, וואָס ציט זיך אהער מיט אַלע וועגלאַך און שטעגעלאַך פון ראַקיטנע דער שטאָט".

וועגן מירלען, וואָס האָט איינמאָל געפרובט אַראָפּפאָרן צו איר פאָטער אין איר געבורטס־הויז, דערציילט אונז דער שעפער פון „נאָך אַלעמען", אַז באַטראַכנדיק איר געוועזענעם כיידער האָט זי באַמערקט:

„דער געלעגער איז געווען ניט פאַרבעט, נאָר איבערגעדעקט אַזוי, אַז די קאָפּקישנס האָבן פון אונטער דער קאָלדרע גלייך מיט דער איבערבעט אַרויסגעשטעקט און געדוכט האָט זיך, איבער עפּעס, אַז ס'איז פיל גרינגער אייביק נאַוועגאַד זיין, איידער אין אָט דער בעט זיך נאָך אַמאָל אַריינצולייגן. (נאָך אַלעמען 248).

ווי אומעטום האָט דאָ בערגלסאָן מערקווירדיק אַנטבלויזט אַ פיזיאָלאָגישע גרונט־רעפלעקסיע פון אַ רעגע־איבערלעבונג און מערקווירדיק פאַרצווייפלינגט זי, ווי טאָמיד, מיט אַ דערהויבענעם סימבאָליש־געזעלשאַפטלעכן מיין: ס'איז פיל גרינגער פאַר מירלען אייביק נאַוועגאַד זיין, איידער ווידער צום פריערדיקן שטייגער־לעבן זיך אומקערן—אַזוי דאַרף עס קינסטלעריש אויסגעטייטשט ווערן. געווים די נאָכאַלעמענישע יונגע מירל האָט דאָך נאָך, ווי ס'ניט ווי, געהאַט פאַר זיך עטלעכע דורכלויכטן—נעפלדיקע האָפענונגען אַף טויעם טאַם זיין פון אַ לעבן. אין די ווייטע טרוים־מעדינעס, צו וועלכע זי האָט זיך געריסן מיטן גאַנצן אומשולד פון איר נאָך ניט מיט אַלעמען אויסגעבראַכטן מיידלשן קויאַך.

אַנדערש אָבער האָט אונז בערגלסאָן פאָרגעשטעלט זיינע שפּעטערדיקע אָפּגאַנג־געשטאַלטן. מיילאַך און כאַיעם מוישע, זיינען אַראָפּגעקומען אַהער אין שטעטל נאָכדעם, ווי זיי האָבן געלערנט אין גרויסע שטעט „געפלאַטערט" אַפילע אַף באַריקאַדן און געקומען לעסאָף אין ראַקיטנע „דער שטאָט" פייניקן זיך מיט דעם אידנס גרינבלעך־נאַסע־שטיינדלאַך, די אויגן—דאָס איז די אייביקייט, וואָס זעט גלייכגילטיק צו, ווי יונגע ווערן אַלט און בלייבן באַ ניט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען (אָפּגאַנג 20).

וואָרים גערעכט איז געווען בערגלסאָן, דער ווייט זעערישער קינסטלער וואָס האָט אָפּשאַפנדיק די שטעטלשע עלטערע אידישקייט אויך דיכטעריש אָפּגעשאַפט אַ דאָר פון יונגע, די יעניקע יונגע, וואָס האָבן פון זייער שטעטלשער שטייגער־הויט ניט געקאָנט אַרויס, די יעניקע, וואָס האָבן בעעצעם „פאַראַקיטניש" די גרויסע וועלט און דערפאַר האָבן זיי זייער גרויסע וועלט אַהער קיין ראַקיטנע אַראָפּגעבראַכט, זי זאָל דאָ צוזאַמען מיט זיי אָפּשטאַרבן אַפן פאָטערשן מיסט־איבערבלייב, מיט וועלכן זיי זיינען, אַפאָנים, ניט בעקויאַך געווען צערייסן...

„נאָר פון וואָס באַשטייט דען אַ גרויסע שטאָט, וואָס איז איינגעהילט אין נעפל אויב ניט פון לעפּישע שאָטנס, וואָס ליאַרעמען און שרעקן און וועבן דער וועלטס טויהו וואָוואָויהו.

קומט צו גיין איינמאָל כאַיעם מוישע, דער עלטערער פון די צוויי אינגלאַך און זאָגט, אַז ער וויל שוין בעסער אַ שטענדיקן ווינטער־טאָג.

זאָל אָן אופהער שיטן אַף אָט דער שטאָט געדיכטע נעפלדיקע שנייען. זאָל זיין כווישעך, און אין איין צוזאַמענגאָס זאָלן דערוואָרגן ווערן אַלע ווילדע געשרייען פון אָט דעם לעפּישן טויהו וואָוואָויהו — מען דאַרף ניט, זאָגט ער, קיין וועלט. וואָס טויט מענטשן איידער זי באַפרידיקט זייערע פאַרלאַנגען.

בענויגייע צו ביידן, אַזוי קלערן די אינגלאַך, איז זיך גאָט באַגאַנגען ניט ליטיש—נאָך אין סאַמע אָנהויב בעשאַס ער האָט זיי באַשאַפן, איז ער זיך ניט ליטיש באַגאַנגען, גלייך ער וואָלט דעמאָלט האָבן אַ סאַך שיינע וועלטן אַף אויסצוקלייבן און האָט זיי, ווי אַף צולאָכעס אַראָפּגעלאָזן דאַווקע אַף אָט דער—דער אומווערדיקער.

—„גאָטס באַקאַליי־קליי̇טל“ רופן זיי אָט די ערדיישע וועלט און דערמאָנען זי טאָמיד ניט צו גוטן“. (אָפּגאַנג 11).

„גאָטס באַקאַליי־קלייטל“—קיין שאַרפער, דאַכט זיך, צונעמעניש פאַר טאַ־ראַביים און ריסקלערס וועלט איז ניט קדאַי צו זוכן. מיט אַלע ראַמאַך קינסטלע־רישע אייוורים האָט בערגלסאָן דערפילט דער וועלטס פוסטקייט און אומווערדי־קייט, דער ערשטער האָט ער דערשפּירט, אַז די אָרעמיקע וועלט שימלט, דער ערשטער האָט ער זי פאַרמישפּעט, בעאיים אַלעמען אַרום האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פאַראַן, אַז זי לעבט, אַז זי וועט אַ צייט לעבן...

יאָ. דער ערשטער האָט בערגלסאָן אַזוי מייסטעריש פאַרקלאַפּט טיר און פענסטער פון גדאַליע הורוויצעס שטוב. דער ערשטער האָט ער דאָך מאָרגנע בילדער־ריש דערזען, אַז דער ראַוו, דער שויכעט און דער כאַזן האָבן אויסגעזען אַף דערסקלערס קנאַסמאָל, „ווי סטאַטיסטן מיט געליגענע קאַפּאָטעס און מיט צוגעקלעפּ־טע בערד“.

— מעבֿיטן!

האָט זיך אים געדאַכט, אַזריעל פויזנערן, אַז דאָס רופט מען ניט אים, נאָר עמיצן אַ צווייטן, אַ סאַך אַ עלטערן און בעקאָוועדיקערן, וואָס איז שוין לאַנג גע־שטאָרבן, לאַנג שוין אַוועק און פאַרשוואונדן פון דער וועלט“. (אָפּגאַנג 96).

ס'איז מערקווירדיק מיט וואָס פאַראַ פאַרטיפטן פּסיכאָלאָגישן קונסט־געווער האָט בערגלסאָן געשונדן די געגנוואַרטס־הויט פון זיינע געדיכטעטע טיפּן און זיי אַליין האָבן זיך דערמיט געשטויסן אין געשיכטלעכן הינטער־גרונט אַריין. שטאַמט דערפון, צו גלויבן, דער עגמ־בערגלסאָנישער פּסיכאָלאָגישער פּאַראַלעליזם, וועל־כער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיינע פּערסאָנאַזשן לעבן פאַר זיך גופע אין אַ אויסגעדאַכט לעבן און געפינען זיך דעריבער גלייכצייטיק אין טרוים, ריכטיקער אין מאַכשאָווע און איןווירקלעכקייט: „כאָוועס פויזנער וואָלט אַ באַלן געווען גלייכצייטיק פליען און גייען האַרט באַ דער ערד“—ס'איז אַ מין רעפלעקטאָרישע צעצווייטקייט, וואָס צייכנט אויס בערגלסאָנס אַלע געשילדערטע הויפּט־גע־שטאַלטן, קלייניערשט זיי אַלע לעבן צוויי לעבנס—איינע צוליב זיך און איינע צו־ליב דער פאַרגאַנגענער אייביקייט, די בערגלסאָנישע אייביקייט, וואָס גייט זיי נאָך און שלינגט אַלע זייערע ווערטער, באַוועגונגען און איבערלעבונגען.

„זי איז ווי אַ פאַרגעסענע געזעסן באַ דער זייט פון טיש, און האָט געהאַט אַזאַ גלייכגילטיק אויסזען, גלייך אָט דאָס קנאַסמאָל לעבט זי איבער דאָס צענטע מאָל אין לעבן“ (אָפּגאַנג 105).

אָדער: „און איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיך איר שוין געדוכט, אַז פון דאָרט, פון רויטן עק־הימל קוקט צו איר אַ צווייטע פייערדיקע מירל און ווינקט צו איר פון דער ווייט: „קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייסט נישט צוליב וואָס ס'בלאָנזשעט אַרום מירל הורוויץ, און איך מירל, וואָס איך ברען אין פייערדיקן עק־הימל אַפן האָריזאָנט—כ'האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנזשעט און האָב אויך נישט גע־וואוסט צוליב וואָס“ (נאָך אַלעמען 334).

פון אָט דער שאַרפער רעפלעקטאָרישער רעמיניסצענץ, וואָס איז מער, ווי אַ בילדערישער אויסדרוק־מיטל, איז בעפיירעש צו זען אַז ס'ציט זיי די בער־גלסאָן־טיפּן, צו פאַרשטעלן זיך, ווי פאַרגעדיינקטע פון אָוואַר־לעבן, און פון אָט אַזאַ אַרט „מירל־אויפפאַסונג“ גייט דער גלייבער שעפערישער וועג צו די שפּעטערדיקע

מיילאך און באיעם מוישע, וואָס זיינען שוין פון לעבאַטבילע אָן געבאָרן געוואָרן, ווי אַ טויטלעבעדיקער צווילינג, און באיעם מוישע דער לעבעדיקער האָט דעריבער אַזוי מאָדנע געלעבט אַף צוריק צום טויטן מיילאַכן אין פאַרגאַנגענהייטס־טהאָם אַריין, וואָרים גראָד דאָ, אינם „אָפּגאַנג“ האָט בערגלסאָנס נייןזאָגערישער פּאַטאָס מער ווי אומעטום צעשפּיקט זיך מיט אַלע שעפּעריש־אָפּלייקנערישע פאַרבן.

„פאַר געשיכטע זיינען די טויטע לעבעדיק און די לעבעדיקע טויט“—עפּשער האָט בערגלסאָן דורך דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן אָפּגאַנג־אַפאָריזם געוואָרפן אַ שיין אַף זיין אייגענעם שאַפן. האָט ער דאָך מאָלנדיק זיינע העלדן, זיי פון אונטערן פען אין שטיקער געוועזנהייט פאַרוואַנדלט. האָט ער זיי דאָך, ווי לעבעדיקע פערזענלעכקייטן געטויט פאַר אונזעריקן איצט, פאַר דערווירקלעכקייט, אָבער אויפגעלעבט האָט ער זיי ווי לעבעדיקע געשיכטע, ווי לעבעדיקן פיין, ווי געליטערטע, פון איצטערט שוין פאַראייביקט־לעבעדיקע, ענערגיע פון טיף מענטשלעכער אַליע און יערידע.

אין אָט צילי ב דער דאָזיקער פון אונז גופע באַשאַפענער פאַרגאַנגענהייט האָט בערגלסאָן מייסטעריש אויסגענוצט די אימפּרעסיאָניסטישע קונסט־מיטלען.

3.

ס'וואַקסט זיך אין די אויגן אַ אייגנשאַפט פון בערגלסאָנס אַרט שרייבן: דער פאַרמענטשלעכטער, אַזוי צו זאָגן, כייפעץ אין בערגלסאָנס שאַפן. די קעגנשטאַנדן, די טויטע נאַטור־און שטייגער־אָביעקטן לעבן אַ פּסיכאָלאָגיש לעבן בײַ בערגלסאָנען, זיי באַקומען אַ מין מענטשלעבן אייגן־כאַראַקטער מיט אַ פולקומען מענטשלעך באַרעכטיקטן אָרט אין דער האַנדלונג.

„ווייט, ווייט אינם באַנאַכטיקן האָריזאָנט, וואָס קעגנאיבער די פאַרשנייטע פעלדער, האָבן זיך נאָר אין איין שוואַרצע שורע די דעמבענע וועלדלאַך געצויגן און געדוכט האָט זיך, אַז זיי ווילן דרימלען און קאָנען נישט, אַז ס'שטערט זיי פון דאַנען די לאַנגע שיין פון דער אַקושאַרקע שאַצס הויט באַלויכטענע פענסטער און ס'וועקט זיי אַלע מאָל אָן אַנדער שטיל בלאָנזשענדיקער ווינטל, וואָס קומט אַהין צווישן די יונגע ביימער צו לויפן, און לאָזט איבער צווישן זיי די באַנאַכטיקע מאָרעשבוירע פון ערגעץ וואו אַ ניי־געבוירענעם אומגליק“ (נאָך אַלעמען 64).

ס'איז ניט קיין פּאָשעט אַנטראָפּאָמאָרפירטע פּייזאַזש־שילדערונג פון אַלטן רעאַליסטישן שניט—ס'איז אַ פולשטענדיק־אויסדריקלעכער „נאַטור־מאָרט“ פון דעם מין וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ אָרט בײַ די אימפּרעסיאָניסטישע מאַלער. ווייל אויך זיי האָבן בעצעם אַף אַזאַ אויפן פאַרמענטשלעכט די אָרומיקע נאַטור־און שטייגער־אָביעקטן, אויסגעזוכט דעם אייגנאַרטיקן „שטיל־לעבן“—אַזוי געלונגען הייסט „נאַטור־מאָרט“ אַף דייטש—אויסגעזוכט אַף זייער שטייגער דעם פאַרביקן לעבן מעהום פון דעם אָרומיקן דוימעם, פון דעם אָרומיקן טויטן כייפעץ.

„טעלער צו טעלער פאַלן דאָרט צו מיט אַ וויינענדיקן טויבן קלונג גלייך ס'טוען זיי ווי די קלעפּ, וואָס זיי כאַפּן“.

אָדער: „ליגט זיך אַזוי אַ כ[illegible]ושקע אין זאַל אַף דער רייכער פּאָדלאָגע, ליגט מיט איר [illegible] צע[illegible] [illegible] [illegible] און איז זיך מיסקאַנע אין אַ צווייטער במעזשקע, וואָס ליגט ערגעץ [illegible] אין אַ צווייטער כאַסענעדיק צוגעקליבענער שטוב.

—די קאַלע איז אין יענער שטוב גליקלעך, קלערט דוכט זיך אַט די כּטעזשקע.
— טוט זיך קוים קוים אַ ריר דער לאַנגער פֿאָרהאַנג, וואָס אַפֿן פֿענסטער און וויל דוכט זיך אומעטיק צוגעבן:
—זי האָט ליב דעם כּאָסן, יענע קאַלע". (נאָך אַלעמען. 176).
און אַזוי און אומעטום און קעסיידער פֿאַרפֿלעכט בערגלסאָן דעם טויטן כּייפעץ מיט דער לעבעדיקער שטימונגס־טיף, די אַרומיקע שטייגער־אָביעקטן, די גאַנצע אַרומיקע וועלט פֿון שטייגער־אָביעקטן, רעפֿלעקסירן, ריידן זיך איבער, ווינקען זיך דורך, ווי דורך אַ מיניי ראַדיאָ־פֿונקען, פֿלעכטן זיך איבער מיט מענטש און אָפּט מאָל איז שוין ניט צו דערקענען וואו איז מענטש, וואו איז כּייפעץ, וואָרים מענטש איז שוין אין כּייפעץ צעברעקלט און צעפּיצלט, מענטש, וואָס איז אין לאַנג־דווירעסדיקן באַלעבאַטיש־אויסקומעניש מיט שטייגער־אינווענטאַר פֿאַר־וואַקסן, מיט זיי טאָג־איין, טאָג־אויס זיינע אַסאָציאַציעס באַהעפֿט, און די אַלע אַרומיקע שטייגערדיקע זאַכענישן ריידן שוין אַפֿילע פֿאַר מענטש און אַנשטאָט מענטש:
„אין געסל איז געווען אויפֿגעראַמט און שטיל, הייזער האָבן פֿון זיך שאַבעס־דיקע שאָטנס אַפּגעוואָרפֿן. און זיך איבערגענומען:
— מיין שאָטן איז גרעסער!
—און מיינער איז נאָך גרעסער!" (נאָך אַלעמען 319).
שטוב, גאָס, פֿענסטער, בוים, פֿור, קאַברייַן—אַלץ און אַלץ רעדט און דער־ציילט אַפֿן שטייגערדיק־אימפּרעסיאָניסטישן בערגלסאָן־לאָשן, ווייל אימפּרע־סיאָניזם איז, ווי געזאָגט, אַ פֿענסטער אין שטייגער אַריין, און שטייגער ווערט פֿאַרטאַמציסט דורכן אימפּרעסיאָניזם, שטייגער ווערט דורכן אימפּרעסיאָניזם פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרגעדיינקטער ענערגיע פֿון באַוועגונג, פֿאַרב און קלאַנג, וואָרים אַף אַזאַ אופֿן ווערט שטייגער איבערגעדיכטעט און אויסגעלעבט.
„אַרום צוועלף אַזייגער באַטאָג האָט זיך נאָך געדיינקט וויפֿל ווייבער האָבן זיך מיט זון־אויפֿגאַנג אַרום עטלעכע פֿורן מיט גרינס געריסן און דורך אָמענע טיר און פֿענסטער האָבן זיך נאָך פֿון ערגעץ אַרויסגעשפּאַרט גיכע פֿאַרשפּעטיקטע קלעפּ. וואָס פֿאַלן אַפֿן פֿיש־ברעטל און זיינען אויסגעמישט מיט די ווערטער, וואָס איין שכיינע האָט צו דער צווייטער אין שטוב אַריינגעשריען. אַ איד אַ קרעמער האָט אַף דער גיך אַ גמילעס כּעסעד אָפּגעטראָגן און דער פּראָוויזאָר סאַפּיאַן האָט זיך פֿון ערגעץ וואו צו זיך אין אַפּטייק אומגעקערט". (נאָך אַלעמען 318).
אַף אַזאַ קאַרג־שורעדיקן שטאָך איינגעזעצט אַזאַ באַדייטנדיקן געמעל—ס'איז דערפֿאַר, ווייל אָט דער שטייגערדיקער אינווענטאַר פֿון אויג און אויער איז שוין פֿאַרן אימפּרעסיאָניסטישן דיכטער בלויז פֿאַרגעדיינקטע פֿאַרגאַנגענ־הייט און, ווי פֿאַר די אימפּרעסיע מאָלער, איז שוין פֿאַר אים אין דעם פֿאַל דער איקער אויך ניט דער שילדערישער „וואָס" פֿון די אָביעקטן, נאָר דער „ווי"; מערקט ער דעריבער זיי אָן נאָר פֿלעקן־וויים און קלאַנגען־וויים אַף אַזוי פֿיל, אַף וויפֿל זיי דאַרפֿן דורך אַנשוילעכע שטריכן וועקן די פּאַרטיקע געזעטיקטע אַסאָ־ציאַציעס.
אין בערגלסאָנס דערציילונג „דרויב", וואָס איז אָנגעשריבן מיט זעלטן אַק־טיווע, טעלעגראַפֿישע אימפּרעסיע־מיטלען, איז פֿאַראַן אַזאַ שטעל וועגן דעם אַלטן דאָוויד לייזערס טויט:

„מיטן טאָגלעך, זאָגט מען, אַז ס'איז אים גרינגער געוואָרן. ער איז אַנדרימלט געוואָרן. נאָר מיט אַ שאָ שפּעטער ווערט פון ס'ניי אַ גוואַלד. מ'צינדט אָן אַרום ליכט און פּרוביט אידן קומען מיט נאַסע פּייעס פון מיקווע און זאָגן אַרום עפּעס פון גראָבע סידורים" (דרויב 17).

שניידט ער דעם באַוואוסטזיין, דער דאָזיקער „עפּעס", וואָס די פרומע אידן זאָגן: גלייך בערגלסאָן גופא האָט לאַכלוטן פאַרגעסן, וואָס מען זאָגט בײַ אַ ניפטער. אָבער ער איז גערעכט: מען זאָגט שוין טאַקע „עפּעס". וואָרים דער אײַקער איז שוין פאַר בערגלסאָנען ניט דער פאַרשוואונדענער ריטואַל אַליין, נאָר דער אויסזען פון די בייזאַכן, וואָס האָבן דעם ריטואַל פאַרשלונגען: „דער גראָבער סידער", „די נאַסע פּייעס", „די אָנגעצונדענע ליכט"—די ריין אימפּרעסיאָניסטיש אופגעשטעלטע אקסעסואַרן, דורך וועלכע בערגלסאָן ווייסט דעם סאָד, ווי צו איבערגעבן געשילדערטע געשעעניש.

וואָרים אין דעם פּראַט איז ער געוואַלדיק מערקווירדיק, דאָוויד בערגלסאָן, וואָס האָט אין דער וואָרט־קונסט געגעבן אַ עכטע מאָלערישקייט פון אימפּרעסיאָניסטישער ליכט און פאַרב: די אומעטומיקע שפּיל פון לאָמפּ און פענסטער—אַ עמעסע סימפאָניע פון לאָמפּן־און פענסטער־שיין—בײַ בערגלסאָנען, די שוואַרצע קלייד אַף מירלען, די ווייסע טישטוך, די רויטע גאַרדינען, דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ באַם קראַנקן הורוויצן, די ווייסע העמד פאַר זיין טויט, דער ביינקל מיטן אָפּגעשיילטן מאַראַנץ באַם פאַרשוואַכטן זיידע נאַווסקען, דער סעגל פון די זאָנטיקעס אין „אָפּגאַנג", דער בלוי־גרינלעכער פלאַם פון דאַמף־מאַשינדל—אַף יעדער שריט און טריט צעשאָטענע קאָלירטע און לינייאישע פלעקן, דאָ אַ געהויקערטע פּלייצע, דאָרט אַ לענגלעכער פּאָנים, די ליינגלעכע שורע פון בערד, ברוין־בלאָע אָדערן אונטערן הויט פון נאָז", „די סאַרוועדן אין די בלאָע ברילן"—קעסיידער אימפּרעסיע־פלעקן, וואָס סיגנאַליזירן צו אונזער שטייגערדיקער אויג־און אויער־דערפאַרונג. פאַרוואַנדלען זיי אויך בערגלסאָנס שפּראַך, זיין אידיש, יעדער וואָרט באַזונדער פאַרוואַנדלען זיי אין אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס פאַרמאָגט איר קלאַנג, איר פאַרב, איר דופט און רייאַך. אַפילע בערגלסאָנס נעמען—די פאַמיליען־נעמען אויך ביכלאַל—וואָווע בורנעס, עסטער פיך, נאָסן ווידערפאַליער, מאַכאַרטאָוו, טאַראַביי—אַלע זיינע נעמען זיינען דערום אַזוי אָרגאַנישקינסטלעריש באַהעפט מיט די טיפן גופע, ווייל אין די דאָזיקע קלאַנגען ליגן עפּעס פאַרבאָרגן אייגנאַרטיקע אימפּרעסיווע רעמאָזים, וואָס וועקן ווייטן און טיפן אָפּהילך פון טעווע־אייגענשאַפט און איבערלעבונג.

און נאָך:

בערגלסאָנס דיאַלאָג איז אויך אין טאָך אַ אימפּרעסיאָניסטישע דערשיינונג: אַזוי שעפעריש שיין האָט ער געפונען דעם מיטל צו איבערגעבן דעם טאַמציס דעם „סייכל", וואָלט איך געזאָגט, פון אַ אידישן שמועס. ניט וואָס די טיפן ריידן, נאָר ווי אַזוי זיי ריידן, ריכטיקער ווי אַזוי זיי טראַכטן דורכן ריידן—דאָס איז ווידער דער הויפּט־פּרינציפּ פון דעם בערגלסאָן־דיאַלאָג.

„מיט אַ פלאַמענדיקן פּאָנים איז זי אריין צו זיך אין כיידער, געבליבן שטיין, געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען און גענומען זיך דערפרעגן בײַ דער נייטאָרן־מיידל:

—די מיידל גדיינקט ניט, וואָס פאַר אַן אַרבעט זי, מירל, האָט היינט באַטאָג געהאַט צו טון" („נאָך אַלעמען" 174).

און ניט צופעליק נוצט בערגלסאָן אין דיאַלאָג אַל־פּי־ראָוו די דריטע פּערזאָן. דעם „ער“ און „זי“, ווייל דער אימפּרעסיאָניסטיש־רעפלעקטאָרישער אַרט ריידן באַשטייט, דער איקער, אין צוהערן זיך בעשאַס מייסע, צום אייגענעם געדאַנק. פאַלט עס אינמערעסאַנט צונויף מיט דער אויבנדערמאָנטער צעצווייטקייט פון די בערגלסאָן טיפּן, וואָס לעבן אליין זיך איבער און הערן זיך צו צום אייגענעם געשפּרעך אויך, ווי צו אַ פרעמדן, דערצו שטאַמט נאָך דערפון די שיינע אַקטיווע צוזאַמענגעמלאָבינקייט פין טאָן און ריידן, פון האַנדלונג און שטימונג אין בערגלסאָנס ווערק.

— „פון היינט אָן הויבט ער אָן צו פאָרן אין שטאָט זעלטן... גאָר גאָר זעלטן,
און ער האָט אָנגעהויבן פאָרן אַהין זעלטן, גאָר זעלטן“. (נאָך אַל. 17).

איז ער ווערט מען זאָל אים באַזונדער אויספאָרשן, דער בערגלסאָן־דיאַלאָג מיט זיין אָרגאַנישן איבערגאַנג פון מאַכשאָווע צו מאַיסע, פון טרוים צו וואָר, דער דיאַלאָג, וואו דער איבערכאַזערן פון די לעצטע ווערטער אַפילע שפּילט מיט אַלע רעפלעקטאָרישע אייגנשאַפטן—אַגעוו, עכט אידיישע אייגנשאַפטן—פון זעלבסט אַנאַליז, וואָס זיינען קלאָר אריבערגעגאַנגען צוזאַמען מיטן וואָרט־און טיפּ־יערושע פון שאָלעם־אַליכעמען צו בערגלסאָנען. ווערט זי באַרעכטיקט דאָ נאָך אַמאָל אַט די „זי“ און „ער“־פאָרם פון דעם בערגלסאָן־געשפּרעך, די מעדיאומישע דריטע פּערזאָן. וואָס געהערט שוין, אייגנטלעך, דעם פאַרגעדייקען־מעטאָד“, וועלכער ליגט ביכלאַל אין יעסאָד פון בערגלסאָנס אַרט שילדערן.

אין דעם אימפּרעסיאָניזם איז דער שעפערישער סוביעקט די לאַבאראַטאָריע, וואָס לאָזט דורך, ווי געזאָגט, דורך אירע היסטאָריש־דערפאַרענע כושים דעם אָנגעזאַמלטן אוצער פון דער אָביעקטן־וועלט. קומט אים אויס, דעם אימפּרעסיע־דיכטער, אופשטעלן זיינע געשטאַלטן אַט ווי אַל פּי זיקאָרן, ער דערמאָנט זיך, קלוימערשט אָן פאַרגעדייגקטע געשעענישן, נעשאָמע־צושטאַנדן און איבערלעבונגען. און אַט אַזוי שאַפט אויך דאָוויד בערגלסאָן דורכן זיקאָרן. דער „געדיינקען“ און „פאַרגעדיינקען“ פאַרנעמט בא אים אַזאַ אייגנאַרטיקן אָרט און איז דער באַליבסטער מעטאָדאָלאָגישער וועג פון בערגלסאָנס שאַפונגס־פּראָצעס.

— ציוויע, דו ווייסט, וואָס דו טוסט איצט, ציוויע?
ניט זי טראַכט אַט די ווערטער, נאָר זי געדיינקט זיי“. (יאָרדים36).

אַלע ווערטער און האַנדלונגען „געדיינקט“ עמיין בא בערגלסאָנען. אומעטום, ביפראַט אינם „נאָך אַלעמען“—דער „דערציילט מען“, דער „זאָגט מען“, דער „האָט זיך געדאַכט“ „האָט זיך פאַרגעדיינקט“—אָנשטאָט צו דערציילן דירעקט דעם סיפּער האַמאַיסע אַנטוויקלט אומעטום בערגלסאָן די האַנדלונג דורך די מעדיאומס, דורך די דיכטערישע שלוכים: מענטש, וואָס האָט אויינגעקוקט און דערציילט נאָכדעם, פענסטער, וואָס האָט די מייסע פאַרגעדיינקט און איבערגעגעבן, און אַט לייגט זיך מירל אָפּן בעט און טראַכט (נאָך אַל. 82). און דורך דעם, וואָס זי האָט פאַרגעדיינקט אַנטפּלעקט אינז דער שרייבער דעם געשטאַלט פון איר כאָסן מיט אַלעם דעם, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, וואָרים מייסטנס דערציילט בערגלסאָן וועגן געשעענישן, נאָכדעם, ווי ער פאַרוואַנדלט זיי אין אָפּגעוועזענע. איז שוין צו גלייבן, אַז דערפאַר ציט בערגלסאָנען מעטאָדאָלאָגיש צו „טויבע, בלינדע און שווייגער“, זייער אינוויניקסטער שילדערונגס־פּראָצעס קומט דאָך געוויס פאָר דורכן פאַרגעדיינקן, דורכן אָרגאַנישן איבערלעבן דאָס וואָס

ס׳ליגט אָנגעזאַמלט אין זיקאָרן.

דער שעפער פון די אָפּגאַנג־געשטאַלטן האָט אַף אונזערע אויגן אַ וועלט אין פאַרגאַנגענהייטס־טהאָם געוואָרפן. דער אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד איז אייגער פון די געלינגענסטע אַף איבערדיכטן דעם לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיין געגנוואַרטס־ווערדע פאַרלאָרן. דעם דאָזיקן מעטאָד האָט בערגלסאָן אויסגענוצט אפן גלענצנדסטן אויפן.

בערגלסאָן האָט דער ערשטער דעם אידישן ראָמאַן געשאַפן. נאָך שאָלעם־אַלייכעמען און פערעצן איז בערגלסאָן דער גרעסטער שילדערער פון דעם לעבנס־שטייגער. ווי זיי, האָט ער מיט דער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע אָנגעפירט, דעם פּאָנים פון אַ טקופע אַנטפּלעקט און ווי זיי קונסט אין קולטור פאַרוואַנדלט: שאָלעם־אַלייכעם און פערעץ האָבן דעם אידישן קלאַל אופגעריסן, בערגלסאָן איז טיף אין דער יעבידישער נעשאָמע אריינגעדרונגען און דאָרט דעם אַלטוואַרג ליקווידירט, צוליב דעם אויסדערווײלט די נויטיקע קינסטלערישע מיטלען און באַשאַפן אונזער אייגנאַרטיק־אידישן אימפּרעסיאָניזם.

מאָסקווע 1923

י. דאָברושין.

א. וויעוויארקא.

א אידישער טעאטער-סטיל.

(שטריכן).

.1

... אין אנהויב איז געווען די באוועגונג.

דאס איז דער „בראשית", מיט וואס דער מאדערנער טעאטער הויבט אן זיין געשיכטע, און וועלכן ער שטעלט אוועק אלס א וועג-ווייזער אין דער צוקונפט אין קעגנזאץ צום ביז איצטיקן „אין אנהויב איז געווען דאס ווארט".

...אין אנהויב איז געווען די באוועגונג. די באוועגונג האט באשאפן דאס ווארט. און ס'איז געווען, און דאס ווארט האט זיך געמערט און געפרוכפערט און ס'איז אלץ געווארן — — —

צוריק צו דער באוועגונג. צוריק צום פרימיטיוו, צום טעאטראלישן אור-קוואל—מיט דעם וויל דער מאדערנער טעאטער אין אלע זיינע ריכטונגען (אויסער דעם רעאליסטישן, וועלכער איז מער ניט מאדערן) ארויס פון זיין קריזיס, צו וועלכן ער איז צוגעקומען. דאס איז אויך דער וועג, אף וועלכן ס'האט זיך געשטעלט דער איינציקער מאדערנער אידישער טעאטער, דער מאסקווער אידישער קאמער-טעאטער. די מיטלען אבער, מיט וועלכע דער אידישער טעאטער וויל זיין ציל דער-גרייכן, זיינען אין א געוויסן גראד אייגענע.

דער אנטוויקלונגס-גאנג פונם אידישן טעאטער און זיין געשיכטע, איז ניט אינגאנצן דערזעלבער, וואס פונם טעאטער ביכלאל.

דער טעאטער האט געמאכט א גאנג פון באוועגונג צום ווארט. דער טעאט-ראלישער אור-פרימיטיוו איז באוועגונג און באוועגלעכער טאן—טאנץ און מוזיק. אינהאלט און פארם פון עמאציע. די פסיכא-אינסטינקטיווע דינאמישע ליניע. זייענדיק—ווי אלע אור-מאניפעסטאציעס פונם מענטשלעכן שאפן—פארבונדן מיט דעם מענטשנס רעליגיעזע איבערלעבונגען, איז פונדעסטוועגן דער פרימיטיווער טעאטער געווען א ציל פאר זיך. א טייל פון דער אוואוידע אבער ניט אירם א מיטל. דאס ווארט האט געדינט נאר פאר א טעכנישן הילפס-מיטל.

די דעגענעראציע פונם טעאטער הויבט זיך אן מיטן זיג פונם ווארט איבער דער באוועגונג. צום ערשטן האט זיך דאס ווארט געפארט מיט דער באוועגונג און פון דעם זיווג איז געבוירן געווארן דאס טעאטראלישע ווארט, די סצענישע ליטערא-טור; מיטן אלץ שטייגנדיקן וואוקס אבער, פון דער ווארט-קונסט, פון דער לי-טעראַרישער קולטור, וואס איז געווארן די הויפט-צווייג, דער גרעסטער קויאך פונם מענטשנס גייסטיקן שאפן, איז פונם טעאטראלישן ווארט געווארן דאס ווארטישע טעאטער, פון דער סצענישער ליטעראטור—ליטעראַרישע סצענע. דער

טעאַטער איז דערגאַנגען צו דער שטופּע פון אַ הילפס־מיטל פאַר דער ליטעראַטור. דאָס דראַמאַטישע וואָרט איז געוואָרן דעם טעאַטערס הויפּט־עלעמענט, אַראָפּ־טרייבנדיק פון דער סצענע דאָס אייגנטלעכע, דאָס וועזנטלעכע, דעם אור־עלעמענט פונם טעאַטער — די באַוועגונג, וועלכע איז דערלאָזט געוואָרן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ס'איז נויטיק געווען צו אילוסטרירן, קאָמענטירן די דראַמאַטישע וואָרט־שאַפונגען פון אַ אִיבּסען.

דאָ האָט זיך קעגן טעאַטער אָוועקגעשטעלט די צייט. אונזער עפּאָכע איז אַזעלכע, אין וועלכער דאָס וואָרט בלייכט. אַ דאָר, וואָס מאַניפעסטירט זיך ניט אין אַ מוזיקאַלישן שטילן דויפּעק־קלאַפּ פון אַ קינסטלערישן בוך, נאָר אין אַ הילכיקן הערצקלאַפּ פון באַוועגנדיקע גאַסן, שטעט און לענדער, אין דער דינאַמיק פון מאַסן, קלאַסן און פעלקער. אַן עפּאָכע, וואָס איז אין טאָך ניט ליטעראַריש־ליריש, נאָר טעאַטראַליש־באַוועגלעך. דאָס קינסטלערישע וואָרט האָט פאַרבלאַסט קעגן קינסטלערישן באַוועגלעכן וואָר.

אויב די אומבאַוועגלעכע זייטן פון אַ בוך קאָנען נאָך טראָגן אויף זיך די שור־דעם פון בלייַ־אויסגעגאָסענע אויסיעס, קאָנען עס אָבער ניט מער די ברעטער פון דער בינע, וואו די אויסיעס דאַרפן אומגעוואַנדלט ווערן אין לעבן, אין קינסט־לערישן לעבן, אין באַוועגלעכקייט.

דאָ איז דער מאָדערנער טעאַטער געקומען צום איבערבראָך־פונקט. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז זיך באַפרייען פונם ליטעראַרישן באַלאַסט, צוריקגיין צו זיין אור־עלעמענט, אָנשטאָט דעם קינסטלערישן וואָרט צוריקשטעלן אין צענטר די קינסטלערישע באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרם־און ליניע־מאַניפעסטאַציעס —, אַז אָנשטאָט אַ ליטעראַרישן אינהאַלט מוז ער זיך באַשאַפן אַ נייעם, אַ טעאַטראַלישן אינהאַלט.

.2

מיטן אידישן טעאַטער שטייט עס אַביסל אַנדערש. אויב דער וועלטלעכער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט דעם אויבן־אָנגעמערקטן וועג פון באַוועגונג צום וואָרט, איז דאָס אידישע וואָרט און זיינע שאַפונגען ניט אַרופגעשטיגן צו יענער הויך, צו וועלכער ס'האָט דערגרייכט די אייראָפּעאישע וואָרט־קונסט. די אידישע ליטע־ראַטור האָט ניט באַשאַפן יענע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו באַהערשן דעם טעאַטער. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז פון איין זייט, איז דער אידישער טעאַטער געבליבן נענטער צו זיין פּרימיטיווער געשטאַלט, פון דער צווייטער זייט איז ער געוואָרן מער צעקריפּלט, ניט קאָנענדיק שאַפן קיין טע־אַטראַלישע האַרמאָניע פון זיין סצענישן שטאָף.

עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז גאָלדפאַדן איז ניט נאָר געווען אַן אָנ־הויבער פון אַן עפּאָכע אין אידישן טעאַטער, נאָר נאָך מער אַ פאַרענדיקער פון אַן עפּאָכע. ער האָט זיכער ווייטער געצויגן די טראַדיציע פון דער אַלטער אידישער טעאַטראַלישקייט און ער האָט געהאַט אין זיך די עלעמענטן פון אידישן טעאַטער־פּרימיטיוו. ער פון זיין זייט האָט מוסיף געווען די „ליטעראַטור". ער איז אַזוי אַרום דער אייגנטלעכער פאָטער פונם ליטעראַרישן טעאַטער. בּין אים אַן האָט דער אידישער טעאַטער אָנגעהויבן אַלץ מער פאַרלירן זיין עלעמענטאַרע

באוועגלעכקייט און פארב, און זיך געדוקט אלץ נענטער צו וואָרט און אינהאלט. פון אים הויבט אָן דער וועג פון אידישן טעאטער זיך שפּאלטן אין צוויי ליניען; איינע, וואָס האלט זיך אקשאָנעסדיק נענטער צום פּרימיטיוו, וואָס וויל זיך ניט געזעגענען מיט דער „האָפקע" מיטן איבערקוליען זיך, מיטן טענצל און לידל—מיט איין וואָרט, דער פון דער ליטעראטור־פארשריגענער באלאגאן־טעאטער; די צווייטע, וואָס זוכט אפּצורייסן דעם טעאטער אלץ ווייטער פון זיין אור־קוואל, פון זיין פּרימיטיוון עלעמענט, און פון אים מאכן א בינע פאר ליטעראטור—דער „ליטעראַרישער" טעאטער אונזערער פאר די לעצטע 25 יאָר.

אויב דער באלאגאן איז געווען דער אידישער טעאטער אין זיין דעגענעראַטיוון אויסזען האָט דער „ליטעראַרישער" טעאטער אונזערער לעבאטכילע צו גאָר ניט דערגרייכט. ניט ליגנדיק אפן אנטוויקלונגס־גאנג פונם אידישן טעאטער, ניט האָבנדיק דורכגעמאכט דעם וועג פון דער אלטער טראגעדיע איבער שעקספּיר צו דער מאָדערנער דראמע, האָט דער אידישער ליטעראַרישער טעאטער, אָן טראַדיציע, אָן אייגן-געשאפענע פאָרמען, אין בעסטן פאל נאָר געקאָנט ווערן א איבערזעצונג פון וועלכן־ניט־איז אייראָפּעאישן טעאטער. דאָס איז ער טאַקע געווארן און אן איבערזעצונג א שלעכטע, וואָרים איבערזעצן קאָן מען נאָר אינהאלט, פאָרם לאָזט זיך ניט איבערזעצן, נאָר נאָכמאכן, נאָכקרומען. דער אידישער „ליטעראַרישער" טעאטער האָט דערפאר אין לויף פון זיין עקזיסטענץ ניט געקאָנט באשאפן קיין שפּור פון אן אייגענער געשטאלט, קיין סימען פון אן אייגענעם טעאטראַלישן סטיל. קיין צייכן פון א פאָרם.

אין דעם פּראט איז דער אידישער שונד־טעאטער, דער באלאגאן אונזערער, געבליבן פיל מער א י ד יש־טעאטראַליש. אין אים ליגן צעוואָרפן די קערנער פון אידישער פאָלקסטימלעכער טעאטראַלישקייט, ווי די קאבאליסטישע „נצוצות קדושות" (הייליקע פונקען) ליגן צעוואָרפן אין דער „סטרא אחרא" און ווארטן אף זייער טיקון; צוזאמען מיטן באדכאניש־טעמפּן און ציגיישן קופּלעט בלאָנזשעט דאָרט ארום אן אלטער פאָלקסטימלעכער טאָן. נעבן אינערלעך־הוילן און קאָמישאָנגעבלאָזענעם פּאטאָס פון „א מיין הערץ־ליבהאָבער", געפינט זיך די אידישלעכע האוואיע און עקסצענטרישער זשעסט, אינם זאמד פון פארשונדעוועטער ליטעראַרישקייט ליגן די זוימען פון אידישער טעאטראַלישער באוועגלעכקייט.

אויסצוגעפינען די דאָזיקע קערנער, לאָזן זיי אופגיין און לייגן אינם יעסאָד פונם נייעם אידישן טעאטער־סטיל, אופכאפּן די איבערגעריסענע פעדים פון אונזער טעאטראַלישער ליניע,—דאָס איז די אופגאבע פונם מאָדערנעם טעאטער. די דאָזיקע אופגאבע האָט זיך געשטעלט דער אידישער קאמער־טעאטער, מאכנדיק די האסכאָלע אין די שאָלעם-אליכעם-פאָרשטעלונגען. לעהאכעס דער טראַדיציע פון אונזערע „ליטעראַרישע" טעאטערן, האָט ער דאָרט ארייננעשלעפּט א טאָן פון אלטן אידישן פאָלקס־טעאטער—דאָס טענצל ארייננערעכנט—און האָט דערגרייכט, אין דעם פּראט, קימאט צו שליימעס מיט דער „קישעפמאכערין".

.3

דער דאָזיקער וועג שטעלט דעם טעאטער אונזערן א צווייענדיקע אופגאבע. געבן א טיקן די „נצוצות קדושות" און גלייכצייטיק דערהארגענען די קליפּע.

ארויסנעמענדיק פון אַלטן טעאַטער דעם פאָלקסטימלעך־טעאַטראַלישן עלעמענט, מוז גלייכצייטיק פאַרניכטעט ווערן דער גאַנצער. געבוי פון דעם דאָזיקן דעגענע־ריטן פאַרזעעניש. די „קישעפמאַכערן" איז אין דעם פּראַט אַ טריאומף. עס איז מער ווי אַ טעאַטער־ספּעקטאַקל. ס'איז אַ היסטאָרישער וועג־צייכן פאַר אונ־זער סצענישער קונסט.

די „קישעפמאַכערן" אין אידישן קאַמער־טעאַטער איז, אַזוי צו זאָגן, דער שאָמער־פּראָצעס פון אידישן טעאַטער. דער גאָלדפאַדן־פּראָצעס. ס'איז ווי סימ־באָליש, וואָס דער ערשטער אידישער פאָלקס־שרייבער שאָלעם־אַליכעם האָט דערהאַרגעט די שונד־ליטעראַטור מיט זיין שאָמער־פּראָצעס, און דער ערשטער אידישער טעאַטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן שאָלעם־אַליכעמס טע־אַטראַלישקייט, האָט געגעבן דעם פּראָצעס פון טעאַטראַלישן שאָמעריזם. דאָס ליגט אויפן וועג פון דער קינסטלעריש־היסטאָרישער מיסיע פונם אידישן קאַמער־טעאַטער. אויף דעם שטעג־פאַרבויג האָט ער זיך געמוזט אָנשטויסן, גייענדיק זוכן דעם וועג צום אידישן מאַסן־טעאַטער, צו דער אידישער מאַסן־באַוועגונג און די־נאַמישער ליניע. די קונסט באַנוצט זיך ניט מיט קיין פרעמדע מיטלען. דאָ קומט אויס צו האַרגענען די שלאַנג מיט איר אייגענעם גיפט.

די גיפטיק־שאַרזשירטע פיילן טרעפן דאָרט אין סאַמע האַרצן פון אַלטן אידישן טעאַטער־פּאַטאָס און זיין ערשטן ליבהאָבער. די יאָצרעס האָבן זיך דאָ גלענצנדיק צעביטן. האָצמאַך דער „קאָמיקער" פון דער פּיעסע (אַגעוו באַמערקט: לאַנג לעבן זאָל ער מיכאַעלס פאַר זיין האָצמאַך!) ווערט דער ערשטער ראָליסט און איז דער איינציקער „העלד", וואָס נעמט זיך ערנסט, און מאַרקוס דער „ליבהאָבער", דער „העלד", דער סימבאָל פון העראָאישקייט אין אַלטן אידישן טעאַטער, ווערט דער קאָמיזם פון דער פּיעסע, און דאָס ווערט דערגרייכט אַזוי גרינג, אַזוי איינ־פאַך. סאַכאַקל מיט עטלעכע טאָן־ענדערונגען און עטלעכע באַוועגונגען.

דער ספאַרדיש־העברעאישער „באַרוך דאַיאַן עמעט", מיט וועלכן עס ווערט אין דער „קישעפמאַכערן" פּראָקלאַמירט דער טויט פון אַלטן אידישן טעאַטער, און די פּושקע קלינגעריי „צדקה תציל ממות". איז אַן אינערלעכער עמעס, ניט נאָר פון דעם ספּעקטאַקל, נאָר פון גאַנצן מעהוס פונם אידישן קאַמער־טעאַטער. די „קישעפמאַכערן" איז נאָר די פּאַראַד־לעוואַיע פונם כאָשעוון מעס, וועמען ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן זיין פולער קאָוועד. באַגלייט געוואָרן, ווי דער מינהג איז געוועזן פון קאַדמוינים צו באַגלייטן אַ גרויסן מעס צו זיין אייביקער רו. אויפן אָרן פלעגט מען אים לייגן זיינע זינגער־פעדערן, אַלע צייכנס פון זיינע ניצ־כוינעס און אופטואַכצן, און אין קייווער אַראָפּלאָזן איינגעוויקלט אין זיין פּרעכ־טיקסטן מאַנט: אַלץ וואָס איז אין אונזער אַלטן טעאַטער פאָלקסטימלעך און קינסט־לעריש־אופריכטיק געווען, איז אים אויף זיין אָרן געלייגט געוואָרן. יעדע נאָטע זיינע, יעדער טאָן און ליניע, וואָס האָט געקאָנט קינסטלעריש דערהויבן ווערן, איז אַרויס־געצויגן געוואָרן פון די שטויביקע טיפקייטן און אַריינגעפלאָכטן אין דעם ערנ־קראַנץ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ספּעקטאַקל „קישעפמאַכערן", און מיט דעם גופע שוין געצייכנט אַ וועג פאַרן נייעם טעאַטער.

די קישעפמאַכערן" איז אַן אונטערגעפירטער סאַכאַקל פאַר פאַרגאַנגענהייט און אַן אָנהויב פאַר צוקונפט. אויפן נוסעך, ווי ס'פלעגט אַמאָל פּראָקלאַמירט ווערן: געשטאָרבן דער קעניג, זאָל לעבן דער קעניג!

.4

אויב מיטן סאַכאַקל פאַר פאַרגאַנגענהייט איז די אויפגאַבע אינגאַנצן דערגרייכט געוואָרן און פאַרענדיקט, איז עס פאַרשטייט זיך, אַנדערש מיט די אויפגאַבן פאַר דער צוקונפט. דאָ האָט דער טעאַטער געמאַכט אַ גרויסן און געוואַגטן שפּרייז אַפן וועג, וואָס פירט צו אַ אידישן טעאַטער־סטיל. דער וועג צו דער אייגנאַרטיקער אידישער באַוועגונג, ליניע און פאָרם. דאָ שטייט דער טעאַטער פאַר די שוועריקייטן, וואָס דער טעאַטער ביכלאַל שטייט, אַכוץ די שוועריקייטן, וואָס שטייען פאַר אידישן טעאַטער אַלס אַזעלכן. דאָ שטעלט זיך אין פולער שאַרפקייט די פּראָבלעם פון אַ נייעם טעאַטראַלישן אינהאַלט.

אָבער דער אידישער קאַמער־טעאַטער האָט באַוויזן, אַז ער פאַרשטייט זיינע אויפגאַבן און פּראָבלעמען ניט ערגער, אין געוויסע פּראָטים בעסער אפילע, ווי דער ניט־אידישער טעאַטער.

ס'איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אַפן רוסישן טעאַטער און זיין זיגזאַגגאַנג צווישן נייעם און אַלטן. אויך דאָרט באַגלייט מען דעם אַלטן טעאַטער אַרויס מיט גלעקלאַך און פייפלאַך. עס ווילט זיך דאָ דערמאָנען, לעמאָשל, „פּרינצעסע טוראַנדאָט" אין פאַרשטאָרבענעם וואַכטאַנגאָווס אויפפירונג. אויך דאָרט איז דער הויפּט־פּערסאָנאַזש, דער העלד וואָס ווערט אויף דער בינע ניט געזעען:—דער אַלטער טעאַטער, איבער וועמענס טויט עס ווערט געכויזעקט. אָבער מער ווי דעם נעגאַטיוון מאָמענט האָט איר דאָרט ניט. עס זעט אויס ווי אַ שאַרזש איבער זיך אַליין. דעמאָלט ווען אין דער „קישעפמאַכערן" ווערט גלייכצייטיק געצייכנט די ליניע פונם נייעם טעאַטער. דורך דער לייטערונג פון דער פאָלקסטימלעכער באַוועגונג ווערט אָנגעמערקט דער וועג צום אידישן טעאַטער־סטיל. אין דעם פּראַט פאַרשטייט דער אידישער קאַמער־טעאַטער זיינע אויפגאַבן, מעהוס און מעגלעכקייטן פיל טיפער און עמעסער, ווי דער רוסישער קאַמער־טעאַטער, לעמאָשל. ס'איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, אַז דער רוסישער קאַמער־טעאַטער פירט קימאַט קיינמאָל ניט אויף קיין רוסישע פּיעסן, איבערהויפּט ניט קיין פּיעסע מיט אַ געוויסן פאָלקס־קאָלאָריט, דעמאָלט ווען דער אידישער קאַמער־טעאַטער האָט אַלע זיינע עקספּערימענטן און זוכענישן אויספּרובירט נאָר אויף אידישן פאָלקס־שטיק. דער רוסישער קאַמער־טעאַטער באַוועגט זיך אין אַ מין „קאָסמאָפּאָליטישן" לערן עסטעטיזם, דעמאָלט ווען דער אידישער ק. ט. ווייט איבער די שטעגן פון פאָלקסטימלעכקייט און מאַסן־באַוועגונג צו אַן אייגענעם טעאַטער־סטיל.

דעמאָלט ווען דער רוסישער קאַמער־טעאַטער מיט זיינע אַנטדעקטע ליניען און באַוועגונגען היינגט אין דער לופט, צוליב וואָס עס באַקומט זיך ניט מער ווי פאַרביקע מיראַזשן אָן אַ לייוונט, האַלטן זיך אין אידישן קאַמער־טעאַטער די געשאַפענע פאָרמען איבער אַ פאָן פון קאָנקרעטער פאָלקסטימלעכקייט. זיי וואָרצלען אין אידישן מאַסן־באָדן. די אָרגאַניזירטע באַוועגלעכע ליניע מוז האָבן איר סוויווע־אַטמאָספער, איר אייגנטימלעכע פאַרב, פונקט ווי דער רוי־שטאָף, די ניט אָרגאַניזירטע באַוועגלעכע ליניע האָט זיך אויך. דאָס אַלטע וואָרט: „פאָרם איז נאַציאָנאַל", גילט מיט פולסטער קראַפט בענוגייע דעם טעאַטער. ספּעציעל דעם טעאַטער, וואָס שטעלט אַלץ אויף פאָרם. דער אידישער קאַמער־טעאַטער האָט דאָס פאַרשטאַנען. ער האָט זיך דעריבער ניט געשטעלט אַפן פאַרמלאַזן, בעעצעם,



סצענע

קישעפמאכערן

האצמאך

קאמיסארן



מארקוס

„קאָסמאָפּאָליטישן“ וועג פון רוסישן קאַמער־טעאַטער, לעמאָשל, נאָר אַפן וועג פון אידישן פאָלקס־שטיק, און גייט איבער דעם זיכער צו זיין אַלמענטשלעכן ציל דאָס האָט זיך שוין געזען אין די שאָלעם־אַליכעם־פאָרשטעלונגען און נאָך מער באַ דער „קישעפמאַכערן“.

און דאָ דארף געמאַכט ווערן אופמערקזאַם אַף די מאַסן־סצענעס אין דער „קישעפמאַכערן“. דאָ האָט דעם אידישן קאַמער־טעאַטער בעפיירעש געלונגען צו אַנטפּלעקן שטיקער אייגנטימלעכקייט פון דער אידישער מאַסן־באַוועגונג. עס וואַרפט זיך טייקעף אין אויג די דאָזיקע מאַסן־סצענעס, ווי זיי אונטערשיידן זיך מיט זייער טומלדיקייט, מיט זייער עקסצענטריזם, קלאַנגהאַפטן און באַוועגלעכן געפילדער. אַן אָרגאַניזירטער איבערגעוויכט פון באַוועגונג איבער דער פּראָפּאָרציע פון האַנדלונג און שטימונג.

די „קינסטלערישע“ ליטעראַרישע טעאַטערס אונזערע פון די לעצטע יאָרן האָבן זיך געמיט צו שאַפן אַן אייראָפּעאישן טעאַטער אַף אידיש. דער אידישער קאַמער־טעאַטער גייט אַפן וועג פון ווערן אַ אידישער טעאַטער אַף אייראָפּעאיש. אַ טעאַטער פון דער אָרגאַניזירטער אידישער מאַסן־באַוועגונג, זשעסט און ליניע, באַנוצנדיק זיך מיט אַלע ראַפינירטע טעכנישע מיטלען פון דער אייראָפּעאישער מאָדערנער טעאַטער־קונסט.

דער וועג, וואָס פירט צום אידישן טעאַטער־סטיל.—

א. וויעוויאָרקא.

נ. אײסלענדער.

ערשטע טריט.

I.

איך זע דאָס אַמאָל אַזוי בוילעט:

אַט שמײַט ער, דער ליבהאָבער פון דאַטעס און כראָנאָלאָגיע, שוין מיט אַ היפּשן און געניען איבערבליק פון אונזער מאָדערנער קולטור־געשיכטע — נאָר עפּיס האָט אים פּלוצים אין פאַרלעגנהייט געבראַכט, עפּיס האָט אים פּלוצים פאַרפּעלט.

נעמליך: די דאַטע, ווען אונזער מאָדערנע אידישע עסטעטיק איז אַנטשטאַנען.

און קומען אין פאַרלעגנהייט איז גראַדע פאַראַן פון וואָס.

וואָרים ניט דאָס איז אין טאָך דאָס וויכטיקע, ווען, וואו און אַף וועלכן אויפן אונזער עסטעטישע טעאָריע איז אַף דער וועלט געקומען.

וויכטיק איז, וואָס עס פעלט אונז איבערהויפּט יעדער באַציאונג, יעדער באַוואוסטזיניקע שטעלונג צו אַזאַ דאַטע. וויכטיק איז, וואָס עס פעלט אונז איבערהויפּט יעטווידער אַנדיינק וועגן אונזער עסטעטיק.

ביז אַ געוויסער ציַיט איז דאָס אַפילע גאַנץ פאַרשטענדלעך געווען. וואָרים אַ צייט־לאַנג איז דער „קורצער זיקאָרן" פון דער אידישער קונסט, וועלכע האָט יעדעס מאָל געוואוסט נאָר די קאָנקרעטע אופגאַבע פון היינטיקן טאָג, געווען אַ פּאָזיטיווער שעפערישער פאַקטאָר.

מיר האָבן בעקיוון ווינציק וואָס געוואָלט „געדיינקען", ווייל דאָס האָט אונז באַפרייט פון פיל קאָנאָניזירטע און אַלט־פאַרשימלטע פאָרמעלן וועגן דעם ספּעציפישן ראַסן־טיפּ פון אונזער קונסט. דאָס האָט אונז געלאָזט שאַפן פריי און ניט נאָר אין דער ריכטונג פון הילעל צייטלינס, מאַרטין בובערס און נאָך אַנדערע מוסטערן פון „אידישער שיינהייט". דער „קורצער זיקאָרן" האָט פאַרהיט פון פרעמדע שאַבלאָנען און געלאָזט קריגן צוטרוי צו זיך אַליין.

האָט דעריבער די יונגע אידישע קונסט טאַקע קולטיווירט אין זיך דעם „קורצן זיקאָרן".

פון איב האָט זיך גענומען דער געפיל פון „אייגנס", די פאַרגלויבטקייט אין דער אייגענער קינסטלערישער מאַמאָשעס, וואָס מוז זיך שאַפן אַ וועג אין דער וועלט אַריין.

און עס איז קלאָר געווען: אין אַזאַ צייט מוז דער „קורצער זיקאָרן" געוועלטיקן אויך אין דער אידישער קריטיק.

אין יעדער קריטישער אָפּשאַצונג האָט אונז דעמאָלט ווייניק־וואָס געקימערט איר באַדלאָזיקייט אין זין פון פילאָזאָפיש־עסטעטישער באַגרינדונג.

נויטיק איז געווען, דער געגעבענער ליטעראַרישער פאַקט, די קאָנקרעטע טעמע זאָל געבראַכט ווערן ביז צו דער שוועל פון אונזער באַוואוסטזיין.

און האָט דאָס אַזוי אָדער אַנדערש ש. ניגער געטאָן,—איז דאָס קימאַט ווי געגנוג געווען.

וואָרים ווייטער פון דער שוועל פון אונזער באוואוסטזיין האָט מען, קאָן זיין, ניט געטאָרט אַפילע ברענגען די דערשיינונגען פון דער אידישער ליטעראַטור און קונסט.

קאַלמאַן אונזער עסטעטישער באוואוסטזיין האָט זיך נאָך ניט „זעלבסט־באַשטימט", קאַלמאַן אונזער עסטעטיק האָט זיך נאָך ניט קאָנסטיטואירט, אַלס אַזעלכע, האָט זי נאָך פאַרמאָגט צו ווייניק ווידערשטאַנד אַקעגן דער באַרימטער „פּסיכאָלאָגיע פון אידישן גייסט", וועלכן עס האָט אַזוי גערן געשליפן און געפיילט דער קאָנסערוואַטיווער און קימאַט שוין אָפּגעשטאָרבענער טייל פון דער אידישער קולטור־סוויווע.

האָט טאַקע די אויבנאָופיקע קריטיק, אין אַ פונקט פון אַנ'אייגענער עסטעטישער טעאָריע, געשפּילט דעמאָלט די ראָלע פון אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר. אָבער די צייט בייט אַלע אופגאַבן און נויטן.

די אידישע קונסט האָט דערפילט דעם פעסטן פאַרלאַנג „מיט ווייטע אויסוועלטן זיך העפטן." (ד. האָפשטיין).

זי האָט אַף אייגענער אַכראַיעס געמאַכט אייניקע אַנטשידענע שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג, און פון טאָג צו טאָג באַמיט זי זיך צו גיוועער זיין איר „קורצן זיקאָרן", וואָס האָט זיך צו לאַנג פאַרהאַלטן אַף די אינטימע זיכרוינעס פון „ווינטער־פאַרנאַכטן אַף רוסישע פעלדער"... אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זיך געלאָזט באַמערקן נאָך אַ צווייטע דערשיינונג.

די אידישע קונסט איז איצט מער, ווי ווען עס איז פריער, באַאומרואיקט פון דעם אומגעשטילטן דאָרשט צום קאָנקרעטיזירן איר אייגענעם באַרוף, צו באַזינען אירע אייגענע קינסטלערישע פּראָצעסן, צו דערקענען איר מייסטערשאַפט.

דורך אַלע יוגנטלעכע טענער, וואָס הערן זיך אין דעם היסטאָרישן ווידעראַנאַנד פון אונזער עפּאָכע, קלינגט פּערעץ מאַרקישעס:

שיינהייט, שיינהייט, שיינהייט —
ווער דו ביזט ווייס איך אליין ניט...

און אָט דער מאַרקיש־רוף צייט אַוועק ווי אַ העלער פאָרגעפיל אַהין, וואו עס הויזט די פאַרווילדעטע, בלוטיק־פאַרצערטלטע און נעוויאַיש־שטייגנדיקע שיינהייט פון אונזער צייט. און אין דעם איז שוין פאַראַן עפּיס קאָנקרעטעס, דער דאָזיקער פאָרגעפיל פון אַ קאָנקרעטיזירטער שיינהייט לעבט אויך אין דער גאַנצער אידישער דיכטונג פון היינטיקן טאָג און שטאַרקט זי און דערמוטיקט זי צו ווייטע שריט.

אָבער דאָס וואָס אין דער דיכטונג איז דער פאָרגעפיל, מוז אין דער קריטיק ווערן דער געפיל.

און די אידישע קריטיק האָט געמוזט קאָנקרעטיזירן איר שיינהייט־געפיל און שיינהייט־טעאָריע, קעדיי ניט הינטערשטעליק צו בלייבן פון דער קונסט פון איר צייט.

ווייסט טאַקע קיינער ניט אַף באַשטימט יענעם טאָג און יענע דאַטע

אָבער אַ פֿאַקט איז עס, גראָדע אין די יאָרן פֿון רעוואָלוציע האָט אונזער קריטיק באַטראַכטן דעם וועג צו אַן אייגענער עסטעטישער טעאָריע.

פֿון איצט אָן איז דער דאָזיקער וועג שוין באַטראָטן. און מעג ווי קליין ניט זיין דערווייל דער אַלגעמיינער רעזאָנאַנס פֿון דער אידישער קריטיק, מעג ווי באַגרענעצט ניט ווערן (גאַנץ אָפֿט מיטן גוטן ווילן) דער ווירקונגס־קרייז אירער, גייט זי דאָך אָף דעם וועג צו דער אייגענער עסטעטישער טעאָריע מיט פֿעסטע און זיכערע טריט.

און מיט אייניקע פֿראַטים פֿון אָט דעם אַנטוויקלונגס־וועג לאָזט זיך באַקענען דאָברושינס בוך: „געדאַנקענגאַנג“.

2.

אַז דאָס וואָרט „עסטעטיק“ שפּרייזט אום מאָיסע זעלבסטהערשער אין י. דאָברושינס בוך, אַז אונטער דעם דאָזיקן וואָרט שטייט דאָ אַ פֿעסטע, אַלעם זיך אונטערוואַרפֿנדיקע מאַכט, אַז י. דאָברושין האָט דעם מוט, אויסצוזאָגן, ווי שטאַרק ער איז דער דאָזיקער מאַכט אונטערגעוואָרפֿן,—אָט דאָס אַלעס לאָזט זיך שפּירן אין „געדאַנקענגאַנג“ שוין פֿון די ערשטע זייטלאַך.

נאָך אין אַריינפֿיר־אַרטיקל, וואָס עס רעדט זיך וועגן די סיבעס, וואָס האָבן ניט דערלויבט אונז צו פֿאַרנעמען ביז איצט אַן אָרט אין „דער גרויסער מישפּאָכע פֿון אייראָפּעאישע, וועלטיש־עסטעטישע ליטעראַטורן, גיט דאָברושין אָפּן מילדן אויפֿן צו פֿאַרשטיין, אַז בײַ אונז פֿעלט נאָך די „אַבסאָליוטע עסטעטישע אָפּשאַצונג“.

און אַזאַ איינדרוק שאַפֿט זיך אין דעם גאַנג פֿון די אַרטיקלען, אַז גראָדע אָט די „אַבסאָליוטע עסטעטישע אָפּשאַצונג“ באַמיט זיך דאָברושין איינצופֿאַנצן אין אונזער קריטיק.

די האַסקאָלע־שרייבער האָבן זיך ניט פֿאַרטראַכט עסטעטיש און דערום האָבן זיי ניט געזען קיין קויכעס“. (104)

די באַלעבאַטישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, די שעפֿערן פֿון דעם גאָרדין־טעאַטער, האָט צוליב איר עסטעטישלאָזן עצעם געמוזט בלייבן היסטאָריש טויב־שטום צו דעם געפֿלאַנירטן פּערעץ און ווייטער־טעאַטער (122).

אָט דאָס איז דאָברושינס כאַראַקטעריסטישע אַרגומענטירן אין די פֿאַלן ווען ער פֿאַראורטיילט, אַזוי צו זאָגן. ענלעכעס לאָזט זיך הערן אויך דאָן, ווען דאָברושין זוכט אַ באַרעכטיקונג פֿאַר אַ וועלכער עס איז קונסט־דערשיינונג.

אַזוי איז פּערעץ פֿאַר דאָברושינען גרויס דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפֿן אַ „אידישן עסטעטישן סטיל“, אַגאַס דאָברושין אַליין גיט צו שפּעטער, אַז פּערעץ האָט געקאָנט שאַפֿן דעם אידישן פֿאַאוסט, וואָס איז אין טאָך עפּיס מער, ווי „עסטעטישער סטיל“...

אָבער די דאָזיקע גוזמע איז ניט קיין צופֿאַל בײַ דאָברושינען, פּונקט, ווי עס איז ניט צופֿעליק, ווען דאָברושינס זאַץ הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אונזער ליטעראַטור, אונזער עסטעטיק“, אוןביידע באַגריפֿן גייען דערביי באַנאַנד, ווי גלייכוואָגיקע און גלייכבאַרעכטיקטע, שיר־שיר ניט סינאָנימען.

געוויס, די היפּערבאָליק אין דער ריכטונג פֿון „עסטעטיזירן“ אַלע דערשיינונגען איז בײַ דאָברושינען פֿאַראַן. דערצו איז ער דאָך שטענדיק ראָמאַנטיש־באַגייסטערט אין זיין צוגאַנג צו דער קונסט.

און דאָך איז דאָס ניט דאָס בוך פון דער אַבסאָליוטער עסטעטישער אָפּשאַצונג.

און דאָס איז די מאַילע פון דעם דאָזיקן בוך. וואָרים, ווי יעדער אַבסאָליוט, איז אויך די „אַבסאָליוטע עסטעטישע אָפּשאַצונג" פאַראורטיילט אַף אייביקער איינזאַמקייט. אַף אייביקער איזאָלירטקייט פון דעם מענטשלעכן „מאַסע אומאַטן"

דאָבראָשין זוכט מיט אַלע מיטלען דאָס אויסצומיידן. פון טכילעס אָן פאַרבינדט ער זיין עסטעטישע טעאָריע מיט דעם פאַרשריטלעכן וועג פון אונזער קונסט (122). ער זוכט דעם „שאַפנדיקן געזונטן פאַרקער צווישן דער וואַקסנדיקער געזעלשאַפטלעכקייט און די ליטעראַרישע שאַצן (96), ער וויל די עסטעטיק זאָל ווערן אַ „פאַקטאָר פון נאַציאָנאַל-געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין (78). עס איז קלאָר שוין פון דעם טאָן גופא, אַז דאָבראָשין לייגט אַף דעם ניט קיין קליינעם געוויכט. דאָבראָשין גייט אָבער נאָך ווייטער אַוועק און גלייך ווי געזעגנענדיק זיך מיט דער „אַבסאָליוטער עסטעטישער אָפּשאַצונג" שטעלט ער אַרויס זיין לאַקאָנישן, אָבער גענוג אויסדריקלעכן געזעץ:

— קונסט דאַרף אָרגאַניזירן (37).

דאָס איז דער גרונט-שטיין פון דאָבראָשינס עסטעטישער טעאָריע. און קלינגען קלינגט אָט דער אַפאָריסטישער עמעס גאַנץ גרויזאַם.

עס וועלן זיך געפינען לייט, וואָס וועלן דאָס אַפילע אָננעמען פאַר אַ רעכט־אוטיליטאַריסטישן צוגאַנג צו דער קונסט.

צי מיינט עס אָבער דאָבראָשין אין עמעס אַזוי אוטיליטאַריסטיש צו זיין?

סאָף כּל סאָף איז דאָס בא אים אַ געבאָט מער פאַר דעם קינסטלערישן געוויסן איידער פאַר דעם קונסט-שעצערס געברויך. און ווער ווייסט, צי ווען אָט דעם קריטערי דאָבראָשין פאָרטרויען אַ פּאַשעטן „בשר ודם". אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, דאָבראָשין צווינגט די „אַבסאָליוטע עסטעטישע אָפּשאַצונג" זיך צעשיידן מיט איר איינגעבוירענער כיינעוודיקער איינזאַמקייט און פירט זי אַרויס אַפן ברייטן פלאַץ פון היסטאָרישע באַגעגענישן און טרעפונגען.

און דערפון הייבט זיך אָן, אייגנטלעך, דאָבראָשינס עסטעטישע טעאָריע: זי איז געבויט אַף דעם סינטעז פון אַגרויססטיליקער „רשות הרבים"-דיקער קונסט מיט אַ געזונטער געזעלשאַפטלעכקייט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַף דעם באַגריף „געזעלשאַפטלעכקייט" לייגט דאָבראָשין אַלעמאָל די שיין פון רעוואָליוציע-צייט, ווען געזעלשאַפטלעכס באַדייט אַקטיווס און שאַפונגספּעאיקס. ניט אומזיסט איז דאָך דאָס בוך געשריבן אין רעוואָליוציע יאָרן.

3

מען זאָל וועלן זוכן אין דאָבראָשינס בוך אַ באַרעכטיקונג פאַר אָט דעם ערשט-אָנגעוויזענעם יעסאָד פון זיין עסטעטיק, קאָן מען אָנווייזן אַף די אַרטיקלען וועגן מענדעלען און שאָלעם אַליכעמען.

דאָ איז דער סינטעז פון קונסט און געזעלשאַפטלעכקייט גענומען אַלס אַ מעטאָד פון אָפּשאַצונג און ער גיט גאַנץ גוטע רעזולטאַטן: דאָבראָשין באַמיט זיך אויסצומיידן דעם פעלער, וועלכן ער קאָן ניט פאַרגעבן דער באַלעבאַטישער געזעלשאַפטלעכקייט אונזערער, („זי איז קיינמאָל ניט געווען היסטאָריש-אידיש" — זאָגט י. דאָבראָשין). און דער „היסטאָריש-אידישער" שטאַנדפּונקט דערלויבט

דאַברושינען צו פאַרצייכענען אַזוי פיל דעטאַלן פון דעם סוויוועלעבן, אין וועלכן ס'האָבן געשאַפן אונזערע קלאַסיקער, אַז זייערע געשטאַלטן צייכענען זיך אַרויס גאַנץ בוילעט און שטאַרק. וואַקסט אויס דער באַגריף פון אַ „מענדעלע־טקופע“, אַ „שאָלעם־אַליכעם־פעריאָד“, און יעדער פון די באַגריפן דערהויבט די געשטאַלט פונעם קינסטלער, מאַכט דאַברושינס אָפּשאַצונג נייטראַל און אָפּגעהיט־דיפערענצירט.

וואָלטן אין דאַברושינס בוך געווען בלויז די דאָזיקע צוויי אַרטיקלען, דעמאָלט וואָלט קלאָר געווען: אָט אין דעם באַשטייט דער סאָד פון יענעם „אַטמאָספערישן באַלויכטן“, וועלכן דאַברושין האַלט פאַר דעם אידעאַל פון אַ קריטישער אָפּשאַצונג.

אָבער אין דאַברושינס בוך גייען אַריין נאָך אַרטיקלען, אין וועלכע די קונסט קאָן נאָר קוים־קוים אויסזען ווי „אָרגאַניזירנדיקער“ קויאַך. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן ווייניק־אָרגאַניזירטע גייסטער, עס האַנדלט זיך וועגן יענעם טיפּ קינסטלער, וואָס איז פּונקט אַזוי מיזיניק אין זיין קאַפּריז, אַפּלייקענען דעם גלייכן וועג, ווי אין זיין באַטרעטן דעם גלייכן וועג.

פּאַסט זיך פאַר דעם דאָזיקן פאַל דאַברושינס עסטעטישער צוגאַנג?

הויבט זיך אָבער אָן אין אַזעלכע פאַלן דאָס וואַקלען פון אַלע פריער־אויפגעשטעלטע באַגריפן בא דאַברושינען. און מיט אַמאָל אַנטפּלעקט זיך דאַברושינס קונסט־אויפפאַסונג נאָר פון אַן'אַנדער ווייניקער־באַלויכטענער, אָבער מער באַדייטנדיקער זייט.

איך זאָג: „ווייניקער באַלויכטענער“, וואָרים, ווער האָט עס דען באַמערקט אַז צוזאַמען מיט דעם אָביעקטיוון באַגריף פון געזעלשאַפטלעכקייט לעבט אין דעם בוך אַ ריזיק־היפּערטראָפירטער באַגריף פון „נעשאָמע“.

דאַברושין אַפּעלירט צו דעם נעשאָמע־קריטעריי אין אַלע פאַלן פון אַ שווערער גערדאַנקלעכער פאַרוויקלטקייט. און יעדער מאָל וואַקסט די אויסדריקלעכקייט פון דעם וואָרט „נעשאָמע“ דורך עפּיס אַ באַזונדערן אינהאַלט, וועלכן דאַברושין לייגט אַריין אין דעם וואָרט.

דערפאַר באַגעגנט זיך אין דאַברושינס בוך ניט נאָר דער באַגריף פון אַ „נעשאָמע־וויטקייט“, נאָר אויך „נעשאָמע־שיפער“, „נעשאָמע־סטיל“ און „נעשאָמע־פּאַרנעס“.

דאַברושין גלויבט, אַז לעבנס־איקאָרים דאַרפן ווערן אַ נעשאָמע־אינהאַלט, נעשאָמע־צושטאַנד און נעשאָמע־שטימונג. דאָס זעלבע ווערט געזאָגט אין עטלעכע זייטלאַך ווייטער וועגן וועלט־אַנשויאונגען. דאָס זעלבע אויך וועגן לעבנס־טאָכ'ן, וואָס מוזן ווערן „אַ נעשאָמע־אייגנס, נעשאָמע־צושטאַנד און נעשאָמע־שטימונג“...

דאָס אַלעס טרעפט זיך אין דאַברושינס בוך סיסטעמאַטיש און עס איז קיין וואונדער, אַז איך באַמערקט מיט אַמאָל, ווי די היפּערטראָפירטע „נעשאָמע“ נעמט אָנפירן מיט דאַברושינס געדאַנקען.

עס באַוויזן זיך דעמאָלט אין בוך „געפיל־פּראָבלעמען“ און „נעשאָמע־פּראָבלעמען„ און אַנשטאָט אָרגאַניזירנדיקער קונסט רעדט זיך שוין וועגן דער קונסט, וואָס דאַרף היפּנאָטיזירן, אייגנטלעך.

מיט אַמאָל טוט זיך דעמאָלט אַ טרייסל דאַברושינס גאַנצער טעאָרעטישער געביי. עס דערוועקט זיך אין דאַברושינען אַ מין עסטעטישער פּאַטאַליזם.

דאַברושין פאָסטולירט: „די קונסט פאַרמאָגט איר עמעס, וועלכן דער עמעס גופא פאַרמאָגט ניט" (64), און דערמיט ווערט דעם נעשאַמע־קריטעריי געגעבן די פולע פרייהייט.

וועלכע פאַלגן שטאַמען באַ דאַברושינען? זיי ליגן גאַנץ אויבנאויף.

דער עסטעטישער פאַטאַליזם, וואָס גלויבט אין דעם „שיים אַמפּוירעשדיקן" עמעס פון דער קונסט, שטעלט אַוועק פאַר דאַברושינען אפן ערשטן פּלאַן דעם פאַרמעלן יעסאָד פון אַלע קונסט־דערשיינונגען. ער פירט אים אַרויף בלויז אַף די „אַסאַציאַטיווע וועגן" פון דעם קינסטלער, וואָס זיינען פאַרפּלייצט פון אומצאָ־ליקע דעטאַלן פון קינסטלערישן פּראָצעס, ווי דאָס טרעפט זיך אין האַפּשטיין־אַר־טיקל. דאָס ברייינגט דאַברושינען צו טרעפלעכע באַאָבאַכטונגען, אָבער דאָס לאָזט נאָר זעלטן דערהויבן זיך איבער די דאָזיקע דעטאַלן און אַזוי איז אין דעם פאַל מיט דער פערעץ־אָפּשאַצונג,וואו די היפּערטראָפיע פון נעשאָמע־דעטאַלן איז אַזוי גרויס, אַז זי רויבט אַפּ יעדער פּערספּעקטיוו פון דער פערעץ־געשטאַלט.

דאַברושין גלויבט אַזוי פיל אין די „אַסאַציאַטיווע וועגן" פון יעטוועדער קינסטלער, אַז עס ווערן גאַנץ אָפּט טושירט די עטישע און אינטעלעקטועלע גרעניצן צווישן איין קינסטלער און דעם צווייטן. און ווייל „פאָרם איז די טרייב־קראַפט אין דער קונסט" (62) ווערט דאַברושינס עסטעטיק אַזוי געשטימט, אַז עס בלייבן פאַר אירע אויגן קימאַט נישט קיין אַנדערע כוין פאָרם־קאַליזיעס אַף דער וועלט. אַלע וועלט דערשיינונגען און די קונסט גופא ווערן דערפון צופיל פאַרליטעראַרישט, צו פיל פאַרקינסטלערישט.

אָבער צי פאָלגט טאַקע דעם דאָזיקן מעטאָד דאַברושין שטענדיק? צום גליק—ניין.

וואָרים מיט אַ מאָל „לאָזן זיך אוים די ליטעראַטור־רוימען" פאַר דאַברו־שינס אויגן, ער דערזעט „דעם אָנהויב מענש", ווי דאָס איז געשען אין דעם שוואַרצמאַן־אַרטיקל, אין „שאָלעם־אַלייכעם'ס אַליע" — דאַברושינס געדאַנק קריגט ווידער אַ „היסטאָריש־אידישן" כאַראַקטער און באַקומט זיין סינטעזירטן קינסטלעריש־געזעלשאַפטלעכן באַדן.

.4

אין דאַברושינס בוך לאָזט זיך זען מיט וואָס פאַר אַ מי די אידישע עסטע־טיק פּרואווט זיך באַהערשן דעם ווידעראַנאַנד פון אונזער קינסטלערישן היינט. „זאָל מען אונז ניט אופוואַרפן, אַז אונז פעלט קלאָרקייט".—

מיט די ווערטער פירט אריין דאַברושין אין זיין בוך דעם לעזער. מיט די זעלבע ווערטער קאָן איצט זאָגן וועגן זיך אונזער עסטעטיק:

עס פעלט נאָך אין דעם עקלעקטישן צוזאַמענשטעל פון אונזער עסטעטישער טעאָריע די פעסט־באַשטימטע גרעניץ צווישן דער „נאָוועלע" און דעם אייביק שטאַרקן און אייביק־ריכטיקן עמעס. עס פעלט נאָך עפּשער אויך דער פעסטער פילאָזאָפישער באָדן, וואָס זאָל אָפּשוואַכן דעם עסטעטישן פאַטאַליזם פון אַ יונגער עסטעטיק.

אָבער איינס איז דערגרייכט געוואָרן.

עס האָט זיך איינגעגעבן גוווּער צו זיין דעם „קורצן זיקאָרן“ פון דער אידישער קריטיק, וועלכע האָט ניט געוואָגט צו זיין „היסטאָריש־אידיש“ און בויען איר נאַציאָנאַל־עסטעטישע טעאָריע אין דער ריכטונג פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן עסטעטישן געדאַנק.

און אויך האָט זיך איינגעגעבן אַריינאָטעמען אַ טיפן באַוואוסטזיין ערנסט אין אידעאישע באַציאונגען פון אונזערע קונסט און געזעלשאַפטלעכקייט.

און דאָס איז אַ גענוג צוזאָגנדיקער אָנהויב. דער וועג צו אַ נאַציאָנאַל־עסטעטישער טעאָריע הויבט אָן אַריינציען אַלע קויכעס פון אונזער קינסטלע־רישער סוויווע.

און אַף דעם דאָזיקן וועג זיינען שוין איצט געמאַכט געוואָרן די ערשטע און אַבדאַיעספּולע שריט.

נ. אויסלענדער.

ביבליאָגראַפיע.

ליטעראַטור־פֿאַרלאַג „ווידערוואוקס"—קיעוו: י. פעפער—שפּענער. מ. באַשטער שעוואַצקי—דאַרשט. א. שווּבעט—אַנגריף. מ. וועלעדניצקי—ליטערנישו. מ. שאַפּירא—פּאַרטיאַנ.

א נייע ליטעראַרישע גרופּע באַדייט קוידעם קאָל אַ נייע איניציאַטיוו־קראַפט. און מען אַפילו די דאָזיקע איניציאַטיוו־קראַפט ניט האָבן אין איר רעשום קיין נייעם שטאָף, קיין נייע קונסט־אָביעקטן—אַזאַ גאָב באַשערט די געשיכטע ניט מער יעדן דאָר און ניט יעדער גרופּע,—מוז דאָך די שטויס־קראַפט פון דער נייער איניציאַטיוו זיך לאָזן דערקענען, אויב ניט אין צופאַלום פון נייע מאָטיוון, איז אין קינסטלערישן פּראָצעס גופא, אין דעם אָרט קאָמבינירן די געגעבענע קונסט־עלעמענטן.

די ליטעראַרישע גרופּע „ווידערוואוקס", וואָס איז געקומען באַלד נאָך דעם פּעדיאָד פון גרויסע דערגרייכונגען אין דער אידישער דיכטונג, און איז אַזוי אַרום רעכט באַרויבט געוואָרן שוין פון דער געשיכטע, האָט פון אירע ערשטע יונגע מריט אַרויסבאַווייזן דערוויל אַן אויסגעשפּראָכענעם מאַנגל פון נייער קינסטלערישער איניציאַטיוו, פון נייער שטויס־קראַפט.

ניט נאָר קיין איינעם און באַשטימטן לייט־מאָטיוו האָט מיט זיך די דאָזיקע גרופּע אין איר איצטיקן צושטאַנד ניט געבראַכט, נאָר אויך אין דעם אויפן, ווי זי וואַריאירט די שוין איינגעפלאַנצטע בא אונז מאָטיוון לאָזט זיך פון איינער איניציאַטיוו ווייניק צו הערן. „אַלע שורעלאַך, פינטעלאַך איך באַלזאַמיר"—אַזוי דערציילט וועגן זיך אוורהאָם וועלעדניצקי, א דיכטער, וואָס איז פאַרגליבט אין „פּאָטער־גווילעם", אין „אורהיים" און אין „ערשטן ערדן־דיר" פון דער וועלט. און בא אים קלינגט עס עפשער גאַנץ נאַטירלעך.

אָבער אויך אַפילו די איבעריקע דיכטער פון גרופּע „ווידערוואוקס"—און אַפילו די, וואָס האָבן צו טאָן מיט צייט־מאָטיוון—אויך די זיינען געניינט צו „באַלזאַמירן" דאָס צייט געשעעניש, וואָס שטייט פאַר זייערע אויגן.

צי האָט א. שווּבעט, אין פלוג, ניט „פאַרבאַלזאַמירט" דעם אַנגריף אף פּערעקאָפּ דערמיט, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט דעם מעכטיקן מאַסן־גאַנג אין אינטימע „שורעלאַך און פינטעלאַך", וועלכע זיינען אידיליש ניט ווייניקער, ווי ד. האָפשטיינס ליד וועגן „שאַבעס פאַרנאַכט"?

און ווען איציק פעפער אינטערפּרעטירט די עפּישע סיוזשעטן, וואָס לעבן אין זיין צייט־דערפאַרונג, ווי לירישע מאָטיוון, פאַר וועלכע עס גילטן נאָר אין נאָר פלינקע „איצטן" און מען דאַרף זאָגן: צופיל פלינקע, צופיל אויבנאויפיקע „איצטן"—צי הייבט עס ניט אויך אַלץ פאַרבאַלזאַמירן מיט דעם איקנציקן פאַרלאַנג:

„העבער, העכער... איציק פעפער אינדערמיט..." (30).

און דאָס זעלבע טוט אויך שאַפּירא, ווען ער וויל פאַרוואַנדלען, די גאַנץ וועלט־באַוועגונג אין איין „נאַטיור־מאָרט", וואו דאָס אויג ווערט פאַרפירט אף אונטערלעכער אָרנאַמענט־שילדערונג. אָן איין פעסטן אָנשפּאַרונגס־פּונקט, אָן איין בילדער־צענטר... „א, וואו איז ער פון איינזאַמקייט דער אויסגעפּראַוועטער ריגל" (19) רופט אויס דער אופריכטיקער שאַפּירא, א פאַרטרונקענער אין דעם מאַבל פון דינטאָלן לעשויים דעמאָלן, ניואַנסן לעשויים ניואַנסן און יווערטער לעשויים ווערטער. און ניט אומזיסט ביינקט אַזוי מ. שאַפּירא נאָך א פעסטן „ריגל", וואָס זאָל אָפּשטעלן דעם יאָג פון דער צעלאָזענער בילדערישקייט.

„וואו נעם איך איצט א ווייט און אייגענע פאר מיין צערירטן הארצן" (28) לאזט דערזעלבער מ. שאפירא הערן דאס טרעפנדיקע ווארט וועגן זיך אין א צווייטן ארט פון זיין בוך. „א ווייט און אייגענע" באדייט עפשער אויך אן אייגענע קינסטלערישע איניציאטיוו. און דאס פעלט גראדע דער גרופע „ווידערוואוקס" און דאס איז די סיבע וואס פירט זיי צום „באלזאמירן" ניט נאר „שורעלאך און פינטעלאך" נאר אויך זייער גאנצע דיכטערישע פעאיקייט, זייער גאנצן, אפטמאל באשטימטן טאלאנט. „איז דען א וואונדער, וואס כ'מאווער ניט איין זיך אין וועלט, אז איך גיי אף שפיץ פינגער אין מיין אייגן געצעלט"... (א וועלעדניצקי).

עס איז קיין וואונדער ניט, אז בא אזעלכע איניציאטיוו קויכעס קאן מען וועגן „ווידערוואוקס", ווי וועגן א ליטעראַרישער גרופע ניט ריידן. עס איז אויך שווער צו אורטיילן בא דעם מאמענט וועגן די פארשטייער פון דער דאזיקער גרופע יעדן באזונדער. עס ווילט זיך דעריבער זאגן נאר דאס, וואס צו זאגן איז אומבאדינגט נויטיק...—עס איז א פארשטענדלעכע זאך, אז די פאראליזירטע איניציאטיוו פון די דיכטער, וואס גייען אריין אין „ווידערוואוקס" האט געמוזט שטויסן יעדן פון זיי אף דעם וועג, וואו ער באגעגנט דעם קלענסטן ווידערשטאנד.דעריבער לאזט זיך בא יעדן פון זיי אנצואווייזן פרעמדע„זייטיקע" שורעס, אויב ניט גאנצע לידער. יוען אבער מען זאגט זיך אפ פון אט דער אומדאנקבארער ארבעט, ווערט קלאר, פאר וואס איציק פעפער, לעמאשל, איז ארויסגעטראטן מיט א מער באשטימטן ביכל איידער די איבעריקע. ער פארמאגט שטאף און א באשטימטן עפישן שטאף. מער ווי די איבעריקע האט ער א נעטיע צו דער פאעמע־פארם, און די לעקערט־ליד קלינגט מאמעש, ווי א פראלאג צו אזא פאעמע. מוז אבער פעפער האבן אויך מוט, ערנסט און געדולד צו באארבעטן א גאנצע בילדער סוויווע, אנשטאט איייניקע בילדער־שפריצן. מוז ער אופהערן צו לאזן „טאנצן פריילעך בלויע ווערטער". דער „טאנץ"־פעריאד אין דער נייער אידישער דיכטונג איז שוין פארביי.

דאס מוז געזאגט ווערן אויך וועגן מ. שאפירא, וועלכער מאכט דורך דעם „טאנץ"־פעריאד אין זיין רייכער און גאנץ־פארביקער בילדערישקייט. זיין בילדערישקייט האט ניט קיין באשטימטן צענטער, ארום וועלכן עס זאלן זיך גרופירן די דעטאלן־בילדער, אבער דערצו פארזעט ער נאך אין זיך זיין ארגאנישן צובונד צו מיזע, פליסיקע, פילזילביקע ווערטער און ער פארט צונויף א ווייכע, שטילע מעלאדיע פון ווערטער מיט א גראטעסקן, „ציינקריצנדיקן" בילד. דאס גראטעסקע ווארט ווירקט פארפירעריש אויך אף מ. כאשטשעוואצקי, וואס קאן באווייזן אפטמאל פיין צו ניואנסירן א ליד. די „פוסטע בלויע הימלען", צו וועלכע עס ווענדן זיך דא און דארט זיינע לידער, מאכן דעם איינדרוק פון אויסגעטראכטער פאזע דורך דער צו שטארקער זשעסטיקולאציע אין די ווערטער, און אזעלכע אומדערלאזבארע שטעלן, ווי: „א, זון, פארהאלט זיך א קאפל! איך הייס, איך באפעל, איך באשווער"... (24)

אדער: „עס שטייגן ארוף מיינע קרעכצן נאך הימלען מיט וואלקנס פארהאנגן. (12).

א. שויכעט, וואס שילדערט דעם „אנגריף" מיט א מין „פוענטיליסטישער" טעכניק, וואס דארף אין איינצעלנע פינטעלאך־דעטאלן אופשטעלן א גרויס בילד פאלט אלע ווײלע ארויס פונם טאן און ווערן הויבט און „דערציילעריש". די קלייניקייטן, וואס גייען דורך פאר די אויגן ווערן צו גארניט באהאפטן.

פאראן טרעפלעכע דעטאלן אין גאנג פון דער שילדערונג אבער דער ריטם איז אזוי מאנאטאן און אלע „סוידעס" אזוי אויסגעדערציילט, אז די שילדערונג ווערט אן דעם כאראקטער פון איין גאנצעס, און נאר אין דעם איז דאך די אופגאבע פון דעם בוך־פאעמע.

א. וועלעדניצקיס „לייטערגיש" איז בלי־סאָפּעק דאָס „באַוואוסטזיניקסטע" בוך פון די אַלע דערמאָנטע. וועלעדניצקי זוכט נייע קונסט אָביעקטן, ער עקס־פּערימענטירט, און אין „וואַלד", ווי אין „אורהיים" דערגרייכט ער אין דער היינ־זיכט גאַנץ באַשטימטע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. מער ווי אַלץ געבן זיך אים איין די מאָמענטן פון קאָסמישער „שפּילעוודיקייט" (ווי „שפּילט די ערד אַ שפּיל פון שפּילן" און ענגלעכעס) אָבער די שטענדיקע טעווע צו „באַלזאַמירן" יעדער „שורעלע און פּינטעלע", צו קוקן אין אַפּאַרגרעסער־גלאָז אַף מיקראָסקאָפּישע וועלט־דערשיינונגען פּאַרוואַנדלט זיין דיכטערישן פּראָצעס אין אַ מין אַנטיקוואַ־רישע אַרבעט. דעמאָלט בלייבט גליווערן דער קינסטלערישער שטאָף, צו וועלכן ער רירט זיך צו. אָבער דאָס האָט שוין צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער טעווע פון „ווידערוואוקס".

עס איז קלאָר: די געהעריקע אַנטפּלעקונג פון „ווידערוואוקס" קאָן קומען נאָר דעמאָלט, ווען די גרופּע וועט זיך באַפרייען פון פרעמדע פּאָעטישע מוסטערן און וועט אַנטוויקלען אין זיך אַנשטאָט „קאַליגראַפישע" פעאיקייטן די געזונטע, זיך־געטרייע און שטענדיק־דרייסטע איניציאַטיוו צו באַהערשן דעם שטאָף, וואָס עס קאָן געבן אונזער רייכע צייט. און דאָס מוז מען דער גרופּע „ווידער־וואוקס" צואווינשעווען מיט דעם גלויבן אין יונגער דיכטער־קראַפט, וואָס קאָן און מוז געפינען איר אייגענעם וועג.

נ. אויסלענדער.

מוישע קולבאַק—נייע לידער. פאַרלאַג „קולטור־ליגע" וואַרשע, 1922.

די ליד פון אונזער פאָריקן דיכטונג־פּעריאָד האָט פאַרמאָגט אַ כאַראַקטערישע אייגנשאַפט: באַריידעוודיקייט. פלאַנטערנדיק אַפן פלאַך, ניט קענענדיק בייקומען דעם אויבנאויף — האָט זי געשאָטן דיבורים.

אין אַנדערע גילגולים—אַפילע העכערע, אין אַנדערע שלייערן — אַפילע רונג האָט די רייזין־ראָזנפעלדישע, די איינהאָרן־סעגאַלאָוויטשישע ליד פאַר־שטעלט מיט זאָגעכץ, מיט צעפלאָסענעם פלאַטשיקן וואָרט בעאַלמע.

און אינטערעסאַנט: אויך איצטער, ווען אין אונזער דיכטונג איז געקומען די ליד מיט געשעצטן, געכאַוועטן וואָרט, די ליד מיט געטאָקן בילד און געשליפענעם געשטאַלט, די ליד די פאַרקערפּערנדיקע—איז נאָך דער פריעריקער ליד־שטייגער ניט אינגאַנצן אָפּגעטראָטן.

און אַנדערע גילגולים—אַפילע העכערע, אין אַנדערע שלייערן — אַפילע שענערע— נאָר ער איז דאָ. באַ דער זייט לעבט ער זיך און איז זיך אַ שטיי־גערל, אַ גיינגעלע.

אין מ. קולבאַקס ערשט ביכל („שירים", ליטעראַטן־פאַרלאַג, ווילנע) האָט פריש געווירקט האַרציקייט־שטימונג, באַהעפטע מיט טמימעסדיקן שפּילעוודיקן פאָלקס־מאָטיוו. דאָס האָט באַשיינט דעם אַלגעמיינעם נוסאַך קולבאַקס, וואָס ס'האָט זיך אין אים געפילט דער שניט דער רעזאַנעריש־כקירעדיקער, דער סענטי־מענטאַל־פלאַפלענדיקער, יענער שניט, וואָס אונזער דיכטונג איז סאָף־קאָל־סאָף פון אים פּאָטער געוואָרן.

קולבאַק האָט מיט זיך מער ווייטאָק און מער קולטור געבראַכט—האָט עס צוגעגעבן דעם נוסאַך זיינעם אַ אויסזען אַ געלייטערטן, אַ מאָדערנערן,—האָט עס אים מער דיכטעריש געמאַכט.

כויז דעם, האָבן זיך צווישן די רייד פון די „שירים" אויך געשטאַלטן דורכגעוואָרפן. ס'זיינען דאָרט געווען „בראָנזענע יונגען", וואָס זיינען אוועק אין אופשטאַנד. ס'האָט דאָרט געבלייכט אַ נייער ייעש—„שטאָט". ס'האָט דאָרט אַפילע ערד אַ שעמעריר געטאָן. „אָ, ערד, אַ ערדעניו, ווער זיינען מיר? מאַט־ראָסן פינסטערע אַף דיר, אַף דיר..."

האָט זיך געדאַכט, אַז קולבאַקן קאָן גאַנץ לייכט זיך איינגעבן צו אַראָפּשלייפן די הערשאַפט פון גלאַט־לאַשן, באַפרייען זיך פון צעצויגענער וואַסעריקייט און ווייזן ע ר ד.

קומען קולבאַקס „נייע לידער" און אַנטפּלעקן אַז— „...אייביק, אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען... עס טרעפט, אַז די וועלט זינגט אַרום אַ פּאָר באַרגענעם ניגן... וואָס וועט ריידן די שטומקייט, ווען כ'בלייב מיט איר איינער אַליין..."

די צעפּלאָסנקייט, די רעזאָנערישקייט, דאָס ניט ווערטפולע וואָרט האָט זיך ניט געפעלט. ס'איז אַ טעות געוואָרן. אַ טעות, פאַרפירט אָפט קולבאַקן שוין אַביסל צו־ווייטלעך, ברענגט אים צו רייזונען, צו רייזונגס ספּעציפישע „געדיכטע געדאַנקען".

„...דערווייל איז אייער שניפּס, מיין פריינט, ניט צערטלעך אויסגעבונדן. בלייבט רואיק... וועמענס מאַרך ווערט איצטער אָנגעצונדן?!... שרייט ניט יונגערמאַן..." (די הייל).

—קיין סימען פון וועלן פאַרגאַנצן, פאַרשטייפן, פון קענען געבן מאָך, געפּרעסטן, קריסטאַליזירטן,—ר יי ד.

אַז קולבאַקס דורכגעוויטאַקטע איבערלעבונג קומט אינאיינעם מיט ריטמוס און נאַאיווקייט פון פאָלקס־ליד, גלאַנצט דורך אַ לידל וועגן אַ „ציגעלע", וואָס ער בלאָנקעט מיט דעם אַ גאַנצע וואָך און— „פרייטאָג האַלבן טאָג בלייבט שטיין דאָס ציגל אומגעריכט, און איך דערזע: העט ווייט איז אויסגעשפּרייט אַ לאַנד אין בלויער ליכט, אין בלויער ליכט." („דאָס ציגעלע").

אַמאָל באַקומט אַפילע באַ קולאַבקן דער מאָטיוו פון וועלטישן קאָסמישן עלנט אַף אַ רעגע קראַפט און ס'דערהערט זיך: „...הילכיקער קאַלטער געשאַל פון דער אייביקער קלאַנגעוודיק־גרויזאַמער שטים אין אַל. („אין שענק").

דער גאַנצער גאַנג בלייבט אָבער איינער און דער זעלבער.—ר יי ד.

אין פּאָעמע „רייסין" גייען די רייד איבער אין פּאָשעטער געפּערזט־געגראַמטער דערציילונג. צאָלנדיק צינזש דער מאָדע: אַרויסכאַפּן און אידעאַליזירנדיק פאַרפיקסירן, כאַסגייענדיקס און אָפּגעגאַנגענע—דערציילט זיך קולבאַק ברייטלעך און גוטמוטיק און הערציקלעך וועגן זיידן, באָבעשי, פעטערס, טאַטן—און ס'בלייבט זיך פּאָשעט און פיין און—טאַקע גאָר ניט הויך.

נאָר שטיפערישער פאָלקס־ניגן מישט זיך אַריין: „ס'איז געקומען ווינטער־צייט פאַר די טעכטערלאַך די צוויי, ברענגען זיי אַהיים צום דוכס אינגם פאַרטוך צו ביסטרוקעס... ווי, ווי, ווי.—

און סע הויבט מיט קינדערש־קאָשערער, באַאַרט איראָנישער קלוגשאַפט פון פאָלקס־ליד.

אין פּאָעמע „ל־ן" גייט דער פּרואוו ברייטער און טיפער אָפּצושטעלן זיך אַף דער מיסטישער „שטים אין אַל", קימאַט אינגאַנצן לעאיבעד אַ דאַנק די גייי מאָס רייד.

שמואל־איצי וואַסערפירער וואָס „ליגט אין קוימען פון דער וועלט און שרייט", אַ פיגור, וואָס אַרויסהיקן זי, האָט קולבאַקן געשטויסן דאָס זעלבע, וואָס ס'האָט געשטויסן לייוויקן יאַפּן „דעם גוילעם"—שמואל־איצי וואַקסט ניט אויס, ווערט פאַרוואָליעט, פאַרפאַלן אונטער אַ באַרג ווערטער.

זיינען קולבאַקס „נייע לידער" ערטערווייז כיינעוודיק, ערטערווייז ליבלעך, נאָר—אַ נאָגעניש נאָך פאַרביקער, פעסטער, שטייף־בילדערישער קונסט לאָזן זיי איבער נאָך זיך.

דאָס שטייגערל קולבאַקס אויב מע קאָן ניט פאַרבייגיין עס אינגאַנצן לייענענדיק עס, ווייל דיכטונג איז פאָרט דאָ אין דעם,—לאַנג פאַרהאַלטן באַ זיך קאָן עס ניט,—צו שוואַך, צו קינסטלעריש אָנמעכטיק איז עס.

ע. פ י נ י נ ב ע ר ג.

כראָניק

נייע ביכער.

אין מאָסקווע—אויסגאַבן פון צ.ב. פון די אידסעקציעס באַ ר.ק.פּ.: די נאַציאָנאַלע פראַגע אין ר. ק. פּ. (זאַמלונג).* הירש לעקערט (צום 20־טן יאָרטאָג פון זיין קעפּונג).* עסטער—הירש לעקערט קאָנטאָר*—פּאָליטישער אַלעפּביים. אויסגאַבן פון אווטאָרן: מוישע טייטש—רעמאָמט אָף רעשטאָוואַניעס* ידידיה מאַרגאָלים—מיבאָמע צייט (דערציילונג).* כאַיעם גילדין—דער רויטער פּורים (בופאַנאַדע). אָפּן רעכט פון א קסאָוויאַד* פאַרלאַג קולטור ליגע: וויעוויאָרקא האָנענקריי (א מיסטעריע אין 2 אַקטן, דערשיינט אין גיכן).* „הילף און אַרבעט“—כווידעש־זשורנאַל (אַנשטאָט דעם פריערדיקן „הילף“). געמיינזאַמער אָרגאַן פון „אידגעזקאָם“ און רוסלענדישן „אָרט“. דערשינען דער ערשטער דאָפּל־נומער (1־2) מיט א רייכן מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט די טעטיקייט פון ביידע אָרגאַניזאַציעס.

אויסגאַבע פון אידאָפּטיילונג באַם קאָמנאַץ־פּעטראָגראַד: העניע ריוולין—די אַרבעט אין קינדער־גאָרטן.

ד. האָפּשטיין—געזאַמלטע ווערק, ערשטער באַנד (ליריק). א פּראַכטפולע אויסגאַבע—קאָאָפּ. פאַרלאַג קיעוו.

אין קיעוו—ליטעראַטן־פאַרלאַג „ווידערוואוקס“: י. קיפּניס—אָקסן, ש. האַלקין—לידער, שקאָבאָווסקי—רעגעס, און דער ערשטער נומער פון דער ליטעראַרישער זאַמלונג „באַרג אַרוף“.* אינם פאַרלאַג קולטור־ליגע זיינען דערשינען די ערשטע דריי נומערן פונם קינדער־זשורנאַל „פריידי“ און דער 3־טער נומער פּעדאַגאָגישער ביולעטען“.* פאַרלאַג קאָמפאָן: ד. וואָלקנשטיין (נאָך ל. אַנדרעיעוו)—„האַר הונגער“.

דער קאָאָפּ.פאַרלאַג ק. ל. קיעוו איז צוגעטראָטן צום דרוקן די פאָלשטענדיקע לידער־זאַמלונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער אָשער שוואַרצמאַן. אין דער דאָזיקער זאַמלונג גייען אריין אַלע לידער, וועלכע שוואַרצמאַן האָט אָנגעשריבן, צווישן זיי העכער א העלפט נאָך קיינמאָל ניט געדרוקטע. אייניקע לידער ווערן געגעבן אין עטלעכע וואַריאַנטן לויט די געפונענע מאַנוסקריפּטן. אויסער די לידער גייט אריין אין בוך א גרעסערע ביאָגראַפישע סקיצע און גענויע רעדאַקציאָנעלע דעקלערונגען וועגן יעדער איינציקער ליד. אין דעם בוך, וואָס וועט האַלטן העכער 7 דרוקבויגן איז פאַראַן אויך דער פּאָרטרעט און אווטאָגראַפן פונם דיכטער.

אין כאַרקאָוו—אויסגאַבן פון הויפּט ביוראָ פון די אידסעקציעס באַם צ. ק. פונם קאָמיוגפאַרבאַנד אָף אוקראַינע: אַרבעטס קינדער (ליטעראַרישער זאַמלבוך)* יוגנט (לידער־זאַמלונג), רעדאַגירט פון א. קושנירָאָוו* אַלטשולער—געקאַשערטע נעשאָמעס (וועגן כיידער)* לעבעדיק באַגראָבענע (אילוסטרירטע זאַמלונג פון דערציילונגען)* „ליבקנעכטס דאָר“—פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַריש־קינסטלערישער אילוסטרירטער כוידעש־זשורנאַל, ערשטער נומער*

אין בערלין—קלאַל־פאַרלאַג—זיינען דערשינען: מ. קולבאַן—לידער* ז. שנייאור—שאָלעם־אַליכעמס אָנדיינקן* פּראָספּ. מערימי—קאַרמען (אידיש ר. זעליגמאַן).

אין ניו־יאָרק—האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען דער זשורנאַל „אין זיך“ דערשינען שוין די ערשטע דריי נומערן מיטן אַנטייל פון לעיעלעס, גלאַטשטיין, לודוויג, מיניקאָוו און אַנד.

אין פאַרלאַג „אונזער שייער“ איז דערשינען: ראובן אייזנלאַנד—„פון מיין זומער“ (אַ בוך נייע לידער).

אין ווין איז דערשינען אַ נייער באַנד (17 דרוק בויגן) נאָוועלן פון אַמע־ריקאַנישן בעלעטריסט ב. גלאַזמאַן „אַף אַ האָר“. ב. גלאַזמאַן האָט אויך פאַר־ענדיקט זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, אונטערן נאָמען „סטאַטן איילענד“.

קולטור.

אין יאַנוואַר איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען דער ערשטער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פאַר בילדונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. באַם צוזאַמענפאָר איז געווען איינגעאָרדנט אַ אויסשטעלונג פון דער בילדונגס־אַרבעט. דאָס אָנגעזעענסטע אָרט האָט פאַרנומען די אידישע אָפטיילונג. באַזונדערע וויט־רינעם האָבן פאַרנומען די מאַלאַכאָווקער קאָלאָניע, קיעווער אידישע גימנאַזיע, פראָפטעכנישע שולן, פרעסע און פאַרלאַג.

באַם ערשטן מאָסקווער מלוכע־אוניווערסיטעט אפן פאַקולטעט פאַר געזעל־שאַפטלעכע לימודים (פאָן) גרינדן זיך דריי נייע קאַטעדרעס: פאַר אידישע שפּראַך, אידישע געשיכטע און אידישע ליטעראַטור. אַזוינע דריי קאַטעדרעס עקזיסטירן שוין פון אָנהויב לערן־יאָר באַם צווייטן מלוכע־אוניווערסיטעט אפן פעדאַגאָגישן פאַקולטעט.

דעם 11־טן יאַנוואַר איז אין מאָסקווע אין צענטראַלן אַרבעטער־קלוב „עמעס“ פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון מאָסקווער אידישע לערער און ביל־דונגס־טוער. ס'זיינען בייגעווען העכער 100 טוער פון די היגע קינדער־היימען, שולן און העכערע אַנשטאַלטן.

די גרופּע „שטראָם“ זעצט פאָר אירע „ליטעראַרישע דינסטאָקן“ אין סטו־דיע־זאַל פון אידישן קאַמער־טעאַטער. פאַר דער ווינטער צייט האָבן געלייענט ווערק און פאָרטראָגן: אויסלענדער, האָפשטיין, וועוויאָרקע, האַלקין, שאַפּיראָ, שוויכעט, כאַריק, גאָדינער, נוסינאָוו, פערסאָוו, וואָלקנשטיין, ליטוואַקאָוו, רעזניק, שפּילריין. אַף די נאָענטע דינסטאָקן וועלן לייענען: קושניראָוו, אַקסלראָד, ראָסין, דאָברושין און אַנדערע. די אָונטן ווערן באַזוכט פון ליטעראַטן, אַרטיסטן, לערער און שטודירנדער אַרבעטער־יוגנט, וואָס באַהאַנדלען די לעזונגען און פירן לעבעדיקע וויכוחים.

קיעווער אידישע פעדאַגאָגישע שול האָט געענדיקט איר ערשטע עקזיס־טענץ־יאָר. די שול האָט זיך אַרויסבאַוויזן, ווי אַ וויכטיקע קולטורעלע־אַנשטאַלט, די שול באַשטייט פון צוויי קורסן, אַף וועלכע ס'לערנען זיך 78 קורסאַנטן. דער לערער־פערסאָנאַל באַשטייט פון 9 כאַווירים.

טעאַטער.

דעם 22־טן יאַנוואַר האָט דער מאָסקווער מעלוכעשער אידישער קאַמער־טעאַטער געפייערט דעם 4־טן יאָרטאָג, וועלכער איז צונויפגעפאַלן מיט דער 150־,פאָרשטעלונג פון שאָלעם־אַלייכעם־ציקל. אין זאַל פון טעאַטער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער אוילעם. מיט הייסע באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן פאָרשטייער פון אַלע מעלוכעשע, פּראָלעטאַרישע, סטודענטישע און ליטעראַרי־שע אָרגאַניזאַציעס.

דער אידישער קאַמער־טעאַטער גרייט איצט אַ מוזיקאַלע קאָמעדיע 200.000, איבערגעאַרבעט פון שאָלעם־אַלייכעמס „גרויסן געווינס“. די טעקסטן פון די לידער און פון די מוזיקאַלע אַנסאַמבלען האָט געשריבן י. דאָברושין. מוזיק פון ל. פולווער נאָך די פאָלקס־מאָטיוון, פאַרשריבן פון ז. קיסעלהאָף. אָנפירער פון דער פאָרשטעלונג—אַל. גראַנאָווסקי. די ראָל פון סאָראָקער שפּילט מיכאַעלס־וואָפסי.

די קיעווער סטודיע פון קולטור־ליגע האט איינגעלאדן דעם מוזיקער אל. קריין שרייבן מוזיק פאר „דעם לעצטן מאשיאך“; איבער די דעקאראציעס ארבעט דער מאלער־קאנסטרוקטיוויסט א. טישלער.

קונסט.

אין אנהויב יאנואר איז אין מאסקווער מוזיי פאר נייער קונסט פארגעקומען א דרייטאגיקע אויסשטעלונג פון די נייע בילדער, וואס דער פאלקאמבילדשיקט אפ אין אויסלאנד אף צו דערגענצן די דארטיקע רוסלענדישע אויסשטעלונג. צווישן די דאזיקע נייע בילדער האבן זיך אויסגעצייכנט די ווערק פון טישלער, נעקריטין און לאבאז—מאלער, מיטגלידער פון קונסט־סעקציע פון קולטור־ליגע. זייערע קאנסטרוקטיוו־מאלערישע לייוונטן האבן צוגעצויגן די אופמערקזאמקייט פון די פולע באזוכער.

דעם 11־טן יאנואר איז אין טעאטער־סטודיע פון קולטור־ליגע פארגעקומען א אינטימע אויסשטעלונג פון יונגן מאלער ב. לעווין—א שילער פון טעאטער־סטודיע. די אויסשטעלונג איז ארגאניזירט געווארן אויסשליסלעך פאר מאלער און קונסט־טוער.

דרוק־פעלער:

זייט	57	שורע	2	פון אונטן	בא פייקל	דארף זיין	א פייקל
"	"	"	13	"	גייט אף	" "	גייט אוף
"	58	"	2	"	געבראכענע	" "	געקראבענע
"	60	"	14	"		" "	האר
"	61	"	3	"	שטיקעלע	" "	שטיבעלע

זייט 60, אנשטאט שורע 18 פון אונטן לייענען:

און אין פעלד הויבט אן טאגן — ווייט דארט
אין בלייכע נידעריקע פענסטער.

און אנשטאט שורע 16 גייט די שורע 18
און מיט איר פארענדיקט זיך דאס קאפיטל.

אינהאלט פון 1-טער העפט:

ד. האפשטיין — שטאם. ביי ניש שטיימאן — דאס רויטע קינד. א. קושניראוו — אוקארע. דבוירע קליאצקין — דער וועג. שמועל ראסין — אלעף. מ. רעזניק — לידער. ע. פינינבערג — לידער. מארק שאגאל — בלעטלאך. י. דאברושין — אונזער ליטעראטור. ש. גארדאן — ווארט און לעבנס-שטייגער. נ. אויסלענדער — דער ניסטער. א. וועוויארקע — אין פייער פון ערד.

אינהאלט פון 2-טער העפט:

פערעץ מארקיש — הונגער (לידער). דער ניסטער — אין וויין-קעלער. ד. האפשטיין — אוקראינע (לידער). א. קושניראוו — ראסייא (לידער). ד. וואלקנשטיין — ווינטן (וויטעלאך פראזע). ש. גאדינער — פיגורן (דערציילונג). י. דאברושין — שאלעם אלייכעמס אליע. נ. אויסלענדער — שאלעם אש. ש. גארדאן — ליריק (ביבליאגראפיע). פון רעדאקציע

אינהאלט פון 3-טער העפט:

ל. קוויטקא — אינדערפרעמד (לידער). ד. בערגלסאן — באטשקא (פראגמענטן פון א ראמאן). ד. האפשטיין — ליד. א. קושניראוו — ליד. מ. רעזניק — ליד. שיפרע כאלאדענקא — לידער. דבוירע כאראל — לידער. י. קיפניס — גענאר (מיניאטיורן). מוישע ליוושיץ — סדאם (פאעמע). י. דאברושין — מאני לייב. נ. אויסלענדער — הימללאזע קונסט (וועגן י. אפאטאשו). שאלעם גארדאן — אין ערדישן דויער (דאווועד האפשטיין). ביבליאגראפיע. ליטעראטור-, קינסט-, און טעאטער-כראניק. א בריף אין רעדאקציע.

צענטראלער ביכער-לאגער «קולטור-ליגע»

МОСКВА, Театральн. пр. № 2. 2-ой дом советов.

אפן ביכער לאגער געפינען זיך פאלגנדע ביכער:

1) באוועגלעכער אלעפבייס (קארטאן).
2) ש.מ ע ל—געוויקסן.
3) מ. לטשעווכקי—עלעמענטאר לימעד.
4) גאלדבערג-אקון—באוועגונגס שפילן.
5) ה ע ר ש ב ע ר ג — קולטור געשיכטע (9 העפטן).
6) האדער—א״ב פאר דערוואקסענע.
7) ספיוואק—אויס אמהאראצעס.
8) קאלמאנאוויטש—איד׳שע גראמאטיק.
9) זארעצקי--קלאליבפונםנייעם אויסלייג.
10) באראכאוו—אידישע פילאלאגיע.
11) לעשטשינסקי—דאס עקאנאמישע לעבן אין דער אידישער ליטעראטור.
12) זאמלבוך פון קינדער-לידער מיט נאטן.
13) וויפער ר. — געשיכטע (מיטלאלטער, נייע צייט).
14) יונג-יונג—קליינער געאמעטער.
15) וואולאך—לעדער-ארבעט.
16) עלבערט—פארפלאנץ-געוויקסן.
17) ריוולינא ה. די ארבעט אין קינדער גארטן.
18) קאנטאר י.—פאליטישער א״ב.
19) וואגנער — דערציילונגען (בערלינער אויסגאבע).
20) פר. מאך—צוליב וואס האט א מענטש צוויי אויגן.
21) הירש לעקערט—זאמלבוך.
22) ליבקנעכט, ליוקסעמבורג—בריוו(בער-לינער אויסגאבע).
23) ק. קאאוטסקי—די עקאנאמישע לערע פון קארל מארקס.

או סשל׳סלעכער פארקויף פון „שטראם״ נומערן 1, 2, 3, 4.--אין רוסלאנד און מיירעוו-אייראפע.

עס דרוקט זיך און וועט אין גיכן דערשיינען:

1) צ י נ ג ע ר א. וו. ע ל ע מ ע נ ט א ר - פ י ז י ק. באשטעלונגען, בא 50% האנטגעלט און 50%— באכנאמע, ווערן אנגענומען און אויסגעפילט פינקטלעך.

פארלאג ל. ד. פ ר יי נ ק ל.

עס איז דערשינען דער בוך פון ס. מ. ד ו ב נ א וו:

די אידן אין רוסלאנד און אין מיירעוו-אייראפע.

(אין רוסיש).

די אידן פאר אלעקסאנדר דעם דריטן
" " ניקאליי דעם צווייטן
" " אין מיירעוו-אייראפע.

ב י כ ע ר ל א ג ע ר ס פ ו נ ם פ א ר ל א ג:

Москва, Универсальный Книжный Магазин, Камергерский пер., уг. Б. Дмитровки № 5/7, тел. 2-50-04,

Петербург, Мойка 42, кв. 25, тел. 1-75-11.

טעגלעכע צייטונג

„דער עמעס“

ארגאן פון צ. ב. פון די אידסעקן באם צ.ק.ר.ק.פ.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אף דער צייטונג ביזן סאף יאר.

אבאנעמענטס-פרייז אף 1 כוידעש 22 רובל (ג.צ. פון יאר 23).

ארבעטערשע, קולטור-אופקלערערישע און פראפעסיאנעלע אירגאניזאציעס, וועלכע שרייבן אויס: יט וויניקער פון 5 עקז., צאלן פאר מארט 15 רובל און פאר מארט און אפריל 25 רובל (ג.צ. פון יאר 23).

„דער עמעס“ דרוקט זיך פון ערשטן מאר"ט אין אן אייגענער דרוקעריי און גייט ארויס אין א פארגרעסערטן פארמאט.

אדרעס: מאסקווע, קוזנעצקי מאסט 14. טעלעפאנען: רעד. 2-72-14, קאנט. 48-83

Москва, Кузнецкий мост 14. Тел.: ред. 2-72-14, конт. 48-83

די דרוקעריי פון „עמעס“ נעמט אן אלערליי באשטעלונגען.

קאמוניסטישע פאן

טעגלעכע צייטונג

ארגאן פון צענטראל קאמיטעט פון ק. פ. ב. או.

רעדאקציע און קאנטאר: קיעוו, לענין-גאס (פונדוקלעיעווער) 12. טעל. 27-25,

אבאנעמענט-פרייז:

1 כוידעש	20 ר.
2 כאדאשים	38 „
3 כאדאשים	55 „

פאר ארבעטער-קאלעקטיוון - 10 ר. א כ.

מוידאעס:

א שורע נאנפארעל אין קיעוו 10 רובל,
אויסער קיעוו . . . . 15 „

פארן טעקסט דאפלט.

טעגלעכע צייטונג

דער וועקער

ארגאן פון צ.ב.ק.פ. (ב) און הויפט-ביורא פון די אידישע סעקציעס אין ווייסרוסלאנד.

אדרעס פון רעדאקציע:

מינסק, ראג זאכאריעווער און ארכירייעווער 97.

אבאנעמענט-פרייז 16 ר. א כוידעש.

פאר מיטגלידער פון פראפפאריינען—9 ר.

אידישע פּאליגראַפישע שול

מאסקווע, מאמאנאוסקע געסל 2. טעל. 74-72

נעמט אן אלערליי

דרוק

און איינבינדעריי ארבעט

אויספירונג פּינקטלעך און ראיעל.

ГОСУДАРСТВЕННЫЙ

ПЕТРОГРАДСКИЙ СУДОСТРОИТЕЛЬНЫЙ ТРЕСТ.

ПРАВЛЕНИЕ:

ПЕТРОГРАД, ул. Желябова 5.

ПРЕДСТАВИТЕЛЬСТВО:

МОСКВА, Мясницкий проезд 3, кв. 12, Тел. 1-75-24.

ПОСТРОЙКА И РЕМОНТ СУДОВ.

Судовые механизмы. Железные конструкции. Паровые котлы. Цветные металлы. Баббит. Свинцовые трубы. Рольный свинец. Чугунное литье. Фановые трубы и части к ним.

אלרוסישער מעלוכע-סינדיקאט

סעלמאש

פאראייניקט די גרעסטע רוסישע זאוואדן

פון ערד-ארבעטער-מאשינען

פארטרעט די הויפט זאוואדן פון אויסלאנד.

שטראָם

כוידעש העפטן

5 — 6

נאָר אונטער פעלזן הער איך רינט
און ריזלט פריש א שטראָם...
א. שוואַרצמאַן.

מאָסקווע — 1924

הילע — מארק שאגאל

אויסגאבע — פארלאג „שטראם"

אידישע פאליגראפישע שול, מאסקווע

איציק פעפער.

פראסטע טריט.

I

שטאט איז געפאלן,
ווערן נאך ווילדער
די שווארצע וואקזאלן.

אין העכערע מויערן
לעשט מען די שיין,
און מיר דא בא טויערן...
— אין שטאט איז פיר הונדערט
— און מיר זיינען ניין.
א טיר איז צעשלאגן און טרעפ זיינען גרייט.
און מויערן ברענען און גליען די נעכט.
— א פאלק איז צעהוליעט
— א פאלק איז גערעכט!

II

גאסן און גאסן און מויערן
צעווארפן אף פעלד פון טאג,
וויפל דארף נאך געדויערן
מיר זאלן אוים-זיין אין יעדער שטאק...

טראמווייען וועלן ניט פירן
אין אזוינע צעבויטעטע טעג,
נאר וויפל ווארעמע טירן
ווארטן אף אונזער „פון וועג“.

מיר וועלן די טריט צעשטעלן
ביי יעדער אפענער טיר.
— מיר איז פראסטקייט פון טריט געפעלן,
וואס קען נאך זיין פראסטער פון מיר?

III

אין שטאט זיינען שארפער די וועגן,
אין שטאט זיינען פעסטער די ווענט —
וויפל טויטע מיר האבן באגעגנט,
בא פאררויכערטע פעסטע ווענט...

היינט וועט זיי קיינער ניט קלייבן,
און קיינער ניט טראגן אהיים —
נאר א ווינט וועט שטיל פארשרייבן
זייערע נעמען אף אן אלטן בוים.

IV

פריער, פריער מיט טויזנטער יארן,
מיט טויזנטער יארן, אדער נאך מער,
ווען א מאמע זאל געווען מיך געבארן
ווי וואלט איך געקומען א הער?

כ'וואלט געווים געגאנגען אין א פעל
מיט אלע וועלף אדער בערן
איצטער גיי איך אין א גראוון שינעל
און איך ווייס פון קאמינטערן.

פריער, פריער מיט טויזנטער יארן
מיט טויזנטער יארן, אדער נאך מער,
ווען א מאמע זאל געווען מיך געבארן
וואלט איך דען געזעען אזא ערד?

כ'וואלט ניט געוואוסט און ניט פארשטאנען
וואס הייסט א מענש, א מענש, וואס שיסט,
גוט וואס ניט לאנג האט א מאמע
מיך געבוירן מיט הענט און מיט פיס...

V

זאלן שטענדיקע פרעמדע אין פיינט
מיט קוילן די שליאכן אונז קרייצן,
ווי קאן מען ניט ליבן א לאנד
אן ארעמס מיט שנייען און ווייצן?

וואו האט מען נאך פראסטערע טריט
אף וואסערע וועגן פארלארן;
וואו האבן, ווי דא נאך געבליט
פארוויכערטע פלוצלינגע יארן.

VI

ווייט, ווייט אין פאריז, אין לאנדאן,
זיינען דא אזוינע מענשן, ווי מיר
מיט הערצער ווארעמע און בלאנדע,
פונקט אזוינע מענשן, ווי מיר.

שטייט צווישן אונז א וואנט,
א וואנט אן א שוועל אן א טיר.
צי איך אוים מיין געניטע האנט —
פונקט אזוינע מענשן ווי מיר...

און איך ווייס אף געווים וועט געשעען
איבער גאנצער וועלטישער ברייט —
יענע מענשן וועלן פארשטייען
אונזערע פראסטע רייד...

איציק פעפער.

ע. פינינבערג.

פון דער פאעמע „מעהומע“.

I

איבער יענער זייט בארג, איבער יענער זייט פלויטן
פארגייט א לעוואנע א רויטע.

אף דיל און אף בעטן צעקנייטשט און צעקנאטן—
מיר שלינגען, מיר ווארגן דעם אטעם.

אף יענער זייט פענסטער, אף יענער זייט לאדן—
הויל מיט פארלאקערטע פכאדים.

אף יענער זייט יישעוו—א סטעפ מיט צעפאליעטע שלייפן.
א דולע מעדינע, א טרייפע.

אז פאלן וועט פרי אין די ליקן די הוילע,
וועט מען אונז אלעמען קוילען.

אז ס׳וועט זיך דער טאג אין די ליקן צעניסן,
וועט מען אונז אלעמען שיסן.

צאן אן צאן. קרעמפן אין בויך. היק און געשטאנקען.
—יאנקל, שלאפסט, יאנקל?

איבער יענער זייט בארג, איבער יענער זייט פלויטן
פארגייט א לעוואנע א רויטע.

II

מאן און באסן, איד און באבער, יונג און גראוו
האט מיט שניידמעסערס צעשניטן קאזאקאוו.

און דעם קרעמער און דעם רימער און דעם ראוו
האט אין יאר ארייגעווארפן קאזאקאוו.

האט דערבארימט זיך אן אלטער גוטער גוי
און צו זיך און שטוב פארנומען קינד און פרוי.

ליגט די אידע א געקוילעטע אין יאר,
וויינען ווייבער בא דעם גוי אין שטוב פארשפארט.

קומט ער שיקער, דער רויצייאך, און ער זאגט:
—עי זשידי, זשידי פארכאטי, דע וואש באג?!..

—עי זשידי, זשידי פארכאטי, קלאוזימס זין.—
און א נויפע און א נפיכע און א שפיי געטון.

דולער אוונט, דולער מארגן, דולער טאג:
—עי זשידי, זשידי פארכאטי, דע וואש באג?

I

...איז אף מארגן געקומען אין שטאט קאזימיריק דער גאנעיו מיט יונגען מיט וואיילע.
יונגען באלאדן מיט באמבעס, באהאנגען מיט שנירלעך פון קוילן.
האבן טעג זיך געשטעלט בא פארשלאסענע קלייטן, צעפלאמטע, צעהעלטע.
אף צעוואלגערטן מארק, בא פארפרעגטעטער שטוב קאזימיריק געוועלטיקט.
ס'האבן דערפער צעגליטע פארלייגט זיך אף שטאט און די שטאט איז געפערלעך.
וואס איז דא אין דער שטאט?—קאזימיריק און ווינעם און שאלעכץ פון קערלעך.
פון קאיאר און ביז שקיע איז פייערלעך פוסט און צעבונטעוועט רוישיק.
פון קאיאר און ביז נאכט קאזימיריק מיט כעוירע מיט יונגען, אין דרויסן.
פאלן צו נעכט און צעפלעטשן מיט פאכאד דעם דאך פון פארפרעגטעטער דירע,—
יאגט מיט באמבעס די שיקערע דערפער פון הינטער דער שטאט קאזימיריק.

VI

ווי אזוי מ'האט צעשאסן דעם איסי מיט פאנים מיט בלייכן פון שטאט פון ריאזאן.

אין א בענעד א גרויען, אין א שטאט אין א ווייטער, אין א ווינטער באגינען
האט דער איסי געשווינגן, האט דער איסי געטראכט, איז דער איסי דערגאנגען:
סע קאכט די מעדינע, סע ברענט די מעדינע, סע שיסט די מעדינע,—
ער וועט גייען און אנקומען וועט ער א היים קיין ריאזאן.

אין א בענעד א גרויען, מיט אויגן מיט העלע, מיט אקסלען מיט ברייטע, מיט נעלינקן בערדל
אף פעלדער פארשנייטע, בא רעלסן פארדרייטע האט איסי געשפאנט.
א טאג מיט א נאכט, און א טאג מיט א נאכט, און א טאג מיט א נאכט, אפן טאג אפן פערטן:
— ווער ביזטו?—איך בין א ריאזאנער און גיי קיין ריאזאן.

סע היטן די רעלסן פארשייטע בערקוטן, יונגען מיט ביקסן און שווערדן,
ביטערע יונגען, שיקערע יונגען, שאמרים געטרייע פון פייער אין לאנד.
—עי, דו, אינעם בענעד דעם גרויען; עי, דו, מיטן נעלינקן בערדל,
ווער ביזטו?—איך, ברידעדלעך, בין א ריאזאנער און גיי קיין ריאזאן.

מיד די בערקוטן, פארמאטערט. פון טעג און פון נעכט אויסגעריסטע,
פון באנדיטן און פון איפע, פון ווייַן און פון בליט און פון שאנד.
—עי, לייזיקער קעלעוו! באנדיט דו פארשטעלטער! ווער ביזטו?
—איך, ברידערלעך, בין א ריאזאנער און גיי מיר א היים קיין ריאזאן.

מיד די בערקוטן, פארמאטערט. אין דער נאכט אין איר מיטן
האט כעווירע בערקוטן, האט כעווירע באנדיטן געשטעלט צו דער וואנט,
הא בציירע בערקוטן צעביטן, צעשאסן האט כעווירע באנדיטן,
צעשאסן דעם איסי מיט פאנים מיט בלייכן פון שטאט פון ריאזאן.

ע. פינינבערג

איזי כאריק.

*

וועט א קוק טאן א מאמע אף זון, אף געקומענעם,
אף זון מיט באוואקסענע ברעמען
און אוינן פארבארגענע, פרומע
וועלן אייגענעם זון ניט דערקענען.

געווען איז דער זון אזא שטיפער,
ווי לאשעק וואס לויפט נאכן וואגן,
האט מיט יארן דער זון זיך געביטן —
וואס קאן שוין א מאמע אים זאגן...

וואס קאן שוין א מאמע איצט ענדערן —
איז איר שווער, טוט ווי צו באנעמען,
פאר וואס עפעס קוקט ער א פרעמדער,
מיט וואס איז אים נעענטער לענין.

יועט זי קוקן אף זון, אף געקומענעם,
אף זון מיט באוואקסענע ברעמען
און ביינקען, ווי מאכיקער ברונעם
נאך לעצטן אנטרונענעם עמער...

*

זאלן קוימנס ניט איפהערן פייערן
מיט אומרו פון שטורעם און בליי, —
דער ווייטאק איז שארפער און טייערער
פון ווייטאק אין אייגענעם לייב...

וואס באדייטן היינט אוינן פארטערטע
און טרויער, ווי פוך אף דער האנט,
פאר גרויסן און זיכערן שטערן,
וואס לינט היינט פארפרארן אין לאנד.

אהערצו פון טייגישע שנייען,
פון דערפער אין ווינטער פארלאזט
ציען זיך נייערס נאך נייערס
דורך קרעפטיקן רוסישן פראסט...

איזי כאריק.

ש׳ גאדינער.

איוואנגארד.

1.

מיר האבן זיך אויסגעזעצט אין וואלד, פארוויס—צווייען איבער איין קעסעלע—און געזופט דאס ברודיק=ברוינע, לעבלעכע געקעכץ פון פערדישע פערלגרויפן, געשוויגן און געווארט אף נאכט.

אלטער סאסנע=וואלד איז געשטאנען ראכוועסדיק צעווארפן און האט זיין גרינעם רוקן געפארבט אין גאלדענער שקיע.

טאג און וואלד האבן זיך געזעגנט.

רייסן זיך שוין מיט גוואלד פון די שפיצן סאסנע=נאדלען אראפ די לעצטע שטראלן און לויפן מיט יונגע טריט פארשווינדיקן טאג נאך און רייסן אים בא די פאלעס:

— נאך א רעגע, נאך א ווײלע....

ציען זיך צום קעסל אף רעדער, מיט אויסגעדארטן פערדל אין שפאן, אפגעשליסענע מעגטשן מיט קעמעלעך אין די שווארצע הענט :

— נאך א ביסעלע... נאך א טראפן...

גאר אז ס׳קומט די צייט איז אלץ דא אזוי אוגבעראכמאנעסדיק און פרעמד צו אונז. און לעצטע שטראלן פארשווינדן הינטער צעפלאמטע בערג, און קעסל אף רעדער מיט שקאפע און שמייסער לויפן זיי נאך—ניט פארשטעטיק: ניט פארזאמען פון וואלד ארויס איידער נאכט פאלט צו און מעקט אפ די שמאלע, אויסגעדרייטע וועגלעך,—לויפן זיי נאך און פארשווינדן שוין ביידע, און מיר בלייבן ווידער אליין, אינגאנצן אליין אין אזא ריזיקן וואלד, און עס ווערט שווער און שווערער גאך די שטילקייט פון אליין איבערגעלאזענעם וואלד צו פארטראגן. און ס׳ווערט אומעטיק=אומעטיק אין וואלד. אין טונקל=בלוי פארוויקלטן וואלד

אין וואלד, באנאכט, אליין איז וועלט—א בלויער בעכער ביזן ראנד אריבער מיט שווארצן פעך אנגעגאסן...

אין וואלד, באנאכט, האט שוין עמיצער אלע קראנען צעעפנט און צאפט און גיסט אף אונז דעם כווישעך יאמען גאנצע, אן אויפהער. און טאמער האבן מיר פארמאגט א לויטערן טראפן, א פינטל העלע ליכט, קעסעלעך מיט געקעכץ—איין קעסעלע אף צווייען—האט זיך עס אפגעריסן פון אונז און הינטער גליענדיקע האריזאנטן אוועקגעפלויגן. און אף אונזער מאזל איז געבליבן נאר געדיכטער, קלעפיקער כווישעך—דערשטיקט צו ווערן.

מיר האבן נאכט דאך אויפגענומען. אונזער נאכט איז זי זי לאקערט אונז אלעמען אויפצופרעסן—אונזער אייניציקע כאווערטע איז זי, אונז פארווארפענע, פארווארלאזטע, צעשטויבטע אין גרויסן וואלד אליין.

ווען מיר וואלטן נאר געוואוסט בא וועמען צו פרעגן, ווען מיר וואלטן נאר געוואוסט אין וועלכן הייל זיצט דער טרעפער. וואס קאן אונז זאגן ווער פון אונז די שפיל וועט געווינען, ווער פון אונז וועט וועמען דערשטיקן, ווער פון אונז וועט די שלאכט אויסשפילן. מיר, אדער די נאכט. ווען עס וואלט נאר אזא איינער זיך געפונען, וואס קאן אונז אין א שפיגעלע דעם מארגנדיקן טאג אונזערן ווייזן. וואלטן מיר אים גוט באלוינט. מיר וואלטן אין רייען זיך אויסגעשטעלט און פאר איין מאל אים אין גאנצן באצאלט—יעדן צענטן קאפ—און געגוג...

אונזער ליבסטע נאכט—מיט וועלכע קלאלעס זאלן מיר זי פארשעלטן?—לאמיר זיך פרואוון, לאמיר זיך א מעסט טאן, לאמיר שוין וויסן וועמען דארף נאך ערד פון אונזביידן, זאל זי אליין דעם אויסוואל מאכן—דיך—אדער אונז.

.2

מיר זיינען דאך גיט מער ווי שטויבעלעך אין א ריזיקן בארג.

מיר זיינען אלציינס איינע צו די אנדערע, אלציינס ווי צו זיך אליין.. מיר קאנען איינע די אנדערע אזוי גוט, אז מיר וויסן די גרוים און די פארב פון דער לויז בא א יעדן איינעם פון אונזערע בא א יעדן איינעם הינטער זיין פארשמאלצטעם קאלנער.

מיר קאענן זיך אויסגעצייכנט.

מיר קאנען מיט פארמאכטע אויגן טרעפן ווער עס וואשט זיין העמד איבער פייער.

בא אייך, בא די זאטע און צעשראקענע—וואו געמט מען האס אזוי פיל, וויפל עס קומט אייך—בא אייך, מענטשעלעך מיט גרויסע, קיילעבדיקע אויגן, ווי בא די מאוועס, מיט צוויי שנירעלעך איבער דער נאז בא א יעדערן פון אייעריקע—קלוימערשט באכמע-קגיימשן—בא אייך וואשט מען נאך וועש אין וואסער. און מיר וואשן זיי אין פייער. מיר לייגן פאנאנדער א שיימער פון טרוקענע צווייגן און האלטן הויך איבער אים, אף שטעקנס די פארלייזיקטע העמדער אונזערע. די קליינע בריעלעך, די גראע לייז דרייען זיך צעגויף אין בייגעלעך און קנאקן, קנאקן. און קנאקנדיק פאלן זיי אין פייער אריין און ווערן פארברענט, און די העמדער בלייבן ריין. אין גאנצן ריין. אזא ברודיק-שווארצע רייגקייט פון רויך און אנגעברענטס, נאר דאך ריין. אפילו די אייעלעך פון די קליינע ברואים ווערן פארברענט..

מיט פארמאכטע אויגן, בלויז מיטן געהער, נאכן קנאק דערקאנען מיר ווער עס וואשט זיין העמד.

מיר קאנען אויסגעצייכנט איינע די אנדערע. נאר מיר זיינען שרעקלעך אלציינס איינע צו די אנדערע, וואונדערלעך אלציינס צו זיך אליין.

וואס זשע זאלן מיר טאן אויב אזא איינער, אן עטעסער ברודער אונזערער פאלט אין מיטן דערינען אנידער און דרייט זיך צעגויף, ווי א לויז איבערן פייער און שניצט אויס א „פארוואס?", אזא העלן פראגע-צייכן אין לעצטן בליק פון אויגן וואס פארגלעזערן זיך?

וואס זאלן מיר אים ענטפערן, אז מיר וויסן אליין גארנים, אז מיר האבן זיך אויסגעלערנט דא נאר העמדער לייזיקע איבערן פייער וואשן?

וואס זשע זאלן מיר דען טאן, אז מיר זיינען אזוי שרעקלעך אלצאיינס, אזוי וואונדערלעך גלייכגילטיק איינע צו די אנדערע

אונטן—גריבער שווארצע, בלאטיקע, פאדערהייזער צום טהאם. אויבן—אין הימל נידעריקן, פינסטער-פארצויגענעם, ניט א לעוואנע א יונגע, נאר א כאלעף אזא ליכטיקער איבער אונזערע קעפ הענגט:

— פאריואס ?

.3

פארנאכט נאך, ווען גרעע שאטנס האבן נאר וואס—פארעטעריש, פון הינטן—טאג באפאלן און געריסן אים פון וואלד, פארנאכט נאך, ווען מיר אלע האבן אויסגעקוקט צום ווייסל-זייט—עפשער וועלן שטילע ווייסל-וואסערן ברייגנע אונז שיפן ליכטיקע מיט ענטפער קלארן אף אונזער „פארוואס ?", עפשער וועט אייזערנער בריק איבערן ווייסל אריבערגעווארפענער דעם געלויף פון צוג איבער אים אהער צו אונז מיט קלאנגען דערטראגן און דערציילן, אז עס קומט צופארן דער, וואס האט דעם שליסל אונז געבראכט, דעם שליסל אונזער שרעקלעכן ניטוויסן אפצושליסן—פארנאכט נאך, ווען מיר אלע האבן געגלויבט אין ביז היינט נאך ניט געשעענעם וואונדער פון טאג אז נאכט, שוין דאמאלסט, אין רעכטן העל פון צעוויקלטן טאג און נאכט געראנגל זיינען צו אונז אנגעלאפן מענטשן מיט בלישטשענדיקע אקסל פון פאלשן גאלד און האבן אפגעקליבן פון אונז די בעסטע, די געזונטסטע, אין רייען אונז אויסגעשטעלט, מיט גראב-אייזנס באוואפנט און איבערגעלאזן אזוי ביז נאכט וועט צופאלן.

שוין דאמאלסט האבן מיר געוואוסט: ס׳וועט טאג גארניט העלפן. טאג וועט מוזן שטארבן. ניט אף אפרוען א נאכט און ערד באפרוכפערן באגינען האט מען אונז אפגעקליבן, האט מען אונז מיט גראב-אייזנס באוואפנט. באגינען וועלן מיר מוזן די גראב-אייזנס צוגויפלייגן און פאר די ביקסן זיך נעמען. באנאכט וועלן מיר מוזן די ערד גראבן. ווי אויסגעלאסענע יונגען גאסן-מוידן, ניט אף באפרוכפערן זי, נאר אף לעסטערן, אף גיפט אין איר קערפער אריינפירן און פארסאמען זי וועלן מיר די ערד גראבן.

קאן דען עפעס ענדערן אויב גלייכגילט הערשט דא איינציק און אליין איבער אונז אלעמען ?

האבן מיר זיך אויסגעצויגן קופקעלעכוויים, ווי באזונדערע רינגעלעך פון א לאנגער, צעריסענער קייט. האבן מיר זיך אויסגעשטעלט איבער די שוץ-גראבנס אונזערע מיט די גראב-אייזנס אין די הענט, איבער אט די שוץ-גראבנס וואס ציען זיך ווי פארפוילטע אדערן פון שווארצן אין באלטישן יאם אריין און ווייטער, צוריק, ארום און ארום דער ערד און האבן אפגעצייכנט דעם רונג, דעם טליע-שלייף ארום איר האלז און האבן געגראבן טיפער און טיפער, אלץ נענטער צום פייערדיקן יאדער אירן...

וואס וואלט, א שטייגער, געווען, ווען מיר וואלטן אזוי, קעסיידער, דעם גראבן ארום דער ערד אלץ טיפער און טיפער געמאכט און דערנאך צעשפאלט זי אף צוויי העלפטן, ווי א נוס, און דעם פייערדיקן יאדער אירן אויפגעגעסן, דעם שיגאען אירן דערשלונגען ?

מיר זיינען אלע פון דער ערד. מיר ווייסן זי צו שאַנעווען. מיר גראַבן מיך נים ווייניקער און ניט מער. פונקט צו דער מאָס גראַבן מיר...

און עס וועט זיך שוין טרעפן אזוי אין א מיטן נאכט אמאל וועלן מיר צום פייערדיקן יאדער אירן זיך דערלאַנגען. ווי מיט היילּיק וואַסער זיך באַשפּריצן און אַ סאַך וועט עס גענעמען צו אונזער וואונדערלעכן אלציינס, איינע צו די אנדערע און צו זיך אליין און מיר וועלן דעם פייער אירן אין הויפנס שווארצע אונזערע אַריינלעגן און שפּאָרונקעלעד גאר צווישן פינגער לאזן—דעם וועג זיך באַלייכטן—און אוועק מיט איר באַגינען־ליכט זוכן...

4

עס האט הייגט באַ אונז פּאַרלאָפן אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע.

אף א ווייסן אדלערל איז הייגט צו אונז געקומען צופליען א טאג, א ליכ־טיקער, האט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונז, אין דער מיט פון א קופּקעלע אונזערער און האט צו אונז געשמייכלט.

אזא ליכטיקער רייטערל האט געבראַכט אף די פּלייצעס זיינע בסורעס אזעל־כע מאָדנע. ווי פון א מאַיסע־ביכל אַרויס:

— ט'איר געהערט ?

— ?

— ט'מען אייך דערציילט ?

— ? ?

— ווייסט איר גאָרניט ?

— וואָס ?

— וואָס ?

— וואָס ?

— ס'וועט שאַלעם זיין.

— שאַלעם ?

— שאַלעם ?

— שאַלעם. שאַלעם.

— טאַקע, אינדערעמעסן, שאַלעם ?

ווי קליינע קינדערלעך בעטן מיר זיך:

— טאַקע ?

— אינדערעמעסן ?

— שאַלעם ?

— נו, יאַ !

— מיטקען שרייבט מען פון דער היים.

— אזוי... מיטקען שרייבט מען...

זוכן מיר מיטקען צווישן אלע קופּקעלעך און אז מיר געפינען אים שלעפּ מיר אים צו זיך, ווי א טייערן גאַסט, ווי א ליבן אַנזאַגער און יעדער בעט זיך אין זיין שפּראַך:

— מיטקא

— מיטענקא

—מיטרי אפאנאסיעוו

— מיטעמשקע, ברודערל, לייען אונז אוים דיין געשפריטסעלע, וואס דו
האסט באקומען.

אזא פארפירערישער שווינדלער איז ער, אט דער העלער רייטערל ! איידער
מיר האבן נאך מיטקען געפונען איז ער שוין ניט געווארן אינעקגעפלויגן און
אפילע קיין טראפן ליכט נאך זיך ניט געלאזט. פינסטערער. נאך איז עס גע
ווארן... מיר זיינען שוין אזוי גוט געוואוינט געווען צו דער פינסטערניש איז ער
געקומען און האט אונז די אויגן אויפגעריסן מיט א בסורע, ווי פון א מאיסע-
ביכל ארוים, די אויגן אויפגעריסן, די אפלען צערייצט און גלייך ניט געווארן...
אזא'ן פארפירערישער שווינדלער !

.5

מיר האבן זיך פארקליבן אין א לאד, זיך אויסגעלייגט אף די בייכער אין א
קרייז, א פיצל אנגעצונדענעם ביילעוו-ליכטל אין מיטן אין שיטערלעכער בלאטע
ארייגעשטעקט—פאר אזעלכע ליכטיקע בסורעס האבן מיר שטענדיק בא זיך אין
פלייצע-זאק א פיצל ליכט—פון אויבן דעם כאלעל מיט לאפעטעס פארדעקט—
קיינער זאל אהער ניט קומען, קיינער זאל דערפון ניט וויסן. מיר זאלן אליין
מארגן, באגינען, די ליכטיקע בסורע איבער שויז-גראבנס צעטראגן—און קוים
זיך איינגעבעטן בא מיטקען, ער זאל זיין ברייוועלע אונז לייענען.

לייענט ער :

„... פון לויטער קלארן געזיכט דיינעם ביז דער שווארצער מאמע-ערד גריס
איך דיר ליבער מאן מיינער מיטרי אפאנאסיעוו. דיין האנט די הארעפאשנע קוש
איך אנצאליקע מאל און ווינטש הארצלעכע דיר און אלע דיינע טאטן אירע.
און נאך קאן איך מעלדן דיר מיטרי אפאנאסיעוו ליבער מאן מיינער אז מאלא-
ניעס איוואן האט מען געבראכט צופירן און ווי א האלץ-קלעצל אזוי זעט ער
אוים, אן הענט און אן פיס אן ארומגעהאקטער אין אלע זייטן איז ער און דער
קאפ איז בא אים אין די פלייצעס ארייגעקראכן צוליב וואס איז דאס בא אים
דער קאפ אין די פלייצעס ארייגעקראכן ? ווי מען וואלט אים מיט א האמער
ארייגעהאקט און קוקן קאן ער נאר אראפ ווי א כאזער דעם באלקן קאן ער
ניט זען. צוליב וואס איז דאס אזוי און מאלאניע האט געדארפט אף דער ערד
זיך אויסציען ער זאל זי קאנען זען און האט ניט געוואלט אים קושן ניט איר
איוואן איז עס זאגט זי און איז גלייך אנטלאפן אין וואסער זיך ארייגעווארפן
און איוואן האט גארניט פארשטאנען וואס עס קומט דא פאר און נאר געוואלט
אז מאלאניע זאל גלייך צוריק קומען און אים קושן און זיך ניט דערווארט אף איר
און גערעוועט ווי אן אקס נאך דער שכיטע און געבעטן מען זאל
אים פירן צוריק צו אייך אין איוואנגאראד ער האט דארט זאגט ער
די הענט מיט די פיס זיינע פארגעסן איז עס טאקע אן עמעס אז איוואן
האט בא אייך זיינע הענט מיט די פיס פארגעסן און ווי אזוי פארגעסט מען עס
הענט מיט פיס און וואס פאר א מאדנע וועלט איז עס בא אייך וואס מען נעמט
די הענט מיט פיס און וואס פאר א מאדנער איוואנגאראד איז עס בא אייך וואס

שוין דריי טאג ווי איוואן האלט אין איין ריידן פון היץ פון אים און נאך קאן איך דיר שרייבן אז בא אונז הערט זיך אז עס וועט באלד זיין שוין א נייע מילכאמע. מעריקע גייט אף אונז און שרייב מיר וואס הערט זיך עפעס בא אייך פון שא־לעם און ווען וועסטו שוין אהיים קומען אין קויכעס מיינע פאלן מיר אויסגע־ביינקט האב איז זיך שוין נאך דיר אין אן הענט אין מיט אן פיס קום שוין בעסער ניט מאלאגיע האט דעם וועג באוויזן אין אז מעריקע גייט אף אונז וועט דאס שוין ערשט זיין וועלט־איבערקערעניש און קויכעס מיינע פאלן מיר און נאך געריסט דיך און ביקט זיך נידעריק און קושט דיך היים אנ־צאליקע מאל דיין ווייב ארינא.

6.

ווער קאן זיך דען שוין אומקוקן איצט דערויף, ווי נאכט,—אונזער נאכט,— איז אזוי צערונען בא אונז צווישן די פינגער, איז אזוי אומבאשטראפט אנטרונען פון אונטער אונזערע לאפעטעס און אראפגעגליטשט זיך אין טהאם אריין?

ווער קאן זיך דען שוין אומקוקן איצט דערויף, ווי טאג, גרויער טאג, צי־טערדיקער טאג, טאג מיט פארהאנגען פון שווערע וואלקנס פארצווייגענער האט אלץ געוויסט, געוויסט דאס פארויכערטע ביסל לופט איבער דער ערד און ניט געקאנט ווייס מאכן זי און געבליבן שוין הענגען אזוי איבער אונזערע קעפ א גרויער און געדיכטער?

ווער קאן זיך דען שוין אומקוקן איצט דערויף, ווי פון הענט אונזערע זיינען לאפעטעס אויסגעפאלן, ווי אין הענט אונזערע האבן ביקסן זיך באוויזן?

נאך הייגט דארפן מיר מיט שפיז אף סוינע גיין. מיט שפיז אף סוינע און מיט בויך אף סוינעס שפיז.

נאר ווער קאן זיך דען אפילע דערויף אומקוקן? 1

מעריקע גייט אף אונז און וועלט־איבערקערעניש ווערט עס.

איוואנגאראד לאזט איבער בא זיך הענט און פיס.

צו וואס דארף איוואנגאראד הענט מיט פיס?

מיט קיינע סאמען שוין ניט אויסצוסאמען פון אונזערע לייבער, און טי־פער,—פון אונזערע הערצער—צוויי שטעמפלען:

— מעריקע.

— איוואנגאראד.

און ערשט איצט, אין געדיכטן, גרויען ליכט פון קורצאטעמדיקן טאג האט דאס מיטקע זיך דערמאנט א פרעג טאן בא אונז:

— וואס, צופרידן, שאלעם?

און זיך פארכאפט, ווי ער וואלט זיך עפעס דערמאנט:

— איוואנגאראד... צו אייך אין איוואנגאראד...

ס'איז דען אונזער איוואנגאראד?

און אנשטאט ענטפער א ווערטער־זאלפ אזא ארויסגעשמיסן:

— אין בויך...

— אין לעבער...

— אין די געדערים...

— אין מויל...

— אין גאט דיינעם איוואנגאראדישן אריין...

און פלוצלינג האט ער איינעם פון אונז, דודעק בעקער,—א אידישן סאלדאט, א ברייט־ביינערדיקן—פארן לאץ אנגעכאפט:

דודעק, ברודערל, זשידיוקעלע, ווילסט א סיגארעטל מאכארקע, א גו, גיב זיך א שטעל מיט מיר, א גו, ווער וועט בעסער אין איוואנגאראד' אריין טרעפן

אין צוויינע, מיטרי אפאנאסיעוו און דודעק בעקער זיינען שוין איבער אונ־זערע קעפ געשטאנען, הויכע, ברייט־ביינערדיקע, אין זייער גאנצן וואוקס האבן זיי זיך אפן ברוסטווער אויסגעשטעלט און געשאסן און געשאסן אין די קליינע, גרויע פינטעלעך אריין, וואס איז אנגעשטעקט אין דער ערד געווען העט וויט, טויזנט שפאן פאראויס, אנגעשטעקט געווען, ווי קרויט־קעפ, אף העלזער, ווי אף קאטשאנעס, געשאסן און מיטקע האט צו יעדן שאס צוגעציילט:

— אין בויך... איינס

— אין לעבער... איינס

— אין די געדערים... איינס

— אין מויל... איינס.

און פון רעכטס און פון לינקס האבן מיר שוין שפרינגען אנגעהויבן, אפן ברוסטווער זיך אויסגעשטעלט און א לאנגע קייט אזא באשאפן, א לעבעדיקע קייט, און געשאסן, און געשאסן, אלץ אפטער, אלץ פארביסענער, מיט הילכיקן געלעכטער, און מיטקע האט צוגעציילט:

— איינס און איינס

— איינס און איינס.

און פארפאלן איז געווארן אונזער ווילדער אלציינס איינע צו די אנדערע. אונזער שרעקלעכער אלצאיינס צו זיך אליין—מיטקע האט מיט דודעקן זיך געקושט

— אך, דו זשידיוקל, פלינקער טייוול דו, זעסטו?

— זעסט?

און עפעס האט אונז א שטויס געטאן, עפעס האט אונז פון דער ערד אפ־געריסן און מיר האבן זיך א ריר געטאן, אויסגעשפיגן דאס לעצטע ביסל אייטע און אוועק שיסנדיק און מיט שפיז אנגעשטעלטן, און אוועק מיט הילכיקן גע־לעכטער און גערעוועט:

— אף איוואנגאראד!

— אף מעריקע.

אורררררראאא!

און העכער פאר אלעמען האט געליארעמט מיטקע:

— אין מויל—איינס.

— אין לעבער—איינס.

— אין די געדערים—איינס.

— אין גאט איוואנגאראד דיינעם אריין.

בעשאס שלאכט, בעשאס אטאקע מיט שפיז אף סוינעס בויך און מיט בויך אף סוינעס שפיז—ווערט צייט אפגעשטעלט.

צייט—א געגארעריין אזא—בעשאס שלאכט שווינדלט אזוי פאר די אויג

אז דו מיינסט, אז זי האט זיך אפגעשטעלט, און שטייט אזוי אף איין אָרט, אז דו באקומסט א האַרץ־פּלאַץ איידער דו דערוואַרסט זיך א רעגעלע זאָל איבערגע־רוקט ווערן... צוויי שטעקעלעך—סימאנים—שטעקן נאר אין זיקארן: מיטקע און דודעק אפן ברוסוואר—איין שטעקעלע. דייטשע שוץ־גראבנס מיט ווארימע נאך קערפּערס אנגעוואָרפענע אין זיי, דודעק א צעלעבערטער — צוועלף וואונדן—שלעפּט א דייטשן קוילנוואַרפער און מיטקען אפן אקסל און וויל זיי ביידן אהער. אין די דייטשע שוץ־גראבנס אריין דערשלעפּן—א צווייט שטעקעלע. און צווישן ביידע שטעקעלעך—א רעגעלע צייט נאר, א רעגעלע צייט נאך, א רעגעלע... און עפּשער—א יאר, צען יאר—ניט אויסצומעסטן...

דודעק האט מיטקען ניט דערשלעפּט. דעם קוילנוואַרפער — יא. פון נאך וואס פאַרנומענע דייטשע שוץ־גראבנס האבן שוין אנדערע דודעקן צום איבער־בונד־פּונקט דערשלעפּט. דודעק בעקער האט זיך, ווי א פיש ארויסגעשלעפּטע אף דער יאבאשע אז כאוויירימס פּלייצעס מיט קאפּ צעביילטן געוואָרפן און מיט מיטקעס שפּראך און מיט שוים און בלוט אף ליפּן, מיט אויסגעהאַקטע ציין געפּרעסט:

— אין בויך — איינס!

— אין לעבער — איינס!

— אין גאַנץ איוואַנגאַראַד דיינעם אריין — איינס!

.7

און ווידער איז שוין טאג גרויער, טיף־הארבסטיקער אוועק, און ווידער שוין נעמען מיר אויף די נאכט.

טאג גרויער, טיף הארבסטיקער האט זיך צעלייגט איבערן דערפל—גוט איז דא, ניט קיין שאס, ניט קיין שוץ־גראבנס ניט צו זעען אף ווערסטן—יעדער שטיבעלע האט באקומען איר זעקעלע גרויען ליכט דורך די קליינע פאַרגרינטע שייבעלעך אריינגעשאַטענעם, יעדער שטיבעלע האט געהאַט א דיל מיט שטרוי אויסגעבעט. א האַרמאַשקע, א טאַש קאַרטן און שיקסעס פּול־ברוסטיקע מיטי גרינעם פּייערל אין די אויגן. און גוט איז געווען אונז א גאַנצן טאג די אויגן, ווי אף עסיק, אף די אפּגעריבענע מלאכים און דאַמען און גרויען ליכט אויסעפּ־און ביינאַכט, אף די בייסיקע אפן אויוונס צו לייבער קאַרענע, ווי ריב־אייזנס זיך טוליען...

נאר היינט איז טאג,—דער לעצטער טאג אונזערער געווען דא. היינט איז טאג גרויער, טיף־הארבסטיקער שוין ווידער מיט איוואַנגאַראַד געווען אנגעשטאָפּט:

— מיר גייען אף איוואַנגאַראַד!

היינט האט דער באוואַקסענער מיט רויטע האר, ווי מיט מעש־דראַט, דער ציבירער אנדראַן מיט אמאָל אזוי די קאַרטן־שפּיל איבערגעריסן און אויסגע־שריען:

— איוואַנגאַראַד!

— איוואַנס א שטאט.

און דערקלערט:

איוואַן האט דאס געבויט.

און גלייך אויפגעגעבן:

— לאמיר זוכן דעם איוואן.

איז שוין א שפיל אזא אין טאפּעניש און זוכעניש בא אונז אוועק — א שפּיל אזא אין שפּעטן האַרבסט-טאָג.

— לאמיר זוכן דעם איוואן.

לאמיר זוכן דעם איוואן און לאמיר אים דערשטיקן וועט מען בלייבן דא, אין דערפל. אין שטילע הייזלעך, באַטאָג די אויגן אויסעסן אף אפגעריבענע קאַרטן, באַנאַכט אף אפן אויוון צו הארטע לייבער זיך טוליען...

און ווידער שוין איז אונז פאַרפאַלן געוואָרן דער וואונדערלעכער אלצייגנס אייגנע צו די אַנדערע, און ווידער שוין איז געלעם געוואָרן דער שרעקלעכער אלצ-אייגנס צו זיך אליין:

מיר וועלן אף איוואַנגאַראַד ניט גיין!

מיר וועלן דעם איוואַן אויסזוכן און פרעגן בא אים:

נאָך וואָס האַסטו, איוואַן, א שטאָט אין פרעמדן לאַנד געבויט און נאָך זיך אַנגערופן?

און שלעכט איז עס געווען אין יענעם האַרבסט פאַרנאַכט די איוואַנעס: מיר האָבן זיי אַלע אפן מיטן שטיבל אַרויסגעשלעפּט, מיר האָבן זיי אַלע אפן דיל אוועקגעוואַלגערט, מיר האָבן זיי אַלע געקנאַטן:

— זאָג זיך אפּ פון דיין שטאָט!

נאָר עס אונז אַלעמען שווער געווען אף די הערצער, נאָר מיר האָבן שוין אַלע, אין אונזער בייזער צורייצטקייט געוואוסט און אַנדראַן האָט עס אויסגע-שריען:

— האַלט, בעוורע. ניט דער איוואַן איז שולדיק. ניט זיין שטאָט איז עס.

— ניט זיין.

— ניט זיין.

— און אויך ניט זיין.

— ניט די איוואַנעס ווייסן פון וואָס צו זאָגן.

און צעריבענע איוואַנעס האָבן פון דיל מיטן צעריבענעם שטרוי זיך אויפ-געהויבן. צעקנאַטענע איוואַנעס האָבן געקוקט מיט פולע אויגן, ווי קינדערלעך באַ-ליידיקטע — אַט-אַט ברעכן זיי אויס אין א געוויין — צעריבענע איוואַנעס האָבן דערמאַנט:

— מיטרי — קעניגרייך הימלישע אים — איז אין אַלץ שולדיק. ער האָט דער ערשטער איוואַנגאַראַד פון בריוול אויסגעלייענט.

צעריבענע איוואַנעס האָבן מיט פאַרביטערטע, געקלעמטע הערצער זיך גע-קלאָגט:

— ניט גיין — איז ניט גיין. מיר דערווידערן דען? אף קאַפּאַרעס דעם גאַנצן איוואַנגאַראַד.

און דאַ האָט מען זיך שוין דערמאַנט:

און דודעק בעקער וואו איז, דודעק?

— האָסטו געזען א זשידיוקל אזא — אין גאַנצער גרויס אפן ברוסטווער זיך אויסגעשטעלט מיט מיטרין און געשאָסן און געשאָלטן, און געשאָסן און געשאָלטן.

— א צעלעבערטער, א דייטשע מאשינקע געשלעפּט און מיטרין...
און דא האט דאס אנדראן דערקלערט:
— ער איז דער איוואן.
און דא האט שוין אנדראן דערציילט—א מייסטער אף מאיסעס וואונדער־לעכע דערציילן—אז פאראן א געהיימער בונד אזא פון אלע אידן פון דער גאנ־צער וועלט—קאהאל הייסט ער—א בונד אזא, וואס הערשט איבער קעניגן און גרייט זיך די מעמשאלע איבער דער גאנצער וועלט צו זיך אין די הענט פאר־כאפּן און דעם אנטיכריסט ברייננגען. און אט, דער דודעק, איז דאס איינער פון דעם קאהאל, און אט דער דודעק האט דאס אויסגעטראכט אז פאראן אין פרעמדן לאנד דא א שטאט אזא, איוואנגאראד, און אז אט דער דודעק האט גאר קיינמאל קיין קראץ אפן לייב ניט געקראגן, קיינמאל קיין דייטשע מאשינקעס ניט געשלעפּט, אז אט, דער דודעק פארמאגט די שווארצע קראפט פון פארשטע־לעניש און פארבלענדעניש און דאס האט ער זיך גאר פארשטעלט, ווי ער וואלט א צעלעבערטער געווען—ווארום צו וואס דארף א איד צוועלף לעבער אין לייב אריין פון דייטש באקומען, אז דאס איז איין אומע און איין שפּראך און איין גלויבן. יא. יא. איין גלויבן. ווארום דייטשע צלאמים זיינען דען צלאמים? א פארשטעלעניש און אוים.
א פארשטעלעניש און אוים.
איוואנגאראד איז אף דער וועלט ניטא. דודעק בעקער פארבלענט שוין ערגעץ־וואו אנדערע. נעכטן האט אים איינער פון צווייטן פאלק דערציילט: א אידל האט אליין א הארמאט גענומען געפאנגען, א דייטשן הארמאט. נו, איז דאס מעגלעך?
אנדראן, א הויכער אזא און א געלער, מיט א זילבערן אוירינגל אין אויער. מיט א קלייען־פּאנים שרייט אוים:
— ניטא קיין איוואנגאראד, א פארשטעלעניש און גאר!
און ליכטיק ווערט עם שוין אונז אין אלע ווינקעלעך:
—ניטא קיין איוואנגאראד.
— א פארשטעלעניש.
און אנדראן דערציילט:
— געווען א פארשטעלעניש אזא אמאל אויך. געווען אמאל א קעניגן אזא. קאטערינא, א הורן, האט זי מילכאמעס געפירט מיטן טאטער און מיטן טערק. האט מען גענדארפט אמאל א טייך אריבער, ווייל אפן צווייטן ברעג האט דער טאטער, ווי א גנידע אין די בערג זיך איינגעפרעסן און מע האט אים מיט קיין זאך פון דארט ניט געקאנט ארויסנארן, און א כאלערע האט זיך צווישן כאאיל פארשפרייט און שיר ביז פעטערבורג, ביז דער קעניגן, דער הורן ניט דערגאנגען. און אלע נאכט האט זיך די קעניגן מיט אן אנדערן אן אייצע געהאלטן, ווי אזוי דעם טייך אריבער,—קיין בריקן האט מען דאמאלסט נאך ניט געקאנט בויען— און זיין אייצע אויסגעהערט, און א נאכט מיט אים איבערגעשלאפן, און זיין אייצע אויסגעפּרואווט, און קיינעמס אייצע האט ניט געהאלפן. פלעגט זי אלע פאר־נאכט דעם נעכטיקן קעפּן און מיט אן אנדערן זיך אן אייצע האלטן אין איבער־שלאפן מיט אים און אף מארגן אים קעפּן, ווייל קיינעמס אייצע האט ניט גע־ווירקט.

— אט א הורן!

— אט א צוויג!

— פאר א נאכט איבערשלאפן—דעם קאפ.

און אנדראן איז מאסקים:

— פון צוויגן־לאנד. נאר הערט, וואס א אידל קאן אפטון. א אידל איז געקומען און האט זיך צו דער קעניגן דערשלאגן און זיין אייצע געבעטן אויס־הערן. האט די קעניגן, איידער נאך זי האט אויסגעהערט זיין אייצע אים געזאגט, אז בא איר איז א מינהג אזא, אז דער וואס גיט איר אן אייצע מוז מיט איר א נאכט איבערשלאפן, און, אידלאך,—ווי אידלאך—זי ווייס דאך—ער וועט שטארבן בא איר צווישן די הענט. א איד'ל קאן דען א נאכט מיט א קעניגן איבערשלאפן? האט זי אים דעריבער געזאגט: טראג זיך אפ, פון וואנען דו ביסט געקומען, און א זעקעלע גאלד נא דיר מיט אין וועג אריין דערפאר, וואס דו האסט קיין מורא נישט געהאט צו דער קעניגן מיט אן אייצע קומען. נאר דער אידל האט נישט אפ־געטראטן:

— קעניגן גרויסע—האט דער אידל אויסגערופן—פאר מיין אייצע ביז איך זיכער, מיין אייצע איז די איינציקע, וואס קאן דיר העלפן, און פאר איבער־שלאפן מיט דיר האב איך אויך קיין מורא נישט, ווייל אזא בראכע האבן מיר פון גאט—געבן קעניגן גוטע אייצעס און פאלגן, וואס זיי הייסן. און קוים אף א נאכט איבערשלאפן מיט דיר וועט שוין גאט צושיקן, און דעריבער הער אויס מיין אייצע: כאאיל האסטו, ווי שטערן אין הימל, כאאיל דיינע קאנען קיין בריקן נישט בויען, דעם טייך אבער דארפסטו אריבער, טא מאך פון כאאיל א בריק, פארהאטיע מיט זיי די טייך און זאלן די איבערגעבליבענע מאכנעס איבער זייערע רוקנס אריבער און אויסשפילן וועלן זיי די שלאכט, ווייל אזוי האט גאט באוויליגט.

און ווידער שוין קאנען מיר זיך נישט איינהאלטן:

— אך, זשידיוקל, טייוול פארשאלטענער, דו!

— האסטו געהערט? מיט מענטשן די טייך פארהאטיען.

נאר אנדראן שלאגט איבער:

—ווארט, ס'איז נאך נישט אינגאנצן.

— איז די אייצע, דעם אידלס, דער קעניגן טאקע שטארק געפעלן געווארן און זי האט גלייך באפוילן דאס צו טאן, נאר, ווען די קעניגן איז אוועק דעם בא־פעל אפגעבן, איז דער אידל נישט געווארן—א פארשטעלעניש געווען, האט ער זיך פאר א פליג פארשטעלט און דורכן קוימען ארויסגעפלויגן—און די קעניגן האט שיר נישט געפלאצט אין יענער נאכט און דאס גאנצע זיידענע בעטגעוואנט אף פיצלאך צעריסן און שיר נישט געפלאצט פון אנגסט, וואס אזא פייאיקער אידל האט נישט געוואלט מיט איר אף נאכט פארבלייבן. און דערנאכדעם האט זיך בא־קומען פון צווייטן ברעג טייך א יעדיע, אז מען איז דעם טייך טאקע אריבער. נאר נישט קיין טאטערן, נישט קיין טערקן האט מען דארט נישט געפונען און ווי אויס־שפירער דערציילן, זיינען זיי אלע גאר אף דער זייט טייך, פון וואנען מען איז נאר וואס געקומען, דעריבער ווארט מען אף דער קעניגנס באפעל, וואס צו טאן. און קעניגן איז די אייצע נאך אלץ געוועזן געפעלן, האט זי געהייסן די טייך ווי־דער אזוי צוריק אריבער. האט מען געפרעגט, ווי אזוי? דעם כאאיל פון וועלכ

מען האט דעם בריק געמאכט, האט די טייך צעשווינקט און צעטראגן,—האט זי געהייסן מיט פרישן כאאיל די טייך ווידעראמאל פארהאטיען, און אזוי, איז מען דריי מאל די טייך היין און צוריק אריבער, און ניט קיין טאטערן, ניט קיין טערקן אין ערגעץ ניט געפונען, און דאס אלץ איז א פארשטעלעניש געווען, א שטיקל פונעם „קאהאל״, און אט, איוואנגאראד, איז אויך א פארבלענדעניש און מע דארף זיצן אף אן ארט און זיך ניט רירן און ניט גיין אף די שווארצע שטיק:

— ניט גיין!

— ניט גיין!!

אזוי לייכט איז עס אפצושטימען צווישן זיך, אט אדא, אפן דיל מיט צערי בענעם שטרוי—אזוי לייכט, ווי די העמד פון זיך אראפוואַרפן, אפן שטעקן זי אנהענגען און איבערן שייטער די מיעסע ברואים פון איר אויסברענען.

— ניט גיין!

אזוי שווער ווערט עס אונז—ניט הערצר—שטיינר קלאפן בא אונז אין די ברוסטן—ווען פון אונטערן טיש, פון אפן אויוון, פון אונטערן באנק און פון בוידים קריכן אראפ צו אונז אונזעריקע מיטן ווידער אויסגעוואקסענעם יערקע לעבן אלציינגס איינע צו די אנדערע און צו זיך אליין, קריכן זיך צענויף פון אלע ווינקעלעך פון דעם דארף-שטיבל, קריכן זיך צענויף און רינגלען ארום אנדראנען און פארשליסן אים אין א פארמאכטן קרייז פון זייערע אייגענע, שווארצע לייבער און דערקלערן אים:

— זאגסט ליגן, אנדראן.

— אויסגעטראכטע מאיסעם דיינע.

— איוואנגאראד איז פאראן.

— אונטער טשערניגאוו.

— איך בין פון דארטן.

— אף פאדאליע.

— איך בין פון דארטן.

—אפן נארעוו.

— און אין פוילן-לאנד, אפן ווייסל, מיט האנט צו דערלאנגען פון אונז.

אזוי שווער ווערט עס אונז, און שווערער גאר, ווען אנדראן אפילע האט שוין ניט וואס צו זאגן און שפייט זיך אונטער די פיס און זוכט אן אויסוועג, ווי פון לעבעדיקן רינג זיך ארויסרייסן:

— אין בויך...

— אין מויל...

— אין די געדערים...

— אין איוואנגאראדישן גאט אין לעבער דיינעם אריין...

8.

ווער קאן זיך מיט אונז פארגלייכן אין קענען די ערד?

וויפל פון אייך ווייסן, אז ערד האט אויך א פאנים, א לעבעדיקן באוועגלעכ

פאַנים, וואָס ווייַנט און לאַכט מיט אַלע איבעריקע באַשעפענישן מיט פרייד און אומעט באַשיינקטע צוגלייך?

ווער נאָך, אויסער אונז, שפּירט נאָך אַזוי די ערד, באַגלייט איר טרייַ אַזוי אין איר פרייד און לייד?

נעכטן אוונט האָט ערד אין באַהעלטעניש מיט אונז געשפּילט.

נעכטן אוונט זיינען מיר זעקס שאַ גאַנג פון איוואַנגאַראַד, פון ווייַל געווען און געגלויבט אַנדראַנען, אַז איוואַנגאַראַד איז ניטאָ, אַז איוואַנגאַראַד איז פון בייזע קויכעס אויסגעטראַכט און מיט שפּיץ הערצער געפּילט, אַז איוואַנגאַראַד איז פאַראַן, אַז איוואַנגאַראַד ליגט באַ די שפּיצן פון אונזערע גראָבע פיס־פינ־גער—אַ טראָט טאָן—און מיר זיינען אין איוואַנגאַראַד.

נעכטן אוונט האָבן מיר געזעען, ווי ערד שמייכלט אונטערן טונקעלן שלייער פון נאַכט, שמייכלט איבער קינדער אירע בלינדע, וואָס ווייסן ניט, אַז אָט—אַ נאַכט און טאָג וועט נאָר אַדורך—און עס וואַרט שוין אויף זיי אין קאַלטן האַרבסטיקן באַגינען ווייַס־אָפּגרונט, און עס וואַרטן שוין אויף זיי וואַסער־מיידלעך גליטשיקע און נאַסע, מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מיט נאַקעטע אָרעמס אויפן קאַלטן דעק פון ווייַס־טייך.

נעכטן אוונט האָט ערד געשמייכלט און היינט באַנאַכט ווייַנט זי שוין מיט דיקע טרערן, מיט געדיכטן האַרבסט־רעגן אין דער נאַכט־פינסטערניש אַריין.

ווער נאָך, אויסער אונז, איז אַזוי נאָענט צו דער ערד?

וועמען נאָך פרייט אַזוי איר שטילער שמייכל און טוט באַנג אַזוי איר טיפער אומעט?

מיר האָבן פון פאַרנאַכט נאָך אַ באַפעל באַקומען:

— אום וואָס עס זאָל ניט גיין—די האַרמאַטן אַרויסשלעפּן.

מיר האָבן נאָך באַטאָג נאָך זיך דערוואוסט אַזוינס, וואָס איז שטומערהייט פון מויל צו מויל געגאַנגען פאַרשטיקטערהייט און מיר האָבן אַלע געציטערט פאַר אונזערע הענט און פיס און געטראַכט, אַז גוט איז שוין איצט מיטרין, וואָס ער איז אַ גאַנצער ערגעץ־וואו געבליבן ליגן און איז שוין געווים איצט אין גאַן־איידן—וואָס נאָך דען מיינט איר איז אונז געבליבן דאָ אין אונזער פאַרבלענ־דעניש, אויסער ליכטיקסטן, ווייטסטן שטערנדל פון זיסן שלאָף אין גאַן־איידן?—אַז גוט איז שוין איצט דודעקן, וואָס שלאָפט מעסלעסנוויים ערגעץ־וואו אין פּענזע אָדער טאַמבאָוו אויף אַ ווייסן בעטל און איז אַוועק פון דער צאַראַאַסדיקער ערד, און איז אַוועק פון אירע אייטער־וואונדן, וואָס שטינקען און בייסן אַזוי, און אַז שלעכט איז אונז צו זיין דאָ, און הערן דאָס, וואָס ווערט פון מויל צו מויל פאַרשטיקט איבערגעגעבן:

איוואַנגאַראַד איז אויסגעליידיקט ביזן דעק!

— דעם גאַנצן פּולווער אין ווייַל אַריין אויסגעשאָטן האָט דער היטער פון דער פעסטונג און צום סוינע אַוועק.

— בייבער בלויז מיט פערדישע פערלגרויפּן אַנגעשטאָפּטע זיינען געבליבן די פעסטונג צו באַשיצן...

פון בייבער אַ וואַנט, אַ צווייטע,—איז אַ באַפעל אַרויס,—אַרום ווענט פון איוואַנגאַראַד פעסטונג אויסבויען און פאַר קיין פאַל זי ניט אָפּגעבן.

און נאָך אַ באַפעל:

— אט די גייע זעכצן הארמאטן, וואס שטייען רעכטס־צו—פאר קיין פאל דעם סוינע ניט איבערלאזן און ארויספירן זיי. וועלן פאלן פערד—סאלדאטן איינ־שפאנען אין זיי און ארויספירן—אום וואס עס זאל ניט גיין.

ווער נאך דען, אויסער אונז, איז אזוי נאענט צו דער ערד ?

הײנט באנאכט האבן זומפיקע בלאטעס הינטער איוואנגאראד זיך געווארגן מיט זעכצן הארמאטן. שווערע גאוביצן האבן איבער די אקסן אין שיטערלעכן גע־מישעכץ געזונקען.

און מיר ?

מיר זיינען טריי, ווי שטענדיק געווען. מיר זיינען אלציינס ווי אלעמאל גע־ווען. אלצאיינס איינע צו די אנדערע און צו זיך אליין און געהארכזאם, ווי אקסן. צו דרייסיק, צו פערציק אין א הארמאט זיך איינגעשפאנט און געשלעפט דעם אייזערנעם ביסן פון דער ערדס זומפ ארויס. אין די בלאטעס ביז איבער די בייכער געזונקען און געשלעפט.

און אפן ברעג ווייסל נאר, ווען פון הינטן האבן אונז דייטשע בייטשן גע־טריבן און ניט געלאזט אין א זייט אוועק, ווען פון פארנט האבן מיט טויזנטער בלויע אויגעלעך, וואסער־מיידלעך צו אונז, פון ווייסל ארוים ארויסגעוואונקען און גערופן צו זיך, אין די נאסע, גליטשיקע שויסן אריין, האבן מיר א רעגעלע נאר באטראכט נאך וואוהין בעסער איז צו גיין, א ווײלע זיך געוואקלט נאר וואו גיכער איז דער סאף. און מיט א מאל, ווי אפגערעדט, אין טייך זיך א לאז געטאן. צו די וואסער־מיידלעך, צום ווייסל דעק, צום ליכטיקן ענד...

פאר ווענען ליכטיקער ענד אפן דעק פון ווייסל־טייך.

פאר ווענען שווערער ווײ פון שטעטל קליינעם, פון שטעטל אידישן, פון שטעטל אירינא—צוואנציק מינוט גאנג פון איוואנגאראד.

און פאר ווענען ניט דאס און ניט יענץ.

פאר אנדראנען—שוועל פון אידישן שטעטל—א האלז א שוצלאזער אזא פאר שארף פון זיין שווערד. פאר אנדראגנען—אויסגעדארטער איד אין זשופיצע אין לאנגער מיט גלאנציקע פייעס :

— דייטשער שפיאן.

אונזער פעסטונג איוואנגאראד די דייטשן פארקויפט.

באם טעלעפאן געכאפט.

פאר אנדראנען און פאר רייטער פון אוראלער ברעגן—מענטשן, ווי מיר, צו דער ערד נאענטע און פון דער ערד מיט געוואלד אפגעריסענע, גרייטע אין אלץ צו גלויבן — א שטעטל א אידיש מיט א ציכטיקן נאמען אזא — אירינא — א טראפן—די ברענענדיקע הערצער קילן, די בײנקשאפט צו דער ערד שטילן...

פאר ווענען וואס...

עס איז פאר יעדן דא, אף דער ערד, א טראפן פארמעגן פאראן—רײם עס ארוים בא איר און גיי דיר אין דיין ליכטיקער רו אריין.

פאר דודעקן—א ציכטיק אידיש שטיבל. א מיידל א גאלדענע. בלאנדלא־קנדיקע, בלוי־אויגיקע מיט א הארץ—א בלימעלע, וואס האט זיך אט ערשט, פון

דודעקס גראבן פינגער־ריר אנגעהויבן פאנאנדערבליען. פאר דודעקן — מיידל. טאטע־מאמע מיידלס, שוועסטערל, ברודערל, וועגט און דילן, טיש און בענק און דאס גאנצע קליינע ביסל גוטס, וואס א מענטש באדארף און וואס איז מיט אירן. מיט מיידלס אטעם באהויכט.

פאר דודעקן—אזויגס אין שטילן שטעטל אירינא.

נאר גליק—איבערגאנג פון ערגערן צום בעסערן—דויערט א רעגעלע נאר.

באדאשים איז דודעק געלעגן מיט אפענע לעבער אין לייב. באדאשים האט דודעק געוואַרט אף נייעם לעבן. און אט האבן זיך שוין אלע לעבער פארצויגן. און אט איז נייער לעבן דא און אט אנטלויפט שוין נייער לעבן צוריק...

יארן האט דודעק א באהאלטענע קאמייעלע הינטערן הארצן געטראגן—אויגן אזעלכע טרעפן, אז זיי זאלן, מיט א מאל, אן איבערטראכטעניש, טייערער פון אליץ ווערן...

און אט—הענגט דען ניט הינטערן באלקן פון ציכטיקער אידישער שטוב דער ערשטער בליק פון מיידל, וואס האט דודעקן, פרעמדן סאלדאט, ניט פרעגנדיק גאר ניט געשיינקט?

און אט — — — —

נייער לעבן אנטלויפט אזוי איילנדיק אוועק!

אט יאגן שוין איבערן שטעטל רייטער פון אוראלער ברעגן, אט ברעכן זיך שוין טירן, אט פאלט שוין—דורכן פענסטער זעט זיך עס—צו וואס האט מען באדארפט פונקט אין דער זייט א פענסטער אין ציכטיקן שטיבל?—אט פאלט שוין דאס אידל אין לאנגן לאפסערדאק מיט די גלאנציקע פייעס—דער שפיאן. אט דער, וואס האט איוואנגאראד די דייטשן פארקויפט, און אט רייסט זיך שוין דורך טיר און פענסטער אין אידישן שטיבל אריין א גאנצע סטאיע שווארצע קראען:

— דערשאסן!

— א כורבן!!

— אוראלער!!!

און אט לויפט נאר ארויס דאס מיידל, לויפט ארויס דרויסן, די לאדן פאר־האקן. לויפט ארויס מיט א בענקל אין האנט—לאדן זיינען הויך—און פון האלב פארמאכטן לאדן בליצט דודעקן אין די אויגן דער ליכטיקער פאל, ווי א שניט פון א כאלעם, דער ליכטיקער פאל אפן פלייצע פון מיידל, פון אייניצן און העלסטן כאלעם דודעקס, און אט איז שוין דודעק אין גאס:

— אנדראן!

— אנדראן

אזוי וועניק איז עס, א קליין אידישע שטעטעלע מיטן נאמען אירינא—א טראפעלע נאר פאר מענטשן פון ערד, פאר מענטשן אזעלכע, ווי מיר, פאר רייטער פון אוראלער ברעגן, א טראפעלע, דאס הארץ אפצוקילן.

וויפל דארף דען גדעויערן א פאר הונדערט אידישע הייזלעך כארעוו מאכן?

וויפל דארף דען געדויערן, דאס ביסל אידן, פון א שטעטעלע אזא צערייבן און צעטרעטן?

אף מארגן און אף איבערמארגן, אף איבעראכטאג און שפעטער, אין כארעווז שטעטעלע און ערגעץ אנדערש וואו, אין אונגארן, אין דייטשלאנד און אומעטום איז עס שוין נאך דודעקן נאכגעגאנגען און געדענקט האט ער:

— איוואנגאראד און דייטשער קוילנווארפער—א פארבלענדעניש, א בייזער כאלעם. מיטרי אפאנאסיעוו אפן אקסל, ליכטיקער פאל פון מיידל באם האלבפארמאכטן לאדן, פאל אפן פלייצע מיטן צעריסענעם קאפטל—דאס ערשטע און לעצטע מאל האט דודעק דאן מיידלס ליכטיקע ברוסט געזעען—מיטן פרישן וואונד, וואס טריפט נאך ביז היינט—אן עמעס. א ליכטיקער עמעס. ברידער פון דער ערד מיט גוואלד אפגעריסענע, ברידער, פארמאגן פיר שטעט איוואנגאראד און זאגן זיך אפ פון זיי אלע צוליב אים, צוליב דודעקן, ווייל ער פארמאגט קיין איין איוואנגאראד אויך ניט—אויך אן עמעס. אנדראן, וואס האט ניט געוואלט אף אים זיך אומקוקן—א פארבלענדעניש.

און גוט איז עס געווען דודעקן צו טראכטן, אז ווען ער וועט אהיים פון געפענגעניש קומען, וועט ער צום מיידל אפן קייווער אוועק און איר דערציילן:

—א וואונדערלעכן שטיין אזא, האט זי אים געשיינקט—א פאל א ליכטיקן אזא—מיט וועלכן ער גייט איצט איבער דער וועלט ארום און קלייבט אפ עמעסן פון פארבלענדענישן, און געדיינקט איר הייליקן נאמען, איר ליכטיק ארט אי: שטעטל מיטן ציכטיקן נאמען—אירינא—צוואנציק מינוט גאנג פון א פארבלענדעניש אזא, פון א פינסטערן כאלעם. פון א פעסטונג אפן ברעג פון ווייסל־טייך מיטן נאמען—איוואנגאראד.

ש. גאדינער.

מ. כאשטשעוואצקי.

דער שלייפער.

אינמיטן מארק־פלאץ וויטטיקן אנטקעגן טירן בלינדע פון פארהאקטן ראטהויז׳
אין ראד פון רייטערס בארוועסע, מיט בלוט שוין לאנג באפארבטע,
אן אלטער שלייפער שטייט — אן איינגעדרייטער זאקן —
און דרייט מיט צוגעוואוינטן פוס די ראד פון פלינקן שארפשטיין.

עס האבן רייטערס אים פון זיין באהעלטעניש ארויסגעפונען,
עס האבן רייטערס אים צום שארפשטיין צוגעשטעלט
און שטריינג און ווילד געוועזן איז רציכישער באפעל: —
— שטאל אן די שווערדן אונז. דיין לוין וועסטו באקומען.

ס׳איז סטרוק היינט דא אין שטאט. איין טאג אף רויב און יאנטעוו
פאר וויסטע טעג אין וואלד, פאר נעכט אין ווילדן וואגלי׳
פאר רו פון גרויסער שטאט, פאר פאן וואס האט געפאנט דא
אין נעכטיקן בייטאג, אף לעצטן פאנצער וואגן.

ס׳איז סטרוק היינט דא אין שטאט. און ס׳הוליעט ווילד די מאכנע,
און הייזער שטייען טויט, און טויערס נישט באוואכטע.
און ס׳גייט די ראד און פונקען רייסט פון שטאל פון בלויזן
און בייזע פונקען פליען פון אונטער הויכע שמויסן.

און שלייפער שלייפט, פון גרויער בארד א צופ א האר א לאנגע
און פרואווט געניט אף גרויער האר די שווערדן שארף,
מיט טונקלער האנט די שווערד דעם רייטער אפן פערד דערלאנגט ער,
און רייטער פון דער הויך א זידל־ווארט, ווי א מאטבייע,ווארפט.

אף גאסן וועלן וואלגערן זיך קעפ פון קערפערס אפגעטיילט
און וויקלען וועט זיך לעצטער מענטשן־הויך מיט שטויב פון אונטער פערדן־טלא
און רויט וועט פארבן בלוט די בלויז פון אויסגעשלייפטן שטאל,
פון שטאל, וואס שלייפער האט מיט שטיין פון ראסטן אפגעשיילט.

די זון פארגייט, ס׳האט שלייפער שוין די לעצטע שווערד געענדיקט.
— איצט לאז מיך, רייטער אפ. — איך לאז דיך אפ אף שטענדיק.
א פאך געטון א האנט. א בלענד געטון א שווערד.
א האנט. א שווערד. א קאפ. און בלוט אף ערד.

מ. כאשטשעוואצקי.

ש. ראסין.

דורך נאכט.

I

דורך נאכט האבן וועגענער אייזערנע
גערעדערט אף שטיין —
ס'האט עמיץ אוועקגיין געאיילט זיך,
עמיץ דארף קומען צוגיין...

האט אין מויערן שטאט זיך פארריגלט,
טיר און טויער און לאדן פארהאקט,
עמיץ האט שטיינער אף דעכער געשפיגן
פון א לעכערדיקן זאק.

דא און דארטן אף גאסן, אין פינסטערע ליקן,
ווארגט זיך טומל מיט פלאצן פון שויב.
הוליעמ' גרויל אף די פלעצער, א שיקערע,
הויבן הענט זיך אף זיג און אף רויב.

פלאצן-אוף ערגעץ קעלערן ווייניקע,
טאנצן פלעשער און פעסער מיט וויין:
ווערן גאסן נאך גאסן געפייניקט,
ווייסט שוין שאס ניט וואו אויס און וואו איין...

פינגער-ליכטישע טאפן פינסטער און עקבערן,
טרייסלט שרעק מיט די מויערשע ציין —
רעדערן אייזערנע וועגענער
דורך נאכט אפן שטיין.

II

קאן ניט פינסטער מער בלינדקייט פארטראגן
באם ראנד פון גאלדענעם ברעג;
כאפט זיך גרויל אן באם בארד פון די גלאקן
און וויינט אין די גאסן און וועקט.

בלוטיקט אויף שווארצער הימל אין סרייפעס.
בייטשן קוילן דער פינסטערניש לייב:
„— הוי ארויס! ווער אף טאג האט נאך קויכעס,
ווער פאר פינסטער האט פייער און בליי...

פלאנטערט שאָס זיך אין לויפן פון רעדער
און די שרעק זיך אין ווינקלען פארקלעפּט,
שפּאנען יונגען באלאדן, באלעדערט,
פלאקערט פּאָן אָף צעהיציקטע קעפּ...

III

לעצטע ראָד האָט מיט שטיינערנעם ראָג צוזעגנט.
(אָף קיינמאל ניט קערן צוריק.)
נאָר ס׳האָבן צענומענע וועגן
א שטאָלענעם אנזאָג אין נעגנט פארשטיקט.

האָט באגינען דעם אָטעם פארטייעט,
ליגט א שעפּס-שטיל אין בלייכן די שטאָט.
— מע וועט אין איר טראָגן הייגט רויטע לעווייעס
אָף ליכטיקע גאסן פון טאָג...

ש. ראָסין.

ד. כאראל.

*

פארביי אונזער שטוב האָט געצויגן א שליאך,
און גרעסער פון שטוב איז געוועזן דער דאָך,
פארנאכט ווען פון ווינקל פון טונקלען פליסט טפילע,
אין גארטן אָף שטענ מיינע טריט קוועלנד-שטילע...

כ׳האָב דאָן ניט געוואוסט — מיט האָרץ נאָר געטראָפן,
אז ניי איך מיט שיינקייט וואָס ווערט שוין אנשלאָפן,
אז טראָג איך אין בלוט מיינעם בלויקייט פון טאָגן,
און ווייס נאָך אליין ניט וואוהין כ׳וועל זי טראָגן...

ד. כאראל.

ז. אקסעלראד.

*

פאַרשאַרן מיין שוועסטער די האָר
און אַ שפּרונג, ווי אַ זאַנג נאָך אַ רעגן.
מיין שוועסטער — אַ קינד פון איר דאָר —
אַ פרייד אויף צעעפנטע וועגן...

איר קאָפּ מיט פאַרשנייעטע צונגן
נאָך רוסישן פעלד אוועק,
אויגן שוואַרצע און יונגע
זאָלן הייגנען אויף שאַרף פון שווערד...

האָט זי רוף פון צעשויבערטע ווינטן,
ווי קלונג אין נאַכט דערהערט.
זיינען טריט, ווי געצונדענע שינדלען,
אַרויף אויף רויש פון ערד...

און אונטער בלוי פון ווייטע שטערן
איז איר ליב דאָס באַטראַטענע אָרט.
אויף קיינמאָל צוריק זיך ניט קערן
האָט פאַרשאַרן מיין שוועסטער די האָר...

ז. אקסעלראד.

ש. האלקין.

*

א קאפ אן אנדערע באקרוינט דא מיינע אקסלען
און פוינלען ציטערן פון קוישן מיינע פיקן —
געווען א טרוים, א אלטער, א פאראקשנטער,
האט וואר ביז סאף אים היינט צעוויקלט...

און טרעפט א טאג א מאל א שווערער גלויבט זיך ניט
ווייס איך, אז איך גרייז —
דא זיינען הערצער דורכזיכטיק און זויבער,
ווי גרויסע שטיקער אויסגעהאקטער אייז...

ביז גרונט ביז לויטערן די טיף צובויערט
יעדער קאפ פון בלוטיקן טראפן —
וואויל איז דעם, וואס האט זיך פארמויערט
מיט אזא קריסטאלענם צוקאפן...

*

א שטאל א פינסטערע, א טיר א אפענע,
פון פינסטער ציען זיך ציגן זויבערע —
און איינם נאך איינם, און ווי פארשלאפן נאך
אין ברייטן הויף אין הויפנס קלויבן זיך —

און קלארע האנט מיט רוט מיט דינער
צו יעדער איינציקע געווענדטע...
— געדיינקט נאך ווער פון אייך דעם סימען,
וואס געטראגן האט א צענטע?..

און אלע ווייסן זיי און גרייט זיינען
אף ווייסן לייב א רויטן פאס טראגן —
זיך האבן ציגעלאך דערפרייט היינט
מיט ברייטן הויף, מיט מילדן פאסטוך...

און מיט איין קאל, און מיט איין ניגן
טראגן אלע מיר א ענטפער —
אלע זיינען מיר פארבליבן,
אלע זיינען מיר די צענטע...

ש. האלקין.

א. וועלעדניצקי.

I

פארנאכט, ווען ס'פארגייט די זון, און ס'ברענט —
פארנאכט איז שטענדיק עק וועלט —
וויגט זיך א שיפל אפן טיי
ארוף און אראפ —
זיצן אפן שיף נוטע לייט:
ווען זיי פארנאכט פארפירן אין אלדאס נוטס,
נאכט וויל זיי ברייננען אין ווייט.

אט אדא וועט זיך גיסן די גאנצע צייט
דאס נאלדענע וואסער אריבער דער ערד.

II

גייט טונקלער אוונט אין א גרינגן וועג
יעדער אוונט גייט נאך א נאכט —
א נאכט —
אף מיטן שליאך.

איז ווען עס א זאך
אפן הימל אויסבריקירט מיט שטערן,
איז ווען עס א זאך
אננעזעצט מיט שטיינער אפן גאס —
איז אין אוונט אפן הימל
דורכאוים א מיטן שליאך.

III

האבן מענשן פון זמאל נאך געזעען
אף בלאוו, אף דרויסנס,
מ'שטייט און מ'ווארט...

ווי האבן מענשן געקענט עס ניט זען,
וואס ס'זען איצט אלע:
ס'בלישטשען שטערן-קעפלעך, געשליפן פון ווינט
און פון לויטערן הארבסט,
איינער א שטערן וואשט דאס פאנים
אין שיסל בלאווער
פון צעלויכטענער נאכט...

א. וועלעדניצקי.

דאניעל מייעראוויטש.

פון א צייט

אזאַ

(קאפיטלען)

קאמע.

(ארייַנפיר).

שלעפט זיך הונדערט מייל א טייך, הויקערדיק, צעדרייט.
זיין ברייט־לייגג אין שטעט און דערפער ארייַנגעשנירט.
היט אים מאטאוויליבע—צווייקעפיקע.—קעפּ צו שטאט און דערפער פאריסן.

האט ווער א געגנט, מיט שטיינערנע פינגער א לייב צעקנאטן, א גראזיקע הויט פון פעלדער געשונדן.

מיט צעמענט־בעטאָן־געמיש הייאיקע דעכער פון הילצערנע הייזלעך פאר־שמירט.

ליגט מאטאוויליבע אין מיט און פון רעכטן זייט קאמע. באקוקט א געגנט. מיט קוימענס פירקאנטיקע פון בלעכענע קעפּ ארויסגעקראכענע—
ברענט איר אין געדערים. בראקעט זי א טייך אין פאנים:
אפּפאל־גלוט
אייזן־שטויב.
איז ווייגיק! — זעט קאמע:
זיצן רוסישע דערפער אף הייאיקע שוועלן פון שטיינערנע שטעט איינגע־בויגן, איינזיכגעטוליעט. זיצן, ווי אלטע בעטלערקעס אף טרעפּ פון הייליקע קלוי־סטערס, רייסן זיך, ווי הינט, איבער א הויפן ערד,—פעטן, געלזאמדיקן.
געדיינקט קאמע א נאכט.

פון
נאענט,
ווייט

מיט
מענטשן טראט.
בעהיימע ראווע.

א ווינט האט געטריבן, זיינען דערפער געטראטן צו קאמע:
קינד אף האנט,
ווייב אף האלדז.
בליפענדיק געטאנצט.
מיט הערצער שרעק,
הארמאשקע אין מיט—

א נאכט אף שיף געווארט.

א שוימער פון אכאנסק, צען מייל פון דער אוראלער שטאט געדיינקט:

20טן יולי 1914 יאר.

פיר טעג, נאך א טאג, ווי אף וועגט אין מערק, אף סלופעס בא וועגן, האבן רייטער רויטע פאפירן געקלעפט, אין מיט און פון אויבן, פון וועלכע א רוסישער קייסער האט אנגעשריבן—מ א ב י ל י ז א צ י ע.

פירט קאמע א רעבענונג. שוין זעקס הונדערט טעג. דערציילט:

א מאל אין טעג און יארן שוין לאנג פארגעסענע, איז קאמע פריי געווען.

ארויסגעשפריצט:

אף סטעפ

אף שטיינהארט,

אף אוראלער בערג.

און צאל און מאס—אזוי זיך.

אין וואסער טיף, בוימיקע שיפן מיט פער־בראנד פארשטייפטע געטראגן.

און מענטשן אין זיי—הויכוואוקסיקע,—

צורעס—ברוינבערגיקע,

אויגן—וואסערגלאנציקע,

הערצער—שוימיקע, ווי וואלגע־שוים ארויסגעשוימט...

אן אלטער טאטער האט קאמעס אנהויב געזען, דערציילט:

שטייען צוויי בערג—איבערגעבויגן,

ליימיקע קעפ—אנגערוקט.

אקסל צו אקסל—אנגעשפארט.

און איצט:

שטייען צוויי בערג זקיינים, איינגעהויקערט, אין דרייען געבויגן, היטן אן אנהויב פון א טייך קאמע...

זיינען פויערים צוריק פון צעשאסענע שטעט און דערפער געקומען, קאמע האט זיי אף געדונגענע פרעמדע שליטנס געבראכט —

דערציילן זיי:

אין מאסקווע, אין ווייסשטיינערנער, איז דא א פאבריק, הובעלט מען דארט—הענט, פיס:

הילצערנע,

גיפסענע,

ביינערנע,

טיילט זיי א שוועסטער פון רויטן קרייץ...—

א גענעראל—א ביינערנע,

א אפיצער—א גיפסענע,

א סאלדאט—א הילצערנע,

לויטן ראנג און לויט די פארדינסטן!

אזוי האט א רוסישער קייסער פארזאגט.

איז א קינדס בליק אין אוונט־טונקלקייט אף א געקומענעם טאטן געפאלן

און געזען: ווי ער שלעפט אראפ פון זיך א העמד. א ברייטע—גרינפארביקע, שפילעט אפ א אייזערנעם העקל פון א לעדערנעם שולטער.

בלייבט הייגגען אין טאטעס האנט—זיין צווייטע—א צווייפלעקערדיקע.

א האנט איז אין מיט פון עלנבויגן מיט גומי פארבונדן... ליגט דער טאטע איר צענויף געניט און קונציק אזוי—וויקלט איר אין לעדערנע בענדער, געקניפּלט צו הילצערנע פינגער—און בא ענד:

ווארפט א אוראלער פויער א הילצערנע האנט אין פלאמפּייער פון א רוסישן אויוון... אוראל אין אוראלט פארגליווערט. מ׳ברענט אף דיר העגט אין אנהויב פון נאכט!!

געקומענע.

שטערן=ווינקלען געקלאמערט אין שארבן=דעכער פון בלייכע דרייעקיקע צוי־רעם, מיט שרעק אין שווארצאפּלען צערונען. צורעס גערעמלט אין שעפסענע האר, פארדרייטע, צעדרייטע.

ווער זייט איר?

האבן אוראלער בערג ליימיק אנגעקוקט די געקומענע:

שווארציקע,

געליקע,

בערדיקע,

געגאלטע,

יונג,

אלט.

אף קאפּ א פארך=רינענדיקער מארך,

מיט קינדער בא הענט, אף הענט,

אין מיט

„ק א מ י ט ע ט"

פארטרעט:

געליטענע, געלאפענע, פאריאגטע, היימלאזע, גלאט=קארבאנעס.

ווער זייט איר?

איז א פראגע אין אויער פון שוימיקער קאמע געפאלן,

קאמע האט א וויסשוים קעפל פון וואסער=פאלדן ארויסגעקנייטש:

— דאס זיינען דאך אידן!

— אידן?

— ווי קומען אידן צו אוראלער בערג?

ניט מיין דייגע! — גערעכנט:

אלעמען שוין געטראגן.

קירגיזן.

זיריאנען.

טאטערן.

קאלמיקן.

פערמיקן.

רוסן.

איצט טראָג איך אידן.

אַזאַ צייט געקומען, אַז אידן דאַרפן שווימען אויף וואָלגע און קאַמע. אַ ענט־פער פאַרענדיקט:

אַ שרעקעדיקער פאָלק אידן, ציטערן פאַר וואַסער!

לייע.

לייע האָט איר אויסגעדאַרטן קערפּער צווישן פּעק שמאַטעס און געקומענע אידן אַרומגעוואָרפן. אַ מויל שוואַרץ־צעפּוילטע ציין בערג און טייך געוויזן. איר אַלטע טערקישע טוך איז איר אויף אַ בייניקן אַקסל געבליבן הייגגען, אויף ווינט אויז בערג געפלאַטערט. אידן היימישע, פון איין שטאָט מיט לייען אַנטלאָפענע, האָבן אויף איר צעטומלטן אַרומלויפן געקוקט, אַ נאַכט דערמאַנט. אַ נאַכט, ווי אַלע נעכט, נאָר פינסטערער.

פאַר וואָס איז אין דער נאַכט אַזוי פינסטער אין שטאָט?

צינדט קיינער קיין פייער פלעמלעך ניט.

וועבט זיך אַ פינסטערקייט אין גאַסן פאַרלאָזענע, קריכט זי דורך לאָדן־שפּאַלט און קומען־לעכער אין הייזער מיט שרעק אָנגעשטאָפּטע. באַלויכטן ניט פייער־שאַרפן פון לאָדן־שפּאַלטן אין נאַכט געשיקטע טריט פון לויפנדיקע זעלנער. פינסטער־נאַכט. פינסטער־נאַכט.—נאַכט האָט אַ שטאָט דערטרונקען.

זיינען אין דער דערטרונקענער שטאָט גליקלעכע געווען.—אין טיפע קעלערס פון שטיינערנע הייזער געלעבט.

האָט שרעק אַ הויף אייגוואוינער צו לייען אין קעלער צונויפגעטריבן.

זיצן מאַמעס מיט שלעפעריקע קינדער אויף הענט און קני, פירן אַ רעכענונג באַ שיין פון קליינע גאַזע לעמפּל.

אויב די באָמבע וועט פאַלן פון אויבן פון אַ דייטשישן צעפּעלין, וועט דער ערשטער אויפּריים זיין אויפן דאַך.

ווייטער:

פון בוידעם ביז קעלער דאַרף אַ באָמבע דורכרייסן פיר דעכער, וועלכע ליגן צווישן און טיילן פאַנאַנדער:

אַ פירטן גאָרן.

פון אַ דריטן.

אַ דריטן

פון אַ צווייטן,

אַ צווייטן

פון אַנ׳ערשטן.

אַ באָמבע, נאָכן רעכענונג פון אידישע ווייבער, מוז פּלאַצן אויפן וועג פון בוידעם צום קעלער, מעג מען זיין זיכער...

לייע איז פאַרמאַטערט אויף איר פּעקל שמאַטעס געבליבן זיצן. פון איר וואָ־לענער זאַק אַרויסגעוויקלט אַ רוסישע צייטונג, מיט אַ שרייעדיק קעפּל:

Зверство немцев!!!

קאַמע האָט אַ נייעס אין בלויע וואַסער־פאַלדן פאַרקנייטשט, אין גרוישוי־מיקע בערגלעך אים אַרומגעוויגט, אין קאַמע טיף דערטרונקען—אַ נייעס:

וועגן א צעפעליז, וועלכער האט אין איינער א נאכט אף דעכער פון א ליטווישער שטאט ארומגעהויזעט. מיט ליכטיקע פינגער פון א פראזשעקטאר א פלאנטער מויערן און גאסן באטאפט. א שטאב פון א רוסישער ארמיי געזוכט. געזוכט און גיט געפונען. א באמבע דורך פיר דעכער צו לייען אין קעלער געשאטן, אריינגעשאטן, צוריק דורך נאכט און וואלקן=כמארע צו דייטשישע פאזיציעס אוועק

אוראלער בערג האבן מיט א מאמעשער הארציקייט לייעם שווייגן אין לייטיקע שפאלטן פארנומען, מיט אומעט לייעם עלנטקייט און דערשלאגנקייט אנגעקוקט, מיט ווינט זיך אויסגעטיינעט וועגן צעפעלינען, הייגט דעם ערשטן מאל א נייעם געהערט:

א נייעם ניט קיין גוט...

מולקען איז דערעסן אפן ברעג טייך א קאמיטעט פון אוראלער שטאט ווארטן.

צונויפגעקליבן ארום זיך א כאפטע יאטעס, יונגיאריקע. מיט זיי באשטימט: גייען מיר אין שטאט.

גיך די פעקלעך אין הענט גענומען. פון געקומענע אידן און פון קאמעברעג אין שטאט אוועק.

די איבערגעבליבענע זייגען פויל צו פעקלעך געקראכן. פעקלעך צעבונדן. פון זיי וואטאווע קאלדרעס ארויסגעשלעפט. זייגען קאלדרעס בא געקומענע צעריסן. געפינטלט אין ווייסע וואטע=פינטלען, ווי פאקפלעקן אף צורעס. זיך און קינדער אין קאלדרעס געטוליעט.

א קעלט פון קאמע=נאסקייט, אין אויסגעדארטע לייבער פארנומען, מיט שלעפערקייט אף זון=פארגאנג און אוונט=טונקלקייט געקוקט.

געווארט: אף קאמיטעט און רייכע קרוווים.

אין א אוראלער שטאט.

זעען אוראלער הויכוואוקסיקע גוים, ווי אין טויער ווינקלען, אף גאניקעס פון קרעמלעך וועגן אידן ברויט, וואורשט, אף פון דערהיים געבראכטע וואגשאלן.

אפן שטאט=מארק האבן די געקומענע אף א שלעכטער רוסישער שפראך אלטע קליידער פארקויפט.

צווישן הילצערנע מארק=ביידלעך פארנאסע געלויערט. הויך אף אידיש זיך איינע די אנדערע געשאלטן און ווי אלטע טוישווים אפן גוישן שטאטמארק זיך געפילט.

וואלגערט זיך א שמועס צווישן גוישע הענדלער:

די געקומענע האנדלען ניט ערלעך —

ניע פא גאשעמו !

אין אידישער ביבליאטעק האט די פארוואלטונג א מעלדונג געלייענט:

— מיר פאדערן אידישע ביכער.

מאטיווירונג:

קיין רוסיש קענען מיר ניט, העברייאיש פארשטייען מיר ניט...

— גיט אונז אידישע ביכער !

איז אין א בלאַען צימער פון קאַזיאָנעם ראָוו א זיצונג געווען.
אנקעטעס האָבן דערציילט:
הונדערט קינדער:

<u>עלטער: פון 8 ביז 12</u>

שרייבן:
אידיש————15
רוסיש————4
העברייאיש———2
רעכענען—שוואַך.

אין א פרימאָרגן שאַ, ווען א טוי-רויך האָט בלויז זיך און דעם דערבייאיקן מענטשן באַוויזן—א טריט ווייטער—שטאָט און גאַסן אין א גראָען נעבל, האָבן זיך מויערן פון פאַרטאָגיקן דרעמל אויפגעכאַפּט. מיט א קאַלטן טוי זיך גלע-זערנע אויגן געריבן און דערזעען: אידישע קינדער האָבן דעם ווייסן שניי פון אוראַלער גאַסן געטראָטן. מיט קאָפּ און זייטן זיך אין שניי געקולעמט. אין שניי ווייסקייט און טוי-רויך אריינגעשריען—ווייטער זייער וועג צום שול געטראָטן.

איינגאַרנדיקע מויערן האָבן א געלעכטער אין פאַרשנייטע דעכער פאַרנומען. א קינדערש-הילכיקן.

זיינען טאָטערן נעבן א ווינקל פון א ענד-גאָס געבליבן שטיין. מיט פינ-גער אַף וואַנט און אָפּישע באַוויזן. באַוואונדערט זיך:

— אונזער שפּראַך, און קיינער פון אונז פאַרשטייט איר ניט!

זיינען צוויי מיידלעך אַף אַרבעט געלאָפן:

—באַסקע! באַסקע! — כאַסע די יעסוימע, דראַמאַטיש קרייזל שפּילט...

טאָטערן האָבן זייער טאָעם פאַרשטאַנען. גוטמוטיק אין שוואַרצע בערד אַריינגעלאַכט. זעק מיט לאַפּעטעס—אַף רוקנפּלאַך פאַרלייגט. פון וואַנט איז אָפּישע אַוועקגעשפּאַנט.

גאַיאָק

(א קאַפּיטל פון דאָרטן).

א טאַלמוד-טוירע—א היים.

— אומעטיק!

איז א נאַכט געקומען. שטאָקפינסטער. XII.

דרייען ווינטן צוועלף שאַ אין א הערבסטיקן כווישער.

דרייען, מיט רעגן און וואָלקן אַף גאַסן און הייזער.

שלאָפט א אידישע שטאָט פון מאַרק און טומל באַפרייט.

וואו ניט וואו אין איר עק האָט א גאָס זיך שיקער צעזונגען און געוואָרן פאַרשטומט.

מולקע האָט זיך אַף איינעם א פענסטער-בריקל פון טאַלמוד-טוירע מויער צונויפגעדרייט. קרומע אויגן מיט נאַכט שוואַרצקייט צעמישט.

געוואַרט—היינטיקע נאַכט לויפט ער צו גאַיאַקער גאַנאָווים. טריט.

האָבן גיכע טריט א פאַרגאָסענעם וועג צום מויער געטראָטן. הינטער

פענסטער גלאז און אויגן־גלאנץ געבליבן שטיין.

מולקע שטעלט באַרוויסע פיס אַף קאָפּ און שילטערן פון אַ געקומענעם יאָט.

שפּרינגט פלינק פון זיי אַף אויסגעווייקטע ערד. וואַרפט אַ לעצטן בליק אַף פיר יאָר לעבן, פאַרלעדנטע אין גראָע ווענט פון שטאַטישער טאַלמוד־טוירע. פאַרשווינט מיט אַ געקומענעם יאָט אַף שמאָלע געסלעך צו גאַיאַקער הייזלעך...

אין דריי יאָר אַרום.

שטייט אַ הויף. הייזלעך צוויי. אין עק פון גאַס. דאָרט, וואו גאַיאַקער פעל־דער באַגעגענען שטאָט.

אין איין הייזל פינסטער. באַ עלקען ליכטיק.

עלקע ציגאַן—האָט איין אויג אין רעכטן זייט פּאָנים. אַ פליכן קאָפּ. אַ געלע הויט מיט אַ פאַרוואַקסענעם שפּאַלט אַפן שמאָלן שטערן.

דער אָנפירער פון גאַיאַקער גאַנאַווים.

אַפן טיש וואַלגערן זיך דריי ליידיקע פלאַשן. אַפן וואַנט: אַ בלעכענע צדאָקע פּושקע. אַ „באַרעץ" פון צירק. מוישע מאָנטיפיאָרע. אַ נאַקעטע מויד אין רויטע הויזן העכער פון די קני.

שוין דריי יאָר ווי מולקע לעבט צווישן גאַיאַקער גאַנאַווים—די צווייטע האַנט פון עלקען. זיצן זיי ביידע באַ דריי אויסגעטרונקענע פלאַשן. מולקע האָט אין טאַלמוד־טוירע אויסגעלערנט שרייבן. פירט ער איצט מיט אַ פינגער איבער שוואַרצע טינט פלעקן.—ער'קלערט עלקען אַ נייעם פּלאַן:

אין גאַיאַקער בעסוירע גייען אַריין הונדערט בלאַטער אינאַיינעם מיט די קליינע זלאָבעס. לייגט פאָר מולקע צוטיילן זיי אַף פיר באַזונדערע באַפּטעס—וועלכע:

שלעפּן פון קעשענעס.
פון וועגענער און קראָמען,
פון בוידעמער און הייזער,
אַף וואָקזאַל און באַן.

עלקע האָט אָפּגעהאַקט: אַ פּלאַן פאַר נאַטאַנזאָן דעם פאַבריקאַנט. אַ גאַ־יאַקער בלאַטער שלעפּט, וואָס עס מאַכט זיך, ניט וואָס ער מעג שלעפּן נאָך זייַ פּאָך

און נאָך:

מיין אייצע, דו זאָלסט מיט טינט און פּאַפּיר ווייניקער שפּילן, אויב דיר איז טייער דיין קאָפּ און גאַיאַקער שפּראַך...

מולקע האָט גאָרנישט געענטפערט. פון עלקעס שטוב אַרויס. צו דער שטאָט אוועקגעשפּאַנט.

אין שטאָט לעבט זיין מאַמע—לייע די אַלמאָנע. זיין טאַטע איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דער טאַטע האָט אין בירברויז פלאַשן געוואַשן. צוועלף שאָ זיי גע־שווענקט. אַלע טאָג. אַ היים געקומען. ס'ברעכט דער רוקן. לייע מיט אַ הויפּן בראַנפן געריבן, ווי אין באָד מיט זייף איינגעריבן,—געפרעגט: בעסער?...

ער שווייגט.

מאָרגן פרי איז ער אַף דרערד געלעגן. קיינער איז צו דער אַרבעט ניט גע־

גאנגען. דעם טאטן אף א װענעלע פון שטוב אװעקגעפירט. אים, מולקען, אויך מיטגענומען. אפן בייסאװילעם האט דער עלטערער ברודער געשװיגן. קאדיש— נארישקייטן!

לייע האט אים די הענט געקושט: נאך א טאטן! דער ברודער איז פון בערגל זאמד אװעק. אן אלטער איד האט פארדרייטע װערטער געזאגט. ער האט נאכגעזאגט, װארט בא װארט. לייע האט אים אין קרומע אויגעלעך געקושט: מיין איינציקער קאדיש! אין שטוב האט מען דעם שפיגל פארהאנגען. א שפיגל איז אנ'אלטער מיט צװיי שפאלטן. זעט מען אין אים שטיקלעך צורע, װי צע־שניטן.

לייע איז געזעסן אף אנ'איבערגעקערטן קעסטל.

שכיינעס פלעגן אריין, שטייען בא דער טיר. שאקלען מיט די קעפ. צוריק שטיל ארויסגיין.

פון דאן אן רופט מען זיין מאמען—לייע די אלמאנע.

באם פענסטער שטייט א זאק־מאשין. אין שטוב איז אנגעװארפן זאקן. לאנגע, קורצע, דורכזיכטיקע, אלערלייפארביקע.

אין מאשין איז דא צװיי רייען נאדלען, שטאלענע מיט אויגלעך,—אויגלעך שארפע—פארמאכטע. כאפן זיי אריין א זאק, װארפן זיי איר אזוי לאנג, ביז זי װערט פארטיק.

לייע טרייבט א גאנצן טאג א אייזערנע האנט הין און צוריק. אז מ'קוקט אף איר א צייט פארשװינדלט אין קאפ. אויגן הערן אויף צו זען

עטקע ארבעט אין קנעפל־פאבריק. ער טראגט איר װארעמעס. זי נייט איין קנאפ צום צװייטן אף שװארץ־בלאנקעדיקן פאפיר. שטעלט זיי אויס אין רייען— װי זעלנער.

דער ברודער איז שטענדיק אין א פארטוך, װי א שוסטער.

ער שטייט בא א שמאלן טישל מיט א אייזערנעם קאם. דער קאם איז צו־געשלאגן צום טיש. ציינער פאריסן צו אויבן, גרייט צו בייסן. נאך צװעלף ארבעטן מיט זיין ברודער — זיי קעמען כאזער־האר. אין צימער שטייט א רויך פון שטויב.

ראכל איז שוין א גרויסע. זי האט א ביכל מיט בילדער. העפטן. זי גייט אלע אין דער פרי אין שול.

פרייטיק נאך װעטשערע רעדט זי אף רוסיש:

Вечер был, сверкали звезды.

לייע קוקט איר אין מויל אריין, פרייט זיך. א גרויסער קונץ!—ער קען שוין אויך אף אויסװייניק—...Вечер был

שאבעס קומען צו דער שװעסטער מיידלעך פון פאבריק. באכורים רויכערן. אים שטעלט מען אפן טיש—מולקע, זאג א רעדע!—ער נעמט פאנאנדער הענט און שרייט: כאװיירים... כאװערטעס... רעװאלװאויציע... פארפלאנטערט זיך אין רעװאלװאויציע... אלע פאטשן מיט די הענט. מ'גיט אים קאפיקעס.

באנאכט װערט פול די שטוב.

בא דער טיר שטייט עטקע, קוקט יעדערן אין צורע אריין. פרעגט אוים. לאזט דורך.

לייע זיצט אין בעט א בלייכע. דעם קאפ אנגעשפארט אין קישן. קוקט מיט דערשראקענע אויגן אף דער טיר. ציטערט אויף מיט יעדער ניי=אריינגעקומענעם. דעם טיש שלעפט מען פון מיט צימער צו דער וואנט. דער ברודער שטייט בא אים. אזא הויכער זיין ברודער, זיין קאפ שפארט אריין אין באלקן פון דאך. ער קלאפט מיט א פויסט אין אנגערויכערטער לופט, שרייט אריין אין פילקעפיקן אוילעם. זיין ארט פארנעמט א צווייטער. אים שיקט מען אין גאס. ער לויפט ארום פון איין ענד גאס צו א צווייטער. דערשמעקט ווי א הינטל פרעמדע טריט. לויפט צו עטקען, דערציילט. פון זייער פארקאן ברעכט מען ארוים צוויי ברעטער בא ביידע זייטן פון א נייעם טויער שטייען מיידלעך. לאזן אייגציקווייז דורך.

פריער גייען אוועק די, וועלכע האבן באם טיש געמאכט מיט די הענט,— גערעדט. זיין ברודער אויך...

לייע פארקערט אף דער גיך אויסגעזויגטע פאפיראסן=אפפאל. שלעפט צו=ריק דעם טיש פון וואנט אין מיט פון שטוב. באדעקט אים מיט א שאבעסדיקן טישטוך. עטקע עפנט א פענסטער=טירל. דרויסן רייסט זיך אריין דורך געעפנטן טירל, פרישט אוים דעם אנגערויכערטן צימער. אלץ אין שטוב ווי געווען...

לייע דרייט זיך איבערן שטוב. טוט אוים ראכקען, וועלכע איז אנגעטאנע=נערהייט איינגעשלאפן בא עטקען אין בעט. שלעפט זי א שלאפעדיקע צו זיך, וויל פארבינדן א געדאנק און קען ניט. רעדט פאר זיך :—

— אזעלכע יונגע קינדער, און פארמעסטן זיך אף אזא בער, א קייסער.

פלוצים כאפט זיך לייע, אז דער ברודער איז נאך ניטא. פארגעסט, וואס זי האט ווייטער געוואלט זאגן. עפנט די אינוווייניקסטע לאדן, קוקט דורך פאר=הויכטע שויבן אין נאכט שווארצקייט אין דרויסן. דרויסן קוקט אריין אין שטוב, מיט אן איינגעהאלטענער שטילקייט. דרויסן איז בלינד.

א טאג אין מיטן דער וואך. ניט יאמטעוו. קיינער גייט ניט צו דער ארבעט א טיר=סקריפ האט אלע ווילע אריינגעווארפן א פרעמדן אין שטוב.

איינער האט א פאק בלעטלעך באם ברודער גענומען. אף בלעטלעך אריינ=געקריצט א קעפל :

אלגעמיינער אידישער ארבעטער „בונד“,
פון רוסלאנד און פוילן.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!

געכאסמעט — צענטראל קאמיטעט.

א פרעמדער האט א פעקל בלעטלעך אונטערן מאנטל פארלייגט. דער ברודער האט נאכגעשריען :—מארגן אפן מארק—ווארפן ! ! בא נאכט—אף ווענט קלעפן !

פון עק גאס זיינען צום שטאט מארק געטראטן א קופקע ארבעטער. גע=קומען זיינען זיי פון באן=דעפא. שווער די ברוק=שטיינער אונטער זיך געטראטן.

ווי א גייער באַן דעם ערשטן מאָל אין וועג.

דער ווינט האָט געקנייטשט אַ שטיק רויטן קאַלענקאַר. אויף קאַלענקאַר— אַן אָנשריפט:

פאַריין פון באַן־אַרבעטער.

קרעמער האָבן ברייט גאַלאַנטעריי אויגן געריסן, פאַנאַנדערגעריסן, אַ גע־שריי:—

פאַרמאַכט די קראָמען!

ווער באַפעלט?

מיר!

„מיר" האָט אָפּגעקלונגען מיט אויסגעבראָכענע שויבן, מיט אַראָפּגעריסענע שילדן. קרעמער האָבן טיר און לאָדן פון קראָמען פאַרמאַכט. פאַרמאַכטע. געבליבן שטיין אין שפּאַלטן פון פאַרמאַכטע טירן.

פיר גאַסן זיינען אָפּגעגאַנגען מיט גייער, גייער אין מיטן מאַרק געבראַכט. זעגעכץ. פאַראַסטעטער אייזן. בלעכענע עמער. אויסגענוצטע אידן. אַלטע קליידער. פרישע מאַדאַמען. פיש! פרישע פיש! אימבערלעך! שלומפּער, אַוועק פון קערבל. גיט אַ קאָפּיקע אַנ'אָרימען אידי. אַ בלינדן. כאַווע, וואָס ווילסטו כאַווע... דאָס איז נעכטן געווען.

היינט קוקט דער אַלטער רייַ קראָמען. קוקט מיט זיין הונדערטיאָריקע אַלט־קייט. ניטאָ קיין מאַרק.

מאַרק איז צעריבן—אין טריט פון הונדערטער גייער.

מאַרק איז פאַרטויבט—אין קלאַנגען פון זינגער.

מאַרק איז צורינען.

דער אַלטער קלויסטער האָט פאַרטאָג געקלאַנגט: דער קייסער האָט אין פעטערבורג אַ מאַניפעסט געגעבן... וואָס קען איך דאָ טאָן...

קעסטל קאַרב איינס—צוויי,

אויף אויף

קעסטל קאַרב דריי—פיר.

פיר אָנגעשליידערטע בערג. איידעס פון אַ טאָג.

רעדנער אויף בערג אַרויסגעוואַקסן פון פאַנאַנדערגעזונגענעם מאַרק.

קאַזאַקן!

אַ מאַרק שרעק איז געלאָפן, געפאַלן, אַריבערגעשפּרונגען, מיטגעשלעפּט.

טיר און טויער פאַרשפּאַרט. פאַרקענער—איבער זיי. געבליבן היינגען אויף פאַרקענער, ווי שטיקלעך נאַסע גרעט. דורך טויער שפּאַלטן—נייגיריקייט קוקט.

אויפן מאַרק:—פיר רעדנער אויף הילצערנע בערג. פיר אויסגעשרייען—מיר שטייען ביזן סאָף.

עטקע איז שטיל, ווי נאָך אַ לעוואיע, אַריין אין שטוב. נאָך שטילער זיך אין בעט געלייגט..

לייע האָט וועגן ברודער פרעגן געוואָלט, מוירע געהאַט. אַ געדאַנק האָט אַ שטערן אין פאַלדן צעקנייטשט, אויגן אויסגעקערט.—אַזוי פיל געהאַרגעטע היינט פאַרביינגטראַגן...

דרויסן האט א צעשאסענעם טאג אין גאסן ארומגעשלעפט. א טאג אין עק שטאט פארשלעפט. פארוקט בא גאיאקער פעלדער.

קאזאקן האבן פון צייט צו צייט ארייגעשאסן א קויל אין נאכט.

עטקע פארט קיין אמעריקע.

שטייט ווארשע. ווייס ניט לייע וואו.—צאפן. דארעם. אהין איז דער ברודער אוועק.

בריוו שיקט ער זעלטן. עטקע האט נאך אים געקלאגט, ווי נאך א טויטן: אנארכיסט געווארן. אן א פארטיי. אן דער מאכט. אליין מיט באמבעס וויל א גייע וועלט..

עטקע האט געקוקט, ווי ס'צעפאלן זיך די רעשטלעך פון דער בונדישער ארגאניזאציע, פאר וועלכער א שטאט האט פריער געציטערט.

אין אמעריקע זיך געקליבן.

כאדאשים זייגען אין א קלעפיקן זומפ אריין. פאמעלעך געקראכן.

עטקע האט דאס פארן אפגעלייגט. וואך נאך וואך—ביז: דעם לעצטן כו־דעש איז א שיפסקארטע געבליבן לעבן. געמוזט אויסגיין.

פארטיי־טוער האבן בא מאכערס פרעמדע פאספארטן געקויפט.

אין זשענעווע, פאריז, בערן געפארן.

פארבליבענע כאוויירים האבן מיט געוועזענע כאווערטעס אין ליבע גע־שפילט. כאסענעס געשטעלט. קינדער געבארן.—ווי אלע אידן...

יונגערע האבן זיך די שלייפן דורכגעשאסן. צעטעלעך געלאזן:—אלע צע־טעלעך איין נוסעך:—איך גלויב אין גארניט! איך שטארב מיט דער באוועגונג...

לייע האט אלץ נייע קערב בייוול געבראכט. אין א שווייגעדיקער אקשאנעס בייוול אין דער מאשין ארומגעיאגט. אויג צו אויג געשטריקט. אויסגעשטריקט. קערב מיט זאקן צוריק פון שטוב אוועקגעשלעפט.

מיט אויגן, מיט פינגער אין די לעצטע טעג זיך איינגעגראבלט. טעג געהאלטן, ניט איינגעהאלטן. געלאפן, דערלאפן...

עטקע האט ליפן געביסן. פעק געבונדן. איינגעבונדן, פארטיק צום וואקזאל. ראבקען אין שטוב געלאזן—היט! מולקע איז נאך א פור געלאפן. געבראכט.

צוויי פעק אפן פאדער־בריקל באם פורמאן אוועקגעשטעלט. א קישן, אין א קאלדרע פארבונדן, בא לייען אף די קני. ער, מולקע, בא עטקען צום שויס געזעסן

רעדער פון א פור, ווייכע, גומענע, וויגן. ער, מולקע שוין א סאך מאל גע־פארן אף אזא פור. ניט אינעווייניק—פון דער אנדער זייט צווישן די רעדער זיך אנגעהאנגען. דער פורמאן מיט בייטש א שמיר איבער צורע, איבער די נאקעטע פיס.—א בלאע רייף. ווי געטאן. אין א שא שפעטער — ווידער זיך נאכגע־האנגען...

היינט פארט ער ווי א גרויסער, אינעווייניק...

דער טאג איז א זומערדיקער. זון מיט צוויי מיידלעך פון קנעפל פאבריק נאך דער פור נאכגעלאפן:—א גליקלעכע רייזע! פאר געזונט... שרייב...

היץ האט מענטשן פון גאסן צעטריבן. שטיינער אנגעברענט. געשטיקט.

א קרעמערקע, האט אף א גאניק א קראם געהיט. א גוידער אף זון גע־

ווארעמט. גלאט אין דער וועלט אריין אנגעפרעגט:—וואוהין, אין אמעריקע?

לייע האט געשאקלט מיטן קאפ. א קרעמערקע האט הויך אפגעגענעצט: אלע צעפארן זיי זיך, די טורקעס, די בונדאוועס...

צו ליבאווער באן פון שטאט דארף מען דורכפארן דעם ברוק, ארום דאמבע. פופציק קאפיקעס א פור. לייע האט אויסגערעכנט: מיטן טייך ביליגער זיין. פון פור אראפגעהויבן די פעקלעך. אפן ברעג געבליבן ווארטן.

א דאמפערל מיט נאמען „מערקוריא" האט הייזעריק געכריפעט. פון איין ברעג צום צווייטן געקראכן. אנ׳אלטער איד—דער קאפיטאן האט געשאלטן א אינגל, וואס האט קוילן אין א אייזערנעם אויוועלע געשאטן. אליין די ראד גע־האלטן אין דרייען, דאס דאמפערל הין און צוריק געטריבן. דאמפערל איז געווע, מיט ערשטער און צווייטער קלאס, מיט פאלובע, קאיוטע, אליץ, ווי אף אנ׳עמעסן...

איידער מולקע האט נאך געהאט צייט אריינצוקוקן, ווי א שארפע גאז צע־שנייט וואסער־גלאטקייט, האט א קוימען הייזעריק א כריפע געטאן, זיי מיט די פעקלעך אף א הילצערנעם בריקל געלאזן שטיין.

לייע האט א טאעם געהאט. א פור אף דער זייט טייך קאסט פערציק קא־פיקעס. איבער צען קאפיקעס פעקלעך ארויף און אראפ געשלעפט—ניט געלוינט...

אף דער פור האט לייע געערדט א סאך. אלץ וועגן זייטיקע זאכן. איין ווארט ניט דערמאנט אז אט, באלד, אין א שא ארום, פארט עטקע אוועק, לאזט זי אי־בער אליין מיט צוויי קליינע קינדער...

דער באן האט זיך ווי א קונצנמאכער איבער אנגעצויגענע שטריק געבויגן. אין א האלב רונד זיך אויסגעשלייגלט. פארשוואונדן.

לייע איז שווייגנדיק זיצן געבליבן. געזען, ווי א ווייס טיכעלע רייסט זיך פון א פענסטער־לאך, ציטערט אין צעיאגטער ווייטקייט. פון א זייט ערגעץ איז אנגע־קומען א באן, געקומען פאמעלעך, מיט א שווערן קרעכץ זיך דערשלעפט צום וואסער־פאמפ. שטייען געבליבן.

פאסאזשירן האבן זיך מיט פורמאנעס געדונגען. באדונגען. פון וואקזאל אוועקגעשמיסן.

א לעצטער פורמאן האט דערשראקן געזוכט א פאסאזשיר, ניט געפונען, צו לייען צוגעשטאנען:

— אידענע, וואס וועט איר דא אויסזיצן, אייער טאכטער וועט צוריק פון אמעריקע היינט ניט קומען...

לייע האט זיך פויל אויפגעשטעלט, מולקען געפונען בא רעדער פון מידע וואגאנעס, אין לעצטן פורמאנס וועגל זיך ארייגעזעצט...

מולקע איז אין וועגל ניט איינגעזעסן. דעם פערד געוואלט מיטן האנט אנ־טאפן. די הויט אפן פערד איז געווען אזוי אנגעצויגן, אז אים האט זיך געדוכט, זי פלאצט, און פערדס ביינער וועלן ארויסקריכן...

לייע איז אין מיטן הויף געבליבן שטיין. געקוקט, ווי אונטער פארשלינגט איר אלטע, הילצערנע שטוב, וואו זי האט עטקען געזויגן און אויסגעהאדעוועט. צי מולקען, ווי צו א גרויסן, זיך געווענדעט:

— איז שוין עטקע אויך ניטא... איך האב מוירע אין שטוב ארייגיין...

ראבקע וואס האט די גאנצע צייט די שטוב געהיט, האט זיי דורכן פענסטער

דערזען, אנטקעגן געלאפן, אז לייעם קליידל זיך אנגעכאפט. לייען אין שטוב מיטגעשלעפט.

צוריק אין שטאט צו די יאלדן.

דאס אלץ איז מיט יארן צוריק געווען, איידער ער, מולקע איז נאך אין טאלמוד-טוירע אנגעקומען... פון טאלמוד-טוירע אף גאיאק אנטלאפן.

איצט:

מולקע האט מיט נייגעריקייט באקוקט גאיאקער הייזלעך, ווי ער וואלט זיי צום ערשטן מאל דערזען. וואס נענטער ער איז געקומען צום שטאט, אלץ שארפער האט א געדאנק זיך אויסגעלייטערט. א געדאנק, אז גאנץ גאיאק, מיט זיינע האלב איינגעפאלענע הילצערנע הייזלעך, פינסטערע שאלקעס, קרומע געסלעך, עלקערס כאפטע — אלץ א גרויסער וואגן מיסט ארויסגעווארפן פון דער אויסגעבויטער שטאט

ער איז געבליבן שטיין בא איינעם א ווינקל פון א גאיאקער געסל.

אנטקעגן האט זיך אנגערוקט שטאט. אנגעקראכן מיט ברייטע אויסגעשטיינערטע גאסן. מיט הויך-אויסגעציגלטע מויערן. שילדן, עלעקטריע-פייערן, בולווארן, מערק. מולקע האט צוריק אף הינטן אויסגעקערעוועט. גאיאק האט אויסגעזען—א פארווארפן דערפל אף א ווייסרוסישן וועג. וואו ניט וואו אין א הייזל האט א גאזע לעמפל געשמילקעט. א שארף ליכט דורך א לאדן שפאלט ארויסגעשניטן. מולקע האט זיך דערמאנט, ווי מיט דריי יאר פריער איז ער מיט א פארכאפטן אטעם געלאפן. געלאפן פון גראע ווענט פון שטאטישער טאלמוד-טוירע, פון קלעפ און פון אומעטיקן געזאנג פון אלטן רעבן. איצט אנטלויפט ער אין מיטן נאכט פון גאיאק. צוריק אין שטאט. צו די יאלדן...

א פארדרוס פאר זיך, פאר גאיאק האט געדריקט. געוואלט צוריק אין גאיאק אומקערן. מיט נאכט א רעכענונג געמאכט. אין דער הויך:

עלקע איז א הורנשלעפער. שיקט שלעפן פון קעשענעס יאטן, וואס טויגן צום פייער—געשוואלענע הענט. שאפן א נייע כאפטע, באזונדער פון עלקען, ווערט קאסטן דער קאפ... ארבעטן אליין אן א כאפטע—זיכער פארשיטן זיך... ווייטער געשפאנט צום שטאט...

אפן גרעניץ צווישן גאיאק און שטאט איז געשטאנען פאדאליע. געשטאנען מיט רויטע, נידעריקע הייזלעך טיף איינגעגראבן אין דרערד. פענסטער ביז אויבן פארהאנגען מיט ווייסע פארהענגלעך. אף טירן פון נידעריקע הייזלעך רויטע לאמטערנס—געסט דעם וועג אין די הייזלעך געוויזן. פארופן.

פארנאכט זיצן אף גאניקעס פון פאדאליער הייזלעך מיידלעך. זיצן מיט שווערע באגאלדעטע רינגען אין אויערן. מיט אנגעשמירטע באקן. פיפקענען, מיט אויסגעזויגענע ליפן דינע פאפיראסלעך—ווארטן אף נאכט-קונדן.

איצט איז שוין שטעט.

פאדאליע האט זיך אין ברודיקע בעטן אין באזונדערע צימערלעך פארשפארט. געשלאפן...

מולקע האט אנגעקוקט באקאנטע הייזלעך, וואו ער מיט עלקעס כאפטע פלעגן נעכט הוליענען. זיך דערמאנט, ווי זיי האבן אנומעלט בא בייקע-טאנץ ארויסגעטריבן אלע שטאטישע יאלדן. דאס גאנצע הייזל מיט צוועלף מיידלעך.

בופעט, קלעזמער—אפגעקויפט. דריי טעג, דריי נעכט פון הייזל ניט ארויס. צו עגד זיך איבערגעטרונקען, מיט פלאשן איינער א צווייטן די קעפ צעקלאפט. צע־בלוטיקטע פון הייזל ארויסגעפאלן...

פאר אוראל.

ראכל איז שוין העכער א יאר ניט געגאנגען אין שול, געארבעט אין קנעפל־פאבריק אף עטקעס ארט. געווארט, אז עטקע וועט אנהויבן שיקן געלט פון אמע־ריקע, וועט זי דאן די פאבריק ווארפן—ווידער אין שול אנקומען.

דערווייל—פיר רובל א כוידעש א סטודענטל געצאלט. דריי מאל א וואך מיט אים רוסיש גערעדט. אבראמענקאס גראמאטיקע איינגעכאזערט.

לייע האט נאך זיין אוועקגיין אין ראכלען איינגעטיינעט:

— דו וואלסט בעסער די פיר רובל פארעסן—וועסט בעמיילע קיין דאק־טארקע ניט זיין.

צו ראכלען פלעגן שאבעס קומען כאווערטעס פון פראגימנאזיע, קומען אנגעטאן אין ברוינע קליידער, צעפלעך איבערגעווארפן איבערן שולטער אף געסטקעס פון שווארצע שירצן.

ראכל האט זיך פונקט אזא קלייד אויפגענייט—א ברוינע. צעפלעך פאר־ווארפן. מיט פראגימנאזיסטקעס ארומגעלאפן איבער נעווסקי פראספעקט—א ברייטע גאס מיט קראמען...

מיט ארבעטער פון פאבריק זיך ניט געכאווערט. פון שלאף געכאלעמט—שטודירן.

די פאבריק־מיידלעך האבן זי פיינט געהאט. גערופן: די נידאגעדאכט גימנא־זיסטקע

א בריוו איז געקומען ניט פון ווארשע—פון לאנדאן.

דער ברודער איז שוין דארטן געווען. לייען געשיקט א קוויטל אף דריי פונט. א בריוו—איך בין געזונט און מאך א לעבן.

לייע האט איינגעעם מיט א זאק א ווייטיק אויסגעשטריקט: ער איז געזונט און מאכט א לעבן. וואס א לעבן, ווי א לעבן—ניט דער מאמעס דייגע...

א צווייטע בריוו איז געווען אדרעסירט צו ראכלען. ראכל האט אין איר אויסגעלייענט:—איך געהער צו דער לאנדאנער אסאציאציע פון אנארכיסטן. אונטער דער אנפירונג פון פיאטר קראפאטקין. געלט, ליטעראטור וועל איך דיר שיקן. שאף קרייזלעך אין פאבריק. ארבעט און גלויב.

דיין ברודער און כאווער.

ראכל האט ניט געוואוסט ווער איז פיאטר קראפאטקין. אין וואס דארף זי גלויבן. קרייזלעך האט זי ארגאניזירט. ניט אין פאבריק—אפן קאפ. מיט אנ־געברענטן אייזן אלע טאג געדרייט אין קרייזלעך אירע האר. שאען לאנג אין שפיגל געקוקט. דעם ברודער א בריוו געענטפערט. אף רוסיש:

Дорогой брат не понимаю...

דער ברודער האט שוין מער צו איר קיין בריוו ניט געשריבן, זעלטן לייען עטלעכע פונט געשיקט. א בריוו: איך בין געזונט און מאך א לעבן...

לייע האט מיט לעצטע קויכעס ארומגעשלעפט די אייזערנע האנט פון זאק־מאשין. געפילט, ווי אויגן פון שטענדיקן יאגן זיך נאך בייווּל פארפלאנטערטער

אין שטאלענע פרוטקעס, הערן אויף צו זען. גלייך נאך עטקעס אוועקפארן פון אלטער הילצערנער שטוב אריבערגעפארן אין א טיפן קעלער.

מולקע פלעגט אהיים קומען זעלטן. א יאר צייט שוין בא א שטעפער קאמאשן געשטעפט. דערעסן. אין א מאנופאקטור קלייט אנגעקומען.—קעסטלער געפנט. שטיקער טוך פון איין גארן אפן צווייטן געשלעפט, פארשלעפט אין א פינסטערן ווינקל. דארטן מיט זייד זיך ארומגעוויקלט. אף זייד הויזן, רעקל פארצויגן. פון ווינקל אף מארק, פון מארק אף פאדאליע. א וואך געטרונקען, געלט פאר געגאנוועטן זייד פארהוליעט, צוריק אין שטאט געקומען. שוין אין דריי שניידערשע ווערקשטאטן געארבעט. אף א מאשין זיך אויסגעלערנט הויזן שטעפן. ארומגעגאנגען ליידיק. געטראכט:

— צו וואס נעמט מען זיך?

בא איינעם א יאט מיט וועלכן ער האט אינאיינעם אף א לאנגן הילצערנעם טיש געארבעט, זיך דערוואוסט:

ארבעטער האבן אנ׳ארגאניזאציע א באזונדערע. איבער גאנץ רוסלאנד א פארטיי—פארטיי האט אפגעקלונגען אן הילצערנעם שיינק-טישל.

מולקע האט, ווי א הונט, ווערטער געביסן, צוקייט, אראפגעשלונגען איין ביכל, א צווייטן—א מיטגליד געווארן. איינגעצאלט:

20 קאפיקעס—מיטגלידס אפצאל. 50 פרעסע פאנד.

אין א קרייזל אים פארשריבן. מאטל, א דארער באכער מיט לויפנדיקע אויגן האט פלעכאנאוון פאפוליאריזירט:—

פריער האט דער פארעץ געריסן, איצט רייסט דער פאבריקאנט. איר פארשטייט דעם היסטארישן פראצעס?

כעוורע שאקלען מיט די קעפ: מיר פארשטייען.

מאטל האט מולקען א ביכל געגעבן מיטן נאמען: אפן צווייטן טאג נאך דער סאציאלער רעוואלוציע. קארל קאוטסקי.

מולקע האט א וואך א ביכל געמאטערט. זיך פארמאטערט. ניט פארשטאנען.

אינאיינעם מיט מאטלען פאנאנדערגעקליבן אז: ארבעטער וועלן בא פאבריקאנטן צונעמען די פאבריקן—זיי אויסצאלן געלט—ביסלעכווייז בא זיי צונעמען געלט צוריק—זיי אויסצאלן פראצענט.—ביז: פאבריקאנטן וועלן פון זיך אליין אויסשטארבן—דעמאלט וועט זיין סאציאליזם!...

מולקע האט פאר זיך געטראכט: א פארשלעפטע קרייגק, אומעטיק, און וואס וועט ער דאן טאן.

בא טיר איז געשטאנען א נעפעש אין א שווארצער העמדל מיט א קוטאש פארגארטלט. כאווער, פאראל? מולקע האט וואס א ברום געטאן, איז צימער אריין. א קליין צימערל האט זיך געשטיקט מיט קעפ, רייד, רויך. מולקעס אריינגיין האט קיינער ניט באמערקט. א געשריי האט זיך געקייקלט פון קופע—צו קופקע. זיך אפגעריסן. ווידער אוועק. פלוצים איז א צימערל שטום געווארן. א רעדנער! בא א רעדנער ניטא קיין פאנים—שטערן האט זיך ארייגעקלאמערט מיט צוויי ווינקלען—ביז העלפט קאפ, זיך אויסגעלייגט אין לייג-און ברייט. פארנומען א האלבע דירע, אריינגעקוועטשט א פאר גרויסע אויגן פון ביידע זייטן פון א פלאכן נעזל. דער אוילעם האט אלע אויערן אנגעשארפט:

פון צ. ק.!

דער רעדנער האט מיט איין אטעם ארויסגעשפריצט א מאבל ווערטער. פון דער כוואליע מיטגעריסן געווארן. געשוואומען. א ווארט האט א צווייטן געיאגט. ביט דעריאגט, אריבערגעשפרונגען, א דריטן געכאפט, זאצן געבונדן,—לאנגע, אויס־געצויגענע, ווייסבייגעוודיקע, ווי ביילעוו־ליכט צעשמאלצענע.

ווערטער זיינען גערונען אף פארהויכטע שויבן, געגאסן אף נאסע ווענט,—אין מויכעס פון גרויסע קעפ מיט ברייטע שטערנס זיך אויסגעוועבט...

צוויי מיידלעך האבן א שוואכקייט אין די פיס דערפילט, געבליבן ליגן אף מולקען אנגעשפארט. ביידע האבן זיי געהאלטן אפן די מיילער, האלב פארמאכט די אויגן, ריטמיש צוגעשאקלט מיט די קעפ.

מולקע האט זיי, מיט זיין אוועקגיין פון זייער דרעמל אויפגעוועקט. פון צימערל ארויס. אין אויערן פון מולקען א פראזע געבליבן ליגן: די קאנצענ־טראציע פון קאפיטאל וועט ברייננגען צו פראלעטאריזאציע פון די מאסן, טרייבן אף עקספראפריאציע.—

מולקען איז געפעלן וואס אלע ווערטער ענדיקן זיך „אציע”.

מער אף קיין פארטראגן ניט געגאנגען. וואס האט ער דארט צו טאן?...

פון אויסגעהערטע רעדעס, פון אויסגעלייגטע ביכלעך בא מולקען א פלאן געבארן

אין קרייזל מאטלען ארויסגעזאגט:

ארבעטער דארפן שליסן בלאט מיט גאיאקער גנאווים. געבן קלעפ די שטאטישע יאלדן.

אבוץ מולקען זיינען אין קרייזל געווען:	סיווקי פון גריווקע, דאוויד פון בירברויז — צוויי מיידלעך פון קנעפל־פאבריק.

בעווארע האבן זיך אנגעכאפט: געבן קלעפ!

מאטל מיט די לויפעדיקע אויגן, ארומגעלאפן. דערוויזן,—פון שטאנד־פונקט, ארויסגייענדיק פון די פרינציפן און אזוי ווייטער... ניט געהאלפן. מולקע ווייסט: פאר דער אייגענער פעל האט יעדער מוירע. קלעפ—א מיטל פון קאמף.

אף מארגן האט מולקע באקומען א אויסצוג פון פראטאקאל, פון אים ארויס־געלייענט: באשלאסן אויסשליסן פון ארגאניזאציע.

מאטיווירט:

א אומבאוואוסטזיניקער מיט א לומפענפראלעטארישער פסיכאלאגיע. עט־לעבע מאל אנ׳אויסצוג פון א פראטאקאל איבערגעלייענט. געטראכט: פסיכא־לאגיע—א קאנספיראטיוו ווארט.

מאטל—א יאלד מיט די ביינער.

צוויי וואקזאלן האבן גאנצענע טעג סאלדאטן אין שטאט ארייגעטריבן.

פון ווייט האבן אפגעקלאפט, קלעפ פון קאנאנען, אפגעקלאפט שויב.

רייבע קרעמער האבן פעק שניט־סכוירע אין וואגאנען געפאקט, פון שטאט געלאפן.. אורעמע לייט האבן זייערע איבערגעלאזענע קראמען און דירעס פאר־גינען. באר קעצטע גלט פעקלעך פאפיראסן, ווייסע כאלע, פלעשלעך ביר געקויפט. געשעפטן געעפנט. אזוי איז געוואקסן קראם־צו־קראם. קראם־אף־קראם—א גאנצע שטאט אידן האנדלען מיט ווייסע כאלע און לייזע פאפיראסן...

סאלדאטן, פאר באקומענע פון זייערע ווייבער געלט, אין לאנגע רייען, אין פאדאליע געשטאנען.

אין פאדאליע א נייס—מיידלעך ארבעטן ניט פון כוידעש, ווי פריער, פון קאפ. א רובל א קאפ. פופציק פאר זיך—פופציק דער באלעבאסטע פון הייזל.

אף א נאכט פארדינגט זיך ניט קיינע—מילכאמע! — — — — —

אין מיטן מארק א ביינקל. אפן ביינקל דריי פינגערהויטן. אונטער פינגער=הויטן דריי שווארצע רעשלעך. באם ביינקל—מולקע שרייט:

Руб поставишь — два возьмешь!

Два поставишь — сто возьмешь!

ווער שפילט! !

ארום א ראד פון פויערים, סאלדאטן, אידן, אינגלעך. עלקע ציגאן קומט פון ראד ארויס, עלקע א פערעמדער, קיינמאל מולקען ניט געקענט, ניט געזען. שפילט, פארשפילט, א רובל צוויי, שטעלט א דריטן רובל. מולקע דרייט געשווינד די פינגערהויטן. ווארפט זיי רונד=ארום. הויך! אויפגעהויבן, אונטער א פינגער=הויט א שווארצער רעשל. געוואונען. מולקע ווערט אומעטיק. ציילט מיט א גע=מאכטן ערנסט הונדערט רובל פינפערלעך, צענערלעך, דרייערלעך, אלע גייענקע מיט א פארבן=גלאנץ. עלקע פארוקט הונדערט רובל אין א גרויסן לעדערנעם טייסטער. הינטער=ארום גיט ער זיי צוריק איבער מולקען, גייט געשווינד פון ביינקל אוועק.

בא סאלדאטן, אידן שטעכט אין די אויגן—הונדערט רובל געוואונען!

שלעפט איינער פון ראד ארויס א לייוונטענעם בייטל. נעמט פון אים ארויס א זילבערנעם רובל. שפייט אף אים ארויף. שפילט.

מולקע פירט פינגערהויטן הין=און=צוריק, א קליינשטעטלדיקער אידל ווערט צעטומלט פון פינגער=לויף, הויבט אויף א פינגערהויט—פוסט. דעם צווייטן רובל ווארפט ער אפן ביינקל מיט קאעס. א זילבער=רובל קלינגט אפ—פוסט, א דריטער—פוסט.

א קליינשטעטלדיקער אידל בלייבט שטייען—מיט אויסגעגלאצטע אויגן א פאנים צעקרימט אין קנייטשן. א ראד לאכט. מולקע שרייט ווידער אין מארק=טומל:

Руб поставишь! —

באנאכט פארטרינקט ער מיט עלקען דאס געוואונענע געלט. אזוי א גאנצע וואך. מיט עלקען זיך צעהארגעט. א כוץ דעם: דערעסן צעקרימטע פענימער פון פארשפילטע יאלדן. פון מארק אוועק...

בא לייען ניטא קיין זאכן. מיט לופטעס, אלטע העמדער, פאסן לייוונט, זיינען אלע פים פארוויקלט. קיינער טראגט איצט ניט קיין זאכן...

דער עמעסער אנהויב.

מולקע האט זאכן פון ווענט ארומגעקליבן. אין א פעקל געבונדן. אף דרערד האט זיך אליין נאך ארומגעוואלגערט א צעבראכענער שפיגל. שטיקלעך גלאז פון אויסגעבראכענע שויבן. דער שפיגל האט ארום זיך יארן=לאנגע שטויב געזאמלט. איז אנ'ארט אף וועלכן ער איז געהאנגען ריין פון שטויב געבליבן, געהאנגען איצט, ווי א ווייסער פירעקיקער בילד, געראמלט אין א גרוי=ברודיקן שטויב.

א דאך האט באנאכט א לאך געעפנט. א שטראל=ליכט דורך פיר דורכגע=בראכענע דעכער אין קעלער געשלעפט, דערשלעפט: איבערגעצייל עמט דאך=ליכט

מיט פענסטער־שיין. קעלט און דרויסן זייגען ארומגעקראכן אף לײדיקע ארומגע־פליקטע ווענט, געבליבן ליגן אף א בערגל אנגעווארפענע ציגל און זאמד.

נעכטן האט זיך א פאטאגראף א גאנצן פרימארגן דא ארומגעדרייט. דעם קעלער פון דרויסן און אינעווייניק געפאטאגראפירט—בא לייען יארן און א נאמען פון איר ראכלען אויסגעפרעגט.

היינט אין צייטונג—א שווארצער פלעק. א פלעק אין א רעמל אייגגעפאסט. אף א רעמל— א קעפל:

Зверство немцев.

קיינער האט די צייטונג ניט געלייענט. פון פארטאג אן זייגען לעצטע־פאר־בליבענע איינוואוינער פון שטאט געלאפן.

לייע האט א צייטונג אין זאק פארוקט. מיט מולקען מיט פעקלעך פון קעלער ארויס. מוירע געהאט קוקן אף הינטן, אף דער אפגעדעקטער מאשין, וועלכע איז אליין און איינזאם געבליבן שטיין אין צעבראכענעם קעלער...

העגדזשיקעס. *)

בא מולקען קריכן רויטע הענט מיט בלאע אדער־שנירלעך פון קורצע ארבל ארויס.

ער שלעפט איצט מיט זיי זעק מעל אפן ברעג קאמע. ער האט ליב א לאנגן זאק, וועלכער ציט זיך אוים איבער דער גאנצער פלאך פון זיין ברייטן רוקן.

ביז זעקם פוד נעמט ער אף דער פלייצע—מער וויל ער ניט.—אין דרערד מיטן קאפ—דער געזונט איז טייערער...

פארדינט דריי רובל א טאג—גענוג!

עסן—עסט ער איצט אין שיינק, וועלכע שטייט נעבן הילצערנעם בריקל מיט א נאמען: „מעטשטא“.

וואס „מעטשטא“ איז ווייסט ער ניט. אנומלט האט אים א יאלד, וועלכער האט א צווייפודיקן זעקל פון ארט ניט געקאנט הייבן—א גאנצע שא געשטאמלט:

„מעטשטא“—איז... איז... בייג...נקעניש... טרוי...מעגיש...

מולקען האט זיך פארוואלט, אט, דעם יאלד אנעמען פארן הינטן, פארלייגן אים אף דער פלייצע—און פון דארט א זעץ טאן אים מיטן קאפ אן שטיינער־הארט.

מולקען קומט אפט א שטארקער פארלאנג. כאפן א נעפעשל און א זעץ טאן אין שטיינער־הארט.

אין „מעטשטא“ עסט ער אלע טאג א פעטן קליינרוסישן קרויט מיט כאזער־שמאלץ. ער האט א ווייכע אכט־שפיציקע קעפקע,—לייגט ער זי אונטער אונטער זיין געלן קאפ—כאפט א דרעמל נאך ווארעמעס אין שיינק...

שפעטער שפאנט ער מיט רויטע הענט ארויסגעשטעקטע פון קורצע ארבל צום טייך.

אין טייך ליגט א לייווע, זי זעט אוים, ווי א דערטרונקענע קאץ, ארויסגע־שפיגענע צום ברעג.

אכאנסקער הענדזשיקעס האבן איר פון וואלאגדע אהער פארשלעפט. שוין

*) הענדזשיקעס — Бурлаки

א טאג ליגט זי דא. פאר זעקס רובל וועלן זיי זי לייזיק מאכן. זעקס זיינען זיי — דריי אידן. דריי—קריסטן. צוויי האבן שוין די ארבעט געווארפן. גיט אויסגע-האלטן. מולקע גייט דער צווייטער נאך גאוורילקען. נעכטן האט גאוורילקע פאר א גאנצן ברעג טרעגער געשריען: מולקע איז א יאט.—מ'קען מיט אים נעמען אן ארבעט!...

מיט פינף כאדאשים פריער איז מולקע אהער מיט א פארטיי געקומענע געקומען.

קיין ארבעט אין דער אוראלער שטאט ניטא.

לייען אין העקדעש פאר געקומענע געלאזן. אליין מיט א לייווע מעל איי ניזשני. אוועק. דארטן מיט א לאנגן פלאקן בעלקענער—איינעם צום צווייטן צע-נויפגעשלעפט.

ביז בויך אין וואסער געשטאנען, מיט דינע צווייגלעך—בעלקענער געבונדן. פליטן געפלאכטן.

גיט אליין. נאך דריי הענדזשיקעס מיט אים.

פון דינע ברעטלעך צוויי ביידלעך אף א פליט צענויפגעקלאפט. צוויי לאבן ווייסע כאלע איינגעקויפט.

פיר פלאשן—זויערן קוואס.

געטריקנטע—הערינג.

מאכארקע.

אין מיטן א זומער-טאג פון וואלגע ברעג זיך אפגעריסן, מיט פליט אין טייך אוועק.

רוקט מען אריין בארוועסע פיס אין שפאלט פון צוויי בעלקענער. הענט אן בויך דריקט מען ארויף אף א רודער פון אויסגעהובלטער ברעט. פיר זיינען זיי: מולקע. באציא. נעגאזשי. אגאפיא. מיט הענט, מיט בייבער—אפגעמאסטן. גלייך טונקען זיי פיר אויסגעהובלטע ברעטער. פארכאפן קלאפטער וואסער. טרייבן א פליט אף וואלגע שטראם.

שווימט א פליט אף שטיקער זון, אף בערגלעך וואלקן—דערטרונקענע אין טייך. היים. ברענען העמדער אף צורודערטע לייבער. ווארפט מען לעצטע העמדער פון זיך אראפ.—בלייבן הענדזשיקעס אין געלע לייוונטענע הייזן, בארוויסע פיס ארייגעשפארט אין שפאלטן פון בעלקענער.

קריכט זון אין קאפ, אין אויגן פארפלאנטערט זיך, אין האר אונטער א פאכווע:—רינט אוים מיט א הייסן שוויים איבער נאקעטע לייבער.

שלעפן זיי ארוים אויסגעהובלטע ברעטער פון וואסער-טיף אף פליט. שפריינגען אין וואסער מיט קעפ אראפ, ווי קעץ, וועלכע א ביידער-אינגל האט פון צווייטן גארן פאר עקן אראפגעשליידערט. א פליט שווימט אליין. הענדזשיקעס זיינען אונטערן וואסער. אגאפיא אויך. איין נעגאזשי בלייבט היטן דעם פליט.

קוקט מיט זיינע הוילע—אנבערעמענדיקע אויגן אין וואסער-טיף און זעט: זיין ווייב אגאפיא שטופט מיט אפגעברענטע פיס איר לייב, א לייב פון איין שטיק אויסגעגאסן. דראפעט קלאפטער וואסער מיט באהאלטענע הענט. גראבלט זיך פלינק צוריק אפן פליט. בינטלעך האר. טריפן קאלטע וואסער אף רונד-פליישיקע פלייצעס. טאנצן צוויי ברוסט-בערגלעך, ווי קינדער קעפלעך מיט מיילעכלעך גע-גרייט צו זויגן. דריקט זי אוים וואסער-טראפן פון האר הייגלעך. ווארפט אף

נאקעט־לייב א רויטע קלייד—א סאראדן, ווערט פון א קליד א רוקן—ברייטער. א בוזעם—העכער. ציט זיך אגאפיא אף פליט טריקענען... נעגאזשי האט מוירע צו איר נאענט צוגיין.

מולקע שפארט ווידער בארוויסע פיס צווישן צוויי בעלקענער. טרייסלט א געלע קאפ האר אף זון און ווינט—הירזשעט ווי א פערד: קאלט... קאלט...

באציא הויבט ניט געאיילק ארויף זיין גרויסן פאנאנדערגעשוואומענעם קערפער. ווישט אים מיט זיין בלאער אויבערהעמד. זיין בארד ניט געל ניט שווארץ—פארנעצטע זוואליק—צום האלז זיך צוגעקלעפט. קעמט ער זי מיט פינגער פון זיין האריקער האנט. פארקרימט א פאר שמאלע אויגעלעך צו וואלקן־כמארע און באשטימט זיכער—א רעגן.

זיכער : — א רעגן.

פארמאטערט זיך א רויטע זון מיט בלאע וואלקנס שפילן אין געיעג.

בלייבט זי ליגן אונטער זיי.

טרייבן הענגדזשיקעס א פליט צום ברעג. האמערן אריין צוויי פארשפיצטע בעלקענער אין ווייכן זאמד. קנעפלען שטריק צו ארייגגעהאמערטע בעלקענער. א פליט איז געבונדן צום ברעג זיכער.

נעגאזשי בלאזט פאנאנדער א פייער־פלאם.

כאפן ווינטן אפגעריסענע פונקען, דרייען זיי אין הויפנס זאמד, אין ליימיקע ברעג, פארלעשן זיי אין וואסער.

וואלגע לייב צוקודלט. שפייט מיט ווייסן שוים.

אגאפיא קאכט א געדיכטן קליי מיט הערינג, לויפט ער אריבער איבערן ברעג פון א בלעכענעם עמערל.

איין שיסל :

קריכט מען מיט הילצערנע לעפל. פיר מייללעכער שלינגען הייסן קליי מיט ווייסע כאלע, פארטרינקען א זויערן קוואס.

ניטא קיין רעגן.—א הימל לאכט. אוונט. לעצטע פאסן זון. וואלגע ברענט. זון איז געפאלן אין וואלגע, איר אנגעצונדן. נאכט.

גליען פונקען אויף אין ווייט און טיף פון טייך. אף פליטן איז פינסטער. שפריצן פונקען אלץ נעענטער צו פליטן. טרייסלט דורך נאכט א געוויש פון צע־שניטענעם וואסער. שרייען אייזערנע קוימענס פון פאנאנדערגעיאגטע דאמפערס אין איר שטילקייט אריין : הענגדזשיקעס א וועג !

פליטן ליגן אין מיט פון וואלגע,—ליגן אין גאנצער ברייט.

באציא איז דער עלטסטער אפן פליט. ער ווייסט—א גאז פון א אייזערנעם דאמפער קען אריינשניידן אין פליט. א פליט אף איינציקע בעלקענער צעררייסן. ברומט ער ארויס פון זיך א געשריי צו א שכייניש׳ן פליט אין נאכט כווישעד:

היי : האצאפע דריזשי דראהאלקע נא לעווא באק. קרוטשי !

שלייכן דורך אייזערנע דאמפערס דורך א נעמאכטן שפאלט פון צוויי פליטן.

טראגן דאמפערס אף זיך נעמען : „אוראל״, „קאמא״. ווער דארף זייערע נעמען ? הענדזשיקעס דערקענען א דאמפער נאכן געשריי פון קוימען.

מולקע שווימט די פערטע נאכט מיטן פליט.

באציא ליגט אין ביידל מיט אגאפיאן. נעגאזשי שווייגט.

וואס וועט ערריידן.—באציא, זיין אייגענער טאטע לעבט מיט זיין ווייב...

בא נעגאזשין הייננט די הינטערשטע ליפ אראפ. א נאז האט ער א רויטע. איינמאל אפגעפרארן—גייט זי שוין ניט אפ. אויגן זייגען בא אים נאקעטע, אן ברעמען.

גלאצט ער מיט זיי—אליץ אין איין פינטל...

מיט צוואנציק-צוויי יאר צוריק איז נעגאזשי אין אביידל אף איינעם א פליט געבארן געווארן. באגאכט. אין רעגן-גוס.

אין דריי כאדאשים ארום האט אים באציא פון ביידל ארויסגעשלעפט. באטראכט זיין גרויסן קאפ, וועלכער איז מיט א דין-העלדזל געווען געבונדן צו בייכל און צו קרומע פיסלעך. באציא האט אף אים א צייט געקוקט. באשטימט. «негожий».

מער האט באציא שוין אף אים ניט געקוקט.

נעגאזשי האט גאנצע צוויי יאר א מאמען אין ביידל געזויגן.

זיין קאפ איז געוואקסן גיכער ווי דער בויך. אכצן יאר אזוי.—א הענדזשיק אויסגעוואקסן אפן טייך. שלעפט לייוועס. שטופט פליטן. מיט באצען, מיט מאמען גלייך געשפאנט.

באציא האט אים פיינט געהאט, וואלט אים שוין לאנג רוק-און לענד אפ-געשלאגן. די ווייב ניט געלאזן, מער קיין קינדער ניט געהאט. נעגאזשי—בען יאכעד, פאר זיין ווייב האט באציא מוירע געהאט. געזונט געווען. אליין מייל-ווייט א פליט געקאנט טרייבן.

ווינטער ציען הענדזשיקעס פון ברעג אין דארף. קיין ערד ניטא. פלעכטן ווי לאפצעס, קערב אין גערונגענע פויערשע הייזלעך. טראגן זיי אין מארק פאר-קויפן

— —

אין איינעם א ווינטער איז נעגאזשים מאמע געשטארבן. פלוצים. נעגאזשי האט אין זעלבן ווינטער כאסענע געהאט. א כאסענע, ווי בא אלע פויערים אין דארף, מיט הארמאשקע, טענץ, בראנפן. א יונגע ווייב—אגאפיאן אף פליט צו זיך גענומען. דריי כאדאשים מיט איר אינאיינעם געשלאפן, ווארעם געווען—גוט.

אין א זומערטאג איז באציא אין שטאט געגאנגען. פון מארק געבראכט: א לאבן באלע. א צענדליק געטריקנטע הערינג. א נייעס—מילכאמע!

פון יענעם טאג אן טרייבט באציא נעגאזשין פון פליט. קנייפט אגאפיאן—זיין ווייב—אין האלדז און נידעריקער. פינטלט צו איר אין בוזעם אריין.

שטאט. א איינגארנדיקער רויט-געפארבטער מויער מיט א שילד:
„Присутствие“.

א לאנגער, אנגערויבערטער דורכגאנג. אין דורכגאנג: פויערים, יונגע, אלטע, מאמעס, ווייבער.

דריי טעג איז נעגאזשי דא אין דורכגאנג געשטאנען. אומעטיק געווארן. וואס וועט ער דא טאן? צוריק צום פליט אוועק. ניטא קיין פליט. באציא מיט אגאפיאן האבן דעם פליט שוין פארטריבן. א נאכט אף ברעג זיך ארומגעוואלגערט. קאלט. צוריק צום רויט-געפארבטן מויער אוועק. פאנאנדערגעפרעגט. מיט א הורדא פויערים אין צוויטן צימער אריין.

גרינע מישן. זילבערפינקלדיקע עפּאלעטן. ארײנגעשטעלטע צײנער. שפּארן. פּליבע קעפּ.

אויגן—אלע אויגן אין אים, אין נעגאזשין זיך אײנגעגעסן.

שיטן זיך פראגן :

א נאמען ?—נעגאזשי !

דעם טאטן ?—באציא !

פרעגט װער איבער :

דעם טאטן ?—באציא.

װאו געבארן ?—גלאטשט ער אוים א פּאר נאקעטע אויגן. קוקט מיט זײ אין װאנט. שװײגט.

װאו געבארן ?—װישט ער מיט אן ארבל פון זײן לײװנטענער העמד טראפּנס שװײס פון שטערן—שיסט אוים—אפן פּליט אין װאלגע !

לאכן פּליבע קעפּ מיט ארײנגעשטעלטע צײנער : א געניװער אדרעס. און אײנער פון זײ לאזט ארוים א רעזאלוציע :

— פארהאלטן.

קאמע, װאלגע—באלד צװײ יאר ניט געזען. מיט עשאלאן דעזערטירן אין א נײע שטאט הײנט געקומען.

שלעפּט ער זײנע בלאע־אנגעשװאלענע פיס אין געלע װיקל־שנורן פארװיקלט. קוקט מיט זײנע הוילע אויגן, אף מויערן, אװטאמאבילן. אידישע קרעמער אין אפענע טירן פון באקאלײ קרעמלעך.

נעגאזשין װאונדערט דאס ניט ! ער האט שוין א סאך שטעט אזוינע געזען. מיט אװטאמאבילן, הויבע, מויערן, אװטאמאמבילן. קלײטן. אידן. נעכטן האט נעגאזשי באקומען א היטל—א גרינע מיט א שװארצן בלאנקעדיקן דאשיק. אין דאשיק ארײנגעקוקט. זיך דערזען. װי אין קאמא־װאסער דעם גאנצן פּאנים דערזען. א קונץ !

מארגן דארף ער גײן אף א נײע קאמיסיע. ער געדײנקט שוין ניט, װיפל מאל מ׳האט אים אין די הוילע אנבערעמענדיקע אויגן געקוקט. געשװאלענע פיס געטאפּט. נאך אזא קאמיסיע ליגט מען אין א קאלאדאק. דארט גיט מען װײניק עסן. דערנאך טרײבט מען צוריק אין ראטע.

מארגן נאך דער קאמיסיע האט װער בא נעגאזשין דאס נײע היטל מיטן בלאנקעדיקן דאשיק צוגענומען, א פּאר לעדערנע שטיװל פון געשװאלענע פיס אראפּגעצויגן.

אנ׳אלטן שינעל מיט א ליטער ביז װאלאגדע געגעבן. אים נאכגעשריען :

— נעגאזשי — אויך א סאלדאט.

נעגאזשי איז געפארן צו װאלגע—א הײם...

אין װאלאגדע צום ברעג טײך געגאנגען. באציען מיט אגאפיען ניט געטראפן.

מיט א לײװע אין ניזשני אװעק. אין א מיטן זומער־טאג א הײן׳ געקומען.

ברעג: א געשרײ פון פּאלנדיקן אײזן. קנוילן רויך. דאמפּערס. טרעגער. הענדלער. הענדזשיקעס. מײדלעך. רויטע טיכלעך. זעלנער. עפּאלעטן. פרענץ. ברידזשי.

נעגאזשי האט אויגן ארייגגעשטעלט אין טומל. איבער לייוועס, זעק מעל, פליטן ארומגעקראכן. אין ־עדלעך העגדזשיקעס געזוכט; צו פאנאנדערגעלאזענע פלעמלעך־פייער געלאפן. א רויטער פלעק.—אגאפיא!

שפרינגט בא אים די הארץ ווי א פליט אף וואלגע־כוואליע. שווערע פיס לויפן אין אומפעט צו א רויטן פלעק. אין וואסער אף א פליט. אגאפיא! אגאפיא!!

אנ'אלטע הענדזשיקע קראצט פויל גראע האר אונטער א ווארעם טיכל. פארקרימט איר צעשרופענעם פאנים. געגעצט—מיט א גרוים פאנאנדערגערי־סיגעם מויל. שווימט ווייטער.

נעגאזשי בלייבט שטיין אין מיטן טייך. נימא אגאפיא—א טאעס.

דריי טעג אין טומל געלויערט. אין געררויש פון פארביישווימעדיקע פליטן געזוכט. נימא.

א היץ ברענט אין קאפ. טריקנט אין גומען. שנייט אין הונגעריקע געדערים.

נעגאזשי—א שטיק מידקייט, פארווארפן אין ברעג טומל.

אויגן—אויסגעקוקטע לעבער.

שלעפן העגדזשיקעס א לייווע פון אוראלער שטאט. פינקלען אויגן אויף מיט פרייד.—דערשלעפט, אט איז שוין ניזשני. באלד וועט זיין ווייסע באלע. שיינק. מולקע גייט אין מיט צווישן באציען און אגאפיען...

אגאפיא האט די ערשטע זיין גרויסן קאפ דערקענט. שטייען געבליבן. הענט האבן א שטריק אויפגעהערט שלעפן. ארויסגעפאלן. מיט שרעק אויסגע־שריען: ניעגאזשי!

די ערשטע נאכט איז נעגאזשי ארום באציעסביידל ארומגעקראכן. אין שפאלט צווישן צוויי ברעטלעך פארוואוגדערטע אויגן ארייגגעקוועטש.— דאס ביידל, ווי אן ארויסגעטריבענער הונט באשמעקט, אין ביידל ארייגגערופן: אגאפיא!... אגאפיא!...

באציא איז פון געלעגער אויפגעשטאנען. זיין גרויסן קערפער פון אגאפיאס רויטן סאראפאן אויסגעוויקלט. זיין נאדלדיקן שטעקן אף נעגאזשין אויפגעהויבן. פארביי נעגאזשין אין באלקן געקלאפט. ארויסגעקלאפט:—אגאפיא—מיין ווייב... אוועק, איך וועל שלאגן.

נעגאזשים אונטערשטע ליפ איז נידעריקער ווי אלע מאל געבליבן הייגגען. פון ווינקל פון זיין גרויסן מויל האט א ווייסער שוים ארויסגעשלאגן. זיין קאפ האט ער פון האלדז געריסן, אפרייסן געוואלט. פלוצים—זיין האלדז־נאקן צו בא־ציען אויסגעקערעוועט, גיך, ווי עמיצער וואלט אים נאכיאגן—צו מולקעס ביידל געשפרונגען. אין ביידל ניט ארייין. אף א באלקן באם ארייגגאנג געפאלן. זיין גרויסן קאפ אין הענט באהאלטן. זיך פאנאנדערגעוואיעט...

געוויינט הויך. אפגעריסן. מיטן גאנצן קערפער געכליפעט. פארשטומט גע־וואָרן. געזעסן—היילע אויגן אין נאכט פינסטעריקייט צעגאסן. זיך דערמאנט. ווידער געוואיעט. פון יענער נאכט אן שווייגט ער.

פיר טעג. פיר נעכט. וואס זאל ער ריידן. באציא, זיין אייגענער טאטע האט בא אים זיין ווייב צוגענומען...

זיצט ער איצט אפן ברעג פליט. מולקע נעבן אים.

מולקע ציט א גאיאקער לידל.

פארקריכט א גאיאקער לידל, וועגן א לעבן פון א בלאטן, צו נעגאזשין. א לידל א פרעמדס, א קלינגענדיקס, קלינג אפ ווייך, אויסגעווארעמט:

— באציא מיט אגאפיאן אין אייןביידל. שפרייזט ער דעם ווייפלטן מאל שוין צום ביידל, וואו באציא מיט אגאפיאן ליגן. רוקט אריין זיין קאפ אין שפאלט צווישן צוויי ברעטלעך, שרייט אויס: אגאפיא! א געשריי שלעפט זיך איבער בערג—הארט, אין קארן שפאלטן. שטארבט אפ אין טייך שטילקייט.

נעגאזשי שלעפט פויל צוריק זיינע בלא-אנגעשוואלענע פיס. קומט אף זיי צום ברעג פליט. קוקט אריין מיט זיינע אנבלעמענדיקע אויגן אין טייך-טיף... און שפאנט ווייטער אין וואסער-לויף...

נעגאזשי האט זיין קאפ נאך זיך נאכגעשלעפט.

אונטערן פליט פארשוואוגרן. אין וואלגע.

מולקע האט אין צוטומלטן וואסער געקוקט. נאך נעגאזשין געוואלט שפרינגען. געוואלט און ניט געשפרונגען:

ס'לוינט ניט!

אליין ניט וויסנדיק צו וואס, אין וואלגע א מויל שפייעכץ אריינגעשפיגן. פון ברעג פליט אוועק...

בלייבט שטיין מולקע בא באציעס ביידל, קוקט אין איר אריין.

אגאפיע האט איר גאנץ פליישיק לייב אין באציען איינגעוויקלט. פיר פיס געצוויילעמט און איינע אין צווייטע פארפלאכטן. באציע האט זיין אויסגעהאריקטע פאנים צו אגאפיאן אפן בוזעם געווארפן—א רויט-צעפרידענעם אים דארט ליגן געלאזן. כראפענען זיי ביידע ארוים פון זיך א לייב-מידקייט, א קערפער זאטקייט. מולקע האט אף צוויי דורכגעפלאכטענע קערפער געקוקט. פון ביידל אוועק—זיך פאנאנדערגעהירזשעט:

באלד וועלן זיי אויפשטייען...

שטיל צוויי בעלקענער פון ברעג פליט אפגעבונדן, זיי איבערגעבונדן, א קורץ ברעט אף רודערן אנגעגערייט. פון זיין ביידל א קליין פעקל מיט א האלבן ברויט געבראכט—אלץ פארטיק.

פאמעלעך, אזוי ווי ער וואלט זעק מעל אף קאמע-בערג שלעפן, דינע ריט-לעך מיט א מעסער געשניטן, צעשניטן, איין באלקן פון צווייטן פאנאנדערגע-טריבן

באציעס ביידל איז געווען געבויט אין דער מיט פון זעקס איבערגעפלאכ-טענע בעלקענער. איצט, ווען מולקע האט ריטלעך פון ביידע זייטן פליט פאנאנ-דערגעשניטן, בעלקענער צעשיידט, האבן דינע ווענטלעך פון א ביידל ניט געקענט איינהאלטן דעם וואסער-שטראם.—א ביידל האט דעם לעצטן זיפץ אין נאכט-כווישער, אין וואלגע-שוים אריינגעשריען. זיך צעריסן.

מולקע האט מיט זיין קורצער ברעט צוויי איבערגעפלאכטענע ברעטער צום ברעג געטריבן. פון ברעג געזען, ווי שטיקלעך פליט טוליען זיך איינס צום צווייטן. שווימען איינציקווייז און העפקערדיק אין ברייט-לייגג פון פאנאנדערגעווייטן טייך.

באציע מיט אגאפיאן זיינען געבליבן ליגן אף צוויי ניט גוט פאנאנדערגע-פלאכטענע בעלקענער. מיט פאנאנדערגעריסענע אויגן געזוכט א פאנאנדערגע-

טריבענעם פליט. וואלגע האט פוןביידע זייטן מיט וואסער־קודלעם ארויפגע־פאטשט, זיי אין א קאדאכעם היין און צוריק ארומגעווארפן. נאס געמאכט.

א געשריי „נעגאזשי" האט אפגעקלאפט אן בארג הארט. זיך אראפגעגליטשט. געבליבן ליגן אין וואסער־טיף.

מולקע איז צופים ביז א סטאנציע־ברוקל דערגאנגען. מיט א דאמפער אף מארגן אין דער אוראלער שטאט געקומען.

קאמע ווארפט אויפגעבלאזענע וואסער אין א הערבסטיקן טרייסל.
טעג זיינען גרא־פארוויינטע.
באנאכט הערט זיך א געשריי פון הענדזשיקעס אין פארקאלייעטן וואסער.

א לייווע בלייבט שטייען באם הילצערנעם בריקל. פופצן טריט ווייטער פון מולקעס לייווע ארבעטן געקומענע. זיי שלעפן דארט זאלץ פון אן אייזערנעם דאמפער. מולקע וועט מיט זיי ניט גיין ארבעטן—דארטן זיינען אלע געוועזענע יאלדן. ניט קיין טרעגער...

ווען צווישן זיי וועט זיך פאנאנדערפלאקערן א קריג, וועלן זיי קומען אים רופן.—מולקען פאלגט מען. זיי קענען אים פון גאיאק...

— —

לעצטע טעג שלעפט קאמע אף זיך לייוועס און פליטן פון ניזשני און וואלאגדע. באלד וועט זי בלייבן ליגן, ווי געפיינערט אונטער אן אייז הויט פאר־פרארן.

מולקע האט די לעצטע נאכט זיין קורץ־קעסטלדיקן קערפער אף זעק מעל צעווארפן. קרומע אויגן אין קאמע טיף דערטרונקען.

באשטימט: מארגן פרי גייט ער אין העקדעש צו זיין מאמען—לייען...

העקדעש פאר געקומענע.

וויגן זיך טויזנטער יארן איבער טויזנטער מייל.
דרעמלען וועלדער אין זיסקייט פון זויגן מיט מיילער צו ערד־בויך געבוגדן.
שטייען בוימער געדיכט און צוזאמענגעווארפן אין וואלד־טיפעניש. אין זיין געדיכטעניש
הייבן זיי —
— זייער אנהויב אין דארעם זייט פון אוראלער בערג.

— —

רייסט זיך ארויין א שטאט אין וואלד־שטילקייט, אין זיין רואיקן דרעמל.
רייסט זיך ארייַן מיט הייזער הילצערנע, ציגלענע, מיט מארק־טומל, מיט פאבריק־רויך.

פריער האבן געראוכערט קעפ פון וועלדער. קנוילן רויך צו זון געוויקלט—אף הונדערטער מיילן א הימל געצונדן.

איצט גייט א רויך פון רונד־געציגלטע קוימענס. גייט דין־גלייך, ווי קוילן פון ביקסן אין וואלקן געשיקטע.

האט איינער פון די רייך־געווארענע פויערים שטיבער אף מיט וועג פון שטאט און וועלדער געבויט, איינע אויסגעבויט, און די צווייטע ניט געענדיגט בויען.

אפן שטאט=מארק א קופערנער סאמאוואר איינגעקויפט. זעט א סאמאוואר אויס—רונדבייכיק, ווי דאס לייב פון א טראגעדיקער מיט צוויי קינדער אין בויך.

פארקויפט א פויער גלעזער טיי פארקעלטערטע פארבייפארער אין ווייס=שנייאיקע נעכט.

אין קאמיטעט פאר געקומענע איז א זיצונג געווען.

אפן טאג סיידער :	באשטימט :
1) דירע פראגע	פאר אלטע, קראנקע און גלאט ווער פון די געקומענע האבן ניט וואו צו זיין,—עפנט זיך א העקדעש.
א פארשלאג: עפענען א העקדעש.	געוואונשן — הינטערן שטאט.
	דורכפירן דעם דאזיקן באשלוס נעמט אף זיך מאדאם קאווארסקאיא.

אין דריי טעג נאך דער זיצונג האט מאדאם קאווארסקאיא ארומגעדרייט איר קאראקולענעם יאק איבער לאנגע צימערן פון א הילצערנע שטוב, און א באלעבאס האט איר אין אויער ארייגעשריען: גלייך ווי זי וואלט טויב געווען—ער וואלט די שטוב ניט פארדינגען. ניט לאנג זי אויסגעבויט.

צוויי זין האט ער געהאט—ביידע אוועקגעטריבן אין פוילן. אין יענעם לאנד פון וואנען זיי, די אידן, זיינען אנטלאפן. טרעפן נעכט—גאנצע וואכן קיינער פארפארט ניט. א ווינט נאר קלאפט אין פענסטער. מוירעדיק. ער וועט בעסער פארן אין דארף. אף א נייע שורע איז איצט אין הילצערנער שטוב פון אט דעם פויער א אידישער העקדעש פאר געקומענע.

ציען זיך טעג, דורך א ניי געקויפטן זייגער אויסגעמאסטן.

אבט גיט מען אנבייסן.

טשיי... טשיי... טשיי...

נאסטאסיעס שירץ איז אמאל ווייס געווען, איצט איז זיין קאליר ניט באשטימט. ניט ווייס—ניט שווארץ.—ביידע קאלירן אינאיינעם.

אף ברודיקע פיס טראגט זי מאנסבלשע שטיול. קלאפט זי מיט זיי צווישן הילצערנע בעטלעך, מיט שטרוי=זעק באדעקטע.

נאסטאסיא האט ליב אראפצושלעפן אן אויבער=צודעק נאך פון א שלאפעדיקן קערפער. שרייט: вставать приказано דערפילט א שלאפעדיקער א פרימארגן=קעלט. ציטערט ער אויף. ציט אן פויל אף זיך אויסגעטראגענע קליידער.

טשיי... טשיי... טשיי...

נאסטאסיא שפאנט שוין אין צווייטן צימער צווישן הילצערנע בעטלעך.

נעכאמקע עפנט מיט דרעמל נאך פארצויגענע אויגן. קוקט לאנגזאם אף דער קעגנאיבער=שטייענדיקע בעט. דערקענט זי ניט. נעכאמקע איז געוואוינט אלע טאג לייעס בעט געפינען איינגעדעקט אין א קרינאלינע—א בורדאע, מיט שפיצן בא ברעג ארבל און קראגן.

היינט ליגט לייע אונטער א בלא=געשטעפטער קאלדרע. פון וואנען איז בא איר א נייע קאלדרע? — זיך דערמאנט.

נעכטן איז מאדאם קאווארסקאיא דא געווען. פארזאגט עסטערן: ווער פון זיי ס'נעצט זיך ניט, גיט א נייע קאלדרע.

און נאך: היינט וועט מען געבן ווייסע כאלע מיט מילך א פולע גלאז. נעכאמקע האט צוואנציק זיבן יאר. מיט גראבע פיס און רויטע באקן.

איר מאן איז שוין געהארגעט אין מעמל, אזא שטאט אין דייטשלאנד. זי האט א בריוו פון זיין ראטע באקומען.

די מאדאם קאווארסקאיא האט פאר איר מוירע. זי שילט מיט טויטע קלא-לעס און קען אויסרייסן די האר פון קאפ.

אין דער היים איז זי גאנצע נעכט בא פאנאנדערגעברענטע אויוונס גע-שטאנען, דייזשעס טייג געקנאטן. ניט פאר זיך—פאר יענעם.

צייט מיטן קאמיטעט פון דער היים אוועק טוט זי גארניט:—

דער קאמיטעט איז ניט קראנק צו געבן !...

גאנצע טעג ליגט זי אפן שטרויענעם זאק אין איר הילצערנע בעט און רעכנט:—וויפל דער קאמיטעט פארדינט פון זיי, פון די געקומענע...

כאדאשים-לאנג מיט לייען, מיט מולקען איבער שטעט און וועגן זיך ארומ-געשלעפט. זי וויל אז מולקע זאל זיין איר מאן. ער האט איר שוין צוגעשטעלט א בייכל—אלע אין העקדעש ווייסן דאס.

לייע שווייגט. לייע האט האלב-בלינדע אויגן אין די לעצטע הארבסטיקע טעג איינגעפלאכטן.

קויקלען הארבסטיקע טעג—וואכן אין געלע בלעטער פארוויקלט. קויקלען זיך מיט פויער און וועגל אין קויטיקן דרויסן.

א טאג הויבט זיך אן אין העקדעש מיט נאסטאסיעס אויסגעשריי—טשיי, טשיי, טשיי... און שטארבט אפ מיט א קלאג פון לייבקעס פאלאטע.

ציען זיך וואכן איבער ווייס געקאלכטע ווענט. פארוועבן זיך מיט מענשן, מיט שטרוי-זעק.

ווען ניט ווען רייסט לייע איר בליק פון פענסטער-שויב, פון געלן דרויסן. פירט אים לאנגזאם איבער באקאנטע צורעס פון געקומענע איבער צימער-זאכן. בלייבט הייננען איר בליק אף א ניט-דערקענטן פלעק. רייסט זי דאן ברייטער שווארצאפלען פון האלב-בלינדע אויגן. א נייער פלעק אין העקדעש און זי ווייסט ניט וואס, און זי ווייסט ניט ווען.

שטעלט זי געאיילט איר אויסגעדארטן קערפער אף קלעפיקע ברעטער פון א פריש געפארבטן דיל.

לויפט צווישן געדיכט צעשטעלטע ברעטער און דערוואוסט זיך: דער ניט דערקענטער פלעק—א ניי-געקומענער.

נעכטן איז ער מיט אונט-טונקלקייט אין זיין לאנגער זיידענער זופעצע אהער אריין, געזעסן. לייע אויך. דער ניי-געקומענער האט דערציילט א מאדנע מאיסע וועגן אפגעברענטע שטעט, וועמעס עקן מ'האט פארקוועטשט אין אייזערנע קנייפער.

לייע האט דאס אלץ נעכטן געהערט און פארגעסן. לייע פארגעסט אלץ!

זי געדענקט נאר, אז בא איר אין זאק קנייטשט זיך א רוסישע צייטונג.

ווי נאר דרויסן וועט אנהויבן צו שפינען טונקלקייט אף וואלד און וועג,

שטערן־פונקען וועלן גליען ווי לאמטערן־פלעמלעך אין זיינע געסלעך—וועט דאן לייע פון זאק אויסוויקלען א צעריבענע צייטונג.

גלעטן מיט פינגער־ציטער איבערן אויבערפלאך פון שוין אפגעמעקטע אויסיעס.

דריקן א צייטונג צו בלא־פלאכיקע בריסטלעך, וועלכע אלטקייט האט איר אף ביינער אויפגעהאנגען. באנענד: באהאלט לייע צוריק א צייטונג מיט א שרייענדיק קעפל: зверство немцев

פארקרימט ברייטע ליפן אין א צעדרייטן שמייכל: מיין טאכטער, מיין ראכל.

מולקן האט פעריק קארבן פון קאמע געבראכט. אין שטאט קיין ארבעט ניט געפונען, וואלגערט ער זיך דערווייל אין העקדעש.

מאדאם קאווארסקאיא איז ניט געגאנגען—געלאפן. ניט גערעדט—ווערטער געשלונגען.

אף מארגן נאך מולקעס קומען אין העקדעש איר קאראקולענעם יאק ארומגעדרייט. צו דער טיר געאיילט. אין איילעניש אין איין אטעם ארויסגעשאטן:

גיט זיי וואס מער ריצנאייל,—פונקט צען שיקט זיי שלאפן. דער העקדעש איז פאר געקומענע, ניט פאר „טראגעדיקע". געבאמקע האט קיין רעכט ניט געהאט זיך דערלויבן...

מולקע האט זי בא דער טיר אנגעיאגט. צוויי צענרובלדיקע איר אין האנט אריינגערוקט.

מאדאם קאווארסקאיא איז א צעטומלטע שטיין געבליבן. דורך פענסנעגלעזלעך מולקען אנגעקוקט. צוויי צענרובלדיקע אין האנט געדרוקט. ווערטער געוואלט שלינגען. ניט געקאנט. מולקע האט קורץ אויסגעציילט: צוואנציק רובל פאר מיין מאמען. איך וויל ניט זי זאל עסן קאלישע—ווערטער אויסגעציילט פון העקדעש ארוים.

מאדאם קאווארסקאיא האט צעפרידן געשמייכלט. פון א שמייכל האט בא איר דאס פאנים אפגעבלאנקט, ווי אויסגעשייערטע קופער. א צעפרידענע פון העקדעש זיך ארויסגעקייקלט.

מולקע איז געגאנגען מיטן וועג, וואס פירט צו מאטאווויליכער פאבריקן. ערשטער שניי איז געפאלן שטיקערווייז. מיט איין שאט דעם וועג פארשמירט. צעטומלט אין ווייסקייט פאבריק־דעכער אויסגעפארבט.

מולקע האט געקוקט, ווי מאטאווויליכע ווארפט פון זיך ארוים די אינדערפריאיקע ארבעטער מישמוירע—ווייבער, מענער. אין די הענט ליידיקן טעפ, טעלער, קאשיקעס. דער טויער האט זיי ארייסגעווארפן קופקעסווייז. פארלעך און איינציקע. יונגע שקאצים אין לאפצעס און ברוינע קורטקעס, ניט לאנג אהער פון דארף געקומענע, האבן זיך נאך שיקסעס מיט ליידיקע קאשיקעס געיאגט. מיט פאנאנדערגעווארפענע הענט זיי צו זיך אין ארעמס געכאפט, מיטן ערשטן שניי אויערן געריבן. אנגעריבן—נאך נייע זיך געיאגט. די שיקסעס האבן מיט געפילדער פון זייערע הענט זיך געריסן. ארויסגעריסן, אפן אנגעווארפענעם ערשטן שניי ארומגעלאפן, צוריק צו די יונגע שקאצים אין די ארעמס אריינגעפאלן.

עלטערע האבן צעפרידן געקוקט אף פארלער שטרייטער, אפן ערשטן שניי. שוין ווינטער !..

א היים אוועקגעאיילט.

מולקע האט די לעצטע פארשפעטיקטע ארבעטער דורכגעלאזן, צוריק צום העקדעש געשפאנט. איז דער הויף וועמען דערציילט : אויב ער וועט אין שטאט קיין ארבעט ניט געפינען, וועט ער אנקומען אהער, אין מאטאווילינע. אפן עסן קען מען דא פארדינען.

מולקע איז פארמאטערט אין העקדעש אריין.

אין א ווינקל איז געזעסן דער ניי-געקומענער, ארום אים דער גאנצער העקדעש איינוואוינער, אויסגעניצטע לייבער האבן זיי איינגעוויקלט אין בלאע קאלדרעס. פון די בעטן אראפגעשלעפטע.

דעם ניי-געקומענעם האט מען נאך אין דער צייט פון כמעלניצקעס שכיטע הענט און פיס געצווינגן.—לאנג-אויסגעצויגן—צו א דארן און ברוסט-געבראכענעם קערפער צוגעהאנגען. א ווייסער פאנים איז געווען בא אים איינגערעמלט אין א געדיכטער שווארצער בארד. פארבלאזע אויגן האבן ארויסגעטריפט א רויִקע שרעק.

זיצט ער דא איצט אין העקדעש. אין גרא-טונקלקייט פארצויגן. רעכנט, וויפל שטעט זיינען אפגעבערענט אין פוילן דער מעדינע. בא יעדער שטאט פארבויגט ער א פינגער. רעכנט געניו. ווי אנ׳אלטע מאמע אירע פארשטארבענע קינדער. ווייסט ער וווּ און פאר וועלכן קייסער מ׳האט אין פוילן א שטאט אויסגעבויט, מיט וועמען א שטאט האט געהאנדלט. ווער זיינען אין פוילן שרייבער געווען און ווער האט מיט אויפשטאנדן אין איר אנגעפירט.

אויסגערעכנט א צעטל פון אפגעברענטע שטעט, בלייבט ער זיצן שטיל. דער האלדז-נאקן וויל ניט האלטן גלייך אף די שילטערן זיין שווארצן קאפ. הייענגט בא אים זיין קאפ געבויגן אראפ.

פון אפגעברענטע שטעט קריכט א שמועס אריבער אף דייטשישע צעפעלינען. לייע דערציילט שוין צום הונדערטן מאל, ווי א באמבע האט פיר דעבער דורכגעבראכן, איר טאכטער—ראכלען אף דריי הויפן, ווי פעדערן צעבלאזן. שלעפט ארויס א צווייטע אידענע א איכעס-צעטל פון רייך-געווארענע אין מילכאמעצייט אידן—און פארהאקט זיך מיטן קאמיטעט...

שפייט ארויס אנציינערדיקע מויל א מיינונג :—מולקע איז א ווילדער יונגעלט וואלט איך איר געגעבן ?—געברענטע קרענק.

כריפעט א צווייטע—גישקאשע, מאדאם קאווארסקאיא טוט ניט פאר מיצוועס. ניט אזא צייט...

וועגן עסטער צייטלין—די פארוואלטערן פון העקדעש צעטיילן זיך די מיינונגען

א איד מיט אן אויסגעקראכענעם בערדל, א פליכע קאפ שרייט איבער:

— עסטער דארף האבן פראקטיקע צוליב איר דאקטאריע, איז זי אהער אין העקדעש נאך פראקטיקע געקומען.

איז די מיינונג א מאנסבילשע, א שווערע, גליטשט זי זיך פארביי.

קרייט אריין א אידענע מיט א דין קעלכל :

— איר איז באַם טאַטן דערעסן געוואָרן פּײַנקיכן מיט ווייסע כאַלע, איז זי געקומען זען, ווי אַרעמעלײַט לעבן אין העקדעש.

מיט איינס זײַנען אַלע ז׳ײַנגוואָוינער דאָ אין העקדעש מאַסקים—

אַ קלאָר מיידל וואָרפט ניט אַוועק אַ טאַטן מיט אַזאַ געשעפט און זיצט נ׳ימ מיט ליבקע אינוואַליד ביז האַלבע נאַכט.

דער ניי־געקומענער הערט ניט וועגן וואָס ווייבער קריגן. שטעלט פּלוצים אויף זײַן לאַנג־אויסגעצויגענעם קערפּער פון בעט. לויפט געשווינד צום פענסטער מיט נאַכט פאַרצויגענעם, קוקט אַריין אין פענסטער דרויסן, אין ווייסן וואַלד. פאַרטרויט שטיל:

אין לויפן די אָפּגעברענטע שטעט.

אַלעמען ווערט פון זײַנע רייד אומעטיק. אַלע האָבן שוין פאַרגעסן וועגן עסטערן, קאַמיטעט, רייך־געוואָרענע אידן.

אַ גרויסער כאַרעוו קריכט דורך אויסגעלעבטע ביינער.

אָפּגעניצעוועטע הערצער הויבן אָן קלאַפּן מיט פאַרלאָזטע הײמען, מיט פאַרוואָרפענע שטעט. טוליען זיך געקומענע שטאַרקער איינער צום אַנדערן און יעדערער אין זײַן קאַלדרע—צעקריכן אַף שטרוי־זעק אין הילצערנע בעט׳ שלאָפן.

ווערגט זיך דער העקדעש אין אַ קראַנקן שלאָף. מולקע וויל לייען באַרו־איקן—קען ניט

לייע איז פון בעט אַראָפּ. בינטלעך גראָע האָר, קופּקעס אַש זײַנען איר אַף דעם שטערן צעפאַלן.

בייניקע הענט האָט זי אין רונד־פויסטן פאַרקוועטש, מיט פויסטן זיך אין קאָפּ געשלאָגן, מיט לעצטע קויכעס איין וואָרט איבערגעשריען:

— איך וויל ניט!

אין העקדעש הערט זיך אַ שנאָרכעריי פון שלאָפנדיקע.... באַם פענסטער שטייט נאָך אַלץ דער ניי־געקומענער. מיטן שטערן אין שויב אַריינגערוקט.

ווער פון די געקומענע ס׳כאַפּן זיך אויף. גורען זיך צוריק, מיט קעפּ אונטערן קאַלדרע

מולקע פירט מיט לייען אַ שטילן געראַנגל. פאַרכאַפּט אירע בייניקע הענט. דריקט זי צו צו זיך. טראָגט זי צוריק אין איר בעט אַריין. לייע בלײַבט פאַרמאַ־טערט ליגן. באַרואיקט זיך. טוליעט זיך נעענטער צו מולקען, ווערט באַ איט אַף קני אַנשלאָפן. מולקע לייגט פאַרזיכטיק איר קאָפּ אַפן קישן. דעקט זי איין. בלײַבט אַ ווײַלע שטיין. לייע שלאָפט.

מולקע גייט שטיל צו נעבאַמקעס בעט. נעבאַמקע שלאָפט ניט—אַף איט געוואָרט. עפנט זי גיך אַ בראָג קאַלדרע וויקלט מולקען איין אין זיך. נאַכט.

צוויי וואָכן אין געשריי—טשיי, טשיי. לייעס שווייגן, מאַיסעס פון אַ ניי־גע־קומענעם. אין אָנהויב פון דריטער—מאַדאַם קאַוואַרסקאַיאַ.

אין דרויסן גלאָזן וואַרטן צוויי שליטעלעך. אין אייליעניש דעם העקדעש דורכגעדרייט. צו עסטערן אין צימער אַריין. מאַדאַם קאַוואַרסקאַיאַ איז גע־שטאַנען אַפן שוועל פון ביידע פּאַלאַטעס, הויך אויסגעלייענט אַ באַשלוס פון קאַמיטעט, אויסגעלייענט, מיט גלעזערנע אויגן אַפן העקדעש געגלאַנצט.

די געקומענע האבן זיך פון זייערע וואטאווע קאלדרעס אויסגעוויקלט. פון הילצערנע בעטלעך אראפ. מיט קראנקע אויגן צו נעבאמקען געפינטלט. געווארפן א האגל קלאלעס. ניט דערוואַרט.

נעבאמקע איז פון בעט אראפ. שטיל, אינזיך פארטאן שמאטעס אין פעקלעך געבונדן, פארבונדן. קיין איין ווארט ניט ארויסגעווארפן.

מולקע איז געשטאנען אין א ווינקל צימער. רויטע הענט אין קעשענעס פון לייוונטענע הויזן אריינגערוקט. וועמען דערציילט :

איך וועל מיט נעבאמקען ניט כאסענע האבן. קאלט און אומעטיק געווען בין איך געקראכן און מער גאר. נעבאמקע האט אים וואס ענטפערן געוואלט. פארשוויגן... אין האנט איר פעקל שמאטעס פארגומען. צום טיר געגאנגען.

מאדאם קאווארסקאיא האט איר קאראקולענעם יאק נאך נעבאמקען נאכגעדרייט. בא מולקען אין ווינקל ווערטער ארויסגעשאטן :

— יונגערמאן, איר האנדלט אנטימאראליש. דער קאמיטעט וועט אייך צווינגען כאסענע האבן !

מולקע האט זיך צום טיר אויסגעקערעוועט. בא נעבאמקען א פעקל זאכן געריסן, ארויסגעריסן. זאכן איינציקווייז איבער בעטן צעווארפן. אין נעבאמקען אריינגעשריען :

— גיי אף דיין ארט. פאר א שטיק פלייש מיט גלעזערנע אויגן זיך דערשראקן.

און פארענדיקט :

— מאדאם, וואַרפט זיך ארויס, אניט וועל איך אייך העלפן...

מאדאם קאווארסקאיא איז צעטומלט צום טיר געלאפן. אין קאראקולענעם יאק זיך פארפלאנטערט. מיט איר גאנצער גרויס באם שוועל און טיר זיך אויסגעצויגן פארן הארצן זיך געכאפט. געוואלט כאלעשן און ניט געקאנט.

עסטער צייטלין.

אהער אין העקדעש איז זי שוין מער ניט געקומען. עסטער האט דערציילט, אז מולקע האט אף דער מאדאם אזא שווערן איינדרוק געמאכט, אז זי איז אינגאנצן אוועק פון געזעלשאפטלעכער ארבעט...

עסטער איז גאנצע טעג איבערן העקדעש ארומגעלאפן. וועמען טראפנס אין די קראנקע אויגן אריינגעטריפט. ריצנאייל אין די איבערגעפידטע מאגנס אריינגעגאסן. פלאסטער צו אנגעריסענע געשווירן געקלעפט.

בא איר אפן טיש : ביכער אנגעהויבענע, ניט צעשניטענע, אויסגעלייענטע. ביכער דורכגעמישט מיט רעפועס-פלעשלעך. גרינע, ווייסע, אלערלייפארביקע.

אפן וואנט—פערעץ, דאסטאיעווסקי, בערגעלסאן, גאגאל, א לאנגער צעטל :

לייען—פופצן טראפן—דריי מאל א טאג.

נעבאמקען—א עסלעפל—צוויי מאל א טאג.

לייבקען—מאסאזש—פארן שלאף.

" " — " — "

מולקע האט געענדיקט פארעסן די פארדינטע געלט. גאנצע טעג איבער דער אוראלער שטאט זיך ארומגעשלעפט. ארבעט געזוכט, ניט געפונען.

נעבאמקע איז מיט יעדער טאג דיקער און בייביקער געווארן. אנגעשוואלן.

עסטער, צייט מולקע איז אהער פון קאמע געקומען, זיצט זי ניט מער מיט ליבקען. אלע אוונט שפאנט זי מיט מולקען אף מאטאווילינער וועג. פארקריכן זיי אין דערבייאיקן וואלד. מולקע גייט באזונדער, פאר זיך. עסטער גייט באזונדער פאר זיך. זעלטן ווען פארלירט מולקע א ווארט. א ווארט א שווערן, בלייבט עס ליגן אין ווייכן שניי. צוגיסט זיך ניט אין א ריידעריי. עסטער שווייגט :—

וואס זאל זי מיט אים ריידן, אז מולקע האט אף זיין גאנצן לעבן קיין אייגציקן ראמאן ניט אויסגעלייענט.

אזוי א וואך. זיך צוגערוקט. מולקע דערציילט וועגן נעכט אף וואלגע, וועגן א לעבן אף גאיאק. אויגן גלאנצן אפ אף שניי־ווייס גרין.

אנהויב וואלד. שניי מיט אלטע בוימער זיינען געווינטערט.

שטיקער ווייסקייט צו קעפ אף זיי אראפגעווייט א ווינט. טיפער אין וואלד א בוים—אונטערגעזעגט. עסטער פון איין זייט—מולקע פון א צווייטן. מיט הענט א בוים ארומגעפלאכטן. ניט דערלאנגט. נאך א פאר הענט פעלן אף ארומצעכאפן די ברייט פון אונטערגעזעגטן בוים. בלייבן זיי ביידע אף אים זיצן.

בא מולקען אין קאפ קלאר, ווי דער שניי בא אים אונטער די פיס.

א האריץ וויגט זיך אויסגעמאסטן, ווי יונגע בוימלעך אין אנהויב וואלד.

פון צווישן די בוימער זעט ער אוראלער בערג, אפגעריסענע. בערג זיינען צעשרומפן אין טיפע קניימשן און אויסגעשפיצטע ליימענע הויקערס. קען דער שניי ניט בלייבן ליגן אף א אויסגעשפיצטן ליימיקן הויקער. ניטא אן וואס זיך אנהאלטן. שטייען אוראלער בערג, איבער ווינטער געפלעקט : ברוין־ווייס־ליים־שניי־ליים־ווייס־ברוין. זומער בלייבט א ווייסער פאס אפן העכסטן שפיץ פון בארג—א שניי־היטל. מולקע טראכט איצט וועגן גארנישט—ס'איז גוט! שפרינגט ער אראפ פון אונטערגעזעגטן בוים, צילט מיט א פארהארטעוועטן הויפן שניי אין ווייט. טרעפט.

שמעלט זיך אף הענט. קוליעמט קאפ און בויך אין שניי־ווייסקייט. בלייבט שטיין געבן עסטערן... בא מולקען גלאנצן איצט די אויגן גרינער. זיין קורץ־קעסטלדיקער קערפער איז איצט פון פראסט פארשטייפט. פלאקסענע האר שיטן ארויס פון זיין אכטשפיציקער קעפקע, צעשיטן זיך אף זיין נידעריקן שטערן. ער רייבט אין שניי פארפרארענער פינגער.

עסטער זיצט אפן קלאץ. פון אונטער זיך אונטערגעבויגן. געשארענעם קאפ אין פעלצענעם קראגן איינגענורעט. בלייבע פינגער—אויסגערויטלט. אטעמט זי ארויס פון זיך א קערפער־ווייכקייט. א געדאנק איז געוואקסן—אויסגעוואקסן. איבערן גאנצן אויבערפלאך פון מולקען זיך אויסגעצויגן. א געדאנק : פון פא־באנדערוויקלען אט דעם קנויל צענויפגעוויקלטע ווייכקייט. ווי אזוי ?

—אראפהויבן עסטערן פון אונטערגעזעגטן בוים, זי פאנאנדערווארפן אפן ווייסן שניי און בלייבן מיט איר ליגן אין שניי, ווי מיט נעכאמקען.

באם טרעפל פון העקדעש בלייבן זיי ביידע א ווייל שטיין. עסטער קוקט פארביי מולקען אין דער אויסגעווינטערטער נאכט. פרעגט גלאט אין הויף אריין :

— מולקע, ווער בין איך ?

מולקע ווארפט ארום א פאר רויטע אפגעפרוירענע הענט, אויגן באהאלט ער בא עסטערן אין די קורצגעשארענע האר. ערקלערט :

— איר זייט עסטער צייטלין—די פארוואלטערן פון העקדעש.

עסטער ווייסט ניט וואס ווייטער מיט איס צו ריידן. טרייבט זי א הילכיקן געלעכטער איבערן העקדעש-הויף. פארשווינדט אין איר צימער...

לייבקע.

לייבקע קלייבט שמאטעס אין שטאטישע מיסטקאסטנס. נאך א טאג שמא-טעס ברייגנט ער צעשלעפן א הער אין העקדעש זיין דרייפערטלדיק קערפער. ווארפט א קערפער-מידקייט אפן שטרוי-זאק פון זיין הילצערנעם בעטל.

אוונט. ווינטער-זון איז בלא-רויטיק. א רויך האט זון פארצויגן, און עק הימל זי פארטריבן. און הימל איז צערינען ווי קאמע-וואסער אונטער אייז-צודעק.

ביז שפעט אין דער נאכט איז עסטער בא איס אפן ברעג בעטל געזעסן. א ביכל געלייענט, איבערגעלייענט. ער האט ניט געהערט און ניט פארשטאנען. בא עסטערן זיינען הענט—רונד-ווייכע. פינגער—אויסגעשניצטע, לאזט זי אירע הענט אין זיינע ליגן. ווארעם. אזוי א סאך נעכט. איצט שוין ניט. איצט גייט זי אלע אוונט מיט מולקען, קומט שפעט צוריק. איילט צו זיך אין צימער. מולקע האט צוויי גאנצע פיס. בא איס האט מען איינע אין פעטראגראדער שפיטאל אפגע-שניטן. שוין א יאר. ער האט פיינט מולקען.

אין איינעם א פרימארגן.

לייבקע א גאכט געלעגן, ניט איינגעלעגן. פון בעט אראפ, אף צוויי קוליעס זיין דרייפערטלדיקן קערפער אויפגעהאנגען. צו עסטערן אין צימער איס אוועק-געטראגן. עסטער האט אימעצנס ווארעמקייט איבערגעבויגן אף זיך דערפילט. הענט האבן איבער איר געבלאנדזשעט. זי צו זיך געצויגן. עסטער האט א דער-פילטע ווארעמקייט ארומגעמען געוואלט, מיט פארדרעמלטע הענט הילצערנע קוליעס אנגעטאפט. אין איין העמד פון איר צימער ארויסגעלאפן. אפן גאנצן העקדעש—א געשריי-געשריען.

קריכט א שטראל א פארטאגיקער, דורך לאדן-שפאלט, דורך שויב-דורכזיכט. קריכט אף ווענט פון עסטערס צימער און ווייסט: לייבקע איז געשטאנען אנגע-שפארט אן וואנט. מיט אויסגעקערטע אויגן אף א ליידיקע צערודערטע בעט געקוקט.

ציינער האבן בא איס אין א דראבנעם ציטער געקלונגען, ווי דעבער-בלעך פון ווינט פאריסענער. א צעטומלטער צונג האט ארויסגעדרייט:

— איך האב זי ליב,—עסטערן.... איך האב...

אין אוראלער שטאט. דריי פענסטער אין הויפט-גאס שרייען אריין מיט שווארצן קאלענקאר, פיקיי, קארטון, אטלעס, שמיקער זייד, רויטע קאנטן, אדלער-קנעפ. העקלער. שווארצער געוואנט. פארטיקע הויזן-גאליפע!

אין איינעם פון דריי פענסטער פארצויגן א ווייסע שטיק מארלע. אף מארלע אנ'אויפשריפט:

<u>א געקומענער פון ליטע. פארקויפט ביליק!!!</u>

אין שניט קראם דריי מיידלעך, פרעמדע, גדוגגעגע. א קאסע סיסטעם „אונדערוואוד", מיט אייזערנע געציפערטע קלאווישן שטייט ליידיק. אט פון דער

לײדיקער קאסע הױבט זיך אָן עסטער אין העקדעש. עסטער אַלײן הױבט זיך אָן פֿריער, אין אַ גימנאַזיע.

אַ געגנױ׳ע ביאָגראַפֿיע
פֿון עסטער צײטלין

אַ אידישע שטאָט אין ליטע. גימנאַזיעס דרײ.

האָבן קליגערע אידן געטאַינעט. איז וואָס איז די פּולע—אין אוניווערסיטעט צווײ פּראָצענט. אומזיסט געלט אַרויסגעוואָרפֿן. כאַיעם צײטלין האָט אויסגערעכנט: זיבן קלאַסן גימנאַזיע—ס׳לוינט! עסטערן אַ ברוינע קלײד אױפֿגענײט. געלט אײנגעצאָלט. ביכער געקױפֿט.

אין צוגרײטונגס־קלאַס זי אַרײנגעזעצט, אין צוגרײטונגס־קלאַס איז עסטער געזעסן—אײן יאָר. אין ערשטן—צווײ. אין צווײטן—אײנעם.

אין דריטן קלאַס, ווי אַלע אַנדערע אידישע גימנאַזיסטקעס, געלײענט ווערביצקעס: „ключи счастья“ אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. געזען, ווי גראַף שטײנבאַך טראָגט זי אַף מירמל־טרעפּ פֿון אַן אַלט־פּאַראַזענעם שלאָס... געהערט די שטימע פֿון געהײמניספֿולן יאַנען, וועלכער האָט אַזוי שײן וועגן פֿרײער ליבן געפּרײדיקט. אַזוי, ביז פֿון פּעטראָגראַד איז אַ רוסישע טרופּע אין שטאָט געקומען. מיט רויטע אַפֿישן אַ אידישע שטאָט אַנגעזאָגט.—בעגעפּיס פֿון באַוואָוסטן רוסישן אַרטיסט אַנדרײ אַנדרײעוויטש.

אַף דער בינע זײנען געפֿאַלן געלע פּאַפּירענע בלעטער—אָפּגעוועלקטע. עסטער האָט פֿון דער הויך פֿון דער האַליאָרקע געזען, ווי דרײ געזונטע יאַטעס האָבן פֿון אויבן געוואָרפֿן די פּאַפּירענע אויסגעשאַרענע בלעטער. און צווישן פֿון די דעקאָראַציעס געטרײסלט מיט שטריק די קאַרטאָנענע בוימער, געברומט ווי אַ שטורם ווינט...

עסטער האָט אַ פּאָר רויטע ליפּעלעך פֿאַרביסן, זיך די גאַנצע איבערגעגעבן דעם הײליקן מאָמענט, ווען אַף דער בינע איז ער, דער געליבטער, אַף די קני געפֿאַלן...

אַ גאַנצע נאַכט אין בעט זיך אַרומגעוואָרפֿן. אַף מאָרגן־פֿרי איז זי געשטאַנען בײַ דער טיר פֿון פֿאַרמאַכטן שטאָט־טעאַטער. אַ קאָפּעלדינער אין אַ פֿאַרשמאַלצענער ליווריע איבערגעגעבן אַ בריוו אין אַ העל־בּאָרדאָען קאָנווערט:

דעם אַרטיסט אַנדרײ אַנדרײעוויטש פֿון אַן אומבאַקאַנטער.

דער קאָפּעלדינער אין פֿאַרשמאַלצענער ליווריע האָט בײַ איר די צוואַנציק קאָפּיקעס אַף טײ צוגענומען. זיך פֿאַרנויגט. פֿון יענער זײט טיר פֿאַרשוואונדן.

עסטער האָט פֿון אױפֿרעגונג אַ טאָג גיט געגעסן. קורצע צעפּלעך נערוועז איבערגעפֿלאָכטן—אַ טאָג פֿון שפּיגל ניט אַוועק. איר קורץ קלײדל לײנגער געוואָלט מאַכן: געשלעפּט. געצויגן. ניט געהאָלפֿן. בײַ ענד דאָס אויסגעטאָן. אַף צווײ פֿינגער דאָס קלײדל לײנגער געמאַכט.—אַרויסגעלאָזן דעם אונטערשטן זוים. אַ צעפּרידענע פֿון שטוב אַרויס. אָפּן באַשטימטן אָרט אַוועק.

עסטער איז געגאַנגען גיך, אונטערגעלאָפֿן. אַלע ווײַלע הינטער זיך געקוקט. צי ווער פֿון די באַקאַנטע לויערן איר ניט נאָך. אין אײנע פֿון די אַלײען פֿון שטאָט גאָרטן געקומען.

אַף אַ באַנק איז געזעסן אַנדרײ אַנדרײעוויטש—אַ אידישער יונגערמאַן.

מיט א ריין אפגעראזירטן פּאנים, אויסגעלעבטע אויגן. דער ווייסער קראגן אפן האלדז איז געווען א פּאפּירענער און ניט גאר ריין.

עסטער האט הויך אנגעהויבן צו ריידן. צוליב מער דרייסטקייט גענומען שרייען, זיך פארפּלאנטערט אין א פראזע, וועלכע זי האט א גאנצן טאג אף אומזייניק געלערנט.

דער ארטיסט פון דער נעכטיקער דראמע איז פון ביינקל אויפגעשטאנען. געקוקט אף אירע דרייצן יאר, וועלכע האבן איצטער אין פארלייגנערט קליידל אויסגעזען נאך וויניציקער. פּאר עסטערס אויגן—א לאנג ארויסגעשטעקטע צונג, געלע הארבסטיקע בלעטער, אנ׳אלט פּארלאזענער שלאס. אין די שלייפן—דער דייטשישער נאמינאטיוו, נעגאטיוו אויסגעמישט מיט לאנגע פעריאדן פון דעם רוסישן סינטאקסיס, צווישן גאנצן מיש=מאש—יאן, דער העלד פון ווערביצקעס ראמאנען. זי האט א שוואכקייט אין די פּיס דערפילט. אף דער באנק זיך מיט איין מאל א זעץ געטאן. דער ארטיסט האט דאס מויל אין אנ׳איינגעהאלטענעם שמייכל צעגויפגעלייגט. זיין הוט הויך געהויבן. זיך פארגזיגט: א גוטן אייך פריילן!... זיך ווידערזען...

עסטער איז מיט די שיך אין בעט אריין, צוויי טעג אין איר אפגעלעגן.

אין פינפטן קלאס האט זי געלייענט פארעל, אטטא וויינינגערן. שאען לאנג אף זיך אין שפּיגל געקוקט, א נאז געמאסטן—גערעכנט: וואס איז בא מיר מערער: Ж—ארער—M

פון גימנאזיע ארויסגעטראטן: א זילבערנע מעדאל. א פולע קאפּ ליטערארישע העלדן. שטארקן פארלאנג—שטודירן! דעם ערשטן כוידעש גארניט געטאן. געפרייט זיך מיט דעם זילבערנעם מעדאל, מיט נייגצן יאר, מיט פרייער און לייריקער צייט. דער צווייטער כוידעש איז אוועק אין טראכטעניש: ווער בין איך אלס פּסיכאלאגישער טיפּ? געזוכט זיך א פּראטאטיפּ צווישן די העלדינס פון דער רוסישער ליטעראטור, ניט געוואוסט אף וועמען זיך אפּשטעלן. געזארגט—אף וועלכן פּאקולטעט אנגעבן פּאפּירן. מילכאמע.

דער טאטע איז איצט אנשטאט לאדז און ווארשע געפארן קיין פּעטראגראד. געהאנדלט גרויס, אף גאנצע וואגאנעס. די מאמע איז בא איר שוין לאנג געשטארבן.

גימנאזיע=כאווערטעס זיינען איצט מיט אפיצערן אין אוטאמאבילן ארומגעפארן, נעכט אין רעסטאראנען, קאבינעטן פּארבראכט, וויין געטרונקען, א לעבן פּארלעבט

זי עסטער—אן ליבע, אן א ראמאן אפגעבן זיך פיזיאלאגיש—קיינמאל ניט!

ליבעס האבן די געקומענע אפיצערן ניט געשפּילט. קיין צייט ניט געהאט.

געענדיקטע גימנאזיסטן האבן זיך מיט אגראנאמישע ביכער ארומגעטראגן. אין דער ציאניסטישער ארגאניזאציע זיך פארשריבן. זיך געקליבן קיין פּאלעסטינע—גלייך נאך דער מילכאמע. עסטער זיך אפגעהאלטן. זי קען ניט די העברעאישע שפּראך. און בינגלאל, וואס האט זי געמיינזאמעס מיט אידן?

באשטימט אנגעבן פּאפּירן אפן היסטאריש=פילאלאגישן פּאקולטעט. שטודירן רוסישע שפּראך און ליטעראטור. ארייגעפאלן אין פּעטראגראד.

אין א ווינקל שטאט איז געשטאנען דער פּסיכא=נעווראלאגישער אינסטיטוט

רוסישע סטודענטן זיינען אהער געגאנגען וויגציק. זיך געשראקן פאר א נאמען: פסיכא נעווראלאגישער. אידישע עקספערימענטעס מיט צעטרייסלטע נערוון זיך אנגעכאפט. אן א פראצענט-נארמע! אפענע טירן! אריינגעשפארט. לײדיקע אאודיטא־יעס פול געמאכט. אומזיסט זיך פאר א נאמען געשראקן, א אוניווערסי־טעט ווי אלע אנדערע. איין אויסנאם: א פערמאנענטער קאנגרעס פון אידישע פארטייען.

א געוועזענער סאציאליסט אין א שווארץ העמדל, מיט א רויטן קוטאש—א זייכער פון זיין געוועזענער רעוואלוציאנערישקייט, האט עסטערן אנדעקט:

— בא אידן איז אויך דא א ליטעראטור מיט שרייבער, מיט ראמאנען. א בימען: דאוויד בערגעלסאן „נאך אלעמען"—אנ'עמעסער ראמאן!

עסטער האט ביז פעטראגראד געגלויבט, אז אבוץ שאלעם אליבעם איז בא אידן מער קיין שרייבער נישטא. שאלעם אליבעם פלעגט מען פארלייענען אף ליטערא־רישע אוונטן—פרייליך געווען.

א הויכער באכער, וועלכער פלעגט אין דער שטיל שרייבן לידער און שטענדיק זוכן בא וועמען לייען א דרייערובלדיקן, האט אין די אוונטן מיט עסטערן דעם ראמאן „נאך אלעמען" אויסגעלייענט. צוויי מאל בא איר צו דרייערלעך געליען. זיך געפרייט, וואס ער פירט אריין א נייעם מענטשן אין דער אידישער ליטעראטור. פון דעמאלט אן לייענט זי אידיש.

קיין פעטראגראד זיינען אלץ נייע שטעט היימלאזע אנגעקומען. די עלטערן זיינען טיפער אין רוסלאנד געפארן. קינדער אין „יעקא", „אזע" געלאזן.

אידישע געזעלשאפטן האבן זיך איינע מיט די צווייטע געריסן, שולן גע־עפנט, קינדערהיימען געגרינדעט. אידישע סטודענטן האבן אף לעדערנע רעקלעך ווייסע בענדער אנגעבונדן, אף בענדער מיט שנור אויסגעשטעפט: „יעקאפא".

באפולמעכטיקטע האבן היימלאזע פון איין שטאט אין דער צווייטער גע־פירט, צוריק אין דער זעלבער געבראכט אף דאס ניי ארומגעשלעפט.

אין איינעם א סאניטאר-צעגדליק איז עסטער אריינגעפאלן. א בוידעש-צייט קורצטערמיניקע קורסן געהערט, אנ'אלטינקער דאקטאר האט אלע טאג געלערנט, ווי מ'דארף זיך באגיין, ווען א מענטש ברעכט זיך אויס א פוס, ליגקט אויס א האנט און ביכלאל—ווען זיין ארגאניזם הערט אויף צוליב אן אויסערלעכן שטויס נארמאל צו פונקציאנירן.

א יאר אין באנען געלעבט.

אין לעדערנעם רעקל בא איר א צייגעניש—עסטער צייטלין—א באפולמעכ־טיקטע....

איר טאטע איז אויך פון דער ליטווישער שטאט אנטלאפן. צוויי וואגאנען סבוירע פארכאפט און געלאפן. אין אוראלער שטאט מיט דריי קראם-פענסטער אריינגעשריען: א געקומענער פון ליטע פארקויפט ביליק!!!

עסטערן דערעסן אף בײנק שלאפן. היימלאזע פון איין שטאט אין צווייטע שלעפן—צום טאטן א היים געקומען:

זעקס באדאשים געזעסן בא א קאסע-סיסטעם „אונדערוואוד". מיט פינגער איבער אייזערנע קלאווישן ארומגעטאנצט. קוינים רעשט אויסגעצאלט. באנאכט פאפירענע געלט פון א טאג-לייזונג געציילט, אויסגעציילט—אין קאסע-בוך אריינגעשריבן. אלע טאג אזוי. האט געטראפן: אז עסטער איז אין איינעם א

פארנאכט בא דער אייזערנער קאסע געבליבן זיצן.—א רעכענונג געמאכט. ניט פון געלט—פון א אייגענעם לעבן. דעם טאטן צו דער קאסע צוגערופן. ערקלערט: טאטע, זוך זיך דיר א נייע קאסירשע!... מער איין ווארט ניט אויסגערעדט. אין איילעניש אנגעווארפן אף זיך א לעדערנעם יאקל, וועלכער איז איר נאך פון קאמימעט פארבליבן, געשארענע האר אונטער א קאצקענע היטל פארשארט—פון טאטנס געשעפט ארויס.

אין יריי טעג נאך דעם אוונט איז עסטער שוין געלעגן אין קליינעם צימערל, וועלכער שטייט אין ווינקל פון העקדעש, זי געפרייט, וואס זי איז געקומען אין די רעכטע טיפענישן פון פאלק—דארטן, וואו מ׳קען זען זיין געשאמטע...

שפיטאל. טאטערן.

(א זייטיקער קאפיטל).

מולקע איז שוין אין העקדעש ניט געווען. קיינער דא אין העקדעש האט ניט געוואוסט פאר וואס, פינף דאך-דעקער שינדלען אוים א דאך, גלאזן גלאז אין הילצערנע פענסטער ראמען, פארבן ווענט און דיל פון א ניט דערבויטער שטוב אפן העקדעש-הויף.

א זונטיק פרימארגן האט דריי פארשוינען אף א שליטן געבראכט, זיי אפן העקדעש-הויף שטייען געלאזן.

צוויי פון די דריי האבן ברייט-לייננ פון א דערבויטער שטוב געמאסטן. צימערן געטיילט, צעטיילט. א דריטער האט די גאנצע צייט פון זייער זיין דא אין א האנט ביכל געצייכנט, פארשריבן פון הויף צוריק אוועקגעגליטשט.

שוין דריי טעג שפעטער האבן צוויי שילדן-שמירער א שילד פון שטאט געבראכט. אפן דאך ארויף, מיט שטריק א שילד אף דער אויסגעפארבענער טיר ארויפגעצויגן. עסטער האט אויסגעלייענט:

Земская больница

по венерическим

— бесплатная

Живоп. Армаченько.

שטייט דער העקדעש הויף דארט, וואו ס׳שיידט זיך דער וועג צום טאטערשן מעטשעט און רוסישן קלויסטער.ביידע הייליקע טעמפלען זיינען שוין אלט, פון שניי און ווינט ארומגעפליקט. געדיינקט שוין קיינער ניט דא אין געגנט ווען און ווער ס׳האט זיי געבויט. אלע פרייטיק פלעגן טאטערן אין לאנגע לייוונטענע זופעצעם מיט פעלצענע יארמעלקעס אף קליינע אויגלעך אנגערוקט ציען צום מעטשעט.

בלייבן שטיין ווייבער אף שוועל פון נידעריקע הייזלעך. שטייען אין גרינגעפארבטע פאטשיילעס איבער שמאלע שטערנס פארצויגן—טראגט די ארעמסטע פון זיי שנירלעך זילבער-פינקלדיקע מאטבייעס אף האלדז און קאפ.

אין מעטשעט טאר זיי ניט אריבערטרעטן די שוועל. טאטערשע ווייבער דארפן גאנצע טעג פון פערדיש-מילך—קומיס קאכן. קינדער האבן. פערד האדעווען.

א מאל האבן טאטערן דא ערד געאקערט, א האנדל מיט מיזראך געפירט.

הערשער איבער גאנץ רוסלאנד געווען—אמאל. איצטער זיינען טאטערן שמאטע־הענדלער אין אלע שטעט פון פריצישער רוסלאנד. פריצים האבן אף טויערן אנגעשריבן : „טאטערן און הינט ארייַנגאנג פארבאטן".

די, וועלכע זיינען דא אף די ערטער געבליבן טרייבן טאבונעס פערד אין אוראלער סטעפעס.

ווען־ניט־ווען כאפט זיך אויף פון שטענדיקן דרעמל א טאטערישע געגנט. פארנעמט א געאיילטן האלאפ פון לויפנדיקע פערד.

פאלן טאטערן צו גלאז־שויבלעך פון נידעריקע פענסטער־לעכער און קליינע אויגן זעען : פון שליטנס קריכן ארויס פרעמדע, פון ווייטע שטעט געבראכטע מענטשן. אף פיס טראגן זיי דינע לעדערנע שיך. שפרינגען זיי מיט דינע לעדערנע שיך איבער איינגעפרארענעם שניי. קלאפן פוס־אן־פוס.

ווילן אפגעפרארענע פיס דערווארעמען—שלעפן זיך שווער אין א טאטעריש הייזל.

זעלנער באגלייטן זיי מיט אנגעצילטע ביקסן, היטן יעדער ריר־און־קער פון געבראכטע, רינגלען ארום פון אינעווייניק און דרויסן א הייזל,—היטן דאס ביז פארטאג העלקייט.

מארגן—באגינען, ווען נאכט און שטערן וועלן צערינען, וועט מען אויסגעדינטע פערד צוריק אין די ברייטע שליטנס שפאנען. פון טאטערישן הייזל ארויסטרייבן די געבראכטע מענטשן, שליטנס און פערד פון אלע זייטן ארומרינגלען און פארלאזן דאס דארף.

ווידער, וועט א טאטער־דערפל הערן א האלאפ פון אויסגערוטע פערד אפן וועג וואס פירט צו באשקיריע.

ווען א שטילקייט וועט פארשלינגען לעצטע קלעפ פון א פערד גלאנץ—וועלן טאטערן נאך אלץ ליגן מיט קעפ אין פענסטער־לעכער ארייַנגערוקט, מיט קליינע אייגלעך נאכיאגן א פלעק אף באשקירער וועג און א געדאנק וועט גריבלען :

— אט ייי ווילן דעם רוסישן קייסער צעשניידן, ווי מע צעשנייט א פערד גאנעוו בא זיי אין געגנט ?

אין העלן טאג קלייבט זיך א דערפל אין רעדלעך. דערציילט איינער פון א רעדל, ווי ער איז דורך וואלד געלאפן, פערד און שליטן אין מיטן וועג געווארפן. אליין מיט א פארשיקטן ביז בויך אין שניי געקראכן אין וואלד געגעסטיקט — אף מארגן פרי דעם פערד און שליטן אין הויף געפונען שטיין. אליין א היים געטראפן... רייסט איבער א צווייטער מיט וואונדער פון א קליגן פערד, וועלכער האט אויך מיט א פארשיקטן פון זעלנער ביקס פארטראגן... דערציילט מען אוים מאיסעס, וועלכע טאטעס און קינדער האבן פאר זייער לעבן, אנגעלעבט אין געגנט.

בלייבט זיצן אין נאכט ארייַן אייגער פון א רעדל. זוכט מיט דערשראקענע אויגלעך א האלבע לעוואנע, געפינט ניט. הימל גרא. שטערן בלאס. שטיל די נאכט. בעט ער אזוי אף שוועל זיצנדיק גליק פאר זיך און פאר א פארשיקטן, וועלכער שטייט ערגעץ־וואו בא א וואסער אויסגוס הינטערן רויטן סטעפ. שטייט אנגעטאן אין א ברוינעם פעלצל און א ווייסער הירשענער פאפאכע, ווארט אף זיין פערד און זיין רעטונג.

ברענען טרוקענע שפענער, אריינגערוקטע אין לאך פון ליימענעם אויוון.

ליגט א ווייב פרישן ברויט אין שליטן, גיסט קומיס אין א גרויסן ליימענעם טאפ—א וועג איז ווייט פינף טעג פארן... ,

וועג : ווייסע פאסן אף שווארצע סלופעס מיילן יאגן. נאכט אף שליטן, פערד אין נאכט. גראער הימל. דרייען טעג אין ווייסן שניי סטעפן=סלופעס. יאגט א טאטער א יונגען פערד אין באשקירער טאיגע...

אנהייב זומער טרייבן טאטערן טאבונען, פערד, אויסגעהאדעוועטע אף סטעפן. טרייבן זיי מיט קנוילן זאמד. מיט ווינטן שטויב אף שטאטישע מערק—אזוי האט געלעבט א געגנט פון אוראלטע צייטן מיט טאבונען—פערד. מיט פרישן—ברויט. מיט שטארקער—מילך. מיט פארשיקטע און אנטלאפענע אין באשקירער טאיגעס ביז :

אף א הויף פון א רויטן מויער אין דער אוראלער שטאט האט מען פערד אין מיילער געקוקט. ציינער געציילט.

מיט א ברעטל הויך=און=גרעב פון פערד געמאסטן פאר א צוגענומענעם פערד א געדרוקטן צעטל געגעבן—קוויטאנציע.

אין רויטן מויער פון זעלבן הויף זיינען טאטערן נאקעט געשטאנען, עמעצער האט זייער הויך=ברייט געמאסטן אין קליינע אויגלעך זיי אריינגעקוקט—אין אויער פון א רעגיסטראטאר געשריען :

אבדול אלכיי. נומ. 1075. פעכאטע !

צוריק אין געגנט.

א ווארעמקייט האט זיך צו שניי ווייכקייט געטוליעט. טראפנס זון דורך שניי=בלא און אייז הארט אין קאמע טיף אריינגעטריפט. קאמע האט א ווארעמקייט אין וואסער טיף געזויגן. אויפגעזונטע וואסערן אין א פארפרילינג קראמף ארומגעווארפן פון ברעג צו ברעג און צעריסן.

קאמע האט פון אונטער א אייז צודעק א וואסער פאס באוויזן, ווי פון שלאף א נאקעט=פוס ארויסגעשטעקט. א אייז=פעל איז אף קאמע ווינטער לאנג געוואקסן מיט כאדאשים=שניי. מיט שטיקער פראסט. ליגט זי איצט מיט איר גאנצער גרעב אין מיט פון שייך. שלעפט אף זיך טאטערן צוריק פון צעשאסענע שטעט און דערפער. בלייבן שטייען שליטנס אפן שוועל פון וואסער=פאס. קריכן טאטערן אין הילצערנע שיפלעך. שווימען צום היימישן ברעג פון אוראל...

זיינען טאטערשע ווייבער נאך מאן אויסגעהונגערטע אין אינהאלט פארדארטע, צו געקומענע מענער אין שוים געפאלן. גאנצע נעכט מענער געזויפט.—אנגעזויפט סיפילים. גאנצע נעכט !

א קראנקייט האט א געגנט געזער צעפוילט, לייבער צעפרעסן. אין ערדטיף זיך איינגעיאקערט מיט קארן אויפבוי—אויפגעבליט.

שווימט א נייס איבער קראנקע דערפער : אפן וועג אין מיט פון מעטשעט און קלויסטער שטייט א העקדעש—פאר געקומענע. דארט היילט מען די קראנקייט אומזיסט..

פארווארפן ווייבער גרעזער און קרייטעכצער, וועלכע פרומע גויקעס—גייערקעם האבן אין גרויסע ליימענע טעפ געקאכט.

פרייטיק=פרי וועלן צוריק געקומענע טאטערן אין אלטן מעטשעט צו דרערד ניט פאלן. אויך ניט פארייסן צו א האלבער לעוואנע, וואס א היגער פארבער

האָט אויסגעשמירט אַף דעם אויסגעשעמערנטן הימל. פאַרנעמען טאַטערן אין אַ פּריוואַט-יאַנטעוו-טאָג ווייב און קינד, שפּאַנען די לעצטע אויסגעמאַטערטע פערד טרייבן זיי צום הויף פון אידישן העקדעש.

אפן הויף שטעלן זיי זיך מיט ווייב און קינד אין לאַנגע—קראַנקע רייען. קוקן מיט קליינע אויגלעך אַף אַ שילד По венерическим גייען אריין, ווי פאַר-מישפּעטע אין לאַנגע ווייסגעקאַלכטע צימערן. באַ אַלאַד, אויסגעשניטן אין אַ הילצערן ווענטל שרייט איינער פון זיי אַ נאָמען: אבדול אַלכיי!

אַ מיידל אין אַ ווייסן שירץ קען אַ טאַטערישע פאַמיליע ניט פאַרשרייבן. שרייט זי אַ פאַמיליע-נאָמען איבערן גאַנצן שפּיטאָל. ווען אַ פאַמיליע וועט מיט מאַטערניש זיין פאַרשריבן אין אַ בוך. וועט אַ טאַטער אין אַ צווייטן צימער זיך דורכשטופּן. אַ אָפּגעטראָגענעם שינעל פון אַ קראַנקן קערפּער אַראָפּוואַרפן— בלייבן דערשראָקן שטיין.

אַ דאָקטער וועט נאָדלען אין אַ פּליסיקייט נעצן. אַף אַ גאַזע-לעמפּל זיי' קאָכן. ווען נאָדלען וועלן זיין פאַרטיק, וועט דער דאָקטאָר נאָדלען צו אים אין פלייש-ווייכקייט נעבן געזעס אַריינשטעכן, אַריינשטעכן און האַלטן... אַריינשטעכן און האַלטן.

— איז אַ ווייטאָק פון צעשטאָכענע לייבער איבער באַשקירישע דערפער און כוטערס גערונען, אַף מיילן ווייט זיך צעגאָסן...

מאַטאַווילי כע.

דריי יאָר ניט געשלאָפן מאַטאַווילי כע.

אַלע צוועלף שאַ אַרויסגעהאַמערט מוסקול מידקייט. שטויב פון צעריבענעם אייזן.

צו מאַשינען אַ נייעם בייט אויסגערוטע אַרבעטער צוגעשרויפט. פּיראָונ-צוואָנציק שאַ אין אויסגעפּיילטע ציינער פאַרביסן. ראַד-און-ראַד געשפּאַנט אַרום-געיאָגט—אַן עלעקטראַ-מאָטאָר—שמימער יאַרגער פון גאַנצער געגנט.

אין אַ ווינטער טאָג. אין זעלבן טאָג, ווען קאַמע האָט אַף זיך אַ אייז-היטל דערפילט, אַף לאַנגע באַדאַשים אונטער אים ליגן געבליבן—איז מולקע אינאַיי-נעם מיט אַ הורדאַ פּויערטעס, שקאַצים אין קאַנטאָר פון מאַטאָווילי כער פאַ-בריקן געבליבן שטיין...

אין אַ מאַנטל—אַ דינזומערדיקן. קעשענעס אָפּגעריסן.

אין אַ קעפּקע—אַנ'אַכטקאַנטיקע, דאַשעק איבער קרומע אויגן אַנגערוקט: אַרבעט געבעטן.

אַ רעגיסטראַטאָר האָט אויסגערעגיסטרירטע אויגן פון אַ שרייב-בוך אָפּ-געריסן. מולקען באַקוקט. צעפּרידן איבער קאַנטאָר-צימער אַ פראַגע געקוויקלט: צוויי פּוד מאַסע קענסטו הייבן?

פון שטענדיק באַנוצן זיך מיט איר איז אַ כאַכמע געוועז אָפּגעטעמפּט. באַ קיינעם קיין געלעכטער ניט אַרויסגערופן. דער רעגיסטראַטאָר האָט אַ ציטערדיקן געלעכטער אָפּגעריסן, אַזוי ווי ער וואָלט אַ פּונקט נאָך אַ פאַרשריבענע פאַמיליע שטעלן, מולקעס פּאַס אין האַנט אַרומגעדרייט פון אים אַרויסגעלייענט: אַז ער

מולקע איז א איד. האט קרומע אויגן.
פלאקסענע—האר.
נידעריקן—וואוקס.

מולקע איז אינאיינעם מיט א בינטל גיי=אנגעקומענע ארבעטער פון קאנטאר=צימער ארויס.

באטראכט א הויף, וועלכער שנייט זיך מיט א אפענעם ענד אין-באן ליניע אריין:

איבערן הויף האבן ארומגעשווינדלט פערד פורמאנעס. וועגעלעך. ער האט א באקומענעם פאבריק=ביכל געעפנט, מיט שווערקייט איבער אויסגעדרוקטע בוכשטאבן ארומגעקראכן. איין ווארט צום צווייטן צוגעשלעפט.—און פארשטאנען: ארבעטן דא אפן פאבריק=הויף וועט ער דארפן צוועלף שא א טאג. שאבעס—זעקס זונטיק—פריי.

ווייטער: ארבעט, וועט ער דא האבן ביז מ'וועט זיין יאר רופן צום מילי=טער דינסט.

מולקע איז צוריק געגאן אין העקדעש. אפן וועג פארגאנגען אין פארבייאיקן שיינק.—פאר לעצטע געלט געקויפט א פלעשל ברען=ספירט. מיט איין אטעם א פלעשל ליידיק געמאכט, ביז שפעט אין שיינקל אפגעזעסן...

מולקע האט איצט גלידער פון פאנאנדערגעשרויפטע הארמאטן ארומגע=פירט. צוועלף שא א טאג נאך א קליין איינערעדלדיקן וואגן נאכגעלאפן. אף מירן, וואו מאטאווויליכע האט אויסגעשמאלצן גלידער פון הארמאטן—זיינען געהאנגען קליינע—בלעכענע שילדן: „זייטיקע אריינגאנג פארבאטן". מולקע האט א געלאף פון מאשינען=רעדלעך אנגעקוקט פון ווייטן, פון הויף.

„פראנט פויגלען" פלעגן זעלטן קומען פון שטאט, א טאג זיך שמירן בא מאשינען, אין קאנטאר. פארשווינדן ביז א נייער מיליטערישע רעוויזיע... אלטע מאטאווויליכער פלעגן זיי דערקענען נאך זייער בעקיוון אויסגעשמירטע הענט=און פאנים. נאך אפגעריסענע קליידער. העלדזער, וועלכע פלעגן זיך ארויסקנייטשן ווי ווארשט היינגלעך אין פענסטער פון באקאליי=קלייט.

אין רויטע פאבריק ביכלעך איז בא זיי געווען אנגעשריבן: באפרייט פון מיליטער=דינסט. צווישן איין רעוויזיע און דער צווייטער פלעגן „פראנט פויגלען" וואגנס טוואָע אין פעטראגראד און מאסקווע שיקן. פארדינטע געלט אינאיינעם מיט דער אדמיניסטראציע פון פאבריק טיילן.

דערוואוסט האט זיך דאס מולקע פון וואלעזשניקאוון—מיט וועמען ער איז איצט נעבט אין הילצערן הייזל געשלאפן.

וואלעזשניקאוו פיר וואכן אין מולקען זיך איינגעקוקט, דורכגעקוקט. בא=שטימט: מולקע אונזערער א יאט,—פארטרויט—לעצטע וואכן דרייט מאטא=וויליכע מאשינען רעדלעך—באלד וועט זי שטייען בלייבן.

א שטרייק האט אנגעטריפט טאג נאך טאג.

פראנט: פראנט איז דורכגערונען, דורך צעגליטע שטאל=פליסיקייט, זיך נאכגעהאנגען אף ציינער רעדלעך פון מאשינען, אפגעקלינגען אין מויבעס פון ארבעטער—שוין א העלפט פון די אלטע מאטאווויליכער האט די אדמיניסטראציע פארטריבן אפן פראנט—איינציקווייז

אף זונטיק אהיים.

מאטאווילִיכבע האט מיט א שטומע שווערקייט געדריקט א געגנט נידעריקע הייזלעך. וואו נאר וואו האט א הילצערן הויז א קאפ צום צווייטן גארן פארים, צוריק מיט א פלאנדער נידעריקע הייזלעך צו ד'ערד' געזונקען. ביז מאנטיק איז ער פריי. גייט מולקע איצט אין העקדעש. שוין באלד צוויי כאדאשים דארטן נאך געווען. א ווינט האט שטיקער שניי פון אייז=גליטש געריסן. מיט שניי=וויים אף גלייבע אויסגעציגלטע ווענט פון מאטאווילִיכבע געקראכן, פון מויער=הארט אף אויסגעשינדלטע דעכער אפגעשפרונגען. אין א העפקער געלאף שניי אף ייעג אוועקגעוויט..

אין נידעריקע הייזלעך האבן מאטאווילִיכבער פייער=פלעמלעך אנגעצונד'ן.

וואו אין הייזל האט ווער א רוסיש לידל אין א פינגער=טומל ארומגעיאגט, א כריפעריי פון אנ'אלטע הארמאשקע האט זיך צונויפגעמישט מיט זידלערייַ פון אויסגעטרונקענעם שיינק—שיקער צעגאסן זיך אף שניי=פלאכן.

מולקע איז אלץ נעענטער צום העקדעש געקומען. געטראכט—אז וואלטש=ניקאוו ווייסט דאס, וואס נאר ער. נאר א סאך אנדערע פון מאטאווילִיכבער ארבע=טער ווייסן.

די פאבריקע נאכט איז וואלזשניקאוו נאר געשלאפן. דורך נאכט איבער א לאנגן בויגן פאפיר געלעגן. געלעכנט און איבערגערעכנט וויפל זייגען פאר די לעצטע דריי כאדאשים דארפס=לייט א הער אין פאבריק געקומען, וויפל האט די אדמיניסטראציע אפן פראנט פארטריבן, און וועלכע צעכן וועלן מיטן ערשטן רוף ווארפן די ארבעט.

פארטאג זייגען נאך פיר ארבעטער צו זיי אין שטיבל אריין זאלבע=זעקסט ארום טיש געזעסן. ער, מולקע איז פון שטיבל נאך ארויס. וואלזשניקאוו האט וועגן אים דערציילט—אונזערער א יאט—מעג ער בלייבן.

איינער פון די זעקס, דער, וואס איז נעבטן שפעט פון פעטראגראד געקומען. א גאנצן טאג אין פארשלאסענעם הייזל געשלאפן, איז פון זיין ארט אויפגע=שטאנען, א פעקל וואורשט פון זיין קארב אפן טיש ארויסגעלייגט.

וואורשט איז געווען איינגעוויקלט אין פאפירן, אט פון די פאפירן האט דער פעטראגראדער א נייט ארויסגעלייגט. וואורשט צוריק אין פאפירן פארוויקלט. אין קערבל פארוקט. צום באן אוועקגעאיילט. צום באן האט אים קיינער נאך באגלייט.

נאך זיין אוועקגיין, זייגען פינף ארום טיש געבליבן זיצן. וועגן א דרוק זיך געאייצעט און באשטימט: אין דער קומעדיקער נאכט דרוקן דעם אויפרוף און נאך: מארגן מאכן מיר א שנאפס אף גאנצע פינף פלעשלעך.

ווידער אין העקדעש.

מולקע איז אונטער מיר פון העקדעש געבליבן שטיין. שטיל אין העקדעש אריין.

עסטער האט א סקריפ פון מיר דערהערט, פון איר צימערל ארויס—מולקען באגעגנט.

אפן טיש:

פלעשלעך רעפועס, פראשקעס, ביכער, זייגען געלעגן פאנאנדערגעווארפן

אפן טיש, אין בעט, אונטערן בעט. א דיל איז געווען ברודיק—ווענט און בילדער פארשטויבט.

מולקע האט געקוקט אף איר אויסגעבלייכטן פאנים. א גאז איז געווען פאר־שארפט, אויגן האבן ארויסגעגלאנצט א נערוועזע גלייכגילטיקייט. — אזוי ווי דאס צימערל מיט די אלערליי פארביקע פלעשלעך, ברודיקן דיל פארשטויבטע ווענט גייט מיט איר ניט אן...

גערעדט האט עסטער וויניק, וועגן א לעבן אין מאטאוויליכע בא מולקעי פאנאנדערגעפרעגט—ניט דערפרעגט.

אריבער אף נעכאמקען און אף איר קינד ; וואס זי דארף אין גיכן געבארן. פארענדיקט אז זי קלייבט זיך צוריק אין שטאט—צום טאטן.—

פון העקדעש האט זיך געהערט א פייפיקע שנארעריי פון די געקומענע.

פון דרויסן און פון אנדער זייט לאדן האט א ווינט נאך אלץ געבילט. שטי־קער שניי אין לאדן שפאלט אריינגעשמיסן.

מולקע איז שפעט פון עסטערס צימער ארויס, א ליידיקע בעט אין דער ווייבערשער פאלאטע געפונען, ביז זונטיק פרי אף איר דערשלאפן. א זונטיק־טאג אין העקדעש פארבראכט, זיך דערוואוסט אז עסטער גייט שוין באלד צוויי וואכן ניט ארויס פון איר צימער. נעכט שלאפט זי אנגעטאנענערהייט. די געקו־מענע מיידט זי אויס.

פון שטאט איז איר טאטע דא געווען. עסטערן א היים גערופן. א אויפגע־רעגטער צוריק אין שטאט אוועקגעפארן. נאך דעם, איז עסטער ווידער איבערן העקדעש ארומגעלאפן. געקומענע טראפנס אין קראנקע אויגן אריינגעטריפט. ריצנייל אין איבערגעפירטע מאגנס אריינגעגאסן. פענכערס אייז צו הייסע קעפ צוגעלייגט און בא ענד : זיך צוריק בא זיך אין צימער פארשפארט.

מיטן העקדעש פירט איצט אן נאסטאסיא. א דאקטער פון שטאט קומט איין מאל אין וואך. לויפט אין איילעניש צווישן הילצערנע בעטן. קלאפט מיט א העמערל אין רוקן־ביין, הארכט דורך א ביינערנעם רערל, ווי סקלאפט א הארץ בא א געקומענעם. פארבייט שטענדיק איין קראנקן אף א צווייטן. לייבקע האט אלץ נאך שמאטעס אין שטאטישע מיסטקאסטנס געקליבן, באנאכט וועגן אפגע־שניטענעם פום געבאלעמט. עסטערן טריט געהיט. נעכאמקעס בויך האט ארויס־געשפארט. גאנצע טעג האט זי ווינדעלעך פון אנ׳אלטער העמד געגייט, געגייט און געציילט טעג ווען זי וועט א קינד געבארן. דער ניי־געקומענער איז אין איינעם אנ׳אוונט פון העקדעש אוועק און מער צוריק ניט געקומען. א הייטל האט לייעס אויגן פארצויגן, זיי איינגאנצן בלינד געמאכט. מולקען ניט געזען, מיט די הענט באטאפט. איר גראען קאפ געשאקלט : ארבעטסטו אין פאבריק און ווען וועסטו נאך א מאל קומען ?... די פראגע האט לייע געשטעלט ניט מולקען. געפרעגט גלאט אזוי : אין העקדעש אריין.

מולקע האט אנגעקוקט פארצויגענע אויגן, וואס זיינען איר אלץ טיפער אין א שטערן געקראכן. אף אויסגעדארטע פלייצעס איז איר א דורכגעלעבט לעבן געזעסן, זי צו דער ערד געבויגן.

לייע האט א האפענונג אין אויסגעניצטן הארץ געטראגן. אין קאלטע טעפ־לושקעס איבער שטעט און דערפער זי דורכגעפירט : מיט מולקען פארן קיין

אמעריקע צו עטקען.

איצט האבן אויגן בלינד געמאכט איר האפנונג. זי דורך א ווינטערלינג אויסגעווייגט.

ליגט זי אפן העקדעש בעט, באטאפט מיט ציטערדיקע הענט מולקען און טראכט:

— מיט בלינדע אויגן וועט מען אין אמעריקע ניט ארײנלאזן? א, מולקע! מולקע וויל איר וואס זאגן, ווערן ווערטער בא אים דערווארגן אין האלדז. זיצט ער א שא און צוויי אף איר ברעג בעט. שווייגט. פאלט אן נאכט אפן העקדעש. פאלט אן פלוצים און פון אלע זייטן. רינגלט אים ארום.

מולקע הויבט זיך פון לייעם בעטל אויף. ווארפט אף זיך אן זיין מאנטל. לייע האט איינגעדרעמלט. וועקט ער זי פון שלאף ניט אויף.

עסטער האט א גאנצן טאג מולקען געוואלט וואס זאגן. געוואלט און ניט געזאגט. געזעגנט זיך קאלט.

נעכאמקע איז מולקען ביז ווייט אין וועג נאכגעגאנגען. א נאמען פארן ניט געבארן קינד געמאנט... אז א כאסענע וועט דער קאזיאנער ראוו איר קינד אין קיין מעטרעק=בוך ניט פארשרייבן.

מולקע האט אויסגעהערט א מאיסע וועגן א נאמען פאר קינד. זיך געלאנגעווייליגט מיט נעכאמקעס אים נאכגיין. אף אלין צוגעשאקלט מיטן קאפ. בלינדע אויגן פון לייען זיין האבן האריץ צענויפגעקוועטשט, ווײ געטאן ווי פינגער אין א טיר=שפאלט פארקוועטשט. איז ער אנטקעגן נעכאמקען שטיין געבליבן. אין די אויגן ארײנגעקוקט.

נעכאמקעס אויגן האבן אפן שנײ=ווײס אפגעפינקלט מיט אזא הינטישע מוירע פאר א שטוים, אז מולקען איז שטארק פון איר ניט גוט געווארן. אזוי ניט טראכטנדיק, באשטימט:

— אין צוויי וואכן ארום וועט בא אונז זיין כאסענע. איצט גיי פון מיר אוועק.

מולקע האט א ווײלע געקוקט, ווי נעכאמקע איז צוריק אין העקדעש געגאנגען. געגאנגען גיך, אונטערגעשפרינגען, ווי זי וואלט מוירע געהאט, ער זאל זיינע ווערטער צוריק ניט צונעמען.

א פליישיקע קווייכקייט האט פון אונטער איר פאריסענע קלייד ארויסגעשפארט. מולקען העקדעש נעבעט דערמאנט.

מולקע איז ווייטער אפן וועג צו וואלעזשניקאווס הייזל געטראטן.

אליין ניט באמערקנדיק א רעכענונג גערכענט.—אז איין נעכאמקעס פוס וועגט מער ווי די גאנצע עסטער צייטלין.

מולקע האט זיך פון אזא רעכענונג דערפרייט, זיך הויך פאנאדערגעלאכט. א לאכנדיקער אין הייזל ארײן.

וואלעזשניקאוו האט א קארעק פון א נײ פלעשל ברען=ספירט געשלעפט. א בלא=פליסיקייט אין גלעזער צעגאסן. מולקען דערזען: גוט! פון פיר גלעזלעך צו ביסלעך בראנפן אפגעגאסן—מולקען א פולע גלאז. אלע, מיט איין זופ, פינף גלעזער ליידיק געמאכט.

אפן טיש: צוויי טעפ בולבע, זויערע אוגערקעס. פעלט נאך בראנפן.

מולקע אף פלייצעס זיין מאנטל אנגעווארפן. אז א הימל אין שיינק געלאפן. פון דארטן נאך א פלעשל בראנפן געבראכט. פינף פלעשלעך האבן זיך געוואלגערט

אונטערן טיש. גלעזער זיינען געווען פארצויגן מיט א גרין הייטל פון אויסגע־טרונקענעם ברען־ספירט.

בעוורע האבן זיך אף צוויי בעטלער צעצויגן. גיט געלעגן, ניט געזעסן, אזוי מיט קאפ אז וואנט אנגעשפארט. געהאנגען. פאר מולקעם קומען וועגן אלץ שוין אפגערעדט...

רוקט מען זיך צענויף, אלע ארום איין בעטל. פון אויסגעטרונקענעם ספירט איז איבלדיק אין מויל, שווער אין קאפ. ווילן בעוורע א שטילקייט פארזינגען. רייסן זיך לידער—איידער מ'הויבט נאך אן זיי צו זינגען. וואלעזשניקאוו צו מולקען צוגעשטאנען: Затягивай по твоему

בריפעט מולקע פון זיך ארויס א ליד, מיט וועלכע לייע פלעגט א זאק־מא־שין ארומטרייבן. פיר הייזעריקע שטימען כאפן א לידל אונטער. פלעכטן זיך פינף שטימען און ציען אין אנגערויכערטן צימער ארויס.

שאלויפן שאיאגן שווארצענע וואלקנס.
און ס'וואיעט א ווינט.

אפגעריסן. א צווייטע ליד. און וואס ווייטער, אלץ שטארקער רייסן זיך שווארצע וואלקנס אין רוסישער ברייטער וואלגע אריין...

פילן בעוורע, ווי אין וועגט פון קליינעם צימער, אנטקעגן שטיינערנער מא־מאווילינבע שווימט א טייך וואלגע מיט פליטן און הענדזשיקעס. איז וואלגע א בוואלעדיקע. טרייבן בעוורע איר ברייט, איר טיף, איר יוגנט קראפט

מיט אויסגעגיכטערטע קלאנגען, אינאיינעם געפלאכטן.
איז ווייניק:
שפרינגט מען פון בעט.
איז איינג.

שלעפט מען טיש אף בעט, אף קאפ געשטעלט. בלייבן זיי דערשראקן שטייען געטוליעט איינס צום צווייטן אין א ווינקל צימער.

בריפעט אנ'אלטע הארמאשקע, אין איינעמס פינגער טומל:

— הייראלויי, הייראלויי, הייראלויי, היידע.

וואלעזשניקאוו פון ארט זיך אפגעריסן:

א קאפ צו ערד און צו פוס לאף געבויגן. שליינגלט א קערפער ברייט־לייגג און ארום. מיט פיס טראט געהאמערט דורך ברודיקע ברעטער א ערד קאפ מיט שטיוול א נייעם דערציילט.

מולקע אנטקעגן, מיט אויגן פארקרימטע דורך דאך און צו כמארע, הענט פארווארפן אין ברייט, אין ווייט. פלאקסענע קאפ אין הייגגלער צעשויבערט. דרייט זיך אין העפקער־געדריי.

בלייבט מען פארמאטערט ליגן אין ווינקל צימער אף בעטן.

פינף פלעשלער בראנפן האט קיינעם שיקער ניט געמאכט. געדיינקען אלע—מארגן פרי וועלן זיי דארפן א נייעם אף ווענט פון מאטאווילינבער פאבריקן קלעפן.

בלייבן זיי נעכטיקן בא וואלעזשניקאוון אין הייזל.

וואלעזשניקאוו פארוקט אין בוזעם־קעשענע א פארשריבענעם בויגן פאפיר. פארשווינדט פון דער אנדער זייט טיר—אפן וועג צו מאטאווילינבער דרוק.

געשעענישן.

אין דרוק.

דרוקער אין דרוק אויסגעדרוקט אין נאכט-ליינג מיט בלייהארט אפגעשטעמפלט א רעכענונג.

א צווייטן רעכענונג האט אין דרוק געבראכט ניט דער פארוואלטער. וואלעזשניקאוו. אריין דורך דער הינטער טיר. פון בוזעם קעשענע ארויסגעוויקלט א פארשריבענעם בויגן פאפיר.

דרוקער האבן א הארמאטן-רעכענונג פון רעמלעך ארויסגעווארפן. אין אייזערנע רעמלעך נייעם זאץ געקליבן.

אם צו אם—שורעם אויסגעבויט.

פארטאג אף מאטאווילעכער ווענט א אויפרוף אויפגערופן.

בלעטער פון הויפט-שטאט, זיינען אהער געקומען אפן דריטן טאג.

דעבאטן אין דומע—א אפגעמעקטער פלאך. ליידיק. מאטאווילעכער אין קופקעס זיך געקליבן א ווייסן ליידיקן פלאך געליינט. אז ווערטער פארשטאנען— ס'הויבט זיך אן!..

אפן מארק.

וואלגערן זיך אידן צעטיילט און אין קופקעס. אין מיט און צווישן הילצערנע ביידלעך פון שטאטיש; שטאט-מארק.

האט ווער א גרינווערעמדיקע נייס אין בויך פון א היגער צייטונג אריינגעשפריצט. א נייס אין גאס שפאלטן, אין מארק-טומל אריינגעשריגן.

ווער זיינען זיי?

אזוי איז א פראגע אין צייטונג-שפאלט געלעגן און ווערעם-פיסלעך האבן רעכטס-לינקס און פון אונטער דער פראגע אן ענטפער געקריצט:

אידן זיינען פון שטעט און שטעטלעך. וועלכע גרענעצן זיך מיט דייטשלאנד.

ווען דאס גאנצע פאלק, דאס רוסישע גיסט בלוט—פאר פאטערלאנד!

פארן קייסער!

האבן אידן אין יענעם גרענעץ-שטעטל דראטן פון פעטראגראד — אין בערלין אין הויפט שטאט פון

אפן הויף פון עקדעש.

שטייען טאטערן ביז שפעט אין ווינטער-נאכט אין קראנקע רייען אויסגעשטעלט. א דאקטער ברענט אליין נאך דינע שפיזלעך אף א בלאען-גאזע-פלעמל. שווינקט זיי אין א פליסיקייט. שטעכט נאדלען אין קראנקע לייבער אריין.

איז איינער א פויער פון פעטראגראד די לעצטע טעג געקומען. געבראכט מיט זיך, וואס אלע אנדערע—א קראנקייט און א כויז איר א ביכל אין ארבל פון שינעל אריינגענייט, פון אים פאר די קראנקע רייען פארגעלייגט.

— א קראנקייט סיפילים האט פיאטער דער גרויסער אין רוסלאנד פארטראגן.

און נאך:

פירשטן-יונגע, קרעפטיקע מיט בלוט אין אדערן—א בראנד.

דערפער געבעטלט. ערד געריסן— האבן קייסערינים געטיילט:

מיילן-ערד.

דייטשלאנד, דורך דרערד געצויגן.
איז א רוסישער קייסער בארעמ=הארציק: אין טייך זיי גיט געטריבן!
שטערן=ביינער — גיט דורכגעלע=כערט!!
אין האריץ פון רוסלאנד—אף או=ראל זיי וואוינרעכט געגעבן.
אוראלער עמעסע קריסטן זייט אף דער וואך!
— אידן זיינען פייאיק אף אלץ!!...

טויזנטער קעפ — פאר א הייסער נאכט.
אויסגעקוקשט ווי בעטלער ארויס=געטריבן מיט טארבעס גאלד פון אוראלער דערפער אויסגעאקערט.
אזוי האט איינער פון די צוריק=געקומענע פויערים אין א רויט טא=וולדיקן ביכל געליינט. טאטערן זיי=נען פון קראנקע רייען ארויס ארום אים אין רעדלעך זיך געקליבן.
א מייסע וועגן ערד, סיפילים און קיימארים פארנומען, אויסגעמאטער=טע פערד אין שליטנס געשפאנט. צו=ריק צו זיך אין דערפער אוועקגע=שמיסן,—אף ווייטע אוראלער וועגן.
אין באשקירער סטעפן א איבעם צעטל פון סיפילים פארשפרייט.

אזוי האט דער גובערנאטאר געזאגט.

קוקן אויגן=פינטלען אף בלייכע פלעמלעך פון פרייטיק=צונאכטיקע ליכט שנירלעך ציין=טרייסל קלינגען. ווי קופערנע גראשנס אין שטאטישע צדאקע=פושקעס

צייכן קרעמער צענערלעך מיט אדלער=גלאנץ. מיט זילבער=קלונג. לייגן איינס אף צווייטן. שלעפן פון אלטע פארגרינטע סורדוטלעך שאבעסדיקע נאז=טיכער. בינדן איין אין זיי קניפלעך.—הארטע רונד געדרייטע. פאררוקן געלט טיף אין בוזעם.—פארשוואונדן אין נאכט=פינסטערניש.

האט זיך נאכט אין מיט פון צוויי טעג פארשרייט. א טויטן פעווראל פון זיבעצענטן יאר איבער דעכער ארומגעשלעפט. אף שטיינערנעם ברוק פון גאסן פעווראל געלאזן ליגן.

א כאפטע ווינטן האבן א פארצייטיקע רעכענונג מיט גראע בערג געפירט. בינטלעך שניי פון גראע בערג געריסן, איבער שטאט אוועק.

די אידישע שול האבן אין דער שטאט קינדער פון ניקאלייעווער סאלדאטן געבויט. א שול נאך זיך נאך אויסגעבויט.—ווענט—אייזנבעטאניקע.

א כויץ א שול, האבן זיי אף ראגן פון אוראלער שטאט טויערן אויפגעשטעלט הויכע פינפגארנדיקע.

אף ברייטע פלייצעס רוסישע האלב=פעלצלעך געטראגן, מיט ניזשנע, אמסק, יעקאטערינבורג א האנדל געפירט.— זיכער אף זיך און וועלט געקוקט.

זיצן זיי אין א פרייטיק=צונאכט אף זייער אייגן=געבויטער בימע און פירן

צווישן זיך א שמועס: די געקומענע האבן אונז אומגליקלעך געמאכט. קיינמאל דא אין געגנט פון פאגראמען ניט געהערט. מ'וועט זיי דארפן נאכן טומל צוריק אין ליטע און פוילן אוועקשיקן—דורכן קאמיטעט....

רופט איינער פון זיי אויס:

די זיצונג פון דער אידישער געמיינדע איז געעפנט.

דערשרעקן זיך געקומענע פאר א גראבע שטים מיט רוסישע ווערטער.

שטופן זיי איינער דעם צווייטן פון אויבן פון בימע—בלייבן דערשראקן זיצן אף מירמל-טרעפלעך

די פארשטייער פון דער אידישער געמיינדע זיינען היינט באם גובערנאטאר געווען. ציט מען אויס לאנג אויסגעדארטע העלזער. שטעלט אן פארלייגטע אויערן און מ'הערט:

— קיין פאגראם וועט ניט זיין, אזוי האט דער גובערנאטאר געזאגט.

רוקן געקומענע קרעמער הענט צו זיך אין בוזעמער. שלעפן פון דארטן ארויס שאבעסדיקע נאז-טיכער. שיטן פון זיי ארויס גאלד-פינקלדיקע צענער-לעך. פארן גובערנאטאר, בלייבן צוטומלט, שטייען בא טרעפ פון בימע.

א נויטיקע באמערקונג.

א בוץ קרעמער זיינען אין דער אוראלער שטאט עטלעכע הונדערט אידישע ארבעטער געקומען, זיינען זיי צוזייט און פאנאנדערגעווארפן איבער קליינע ווערק-שטאטן פון גארער שטאט.

איז איינער פון זיי אין א פרייטיק-טאג איבער ווערקשטאטן ארומגעגאנ-גען—אנגעזאגט:

היינט עלף באנאכט—אין ביבליאטעק. פון פעטראגראד גייט.

— ווער וועט ריידן? —

וואלעזשניקאוו און מולקע—פון מאטאוויליכע.

ציען זיך ארבעטער-יונגען פון אלע עקן שטאט א הער אין ביבליאטעק

שטייען באם טויער פון גרינגעפארבענער ביבליאטעק מיידלעך צוויי-קורצ-געשוירענע.

פאראל?

— מאטאוויליכע.

שלייכן זיך יונגען דורך נאכט-פינסטערניש פארביי א באלויכטענע שול טרעטן מיט געאיילטע טריט א שניי-ווייסקייט אין שלאף פארנורעט

באגלייטן זיי פייערלעך פון לעצטע שטאטישע הייזלעך אין נאכט געשיקטע. צען טריט ווייטער שפרייט זיך א פעלד אין ווייסקייט פארלארן. האט א נייט קעפ פארשיקערט. הערצער צעשרויפט. א גייט.

שטייט מאטאוויליכע-צווייקעפיקע, צו שטאט און דערפער אויסגעדרייט.

שרייט ארויס דורך פירקאנטיקע קוימנס פון בלעכענע קעפ ארויסגעקרא-בענע. —

— היי, היי, אהער! — היינט טוילט מאטאוויליכע ביקסן — אליין גע-מאכט—אליין פארנוצן.

געשעענישן נאך פעווראל.

דער שפיטאל האט פון פיר זייטן געברענט. שטיקער פייער זיינען אין

נאסן שנײ אריין. א נײ־אויסגעשײנדלטן דאך געריכערט. װענט געצונדן. אין מיט פון הויף האט זיך ארומגעוואלגערט א געל־פארראסטער שילד. באוויזן אונ־טער א געלקייט א ווארט „Венери“ די אינעריקע ווערטער זיינען געוועזן פון פייער־פלאם אויסגעלעקט.

זעקס באדאשים, טאג נאך טאג דא אפן העקדעש־הויף אין קראנקע רייען געשטאנען. א קראנקייט געהיילט, ניט אויסגעהיילט. אין א ווייט פארוואַרפענעם דערפל באם שוועל פון באשקירער טייגעס א ווייב מיט ערד געלאזן. שוין באלד דריי יאר ניט געזען.

ווייל א טאטער ניט ברייגנען א יונגער ווייב סיפילים פון ווייטע שטעט אין וועגן וואלגערט ער זיך שוין באלד זעקס באדאשים אין פאדער־צימער פון שפי־טאל. געדולד געפלאצט. א שפיטאל פון פיר זייטן געצונדן, אונטערגעצונדן פון העקדעש־הויף. אין אוראלער שטאט אוועק, אוועק און זיך דערפרעגט:

אין מויער פון גובערנאטאר—א סאוועט.—אין סאוועט—מאטאווילימער.

פאר מאטאווילימער ארבעטער מיט אויסגעקערטע אויגן געשטאנען. גע־וואלט א געדאנקען־פלאנטער אויסריידן. ניט געקאנט. אף דרערד געפאלן. קאפ אן שטיינער־הארט פון גובערנאטארס דיל געשלאגן.

נעכאמקע.

נעכאמקע האט א בריוו פון איר געהארגעטן מאן בעקומען—אויסגעלייענט:

טייערע ווייב!

איך ווארט אף דיר אין מינסק. אין מינסק פון דייטשישן געפאנגען־לאגער געזונטערהייט געקומען.

נעכאמקע האט פון פריער א טויט, קינד געבארן. פאר אנגעקליבענע אין העקדעש געלט זיך א נײ־קלייד אויפגענייט. קינדער־וויקעלעך אף נאז־טיכלעך צוריק צעשניטן. אוועקגעפארן צו איר געטרייען מאן—אין מינסק.

לייבקע.

לייבקע איז גאנצע טעג מיט אינוואלידן אף א אוטאמאביל ארומגעפארן. אפן אוטאמאביל—א רויטער פלאקאט אף צוויי קוליעס פארצווינגן: נידער מיט קערענסקין—זאלן לעבן די ראטן!!...

דער סאף פון עסטער צייטלין.

עסטער צייטלין איז שוין צוריק באם טאטן געוועזן. גאנצע טעג געטראכט—צי זי האט ליב געהאט מולקן? באשטימט—פארשרייבן זיך אין איינער פון די נייען אידישע פארטייען, וועלכע האבן איצט מיט רוסישע, אידישע, העברעי־אישע אויפרופן ארויסגעשריען פון אוראלער ווענט.

מולקע איז שוין אין מאטאווילימע ניט געוועזן. איגאיינעם מיט וואלעזשני־קאוו אין איזשעווסקער פאבריק אוועקגעפארן.

וואלעזשניקאוו—ווייל דער קרייז־קאמיטעט האט אזוי באשטימט.

מולקע—ווייל א גאיאקער בלאטער איז געבארן געווארן אף וואלגער.

דער העקדעש פארט שטימען.

און איינעם א פרימארגן האבן די געקומענע אפן הויף דערזען דריי פורן, דערשראקענע צו פענסטער־שויבן צוגעפאלן—אין זיי ארייננעקוקט.

אין העקדעש איז אריין א הויכער באכער מיט לייגגלעכע האר אונטער א ברייטן קאפעליוש פארשארט. מיט א שטארק־ערנסטן פאנים—צונויפגערופן די געקומענע אין איין פאלאטע. אליין אף א שמאלן טישל ארויף—מיט אויסגע־שטרעקטע הענט געבליבן אף אים שטיין אין מיט פון העקדעש.

געקומענע האבן אף א רוף פון א פאנאנדערגערעדטן רעדנער צום קאמף און וואלן, זיך טיפער אין באלע־וואטאווע קאלדרעס איינגענורעט. געבליבן זיצן אף הילצערנע בעטלעך מיט שטרוי־זעק באדעקטע.

דער שטאטישער רעדנער איז, ווי געליימט געבליבן שטיין אפן שמאלן טישל, געוואלט וואס ווייטער ריידן. ניט געוואוסט וואס...

די איינוואוינער פון העקדעש האבן א שטאטישן רעדנער ווי אנ'אלט באקאנטן די אויסגעצוצטע הערצער באוויזן—אין אים ארייננעהוסט.

דער רעדנער האט פון פעקלעך רייד אין הוסט פארוויקלט פארשטאנען— אז ער האט אומזיסט א שא וועגן רעוואלוציע און אידישע אווטאנאמיע גערעדט. צוריק אפן טיש ארויף קורץ־דערקלערט:

— דער צעטל נומער 5, וועט אייך צוריק אהיים ברייננען,—אייערע אפ־געברענטע הייזער אויפשטעלן!

די געקומענע זייגען גיך פון זייערע בעטלעך אויפגעשפרונגען. אף אויסגע־גוצטע לייבער שמאטעס אנגעווארפן. גלייך מיטן רעדנער פון העקדעש ארויס, זיך צוזעצט ווי מעכוטאנים אין דריי ברייטע פורן—אוועקגעפארן שטימען פארן צעטל נומער 5.

דאניעל מייעראוויטש.

מאסקווע—סטארעניקאלסק 22—23 יאר.

ל. רעזניק.

*

שטייט א שטעטל א צעשראקנס
אף מיר מיט ציילעם אינם קאלוואראט פארלאזט,
און געטעלע אף ציילעם נאר א קויטיק פארטוכל פארמאנט,
און איך — א רויטינק שערבל גלאז.

האב איך ווענן אויסקוקערס צעשיקט —
אף אויסקוקן און זען,
זיינען זיי פארלאפן אינדערפרעמד.

שטייט א שטעטל א צעשראקנס
מיט קאלוואראט צעעפנטן,
און ווארט.
טאמער איז אן עמעס,
אז ניט גוטע לאקערן,
און ניט גוטע מאכן כויזעק
פון מיר מיט געטעלע,
וואס אף דער וואך.

זיינען מיינע ווענן שוין געפאנגען,
אייננעפלאנטעטע אין זומערכ גרינעם גאלד.

זאל איך נעמען האקן אפגעטל
צעפיאלעטן אף שטאנג,
זאל צעהאקן שטעטלם געטעלע פון האלץ, —
אדער אנצילעווען רויטן שערבל גלאז
אף אנקומערס פארנאכטיקע.
וועט צופאלן וועט נאכט,
און ציטערן אין טונקל פארטוכל
פון ציילעם אף דער וואך?

*

זון איז היינט אויפגעגאן פארן פארנייון,
איז טונקל פארקויקלט א טונקעלער טאג.
אין פארנאכטיקן גאלד איך בין איינער אליין,
אין צעגאסענעם גאלד — א דערטרונקענער טאג.

מיט פלויט און מיט גארטן פארוואגלט אין פעלד.
איז אלעמענס פעלד, און ס'איז קיינער ניטא.
און דער וואס האט סלופעס אף וועגן צעשטעלט,
האט צעשטעלט, און אוועק מיטן וועג און ניטא.

פארנאכט ווערט פארלאשן אין פארביקער פרייד.
זאל געבענשט זיין דיין קומען אין אלעמענס פעלד.
מיט יונגן דערשרעק און מיט יונגן זיין גרייט
מירן ביידע זיך קושן אין ליכטיקער קעלט.

ל. רעזניק

א. קושניראוו.

*

ווייל אומרואיק ברומט ערגעץ ווינט,
און האלבנאכט האט פענסטער פארפלייצט און פארשווייגקט שוין —
אף וויטן געוויין פון א קינד
שטרייננט אן זיך מיין הארבסטיקע ביינקשאפט.

נו וואס האסטו, מיין הארץ, זיך צעברויזט,
ווי ס'וואלט פינסטערע נאכטישע מיט
דיך באהעלט מיט אן אפשיין פון פייערן...
און עפשער גאר ווייזט זיך דיר אויס,
עפשער האסטו ניט מער, ווי א ציטער פארהיט
פון אמאל, פון אמאל פון פאר צוויי צי פאר דריי-יארן.

ערגעץ וואקלען זיך וועלטן אף פינסטערער טיף.
און צו ערד איז געפאלן א שטערן...
נאר דו ווייסט דען, ווי לאנג האט דורך אפגרונט געטריפט
אט דער ליכטיק צעשאטענער פערל.

וואס ווייסטו פון קינדערשן וויטן געוויין,
וואס טריפט, ווי א שטערן אין האלבנאכט,
ווען נאכט האט אי זינגען, אי פענסטער פארשווייגקט.
און אף אומרו, און וואך־זיין געזאלבט דיך.

א. קושניראוו.

נ. אויסלענדער.

„1919"*)

פאראן אזעלכע דיכטער: זייער וועג ציט דורכאויס דורך דעם לעבנשטייגער.

זייער קינסטלעריש באוואוסטזיין אריענטירט זיך נאר מיט דער הילף פון לעבנשטייגער=דערשיינונגען. און אויך זייער לירישע באגייסטערונג פליסט פון די דאזיקע דערשיינונגען, אין וועלכע עס איז אלעמאל פאראן סיי די מעגלעכקייט, סיי דער בוילעטער פלאן פון א קינסטלערישער פארקערפערונג.

אונזער ל. קוויטקא געהערט בעלי ספק צו דעם ארט דיכטער. א דיכטער, וואס האט נאך אין זיין ערשטן בוך „טריט" באוויזן זיין צובונד צום לעבנשטייגער=בילד און צום „פראסטן מיטוואך"—האט קוויטקא אויך אין זיינע רעוואלוציע=ווערק („אין רויטן שטורם" און „1919") ניט געוואלט אפטרעטן פון זיין פעסט=אנגעצייכנטן דיכטער=וועג.

עמעס, אין דער שוואכער פאעמע „אין רויטן שטורם", איז נאך פאראן מער אנטיילנעמער איידער דיכטער. אבער דער דיכטער=וועג איז דערזעלבער, ווי אין בוך „1919": דורך דעם לעבנשטייגער=בילד, דורך דעם „פראסטן מיטוואך" און דורך די אוממיטלבארע איינדרוקן פון א דיכטער, אן אנטיילנעמער און דאס האט, אפאנים, געשאפן די אינערלעכע גאנצקייט פון אט דעם נייעם בוך.

דעם בוך „1919" איז געווים באשערט צו זיין א שטענדיקער אביעקט פון פארגלייכן און אנאלאגיעס. דערויף האט דאך דאס דאזיקע בוך צו טאן מיט א פאגראם=טעמע, צו וועלכער עס ציען זיך אזויפיל דיכטער מיט און אן דיכטערישער איניציאטיוו. אבער וועגן קוויטקאס בוך מוז מען פון טבילעס אן זאגן: דא האט די אייגענע איניציאטיוו קימאט איבערבאשאפן דעם וועזן פון דער פאגראם=טעמע.

די פאגראם=טעמע איז פריער פאר אלץ א טעמע. ווי יעדער טעמע, קאן זי פירן און זי קאן פראוואצירן.

ביז קוויטקאן, איז די נייע דיכטונג אונזערע, נאר פראוואצירט געווארן דורך דער פאגראם=טעמע

לעיעלעס מיט זיין „ליד פון הונדערט" און מארקיש מיט זיין „קופע", זיינען אין דער דאזיקער טעמע געשטרויכלט געווארן דורך ליטעראטור, דורך שריפטשטעלערישער פאזע. בא מארקישן האט די שלעכטע שריפטשטעלערישע פאזע אונטערגעריסן דעם גרויסן סכום קינסטלערישע שילדערונגען, וועלכע זיינען געווים אין דער „קופע" דאס בעסטע. בא לעיעלעסן האט עס געהאט אראפצורייסן סיידן בלויז דאס „ליכט שעבעליכט" פון קונסטלאזער מעליצע.

אבער ביידע האבן זיי אפאנים ניט בארעכנט יענעם געווים פערעץ=זאץ, וואס

*) לייב קוויטקא. 1919. (ליטעראַרישער פארלאג, בערלין, 1923).

וועט פאר דעם שריפטשטעלערישן צוגאנג געווים פארבלייבן אלעמאל גילטיק:
—„צוליב פאגראמען"—האט פערעץ אמאל געשריבן—וועלן מיר אונזער וועלט־אנשויאונג שוין ניט בייטן"...די נאאיווע שריפטשטעלערישע פאזע פון דער „קופע" און פון דער „ליד פון הונדערט"...האט דעם דאזיקן זאץ געוואלט אנולירן, איז זי אבער אליין אנולירט געווארן.
ניט בעסער איז עס געווען מיט ה. לייוויקס צוגאנג צו דער פאגראם־טעמע. דא איז שוין געווען וויניקער פאזע, מער קינסטלערישער טאקט... אבער ניט מער קונסט. אין לייוויקס פאגראם־טעמע ליגט אזא גערדיכטער שטויב פון „נאציאנאלע באטראכטונגען", אז אונטער זיי פארגעסט מען נאר קוים־קוים דעם דיכטערישן אטעם
דערפאר פארבלייבט ה. לייוויק נאר בא גוט־פארמאסטענע עקזערסיסן אף דער פאגראם־טעמע.
אזא גרויליקע טעמע און נאר עקזערסיסן....
לייב קוויטקא איז דערוויל דער ערשטער צווישן די יונגע דיכטער אונזערע, ווער עס האט געפונען צו דער פאגראם־טעמע דעם ערשטן דיכטערישן צוגאנג: דורך זיך, דורך דעם אנטיילנעמער אין זיך און דורך דאס „געוויינלעכע" פון לעבנשטייגער־בילד
לייב קוויטקא האט געווים גוט געטאן, וואס ער האט דאס בוך באפרייט פונם טיטל „פאלק", וועלכע אייניקע פאגראם־לידער האבן געטראגן אין צווייטן „אייגנס"
דעריז, קאן זיין, איז די קראפט פון דעם דאזיקן בוך, וואס אין אים איז ניטא „פאלק".
פאראן דא עפשער „האמוין"—קוויטקאס „געזונטער פאטער" („טריט")—אבער דאס איז ניט קיין באגריף, דאס איז א געשטאלט, א מאסן־געשטאלט.
אזא מאסן־געשטאלט שטייט אפטמאל אין הינטערגרונט פון קוויטקאס בוך, ווייל אויך די איבערלעבונג איז אפטמאל אפן גראד פון א מאסן־איבערלעבונג. אבער ווי וויניק האט עס צו טאן מיט יענער טראדיציאנעלער פארפלאכונג פון דעם קינסטלערישן אביעקט, וועלכעס מיר באגעגענען אין דעם סאכאקל־באגריף: „פאלק".
אין קוויטקאס אנטיילנעמער־איבערלעבונג, וואס איז אפטמאל נאר א מאסן־איבערלעבונג, ווערן אלע פאגראם־דעטאלן אויפגעזאמלט ניט ווי דאקומענטן, נאר ווי קינסטלערישע קאליזיעס. און דערפאר טאקע איז קוויטקאס בוך ניט קיין דיינקמאל, האגאם עס איז אפטמאל מאנומענטאל: דא לעבט א געשטאלט, די קוויטקא־געשטאלט.
אבער דער וועג צו דער פאגראם־טעמע דורך זיך,—באדייט אויך דעם וועג דורך דער קינסטלערישער פארקערפערונג. און קוויטקא האט די פארקערפערונג געפונען:

— שפאנט ארום א טויטע טויבעניש,
מאלט און פארבט מיט טויטער טויבעניש,
מיט בלוטיק טויבעניש
אין מיין אינוועלט, אין מיין אויסוועלט. (83)

אט די „פארבן" האבן עס אוועקגעשטעלט קוויטקאס בוך אף אזא אפגע־

זונדערט אַרט אינמיטן אונזער גאַנצער פּאַגראָם־ליטעראַטור. וואָרום אַ דאַנק די „פּאַרבן" האָט זיך אין דער פּאַגראָם־ליד געלאָזט וויסן אַ דיכטערישע „אינוועלט".

עס איז גוויס גוויסיק געווען, אַז אַ גאַנצער דאָר אידישע קונסט זאָל אַוועקגיין פון דער היסטאָרישער אַרענע, קעדיי אין דער פּאַגראָם־ליד זאָל, אַנשטאָט דעם ביאַליקישן אויסרוף־צייכן, וואָס איז געווענדעט צו דער „אויסוועלט", אַריינגע־טראָגן ווערן דער פראַגע־צייכן, וואָס דרינגט אַריין אין זיך, אין דער דיכטערי־שער „אינוועלט"...

ווי אַרים איז דער אויסרוף־צייכן אין דער פּאַגראָם־ליד!

אין קוויטקאָס בוך איז דער פראַגעצייכן געווענדט אין זיך, ער דרינגט אַריין אין דער טיף פון דעם מאַרע־שכוירע־געפיל, אָבער קוויטקאַ איז פריי אויך פון יענעם קריינקלעכן נייגיר צו שוידער, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַזוי אייניקע דיכ־טער פון אונזער צייט. אין קוויטקאָס געמיט לעבט אַן אַנגעברייטקייט צו טראַגישע איבערלעבונגען. ער נעמט זיי אַריין אין זיך דורך דעם שווינדל־טאַנץ פון „פּכאַ־דים", דורך דער „קלאַלעשער פויק" פון „מיסע מעשונע"—אָבער פאַרמאָגן די אַנגעברייטקייט צו טראַגישע איבערלעבונגען, הייסט פאַרמאָגן אויך יענע „אַקשן־קראַפט", וואָס ווערט ניט געבראָכן אין דעם שווינדל־טאַנץ פון גרויליקע עפּיזאָדן.

און קוויטקאַ האָט די דאָזיקע „אַקשן־קראַפט" אין זיך געפונען.

מעגן לויט דערויף פאַרשפּיצן זייערע פּסיכאָלאָגישע האַשאָרעס, אַ פאַקט איז עס דאָך: אין קוויטקאָס „אינוועלט" האָט זיך די פּאַגראָם־טעמע בעגעגנט מיט אַזאַ אַנגעברייטקייט צו טראַגישע איבערלעבונגען, אַז דאָ האָט יאָ געקענט אויפבליצן דאָס צאַרטע וואָרט, דער יונגטלעכער בוויג פון געפיל, יענער „שיקערל אַ לייכטער", וואָס איז נאָך אין בוך „טריט" געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר קוויטקאַ:

און דערפאַר איז עס געשען: אַנשטאָט אַ הוילער ליטעראַרישער טעמע האָבן מיר באַקומען אַ קונסט־ווערק, אַנשטאָט אַ פּאַגראָם־דיינקמאָל, האָבן מיר באַקומען אַן עפּאָפּייע פון טראַגיש־יונגטלעכע איבערלעבונגען, וואָס וואַרפט אויף דער פּאַגראָם־טעמע גאָר אַ נייע שיין.

עס איז אַמאָל פאַרגעוואָרפן געוואָרן דער ליטעראַטור, אַז „אַלע ביכער באַנפּענען דעם מענטשן". וועגן קוויטקאָס בוך לאָזט זיך עס געוויס ניט זאָגן. דורך די שווערסטע קאַליזיעס, דורך ווידערווילן צו זיך, דורך גרויל און „טויטער מויבעניש" האָט קוויטקאַ דורכגעטראָגן יענע „אַקשן־קראַפט",

— וואָס טראָגט דעם בליענדיקן בעכער
דורך פייער און דורך בלוט....

(אשער שוואַרצמאַן)

אָבער צום געבאָט, ניט שרייבן קיין ביכער, וואָס „כאַנפּענען" דעם מענטשן, האָט קוויטקאַ צוגעגעבן נאָך זיין „פּאַטער"—דעם „האָמוינס" אַ געבאָט—ניט „כאַנפּענען" דער קונסט....

און אין אונזער צייט, ווען אַזוי אָפט ווערט דער קונסט „געכאַנפּעט", ווען אַזוי אָפט ווערט אין דער קונסט אַריינגעבראַכט די פּאָזע,—אַזוי אַנגעלייגט איז איצט די איינפאַכקייט פון אָט דעם וויפולן און קראַפטפולן בוך. און איז עס דען אַ וואונדער, וואָס די אייצלנע שוואַכע לידער פון צווייטן טייל בוך קאָנען ניט צעשטערן דעם אַלגעמיינעם איינדרוק פון בוך „1919"?

דער וועג דורך דעם לעבנשטייגער=בילד האט אין דעם בוך געבראכט מיט זיך צום ערשטן מאל בא קוויטקאן—אזא קינסטלערישע שליימעס, וועלכע האט שוין אויך קוויטקאס שוואכן פארם=געפיל אנטוויקלט צו א געוויסער הויך...

אבער דאס לעבנשטייגער=בילד האט נאך וואוהין צו פירן ווייטער פון דעם בוך „1919“. און ל. קוויטקא—דער דיכטער, דער אנטיילנעמער,— האט נאך אף דעם וועג פילעס צו געפינען....

נ. אויסלענדער.

י. דאברושין.

ווארט אין טעאטער.

א

עפשער וואלט טאקע ריכטיקער געווען שטעלן די פראגע ניט ווי אלעמאל וועגן ליטעראטור אין טעאטער, נאר וועגן ווארט אין טעאטער.

פון ליטעראטור האט זיך דער טעאטער שוין לאנג אפגעזאגט. און ער איז גערעכט: ליטעראטור איז קודעם קאל מוסטער=מענטש, מוסטער=האנדלונג און אפילע מוסטער=ווארט. ליטעראטור באווייזט ניט, ליטעראטור דערציילט און דערווייזט. ליטעראטור רופט ארויס באם לייענער בלויז א פארשטעלונג פון די געשילדערטע אביעקטן און פארשטעלן זיך אן אביעקט—הייסט אין טאך אויס=געפינען זיין ענלעכקייט, טיפיזירן אים, פארוואנדלען אין א מוסטער.

טעאטער אבער געהערט צו דער מישפאכע פון אנשוילעכע קונסטן. טעאטער באווייזט, טעאטער ברייגגט אראפ פאר די אויגן דעם קערפערלעכן דימענסיוון אביעקט, דעם סטיכייאיש=שפילעוודיקן קאנקרעט מיט אלע זיינע אים אליין גע=הערנדיקע זעלבסט=אייגנשאפטן. טעאטער רופט ניט ארויס קיין פארשטעלונג. טעאטער שטעלט אליין פאר, טעאטער שפילט, טעאטער פארגעשטאלטיקט, טעא=טער רעדט צו אלע אונזערע אויפנעם=כושים און גיט דעריבער מער פון טיפ, מער פון מוסטער, מער פון בלויזער פארשטעלונג.

איז טאקע גערעכט געווען דער טעאטער, וואס האט זיך אפגעזאגט פון די אנגעבונדענע אים ליטערארישע=לעזערישע שאפונגס=פראצעסן, אפגעזאגט זיך פון די פראצעסן, וואס האבן אים א צייט באגרענעצט צו ארבעטן מיט פאטאגראפיש=נאטוראליסטישע קאפיר=מיטלען אום צו פארקערפערן די אילוסטראטיווע ענלעכ=קייט—דאס טיפישע, וואס די ליטעראטור רופט ארויס אין לעזערישער פאר=שטעלונג.

האט ער, דער טעאטער, אף אונזערע אויגן דורכגעמאכט דעם וועג פון פסיכאלאגישער אימפרעסיע צו קערפערלעכער עקספרעסיע, דעם וועג פון ליטעראריש=לייענערישן טיפ צו דער סטיכייאיש=קאמעדיאנטישער „זעלבסטקייט", דעם וועג וואס פירט פון דער פארגעשטעלטער דערציילונג צום פארשטעלערישן ב א וו יי ז.

אבער אפזאגנדיק זיך פון ליטעראטור האט זיך טעאטער ניט אפגעזאגט פון ווארט און אפילע ניט פון ליטעראַרישן ווארט. טעאטער קאן ניט אנטשטומט ווערן און טעאטער קאן ניט און טאר ניט אריבער אף אייגענער, לעבאל האפאכעס, בלויז אף אייגענער ווארט=אימפראוויזאציע. טעאטער מוז סיי ווי סיי אנקומען צום בוך=ווארט.

איז ווי אזוי קאן דער טעאטער אויסנוצן דאס דאזיקע בוך=ווארט ?

ב

דאס ווארט פארמאגט צוויי באזונדערע שאפונגס=מעגלעכקייטן : ריידן און שרייבן. דער גרונט=כילעק צווישן די ביידע באשטייט :

דער ריידן איז אין טאך א קאלעקטיווער טאט, דער שרייבן—א פערזענלעך אינדיווידועלער. דער וואס רעדט מוז האבן פאר די אויגן, לעפאכעס, דעם איינעם וואס הערט אים, דער וואס שרייבט, פארקערט, מוז דערביי בלייבן אינגאנצן אליין מיט זיך. דער שרייבער פארטיפט דעריבער אין זיך דאס ווארט, ער קויקלט אים אויס, אזוי צו זאגן, אין די לייִנגען און ברייטן פון אייגענע פארבאהאלטענע אסאציאציעס. דאס שרייבערישע ווארט בלייבט, אין טאך, בא יעדער רעגע דער שפיגל פון דער פערזענלעכקייט, וואס האט אים באשאפן. אפטיילן אין ליטעראטור דעם דיכטערישן אויסדרוק פון דיכטער—הייסט אזוי גוט, ווי אפשניידן די ווארצלען פון א פלאנצונג—ניט זען דערנאכדעם פון וואנען די פלאנצונג שטאמט און ניט וויסן, זעלבסטפארשטענדלעך, וואס פון דעם קאן ארויס.

דאס רעדנערישע ווארט אבער ווערט באשאפן קימאט צוזאמען מיטן געברויכער, צוזאמען מיט דער צוהערער=אוידיטאריע. דארף עס באלד אפן ארט לעגאמרע אפטיילן זיך, אזוי צו זאגן, פון דעם, וואס האט עס ארויסגערעדט, ווייל באלד, אט דא אפן ארט, דארף עס אינגאנצן אנקומען צום הערער. דאס עמעסע קינסטלעריש=רעדנערשע ווארט ווערט ארויסגעקייקלט פונם רעדנערס מויל אינם געשטאלט פון א דימענסיווער קערפערשאפט, ווי א שטיק לעבעדיקער דינאמיזירטער בוימער, וואס קומט אן גלייך, אט ווי ער שטייט און גייט, צום ארומיקן אויג און אויער, ווייל זעען זעט מען דא און הערן הערט מען ניט נאר דאס בלויזע ווארט, נאר אויך די דערבייאיקע באוועגונגען, די מימישע טנוע, די קלאנגען=ארטיקולאציע, די מעלאדישקייט—אלץ, וואס מוז ארגאניש באגלייטן דעם רעדנערישן ווארט, אלץ וואס באוועגט אים און גיט אים זאפט און כיעס.

יא, די אלע טעאטראלע באוועגונס=עלעמענטן שפילן א דייטלעך=באדייטנדיקע ראליע אין דער רעדנער=קונסט און דאס אויסגערעדטע ווארט טאר ניט זיין קיין דערציילערישע, ווי דאס געשריבענע, דאס רעדנערישע ווארט דארף זיין פאר אלעמען אנשוילעך באוויזן.

און פון דעם אלעם איז איין זאך געדרונגען : די טעאטראלע ווארט=שא=

פונג האט בעפיירעש א שייכעס צום רעדנערישן שאפונגס=פראצעס און ניט צום שרייבערישן. די טעאטראלע ווארט=ווערטן, ניט קוקנדיק אף דעם, וואס זיי נעמען זיך פון פארטיקן, שמידן זיך דאך, אזוי צו זאגן, אף די אויגן פונם געברויכער. דאס טעאטראלע ווארט ווערט דאך געוויס באוויזן. און נאך מער : דאס טעאטראלע ווארט ווערט דאך געשפילט—דאס הייסט : די טעאטראלע קונסט, וואס האט ביכלאל די מעגלעכקייט פארצושטעלן און פארקערפערן זיך אין פארשיידענע פרעמדע שאפונגס=צושטאנדן—איז אויך געוויס ביכולעס ארייננדרינגען איי יעכידיש=שרייבערישן פראצעס פון ווארט=שאפונג און טעאטראל אים איבער=דיכטן, אבער צוליב דעם, ווערט דא אין טעאטער דאס בוך=ווארט ארויסגעריסן פונם בוך, דא אין טעאטער ווערט אף א באזונדער טעאטראלן אויפן באזייטיקט די פערזענלעכקייט פונם דיכטער, אף די אויגן פונם געברויכער און צוזאמען מיט אים ווערט דאס יעכידיש=פערזענלעך ווארט, דא איבעראנייס באשאפן ס'ווערט דורך אלעמען באנומען און אלעמען דירעקט באוויזן.

דער טעאטער אילוסטרירט ניט דעם ליטעראַרישן ווארט, דער טעאטער אילומינירט אים, ער צינדט אים אן פון אינווייניק און באווייזט זיינע קאנקרעטע איינגנשאפטן, דערמיט גופע פירט ער אים אריבער פון ליטעראַטור אין לעבן, פון פארשטעלונג אין דער ווארער ארומיקערווירקלעכקייט. און דעריבער, צו גלויבן, האט דער טעאטער די פולע ארגאנישע רעכט ארייננטראגן שינויים, אי=בעראנדערשן אפטמאל איינגאנצן דעם ליטעראַרישן טעקסט, ווארום די אויפגאבע פון טעאטער איז—פון דערציילונג, ריכטיקער פון דערווייזונג שאפן באווייזונג.

דאס טעאטראלע ווארט פארמאגט אף אזא אויפן זיינע אייגענע, לאמיר זאגן, רעדנערישע שאפונגס=געזעצן. די דאזיקע דארפן ווערן באזונדער אויסגעפארשט, אבער דערצו מוז אויך יעדער טעאטער=מענטש פארשן די שאפונגס=איינגנשאפטן פון ליטעראַרישן ווארט. די איבערוואנדלונג פון איינעם אין צווייטן שטעלט דאך מיט זיך פאר איינעם פון די וויכטיקסטע פראצעסן פון דער טעאטער=קולטור.

ג

דער אידישער קאמער=טעאטער האט פון לעבאטבילע אן באוואוסטזיניק פארבונדן ווארט און באוועגונג. פון לעבאטבילע פארשטאנען, אז אידישע טעאטראלע ווארט=פארם ליגט אינם פלאך פון זיין אויסערלעך=אנשוילעכן אויסדריק. און פרואוונדיק אופשטעלן די פלאסטיש=קערפערלעכע סטרוקטור פון אידישער באוועגונג האט דעריבער דעם אידישן קאמער=טעאטער שוין געלונגען אין א באוואוסטן פראט אויפדעקן די רעדנערישע קלאוויאטור פון דער אידישער שפראך.

בענויגייע צו שאלעם=אלייכעמען איז אינם טעאטראלן ווארט=באווייז פונם קאמער=טעאטער שוין קלאר צו זען דעם פרואוו צו סינטעזירן דעם בוך=ווארט מיטן ווארט, וואס דארף רעדנעריש אנקומען צו אלעמען.

גענוג איז צו זען, ווי וואפסי ד ע ר ל א נ ג ט דאס שאלעם=אלייכעם ווארט טאקע א דאנק דער צעמענטירטער גראנאווסקי=באוועגונג. אט ווי אפן האנט

אידישער קאמער-טעאטער — „200·000"

באנקיר — שידלא.; סאראקער— וואפסי (מיכאעלס)

גרופע רייכע דאמען מיטן שאדכן — זוסקין.

אידישע סטודיע פון ווייסרוסלאנד — „כיידער"

„מאזעפע גייט."

דער רעבע—איינגעשלאפן.

דערלאנגט ער עס, באוויזט עס קלוימערשט פון אלע זייטן און דאס ווארט בא=
קומט שוין בא אים מאמעש א אומפאנג, א וואג=געוויכט. דאס ערשטע מאל, צו=
גלויבן, האט אונזער אידיש=ווארט, אויסער אלעמען, באקומען זיין קונסטלעריש=
רעדנערישן טיקן.

עמעס. דאס שאלעם=אלייכעמס=ווארט, איז אין טאך א רעדנעריש ווארט.
אונזערע שעפער=קלאסיקער האבן ביכלאל איבער באוואוסטע ארגאנישע סיבעס
געברויכט מער דעם דערציילעריש=זאגערישן ווארט=נוסאך איידער דעם שילדע=
ריש=שרייבערישן. אבער צוליב דעם גופע מוז אונזער טעאטער=מענטש שטעלן
זיך די אויפגאבע פארברידערן זיך ניט מיט יענעם ווארט=מאטעריאל, וואס האט
טאמיד געצויגן זיין יעניקע פון דער מאסן=פארם. מער, ווי אלע ליטעראטורן קאן
אונזער ליטעראטור—ניט די ספעציעלע דראמאטורגיע, נאר די ליטעראטור ביכ=
לאל—ברייגגען נוצן דער פארשטעלערישער קולטור, דער טעאטער=קולטור, וואס
דארף לויט איר ארגאנישער טעווע באהעפטן זיך מיט שעפערישן אימפעט פון
זאפטיקע פאלקס=פראצעסן.

וויל מען קאנען ווארט און טעווע פון ווארט דארף מען פארשן ווארט און
ווארט=מישפאכע. דיביידע געפונען זיך ארגאניזירטערהייט אין דער ליטעראטור.
דער איצטיקער טעאטער=אויספירער ש ט ע ל ט פאר ווארט אט ווי ער שטעלט
פאר מענטש. און ווי ער לערנט איצט סטרוקטור פון מענטש אזוי מוז ער לערנע=
געבוי פון ווארט, ווארט=פארם, ווארט=שפיל און ווארט=אייגנשאפט. דער טעאטער=
מענטש קאן עפשער נ י ט לערנען די ליטעראטור, אבער ער קאן ניט נ י ש ט
לערנען דאס ליטעראריש ווארט, מיט וועלכן ער מוז האבן צו טאן בעאיים ער
שאפט פון אים א נייען וועזן, א טעאטראלן וועזן.

ווארום פארשנדיק ליטעראַרישע שאפונגס=וועגן, אנטפלעקנדיק ביפראט דעם
מעהוס פון אידישן ווארט=שאפן ווערט דער טעאטער=מענטש באקאנט מיט סטי=
כייע פון ווארט, ווערט באהאוונט אין דעם מאטעריאל, פון וועלכן ער דארף בויען
זיך זיין אייגענע פארשטעלערישע קולטור—די טעאטראלע קולטור פון ווארט=
באוויין

י. דאברושין.

ב י כ ע ר.

י. גלאטשטײן. לידער.

(פארלאג „קולטור”. ניו=יארק, 1921).

די וועלט=אפשטויסערדיקע פארצווייפלונג, וועלכע האט צוריק מיט א צענדליק יאר באוויזן זיך אין די לידער פון ה. לייוויק, האט פון יענער צייט אן אזוי איינגעפונדעוועט זיך אין דער יונג=אמעריקאנער דיכטונג, אז דאס זעט שוין אויס איצט אין אמעריקע ווי דער געזעצלעכער פסיכאלאגישער שטייגער פון יעדער דיכטונג איבערהויפט.

אין י. גלאטשטיינס אריגינעלן בוך=לידער, זעט זיך בוילעט, ווי אט דער לייוויקישער פסיכאלאגישער שטייגער פון דער „יונג=אמעריקע” טוט אן א נייעם לעוואוש און בלייבט דאך אין עצעם מיט ווייניק=וואס געענדערט.

י. גלאטשטיינס בוך איז געשטעמפלט מיט א גרויסער קראפט פון דיכטערישן אויסדרוק. זיין ווארט האט א שטארקן גרונד=טאן. און זיינע טריט—שווערע עלעפאנטישע טריט—מוזן געווים עטוואס איבעראשנדיק אפהילכן אין דער גלאסענער ארומיקייט פון דער אמעריקאנער פאעזיע.

אבער גלאטשטיינס טריט זיינען שווערע טריט. און דאס דערפילט מען באלד אין זיין פאנטאסטיק. ווי אן אויסנאם צווישן די דיכטער פון „יונג=אמעריקע” איז גלאטשטיין אין זיין פאנטאסטיק ניט באנאל און ניט אומבאהאלפן.

אבער אט דער „יאנקל בערעב איצבאק”=גלאטשטיין דערלויבט ניט אומזיסט זיין פאנטאזיע צו וואנד"לען אין דער סוויווע פון די מעלאלים, צעלא=צעלדים, גיישעס, בראמעס, און בודעס... די דאזיקע אויסטערלישע נעמען (זיי בלייבן דערווייל נאר „נעמען” בא גלאטשטיינען) שוועבן אין א פארגליווערטן רוים. גלאטשטיינס פאנטאסטיק ליגט, ווי א געפאלמעסטע, אפן וועג פון יענער פארצווייפלונג, וואס וויל פון גליווער=צושטאנדן שעפן פעסימיסטישע באווייזן און יאושארגומענטן.

און י. גלאטשטיין יאגט זיך ווירקלעך נאך גליווער=ארגומענטן...

און דאך האט י. גלאטשטיין דורכגעמאכט אן אינטערעסאנטן וועג „אין זיך”.

— אינגל —

האט א פליסטער געטאן דײַנע א גראָע האר

צו מייגער א בלאנדע.

מיין גאנצע בלאנדקייט האט זיך צעפלאמט אין מיר... (51)

אט די „בלאנדקייט" „וואס צעפלאמט זיך" פון צייט צו צייט אין גלאט־לידער־גאנג וואקסט פון מאל צו מאל אוים אין איר רעכט.

עס נעמט שוין אפטמאל צו דאכטן, אז אין איר רעדט א צווייטער, א נאך־ניט־אנטפלעקטער אביעקט פון גלאטשטיינס שאפן. די „בלאנדקייט" ברייננט מיט זיך א שטראם ליכטיקייט אין גלאטשטיינס בילדער־קרייז.

עס וואקסן אוים פאר דעם דיכטערס אויג נייע אביעקטן, נייע ווערטן. דאס, וואס איז אין די יאוש־ארגומענטן אזוי רעזאנעריש־קלאר, אזוי אויסגעזאגט־גאקעט, באקומט פאר דעם דיכטער א נייע צוציאונגס־קראפט.

— מער ניט ווי א ווארט:
טירטל־טויבן.
און ס'לאזט ניט אפ
מיט דעם ווייכן קנייטש פון טירטל,
מיט דעם לאשטשענדיקן קנייטש.
א טירטל־טויבן,
טירטל־טויבן... (40)

וואלטן אט די „לאשטשענדיקע קנייטשן" ניט גיין ווייטער פון אזא ארטיס־טישער באגייסטערונג, דעמאלט וואלט זיך עפשער ניט אזוי אויפגעוויגן פון אזעלכע לידער די פארגליווערטע דעק פון גלאטשטיינס בוך. אבער פון אט די „לאש־טשענדיקע קנייטשן" הויבט זיך נאר אן גלאטשטיינס „בלאנדקייט", און פירן פירט זי פיל ווייטער.

דערפאר לאזט זיך עס ניט פארזען: ווי קאטעגאריש גלאטשטיין זאל ניט זיין אין זיין פארצווייפלונג, מיט וועלכע מיטל (אפטמאל זיינען עס פאשעט צוואנג־מיטל!) גלאטשטיין זאל ניט וועלן באפעסטיקן זיין יאוש־ארגומענטאציע, פארהאלט זיך דאך די „בלאנדקייט" אין דעם לעזערס געפיל און זי מאכט א גאנץ־באשטימטן איינדרוק.

גלאטשטיינס „בלאנדקייט" האט נאך וועגן, וואס פירן אין דער וועלט אוז. אין נאמען פון דער וועלט. און עס איז דאך קלאר:

אזעלכע וועגן באלויגעו זיך שטענדיק, אפילע דעמאלט, ווען זיי זיינען ניט אימשטאנד אויסצומיידן דאס שטיי־וואסער פון א געוויסן דיכטערישן „קאנאן". ווי אט דער פעסימיזם־קאנאן פון יונג־אמעריקע.

די פארמעלע דערגרייכונגען פון י. גלאטשטיינס לידער־בוך גייען, נאטיר־לעך, האנט בא האנט מיט זיין פאעטישן וועלט־באנעמען. עס איז א פארשטענד־לעכע זאך, אז די דיכטונג, וואס וויל דורכאוים אונטערשטרייכן דאס מאנאטאנישע און איינארטיקע פון ארום, טראגט אין זיך גופע די געפאר צו ווערן מאנאטאן און פארגליווערט.

דערפון נעמט זיך די פארגליווערטקייט פון גלאטשטיינס ליד. עמעס, גלאט־שטיין זוכט מיט אלע מיטלען דערנעענטערן דעם דיכטערישן פראצעס צו די אינסטינקטיווע אורקוואלן. וועלכע פלעגן בלייבן אין דער עלטערער דיכטונג פאר־בארגן. גלאטשטיין שלעפט דאס אלעס אף דער אויבערפלאך. און דאס איז אפא־גים דער זינען פון דער באוואוסטער „קאליידאסקאפישקייט" וואס איז געווען

אמאל דער יעסאד פון דער „אין=זיך“=טעאריע. אבער אויך די דאזיקע „קאלײדאס=
קאפישקײט“ האט דא אין זיך עפעס אינערטעס, אומבאװעגלעכעס, און װי גלאט=
שטײן זאל ניט פּראטעסטיר: קעגן די ליטעראַרישע שאבלאנען, װעלכע האב?
אונטערן פאן פון אײראפעאיזם זיך אײנגעפלאנצט, אין דער אידישער דיכטונג
װײזט זיך דאך ארויס, אז א ליטעראַרישער שאבלאן קאן אונטער א נײעם סטי=
ליסטישן גרים באהאלטן זײן פריערדיקן אלט=באקאנטן פּאנים.

צו אויפגעבראכט איז גלאטשטײן קעגן דער „סקאַרבאװער“ פּירשורעסדי=
קער סטראפּע. און אלץ, װאס איז ניט „פּירשורעסדיק“ געבויט—געפינט שוי?
אן ארט אין זײן ליד. אבער דאס עפּנט די טירן פאר פיל „קלונגשאפטן“, װאס לײגן
זיך, װי שװערער באלאסט אף גלאטשטײנס דיכטונג.

מער אײנגעארט ליגט געװיס אין די לידער גלאטשטײנס, װאו דאס רעדנע=
רישע װערט פארביטן דורך דאס עפּישע. אזעלכע עלעמענטן פון עפּישקײט גע=
פינען מיר אין „שטאלצן קעניג“, „לעצטע שאען“, „מײן האר“. דא איז פאראן
א בארעכטיקונג פאר גלאטשטײנס שװערע, עלעפאנטישע טריט און דאס װירקט
גוט אף דער פארב פון די לידער.

װי גאר אבער גלאטשטײן טוט זיך א ריס צום גראטעסק (אויך גלאטשטײנס
א מיטל צו געפינען דאס אינסטינקטיװע „אין זיך“) װערט דאס ליד באדײטנדיק=
שװאכער. דער איבערגאנג פון איראנישער עפּישקײט (גלאטשטײן האט גלענ=
צנדע מוסטערן פון דעם זשאנר!).צום גראטעסק איז אלעמאל אומנאטירלעך
בא גלאטשטײנען. עס באקומען זיך בלויז שפּראך גרימאסן. אפאנים, די װארצלען
פון דער אידישער דיכטונג זײנען נאך אלץ צו=פרום.

צום שלום: גלאטשטײן האט אפגעדרוקט א בוך לידער, אין װעלכן דער
לײװיקישער פּסיכאלאגישער שטײגער איז באַרײכערט געװארן בלויז מיט אײנ=
צלנע נײע טענער. אבער גלאטשטײן געהערט קאנטיק, צו יענע דיכטער, פון
װעלכע מע מעג דערװארטן מער אײדער אײנצלנע טענער

און עס איז דאך שוין אזוי לאנג געקומען די צײט צו באזינען און קינסט=
לעריש פארקערפּערן יענע יונגטלעכע „בלאנדקײט“, װעלכע רײסט זיך שוין דורך
אלע גליװער=צושטאנדן און יאוש=ארגומענטן פון ה. לײװיקס דאר.—די „יונגע“—
א דאר, װעלכער געהערט שוין אף א העלפט דער פארגאנגענהײט....

ג. א ו י ס ל ע נ ד ע ר.

ל. מילער. „אַף גאטס װעלט“ לידער.

(פארלאג „אמעריקע“. 1919.)

ל. מילערס בוך אנטהאלט זיבן טײלן, אין װעלכע דער אװטאר האט זיך
שטארק צוגעאײלט אויפצובורענגן קימאט אלץ, װאס גאר עס בילדעט „אף גאטס
װעלט“ לעבן און טויט... מיט גרויסע פּרעטענזיעס אף מאדערניזם, דערצײלט ער
אין זײנע לידער װעגן זײן אײגענעם איך—אין זיך אלײן פארגלויבטן, װעגן פרויען
און זײער קאפּריזפולער פּסיכיק, אײביקן פרילינג, ליכטיקע טעג, װעגן דער שטאט.

וואס פארטומלט און פאראייניזאמט דעם „איך", וועגן דער וועלט־סרייפע און צום סאף, פארשטייט זיך, אויך וועגן טויט.

ל. מילער איז א דערציילער אין פערזן. דער ריטם פון זיינע מערסטנטייל געגראמטע פערזן איז איינטאניק—טעמפ—הילכט אפ מיט א פוסטן קלאנג, אדער איינגאנצן הילפלאז, צעפלאסן, פארלויפט אן א זייט—האט ניט קיין זיכערן גאנג. מער אדער ווייניקער גיבן זיך אים איין ניט געגראמטע אדער ווייניק און דערביי אף א פרימיטיוון אויפן צופעליק געגראמטע לידער, זיי פארמאגן אפטמאל (אין די ציקלען „דאס ליד פון מיין איך", „אלע גייען מיר אהין") א פאשעטן טפי־לעדיקן טאן. אבער אפילע אין די קימאט וויס־פערזנדיקע לידער פון די אנגעווי־זענע ציקלען ווייזט ל. מילער ניט ארויס קיין פאלשטענדיקן דיכטערישן אימפולס צו אנטוויקלען איבערלעבונגען, צו גיוואנסירן דעם אדער יענעם גייסטיגן צושטאנד. די אדער יענע דיכטערישע באוועגונג. אים פעלט אוים דער גויטיקער כוש צו פארברייטערן דורכן געדאנק געפילן און צו ראפינירן און לייטערן עמאציעס אין אנוואוקס פון געדאנק, אנטוויקלונג אלס מעלאדיע,—אט דאס אלץ וואס באשטימט דעם מעהוס פון דיכטערישן שאפן, און דארט, וואו ס'פאדערט זיך אן אויסער־געוויינלעכער אדער אפילע א געוויינלעכער גיוואנס באנוצט ל. מילער דאסווארט „מאדנע", ניט ארויסווייזנדיק קיין אינערלעכע דרייסטקייט. אלע זיבן טיילן פון בוך קייטלען זיך בלויז לאגיש אף א מעכאנישן אויפן, זיי האבן אבער ניט קיין דיכטערישן גילגול, קיין דינאמיק, וואס קאן שאפן אן ארגאנישע איינהייט. און ס'איז טאקע מערקווירדיק, וואס די גרונט־אידייע פון בוך—די אפאלאגיע פון אייגענעם „איך" (ציקלען „דאס ליד פון מיין איך", „אלע גייען מיר אהין") גייט איינגאנצן פארלארן אין די איבעריקע ציקלען, געפינט ניט פאר זיך קיין שטיץ־פונקט, פארלירט אלע אירע סיי ווי סיי באשרענקטע קויכעס, ווייל די דאזיקע אי־דייע גופע איז בא מילערן ניט קיין באגרינדעטע, ניט קיין פארקערפערטע, זי איז דער לירישער באוואוסטזיין פון זעלבסטאייגליבעניש, זעלבסט־איינרעדעניש, פון קולטור־ארימע איך געפילן, פון אט יענע געפילן, וואס דערגרייכן קיינמאל ניט די מאדרייגע פון אינערלעכע איך־געשעעענישן, איך־טאטן. און דאס באווייזט ל. מילער בעשיינפערלעך אין זיין כאלאשעסדיקער ליריק.

„איך—איך—איך
אזוי קלאפ איך אוים
מיט דעם קלאפ פון מיין טראט
דאס ליד פון מיין איך"

אפילע דער בוירע האאוילאם אליין, וועמען דער דיכטער ווידמעט זיין איך־ליד, שטעלט זיך ניט אקעגן דער דאזיקער זעלבסטפארליבטקייט, נאך מער—ער בענקט אפילע נאך אט דעם „איך":

...און איך דיין ליבלינגס־קינד,
דו בענקסט נאך מיר...

דער לויב־געפיל צום בוירע אסימילירט זיך אין דער זעלבסטפארליבטקייט וועלכע ווערט אבער לעסאף פארוואנדלט אין א פארקוקעניש אין שפיגל אריין:

„ס'ליכט פון הארצן זוגן מיינע אויגן
און איך בין פארליבט און זיי,

איבערן שפיגל שטיי איך לאנג געבויגן
און איך שפיגל זיך אין זיי׳.

מיט דער זעלבער פארקוקעניש אין שפיגל לאזן זיך אויך אוים די מאכשא־וועס וועגן טויט און אייביקייט:

„ער האט צו מיר געזאגט: איר ווייסט עס פעלט אין אייער ליד דאס אייביקע

בין איך באם שפיגל־גלאז געשטאנען לאנג
באטראכט מיין פאנים, מיינע ציין און מיינע האר,
און קלוג און אומעטיק
האבן מיינע אויגן
מיט שפיגל־גלאז צו מיר געשמייכלט"

יא, באם שפיגל האט דער דיכטער איינגערעדט זיך אייביקייט, נאר מיד ווערנדיק צו שפיגלען זיך אין איליוזיעס לאזט זיך ל. מילער אריין אין שטילער פארשטויבטער נירוואנע, און פון דארטן לאזט ער זיך פירן „אהיים", ווי א קליין אפגעשוואכט קינד.

אט אזא גורל האט שוין די ניט באגרינדעטע אפאלאגיע פון אבסטראקטי באדנלאזן „איך".

און ניט נאר אייביקייט האט זיך איינגערעדט ל. מילער, ער האט זיך איינגערעדט אויך קינדישקייט: „מיין קינדיש הארץ", איך בין דיין קינד".—וויבלט און שוויבלט אין זיינע לידער, אין זיין ניכטערן באוואוסטזיין. אט דאס מאכט אים אומגעהויער סענטימענטאל.

אין די אנדערע ציקלען לידער, זיינען אויסער שטימונגען פאראן אויך עפישע בילדער, עפישע מאמענטן.

באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר ל. מילערס „מאדערניזירן" איז דער ציקל „פרויען, פרויען". ער הויבט זיך אן אומגעהייער פאטעטיש:

„דו ביסט מיין גאט
און איך מיט הארץ און לייב צו דיר באלאנג
מיין האר, מיין גאט".

דאכט זיך, מיר האבן געקאנט ערווארטן, אז ל. מילער וועט פאר אונז אנט־פלעקן אן אביעקטיווירטע אינטימקייט פון א הויכער מאדריינג. זאבן מיר אבער א גרויסן טאעס. אין מעשאך פון צענדליקער לידער וואריאירט זיך בא אים בלויז איין מאטיוו פון אויסגעדראשענער פרימיטיווער פארוויקלטקייט: אנשטאט „פאר־געטערטער" ליבע—א סענטימענטאל־איידעלער און דערצו נאך וואולטעטיקער פלירט.

ס׳איז דער טיפישער אויסדרוק ניט פון עכטער קאמפליצירטקייט: ס׳איז דער שרייענדיקער שאבלאן פון קלוימערשט־קאמפליצירטקייט אן שום אויסשטרא־לונג פון אינעווייניק, נאר גלאט אזוי „מאדנע" שפילעוודיק אין דער וועלט אריין...

אין ציקל „ווייסער יאנטעוו", האט ל. מילער געוואלט באווייזן דעם „אייביקי־פרילינג". האט ער אבער קיין פארבן ניט דערצו, אויסער ריטאריק וועגן דער „פייערדיקער רויז", „ראזן אומעט", „ראזן שמייכל", באגעגענען מיר דא בילדער. וואס אונזער ליטעראטור האט זיי שוין צופיל איבערגעכאזערט, בילדער פון אשם

שטעטל. ווערט בא מילערן דער אייביקער פרילינג ביז צום סאמע שטעטל צוריק=געפירט....

גאר אט דער „ווייסער יאנטעוו" ווערט שוין פארוואנדלט אין פולקום וואַ=כעדיקע „ליכטיקע טעג", צו וועלכע ל. מילער האט אויך ניט קיין אייגנארטיקע באציאונג: עס כאזערן זיך איבער—ווידער און נאכאמאל—„ראזע רויטע, ווייסע בלימן". עמעס דער ציקל „ליכטיקע טעג" אנטהאלט, קאן מען זאגן, א פאעמע וועגן „טעגים", וואס איז שוין אנגעשריבן ריין נאטוראליסטיש מיט איינפאכקייט פון א. רייזינס דערציילונג, אן פרעטענזיעס, האגאם צום סאף מערקט זיך אפילע יא א מין „מאדערניסטישע" סקעפטישקייט, נאר אין טאך אריין איז אט דער מאדערניזירטער נאטוראליזם זייער לאנגווייליק.

דער ציקל „שטאט" גיט גארנישט צו, צו דעם שוין אויסגעלעבטן דעקא=דענטישן ארט שילדערן די גייסטיקע דערשלאגנקייט פון דעם מארע=שכוירעדיק פארטומלטן „איד", וועלכער פארלירט זיך אין שטאטישן כאאס.

אין ציקל „פלאמען פון דער וועלט", וואו ס'זיינען פאראן איבערלעבונגע פון דער מילכאמע=קאטאסטראפע,—געפינט ניט ל. מילער קיין פרישערן און שטארקערן ווארט, ווי פאלגנדיקעם:

„אין דעם בראד=ווארג, וואו ניט וואו נאר וואלגערט זיך
א גליד, א ניט דערגריזעט ביין
קומט א קאץ אן און פארגייט זיך אין א ווילדן יאמער
שטשירענדיק די ציין
טוליעט זיך דער טייוול צו מיין וואונדיק הארצן צו
און איך וויג אים: ליו, ליו, ליו"

אט דער איד=לאזער טייוול פאסט זיך מער צו א פארעלטערטער לעגענדע ווי צו דער נייערווירקלעכקייט פון קאסטראפאלע געשעענישן.

אזוי ארום איז ל. מילערס בוך א געמיש: פון שוואכהארציקער ראמאנטיק, זייער באשרענקטער אויבנאויפיקער „מיסטיק", פרימיטיווער גארניט אריגינעלער פאנטאסטיק און גיוואנסלאזן פאשעטן נאטוראליזם—דער דאזיקער געמיש באַקומט מערסטנטייל א כאראקטער פון איינגעהאלטענער אדער נאכלעסיקער רי=טאריק, אזוי אז די קנאפע צאל בעסערע פאשעטע טאג=בוך=לידער אדער בעסער געזאגט—לירישע נאטיצן—ווערט אינגאנצן פארשטעלט.

אין טאך אריין איז ל. מילערס בוך א באלערנדיקער מוסטער פון דעם טי=פישן מיטלמעסיקן אינדיווידואליזם, וואס איז ניט בעקויאך צו פארליידן און צו פארטראגן קיין מינדסטן אנריר פון וועלכער ניט איז גרויזאמער סטיכיע.

ש. גארדאן.

א. לעיעלעס, יונגהארבסט, לידער.

פארלאג „קולטור-ליגע". ווארשע 1922.

מיטן פוטוריסטישן צעברעכן „אלע שלעסער"—הויבט אן לעיעלעס, און „פון פארלאנגען, טעגלעכע זובעניש, נאכטלעכע באנגען" (7). בויט ער, דער דיכטער,

זיינע אייגענע „שלעסער". ער בויט זיי, יעדנפאלס פארמעסט ער זיך זיי צו בויען אין אן אויסגעהאלטענעם סטיל. דאס זאל זיין יענער סארקאסטישער „שווארצער" סטיל, וואס ווייסט „העל" נאר דעמאלט ווען

„אלע וואנזיניקע פון א דולהויז
— אין איין צעל.
און די צעל ברענט —
העל! העל! העל!" (9).

און נאר „ביי דעם גאנגעס, ביי דעם גאנגעס" גיט עס „רו, רו" (17). דער דיכטער ווארירט אט דעם „נירוואנא"־מאטיוו אין א גאנצער ריי לידער.

אבער אפטמאל טרעפט עס: עס האלט גיט אויס די סטיליזירטע „נירוואנא" און פלאצט. דאס טרעפט צום ביישפיל, דאן, ווען עס באווייזט זיך פלוצלינג א רעצידיוו פון סקעפסיס, יענעם געוויסן ווינער סקעפסיס פון א מין פעטער אלטענבערג („דעם רעסטאראטארס טאכטער" אין „ביזנעס", 11) אדער נאך בעסער, ווען דער דיכטער פארגעסט אן דעם גענומענעם טאן און ווערט פאשעט סאנטימענטאל („נאקטורן", 14).

דאס לעצטע ליד קאן, אגעוו, דינען אלס מוסטער פון א דיכטונגס־אמאלגאמע, וואו עס ווערן מעכאניש צונויפגעמישט ברעקלעך און שערבלעך פון אלערליי סטילן און אנשויאונגען. וואלט אין דעם געמיש געווען צו דערקענען עפשער די פוטוריסטישע קאוואנע, באמערקט זיך עס אבער נישט.

אנהויבנדיק מיטן פוטוריסטישן צעברעכן „שלעסער", בלייבט לעיעלעס אין רעשום פון יענעם פריען פוטוריזם, וואס האט אנגעשטעקט אין סאלאן. עס באצויבערט אים דאס פארפום־ווארט, דער קלינג־קלאנג פון וואלוועלער עקזאטיק... דער דיכטער פארבלינעט זיך אין דעם „וויאלעט פון מעלאנכאלישע פארנאכטן" (54)

„איבער די בערג פון וויאלעט,
איבער די יאמען פון לילא" (55)

און ער דעקלאמירט אף אלע אויפאנים: יוואלא, סעלימא, וויאלא, יאלאנדא, עלאדעא... דער גאנצער פרימיטיווער „קלאפערגעצייג" פון בודואר, מיט „אוזארן פון דיינע גארדינען" (68), מיטן אסארטימענט פון אמעטיסטן, כריזאפראזן, טאפאזן, סאפירן, טורקוזן, רובינען און אז. וו. אף דעם בודואר־פאן זעט אויס אזוי מעשונע לעיעלעסעס „ערודיציע": יאהאן וואלפגאנג פאן געטע, הענריק איבסען, לאאקאאן, בעאטרישע, אווראר בארעאליס, „בלאנדער דייטש נאוואליס"... און עס הויבט אן בעעמעס טרויעריק ווערן דעם דיכטערס „שיקזאל":

„איז דאס מיין שיקזאל:
געפאנגען פון בלויע שלאנגען" (57).

ער דערמאנט אן דעם מאזל פונם יונג־פארשטארבענעם דיכטער לייב ניידוס. וועלכער האט אויך געשלעפט אין זיינע לידער קאלערליי מענעסטרעלן, קלעאפאטרען, די העטערע, די גימאנא און אז. וו., וואס דאס אלץ האט טאקע קיין קיעם ניט געהאט און פארשוואונדן אינייגעם מיטן דיכטער. איז דאך אבער דעמאלט געווען אנ'אנדערע צייט, עס האט דאך געהערשט נאך דעמאלט די דיכטערישע ארימקייט אונזערע און די ווערטער אליין זיינען געווען א נייעס, און ניידוס האט באהויכט זיין „עקזאטישקייט" מיט לירישער נאאיווקייט און הארציקייט...

לעיעלעסעם באגלויבטקייט אין דאס עקזאטיש סאלאנען־„לאנד", ברייגגט בלויז צו „ליטעראטור" מיט אן אייגענער סכאלאסטיק פון בילד, פון ווארט, און פון זאץ. אין אט דער סכאלאסטיק זיינען פארוועבט בא לעיעלעסן די „מיסטעריע פון געשלעכט", דער „פלאטער פון עלאסטישע גלידער" (12) און אז. וו.

און צי איז עס נישט צו באוואונדערן, וואס גראד אין דער קלאל גיט „פוטו־ריסטישער" און אייגפאך־געריימטער „קאראהילד" (63—64) באקומט לעיעלעסעס עקזאטיק דעם מער געפרעסטן און בוילעטסטן אויסדרוק?

א באזונדערן ארט פארנעמען לעיעלעסעס „פאעמען". אין אייניקע פון זיי ווערט דער פעסימיזם סטימולירט מיטן „נאציאנאלן" מאמענט, מיטן „פאגראם"־מאמענט, אבער ער גייט ווידער ניט ווייטער פון סטיליזאציע, פון „געלן וואנזין", פון „בויך־טאנץ" (87), און ער ווערט פארקניפט מיטן טראפארעט פון „אידישע אויגן" (92) ...

סימאנים פון א נייעם טאן לאזן זיך הערן טיילמאל אין „דער מאיסע פון די הונדערט": איך מיין נישט די גאנצע קאנצעפציע, איך מיין די געזונטע איראניע, וואס פלעגט זיך אריין אין לעיעלעסעס געוויינטלעכן פרוכטלאזן סארקאזם. ער דערציילט וועגן גאט, וואס האט פארלאזן זיינע הימלען:

„און פון זיבעטן הימל איז ער אראפ אף דעם זעקסטן,
און פון דעם זעקסטן אף דעם פינפטן,
און פון דעם פינפטן אף דעם פערטן"... (119).

וואס וואלט געווען, אויב דער דיכטער וואלט ווענדן די איראניע קעגן דעם אייגענעם „איך", וואס האט זיך פארזעסן אין דעם דיכטערס „זעל":

„צען איכם! הונדערט. טויזנט.
— אלע אין מיין זעל"... (9).

קעגן דעם „איך", וואס קוויקט זיך מיט „מאגנאליא־בוימער", „לאטאס־בלומען" און שאר ירקות?...

דער „איך" וואלט געווים ניט אויסהאלטן דעם דיכטערס איראניע, און „פון זיבעטן הימל" פון זיין עקזאטישן פעסימיזם און פעסימיסטישער עקזאטיק וואלט ער נידערן „אף דעם זעקסטן, און פון דעם זעקסטן אף דעם פינפטן". און ווער ווייסט, עפשערוואלט ע ר זיך גאר לאזן אין דער גרויסער ברייטער וועלט אריין אפן פרוכטבארן ערד־באדן.

דערווייל איז דאס גאך מיט לעיעלעסן, (ווי אויך מיט דער גאנצער גרופע „אין זיך" וועלכע ער פארטרעט) ניט געשעען. און ס'איז דערווייל דא בא לעיע־לעסן גאר איין געשטאלט, וואס ווייסט „דעם רוף פון דער צייט": דאס איז זיין שטוביקער פיקוס־בוים... און גאר אין די דאלעדאמעס פון דעם דיכטערס שטוב קלינגט אמאל, איין־איינציקס מאל, אדורך:

„ווי גלוסטיק ענטפערט אפ
מיין ברודער אין דעם רויטן טאפ
אף דעם רוף פון דער צייט! (24).

נ. נורשטיין.

ל. רעזניק, סאמעט.

(קליינע ב-טעק „ליריק" קיעוו, 1922.

מע טיינעט בא אונז פיל און פון אלע זייטן קעגן אונזער גרויסער לידער־
גערעטעניש. אבער ניט נאר גיט־פארשן, גיט נאר ניט־קאנען, אפילע פאשעט ניט
נעמען אין אכט דעם געבראַכטן ליד־מאטעריאל הערשט נאך, אין טאך געגומען.
בא אונז

מ'האט גוואלדיקע טאראומעס קעגן אונזער דיכטונג. נאר אף אזעלכע
קאמישע סווארעכן האלטן זיי זיך סראוו, די טאראומעס. דער געטומל העט־
וויט ארום אונזער דיכטונג איז גרויס און אומגעלומפערט. נאר ס'פעלט ב א־
ק א נ ט ש ט א פ ט מיט איר.

דערפון נעמען זיך און דערפאר זיינען ס'ראוו אזוי פריקרע די קאלערליי
„צוגענג" און קאלערליי „קוקן" אף אונזער דיכטונג.

די פריערקע אידישע ליד, איז קיין ליד ניט געווען, ווייל געווען איז זי
געמיינער רעזולטאט פון געמיינעם באנעמען. די נייע ליד אנולירט די פריערקע,
ווייל זי איז א פילאינהאלטלעכע און פילפארביקע טויצאע פון פילאינהאלטלעכע־
בער און פילפארביקער דערפארונג.

אט די הויפט־אייגנשאפט, וואס אויב זי ניט באגרייפן—פאלט אפ די מעג־
לעכקייט און די רעכט צו צושרעטן צו אונזער נייער ליד, איז די קאלערליי אויס־
טייטשערס, וואס האבן זיך אפילע די טירכע ניט אנגעטאן צוצוקומען א קוק
טאן וועגן וואס ס'האנדלט זיך, בא קאלערליי „מעווינים" און „ריכטער" אנגענו־
מען געווארן, ווי די הארבסטע זינד פון אונזער ליד.

איז עס דאך אזא לעכערליך־טראגישער פאקט בא אונז: קומען מיט מער
געזעענס און מער געהערטס, מיט ווארט, בילד און קלאנג פאר מער געזעענס
און מער־געהערטס איז בא אונז געווארן א כ י ס א ר ן.

ל. רעזניק האט שוין אין זיין ערשט ביכל „אין בלייכע אויפגאנגען" געבראכט
דאס שטייפע צימצום־ווארט, דאס בילד מיט מאקסימום דערפארונג און יענעם
ביי אונז גאר־פרישן אייגנטימליכן ריטם, וואס הארמאנירט אמערסטן מיט פאר־
קערפערונג פון געפרעסטער דערפארונג.

שוין דארט איז געווען דאווקע ניט אפגעריסענקייט, ניט דערווייטערטקייט
ניט ניטערדישקייט, ווי ס'מיינען בא אונז לייט, נאר דאווקע קאנקרעט ערדישער.
ניטפלאכער, קאנקרעט מיט נאענטע און ווייטע, געזעענע און אומגעזעענע פע־
נימער זיינע. די „דורכלויכטן געשליפענע" די „הארנטעם ווייסע פון מיזרעך", די
„שטענדיקע קאיארן", די „יונגע רייטער רייטן אפ אין גרויסן בראנד", דער
„פרעמדער ברודער, ריגל אפ דיין טיר" זיינען דאך קאנקרעטע מאיסעדיקייט,
רעאלע לעגענדארישקייט פון הי, זיינען דאךווירקליכסטע אומרוען (עטישע,
עסטעטישע, פילאסאפישע,) פון אונזער צייט און ארט, אין אייגנארטיקן, געש־
ליפענעם, מוזיקפולן ווארט געגעבן.

די באשטאנד־טיילן פון ערשטן ביכל—דאס באנעמען דעם זיין, ווי אויס־
געשפרייטע שטרעקע, אף וועלכער אלע פראטים וויגן זיך און קייטלען זיך, און
דערפאר פאנטאסטיק, אפט אויסערלעכע, אין טאך בלאווע ווייטקייט פון באשטי־
מונגען; מאראלע פורכט, געטרייקייט, ריינקייט, דראנג נאך העלקייט, נאך פאר־

ביקייט פון דערשיינונגען; דאס קאנען די אלע געזעצן אין זייער פארכמארעטקייט און אומפארמיידליכקייט.—די באשטאנד=טיילן פון „בלייבע אויפגאנגען“ באווייזן זיך נאך בוילעטער אין רעזניקס „סאמעט“.

אין „אלע שטערן שוין צעשאטן, אלע שטערן שוין צעפערלט ביי ארייגאנגען כיי צוועלף“. אין „...נאר א קינד האט געוויינט“... אין ...טעג מיינע שטייגן און שפאלטן די נעכט שפאלטן אף הונדערטער=טויזנטער נעכט“ ...אין „...מיין וואקלדיקע ערד“... אין... „טויבע טאמידן צעהוידען“.—זיינען זיי געקניפט און באהעפט און שאפן דעם טאך=העלד פון ביכל. דא קריגן זיי ערטערווייז זייער זינגעווידיגסטע פארקערפערונג און דא פארגאנצן זיי זיך מיט—„...די אוואוידע פון טאג איז אין ווייסן“.—מיט עצעם=דיכטונג, אלס פראבלעם מיט א לויב געזאנג דער דיכטונג אלס טאט, אלס גלויבן.

ס'הייסט דאס ביכל „סאמעט“. בא דעם לאכלוטנדיקן ניט=אפשיי פאר דיכטונג=ווארט, וואס הערשט בא אונז, איז מען שוין לאנג געוואוינט באגעגענען מיט א ביטל=שמייכל וועלכן ס'ניט איז ניט=טראפארעט. אט דאס ביכל איז בא ל. רעזניקן א טייל פון זיין דיכטונג=גאנג און א ביכל פון אלגעמיינער אנטוויק=לונג=גאנג פון אונזער דיכטערישן=ווארט. ס'פארמאגט די וויי און פרייד=שיין, פון אונזער אט=ערשט ארויפגעקומענער, אויסגעוואקסענער דיכטונג, מיט גאנג=צייכנס טיף=אייגנארטיקע, ווארט=בילד, און ריטם=סימאנים שארף רעזניקישע.

דער נאמען „סאמעט“, ווי א סיגאנים פון דיכטונג אלס לויטערער באגע=מען, יעש און פאקטאר, איז פארן ביכל גראד דער הארמאנירנדסטער.

דער גלאט=געפילדער ארום דער דיכטונג אונזערער וואלט זיך שוין פעלן געמעגט. צייט זיך באקאנען מיט איר: ס'לוינט באקאנען זיך.

„סאמעט„ איז צווישן די באווייזן.

ע. פ י נ י נ ב ע ר ג.

י. ל. קאלושינער. „ארום מיר“.

(פארלאג „פעדער“ ניו-יארק 1922).

דער אמעריקאנער אידישער דיכטער י. ל. קאלושינער איז נאענט אין א באוואוסטן פראט צו דער גרופע „אינזיכיסטן“, אויב ניט פאקטיש איז אידעאלא=גיש—צו די „אינזיכיסטן“ וואס האבן אויפגעבויט א שטאפל, א באדייטנד שיינעם שטאפל אין דער געשיכטע פון דער אידישער פאעזיע אין אמעריקע.

די טאלאנטפולע ערשטע פארשטייער פון דער אזוי גערופענער יונגער אידישער פאעזיע אין אמעריקע—מאני לייב, זישא לאנדוי, ה. לייוויק, היילפערן שטעלן מיט זיך פאר, מיט געוויסע אויסנאמען, דעם נאציאנאל=סאציאלן פלאך פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקע. אידעאלאגיע, פראבלעם, טעמע און פארב אפילע פונם דאזיקן דיכטערישן דאר געהערן אינגאנצן דעם אידישן קוילעל, ארייג=געוואקסן מיט אלע ווארצלען אין די הארבערע און לייכטערע מער און ווייניקער פארטיפטע פראגן פון איד=און אידישקייט=עקזיסטענץ. זייער איך, זייער פערזענ=

לעבער איך אפילע שטאמט אויך אין טאך פון דער מאטעריע איד און זייער „אלגעמיין“ געהערט ניט דעם וועלט=קוילעל. וועג און ציל, דערהויבונג און דערלייזונג זיינען באם דאזיקן דיכטערישן שיכט אייגג פארקניפט מיט נאציאנאלן קיעם, מיט נאציאנאלן פאלקס=אוואר און פאלקס=צוקונפט.

האט טאקע די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער אמעריקאניש=אידישע דיכטונג געמוזט ארויס פון די דאזיקע פאר זיך ארגאנישע אבער פארן ארומיקן וועלטישן געדאנקענוועג שוין צו אייגגע מעכיצעס. איז דער „אינזיכיזם“ געווארן דער ערשטער ריס, דער ערשטער איבערברוך, דער אוועקגיין פון דער נאציע צו דער פערזענלעכקייט, דער אוועקגיין פון דעם נאציאנאלן איך צום אינדיווידועלפערזענלעכן, דער אוועקגיין—ביז צו פארלאזן קלוימערשט אינגאנצן דעם קלאל און דאס קלאלישע, וואוהין און צו וואסערע ריכטונג עס זאל ניט געהערן.

„אינטראספעקטיוויזם“—מיטן דאזיקן פסיכאלאגישן וויסנשאפטלעכן באגריף, וואס איז לאנג פארעלטערט פאר דער פסיכאלאגיע גופע, האבן די „אינזיכיסטן“ באצייכנט דעם פארטיפן זיך אין זיך אליין, אין אייגענע יעכידיש=מענטשלעכע פראצעסן פון געפיל און געדאנק. איז זי בעפיירעש סימפטאמאטיש אט די אפגויגונג אין אייגענע טיפענישן. אט דער ווילן צושמידן די אייגענע פערזענלעכקייט—סימפטאמאטיש דערפאר, ווייל דאס באדייט דעם פארלאנג אוועקצוגיין פון דער אמעריקאניש=אידישער האמוינישער פארפלאכטקייט, וואס האט געפונען איר עקסטן אויסדרוק אינם סענטימענטאלן „בינטל=בריוולעד“—קימאט א גאנצע סענטימענטאלע ליטעראטור, מיט וועלכער עס שפייזט זיך דער לאבלוטן ניט דיפערענצירטער פאליטיש=אפגעשטאנענער אידישער מאסן=לייענער אין אמעריקע

אף אזא אופן איז דער „אינזיכיזם“ אף א ווײַלע געווארן דער שעפערישער און פרוכטבארער אפרייס פון אט דער ארומיקער עלעמענטארער פאראלגעמיינטקייט. אבער בלויז אף א ווײַלע, ווייל ווערנדיק געטריבן פון דער אינדיווידואליסטישער לאגיק האט ער געמוזט טייקעף פארוואנדלט ווערן אין א מין פארנאספאעזיע, אין א הימלשן איניען פון דיכטער, וואס זינגען פאר זיך און צוליב זיך. דאס איז פון איין זייט. און פון דער צווייטער זייט האבן דאך אבער די „אינזיכיסטן“ באקומען לאשן. זיי האבן באקומען ווארט און ווארט איז קוידעם קאל אויסדרוק פון געזעלשאפטלעכער קאלעקטיווער דערפארונג. ווערט ער טאקע צעריסן דער „אינזיכיזם“ פון זיינע אייגענע אינווייניקסטע סטירעס. פון איין זייט די אינדיווידועלע אינטראספעקציע, דער בלייבן מיט זיך אליין און דער צווייטער זייט— עקפרעסיאניסטישע ווארט=מיטלען, וואס שלעפן דעם אינזיכיזם אביעקטיווירן זיך אפן אויסדרוק, ניצן דעם אימפעטיקן ריטם, דעם פרייען פערז וואס שטאמט פון ברויזנדיער שטאטישער ארומיקייט. און די סטירע שאפט בא די אינזיכיסטן א מעהאלעך צווישן פארם און אינהאלט אדער ריכטיקער: צווישן לעבנס=אינהאלט,—ווארום פארם איז לעבנס=אינהאלט—און=איך אינהאלט. די אינזיכיסטישע געפילן=איבערלעבונגען זיינען בעעצעם צו קליין פארן עקפרעסיאניסטישן ווארט אויסדרוק און נישט זעלטן פארמאגט דעריבער די אינזיכיסטישע שורע א פוסטן אינווייניקסטן ריטארישן כאלאל. דאס דאזיקע שאפט די באשיימפערלעכע קרוווועשאפט פון לעיעלעס, לעמאשל, מיט ניידוסן, דאס דאזיקע ציט

דעם אינזיכיזם צו עקזאטיק און שוואכט אף דעם באדייט פון אזוינע שיינע דיכטער ווי גלאטשטיין און סיגאל.

איז איינס פון די ביידע: אדער די אינזיכיסטן וועלן ווערן זייערע אייגענע יארשים און אפזאגן זיך פונם „אינזיך", אדער ס'וועלן מוזן קומען אנדערע, וואס וועלן אריענטירן זיך אפן אביעקטיוון ארום און ארום, צוזאמענגיסן זיך מיט וועלט און אירע געשעענישן, ארייננדרינגען אינם אקטיוון פראצעס פון וועלטישן איבער-בוי און שאפן די דיכטונג פון טאט, די דיכטונג פון קאמף פאר פרייען מענטש און פרייער געזעלשאפטלעכקייט.

און וויל איך—
איז דאס לעבן מיר גאר נישט שולדיק,
כאטש איך שיק אמאל איין קלאלע אף דער וועלט.
און אויב הינטער מיר
ציט זיך שוין א לאנגע שנור
פון יונגע טעג אין זיגזאג פון דער צייט
איז נים שולדיק אין מיין גורל
די וועלט, וואס איז געבויט
פאר זיך אליין.
פאר זיך אליין. (33)

אט דער דואליזם פון וועלט און איך איז זייער כאראקטעריסטיש פאר קא-לושינער, ווי צוגלייבן פאר אלע אינזיכיסטן. קאלושינער איז א שטאטישער דיכ-טער. אבער ער איז שטענדיק אין דער שטאט נים מיט דער שטאט, אט ווי ער איז שטענדיק אין זיינע איבערלעבונגען און נים מיט זיינע איבערלעבונגען. דער-פון שטאמט די גערדאנקלעכע, אזוי צו זאגן, אויסערלעכע פיקכעס פון קאלושינערס ליד, וואס איז אייגנטלעך קיין ליד נים. קאלושינערס „ארום מיר"—דאס איז א זאמלונג פון פראגמענטן, א טאג-בוך פון פארגאנצטע און נים פארגאנצטע גע-דאנקען, געשריבן אף א גוטן אויסדריקליכן אידיש פון א קינסטלעריש געשטימ-טער האנט. פון דאנען איז לאכלוטן נים געדרונגען אז קאלושינער איז נים קיין דיכטער. ער פארמאגט א לירישן וועלט-באנעם און א שיינעם כוש צו דער ריט-מישער שורע האגאם די דאזיקע שורע לאזט זיך גאר אויסציען אין דער לייננ און פארוואנדלען זיך אין ריטמישער פראזע.

אף פאפיר
ווערט פון אונז געפירט דער רעכענונג פון לעבן.
אף פאפיר
ווערט פארשריבן אונזער גורל,
וואס ווייזט אונז אן די וועגן אין דער וועלט. (64)

איז עס דען נים קיין פאשעטע פראזע? און איז עס דען נים די „זינד" פון מערערע „אינזיכיסטן"? אדעראבע בא קאלושינערן ווערט דער דאזיקער בעט פארוויכט דורך א באוואוסטער בעקיוועגדיקייט: אט אזא פארם, הייסט עס, וויל ער דער דיכטער שאפן, א מין פראזאאישע פארם, וואס ווערט בא קאלושינערן געלינדערט דורך דער אנגענעמער בענימעסדיקייט פון פרייען פערז, וועלכע פאר-דעקט אפילע די נאקעטע ארימקייט פון קאלושינערס גראם.

און מער פון אלץ גיט זיך דעריבער קאלושינערן דער פייזאזש. דא איז מער אפן ארט די צו קלארע, צו איינפאכע אפנקייט פון קאלושינערס פרייען פערזן=ווארט. דא טרעפן זיך ווייניקער די „פילאזאפישע“ אויסדרוקן אזוינע, ווי „עקסטאז“, „כאאס“, ביכלאל דער גאנצער רומל פון רייגע פראזאאיזמען (טריאומפירענד, דראענדיקע, אומזעבארע, גלייכגעוויכט—בא קאלושינערן אין איין קורצער ליד). אט די פראאיזמען און „פילאזאפיזמען“,—וועלכע ס'ציט די גאנצע אינזיכיסטישע מישפאכע פונקט ווי דעם קליינשטעטלדיקן שרייבער צו פרעמדע ווערטער פון א ווערטער=בוך. ס'איז דער מויעל יויצע פונם אינזיכיסטיש=אינדיווידואליסטישן ארט=שאפן, וואס איז ניט פארבונדן מיט מאסן=פראצעסן, שעפט ער זיינע ווארטווערטן פון בוך און שאפט טרוקענע אבסטראקציעס אנשטאט זאפטיקן וארט, באגריף—אנשטאט בילד.

אונזער לעבן
איז דאך בלויז דער שפיל פון טויט.
שפּילט ער זיך מיט אונז
פאר צייט פארטרייב.
יאגן מיר ארום זיך,
ארום זיין שאטן אף דער וועלט

(28)

מיט אזוינע באנאל=גערדאנקלעכע אין טאך לידער פון אלט=קויהעלעסדיקן שטייגער וועלן קאלושינערס דיכטערישע פעאיקייטן ווייט ניט אוועק. וואס גענטער צו א מאסן=דראנג, וואס מער געזונטן פארשטאנד פון ארומיקע לעבנס=געשעענישן—בלויז אף אזא אויפן וועט דער אינזיכיסטישער דיכטערישער דאר קאנען. ווי געזאגט, יארשענען זיך אליין. און יארשענען זיך אליין מוזן זיי, די אינזיכיסטן.

י. דאברושין.

י. קיפניס, „אקסן“.

„ווידערוואוקס“. קיעוו, 1923.

די דרייצן לידער פון קיפניסעם לידער=זאמלונג גיבן נאך ניט קיין גענויע פארשטעלונג וועגן זייער אוטאר, ווי וועגן א באשטימטער דיכטערישער פערזענלעכקייט.

ס'איז נאר צו זען וואס פארא באשטימטע נעטיע ווייזט ארויס י. קיפנים אין זיינע ערטערווייז דרייסטע, נאר מערסטנטייל ווייניק פארקערפערטע דיכטערישע פרואוון.

און ס'איז קוידעם=קאל קלאר פאר אונז, אז י. קיפנים איז דער סאמע האפערדיקער פון דער גרופע „ווידערוואוקס“: אים ציט מער צו זאאלאגישער שפילעוודיקייט פון דער אויסערלעכער וועלט, ווי צו יענער אינערלעכער אפטמאל געקינסלטער פארשפיצקייט, וועלכע עס זוכן אייניקע דיכטער פון „ווידערוואוקס“. און דאס גופע גיט אים די מעגלעכקייט צו אביעקטיווירן זיך מער אדער ווייניקער עמעס, דערווייל נאך אף זייער און זייער פרימיטיוון אויפן.

„האב איך זיך מיט הינטל
אין גאס
און אין מיטן
מיט שוטפעסע
בליקן
געביטן".

אין די „אקסן" און אין די „הינטלער" וואס שפילן זיך מיט „קינדער־פרייד", לאזט זיך שפירן א זאאלאגישער שטאלץ, דערביי פארמאגט דאס זאאלאגישע א מענדענץ צו העפטן זיך מיט אביעקטיווער פאשעטער מענשלעכקייט.

ס'איז אייגנטלעך דער וועג פון זאאלאגישקייט צו מענשלעכקייט, אבער דאס מענשלעכע אנטפלעקט זיך דערוויי'ל בא קיפניסן אין א פארם פון א באשיינטער ארימקייט.

און דא איז זייער כאראקטעריסטיש פאר אים זיין ספעציפעשער שטאלץ־געפיל פון אט אזא ארימקייט,— פון באשיינטער הוילקייט, וואס פילט זיך אין איינעם פון זיינע מער אויסדרוקפולע לידער :

אף צעמענטן טרעפל
„העל באזוניקטן
א יונגע בעטלערן
אין גווילאם רו
קלייבט פון לאץ פון אירן
לייז.
און גרינגער ווייט
מיט שמייכל זוניקן
הויבט דעם גאלד
פון בלעטער־פאל
און טרייבט מיט שטויב מיך
אין א קרייז ...

אט דער פסיכאלאגישער מאטיוו איז נאך גאר ווייניק אנטוויקלט בא קיפניסן. גאנץ מעגלעך אז ווען קיפניס וואלט געשאפן זיינע „רעגן־שטויב" און „אקסן" אין א פאסנדיקער פארם פון ריטמיש־פראזאאישע מיניאטיורן, וואלט אים עפשער אסאך מער געלונגען אויסצודריקן און פארקערפערן.

זיינע לידער זיינען בעצעם אף דער גרענעץ פון ריטמישער פראזע. דאס ראוו לאזן זיי איבער אן איינדרוק פון פראזאאישע מיניטיורן, וואס זיינען אבער ניט געשאפן געווארן אלס אזעלכע, דערמיט דערקלערט זיך די אומגעהייערע סכעמאטישקייט פון זיינע קימאט מיניאטיורן־לידער אין פראזע—אזוי ווי לעמאשל „דער פורמאן דערציילט"—„איך האב אונטער איר פענסטער", „לאכן פון מיר אלע גייערס".

קיפניס איז זייער קארג אין מיטלען צו שילדערן דאס ארומיקע : אנשטאט אנטוויקלטע בילדער באגעגענען מיר בא אים האמצאעדיקע בילדערישקייט.

„מיטן לעצטן געשריי פון א האן
האט טאג זיך פארשפיליעט פאר נאכט".

נאר טרעפלעכער און קאנקרעטער איז קיפניס דאן, ווען ער האלט אין איין

אפמערקען און צייכענען נאַטוראַליסטישע שטריכן—פּאַשעט קורץ און שאַרף.

„אַ וויכעט גראָז
אַ פּאַסעק שטויב.
הערנער מיט פעל
צוזאַמען געוויקלט
קעפּ געשינדן
מיט שוואַרצנדע אויגן
גערערים געפּוישטע
און לײדיקע פרײדן“...

אין קיפּניסעס אפּטער האַמצאַעדיקייט שמעקט עפּעס אייגנאַרטיקס, וואָס פאָדערט פאַר זיך אַ מער ברייטערן פאַרנעם און אַ מער באַשטימטע פאָרם.

זאָל י. קיפּניס נאָר ניט פאַרפירט ווערן אין דער שפּיל פון האַמצאַע צוליב האַמצאַע, וועלכע לאָזט זיך באַ אים פון צייט צו צייט באַמערקן.

ש. גאָרדאָן.

מײלעך ראַוויטש. דער קערן פון אַלע מײַנע לידער.
(פאַרלאַג „די צייט“, וואַרשע 1922.)

אין „מײלעך ראַוויטשן“ גייט פאַרלאָרן אַ באַגאַבטער דיכטער אויף סאָציאַלע מאָטיוון.

צו באַמערקן איז, אַז ער האָט גענומען דערנענטערן זיך צום סאָציאַלן שטאַף, נאָך פון זיינע ערשטע טריט. שוין אין בוך „רויִנענגראָז“ (1917) לעבט דעם דיכטערס געמיט אין אַן אָנגעזעטיקטער סאָציאַלער אַטמאָספער, אין די געשטאַלט פון דעם טויזנטקעפּיקן „איוואַן“, דעם בלאָוויגיקן, שלאַנקן, „קנעכט“, וואָס איז געווען דער אַטלאַנט פון דער וועלט־מילכאָמע,—אַט די געשטאַלט טרעט ניט אָפּ פון הינטערגרונט אין אַלע לידער פון דעם דאָזיקן בוך.

און וואו זאָל איך גיין, עס איז בלוט אומעטום,
און וואָס זאָל איך גיין, עס איז גאָלד אומעטום,
און אומעטום ליכט... (36)

אַט דאָס „ליכט“, וואָס שפּרייט זיך איבערן „רויִנענגראָז“, באַקומט באַ ראַוויטשן אַ שטאַרקע סאָציאַלע באַאַרבעטונג און ווען מײלעך ראַוויטש זאָגט:

...און אונזערע נעשאָמעס, פּראָסטע נעשאָמעס,
ווי די נעשאָמעס פון בוימער און וואַלד,
וואָס וואַקסן אין שאָטן, וואָס וואַקסן צו דער זון... (42)

איז דאָס „אונזערס“ שוין מײלעך ראַוויטשן ווי אָנגעמאָסטן. עס איז דער אויסדרוק פון זיין אינערלעכער צוגעבונדנקייט צו סאָציאַלע גרויסן און סאָציאַלע איינהייטן.

אין דעם בוך „נאַקעטע לידער“, וואָס געהער שוין צום גייסטן פּעריאָד איז מ. ראַוויטשעס שאַפן, איז די סאָציאַלע פאַרקערפּערונג נאָך אַ בוילעטערע.

מ. ראוויטש האט די טעווע אנצושטאפן דאס בילד מיט פאקטישקייט, מיט קאנקרעטע דעטאלן.

אין די בעסטע לידער, ווי „פערד", „איך האב געזען א פרוי", „טויטע קינ־דער", איז דער דיכטערישער מאטיוו אזוי ארומגעפלאכטן מיט פאקטישע דעטאלן און קאנקרעטע בילדער, אז דער לעזער קריגט צוטרוי צו מ. ראוויטשן און גייט אים נאך ביז אין דער ווייטער פעריפעריע פון זיינע סאציאלע בילדער. אבער אין צענטר פון אט די בילדער מוז דאך שטיין א באשטימטער דיכטערישער געפיל, וואס זאל שטייגן צוזאמען מיטן אנוואקסן פון די בילדער און דעטאלן און גראדע אזא דיכטערישער געפיל פעלט בא מ. ראוויטשן. איך מיין דא ניט נאר יענעם דיכטערישן געפיל פאר נייער פארם און נייעם ווארט, קעגן וועלכן מ. ראוויטש זינדיקט אף יעדן שריט און טריט. ערגער איז נאך וואס עס פעלט בא ראוויטשן אפטמאל דער דיכטערישער געפיל איבערהויפט. ערגער איז, דאס וואס איר באמערקט, ווי זינגענדיק „דאס פארביקע" ליד פון דער סינע (44), די ליד פון „פארברודערונג" (42), אדער דעם הימן פון „קומענדיקן דאר" (41), זינגט דערביי מיילעך ראוויטש איבערהויפט ניט. ער לייענט מיט א געוויינלעכן רעטשיטאטיוו דאס אלץ, וואס עס ווייסן צו זאגן עקזאלטירטע וועגעטאריער (ווע'מעס עוואנגעליום מיילעך ראוויטש פרואווט זיך צו שאפן), באגייסטערטע אידעאליסטן (וועמעס „כאלוימעס פון שטערנהעלער ליבע" מיילעך ראוויטש פרואווט רעאבילימירן פאר דער וועלט). און ענדלעך, יענער פרומער רעוואלוציא־נער, צו וועלכן מיילעך ראוויטש געפינט נאר איין צוגאנג דורך דער ליד „די טפילע פון א רעוואלוציאנער"...

דער ראזיקער ליטעראַרישער רעטשיטאטיוו קאן ווייניק וועמען לאזן מיינען, אז דאס איז עמעס געזונגען, אז דאס איז ליד, אז דאס איז דיכטונג. ווארום מיט וועטערראגישער ליבערייכקייט קאן מען נאך קיין סאציאלע בילד ניט באהערשן און דאס ראוו טרעפט טאקע, אז מיילעך ראוויטש באהערשט ניט דאס גרויס־פארמאסטענע סאציאלע בילד, וועלכעס ער וויל שילדערן. מיילעך ראוויטש זוכט טאקע דעריבער זייטיקע „נארקאטישע" מיטלען, וואס זאלן שטארקן זיין שוואכן „עוואנגעלישן" געמיט. ער אפעלירט דא און דארט צו גאט און געטליכקייט, ער זאגט קיינמאל ניט „מענש", נאר שטענדיק „גייסטיקער מענש", ער ווערט ביק־לאל ניט מיד אלץ צו פארגייסטיקן.

און אנטלייבט איז דער גייסט,
און פארגייסטיקט דאס לייב,
און דערהערט דאס געבעט (47)

מיט „אנטלייבטן" גייסט שטייט מיילעך ראוויטש אינמיטן דעם פון אים אליין אויפגערודערטן גרויזאמען סאציאלן בילד און קאן עס ניט באהערשן. דערצו דארף מען דאך עכטן לייב און עכטן גייסט. דאס אלעס שטייט אבער ניט אין וועגעטארישן „עוואנגעליום", מיט וועלכן דער „גייסטיקער מענש" אין מ. ראוויטשן וויל פרום מאכן ראוויטשן דעם דיכטער. און אין אזעלכע ווילן, ווערט קלאר אז דער סאציאלער דיכטער—ראוויטש גייט פארלארן.

צווישן די איבעריקע „פאעטישע פרואוון" איז דאס בעסטע: די „פרע־היסטארישע לאנדשאפטן". דא האט מ. ראוויטש דורך עפעס א נעם געוווי־גענען דעם „גייסטיקן מענשן" אין זיך און געשאפן עטלעכע גוטע מוסטערן לידער.

עמעס דא און דארט פילט זיך צו אפט דער פראזאישער רעטשיטאטיוו. אבער דא שטאמט עס שוין מער פון די שפראך וועלכע איז בא מ. ראוויטשן זעער און זעער אין גאלעם. דאך מוז דער „פראוו" הייסן געלונגען. דערפאר איז שוין אבער גאר ניט געלונגען דער „פראוו" צו געבן א פאעמע „ספינאזע". דער „גייסטיקער מענש" אין מ. ראוויטשן באקומט דא ווידער דאס ווארט און אנשטאט שילדערונג פון ספינאזעס געשטאלט קומען ארויס באנאלע אויסערונגען פון ראוויטשעס געפיל פאר ספינאזען. ספינאזע דערשיינט דעמאלט ווי „דער מגילעך אין לאנד: „געדאנק" (59), עס „ציטערט דעם כאכעמס שאטן אף אלע פיר ווענט, דער הארבער רייעך פון דערקענטעניש ווייעט" (58). עס באווייזן זיך אליוקום צונזערישע שטעלן:

אונ ס'האבן די מענער פון דאס, די געוויאים,
געדאנקט פאר דעם גייעם, דעם עמעסן קיעם,
און ס'האבן די ספארים, באפרייט פון שפינען-נעץ,
פאריונגט זיך צום לעבן, פאריונגט צום געזעץ. (67)

אדער:

אזוי ווי דער עפל-בוים זינגט יעדן מארגן,
די בלעטער זשומען און די פיירעס שמעקן,
מיניעט ער זיך אין גאלדענע פלעקן
און ציטערט פאר לוסט.
אזוי צייטיק איך אין דעם ליכט פון דיין ווארט. (79)

דער נאמען „נאקעטע לידער", מיט וועלכן מ. ראוויטש האט באצייכנט די לידער פון זיין לעצטן פעריאד, קאנען אין דעם דאזיקן הינזיכט ווייניק וועמען פארפירן. ווארום ווער וועט עס ניט איינזען, אז אנשטאט דעם אז ראוויטשעס לידער זאלן אויסטון זיך פון פאעטישער מאנירלעכקייט און פאעטישן עטיקעט און ארויסטרעטן אין דער גארער נאקעטקייט פון גרויסן דיכטערישן געפיל, האבן מיר באקומען לידער, וואס זיינען באהאנגען מיט אלטע, לאנג-פארווארפענע, לאנג-דערעסענע רעשטלעך פון סענטימענטאלן ליריזם, באנאלער מליצע און פארעלטערטער פאזע.

מ. ראוויטש קעמפט אפאנים מיטן „אנטלייבטן גייסט" אין זיך. דאס באווייזט זיין נייגונג צו נייע און נייע פאעטישע פרואוון. קאן זיין, דער קאמף מיט זיך וועט געבן ערפאלג. דעמאלט וועט אויפגעריכט ווערן דער באגאבטער טאציאלער דיכטער, וועלכער גייט פאר אונזערע אויגן אין מ. ראוויטשן פארלארן.

מ. לעוואד.

אורי צווי גרינבערג, פארנאכטנגאלד.

פארלאג „די צייט". ווארשע 1921

אין דעם דאזיקן לידער-בוך איז געווים פאראן א באשטימטער אייגנארט. ער לאזט זיך דערקענען קוידעם קאל אין א מין איבערפלום פון הייליקייטן, אייביקייטן און ביכלאל אין דעם שווינבלען און גריבלען פון „אבסאליוטן"....

דער דיכטער פרעטענדירט אפילע אף א מין רעליגיעזער טעהילים־אנשוואונג:

„וואס איז דען מיין ערשטער גדאנק אין פארטאג...

וואס איז דען מיין לעצטער גדאנק, אויב נישט:

הייליקער גאט!" (200)

אבער שוין גאר גיך לאזט זיך באמערקן אין קאנטעקסט פון גרינבערגס „פארנאכטנגאלד" הארמאנירן די „אבסאליוטן" מיט די „רויזן־קרענץ" (34) „לעוואנע־בלומען" (31) און „מארמאר" און בילדן אינאיינעם דעם באנאל־סענטימענטאלן מעהום פון אט דעם פארשפעטיקטן בוך.

ס'איז נאר צו באוואונדערן דעם דיכטערס איינגעשפארקייט. דער שוירעש „הייליק", אין אלערליי ווארט־פארמען („הייליק", „הייליקסטער", „הייליקטום". „הייליקייט„ און אנד.), אין אלערליי ווארט־באהעפטונגען („הייליקער גאט". „קאלע", „פרוי", „מיידלעך", „סטרונעס", „א הייזל א הייליקס", „הייליקסטע בעכט", „אוונט", „הענט", „מויל", „קלאג", „מורמלען"...) ווערט איבערגעכאזערט 82 מאל! די היפערבאליק פון „טרער" דערגרייכט קאלאסאלע מאסשטאבן: „שטיק מיך אין טרערן" (24), „אין טרערן געבאדן" (26), „טייך פון טרערן" (31), „וויין איך אזוי ביזן מארגנרויט" (113), „טרערעלעך טריפן אז־שיר" (80)... אטא דער „אז־שיר" דערמאנט אין דער שטאלץ פון אונזער פארצייטיקן „טרערן־מיליאנער" מארים ראזענפעלדן...

אבער ניט נאר ווען ער דערמאנט ראזענפעלדן איז גרינבערגס בוך אפגעלעבט און פארעלטערט. אט דיכטעט ער:

„...לאמירביידע

מיסיאכעד־זיין־זיך אין א ווינקל און וויינען" (90) און עס הויבט זיך אן א ריי לידער אין איינהארנס טאן.

עס טרעטן ארויס נאכאנאנד „דער יאסעמער מיקדעש פון הייליקע אוועס"(23), „מיין מאמע" (23), „שאבעסדיקע ליכט" (37), דאס „הייליקע ליכט־בענטשן" (26),

„די זילבערנע בארד און דער שטערן פון זיידן,

דער זיידע אין טאלעס־און־טפילן, אין שטריימל" (26).

די „בת־ישראל", וואס אין אירע אויגן רוט דאס „אצוועסדיקע גוטסקייט פונעם פאלק" (37), און נאכאמאל איז טאן פון „מיסיאכעד זיין" זיך:

„און גוט וואלט געווען, ווען מיר וואלטן ביידע

געוואוינט אין א הייזל, ארום מיט זאהאטעם"... (85)

אבער ווי ווייט איז עס אלץ פון איינהארנס ערשטע לידער, פון „לעגענדע" און „אידיליע", וואס האבן דאך נאך פארמאגט א פונק פון פאלקיסטישער ראמאנטיק..

און אזוי אנאכראניסטיש, ווי ס'גאנצע בוך, קלינגט דאס שולהויף־העברעאיש, וואס פארפלייצט גרינבערגס „שירים": טפילע, שירע, כצאס, שאכרעס, מינכע, קדושע, טאל־אומאטאר, טאלעס, פארויכעס, קאשער, גייר־טאמיד, קוידעש־קאדאשים און אזוי ווייטער אן א סאף.

אט איז א. צ. גרינבערגס א פייזאזש:

„א הייליקער אוונט, פול טרויער־מעסיקעס

און טכוילעס־באטרונקן, אין כאלעם־געשלאפן

דארט איבער די צווייגן און ווייטע אלעען"...(25)
אט איז א ליבע-מאטיוו:

„און איך האב דיין הארץ אין א מאלעם פארוויקלט
און האב עס פארטראגן צום פאלאץ פון ליבשאפט" (87).

די „פילאזאפיע" פון דעם דיכטערס „ציקלען" איז עלעמענטאר ביז גאר: ער איז „רייכע נישט מעקאנע", ווייל ער באזיצט „דאס ליד פון אלע לידער" (9). א „זעל" פון א דיכטער; דער „ציקל"—„וועלטוועג: טויט" איז געשריבן אף דער טעמע: „יעדער מענש איז שטערבלעך"; דאס עראטישע ווייטאק באקומט א יע-שיווע-באכרישע אויסטייטשונג: „פארוואס איך פארשלאף מיינע יונגע נעכט" (162)... אמאל הויבט דאס אלץ אן צו קלינגען ווי א פאראדיע אף א פאלקס-ליד:

„עס טאנצן די פארלעד און מיר טריפט דאס בלוט" (55)

וואו זשע זיינען אין בוך די עלעמענטן פון „מאדערן"? איז פריער פאר אלץ צו געפינען זיי אין דעם דיכטערס אידעאלאגישער „עמאנציפאציע": דער דיכטער איז אין „באקעגונג" זיך מוידע, אז זיינע „ברידער ד'איינציקע" זיינען

„...נישט נאר די, וואס הילן זיך אין טאלעם
שאכרעס-צייט, וועז דרויסן גיסט דאס גאלד זיך"... (12)

די „עמאנציפאציע" עפנט אויף א טויער דעם „אייראפייאישן", און עס קומט אין דעם דיכטערס ליד דאס „אייראפייאישע" מיט א טראפן „עקזאטיק" („האנו-מא פון מיין טאמבול-צייט" 48, אדער „דיוואן פון הייליקן מעקא"82), מיט א גע-אגראפישן נאמען פון א „דאלמאציע",„אדריא" (39—40), אדער „שנייאיקן אלפ" (179), מיט „געקרוינטע מאדאנעס" (114), מיט „בעטהאווען און שאפענס זיסע לידער"... (59)

און איבער דעם אלעמען דער אלטבאקאנטער אך;

„און כ'שפריט דיר אוים די ארעמס מיט אן אך!" (146)

קיין עלעמענטן פון נייער אידישער דיכטונג איז אין דעם בוך נישטא. דאס איז קלאר. קאן זיין, ניט אומזיסט איז זיך מוידע דער דיכטער, אז עס:

„וויל אלץ מיין הארץ די וועגן גיין צ ו ר י ק"...(135)
(קורסיוו פונעם מעכאבער)

„צוריק" שלעפט אונז דאס גאנצע בוך, צו אונזער דיכטערישער „פרעהיס-טאריע", ברייגנענדיק אונז צו גאר ווייטע צייטן פון אונזערע מעליצע-דיכטער. שווער צו גלויבן, אז אזא בוך האט געקאנט דערשיינען אין 1921 יאר.

א. גורשטיין.

א. קאהאן. קארבן.

ליטעראַרישער פאַרלאַג „ווידערוואוקס", קיעוו 1923.

דער איצטיקער עטאַפּ פון אונזער דיכטונג איז אַזעלכער: גייע לידער און אפילע זאַמלונגען פון לידער פאַרצייכענען ניט קיין באַמערקבאַרע וויטערטיקע טריט און דערגרייכונגען. זיי פאַרפעסטיקן בלויז און באַשטעטיקן אונזערע גרויסע דערגרייכונגען. זיי פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די פאָרמעלע מיטלען און מעטאָדן. זיי פאַרטיפערן די קריזן, וואָס זיינען בא אונז אָנגעמערקט צווישן דיכטונגען.

און עס לאָזט זיך גרינג צו באַמערקן: די בעסטע פון אונזערע גיי־צוגעקומענע יונגע דיכטער האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט די פּאַעטישע ריכטונג אונזערע, וועלכע קעמפט פאַרן פּרינציפּ פון בווּלטער רעליעפער בילדערישקייט וועלכע שלייפט אַראָפּ פונם וואָרט דעם מינדסטן שטויב פון פאַרנעפּלטקייט און אומקלאָרקייט.

דאָס וואָרט איז געגעבן אַף אויפצודעקן און ניט אַף צו באַהאַלטן דעם לירישן מיין פון דיכטער.

א קאַמף מיט אינהאַלטסלאָזע, זאָל זיין אַפילע לירישע, רעמאַזים און מיט דיכטערישער טאַמעוואַטעקייט!

א. קאהאן אין זיין ביכל לידער „קארבן" וויזט אַרויס א באַשטימטע נויגונג און קרוויוועשאַפט צו דער גאָר וואָס כאַראַקטעריזירטער ריכטונג. דעם פּאַעטישן אויפרעגונגס־געפיל, וואָס „קלעמט אונטער הארצן" און וועגן וועלכן יעדער דיכטער וויל אַזוי דערציילן, דריקט קאהאן אויס באַשטימט:

אַף ליפּן בליען גאָלדענע פונקען
און אויגן אירט זיך שוין געזאַנג.

דאָס איז באַשטימטקייט, וועלכע גרעניצט מיט בווּלעטן בילד.

א. קאהאן האָט נאָך ניט באַהערשט די פּאָלקאָמע פּייאיקייט אויסצובויען אויסקלעפּן דאָס בילד, ווי א גליד אַן און פאַר זיך. דערפאַר ווייסט ער שוין גוט ווי אויסצובויען ב י ל ד ע ר י ש אַפילע די איינפאַכע שורע:

אין וויסן לאַנד, וואו סטויפעס ציילן וויאָרסטן
און וועגן טרינקען זיך אין נאַכט.

און ניט זעלטן שוין שטויסט ער זיך אַן אינטואיטיוו אַפּן עכטן, פון אינהאַלט אַרויסגעוואַקסענעם, בילד:

האָבן וויעס מיט שטילע געוויינען
די טונקעלע אויגן פאַרזוימט.

אויך אין הינזיכט פון טעכנישן אויסבוי פון ליד, איז קאהאן טריי די פּרינציפּן פון דער דערמאַנטער ריכטונג.

די שטייפע, געזאַמלטע, פּירשורעסדיקע פאַרזיגלטע סטראָפע מיט אַן אייגנאַרטיקן, פרייען ריטם אין די ראַמען פון דער סטראָפע גופע האָט בא אונז געוווּער געוואָרן און שטויסט אַלץ מער אַרויס דעם אַזוי גערופענעם פרייען פערז וועלכער איז בא אונז מעגולגל געוואָרן אין א פערז פּאַשעט א צעשווימענעם און איז געוואָרן די באַקוועמסטע פאָרם פאַר ריטאָריק און מעליצע.

א. קאהאנס סטראפע איז גוט אויסגעבויט און מיט אויפמערקזאמקייט ארומגעשליפט. פריש זיינען זיינע גראמען און אסאנאנסן.

וואס א. קאהאן מוז געדיינקען:

די ריכטונג צו וועלכער ער האט ארויסבאוויזן זיינע נייגונגען שטעלט פאר זיך פאדערונגען פון רעוואליוציאנערער אקטיוויטעט.

זי האט שוין ארויסבאוויזן, אז די מאטיוון פון דער רעוואליוציע זיינען איר אמיינסטנס נאענט, און האבן געפונען דעם פאסנדסטן אויסדרוק דאווקע דורך אירע פארמעלע מעטאדן.

א. קאהאן זאגט דאך אליין:

די אויגן אונטער מיינע ברעמען

צעשטראלן קאן איך ניט אף גלאט אזוי.

איז אט: אף גלאט אזוי צעשטראלן די דיכטונגס-אויגן לוינט ניט.

רעוואליוציאנערע מיטלען און מעטאדן, אקטיווע ריטמען—פארשטייט זיך—פאר רעוואליוציאנערע און אקטיווע מאטיוון.

א. קושניראוו.

י. ב. ריבאק – שטעטל (אלבאם.)

פערלאג „שוועלן", בערלין 1923.

י. ב. ריבאק איז דער איקער א מאלער, א געבענטשטער פארבנשרייבער מיט א זאפטיקן רייכן פענזל. ריבאק האט אן אויג, אן עכטן איינזאפגדיקן מאלערישן אויג פאר אייגנארטיקע פארם, פאר קאלאריט, פאר געבוי. און אט דערפאר טאקע האט ריבאק אין זיין „שטעטל" אין א באוואוסטן פראט ניט יויצע געוועזן אנטקעגן זיך גופע. די צייכנונגען פון „שטעטל" מאכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן באשאפן געווארן צוליב עפעס אנדערש. איז דער קינסטלער אמאל געפארן איבערן אידישן אלטן יישעוו און פארנאטירט זיך אין העפט פארשיידענע טיפן און געשטאלטן—האבן פון די דאזיקע „נאטיצן" גדארפט אויסוואקסן בילדער, אבראיעספולע געדיכטעטע לייוונטן מיט מאלערישע אויפגאבן פון פארם און אינהאלט. האט אבער ריבאק פונם דאזיקן רייזע-מאטעריאל א „אלבאם" געמאכט זיינען זיי אבער ניט „אלבאמארטיק" דידאזיקע „פארפאקטורישטע" שפעטער נאטיצן, ווייל אלבאם, ווי א ליטאגראפישע קונסט-ווערק, פאדערט ספעציפישן מאטעריאל, וואס דארף רעגעלמעסיק אנפילן דעם כאלאל פונם גע-געבענעם ווייסן אלבאם-זייט. און מאכמעס דעם, פארלירן דא זייער ווערטפולן אויסזעען אפילע אזוינע מייסטערישע צייכנונגען, ווי דער שוסטער, דער סימ-כאסטוירע-טאנץ, דער וואטערפירער און פילע אנדערע.

קומט אויס, אז ריבאק האט מעמיילע געשטעלט דעם טראפ אפן ליטערא-רישן אינהאלט פון די צייכנונגען, אויסן געוועזן געבן אונז א מין איבערזיכט פון שטעטלשן פאלקלאר, אבער פאר אונז איז וויכטיק ניט עטנאגראפישער, אגעוו, אפט מאל צו פאראידישטער, מאטעריאל, פאר אונז בלייבט וויכטיק דאס רי-באקיש-מאלערישע, די גראטעסקיש-עקספרעסיאניסטישע אופפאסונג פון רי-

באקס אויג, וואס האט אנטפלעקט א נייעם א מין פערקיילעכיקטן א זאק-ארטיקן פיגורן-אויסזען פון די אלע, אין פלוג, שוין אויסגעשעפטע שאגאל-טיפן. שאגאל ארגאניזירט און דריקט אויס זיין פסיכיק דורך דער פארם און ריבאק גייט פון סטיליזירטער פארם, צום קינסטלעריש-פסיכישן אינהאלט. ריבאקס אימפעט-שיינע ליניע, שטאמט פון דער כסידישער און פארפורעמטער באוועגונג, ניט אומזיסט איז ריבאקס פאלקלאר-גוסט פארבונדן מיט די באוואוסטע גאליציאנישע אידישע לובקעס. אין ריבאקס אלבאם-צייכנונגען איז דא דעריבער אזוי פיל געפיל און טאלאנטפולע פרישקייט—אין דעם און אין די פארבאהאלטענע אין די צייכנונגען ריבאקס גרויסע מאלערישע מעגלעכקייטן באשטייט דער קינסטלערישער אויפטו פונם דאזיקן אלבאם, וואס איז, אגעוו, פראכטפול ארויסגעגעבן און איז בעכאל אויפן א זעלטן שיינער גאב דער אידישער קונסט-קולטור.

י. דאברושין

כראניק.

נייע ביכער.

פארלאג „שול און בוך": דרוקט זיך: סיעפוליענא—„א באנד דערציילונגען" אידיש—ש. גאדינער. וו. איוואנאוו—„פארטיזאנישע דערציילונגען" אידיש—י. דוברושין. דזשאן-ריד—„צען טעג, וואס האבן אויפגעטרייסלט די וועלט" אידיש—ב. אלגין. ב. ארשאנסקי—„כוואליעס" (ראמאן פון ארבעטער-לעבן). פילניאק—„הוילע יאר", אידיש—א. קושניראוו. נעוועראוו—„טאשקענט—א ברויטשטאט". אידיש—ע. פינינבערג. אופטאן סינקלער—קוילנקעניג, אידיש—א. וועוויארקע גרייט זיך צום דרוקן: „לעגינס לעבן און ווערק" (א זאמלבוך). קושניראוו—א באנד דערציילונגען. וועוויארקע—סטודיען צו דער געשיכטע פון דער אידישער ליטערעטור. מארים ווינטשעווסקי—א באנד זיכרוינעס.

פארלאג „קולטור-ליגע", מאסקווע—ש. גאדינער—„טאג אנטקעגן" (דער-ציילונגען).

פארלאג „קולטור-ליגע" קיעוו, דרוקט זיך: נ. אויסלענדער—קריטישע אר-טיקלען. ע. פינינבערג—גערוננגל (לידער).

אוקר. מלוכע-פארלאג: י. פעפער—לידער.

דערשינען: מ. טייטש—דלאניעס אין זון (פאעמע פון הארבסט 1923). י. מארגאלים—אמכא (פאלקס-ראמע). ע. ראדין—פון צוויי קוואלן (לידער). מ. ליסאק—וועלט-ווינקל.

טעאטער.

דער מלוכישער אידישער קאמער־טעאטער האט דעם דריטן פעוראל באַוויזן דעם פופציקטן ספעקטאקל פון שאלעמאליייכעמס 200000. דעם 21־טן פעוראל, ווען ער גיבן דעם הונדערטן ספעקטאקל פון דער „קישעפמאכערן". סאָף פעוראל וועט פאַרקומען די ערשטע באנייטע פאַרשטעלונג פון אשם „גאט פון נעקאמע". די פיעסע ווערט אינגאנצן איבערגעאנדערשט סצעניש, איבערגערעדאקטירט און געשטעלט מיט א נייעם צוזאמענשטעל פון יונגע אַרטיסטן. רעזשי פון אל. גראנאווסקי, דעקאראציעס פון י. ראבינאוויטש. דער טעאטער גרייט און וועט אינגיכן באוויזן א אוונט פון פאראדיעס אונטערן נאמען: „קאַראהאד פון אידישע אַרמיכוטן". די פראגראם פונם אוונט: „א כסידישע נאכט", „די אמעריקאנערן", „פרינץ פון פליאסקעדריגע", א „גנייווישער אנסאמבל", „אידישע טענץ".—געשטעלט פון אל. גראנאווסקי, מוזיק פון ל. פולווער. נאך שאלעמאליייכעמס „געט", וועלכן דער טעאטער האט היי יאר געשטעלט מיט אזא גרויסן ערפאלג, וועט אין דעם סעזאן אויך אויסגעפירט ווערן פערעצעס „בייַנאכט אפן אלטן מארק". די טעקסטן פון דער פערעץ־מיסטעריע ווערן צוזאמענגעשטעלט אפן סמאך פון זעקס וואריאנטן פון דער פיעסע. אין דער קינסטלערישער ארבעט באטייליקן זיך דער מאלער פאלק און דער מוזיקער אל. קריין וואס האט באוויזן אזוי ארגאניש־שיין, מוזיקאליש פארפורימען דעם „געט". די פערעץ־מיסטעריע וועט שטעלן אל. גראנאווסקי. דעם באדכן וועט שפילן וואפסי—מיכאעלס. פלאן פון פארשטעלונג—אינגם גוסאך פון א מאסן־טראגעדיע.

דעם 15־טן, 16־טן און 17־טן דעקאבער פ. י. האט די אידשע מלובעשע סטודיע פון ווייסרוסלאנד מיט גרויס ערפאלג, באוויזן אין שאגאלס זאל פאר איינגעלאדענע ליטעראטן און קינסטלער, איר ערשטן אוונט פון סטודייאישער ארבעט. ס'זיינען געשטעלט געווארן פאלגנדיקע אינסצענירונגען: „שיר־האשירים" פון שאלעמאליייכעם, „די לעוואנע דעציילט" פון פערעץ און „ביידער" אן אגיט־קאמפאזיציע נאך די אידישע קלאסיקער: לינעצקי, מענדעלע, פערעץ און שאלעמאליייכעם. דער אוונט איז אוועקגעשטעלט דורכן לייטער פון דער סטודיע מ. פ. ראפאלסקי, דעקאראציעס, פונם קינסטלער מאכלים, מוזיק פון אלעקסאנדר קריין, טענץ פון דער כארעאגראפין וואול. די סטודיע האט אנגעהויבן איר ארבעט מיט 2 יאר צוריק, בא א באשטאנד פון 8 טאלמידים. איצט געפינען זיך אין סטודיע 30 טאלמידים. די טעארעטישע ארבעט פירט זי צוזאמען מיטן צענטראלן מלוכישן אידישן טעאטער־טעכניקום. פארשטעלונגען מאכט די סטודיע זעלבסטשטענדיק. פארן דריטן לערן־יאר, גרייט די סטודיע מאליערס „סקאפענס מאיסים" אין דער ליטעראַרישער באארבעטונג און אינטערמעדיעס פון כ. נ. אויסלענדער. אין קומנדיקן הארבסט וועט די סטודיע צוטרעטן ארבעטן איבער י. ל. פערעצעס „אין פאליש אף דער קייט", רעזשיסירט פון מ. ראפאלסקי.

די קיעווער טעאטער־סטודיע פון קולטור־ליגע, איז באשטעטיקט געווארן, ווי א אוקראינער מלוכישער אידישער טעאטער. מיט א שטענדיקן מלובע בוד־

זשעט. אויספילנדיק די אנגעמערקטע פראגראם פון זיר פארשטעלונגען, וועט די טעאטער=סטודיע אריבערפארן אין איר שטענדיקן וואוין=ארט אין קיעוו.

קונסט.

דעם 22=טן דעקאבער 1923 יאר האט זיך אין בערלין אויפגעעפנט א אויס=שטעלונג פון קינסטלערישע ווערק, פונם מאלער י. ל. ריבאק. די אויסשטעלונג איז באשטאנען פון העכער 70 קונסט=ווערק, געטיילטע אין ציקלען: געמעלן—פונם ציקל „שטעטל“, אקווארעלן—פונם ציקל „פאגראם“. צייכנונגען—פון אלבאם „שטעטל“, א ציקל—אידישע טיפן פון אוקריינע. פארטרעטן פון אידישע שרייבער און צייכנונגען פאר קינדער. די אויסשטעלונג האט געהאט א גרויסן ערפאלג, ריבאקס ארבעט האבן באגריסט און אפגעשאצט די בעסטע דייטשישע קונסט=קריטיקער און רעצענזענטן. איינער פון די בעסטע דייטשישע קונסט=פארלאגן האט אונטערגענומען ארויסגעבן אין אלבאם=פארם די אויסגעשטעלטע פאגראם= אקווארעלן.

מאסקווער אידישע קינסטלער גרייטן א אלגעמיינע אויסשטעלונג פון ווערק, פון אידישע קינסטלער, וועלכע זאל פארקומען מארט=כוידעש. צו דער אויס=שטעלונג זיינען איינגעלאדן די קינסטלער: פאלק, ראבינאוויטש, טישקאוו, ראבישעוו, נעקריטין, טישלער, בראזער, ביבאיוסקי, שאפירא און אנדערע.

א בריוו אין רעדאקציע.

דערמיט מעלדן מיר, אז אזוי, ווי די דערשיינונג פון „שטראם“ ווערט פון איצט אן מער געזיכערט און פון זיבעטן נומער וועט זיין א מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם „שטראם“ אלס טריבונע אויך פאר לויפנדיקע ליטעראריש=קינסטלערישע פראגן—געפינען מיר פאר איבעריק בא איצטיקער צייט צעשפליטערן די קויכעס אף א צווייטן ארגאן. און זאגן זיך אפ פון ארויסצוגעבן דעם „עקראן“.

א. וועוויארקע.

א. קושניראוו.

טעגלעכע צייטונג

„דער עמעס“

ארגאן פון צ. ב. פון די אידסעק. באם צ. ק. ר. ק. פ.

עס ווערט אנגענומען דער אבאנעמענט אף דער צײַטונג ביזן סאף יאר.

אבאנעמענט-פרייז:

א יאר 5 ר., 6 כאדאשים 2 ר. 75 ק., 3 כאדאשים 1 ר. 50 ק., איין כוידעש 50 ק.

פאר קאלעקטיוון:

א יאר 4 ר., 6 כאדאשים 2 ר. 25 ק., 3 כאדאשים 1 ר. 20 ק., איין כוידעש 40 ק.

אויסלאנד:

1 אמעריקאנער דאלאר אדער 2 גאלד רובל.

אדרעס: מאסקווע, קוזנעצקי מאסט 14. טעלעפאנען: רעד. 48-83 קאנט. 2-72-14.

Москва, Кузнецкий мост 14. Тел. ред. 48-83, конт. 2-72-14.

די דרוקעריי פון „עמעס“ נעמט אן אלערליי באשטעלונגען.

טעגלעכע צייטונג

דער וועקער

ארגאן פון צ. ב. ק. פ. (ב) און הויפטביוראָ פון די אידישע סעקציעס אין ווייסרוסלאנד.

אדרעס פון רעדאקציע:

מינסק, סאוועטסקע 63

אבאנעמענט-פרייז 1 ר. 30 ק. א כוידעש.

פאר מיטגלידער פון פראפאריינען — 65 ק.

קאמוניסטישע פאן

טעגלעכע צייטונג

ארגאַן פון צענטראל קאמיטעט פון ק. פ. (ב.) או.

רעדאקציע: קיעוו, ענגעלס גאס № 1

קאנטאר: „ לענין גאס 19 „

אבאנעמענט פריין:

1 כוידעש 1 רוב. מיטגל. פון פראפאראיין 75 ק.

3 כאדאשים 2.80 „ „ „ 2

6 „ — — 5 „ „ „ 3.50

דער אבאנעמענט ווערט אנגענומען אין קיעוו — אין קאנטאר.

אין פראווינץ: אין אלע פארט-און בילד-אידסעקציעס.

РОССИЙСКИЙ
ТОРГОВО-ПРОМЫШЛЕННЫЙ БАНК

Телеграфный адрес: ПРОМБАНК

ОСНОВНОЙ КАПИТАЛ 15.000.000 РУБЛЕЙ ЗОЛОТОМ

ПРАВЛЕНИЕ в МОСКВЕ:
Карунинская пл. (б. Биржевая) д. № 2/7.

ТЕЛЕФОНЫ:
Управление Делами: 1-78-68
Гор. Коммут. 1-15-96, 1-06-14

ПРОМБАНК ПРОИЗВОДИТ ВСЕ БАНКОВЫЕ ОПЕРАЦИИ

СЕТЬ УЧРЕЖДЕНИЙ ПРОМБАНКА

КОНТОРЫ: В Ленинграде, Харькове, Ростове н/Дону, Ново-Николаевске, Екатеринбурге, Минске.

ОТДЕЛЕНИЯ: В Астрахани, Армавире, Баку, Бахмуте, Воронеже, Екатеринославе, Иваново-Вознесенске, Иркутске, Киеве, Краснодаре, Курске, Симферополе, Новороссийске, Одессе, Оренбурге, Перми, в Ленинграде 1-е Городское, Самаре, Саратове, Казани, Ташкенте, Царицыне, Юзовке, в **Москве:** Кузнецкое, Мясницкое, Гавриковское, Сухаревское, Арбатское.

АГЕНТСТВА: 1-е Городское в Харькове, 2-е Городское в Харькове, 1-е Городское в Астрахани.

КОМИССИОНЕРСТВА: В Барнауле, Виннице; Грозном, Житомире, Красноярске, Кременчуге, Коканде, Кургане, Николаеве, Омске, Полтаве, Сумах, Тюмени, Чернигове, Челябинске.

Непосредственные Корреспонденты во всех городах С. С. С. Р.

ПРОМБАНК обслуживает промышленность, транспорт, внешнюю и внутреннюю торговлю и частных лиц.

Генеральное представительство
по страхованию имуществ государственных хозяйственных об'единений, находящихся в ведении ВСНХ и СССР

ГЕНЕРАЛЬНОЕ ПРЕДСТАВИТЕЛЬСТВО
Русско-Американской Индустриальной Корпорации в Нью-Иорке

Переводные операции с С.-А. Соединенными штатами, Канадой и всеми Европейскими странами.
Выплата переводов в Америк. долларах, Английских фунтах и червонцах.

ИНОСТРАННЫЕ КОРРЕСПОНДЕНТЫ ПРОМБАНКА:

В Риме, Лондоне, Париже, Берлине, Гамбурге, Брюсселе, Антверпене, Стокгольме, Христиании, Константинополе, Гельсингфорсе, Риге, Ревеле, Ковно, Праге, Нью-Иорке, Чикаго и остальных крупных центрах заграницей **и все банковые отделы ТОРГПРЕДСТВ НКВТ СССР заграницей.**

КОНВЕНЦИЯ СИНДИКАТОВ МЕТАЛЛИЧЕСКОЙ ПРОМЫШЛЕННОСТИ

С 20-ГО СЕГО ФЕВРАЛЯ

ПЕРЕЕХАЛА В НОВОЕ ПОМЕЩЕНИЕ

Карунинская (б. Бирж.) пл. д. 2/7 Промбанка 5 эт. ком. 29-30

Прием Председателем Конвенции производ. ежед. с 12 до 1 ч. дня
Прием по делам Редакции „Бюллетеня Конвенции Металлосиндикатов“ ежедневно с 10 до 4-х часов дня.

В ФЕВРАЛЕ ВЫШЕЛ ОЧЕР. НОМЕР

„БЮЛЛЕТЕНЯ КОНВЕНЦИИ“

С СЛЕДУЮЩИМ СОДЕРЖАНИЕМ:

От редакции. *П. Гуляев* и *А. Озерский* — Коммерческая деятельность Синдиката „Уралмет“. *И. Иванов* — Югосталь. *В. Лукашев (Вадим)* — Металлосиндикат. *Давыдов* — Роль синдиката „Сельмаш“ в сельскохозяйственной машин. промышлен. *Д. Швецов.* Наше судостроение и заграница. *А. Милюков.* — К критике НКФ бюджета металлопромышлен. *М. Бошинский.* — Банковское кредитование металлопромышлен. в 1922/23 операц. году. Н. О. — Производство кровельного железа и его сбыт. Н. О. — Обзор рынков черных металлов. А. С. Движение цен на металлы и изделия на мировом рынке. Вопрос о формах синдицирования металлопромышл. в Комиссии ВСНХ по обследованию Синдикатов. Хроника, прейс-куранты: Югостали, Уралмета, Металосиндиката. Об'явления.

פארלאג — אקציען-געזעלשאפט „שול און בוך“.

ס'איז ארויס פון דרוק און געפינט זיך אין פארקויף:

מ א ס ל ע נ י ק א װ — אריטמעטישער אויפגעבער.
פ א ק ר א װ ס ק י — רוסישע געשיכטע.

די טעג דערשיינען:

ב. א ר ש א נ ס ק י — אף כװאליעס (ראמאן פון ארבעטער-באװעגונג).
ל. ס ײ פ ו ל י נ א — דערציילונגען [איבערז. ש. גאדינער].
װ. א י װ א נ א װ — פארטיזאנען (איבערז. י. דאברושין)
אף די װעגן צו דער נײער שול. פעדאגאגישער כודעש-זשורנאל № 2

אפן ביכער-לאגער געפינט זיך א גרויסער אויסוואל פון אידישע און רוסישע ביכער פון אלע רוסישע און אויסלענדישע פארלאגן. אויך א גרויסער אויסוואל פון שרייב-געצייג און לערן-מאכשירים.

מיט באשטעלונגען זיך װענדן:

Москва, Неглинный пр. 3. Акционерное О-во „Школа и Книга“.